STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05490

IN LAND YISROEL

Rachel Auerbach

*Permanent preservation of this book was made possible
by Florence Koplow
in memory of
Richard A. Koplow*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רחל אויערבאַך

אין לאַנד ישראל

רעפּאָרטאַזשן, עסייען, דערציילונגען

פארלאג
י. ל. פּרץ
ישראל
1964

H9

RACHEL AUERBACH

IN LAND JISROEL

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str. Tel-Aviv, Israel

רחל אויערבאַך / אין לאַנד ישראל
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

נדפס בישראל, תשכ״ד
Printed in Israel 1964

דפוס „אורלי״, תל־אביב, רח׳ יסוד המעלה 27, טלפון 32062

פאָרוואָרט

דער רוב באַשרייבונגען, וועלכע איך האָב אַריינגענומען אין דעם באַנד, זענען אַנטשטאַנען אין משך פון די ערשטע צען יאָר פון מיין זיין אין לאַנד. אַ גרויסער טייל פון זיי איז דערשינען אין דער פּרעסע, ווי אויך געוואָרן טראַנסמיטירט אין די יידישע אוידיציעס פון „קול ישראל" און „קול ציון לגולה". זיי שפּיגלען אָפּ דעם וועג פון אַ נייעם עולה, זינט דעם מאָמענט פון דערלאַנגען אַ בקשה וועגן אויסוואַנדערונג פון זיין געבוירן־לאַנד, ביז דעם אָנקומען מיט אַ מאַסן־טראַנספּאָרט קיין ישראל. זיי ווייזן די שטאַפּלען פון זיין איינלעבן זיך מיט דער נייער לאַנדשאַפט און נייע באַדינגונגען, מיט דער נייער מענטשן־סביבה פון דער אַלט־נייער היים. איך האָב אָט דעם וועג אַליין מיטגעמאַכט און אים געשילדערט אין ליכט פון אייגענע איבערלעבונגען.

צום ערשטן מאָל זינט די טעג פון געטאָ וואַרשע האָב איך זיך געפּרוּווט אויסטון אויף אַ ווײַלע פון דער חורבן־טעמע. ווען איך האָב אָבער איצט ביי אַ נייס געלייענט די זאַכן, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז נישט געקוקט אויף מיין אויפריכטיקן אינטערעס צו די אַנדערע מיני יידן, מיט וועלכע איך בין דאָ געקומען אין באַרירונג — דרייט זיך פונדעסטוועגן דער רוב פון מיינע שילדערונגען אַרום מענטשן און גורלות פון דער פּוילישער שארית הפליטה.

אַ סך זאַכן האָבן זיך געביטן אין משך פון די העכער צען יאָר, אָנגעלאָדענע מיט אַ מעכטיקער דינאַמיק; מיט סכנות און סתירות; מיט שטורמישע, עפּנטלעכע וויכוחים, אין וועלכע אויך מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַטייליקן... קודם כל זענען דאָס אָבער געווען יאָרן פון אַנטוויקלונג און פונאַנדערוווּקס און אַ סך פון די אינפאָרמאַציעס און ציפערן, וואָס זענען אַנטהאַלטן אין אַ טייל פון מיינע רעפּאָרטאַזשן, זענען אין צווישן געוואָרן איבערגעשטיגן דורך דער ווירקלעכקייט. נאָכיאָגן די ענדערונגען, קאָריגירן און דערגענצן, האָט נישט געהאַט קיין זין. דעם איינציקן וועג אויסצומיידן „אַנאַכראָניזמען" האָב איך געזען אין אָנגעבן די דאַטעס פון די רייזעס און באַגעגענישן, וועלכע זענען געוואָרן באַשריבן אין בוך. האָט דאָך דערצײַדירט וועגן דעם אָפּקלייב פון די זאַכן נישט אַזויפיל זייער פּאָרי־בערגייענדיקע אַקטואַליטעט, ווי דער פּסיכאָלאָגיש־עמאָציאָנעלער — אפשר אויך דער היסטאָרישער — אַספּעקט, וועלכער קאָן נישט און טאָר זיך נישט אויסוועפּן פון איין יאָר אויפן אַנדערן.

איך וויל דערצו באַמערקן, אַז ווייט נישט אומעטום בין איך געווען און ווייט נישט אַלץ האָב איך געזען, אַפילו פון די סאַמע וויכטיקע און אינטערעסאַנטע ערטער אין לאַנד. אויך ווייט נישט אַלע זאַכן, וועלכע איך האָב געזען און באַשריבן, האָב איך געקאָנט אַריינגעמען אין בוך.

אין קיין שום פאַל קאָן דעריבער מיין בוך נישט פּרעטענדירן אויף אַלזייטיקייט און אויסשעפּנדיקייט. אויב עס זאָל אים טיילמאָל אויסקומען צו דערפילן די פונקציע פון אַ מין היימישן „וועגווייזער" אין די קרייזן פון יידיש רעדנדיקע אין לאַנד צי אין אויסלאַנד, איז אפשר נישט אַזוי פיל אין זכות פון דעם געזעענעם, ווי אין זכות פון אַן אופן זען.

*

מיט פולע לונגען און מיט אַ פולן האַרצן אָטעמען מיר איין אין זיך די אפשר שוין אומבאַוווסטע באַפרידיקונג פון דעם פאַקט, וואָס מיר זענען ד אָ. אַזוי פיל צעטראָטן יידיש לעבן האָבן מיר געזען, אַזוי פיל חורבות און בערג מיט אַש האָבן מיר געלאָזן הינטער זיך; אַזוי פיל שאָטנס גייען אונדז נאָך — די שאָטנס פון די, וואָס האָבן נישט געהאַט די זכיה צו דערלעבן, צו קאָנען זען...

דאַרפן מיר אויך זיי מצרף זיין צו אונדזערע איבערלעבונגען. נישט קווענקלען זיך מיט אונדזערע סאַמע פשוטע, סאַמע נאַטירלעכע געפילן. פאַרגינען זיך אַליין דעם נחת רוח, מיט וועלכן עס פילט אונדז אָן יעדער אויפטו און יעטוועדע דער־גרייכונג דאָ אין לאַנד, טאַקע דערפאַר, וואָס יידן אין דער יידישער מדינה האָבן זיי אַרויסגעבראַכט.

מעגלעך, אַז מיין בוך וועט ווירקן אין דעם זין אַ ביסל איינזייטיק, אָבער איך שרעק זיך נישט דערפאַר. איך בין איבערצייגט, אַז אַזוי ווי איך, פילן זייער אַ סך אַנדערע יידישע מענטשן פון די שפּעט געקומענע „צום גרייטן", הגם נישט אַלע ווילן זיך מודה זיין אין דעם, און הגם זייער אַ סך זאַכן דאָ הי קאָנען — און מעגן — זיי נ י ש ט געפעלן.

אין קיין שום לאַנד קאָנען אונדז די זאַכן היינט נישט אָנגיין אַזוי שטאַרק. און אויך אין דעם פאַקט איז פאַראַן אַ טעם, אַ זין, אַ לעבנס־אינהאַלט.

איך קום אַזוי אַרום נישט פּראָפּאַגירן מיט מיין בוך קיין ביליקן ענטוזיאַזם און נישט קיין אויבערפלעכלעכן פּאַטריאָטיזם. איך וויל זיך בלויז טיילן מיטן לייענער מיט דער טרייסט און מיטן אינטערעס, מיט דער היילונג און באַרואיקונג, וואָס ווערן אונדז צוטייל אין לאַנד ישראל.

*

איבערגעבנדיק דאָס בוך צום דרוק, וויל איך דאָ אויסדריקן אַ דאַנק די אַלע, וואָס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו זיין דערשיינען. אין דער ערשטער ריי דאַרף

איך דערמאָנען די שוועסטערלעכע הילף פון דער דיכטערין ר ח ל ק אָ ר ן, וועלכע האָט וואַרבירט אַ גרופּע פריינט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע, וואָס האָבן מיט זייער צושטייער דערמעגלעכט דאָס אַרויסגעבן פון בוך. (די נעמען ווערן אָנגעגעבן אויף זייט 6). אַ באַזונדערן דאַנק וויל איך אויסדריקן דעם דיכטער ש מ ש ו ן מ ע ל צ ע ר, וועלכער האָט מיט ברודערלעכער אָנגעבּרייטקייט גענומען אויף זיך די מי פון קאָנטראָלירן דעם העברעישן און ישראלדיקן עלעמענט אין בוך. אַ האַרציקער דאַנק קומט אויך מיין חבר און מיטאַרבעטער פון יד־ושם, י צ ח ק אַ ל פּ ע ר אָ ו ו י ט ש, וועלכער האָט מיר געהאָלפן אַדורכפירן די קאָרעקטן.

ואחרון אחרון חביב — אַ שיינעם דאַנק און אַ גאָר האַרציקן גרוס שיק איך ביי דער געלעגנהייט מיין רעדאַקטאָר אין יידיש און העברעיש אין די ערשטע יאָרן פון מיין זיין אין לאַנד, פריינט ד נ י א ל ל י י ב ל, וועלכער האָט בשעתו דעם רוב פון די איצטיקע בוך־קאַפּיטלען געדרוקט אין דער „נייוועלט" און האָט מיט זיין וואַרעמער באַציונג אַ סך ביי׳געטראָגן צו מיין אַקלימאַטיזירונג און איינבירגערונג אין ישראל.

*

נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן די שפּראַכלעכע פּאַרטייטשונגען. ברענגענדיק באַשרייבונגען פון דעם נייעם לעבנס־שטייגער, וואָס קריסטאַליזירט זיך אויס אין די קרייזן פון די יידיש־רעדנדע נייע עולים, האָב איך נישט געקאָנט אויסמיידן זיך צו באַנוצן מיט העברעישע ווערטער, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין דעם נייעם יידישן „סלענג" פון ישראל. אין קיין שום לאַנד איז דער אייביקער זיווג צווישן די ביידע שפּראַכן נישט אַזוי נאַטירלעך און פּרוכטבאַר, ווי דווקא דאָ. כּדי דער נייער ווערטער־אוצר זאָל אָבער זיין צוגענגלעך פאַר די יידן פון אַנדערע לענדער, האָב איך דאָ געגעבן אַ רשימה פון די ריין־ישראלדיקע העברעיזמען, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַנוצן. אין דער דאָזיקער רשימה האָב איך אויך אַריינגענומען אַ ריי ווייניקער באַקאַנטע גאַליציישע סלאַוויזמען, אָן וועלכע איך קען זיך אין מיין לשון נישט באַגיין.

לאָמיר זיך דווקא אין ישראל נישט שפּילן אין קיין איבערגעטריבענעם פּוריזם. דאָ דאַרפן מיר אַזוי אויפלעבן און פאַרשטאַרקן אונדזער קולטור־אַקטיוויטעט, אַז מיר זאָלן אויך אויפן געביט פון שפּראַך־ווערטן מסוגל זיין צו רעאַליזירן דעם ציל פון מיזוג הגלויות.

תל־אביב, סעפּטעמבער 1963. **רחל אויערבאַך**

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון די פריינט:

איידע און יוסף בערמאַן, מאָנטרעאָל;

בערנאַרד און צעליאַ טאַוב, ניו־יאָרק;

ל. פיינבערג, ניו־יאָרק;

ד״ר רענאַ און ד״ר עדמונד קופערשמיד, מאָנטרעאָל;

דאָראַ און ד״ר הירש ראָזנפעלד, מאָנטרעאָל;

איידע און אַרטור שעכטער, גרענד ראַפּידס;

אַ פּאָר קאָלעגן שרייבער אין ניו־יאָרק, וועלכע האָבן זיך פון אייגענער איניציאַטיוו באַשטייערט פאַר דעם צוועק.

א. דער וועג אַהער

עליה 1950

איך האָב געזען די זעלבע — פונקט אַזעלכע — מחנות יידן אין בהלות און אין מאַסן-אומגליק. מיט פּעק, מיט קינדער אויף די הענט, מיט אַלץ דאָס בעסטע אָנגעטון אויף זיך. אַפילו מיט די שטיקלעך גאָלד, המצאהדיק פאַרשטעקטע — ווייל מען האָט אַלץ אַנדערע אַוועקוואַרפן געמוזט.

איך קוק זיך איין אין פּנימער פון יידן שוין אין לאַנד. נאָך טוט טיילמאָל אַ שטאָך אין האַרצן אַ דערמאָנונג. איך באַמערק ווי ביי אַ פרוי אַ „טיקן" פון די ברעמען; עמעצנס אַ יונגן קאָפּ, וואָס טרייסלט זיך, ווי ביי אַ זקן. איך דערקען נאָך אין די אויגן ווי אַ בליץ פון יענעם שרעק, אַ רעשט פון יענעם טרויער, פון דער צעחושטקייט יענער.

דאָס זענען די אַנטרונענע פון אומקום.

און אפשר איז דאָס אַ סגולה אַזאַ אויף היילן דערמאָנונגען?

„דריי מאָל דאַרף מען אַ מענטשן איבערזידלען, כדי עס זאָל פון אים ווערן אַ תל" — האָבן געוווּסט די מומחים פון דער אויס-ראַטונג. אַפילו דאָס מאָרדן פון מיליאָנען, האָבן זיי גערופן „אויס-זידלונג".

טאָ וואָס זשע איז אַזוינס געשען, וואָס יידן, אַזויפיל מאָל געוואָרפענע פון לענדער און פון ערטער — אַזעלכע גורל-מידע, רו-באַדערפטיקע — האָבן, נישט געטריבענע פון קיינעם, אַליין גענומען „איבערזידלען" זיך?

אַוועקוואַרפן די קוים נאָך דער מלחמה איינגעפונדעוועטע דירות און פרנסות; אויספאַרקויפן בחצי חינם אַלץ נאָר-וואָס צונויפגעשטעלטע, נייטיקע צום לעבן.

יידן, וואָס זענען, אין תוך גענומען, קיין חלוצים, אַפילו קיין ציוניסטן קיינמאָל נישט געווען. יידן פון אַ גאַנץ יאָר...

„ס'איז נישט דער ערשטער יעקב, נישט דער ערשטער יוסף"...

ס׳איז אַלעמאָל אַזוי געווען — נאָך שחיטות, נאָך רדיפות, נאָך בהלות. משיחים פלעגן אויפקומען און יידן פלעגן אַנגאַרטן די לענדן, לאָזן זיך אין וועג אַריין צו זוכן די גאולה. חדשים לאַנג האָבן געוואַנדערט יידן — המונים — אָנצוקומען בלויז צום ברעג פון ים; געטראָגן זיך דורך שטורעמס און פּיראַטן צו דעם לאַנד, ווו עס האָט אויף די „טראַנספּאָרטן" דעמאָלטיקע קיינער נישט געוואַרט.

אונדזער חורבן איז אַ טויזנטפאַכיק גרעסערער געווען.

די שיפן, וואָס זענען געפאָרן אויפן ים, קומען איצטער אין אַ האַפן אָן. קיין שום אמתן און קיין שום ליגנט וועלן אָט דעם שטראָם נישט אָפּשטעלן — אַפילו נישט די מורא פאַרן טויט.

„מלחמה — מיר האָבן שוין אַזוינס געזען" — ענטפערן אַנטרונענע. די נויטן פון דעם לאַנד, דער אומרו? — אַלץ וועט אונדזער אייגנס זיין.

וועגענער אויף וועגענער שטראָמען פון די שיפן. מענטשן באַלאָדענע מיט פּעק, מיט קינדער אויף די הענט, פאַרפלייצן וועגן, פּילן אָן באַראַקן, געלטן. זיי קומען אָן — אַ מחנה נאָך אַ מחנה — פון פּוילן און רומעניע, פון טריפּאָלים און פון מאַראָקאָ, פון עיראַק, פון טונים, פון אַלזשיר...

דאָס דורכגעליטענע איז צו אַ סך מחייב. די אַנטרונענע וועלן אַריינמויערן אין בנין זייער לייד.

1. פּאַפּירן

אַמאָל וועט אַלץ דאָס קלינגען ווי אַ מעשה פון פאַרצייטנס. יידישע מאַמעס, וואָס וועלן אויפקומען אין יאָרהונדערט פון אַטאָם־ענערגיע, וועלן איינשלעפערן קינדער מיט דערציילונגען וועגן דעם, ווי אַזוי פון אַ ווייטן, ווייטן לאַנד, ווו עס פלעגט יעדעס יאָר אויספאַלן אַ שניי, (אין דער צייט, ווען עס איז נאָך נישט געווען איינגעפירט צו רעגולירן דאָס וועטער אין פאַרשידענע וועלט־טיילן), זענען געקומען אַהער צו פאָרן די עלטער־זיידעס און די עלטער־באָבעס...

און קינדער וועלן זיך מסתמא וווּנדערן, וואָס אין יענע צייטן זענען אויף דער וועלט אַזוי פיל גערופענע גרענעצן געווען, און וואָס, כדי אַדורכצופאָרן גרענעצן, האָט מען באַדאַרפט האָבן אַזוי פיל פּאַפּירן און פאָטאָגראַפיעס.

— פאַרוואָס איז מען געפאָרן, פאַרוואָס איז מען נישט געפלויגן? — וועלן פרעגן יענע צוקונפטיקע קינדער און די אייגעלעך וועלן שוין ביי זיי נעמען קלענער ווערן צוליב שלעפעריקייט. — און צו וואָס האָט מען מיט זיך באַדאַרפט פירן פּאַפּירן? צי האָט מען נישט געקאָנט באַקומען פּאַפּיר, דאָ אויפן אָרט?

די מאַמעס וועלן שוין די זאַך נישט קענען אויפקלערן. מען וועט מוזן רופן אַ זיידע אָדער אַ באָבע, און זיי וועלן נעמען דערציילן, ווי אַזוי פּאַפּירן פלעגן זיין דער סאַמע וויכטיקסטער באַשטאַנדטייל אין באַגאַזש פון פאַרנדיקע יידן. ווי אַזוי מען פלעגט מוזן אַריינשטעקן פּאַפּירן אין די אַמטן און וואַרטן, זיי זאָלן אויפגיין. ערשט דערנאָך פלעגן פּאַפּירן רייף ווערן צום פאָרן.

אונדזערע קינדער פון היינט פאַרשטייען גאָר נישט, אַז עס וואָלט געמעגט זיין אַנדערש.

עליה־שטייגער

אין נעפלדיקע, האַרבסטיקע פרימאָרגנס, אין פראָסטיקע פאַרטאָגן, באַווייזן זיך אויפן וואָרשעווער צייטווייליקן הויפּט־באַנהויף מענטשן

מיט טעטשקעס אָדער קליינע וואַליזקעלעך אין האַנט. געקומען מיטן ערשטן צוג פון לאָדזש, צי וראָצלאַוו, פון קאַטאָוויץ, צי פון שטשעטשין, פאָרן אַלע אויף איין און דעם זעלביקן אַדרעס. אויף אוּיאַזדאָוועך אַלייע 7, טיף הינטן אין הויף, איז פאַראַן אַ בנין. ווי פרי מען זאָל אַהין נישט קומען,טרעפט מען שוין דאָרט צענדליקער מענטשן, וואָס שטייען אין אַ ריי.

עס שטייען מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער און פאַרשידענעם אויס־זען. און טאָמער דערזעט מען צווישן עולם אַ מענעריש פּנים מיט דאַראָזשקאַרסקע וואָנסן, אָדער אַן „עכט אַרישן" קאָפּ העלע האָר ביי אַ פרוי — קענען אויך זיי זיין קאַנדידאַטן אויף עליה, פאַרערס קיין ישראל.

אַ מעשה מיט אַ יענטע

אַכט אַ זייגער באַוויזט זיך אין דער טיר אַ מענטש און נעמט פאַר־לייענען נעמען:

מענדל ראָזענבוים, יאַדוויגאַ קראַוויעץ, שמחה ווענגראָווער, סטאַ־ניסלאַוו ראָט...

מען רופט זיך אָפּ פון עולם, מען ווערט אַריינגעלאָזט, מען שטופּט זיך. פּלוצעם רופט מען: יענטאַ ווייס.

פון די הינטערשטע רייען רוקט זיך אַרויס אַ באַשיידן אָנגעטוענע יונגע פרוי און וויל זיך צובאַקומען צו דער טיר. האַרט ביים אַריינגאַנג שטייט אַ באַלייבטע דאַמע אין אַ פּעלצמאַנטל, אַ שטאַרק געשמינקטע און אָקסידירטע. זי האָט פאַרשטעלט דעם וועג און לויערט אויפן מאָמענט, צו קאָנען אַריין אינעווייניק אַ נישט פאַרשריבענע.

יענטע ווייס קאָן זיך נישט צושטופּן. זי הערט ווי מען רופט זי ווידער.

— ניעך שיע פּאַני ניע פּכאַ — שטופּט זיך נישט — רופט ווער אויס און די מאַדאַם מיט דער אָקסידירטער פריזור זאָגט תיכף אַ וויץ דעם פּריץ צו געפעלן:

— יאַק יענטאַ, טאָ שיע פּכאַ — אַ יענטע, שטופּט זי זיך.

אין דער ערשטער רגע גייט אַדורך איבערן עולם אַ קורץ געלעכ־טער. די יונגע פרוי, אַ פאַרשעמטע, אַ צוגעווינטע איר לעבן לאַנג צו ליידן פון די כלערליי פּוילישע גראַמען צו דעם שלימזלדיקן נאָמען, פאַרשווינדט וואָס גיכער אין דער טיר.

אָבער אָט צעגווידערט זיך איבער דעם עולם אַ האַרט מענעריש

קול, וואָס קומט פון אַ יונגאַטש אין שטיוול און אין אַ לייכטער קורטקע מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ אויפן פּראָסט.

— יאָק שיע פּאַני יענטאַ ניע פּאָדאָבאַ, טאָ ניעך פּאַני ניע יעדזיע דאָ פּאַלעסטיני — אַז יענטע געפעלט אייך נישט, טאָ פאָרט נישט קיין ארץ ישראל.

נעבן דעם יונג, וואָס שטאַמט מסתמא פון די קרעסן און איז אוודאי בשעת דער מלחמה געווען ערגעץ אין אַן אַרמיי, אָדער אין וואַלד, שטייען נאָך צוויי חברהלייט פון זעלבן שניט און אַלע דריי צעהירזשען זיך ווי דאָרפס־שקצים:

— האָסטו געזען אַ ביסל? אַ פריצהטע מיט טלענירטע האָר!

דער עולם לאַכט מיט. אַלע זענען אַריבער אויף דער זייט פון יענטען און פון דעם בחור אין די שטיוול.

דאָס „אומנאָרמאַלע פאָלק"

אינעווייניק, אין אַ גרויסן זאַל, זיצט מען שעהען־לאַנג אויף שטולן און מען וואַרט. פון צייט צו צייט באַווייזט זיך דער אינפאָרמאַטאָר מיט אַ צעטל נעמען, וואָס ער האָט אַרויסגעזוכט פון קאַרטאָטעק.

ער זאָגט אַיעדן, וואָס ער האָט אויסנאָטירט. יעדעס מאָל ווען ער קומט אַריין, ווערט אַ שטופעריי, מען שטעלט אַרום דעם באַאַמטן פון אַלע זייטן. צו צען מאָל מעלקט מען פון זיין מויל דאָס וואָרט, וואָס זאָגט אַזוי גוט ווי גאָרנישט.

— אייער ענין איז אין דערליידיקן. מען וועט אייך שיקן אַ פאַר־שטענדיקונג דורך דער פּאָסט.

— הייסט עס, אַז עס איז שוין פאַראַן אַ הסכמה? איך דאַרף נאָר וואַרטן אויף אַ טערמין?

— עס הייסט דאָס, וואָס כ'האָב געזאָגט. אויב דער ענין וועט דער־לידיקט ווערן, וועט מען אייך תיכף פאַרשטענדיקן.

— וואָס הייסט „אויב"? צי הייסט דאָס, אַז עס פעלט נאָך עפּעס אין מיינע פּאַפּירן?

דער ייד נעמט שילדערן אויף גיך זיין לאַגע און דער באַאַמטער שאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט געדולד. ער איז מוכן ומזומן איבערצוחזרן דעם פזמון נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. די יידן אַרום דערלאָזן אָבער נישט דערצו. מען נעמט דעם פרעגער אָפּשטופּן, אַריינפּאַלן אים אין די רייד.

אַ גוט אויסראַזירטער הער אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַן אַלטן, אָבער זייער גוט פֿאַרשוינטן אַקטן־טאַש אונטערן אָרעם, טרעט דעמאָנסטראַטיוו אָפּ אויף צוריק. ער שעמט זיך פֿאַר דעם קריסט. ער פֿילט זיך פֿאַר־אַנטוואָרטלעך פֿאַרן גאַנצן יידישן עולם.

— פֿאַר יעדן נאָרמאַלן פֿאָלק — טענהט ער צו קיינעם און צו אַלע — וואָלט גענוג געווען, מען זאָגט אים איין מאָל, צוויי מאָל, ניין, צען מאָל זאָגט מען אים, ער פֿרעגט דאָס עלפֿטע מאָל.

הערט מען אָט די רייד פֿון אַן אינטעליגענטן יידן און מען טראַכט, אַז ער איז אפֿשר גערעכט. אין אַ שעה אַרום, ווען עס קומט זיין ריי, זעען מיר, ווי ער קריכט שיר נישט אַרויף אויפֿן טישל, הינטער וועלכן עס האָט זיך פֿאַרבאַריקאַדירט דער באַאַמטער מיט זיין צעטל.

— אַ דלאַטשעגאָ, אַ קיעדי? ווען, פֿאַרוואָס? — פֿרעגט ער צום צענטן מאָל דעם אינפֿאָרמאַטאָר, וואָס אַן אמת, אין ריינסטן פּויליש, און יענער חזרט פֿאַר אים איבער צום צענטן מאָל אַלץ איינס און דאָס זעלביקע.

— איר קאָנט אַהיימפֿאָרן. איר וועט באַקומען אַ פֿאַרשטענדיקונג.

אַ בחור מיט אַ רענצעלע

איבערן זאַל דרייט זיך אַרום אַ יונגערמאַן, וואָס זעט אויס צו זיין אַ שלאָסער, אָדער אַן אינסטאַלאַטאָר. אַזוי שאַצן אים אָפּ די, וואָס קוקן זיך צו, ווי אַזוי ער עפֿנט אין אַ געוויסן מאָמענט זיין קליין, אָפּגעריבן וואַליזקעלע, וואָס מסתמא האָט ער דערפֿון, פֿאַרן לאָזן זיך אין וועג אַריין, אויסגעשיט זיינע אַרבעטס־מכשירים. ער זעצט זיך צו אויף אַן עק באַנק, מיטן פּראָפֿיל צום עולם, און מאַכט הכנות צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין.

ער שלעפּט אַרויס אַן אָנגעהויבן לעבל ברויט, ציט אַרויס פֿון קעשענע אַ מעסערל, שניידט אָפּ עטלעכע פּענעצן און באַשמירט זיי שיין און גלאַטיק מיט פּוטער פֿון אַ טעפּעלע, וואָס איז ביי אים אַרומגעבונדן מיט אַ פּייכטן שטיקל פּראָסטע לייוונט. דערנאָך שיילט ער זיך אָפּ אַ האַרט איי און באַשיט עס מיט אַ ביסעלע זאַלץ פֿון אַ פֿלעשעלע, וואָס איז פֿאַרמאַכט מיט אַ פּאַפּירענעם פֿאַרשטעקל. אַ פֿאַרטוענער מיט ביידע הענט אין דער וואַליזקע, נעמט ער זיך צו דער אכילה. ער קייט און

שלינגט און גייט אַזוי רייך אַרום געפּעס, אַז אַ טייל צוקוקערס פֿאַרווילט זיך אויך עפּעס עסן. אַנדערע פּרוּוון טרעפֿן:

צי איז דאָס אַן אַלטער בחור אָדער אַ באַוויבטער? אַ מאַמע, צי אַ ווייב, האָט אים אויסגעפּראַוועט אין וועג אַריין מיטן רענצעלע?

און אפשר האָט ער כלל נישט קיין ווייב און נישט קיין מאַמען? פּירט אַן איינזאַם לעבן — איינער פֿון יענע מאַנספּאַרשוינען, וואָס קענען זיך אַליין עפּעס אָפּקאָכן, אויספּרעסן אַ העמד...

געזעטיקט דעם הונגער, האָט זיך דער יונגערמאַן אָפּגעשיילט און צעשניטן אויף פּערטעלעך אַ גרויסן, שיינעם עפּל. די פּערטלען שטעקט ער אַרויף אויפֿן מעסערל און דערלאַנגט זיך יעדעס מיט אַ קיילעכדיקן ריטמישן וואָרף אין מויל אַריין. פּאַמעלעך, מיט הנאה, זויגט ער און סמאַטשקעט די זאַפטיקע פּרי, מרוזשעט אַזש רגעסווייז די אויגן פֿאַר תענוג און באַמקעט זיך צו בשעת מעשה מיט די פֿינגער פֿון דער צווייטער האַנט איבער דער קני.

פֿאַרטיק געוואָרן מיט דעם עפּל, ווישט ער אָפּ און פֿאַרקנאַקט דאָס מעסערל און לאָזט עס אַריין אין דער הויזן־קעשענע. ער גייט צו אין ווינקל, ווו עס שטייט אַ קערבל מיט מיסט און טרייסלט אויס די קרישקעס.

צוויי יונגע מיידלעך, וואָס שטייען אונטערן פֿענצטער אַנטקעגנאיבער, כאַפּן אַלע ווײַלע אַ קוק אויפֿן יונגנמאַן און זיי שטיקן זיך ממש פֿון איינגעהאַלטענעם לאַכן. אויף זיי קוקנדיק, לאַכט מיט און ווילט זיך אויפֿן יונגנמאַנס חשבון אַ וואָס אַ מאָל גרעסערער עולם.

דער יונגערמאַן זעט נישט און הערט גאָרנישט. ער בינדט צו דאָס טעפּעלע פּוטער מיטן ווייסן שמאַטקעלע, פֿאַרשטעקט מיטן פּאַפּירענעם פֿאַרשטעקל דאָס פֿלעשעלע מיטן זאַלץ, פֿאַרוויקלט און באַהאַלט אַלצדינג אין זיין רענצעלע. ערשט לויפֿט אונטער איינער פֿון דער גרופּע און דערלאַנגט אים, נאָכן עסן, צו פֿאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס. ביים רעשט גייט דאָס אַן פֿאַר אַ גלענצנדן וויץ.

דער יונגערמאַן זאָגט אָפּ: ער רויכערט נישט! פֿאַרן עולם ווערט קלאָר, אַז דאָס איז אַן אַלטער בחור, אַ טשודאַק. מסתמא איז ער ביי זיין מאַמען, דער אלמנה, געווען אַן איינאיינציקער. דאָס האָט אים די אלמנה, די בריה, אַזוי מדריך געווען.

— אַזאַ איינער דאַרף גאָר קיין ווייב נישט — חכמעט זיך אַ צוקוקער.

אין טיר פון דער וואָרט־שטוב באַווייזט זיך אַן אַמטסדינער און טוט אַ רוף:

— נאַפּטאַלי דאַבראָשקלאַנקאָ!

דער „עסער“, וואָס האָט זיך שוין, ווי אין אַ באַן־וואַגאָן, נאָכן אָפּעסן, געהאַט אַריינגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין וואַנט און געהאַלטן ביים אַנדרימלט ווערן, הייבט זיך אויף. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז ער האָט אין קעשענע אַן אַרויסרופונג פון דעם פּאַספּאָרטן־אַמט.

אין איין רגע ווערט פון אים אָפּגעטאָן אַיעדע לעכערלעכקייט: ער בלייבט קליגער און מזלדיקער פון די בטלנים, וואָס האָבן פון אים געלאַכט.

דערנאָך קומט צוריק פון דעם צימער, וווּ מען נעמט אָפּ די פּאַספּאָרטן, איינער פון די אָפּשפּעטערס און מען ווערט געוואָר:

דער „בחור“ האָט אַ ווייב מיט צוויי קינדער. ער איז נישט פון קיין קליין שטעטל אין שלעזיע, נאָר פון שטשעטשין, אַ געבוירענער אין פּלאָצק.

אין איין פּרט איז מען נאָר געווען גערעכט: ער איז אַ בעל־מלאכה, אַן עלעקטראָטעכניקער. ער וועט קומען קיין ישראל, וועט ער מאַכן בעסער פון אַנדערע.

2. משפחות

די יידן, וואָס קומען אָפּנעמען די פּעסער, זענען שוין גאָר אַנדערע מענטשן, ווי די, וואָס וואַרטן נאָך און זענען נאָך נישט זיכער...

ס׳רוב שטייט נאָך פּאַר יעדן פון זיי אַ באַרג מיט שוועריקייטן, אָבער דאָס זענען שוין געזונטע צרות.

נאָך די פּאַפּירן קומט אָפּט צו פאָרן די גאַנצע משפחה. אַפילו מיט די קינדער, וואָס זענען צוגעשריבן צום טאַטנס אָדער צו דער מאַמעס פּאַס. אויב עס טרעפט, אַז ביי וועמען פון דער משפחה האָט זיך דער פּאַס פאַרשפּעטיקט, באַוויליקט דער פּאַספּאָרטן־אַמט צוצואיילן, אָדער אָפּ־האַלטן דאָס אַרויסגעבן די פּאַפּירן, כדי אַלע זאָלן קאָנען פאָרן צוזאַמען.

בכלל איז פאָרן קיין ארץ־ישראל אויך אַ משפּחה־ענין. פאָרן לאָזן זיך אין וועג אַריין און אָפּטמאָל נאָך פריער — איידער מען טוט דעם שריט און מען גיט אָן אויף פּאַפּירן — נעמען זיך צונויף משפּחות. וואָכן און חדשים האַלטן אָן באַראַטונגען. ברוגז געוועזענע ברידער, שוואָגערס, בעטן זיך איבער. אויך קאָמפּלעטירן זיך משפּחות, וואָס זענען אין מלחמה־צייט געוואָרן צעניזוקט. ווער עס האָט דאָס נישט באַוויזן צו טאָן אין משך פון די 5 יאָר — טוט עס נאָך איצט, פאָרן פאַרלאָזן פּוילן.

ווי אין לייוויקס „חתונה אין פערנוואַלד" האָבן טיילמאָל מענער פון אומגעקומענע פרויען חתונה מיט פרויען פון אומגעקומענע מענער. איינס איז אַרויס פון אַ לאַגער, דאָס צווייטע איז צוריקגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד. „ער" איז געבליבן לעבן אויף אַרישע פּאַפּירן, „זי" איז געווען אין וואַלד, אָדער פאַרקערט. אָט אַזאַ איז דאָך היינט אונדזער גאַנצע פאָלקס־סובסטאַנץ אין פּוילן. זי באַשטייט פון לויטער על־פּי צענדליקער נסים ג ע ר א ־ ט ע ו ו ע ט ע !

און אָט געשעט אַ נייער נס — די אָפּגעבראָכענע טיילן פון פאַר־שידענע משפּחות וואַקסן זיך צונויף אין נייע גאַנצקייטן. אַזאַ איז דער באַפעל פונעם פערזענלעכן — אַזאַ איז דאָס געבאָט פונעם נאַציאָנאַלן לעבנס־אינסטינקט. טיילמאָל פאַרמאָגט נאָך אָט דער נייער אָרגאַניזם געוויג כוח, כדי זיך אויף אַן אמת צו פאַריונגן און ווייטער־פלאַנצן דאָס

לעבן. געוועזענע טאַטעס, וואָס וואָלטן שוין אפשר געוועזן זיידעס, ווערן ווידער פאַטערס פון קליינע קינדער. אין די נייע פּנימלעך זוכן זיי אַן ענלעכקייט צו די פּנימער פון די, וועמען זיי האָבן אַמאָל אין זייערע אָרעמס געהאַלטן. אַמאָל גיט מען דעם ניי געבוירענעם קינד אַן ענלעכן נאָמען, ווי דאָס אומגעקומענע האָט געהייסן, בכדי מען זאָל עס קענען רופן אַזוי ווי יענץ, וואָס איז אויף דער וועלט נישטאָ...

צי העלפט דאָס געדענקען? צי העלפט עס פאַרגעסן? צי איז דאָס געטריישאַפט, צי איז עס פאַרראַט? — מסתמא סיי איינס, סיי דאָס אַנדערע...

געבענטשט זאָל זיין די חכמה פון דעם פאָלק, וואָס זוכט אַ טרייסט צו אונדזער גרויסן אומגליק! געבענטשט זאָל זיין דער ווילן און דער כוח פון דער אומה צו היילן די וואונדן!

אַז מען האָט נישט קיין אייגן קינד

אַמאָל איז שוין צו שפּעט אויף באַנייען דעם שטאַם. די זאַפטן זענען אויסגעטרוקנט: דער מאַן, אָדער דער עיקר די פרוי, איז — צו אַלט. אויך אין דעם פאַל פאַסן זיך צו אַ טייל מענטשן צו זייער אויף דאָס ניי צונויפגעשטיקעוועטן משפחה־לעבן — אַ ניי קינד. קיין מעגלעכקייטן צו אַדאָפּטירן קינדער, פעלן נישט אין נאָכמלחמהדיקע יתומים־הייזער.

און אַמאָל טרעפט עפּעס נאָך בעסערס: עס געפינט זיך אָפּ אַ געראַ־טעוועט קינד פון דער משפחה, וואָס איז געבליבן לעבן ערגעץ ביי אַ פּויער אין אַ דאָרף, אָדער אין אַ קריסטלעכן יתומים־הויז.

וויפל אויסטערלישע פאַלן, וואָס דערמאָנען אין די צוגעטראַכטע מעשיות פון אַלטע ראָמאַנען; וויפל פּראָצעסן, וויפל קאַמפן און פאַרטלען אויף צוריק צו געווינען יידישע קינדער!

די וועמען מען לאָזט איבער און די וועמען מען נעמט מיט

די צעשיידונג מיט פּוילישע העלפערס, אָדער אַפּוטרופּסים, איז אָפטמאָל זייער אַ שווערער ענין. סיי דאָרט, ווו עס האַנדלט זיך וועגן כלומרשטע עלטערן און קינדער, סיי, ווו עס האַנדלט זיך וועגן געמישטע, אַ מאָל אויך מיט קינדער באַשאַנקענע פאַרפעלקער.

אויך צו זיי דערגייט דער פערמענט פון עליה. די רעאַלע שאַנסן

צוריקצוגיין צו דער אייגענער סביבה, די ידיעה, אַז עס איז אַנטשטאַנען אַ יידישע מלוכה, אין וועלכער יעדער ייד האָט אַ רעכט זיך צו באַזעצן — אַרבעט אַמאָל אָן אַן איבערקערעניש אינעם לעבנס־געפיל אַפילו פון גאַנץ אַסימילירטע יידן. יאָרן־לאַנגע לעבנס־פאַרבינדונגען ווערן וואַקלדיק אין אַנבליק פון דער מעגלעכקייט אַנצוהייבן אַ נייעם לעבנס־וועג.

נישט דאָס ערשטע מאָל שווימט אויף דאָס פּראָבלעם פון די „געמישטע". אַ סך פון די פאַרבינדונגען, וואָס די געפּערלעכע און אויסטערלישע אומשטענדן האָבן געשאַפן, האָבן דערנאָך געפּלאַצט, ווי זייפנבלאָזן, ווי נאָר די אומשטענדן זענען מער־ווייניקער נאָרמאַליזירט געוואָרן. וויפל טראַגעדיעס און קאָנפליקטן האָבן זיך שוין אָפּגעשפּילט אין שייכות דערמיט אין די ערשטע יאָרן נאָך דער באַפרייונג! וויפל מענטשלעכע ליידן און טרערן האָבן זיי גורם געווען!

אַן אינטערעסאַנטע זאַך — דער צד וואָס וויל אויפלעזן די פאַרבינדונג (אָדער וואָס ליידט מער אין די קייטן פון פרעמדן שידוך) איז ס׳רוב דער יידישער. נישט אַלע יידישע פּאַרטנערן געפינען אָבער אין זיך דעם כוח אָפּצוצאָלן פאַר ברויט מיט שטיינער, בפרט אין די פאַלן, ווען עס זענען פאַראַן קינדער. צוליב דעם „ויתרוצצו" איז שוין געקומען צו פאַלן פון זעלבסטמאָרדן.

איצט איז ווידער אַלץ אויפסניי געוואָרן אויפגערודערט.

די אַלטערנאַטיוו איז: דאָס איבערבלייבן אין פּוילן פון דעם יידישן צד, צעשיידונג, געוויינלעך אָפּט אָבער אויך — דאָס מיטנעמען די פּוילישע פרוי קיין ישראל, (אין געוויסע, גאָר זעלטענע פאַלן, אַפילו דעם פּוילישן מאַן).

טרעפט מען טאַקע כסדר אין די עליה־אַמטן מענטשן, וואָס פאַרמאָגן גענוג מוט און גלויבן אין דער קראַפט פון זייער צוגעבונדנקייט צו אַנאַנד, כדי צו פּרווון איבערפלאַנצן אויף אַ נייעם באָדן זייער אויסטערלישע משפחה־אייניקייט.

אויף פּוילישע שווער און שוויגער פאָרן מיטן יידישן איידעם קיין ישראל

עס איז מיר באַקאַנט אַ פאַל, ווען אַ יונגערמאַן מיט אַ שטאַרק יידישן אויסזען — אַ טיפּ פון אַ יידישן אינטעליגענט — האָט מיטגעפירט קיין ישראל נישט בלויז אַ פרוי מיט צוויי פלאַקסהאָריקע מיידעלעך, נאָר

אויך די האַרעפּאַשנע, אַלטע שווער און שוויגער. דער גאַנצער קריסט־לעכער צד האָט געהאַט אַן אויסזען פון פּרימיטיווע אַרבעטסמענטשן, און דער דיסטאַנס צווישן די צדדים איז געווען נישט בלויז אַ פראַגע פון נאַציאָנאַלן, נאָר אויך פון סאָציאַלן אָפּשטאַם. עס האָט אימפּאָנירט דער מאָראַלישער כוח פון דעם יידישן איידעם: די מענטשן זענען אים גוט געווען זיי זאָלן פאַר אים איינשטעלן דאָס לעבן — האָט ער זיך געזאָגט, אַז זיי מוזן אים אויך גוט זיין, ער זאָל טיילן מיט זיי זיין ווייטערדיקן גורל.

די וואָס זענען געווען אין ראַטנפאַרבאַנד

— ווען איר זעט אָבער אַ ציידן מיט אַ באַבען צווישן פּוילישע יידן — יידישלעך אויסזעענדיקע עלטערע מענטשן — מעגט איר זיין זיכער, אַז דאָס זענען צוריקגעקומענע פון ראַטן־פאַרבאַנד. אויפן אָרט זענען נאָך פינף יאָר דייטשע אָקופּאַציע קיין אַלטע יידן מיט ווייסע בערד שוין אינגאַנצן נישט געווען בנמצא.

אין נאָך עפּעס קאָן מען זיי דערקענען — די יידן, וואָס זענען צוריק־געקומען פון רוסלאַנד: ווער פון זיי ס'האָט „אַנגעלעבט" אַ פּאָר שטיוול, גייט ער זיי איצט אָנגעטון — מיטן גלאַנץ און מיטן סקריפּ. דאָס זענען יידן, וואָס האָבן זייער „הכשרה" פאַר ישראל באַקומען אין די ווייטע געגנטן פון מיטל־אַזיע; זיך טיילמאָל שוין דאָרט „איבערגעשיכטעט"; זיך אויסגעלערנט עפּעס אַ פאַך; זיך ספּעציאַליזירט אין עפּעס אַן אינ־דוסטריע־צווייג.

מיט איינעם האָב איך גערעדט, האָט ער געאַרבעט אין אַן אייזן־הוטע, אַ צווייטער האָט געאַרבעט אין קאַווקאַז ביי פּלאַנטאַציעס פון טיי. ער טראַכט וועגן דעם, צי וואָלט מען אפשר אין ישראל געקאָנט פּלאַנצן טיי.

נאָך איינער, אַן אַמאָליקער שילער פון דער לעמבערגער פאַך־שול אויפן נאָמען פון אברהם קארקיס, איז אין דער רויטער אַרמיי געוואָרן אַ באַן־מאַשיניסט, געפירט אַ פּאַנצער־צוג. נאָכן אָנקומען קיין ישראל וויל ער ווידער זיין אַ מאַשיניסט. ער איז אַלט 26 יאָר און האָט אויסצו־האַלטן אַ מאַמע און אַ פרוי מיט אַ קינד.

און מיט נאָך עפּעס טיילן זיי זיך אויס, די מענטשן, וועלכע זענען געקומען פון רוסלאַנד. ערגעץ אין ווייטע שטעט פון מיטל־אַזיע, אין דערפער פון דרום, אין „פּאָסיאָלקעס", אָדער אין די לאַגערן פון צפון —

זענען זיי געוואָרן פאַרהאַרטעוועט, „פאַרגרעבט". אַחוץ די שטיוול אויף די פיס, וועלן זיי מיטנעמען קיין ישראל אפשר ווינציקער ליילעכער מיט ציכן, ווי אַנדערע יידן, אָבער דערפאַר וועלן זיי מיטפירן מיט זיך די דערפאַרונגען פון צופּאַסונג צו אַ נייעם, שווערן לעבן; צו נייע מינים אַרבעטן און אויך צו אַן אַנדער מין קלימאַט, ווי דער, אין וועלכן זיי זענען אויסגעוואַקסן.

Do widzenia, do widzenia!

איינע אַזאַ משפחה האָב איך געזען ביים אָפּנעמען די פּאַספּאָרטן. זיי זענען געווען אַכט נפשות. אַלטע טאַטע־מאַמע, אַ זון מיט אַ שנור, אַ יינגערער זון פון אַן עטלעכע און צוואַנציק און דריי אייניקלעך — אַ יינגל מיט אַ מיידל פון אַ יאָר דרייצן און צען און אַ קליין בחורל, דער מוזיניק, פון אַ יאָר זעקס אָדער זיבן. עפּעס האָט געמוזט געשען אַ גאָר גרויסער נס, וואָס זיי האָבן זיך אויפגעהיט אין אַזאַ, אין פוילן זעלטענעם, קאָמפּלעט.

און פונקט אַזוי ווי זיי האָבן זיך מסתמא געהאַלטן צוזאַמען אין די געפערלעכע יאָרן, אַזוי זענען זיי אַרויסגעטרעטן פולצאָליק אויך איצט — אין דעם וויכטיקן מאָמענט, ווען זיי האָבן געזאָלט באַקומען אין האַנט די דאָקומענטן, וואָס באַדייטן דעם אָנהייב פון אַ נייעם גורל.

דער ראש פון דער משפחה, דער פאַר אַלץ פאַראַנטוואָרטלעכער, איז דער עלטערער זון — אַ מענטש אין די פריע פערציקער. דער אָפּ־געדעקטער קאָפּ איז שוין אַ ביסל פליכעוואַטע, דאָס פּנים אויסגעדאַגהט. דער אָפּגעטראָגענער ווינטער־פּאַלטן הענגט אויף זיין מוסקולערער גע־שטאַלט — אַ צו גרויס געוואָרענער פון די עליה־לויפּעניש. דערפאַר קוקן אים אָבער די כּאַליעוועס פון די אָפּגעפּוצטע שטיוול טשוקעדיק און טשאַקעדיק אַפיר דורכן הינטערשטן שפּאַלט פונעם פּאַלטן.

ווען מענדל האָט מיט אַ ראַזמאַך אָוועקגעלייגט זיין חתימה אויף דער קבלה פון פּאַספּאָרטן־פאָרמוליאַר און באַקומען אין דער האַנט אַריין דעם דאָקומענט, האָב איך דערזען, ווי איבער זיין פּנים איז אַדורכגעלאָפן אַ בלייכקייט.

זאָגט צו אים די באַאַמטין:

— אפשר וועט איר, פּאַניע, געבן עפּעס אויפן ווידעראויפבוי פון וואַרשע?

— איך וועל געבן — ענטפערט מענדל — און איך זע, ווי אַ נייע פאַרב טוט ווידער אַ לויף איבער זיין פנים. ער נעמט אַרויס פון טייסטער אַ טויזנטזלאָטיקן באַנקנאָט (דער רוב גיבן צו פינף הונדערט), ער לייגט אַוועק דעם טויזנטער און לייגט נאָך צו אַ וואָרט:

— פּאָלסקאַ נאַס וויכאָוואַלאַ — פּוילן האָט אונדז דערצויגן — גיב איך דאָס צום געזעגענען.

די באַאַמטין האָט קוויטירט, אַריינגעלייגט דעם טויזנטער אין שופ־לעדל און זיך אויסגעדרייט צו אַנדערע קליענטן. ביי דער ייִדישער משפּחה האָט זיך אָבער די געזעגענונגס־צערעמאָניע נאָך נישט געהאַט פאַרענדיקט.

— דאָ ווידזעניאַ, דאָ ווידזעניאַ! — זאָגן זיי איינע נאָך די אַנדערע ביים פאַרלאָזן דאָס צימער, הגם די אָנוועזנדע פאַרשטייער פון פּוילישן פאָלק — די באַאַמטין מיט צוויי באַאַמטע — זענען פאַרטון און הערן גאָרנישט און ענטפערן נישט.

— דאָ ווידזעניאַ! — זאָגן די אַלטע לייט, דער ברודער, מענדלס פרוי, זיין עלטסטער זון און טאָכטער. דער סאַמע לעצטער שפּאַנט אַרויס דער יינגסטער בענאָק און מאַכט אויכעט מיט זיין שטימעלע, ווי די אַנדערע:

— דאָ ווידזעניאַ! דאָ ווידזעניאַ! — אויף ווידערזען!

אַ מעשה פון אַלע צייטן

דער ייִד וווינט אין אַ שטעטל נעבן דער טשעכישער גרענעץ. ער האָט שוין געהאַט מיט אַ צוויי חדשים צוריק באַקומען אַן אַרויספאָדערונג צו קומען אָפּנעמען דעם פּאַס, זיין פרוי איז אָבער געווען אין די הויכע חדשים, האָט מען אים געגעבן אַ צווייטן טערמין. איין קלייניקייט זאָל מען אים דערביי האָבן פאַרגעסן אָנצוזאָגן: ער זאָל מיטברענגען אַ פאָטאָ־גראַפיע פון דעם ניי־געבוירענעם קינד. איז ער געקומען אָן דער פאָטאָ־גראַפיע און איצט וויל מען אים צוליב דעם נישט אַרויסגעבן דעם דאָקומענט.

דער דיאַלאָג צווישן קלמן ווינאַקור און דעם באַאַמטן פון פּאַס־פאַרטן־אָפּטייל איז זייער אַ מאָנאָטאָנער.

קלמן טענהט:

— הלמאי האָט איר מיר נישט געזאָגט, אַז איך דאַרף האָבן אַ פאָ־

טאָגראַפּיע? אויב איך נעם איצט נישט אָפּ דעם פּאַספּאָרט, קאָן איך אים נישט אָוועקגעבן צום וויזירן, הײַנט ווען וועל איך פאָרן?

דער באַאַמטער ענטפערט:

— איר זענט גערעכט, אָבער וואָס קאָן איך אײַך העלפן? אויב איר וועט נישט געבן קיין פאָטאָגראַפיע, קאָן איך נישט צושרייבן דאָס קינד. מען וועט אײַך מיט אים נישט אַדורכלאָזן איבער דער גרענעץ.

דער אויסטויש פון די צווײ שטאַנדפונקטן חזרט זיך איבער אפשר צען מאָל. דער באַאַמטער נעמט אַרויס אַ טיכעלע און ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פון קאַרק. עס קומט אים צו הילף די באַאַמטין. זי רופט אַלץ, וואָס איז נוגע דאָס ניי־געבוירענע קינד מיט פאַרצויגענע נעמען. זי רעדט וועגן אַ „מעטריטשקעלע", אַ „פאָטאָגראַפיעלע", אָבער זי מאַכט דערמיט אויף קיין האָר נישט ווייכער דעם יידנס עקשנותדיקע טענה:

— פאַרוואָס האָט איר מיר פריער נישט געזאָגט, אַז איך דאַרף האָבן אַ פאָטאָגראַפיעלע און אַז דאָס מעטריטשקעלע אַליין איז נישט גענוג? איר ווייסט וויפל עס קאָסט דאָס פאָרן פון מיין שטעטל קיין וואַרשע?

די באַאַמטין בעט זיך ביי אים:

— מיר ווייסן, אָבער וואָס קאָנען מיר טון? אָן דער פאָטאָגראַפיע... און אַזוי ווייטער.

דער ייד ווידער זיינס, די באַאַמטע זייערס. די געדולד פאַרלירט דער דריטער צד: די אַנדערע יידן, וואָס וואַרטן שוין אינעווייניק אין פאַספאָרטן־אַמט אויף זייער ריי. און נישט דווקא דערפאַר, וואָס זיי קאָנען נישט קומען צום פסוק. די זאַך פאַרדריסט זיי אָן און פאַר זיך. איינער שטעלט אים, קלמנען, אַ פשוטע פראַגע:

— וואָס מיינט איר — ס'וועט אײַך עפּעס העלפן?

— גאָר ניכטס! — ענטפערט קלמן, וואָרעם קעגן לאָגיק קאָן ער נישט גיין.

און באותו רגע פאַלט אים איין אַ גליקלעכער געדאַנק: ער וועט איצט אַרויסנעמען דעם פאַס, אָוועקגעבן אים צו וויזירן און דעמאָלט, ווען ער וועט קומען מיט דער משפחה קיין וואַרשע, שוין צום אָפּפאָרן מיטן טראַנספּאָרט, וועט ער זיך אויסבאַרגן אויף אַ טאָג דעם וויזירטן פאַספאָרט און וועט זיך מעלדן אין פאַספאָרטן־אַמט, מען זאָל אַריינקלעפּן און

אָפּשטעמפּלען דאָס „פֿאָטאָגראַפֿיעלע". אויף אַזאַ קאָמבינאַציע קאָנען די באַאַמטע איינגיין און דער ענין ווערט דערליידיקט.

בשעת דער באַאַמטער פֿאַרטיקט אויס מיינע און קלמנס דאָקומענטן, זיץ איך מיט אים אין וואַרט־שטוב און מיר פֿאַרפֿירן אַ שמועס. איך קוק זיך צו, זע איך, אַז ער איז שוין אוודאי איבער די זעכציק. אַ קורץ־פּיסיקער און אַ געפּאַקטער, גלייך פֿון אויבן ביז אַראָפּ, ווי אַ קלאָץ. ער האָט אַ בלאָלעכע נאָז און בלאָע צעפּלאַצטע הענט פֿון אַ מאַרק־מענטש.

דער ייד איז קלוג און פּעסימיסטיש — אַ האַרבער רעטעך. מיר איז אינטערעסאַנט צו וויסן, פֿון וואַנען קומט צו אים אַ פּיצל קינד — בשעת ער וואָלט שוין געמעגט זיין אַ זיידע פֿון גרעסערע קינדער. שטעלט זיך אַרויס, אַז ער איז שוין פֿון לאַנג אַ זיידע. ער האָט צוויי חתונה־געהאַטע טעכטער אין ישראל און צו זיי פֿאָרט ער. איינע פֿון די טעכטער האָט שוין אַפֿילו פֿאַר אים צוגעגרייט אַ געשעפֿט. ער וועט האַלטן אין רמת־גן אַ בענזין־סטאַציע מיט אַ שותּף. די דאָזיקע טאָכטער האָט שוין אַ זון אין מיליטער און זי איז עלטער פֿון זיין צווייט ווייב מיט 10 יאָר...

אַ מעשה פֿון דער הייַנטיקער צייט און פֿון פֿאַרשידענע אַנדערע צייטן.

דער ייד איז געוואָרן אַן אַלמן פֿאַר דער מלחמה. ער איז אַנטלאָפֿן אין יאָר 1939 פֿון קאַליש קיין ראָוונע, אין 1941 ווייטער געלאָפֿן און פֿאַרלאָפֿן קיין פֿערגאַנאַ אין אוזבעקיסטאַן. די פֿרוי, מיט וועלכער ער האָט דאָרטן אין יאָר 1943 חתונה געהאַט, איז שוין אויך געווען אַן אלמנה. איר מאַן איז געשטאָרבן אין אַזיע אויף טיפֿוס און זי איז געבליבן הילפֿלאָז, שיר נישט אויסגעגאַנגען פֿון הונגער. זי איז דעמאָלט אַלט געווען 23 יאָר... קלמן האָט דאָרטן געהאַנדלט. ער האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין שטוב אַריין. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט — בקיצור... זי האָט מסכּים געווען מיט אים חתונה צו האָבן.

— זי האָט מיט מיר חתונה געהאַט? — פֿרעגט מיך דער ייד אַ רעטאָרישע שאלה — אירע צרות האָבן מיט מיר חתונה געהאַט...

איז וואָס זשע איצט דער מער, וואָס קלמן רעדט מיט אַזאַ טרויעריק פֿאַרטראַכטן פּנים וועגן דעם? פֿאַרוואָס הענגט ער אַראָפּ דעם קאָפּ און אַפֿילו די הענט הענגט ער אַראָפּ צווישן די קני? איך וויל אים נאָך עפּעס פֿרעגן, אָבער איך כאַפּ זיך צוריק.

— ס'פֿעלט איר ביי מיר עפּעס? — טראַכט ער אויף אַ קול. —

כ׳האָב נאָכן צוריקקומען קיין פוילן אָפּגענומען און פאַרקויפט אַ הויז. איך האָב ווידער געהאַט אַ געוועלב, אַ שטוב מיט כל־טוב. אַנגעטאָן גייט זי — אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן! זי האָט געוואָלט האָבן אַ קינד? — איצט האָט זי שוין אַ קינד.

די אויגן גיבן ביי אים אַ בליץ, ער טוט זיך אַ שטעל אויף און זעצט זיך צוריק אַנידער. אויף זיין פּנים טוט זיך אַ באַוויז אַ קורצער שמייכל.

— אַ יונגאַטש, ווי אַ גאָלד, אַן עבירה טאַקע, וואָס איך האָב נישט קיין פאָטאָגראַפיע, איר וואָלט אים געמעגט אָנקוקן.

— טאָ וואָס באַדאַרף זי נאָך? — פרעגט ער מיך ווידער אין אַ ווילע אַרום — בע־מע, ס׳טויג נישט...

זיין פּנים פאַרחושכט זיך צוריק. אַ וואָלקן רוקט זיך אָן אויף זיינע געדיכטע, נאָך גאַנץ שוואַרצע ברעמען. זיין האַרץ ווייטיקט. ער קאָן אויף דעם יונגן ווייבל נישט פאַראיבל האָבן און ער איז אויך נישט אומ־שטאַנד זיך אָפּזאָגן פון איר. עס איז איינע פון יענע מעשיות, וואָס שטענ־דיק און אומעטום... ביי אַלע פעלקער, אין אַלע שיכטן...

קלמן ווינאָקור שווייגט, שווייגט און פּלוצים פּלאַצט ער אַרויס:

— דאָרטן — דאָרט ווער אפשר זיין בעסער...

„דאָרטן" הייסט אין ישראל, ווו אויך דער איבער זעכציק יאָריקער מאַן פון אַ דרייסיקיאָריקער פרוי האָפט אָנצוהייבן אַ ניי לעבן.

— אָרעם לאַנד — טראַכט איך — וואָס יידן ווילן דיר אַלץ אָנ־הענגען! און דו וועסט אַלץ קאָנען פאַרענטפערן?

3. אַ הויז אויף סוכע

„עוד לא אבדה" פאַר די טויערן פון בעלוועדער

שוין אַריבער באַלד צוויי יאָר זינט יענעם פרימאָרגן, ווען דאָס ביסל יידן פון וואַרשע, און מיט זיי צוזאַמען דער ווייט־גרעסטער טייל פון די דעמאָלט נאָך קרוב אַכציק טויזנט יידן אין גאַנצן לאַנד, האָבן מיט אַזאַן אויפברויז פון רירונג און שטאָלץ אויפגענומען דאָס אָנקומען פון דעם ערשטן ישראל־געזאַנדטן קיין פוילן.

אָן שום צוגרייטונג פון וועלכער נישט איז זייט, איז דעמאָלט דאָס פאָרן פון דעם געזאַנדטן ישראל ברזילי אויפן „בעלוועדער", כדי איבערצוגעבן דעם פּרעזידענט פון דער פוילישער מלוכה זיינע באַגלויבונגס־בריוו, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער מאַניפעסטאַציע פון יידישע נאַציאָנאַלע געפילן.

פאַרן האָטעל „בריסטאָל" אויף קראָקעווער פאָרשטאָט, ווו ברזילי האָט געוווינט, האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם און געוואַרט ביז דער געזאַנדטער האָט זיך באַוויזן. ער האָט זיך אַריינגעזעצט צוזאַמען מיט זיין „סוויטע" אין אַן אויטאָ און איבער נאָווי־שוויאַט און אויאַזדאָווער אַלייען האָט ער זיך געלאָזט פאָרן צו דער רעזידענץ פון דעם מלוכה־פּרעזידענט. אַנדערע יידן זענען דעם אויטאָ פאַרלאָפן דעם וועג און שוין מיט אַ שעה פריער בלאָקירט דעם פלאַץ פאַרן בעלוועדער, כדי צו זען, ווי מען וועט דאָרט אַרויפציען אויפן מאַסט די יידישע פאָן. זיי האָבן געוואָלט הערן מיט די אייגענע אויערן, צי וועט מען דאָרט באמת אויפשפּילן דעם יידישן „עוד לא אבדה" געפּאָרט מיטן פּוילישן *.

אַפילו מענטשן, וואָס האָבן נישט ליב קיין עפנטלעכע פאַראַדן —

---

* אַ וואָרט־שפּיל. דער פּוילישער הימן, וואָס שטאַמט פון די נאַפּאָלעאָנישע צייטן, ווען די פּוילישע לעגיאָנען ביי דער נאַפּאָלעאָנישער אַרמיי האָבן געזאָלט אויסקעמפן די באַפרייאונג פון אונטערן צאַרישן יאָך און דאָס אויפשטעלן צוריק אַן אומאָפּהענגיקע פּוילישע מלוכה — הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: Jeszcze Polska nie zginęła — נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן.

האָבן געוויינט מיט אמתע טרערן, ווען זיי האָבן בלויז געהערט דערציילן, ווען דער יידישער שמחה אויף די גאַסן פאַרן „בריסטאָל" און „בעל־ווערער".

זיי האָבן געוויינט, וואָס זיי פרייען זיך... וואָס זיי, די קליינע רעשטן פון גרויסן שבט פּויליש יידנטום, איז באַשערט געווען צו דערלעבן אַזאַ מאָמענט...

זינט יענעם פרימאָרגן האָט די ישראל־געזאַנדשאַפט אין פּוילן באַוויזן צו ווערן אַ פאַקטאָר נישט נאָר אין דיפּלאָמאַטישן פאַרקער פון ישראל מיט דער פּוילישער מלוכה. זי איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון יידישן לעבן און גורל אין פּוילן, אַן אָביעקט פון האָפענונגען, וואַנדונגען.

פון די עטלעכע צימערן אין האָטעל „בריסטאָל", ווו עס האָט זיך געפונען אין דער ערשטער צייט די ישראל־געזאַנדשאַפט, האָבן זיך שוין די מיטגלידער פון „צירות" (דער נאָמען איז אַריין אין יידישע מיילער), צוזאַמען מיט זייערע אַמטן, איבערגעטראָגן אין באַזונדערע דירות, אַפילו אין באַזונדערע בנינים. אַזוי ווי אונדזער מלוכה איז אָבער אַ קליינע און וואַרשע איז אַן אָפּגעברענטע שטאָט, וואָס הייבט זיך ערשט אויף פון די חורבות, זענען אויך די בנינים קליינע און געננג ענגע.

דערפאַר קאָן מען אָבער דרייסט זאָגן, אַז אין קיין שום געזאַנדשאַפט פון אַ מעכטיקער מלוכה הערשט נישט אַזאַ אינטענסיווער פאַרקער ווי אין דער יידישער.

אַפילו ביי די שאָפערן פון די וואַרשעווער טעקסיס איז די ישראל־געזאַנדשאַפט אַ פּאָפּולערער אַדרעס. ווען אַ ייד פון דער פּראָווינץ זעצט זיך אַריין אין אַ טעקסי, און הייסט זיך פירן אין דער „פּאַלעסטינער אַמבאַסאַדע", וועט דער שאָפער נישט פרעגן אויף קיין גאַס. ער וועט בלויז פרעגן:

— אויף סוכאַ, צי אויף אורסינאָווסקאַ?

וואָרעם צו דעם אַלגעמיין באַקאַנטן אַדרעס פון סוכאַ 24, ווו עס געפינען זיך די אַמטן פון דער געזאַנדשאַפט און צו דעם אין די יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן באַוווסטן אַדרעס, אַלדאָני 22, אויף סאַסקאַ קעמפּאַ, ווו עס וווינט דער געזאַנדטער ברזילי און נאָך עטלעכע מיטגלידער פון דער ישראל־פאַרשטייערשאַפט — איז אין די האַרבסט־חדשים פון יאָר 1949 צוגעקומען דער אַדרעס פון דעם ישראל־קאָנסולאַט, וועלכן מען

האָט נאָך דער פאַראָרדענונג פון 1טן סעפּטעמבער 1949, וואָס האָט דערמעג־לעכט די עליה פון אַ גרעסערער צאָל יידן, אויפן סמך פון מוותר זיין אויף פּוילישער בירגערשאַפט — געמוזט איבערטראָגן באַזונדער.

אָן אַ גראַטשקע

ווען איך האָב צוגעזען דעם יידישן יריד אין פּוילישן אַדמיניסטראַציע־מיניסטעריום, בין איך געווען איבערצייגט, אַז אין ישראל־קאָנסולאַט מוז דער דאָזיקער יריד זיין נאָך גרעסער. יידן האָבן צו טון מיט יידן — מוזן זיי דאָך דאָרט פּשוט אָפּרייסן די באַאַמטע די קעפּ.

הייבט זיך נישט אָן! אויף אורסינאָווסקע גייט אַלץ צו שטיל, רואיק. די קאָלייקעס ווערן געהיט אָן ערנסטערע צוזאַמענשטויסן. איין מענטש נאָכן אַנדערן דערליידיקט זיין ענין, גייט אַוועק. דער סוד פון אָט דער רואיקייט איז אפשר קודם־כל דער פאַקט, וואָס אַהער קומען אָן די יידן מיטן פּאַס אין טאַש און ווייסן שוין, ווו זיי האַלטן אין דער וועלט.

אַ צווייטע סיבה — אַזוי האָט מיר ווער געגעבן צו פאַרשטיין — איז די, וואָס דאָ איז דער גאַנצער אַפּאַראַט איינגעשטעלט אויף יידישע באַ־דערפענישן, אויף יידישער מענטאַליטעט.

פאַרמעל גענומען דערליידיקט אַלע רייזע־עסקים — אויך די טראַנזיט־וויזעס — דאָס מלוכהשע רייזע־ביוראָ מיטן פאַרמלחמהדיקן נאָמען „אָר־ביס". דער „אָרביס" שטעלט צו די ספּעציעלע עמיגראַציע־צוגן, וואָס פאָרן פון פּוילן דירעקט ביז דעם ברעג פון מיטללענדישן ים אין איטאַליע — פריער צום פּאָרט באַרי, זינט יאַנואַר 1950 קיין ווענעציע. דער ישראל־קאָנסולאַט, אַחוץ וואָס ער גיט זיין וויזע אויפן דאָקומענט, שטעלט ער אויך צונויף די רשימות מענטשן צום טראַנספּאָרט; ער פאַר־נעמט זיך מיט זיין אינעווייניקסטער אָרגאַניזאַציע און אַחוץ דעם טראָגט ער פאַר אים די פינאַנסיעלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

דער נאָרמאַלער אָפּצאָל פאַר דער רייזע פון וואַרשע ביז ווענעציע מיט אַ שלאָף־וואַגאָן פון דריטן קלאַס און פון ווענעציע ביז חיפה מיט דער שיף, באַטרעפט פאַר אַ דערוואַקסענעם 50.000 און פאַר אַ קינד 25.000 זלאָטעס.

נאָכן באַקומען דעם רייזע־דאָקומענט קומט יעדער עולה אין קאָנסו־לאַט זיך רעגיסטרירן און באַקומט אַ צעטל צום „אָרביס", לויט וועלכן ער צאָלט דאָרט איין פאַר די רייזע־בילעטן. ער צאָלט די גאַנצע סומע, אָדער

אַ העלפט. די דיפערענץ, וואָס אַנטשטייט צוליב דער הנחה, דעקט דער קאָנסולאַט. (אין אויסנאַמפאַלן דעקט דער קאָנסולאַט דעם גאַנצן סכום).

אָבער נישט בלויז דערין באַשטייט די פינאַנסירונג פון דער רייזע. פאַראַן נאָך אַ צושטייער צו די רייזע־קאָסטן, וועלכן דער קאָנסולאַט דעקט פאַר יעדן עולה. וואָרעם נישט געקוקט אויף דער פיל־בוליקער סומע, וואָס עס צאָלט איין אַן עולים־משפּחה, ווען זי געניסט נישט פון קיין הנחה, האָט דאָס געלט אין די אינטערנאַציאָנאַלע קלירינג־חשבונות נישט קיין גרויסן באַטרעף און פאַר דער שטרעקע, וואָס דער טראַנספּאָרט פאָרט איבער פרעמדע טעריטאָריעס, צאָלט צו דער קאָנסולאַט אַ סכום, וואָס גלייכט אויס די דיפערענץ צווישן דער פּוילישער וואַלוטע און דער וואַלוטע פון די לענדער, איבער וועלכע עס פאָרט דער צוג. ספּעציעל טייער קאָסט די רייזע איבער דער ענגלישער און אַמעריקאַנער זאָנע פון עסטרייך און איבער איטאַליע. דאָרט מוז מען צאָלן אין דאָלאַרן.

כלל־טוער, מיוחסים, „משלחתן"

דאָס באַשטימען, וויפל ווער עס צאָלט — איז איינע פון די עיקר־טעמעס פאַר דינגעניש און קאָפּ־פאַרדרייעניש ביי די טישלעך פון די באַטרעפנדיקע רעפערענטן. ביי אַ טייל קאַנדידאַטן אויף הנחות איז עס אַ פראַגע נישט נאָר פון געלט, נאָר אויך פון פּרעסטיזש.

— סטייטש, — טענהן זיי — געאַרבעט פאַרן קרן־קימת, געקליבן געלט פאַרן קרן־היסוד...

און די „יידישע גזלנים", וואָס דעצידירן וועגן דער פראַגע, — אויב זיי קאָנען נישט אַריבער, מוזן זיי אַרונטער...

קיין אויספאָרשונגען וועגן איינעמס פינאַנסיעלן מצב קאָן די צירות נישט מאַכן. איידער די ציוניסטישע פּאַרטייען זענען געוואָרן אין פּוילן פאַרבאָטן, פלעגט מען זיך שטיצן אויף באַשטעטיקונגען פון ציוניסטישע אינסטאַנצן, שפּעטער פון דעם אַרבעטס־פּלאַץ, אָבער אויך דאָס איז קיין אָביעקטיווע קריטעריע נישט געווען.

פאַרשטייט זיך, אַז צווישן אַזויפיל מענטשן, וואָס פאָרן, טרעפן זיך אויך „גראַנדזיאַזשעס", „משלחתן", „אַנשיקעניש".

איינער אַ ייד, מיט זייער „אַרישע" וואָנסן, וואָס האָט זיך אויפגעפירט זייער „גרויס" אין די קולוואַרן פון פּאַספּאָרטן־אַמט, קומט אַהער אַנגעטון

מעשה „האַרעפּאַשניק״. די עסקנים פון קאָנסולאַט פאַלן אָבער נישט אַריין; זיין „אַרבעטס־באַשטעטיקונג״ ווערט באַלד געפּסלט.

ער דרייט מיט דער צונג, מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ ברוגזן און נעמט סוף כל סוף אַ צעטל צום „אַרביס״ אויף איינצוצאָלן די גאַנצע סומע. ער זעט אויס צו זיין פון די, וואָס ווילן זיך אין וועג איבער אייראָפּע פּרווון „אַפּרייסן״.

עליה־קיביצאַרניע

אין דער פּאַרשטוב אויף אורסינאָווסקיע, וואָס איז געווען רחבותדיק געבוּט אַלס האָל פון אַ פּריוואַט־ווילע און איז פיל צו ענג אַלס וואַרט־זאַל פון אַ ישראל־קאָנסולאַט — טרעפט מען שטענדיק אייגייערס פון דער צירות. דאָ איז בכלל אַ שטיקל קיביצאַרניע, ווו מען קאָן הערן די לעצטע נייעסן וועגן אָפּגעפּאַרענע טראַנספּאָרטן, וועגן דער פּראַקטיק פון די צאָל־באַאַמטע אויף דער גרענעץ און קודם כל די לעצטע וויצן וועגן דער עליה.

— צוויי שיפן האָבן זיך באַגעגנט אויפן ים — איינע איז געפאָרן פון פּוילן קיין ישראל, די צווייטע פון ישראל קיין פּוילן... דעם המשך ווייסט איר זיכער אַליין, ווייל איר זענט דאָך אויך געווען אויף אורסינאָווסקיע...

אָדער די מעשה פון יענעם יידן, וואָס האָט זיך צעשריגן אין אַ יידישן אַמט:

— צוויי טויזנט יאָר איז נישט געווען קיין מלוכה, האָט עס מיך גע־דאַרפט צו טרעפן?!

דעם גרעסטן דערפאָלג האָט אַ שפּאָגל־נייע ווערסיע פון דזשיגאַן־שומאַכערס אַ וויץ, וואָס איז דערגאַנגען קיין וואַרשע פון פּאַריז.

שומאַכער לויפט נאָך דזשיגאַנען מיט אַ מעסער און וויל אים דער־שטעכן. צום סוף האָט שוין נישט דזשיגאַן וווהין צו לויפן, אַ צוגעדריק־טער צו דער וואַנט הייבט ער זיך אָן צו בעטן:

— גזלן! וואָס האָב איך דיר געטון? פאַרוואָס ווילסטו מיך קוילען?

— נאָכוואָס האָסטו מיך אַהער געשלעפּט? — שרייט שומאַכער — (די מעשה קומט נאָטירלעך פאָר אין ישראל) — שוין דריי חדשים ווי איך זיץ דאָ און כ׳האָב נאָך נישט געגעסן קיין שטיקל פלייש!

— וואָס בין יעך שולדיק? — ענטפערט דזשיגאַן — יעך בין שול־דיק, וואָס די בהמות ווילן אַהער נישט פאָרן?!...

די מעשה וואַנדערט אַריבער פון דער קיביצאַרניע אויף אורסינאָוו־

סקיע אין די קיביצאַרניעס פון די קאָמיטעטן, ווו יידן וואַרטן אויף באַ־שטעטיקונגען, אַז זיי זענען רעגיסטרירט אַלס יידן. דאָ איז דער דערפאָלג פון דער מעשה נאָך גרעסער...

אויף אורסינאָווסקיע אין וואַרט־שטוב זעט מען היימישע בילדלעך. אַ ייד פון דער פּראָווינץ גייט אַרום און „דאַוונט פון פאַרנט". אַ צווייטער האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ רענצל טלית און תפילין. איך קוק זיך צו, ווי ער וויקלט די רצועות אויף זיין אַנטבלויזטן אָרעם. איך הער דאָס היימישע, אור־באַקאַנטע ברומען פון „שחרית", וואָס איך האָב שוין אַזוי־פיל יאָרן נישט געהערט. עפּעס טוט אַ ברי, אַ וואַרעם, ווי אַ גלעזל גוטער ווישניאַק פון טאַטע־מאַמעס שאַנק. עפּעס טוט אַ גלי אונטער די אויגן־לעפּלעך...

ביי דער טיר שטייט אין זיין גראַנאַטענעם דינסט־אַנצוג אַ פּוילישער וואַזשנע, וואָס האָט זיך שוין שטאַרק צוגעוווינט צו די יידישע העוויות. ער עפנט די טיר און טראָגט יעדן אַנטקעגן אַ גוטמוטיקן שמייכל. מיט 5־6 יאָר צוריק איז אפשר אַנדערש געווען, אָבער איצטער האָט ער זיך איבערצייגט, אַז יידן זענען בטבע נישט קיין קאַרגע מענטשן...

ביימער אונטער שניי

אין דרויסן איז ווינטער. די גאַס איז באַדעקט מיט אייז, די ביימער מיט שניי. דאָס איז דער ווילעס־קוואַרטאַל, וואָס עס האָבן פּאַר זיך אויפגעבויט די סאַנאַציע־גדולים מיט צוואַנציק יאָר צוריק. אויף די סקווערן שליטלען און גליטשן זיך די קינדער פון נייעם פּוילן.

ביימער אונטער שניי, היימישע שטימונגען. מיר לייענען די לעצטע בלעטלעך פון יידישן „עפּיזאָד" אויף פּוילישער ערד. דער עפּיזאָד האָט צו לאַנג געדויערט. דאָס עפּאָס איז איבערגעגאַנגען אין אַ דראַמע, די הויפּט־העלדן זענען אומגעקומען. דאָס וואָס איצט קומט פּאָר, איז שוין אייגנטלעך אַן עפּילאָג.

געל־גאָלדענע האַרבסט־בלעטער צוגעדעקט מיט שניי אויף די סקווערן פון אורסינאָווסקיע־גאַס.

4. מען גרייט די קופּערטן

וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט מיטנעמען

אַוועקגעגעבן דעם רייזע־דאָקומענט צום וויזירן — פּטור! אָבער פאַרן פאַרלאָזן פּוילן זענען נאָך פאַראַן אַ גאַנצע ריי ערטער, וווהין מען דאַרף אַריינקוקן.

אָט איז למשל פאַראַן אַן אַמט פון אויסלענדישער האַנדלס־רעגלאַ־מענטאַציע. דאָרטן גיט מען אָן בקשות וועגן מיטנעמען אַרבעטס־מכשירים, מאַשינען און כלערליי חפצים, וואָס זענען נישט אויסגערעכנט אין דער רשימה פון זאַכן, וועלכע ס'איז דערלויבט מיטצונעמען. פאַראַן אַן אָפּטייל פון בילדונגס־מיניסטעריום, אַן אָפּטייל פון מיניסטעריום פאַר קולטור און קונסט, וווהין עס מעלדן זיך מענטשן, וואָס ווילן אַרויספירן ביכער, כתב־ידן, בילדער, סקולפּטורן, — אויך טעפּיכער, טייערע וואַזעס, קרישטאָלן און פאַרשידענע אַנדערע קעגנשטאַנדן, וואָס קענען באַטראַכט ווערן אַלס קונסט־אָביעקטן. די מיניסטעריומס דאַרפן אַרויסגעבן באַשטעטיקונגען, אַז זיי האָבן נישט קיין באַוואָרענישן קעגן אַרויספירן אָט די און די געננוי אויסגערעכנטע, באַשריבענע, טיילמאָל אויך פאָטאָגראַפירטע זאַכן.

דאָס „פאַרצאָלן" די זאַכן אין אַן ענין פאַר זיך. עס רעדט זיך אַזוי: אַן ענין...

אַן ענין פאַר זיך זענען אויך די רשימות פון די געניצטע קעגנשטאַנדן, וואָס ווערן צוגעלאָזט צום אַרויספירן אַלס „איבערזידלונגס־זאַכן". די ערשטע רשימות זענען געווען זייער ברייטע. אַ היפּשער פּראָצענט עולים האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט אַזויפיל מינים זאַכן, ווי עס איז דערלויבט געווען מיטצונעמען.

די דאָזיקע „זאָרג" האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. אויפן מאַרק האָט זיך דערשפּירט אַ מאַנגל אין געוויסע סחורות, וואָס יידן האָבן אין מאַסן אָנגעהויבן אויפקויפן. ערגעץ־ווו האָט מען אויך ביי אַ פּאָר פאַר־מעגלעכע פאַרערס אַנטדעקט אין די מעבל, צי אין די „ליפּטן" — אויך

אין טעוועלעך פון איינגעבונדענע ביכער — אַ סכום „וויכע".* נאָך ערגעץ איז אַ ייד געפאַלן אויף דער „גאָלדענער" המצאה, מיטצונעמען אַנשטאָט זילבערנע, גאָלדענע לעפל־גאָפּל — פון אויבן אָפּגעזילבערטע...

זענען פּוילישע באַאַמטע געזעסן און האָבן זיך געמוטשעט, וואָס נעמט מען אַראָפּ — און אפשר האָבן זיי דערביי צוגעהאָלפן באַאַמטע יידן...

די רשימות זענען געוואָרן אַראָפּגעזעצט אויף אַ דריטל, אַ פינפטל.

דאָס אַרויסלאָזן מעבל־ליפטן איז אין גאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן. ספּעציעלע דערלויבענישן אויף מיטנעמען ספּעציעלע זאַכן איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער אַרויסצובאַקומען.

אַ צייט לאַנג איז נאָך — און מסתמא אויף אַ ווונק פון די העכערע אינסטאַנצן — אָנגעגאַנגען נעבן דער שטרענגער טעאָריע, אַ מילדע פּראַקטיק. בנוגע געוויסע קאַטעגאָריעס זאַכן, ווי למשל געשיר, וועש, גאַרדעראָב, האָבן די צאָל־פונקציאָנערן צוגעמאַכט אַן אויג, פּשוט קיין „טשוכעס" נישט געציילט.** דערנאָך האָט מען יאָ אָנגעהויבן ציילן, אַפילו אַרויפלייגן שטראָפן פאַר פּרווון אַרויסשמוגלען מער זאַכן, ווי עס איז דערלויבט.***

אויפשטייער צו דער חתונה מיט דער יידישער מדינה

אין יעדן ייד, וואָס האָט דערלאַנגט אַ בקשה וועגן אַן עמיגראַציע־פּאַספּאָרט קיין ישראל און נישט באַקומען אויף איר אין אַ קורצער צייט אַרום קיין אָפּזאָג, איז ווי אַריין אַ דיבוק פון איינקויפן און מאַכן זיך זאַכן.

אויף נישט איינעם פון די יידישע „נאַרטשאַזשעס", מיט אַן „אַרישן" פאַמיליען־נאָמען פאַרענדיקט אויף „סקי", וואָס איז נאָך געזעסן אויף

---

* פּאַפּיר־דאָלאַרן.

** דאָס וואָרט „טשוכעס" שטאַמט פון אָקופּאַציע־צייט, ווען עס האָבן זיך געפירט די אַקציעס קעגן יידן. נאָכן פאַרברענען פון געטאָ וואַרשע האָט זיך אין יאָר 1944 אַרומגעדרייט אויפן מאַרק אַ מאַסע געבויצטע זאַכן, וואָס זענען געוואָרן „אויסגעשאַברעוועט" אין פאַרלאָזענע דירות. אַלץ טעקסטילענע איז געוואָרן באַצייכנט מיט ביטול אַלס „טשוך", אַלס שמאַטע, ווייל עס איז געבליבן אָן אַ בעל־הבית.

*** די עליה פון יאָר 1957 האָט שוין ווידער געגאָסן פון אַ גרויסער מאָס ליבעראַליזם אין דעם זין, וואָס די עולים איז דערלויבט געוואָרן מיטצונעמען הויז־איינריכטונגען, מאַשינען, אַרבעטס־מכשירים און אַפילו סחורות אין באַדייטנדע קוואַנטומס. (רעד.)

אַ מלוכה־פּאָסטן, פּלעגט מען זאָגן: אַהאַ, ער איז שוין געכאַפּט אין דער מעשה — עס שטייט שוין ביי אים אַן אייזקאַסטן.

דאָס האָט געהייסן: „ער קוואַקעט שוין צו פאָרן קיין ישראל״.

וואָר'עם, אַז מען טראַכט נאָר בלויז וועגן פאָרן, הייבט זיך דאָס שוין אָן אויסצודריקן אין איינקויפן זאַכן. הײנט, ווער שמועסט, ווען מען האָט שוין באַקומען די באַשטעטיקונג!

מען באַשטעלט ביי שוסטערס שיך, מען נייט זיך קליידער, מאַנטלען, אַנצוגן; מען מאַכט זיך וועש, פּערזענלעכע און בעט־צייג; מען קויפט פּעדערן אויף נייע קישנס. פון פוכענע קאָלדרעס איז אָפּגערעדט! ווי אין אַמאָליקע יאָרן אַ יתומה, וואָס מען האָט פאַר איר צונויפגעמאַכט אויף נדן, איז פונדעסטוועגן נישט געגאַנגען צו דער חופּה אָן אַ זיידן קלייד — אַזוי וועט אַפילו דער אָרעמסטער ייד פון פּוילן נישט לאָזן זיך אין וועג אַריין קיין ישראל אָן אַ פוכענער קאָלדרע... מען קאָמבינירט, מען פּאַקט אַ מציאה אַ זעקל פּוך ביי אַ פּויער, מען האַנדלט איין „דאַמאַסט״ ביי עפּעס אַ פּריוואַטן פּאַרקויפער, מען נעמט אַריין דעם פּוילישן קאָלדרע־מאַכער אין שטוב אַריין, כדי עס זאָל קאָסטן ביליקער...

און אויב נישט פּוך, איז כאָטש שאָפּענע וואָל. מען „גרעמפּלט״, מען לויפט אַרום.

אַזוי האָט זיך געשטעלט דער שטייגער. מען וואַנדערט איבער מלוכה־שע וואַרן־הייזער, איבער די טעקסטיל־צענטראַלעס, איבער די געוועלבער פון די אַלגעמיינע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון.

די ווונדערבאַרע אַנדריכאָווער טישטעכער, סערוועטן, די כלערליי אַנ־דערע אויסאַרבעטונגען פון דער יונגער, וואָס אַ מאָל גרעסערער פּוילישער טעקסטיל־אינדוסטריע — האָבן אין די יידן זייערע געשווירענע מבינים און מאַסן־אָפּנעמער. אויב אין איין שטאָט פאַרפעלט עפּעס אַ סחורה פון די עליה־סחורות, לאָזן זיך מענטשן אַוועק נאָך איר אין אַנדערע שטעט.

עפּעס אַ יום־טובדיקע אויפגערוימטקייט איז פאַראַן אין דעם אַרומ־שמייען ערב עליה. די, וואָס האָבן נאָך נישט די זיכערקייט, אַז זיי וועלן קאָנען פאָרן, זענען מקנא די, וואָס יאָגן אַרום איבער די געשעפטן און איילן זיך, ווייל דער טערמין פון אָפּפאָרן דערנענטערט זיך.

נישט בלויז גשמיות...

אמת, דער גרויסער זשעסט פון עולה זיין אין דער יידישער מדינה

לאָדט זיך אויס אין מאַניפּולאַציעס מיט זאַכן. דאָך איז פאַראַן אין יידישן באַגאַזש אַ „סחורה", וואָס האָט אַ שייכות מיט רוחניות.

פּונקט ווי אין די טעקסטיל־געשעפטן פון לאָדזש און פון וואַרשע, אַזוי קאָן מען טרעפן די יידישע קונים אין די בוכהאַנדלונגען. מען זעט אַז מענטשן קומען אַריין מיט צעטלען, גיבן אויס עטלעכע טויזנט גילדן אויף ביכער — קאָן מען גלייך וויסן, אַז דאָס זענען פאַרערס קיין ישראל.

וואָס פאַראַ ביכער נעמען יידן מיט?

אין דער ערשטער ריי אויסגאַבן וועגן דער אָקופּאַציע־צייט, אין דער צווייטער ריי — פּאָך־ביכער. יונגע מענטשן, וואָס זענען בשעת דער מלחמה געווען אין ראַטנפאַרבאַנד און געלערנט אין רוסישע שולן, קויפן רוסישע האַנטביכער, די יסודותדיקע ווערק פון דער סאָציאַליס־טישער ליטעראַטור, אויך ווערק פון רוסישע קלאַסיקער. געוויסע ביכער ווערן באַלד נעלם, ווי נאָר זיי באַווייזן זיך אויפן ביכער־מאַרק.

מיט דער צייט איז אָבער אויך אויפן אַרויספירן ביכער אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַגרענעצונג. ביז יאַנואַר 1950 האָבן זיך די באַגרענעצונגען באַצויגן נאָר אויף פאַרמלחמהדיקע אויסגאַבן, וועלכע מען האָט געמעגט אַרויספירן נאָר אויפן סמך פון ספּעציעלע דערלויבענישן. פון יאַנואַר 1950 האָט מען אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש געמעגט מיטנעמען נישט מער, ווי 12 ביכער.

נישט געקוקט דערויף זענען געוויסע דיכטער, ווי למשל מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי — פון די נייערע טוּווים — אויך ווייטער געבליבן די שטענדיקע באַגלייטער פון דעם רוב עולים, אַפילו פון אַזעלכע, וועלכע האָבן זיצנדיק אין פּוילן קיין פּוילישע ביכער קיין סך נישט געלייענט.

ווי יידן וואָלטן וועלן מיטנעמען מיט זיך אַלס אָנדענק דעם סאַמע איידלסטן עקסטראַקט פון דער אַלטער היים אין דער געשטאַלט פון בענ־דער אַלטע און נייע פּאָעזיע.

מיעטשיסלאַוו יאַסטרון און אַדאַם מיצקעוויטש

אַ גאַר ספּעציעלן דערפאָלג האָט דערגרייכט ביי יידישע ביכער־קויפער אַ ווערק נישט פון נאָר וועגן אַדאַם מיצקעוויטש — די מיצקעוויטש־מאָנאָגראַפיע פון מיעטשיסלאַוו יאַסטרון.

דער זייער טאַלענטירטער דיכטער פון יידישן אָפּשטאַם, איז בשעת

דער אָקופּאַציע געווען אויף דער אַרישער זייט אין וואַרשע, באַקומען הילף פון דעם „ראַט צו העלפן יידן" און אין יאָר 1944 זיך באַטייליקט אין דער אונטערערדישער לידער־אַנטאָלאָגיע א. ט. „פונעם תהום", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם אונטערערדישן יידישן נאַציאָנאַל־קאָמי־טעט. נאָך דער מלחמה — אין דער ערשטער צייט פון די אַנטי־יידישע עקסצעסן — האָט יאַסטרון פאַרעפנטלעכט עטלעכע מוטיקע אַרטיקלען קעגן אַנטיסעמיטיזם. ער האָט דערמאָנט די האַלטונג פון פּוילישן המון בשעת דעם יידישן אויפשטאַנד און געוואָרן דערפאַר אַטאַקירט דורך אַ ריי קריפּטאָ־אַנטיסעמיטישע פּוילישע פּובליציסטן.

צום אָנהייב פון מיצקעוויטש־יאָר אין 1949 — איז דערשינען זיינס אַ גרויסע מיצקעוויטש־מאָנאָגראַפיע, אין וועלכער דער טיטאַן פון דער פּוילישער פּאָעזיע ווערט געוויזן אין אַ ניי היסטאָריש ליכט, צווישן אַנדערן אויך אין ליכט פון זיין התקרבות צום יידנטום.

און אָט דער דאָזיקער פּאָליאָ־באַנד מיט דעם אַזוי גוט באַקאַנטן מיצקעוויטש־פּאָרטרעט אויף דער הילע, האָט עס זוכה געווען צו אַן אויסערגעוויינלעכער פּאָפּולאַריטעט צווישן די יידן, וואָס פאָרן קיין ישראל. מען קאָן דרייסט זאָגן, אַז נישט ווייניקער ווי אַ דריטל עולים פון פּוילן פירן מיט אין זייער באַגאַזש יאַסטרונס בוך „מיצקעוויטש".

ווי מאָדנע זענען אַמאָל די וועגן, איבער וועלכע עס דאַרף וואַנדערן די אינספּיראַציע פון אַ דיכטער, וואָס ווערט געבוירן ביי יידן, כדי זיינע שאַפונגען זאָלן אָנקומען צוריק צום פאָלק!

אַ פּריץ מיט ווייסע וואָנצן

אין די אַמטן, ווו איך מאַך באַמיאונגען מיטצונעמען מיינע „וועלט־לעכע" ביכער און כתב־ידן, טרעף איך אָן אויף יידן למדנים, רבנים, וואָס וואַנדערן איבער די זעלבע אינסטאַנצן מיט רשימות פון ש"ס, מיט בקשות וועגן אַרויספירן ספרי־תורה.

ביים אָנגעבן אַ רשימה אָקופּאַציע־ביכער אין רעגלאַמענטאַציע־אַמט פאַר האַנדל מיט אויסלאַנד, טרעף איך אָן אויף אַ רעסאָרט־לייטער, וואָס איז געווען פאַרשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און אינטערעסירט זיך מיט דער אָקופּאַציע־ליטעראַטור. עס גייט אַוועק צווישן אונדז אַ ביב־ליאָגראַפיש געשפּרעך. מיר טיילן זיך מיט מיינונגען וועגן מחברים און ביכער. ממילא געניס איך שוין פון אַ „פּראָטעקציע" ביים לייטער און

איך באַקום אַן שוועריקייטן אַ באַשטעטיקונג אויף דער גאַנצער ביכער־רשימה און אַ דערלויבעניש מיטצונעמען מיין שרייב־מאַשין. מיר געזעגענען זיך ווי קאָמבאַטאַנטן פון איין פאַרגאַנגענהייט.

ביים באַזאָרגן אַ דערלויבעניש אויף מיטנעמען כתב־ידן און היסטאָרישע מאַטעריאַלן, לעב איך איבער שווערע מאָמענטן. אַזעלכע „אָביעקטן" זענען אין עמיגראַציע־אָפּמאַך צווישן פוילן און ישראל נישט געוואָרן פאָרויסגעזען... עס קומט מיר אויס אָנצושפּאַרן ביי דער העכסטער אינסטאַנץ.

אַן עלטערער הער מיט געדיכטע ברעמען און דיקע גראָע וואָנצן, אַ ווייסע טשופּרינע און גרויסע, בלויע אויגן... איך וועל דעם שמייכל פון די דאָזיקע אויגן קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ער זעט מיין צער, די סכנה פון טרערן, און הייסט מיר תיכף־ומיד דערליידיקן מיין בקשה אין אַלע פּרטים. ער געזעגנט מיך מיט אַ וויץ:

— ביי מיר איז גאָרנישט נישטאָ אומזיסט. איך אינטערעסיר זיך מיט די פעלקער פון נאָענטן מזרח, שיקט מיר צו פון ישראל אַ לערנבוך פון דער העברעישער שפּראַך.

— איין קלייניקייט, פּאַניע מיניסטזשע. שטעלט אייך פאָר, אַז איך קען נאָך אַליין נישט די שפּראַך.

איך שיק אים איבער דאָס האַנטבוך פון משה ראַט נאָך פּאָר מיין אַרויספאָרן פון פוילן.

און אויך דאָס איז עליה־שטייגער. אויך דאָס איז געזעגנונג מיטן פוילישן לאַנד.

5. די גענזעגענונגס־נסיעה

ווען דער זיידע מיט דער באָבע זענען געפֿאָרן קיין ארץ ישראל

ביי אונדז אין דער היים פלעגט מען דערציילן אַ מעשה, וויאַזוי מיין מאַמעס זיידע מיט דער באָבען זענען אויף די עלטערע יאָרן געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן שוין געהאַט אויסגעגעבן אַלע קינדער, פֿאַר־טיילט ביים לעבן די ירושה און פֿאָרן לאָזן זיך אין וועג אַריין, זענען זיי אַ גאַנץ יאָר אַרומגעפֿאָרן זיך געזעגענען מיט די קרובים און גוטע פריינט.

וואָס דאָס געזעגענען זיך האָט אַזוי לאַנג געדויערט, איז נישטאָ זיך וואָס צו חידושן. דער מאַמעס זיידע־באָבע האָבן געהאַט צען קינדער און אייניקלעך מיט אור־אייניקלעך האָבן זיי שוין צו יענער צייט געהאַט אפשר פופציק — אַלע צעשאָטן און צעשפּרייט אין די דערפער און שטעט־לעך פון גאַליציש־פּאָדאָליע.

זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין אין אַ נאָך פּסח און צו וועמען זיי זענען געקומען, האָבן זיי זיך אַ ביסל אָפּגעשטעלט. ביי איין זון זענען זיי געזעסן און געוואַרט אויף דער חתונה פון זיינעם אַ זון; ביי אַ צווייטן — אויף אַ ברית פון אַן אייניקל. אויף איין אָרט האָבן זיי גע־האַלטן שבת און אויף אַ צווייטן געבליבן איבער שבועות — געגעסן מילכיקע קנישעס און קרעפּלעך מיט קעז, געמאַכט אַ „שהחינו" איבער די ערשטע קאַרשן. נאָך שבועות פֿאַלט אויס דער „איוואַן" אין לאַשקעוויץ — דער „ווידפּוסט" מיטן גרויסן יאַר־יריד — זענען זיי פֿאַרפֿאָרן אַהין צו אַ שוועגערין אַן אלמנה, וואָס האָט געהאַלטן אַן אַריינפֿאָר־הויז נעבן דער בריק אויפֿן סערעט. זיי זענען ביי איר געבליבן ביז איבערן יאַר־יריד — זיך געזען און געזעגנט מיט אַ וועלט. דער זיידע איז זיך יעדן טאָג אַרויסגעגאַנגען אויף דער טאַרגאָוויצע, געזאָגט מבינות אויף פערד און אויף רינדער; דערנאָך אַרומשפּאַצירט מיט דער באָבען צווישן די בוידן, ווו גויים האָבן איינגעקויפט גלעקער פאַר קלויסטערס און יידן זילבערנע

לייכטער, לעפל־גאָפּל, חתונה־מלבושים אויף אַ גאַנץ לעבן. קינדער האָבן דאָ צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געזען אַ „קאָמעדיע" און דער זיידע מיט דער באָבען האָבן זיך דאָ — נאָך אַ וויכוח פון יאָרן — צום ערשטן מאָל אין לעבן געלאָזט פאָטאָגראַפירן, כדי עס זאָל פאַרבלייבן פון זיי אַ בילד פאַר קינדער און קינדס־קינדער.

סוף זומער, ווען אין די סעדער האָט געגנומען רייף ווערן די שפע און די נעכט זענען געוואָרן קילער, זענען זיידע־באָבע אָנגעקומען קיין זאַר־וואַניצע צום „ווידפּוסט", וואָרעם אַפילו די בעטלערס און די קאַליקעס, וואָס זענען זיך אַהער צונויפגעקומען פון גאַנצן לאַנד, האָט דער זיידע געקענט, יעדן איינעם מיט זיין ניגון און זיין פּזמון; אויך זיי געוואָלט נאָך איינמאָל זען פאַרן אָפּשייד.

אַ וואָך נאָך „ספּאס" האָבן זיך די אַלטע לייט געמוזט אָפּשטעלן אין אַ דאָרף ביים דניעסטער, ווייל די קליאַטשע, מיט וועלכער זיי זענען געפאָרן, איז זיי אונטערוועגנס געלעגן געוואָרן. דערנאָך איז מיט זיי אין ווייטערדיקן וועג מיטגעלאָפן נעבן פערד און וואָגן אַ קליין לאַשיקל.

אויף ימים־נוראים האָבן זיך זיידע־באָבע געצויגן קיין בילטש, אין דעם גרויסן דאָרף, ווו דער באָבעס טאַטע האָט מיט דער גנאָד פון פּירשט סאַפּיעהאַ געהאַט אויפגעשטעלט אַ קלויז. דאָרטן האָבן זיי אין זייער ערשטער צייט געגעסן קעסט, די ערשטע קינדער אויף דער וועלט גע־בראַכט. דאָרטן האָט נאָך געלעבט דער באָבעס עלטסטער ברודער — דער פעטער מאָטיע — און דאָרט האָט זיך דער זיידע געשטעלט דאַווענען נאָך איין מאָל פאַר די דאָרפס־יידן, ראש־השנה און יום־כיפור, פאַרן עמוד.

עס זענען אָנגעקומען די חשוונדיקע קורצע טעג, די לאַנגע נעכט. די גרויסע רעגנס און די בלאָטעס. האָבן זיך די אַלטע לייט אַ ביסל אָפּגערוט איבער דער צייט ביי דער יינגסטער טאָכטער, דער מיזינקע, אין פּראָ־בוזשנע. עס איז געווען די צייט, ווען מען האָט אויסגעלאָזט שמאַלץ אויף פסח. האָט מען געגעסן פליישיקע קנישעס מיט גריוון און געוואַרעמט זיך די ביינער ביי דער אָנגעהייצטער הרובע. חנוכה־צייט האָט דער זיידע מיט די אייניקלעך געשפּילט אין „באַלאַנטש", געטיילט חנוכה־געלט; געוואָרט די בלאָטע זאָל פאַרפרוירן ווערן, עס זאָל אויספאַלן אַ שניי, צו פאָרן אין ווייטערדיקן וועג מיט אַ שליטן. די באָבע האָט אָנגעטון איר פייען פוטער נאָך פון דער חתונה, דער זיידע האָט אַרויפגעצויגן אויפן לייב־פוטער אַ שעפּסענעם טולופּ מיט אַ גרויסן קאָלנער, אַרויפגעצויגן דאָס

פּערזיאַנער קוטשמעלע איבער דער יאַרמלקע און אויסגעזען ווי אַן אַלטער פּריץ פון דער געגנט.

בשעת די גרויסע פּרעסט אין חודש שבט, האָבן זיי זיך ווידער אָפּגעשטעלט אויף העכער אַ וואָך ביים יינגסטן אייניקל פון עלטסטן זון, געוואַרט דער פּראָסט זאָל נאָכלאָזן.

קעגן פּורים האָבן זיי פאַרענדיקט די נסיעה. דער זיידע איז אַריינ־געפאָרן אויף אַ שבת צום הוסיאַטינער רבין. די לעצטע וואָכן האָבן זיי פאַרבראַכט אין לאַנאָוויץ אין אייגענעם הויז, וווּ עס איז געבליבן אַלס יורש און בעל־הבית דער יינגסטער זון. ערשט נאָך פּסח זענען זיי — אַרויס־באַגלייטע דורכן גאַנצן דאָרף גויים און יידן — אַוועק מיט אָקס קיין טאַרנאָפּאָל. פון דאָרט איז שוין דעמאָלט געגאַנגען אַ באַן, מיט וועלכער זיי זענען אַוועקגעפאָרן קיין טריעסט, צו דער שיף.

און דאָס איז די מעשה פון דער געזעגענונגס־נסיעה פון מיין מאַמעס זיידע־באָבע אין יענע צייטן, ווען גאַליציע האָט געהערט צו עסטרייך־אונגאַרן און איבער דער מדינה האָט העכער 50 יאָר געקיניגט אין שלום און שלווה דער קעניג און קייזער, וואָס די יידן האָבן אים גערופן פראַים יאָסל.

מיט דריי דורות שפּעטער

דור הולך ודור בא — פון דעמאָלט אָן זענען אַוועק דריי דורות. מיין עלטער־זיידע מיט דער עלטער־באָבע האָבן זיך געהאַט מיט וועמען צו געזעגענען, ווען זיי זענען געפאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי דאָרט אויסצו־שפּינען די לעצטע פּרשה פון זייערע געבענטשטע טעג. זיי האָבן אויך פאַרמאָגט דערצו די שלווה און מנוחה. עס זענען אָבער אַוועק די יאָרן און צו יעדער יידישער שלווה און מנוחה איז אַ סוף געקומען.

פון דעם ברייט פאַרצווייגטן שטאַם זענען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרבליבן צוויי אור־אייניקלעך אין פראַנקרייך און איינס אין איטאַליע; אין פּוילן האָבן זיך געראַטעוועט בלויז פינף נפשות, גליד־געשוועסטערקינדער. אין דאָרף לאַנאָוויץ, וווּ דער שטאַם האָט געוואָרצלט, האָבן די דייטשן און אוקראַינער אויסגעהרגעט אַלע מומעס און די פעטערס מיט זייערע קינדער און קינדס־קינדער פון דער מאַמעס צד. אין טשאָרט־קאָוו און אין אָזיעראַן, אין מילניצע און אין קריוועטש, זענען געוואָרן אויס־

געמאָרדעט אַלע נענטערע און ווייטערע קרובים פון דעם טאַטנס צד. גאָר די נאָענטסטע זענען געוואָרן אומגעבראַכט אין לעמבערג.

פון מיין טאַטע־מאַמעס הויז בין איך די סאַמע לעצטע. בעת איך האָב זיך אָנהייב 1950 געגרייט אין וועג אַריין קיין ישראל, האָב איך שוין נישט געהאַט מיט וועמען צו פאָרן זיך געזעגענען פון מיין משפחה.

און דאָך בין איך געפאָרן זיך געזעגענען מיט עמעצן פון טאַטע־מאַמעס דאָרף, ווי איך וואָלט צום לעצטן מאָל אויף קבר אבות געפאָרן אין מיין פאַרלענדטער היים.

ראַכעלאַ און אַניעלאַ

עטלעכע צענדליק פּוילישע משפחות האָבן געלעבט אין אוקראַינישן דאָרף לאַנאָוויץ ביים טייך ניטשלאַווע, וואָס פאַלט אַריין אין דניעסטער. דער קאָוואַל שטשעפּאַן דאָברוצקי איז געווען אונדזער נאָענטסטער שכן. ער האָט געהאַט אַכט קינדער. מיין ברודער און איך (מיר זענען געווען בלויז צוויי) האָבן זיך מיט זיי געשפּילט, געחברט, געהאַט צווישן זיי די ערשטע פריינט און אומפריינט — די פּראָטאָטיפּן פון אַלע שפּעטערע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס פון גאַנצן לעבן. אויך אונדזערע עלטערן האָבן אָנגעהאַלטן גוט־שכנישע באַציאונגען. די פאַרשידנקייטן פון רעליגיע, מנהגים, נאַציאָנאַליטעט, האָבן געהאַט זייער פעסטע ראָם און האָבן נישט געשטערט אין די באַציאונגען, וואָס זענען אויך פון זייער פאָרויס־באַשטימטער ראָם קיינמאָל נישט אַרויס.

בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און די דריי יאָר רוסישע אָקופּאַציע, האָבן די דאָברוצקיס, אין טעג פון קאָזאַקישע איבערפאַלן, רויבע־רייען — אויסבאַהאַלטן אונדז און אונדזערע זאַכן. צוזאַמען האָט מען איבערגעלעבט די „ריקצוגן" און די „באַפרייאונגען". פאַר אונדז קינדער איז דאָס געווען אַ וווּנדערבאַר־ראָמאַנטישע צייט — די צייט פון אונדזער ערשטן אויפּבלי.

נאָך דער מלחמה האָבן ביידע משפחות פאַרלאָזט דאָס דאָרף. די עלטערן זענען געשטאָרבן. די קינדער פון ביידע משפחות האָבן נאָך אַ שטיק צייט אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט; ער איז געוואָרן וואָס אַ מאָל לויזער. ביז עס איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה, די יאָרן פון דער אויסראָטונג. יידן האָבן געפּרוווט זיך ראַטעווען צווישן פּאָליאַקן. און אָט איז געקומען אַ מאָמענט זיך צו דערמאָנען וועגן די אַמאָליקע פּוילישע שכנים. ווען איך

בין אין יאָר 1943 אַרויסגעגאַנגען פון וואַרשעווער געטאָ אויף דער „אַרישער זייט" און געדאַרפט זיך צוקלויבן אַ נאָמען, האָב איך נישט לאַנג געטראַכט. מיין נאָענטסטע חברטע צווישן די שוועסטער דאַברוצקיס האָט געהייסן וולאַדזיאַ, אָבער דער דריי־זילביקער נאָמען פון איר יינגסטער שוועסטער אַניעלאַ איז אַ סך בעסער געווען צוגעפּאַסט פאַר מיר. די זעלבע דריי וואָקאַלן א—ע—א: אַניעלאַ — ראַכעלאַ. אַט אַזוי האָט זיך אין אַ געוויסן ערב־פּרילינג טאָג פון פערטן מלחמה־יאָר באַוויזן אויף די גאַסן פון וואַרשע אַן אָרעמע פּריצהטע מיטן נאָמען אַניעלאַ דאַברוצקאַ.

דער נאָמען האָט מיר געבראַכט גליק. איך האָב זיך אין געדאַנק אַדאָפּטירט צו דער משפחה דאַברוצקי. איך האָב מיטגענומען מיט מיר אויף דער פּוילישער זייט די פאַמיליען־פאָטאָגראַפיעס פון די דאַברוצקיס און פלעג זיי ווייזן אַלס מיינע. פאַקטן פון זייער משפחה־כראָניק פלעג איך אָנגעבן אַלס מיין אייגענע פאַרגאַנגענהייט. איך האָב געוווּסט ווער איך בין; איך האָב גאָרנישט געדאַרפט אויסטראַכטן. צוליב מיין פאַרברענגען אַלס קינד אין דער סביבה פון די פּוילישע שכנים, בין איך געווען באַ־האַוונט מיט קריסטלעכע מנהגים, געקאָנט אויסנווייניק פּוילישע תּפילות, פּאַטריאָטישע לידער פון פאַרן צוריקגעווינען די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע זענען אָט די לידער אויפסניי געוואָרן אַזוי זייער אַקטועל.

פאַן יאַן

די מלחמה האָט זיך געענדיקט. סוף 1948 האָט זיך באַוויזן אין אַ פּוילישער צייטונג אַ נאָטיץ וועגן אַ רעפעראַט פון רחל אויערבאַך אין אַ יידישן קלוב אין וואַרשע. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז אָנגעקומען צו מיר אַ בריוו פון גניעזנאָ. יאַן דאַברוצקי, דער ראש פון דער משפּחה האָט אָנגעפרעגט דורך דער פאַרמיטלונג פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, צי רחל אויערבאַך איז נישט אַמאָל „די זעלבע" — חנינאַס טאָכטער פון לאַנאָוויץ. מיט אַ וואָך שפּעטער איז ער שוין געווען מיין גאַסט אין לאָדזש. אַ טאָג מיט אַ נאַכט איז מען געזעסן און מען האָט דערציילט אַנאַנד, וואָס מען האָט איבערגעלעבט. אויך דאָס פּוילישע צד האָט גענוג מיטגעמאַכט. יאַן מיט זיינע נאָענטע איז געוואָרן פאַרטריבן דורך די דייטשן פון פּויזנער קאַנט און ער אַליין איז נאָר על פּי נס ניצול געוואָרן פון די עקזעקוציעס, וואָס זענען געוואָרן אויסגעפירט אויף פּוילישע קאַלאָניסטן פון די געווע־

זענע „דייטשע“ געביטן. איין ברודער און איין שוועסטערס מאַן זענען אומגעקומען. געוועזן אויך נאַטירלעכע טויט־פאַלן. דאָך איז די משפּחה געבליבן אַ משפּחה. זיי האָבן זיך רעפּאַטריאירט קיין מעריב־פּוילן, זיך קאָנצענטרירט אין געגנט פון גניעזנאָ.

אין אונדזער געשפּרעך זענען מיר אויך אַריבערגעגאַנגען צום אַמאָל. זינט איך שרייב — שרייב איך אַ ראָמאַן וועגן לאַנאָוויץ. עס פעלן מיר נאָך אַ ריי געשטאַלטן. געוועזן אין לאַנאָוויץ אַזאַ ייד, אַ שם דבר — יאַנטשע פייערשטיין. ער איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע איידער איך בין אויף דער וועלט געקומען. איך ווייס וועגן אים בלויז פון די מעשׂות און אַנעקדאָטן, וואָס מען האָט דערציילט וועגן אים, און זיין געשטאַלט האָט מיך תמיד פאַסצינירט. יאַן האָט אים נאָך געקאַנט. ער רופט אים „יאַנטשוק“. ער האָט זיך געחברט מיט זיינע זין. ער דערציילט מיר אַלץ וועגן זיין יחוס און וועגן זיין אויסטערלישן כאַראַקטער. יאַן האָט קיינמאָל וועגן קיין ראָמאַן נישט געטראַכט, אָבער די אַלטע וועלט לעבט אין זיין זכרון, אין זיין געמיט. פאַרן אָפּפאָר נעמט ער ביי מיר דאָס וואָרט, אַז איידער איך וועל פאַרלאָזן פּוילן, וועל איך קומען זיך זען און געזעגענען מיט די אַנדערע משפּחה־מיטגלידער.

יאַן דאָברוצקי איז מיט אַ היפּש ביסל יאָרן עלטער פון מיר. ווען איך האָב אָנגעהויבן גיין אין שול אַריין, איז ער שוין געוועזן אַ לערער אין דער פאָלקס־שול. ער האָט דער ערשטער מיר געוויזן אַ צורת אות. איך „הערץ“ אים און ער זאָגט מיר „דו“. ער איז פון די געציילטע מענטשן אויף דער וועלט, וואָס האָבן געקענט מיינע טאַטע־מאַמע, מיין היים. זיין בקשה קאָן איך נישט אָפּזאָגן, און דריי וואָכן פאַרן אַרויספאָרן פון פּוילן לאָז איך זיך אַרויס אין וועג אַריין.

דאָס הערלעך־שיינע פּאָדאָליער דאָרף, פון וועלכן מיר שטאַמען, איז אין דער היטלער־תּקופה אויף אַ מוראדיקן אופן צעשטערט געוואָרן. די יידן — דער רוב פון זיי מיינע קרובים — זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין נאָענטן שטעטל אָזיעראַן און פון דאָרט אַרויסגעפירט קיין בעלזשעץ. אַ טייל פון זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. דער רוב פון די, וואָס האָבן זיך נאָך דער ליקווידאַציע פון אָזיעראַנער געטאָ געפּרוווט אויסבאַהאַלטן אין לאַנאָוויץ, זענען געוואָרן אויסגעליפערט דורך די אָר־טיקע אוקראַאינער. די פּאָליאַקן פון דאָרף, אַ פּאָר הונדערט נפשות, זענען דורך די אוקראַאינישע באַנדעס געוואָרן אויסגעשאָסן און פאַרברענט מיט

די שטיבער או ווירטשאַפטן צוזאַמען. אַפילו די בהמות האָט מען נישט געלאָזט אַנטלויפן פון פייער... נאָכן צוריקקומען פון די סאָוויעטן זענען אַ טייל פון די אוקראַאינער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די מאָרדן, געוואָרן באַשטראָפט, פאַרשיקט. דאָרט איז פאַר מיר אַלץ טויט.

און דאָך זענען די אַמאָליקע פרייַנטלעכע באַציאונגען צווישן מענטשן פון פאַרשידענע נאַציעס נישט אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן. ווען איך קום צו די סאַמע נאָענטסטע קרובים מיינע, וואָלטן זיי מיך נישט געקאָנט אויפנעמען מיט מער ליבשאַפט, ווי עס נעמען מיך אויף, פאַר מיין אָפּפאָרן קיין ישראל, די אַמאָליקע פּוילישע שכנים — די יורשים פון שטשעפּאַן און דאָמיצעלאַ דאָברוצקאַ פון דאָרף לאַנאָוויץ.

אין גניעזנאָ

איך פאָר אַרויס אין פאַרלעצטן אָוונט פאַר ניי־יאָר. ביז איצט איז געווען אַ לינד וועטער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז היינטיקס יאָר וועט בכלל קיין אמתער ווינטער נישט זיין. ווי איך קום אָן קיין גניעזנא ליגט שוין אויף די גאַסן אַ פרישׁ, איבער דער נאַכט אויסגעפאַלענער שניי. קעגן נאַכט נעמט אַ פראָסט און די שטאָט צעשימערט זיך אין אַ יום־טובדיקן גלאַנץ. איך האָב גערעכנט דאָ צו בלייבן בלויז אַ האַלבן טאָג, באַלד אַריינ־פאָרן קיין סוכארי זען די אַנדערע משפחה־מיטגלידער, אָבער דער פאַן יאַן פסקנט אַנדערש. איך מוז בלייבן נעכטיקן אין גניעזנא, באַזוכן די קאַטעדרע, וווּ מען פלעגט קרוינען די פּוילישע קעניגן; זיך נענטער באַקענען מיט זיין צווייטער פרוי, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט נאָך דער מלחמה, אויך מיט דער אלמנה פון זיין אומגעקומענעם ברודער, מיט אירע צוויי אונטערגעוואַקסענע קינדער, וועלכע ער, דער קינדערלאָזער יאַן, האַלט ביי זיך.

אויף צו מאָרגנס געפינט איין פאַני מיכאַלינאַ, אַז איך בין צו לייכט אָנגעטון פאַר דעם פראָסט, וואָס האָט זיך אינצווישן געשטעלט. זי פּוצט מיך אויס אין אירע אַ פאָר „קאַפּצעס" מיט טוכענע כאַליעוועס און אין אַ פוטערנער קאַפּוזע, אין וועלכער איך באַקום איבער אַ נייס דאָס אויסזען פון אַן אמתער פּוילישער אַניעלאַ. דער פאַן יאַן טוט אָן אַ „שוויטקע" מיט אַ קאַראַקולן קוטשמעלע און פאָרט מיט מיר מיטן שמאָלרעלסיקן באַנדעלע קיין סוכארי.

מיר קומען אָן קיין סוכאַרי אַרום 12. די ווירטשאַפט איז אַ גרויסע. פאַראַן זיבן קי, עטלעכע קעלבלעך, אַ כליעוו מיט חזירים, אַ הויף מיט הינער און גענדז, צוויי פּאָר פערד. עס אַרבעט דעם טאָג אַ דרעש־מאַשין. פאַרזאַמלען זיך און שמועסן געמיטלעך וועט מען קאָנען ערשט אין אָוונט.

דער בעל הבית און ראש פון דער משפחה איז דאָ דער עטלעכע־און־דרייסיק־יאָריקער פראַנעק, אַ זון פון יאַנס עלטסטער שוועסטער פּאָלוניאַ. פּאָלוניאַ איז געבליבן אַן אלמנה; זי לעבט ביים זון. פראַנעק און זיין פרוי מאַרטאַ האָבן דריי קינדער.

איך קוק זיך צו צו די קינדער און איך לעב איבער אַ מאָדנע געפיל. דאָס זעלבע געפיל האָב איך שוין געהאַט אין גניעזנאָ, בשעת איך האָב געזען די צוויי זין און די טאָכטער פון דעם אומגעקומענעם פילקע. סיי דאָ, סיי דאָרט איז מיר די מאַמע פון די קינדער פרעמד און אומבאַקאַנט, אָבער נישט די קינדער! פראַנעקס קליינע זין זענען מיר אפשר היימישער און נאָענטער פון אים גופא, אַ געעלטערטן און אָוועקגעוואַקסענעם אין משך פון די יאָרן, וואָס איך האָב אים נישט געזען, אין דער ריכטונג פון זיין פאָטערס שטאַם. די קינדער פון ביידע משפחות זעען אָבער אויס כמעט פּונקט אַזוי, ווי זייערע מומעס און פעטערס האָבן אויסגעזען ד ע מ אָ ל ט.

דעמאָלט, מיט אַ פינף און דרייסיק יאָר צוריק, ווען איך האָב מיט זיי צוזאַמען געקלעטערט אויף די ביימער, זיך געבאָדן אין דער ניטשלאווע און אַרומגעלאָפן אַ באָרוועסע איבער אַ ליכטיקער וועלט.

פּאָלוניאַ, די באָבע פון די קינדער אין סוכאַרי, זעט איצט אויס, ווי עס האָט דעמאָלט אויסגעזען די טייערע אַלטע „דאָברוצקין" — איר מאַמע. און איך זע אַוודאי אויס אַזוי ווי ז י האָט פאַרגעדענקט מ י י ן מאַמען, וועלכע איז געשטאָרבן נאָך אין לאַנאָוויץ. זי געדענקט מיין מאַמעס עצות בנוגע קאָכן און באַקן, אירע היימישע רפואות. זי קוקט אויף מיר און הייבט אויף פון צייט צו צייט אַ שפּיץ פאַרטעך צו די אויגן. זי איז סאַמע האַרץ — מאַמע און באָבע — און מיט אַ טייל פון איר האַרץ באַשענקט זי אויך מיך, דעם זכר פון מיין מאַמען און פון מיין יונג פאַרשטאָרבענעם ברודער — דעם טראַגישן גורל פון מיין ברודערס קינדער, הגם זי האָט זיי קיינמאָל נישט געזען. זי איז טיף גערירט דערפון, וואָס איך בין אין

מיטן פּאַקן זיך אין וויטן וועג אַריין, געקומען פון צווייטן עק פּוילן דער־פילן איר וווּנטש מיך נאָך איין מאָל אין לעבן צו זען.

— אַ גוטע פרוי, אַ גוטער מענטש געווען די כאַינעכע, דיין מאַמע — חזרט איבער פון צייט צו צייט פּאַלוניאַ. ביי איר האָבן די מענטשן נאָך ביז איצט נישט אויפגעהערט צו טיילן זיך אויף גוטע און אויף שלעכטע.

און צי האָט דען באמת דער דאָזיקער חילוק אויפגעהערט צו זיין דער סאַמע וויכטיקער?

אויף מיטאָג קאָכט פּאַלוניאַ אַ יום־טובדיק מאכל פון אונדזער דאָרף, וואָס יידן פלעגן דאָס קאָכן לכבוד ראש־חודש — וואַרעניקעס מיט הרעטשענער קאַשע און מיט קעז. אויף וועטשערע קאָכט זי דאָס באַליבטע מאכל פון מיינע קינדער־יאָרן — קולעשע מיט מילך. זיי האָדעווען מיך אַ גאַנצן טאָג מיט עפּל און באַרן, וואָס מען ברענגט אַרויף פון קעלער און מען האָט זיי פון דעם אייגענעם סאָד. זיי פּאַקן מיר אָן אַ פול רענצל מיט ניס, כדי איך זאָל האָבן אויפן וועג קיין לאָדזש, אָבער דער עיקר — אויף דער גרויסער רייזע „אַהין" — אין הייליקן לאַנד.

און ווייל זיי ווייסן, אַז איך האָב נישט קיין קינד און קיין רינד, זענען זיי אַלע נאָך ווייכער און נאָך מער צערטלעך צו מיר. זיי הייצן אויס אַ צימער און איך הער קנאַקן אין אויוון די הילצערנע שטשאַפּעס. פּאַלוניע ברענגט מיר צום איינדעקן די פיס אירן אַ פוכיקן שאַל און זעצט זיך אַוועק אויפן ראַנד פונעם בעט. אין שטוב שמעקט מיט עפּל, מיט גע־טרוקנטע שוואָמען, וואָס הענגען אין קרענצלעך אונטערן סופיט. עס גייט אַוועק די דריטע, צי אפשר שוין די פערטע סדרה דערמאָנונגען. פּאַלוניאַ געדענקט אַזוי גענוי פאַרשידענע זאַכן. אַלע ווילע קומט אַ זיפץ מיט אַ טרער און אָט איז ווידער אונדזער ביידנס געלעכטער פון עפּעס אַן אַמאָליקן טיפּ פון אונדזער דאָרף. זי געדענקט די נעמען און אויך די צונעמען פון די גויים און די יידן, וואָס איך האָב נישט איינמאָל אומזיסט זיך געפּרוווט דערמאָנען אין שייכות מיט מיין ראָמאַן.

איך ווער אַנטשלאָפן מיטן נאָמען פון אַ דאָרפישער יתומה, אַ לונאַ־טישע פּאַסטושקע פון געגנדז, וואָס פלעגט אין לבנה־נעכט שפּאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט איבער דעכער, איבער פּלויטן. ביז עס האָט זי איינמאָל ווער אויפגעוועקט בשעתן נאַכט־וואַנדל און זי איז אַראָפּגעפאַלן און האָט זיך דערהרגעט.

זי האָט געהייסן, ווי פּאָלוניעס יינגסטע שוועסטער — ווי איך האָב געהייסן אַ צייט לאַנג — אַניעלאַ...

גאַנץ פרי דערלאַנגט מען מיר פריש געפּראַזשעטע מילך און מען דערלאַנגט מיר אין בעט אַריין נאָך עפּעס אומענדלעך זיסערס און פרי־שערס: די פיר־יאָריקע מיזינקע פראַנעקס — סטאַשיע.

נישט סטאַשיע, נישט אירע ברידערלעך האָבן שוין אין זייער לעבן קיין יידן נישט געזען און זיי ווייסן זיך נישט צו חידושן, וואָס איך בין צו זיי צו גאַסט געקומען. איך בין ביי סטאַשיען אַ „טשיאָטשיע", גלייך מיט אַלע „טשיאָטשיעס".

פּאָלוניאַ איז היינט אויפגעשטאַנען נאָך פריער, ווי אַלע טאָג, כדי ווידער אָפּצושפּאָרן אַ ביסל צייט פאַר מיר. זי אַרבעט שווער. זי וויל פאַרשוינען די שנור, פאַרהיטן דעם זון, צופרידנשטעלן די אייניקלעך — כל זמן זי לעבט. איר גאַנץ לעבן איז אַ ליבעס־דינסט, אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַ גאָטעס־דינסט. די מלחמה, די שרעקלעכע אכזריות, האָבן מיט נאָך מער חסד און רחמנות אָנגעפילט איר מוטערלעך האַרץ. זי גייט פון דער שטוב, פון דעם הויף, כמעט קיינמאָל נישט אַרויס. אַפילו אין קלויסטער אַריין גייט זי בלויז אַ פּאָר מאָל אין יאָר.

נאָר מיך צום באַנדל באַגלייטן גייט פּאָלוניע. דאָס איז ממש אַ גע־שעעניש פאַר דער משפּחה.

פאַרנאַכטן־ליכט

די צוויי ברידערלעך זעצן אַרויף דאָס קליינע שוועסטערל אויף אַ שליטעלע צוזאַמען מיט מיין רענצל. זיי לויפן פאָרויס. יאַן דאָברוצקי, אַ פאַרטראַכטער, אַ הויכער, אַ ביסל אַן איינגעבויגענער, שפּאַנט פון הינטן. איך מיט פּאָלוניען, געאָרעמט, צוגעטוליעט צו אַנאַנד, גייען אין דער מיט. פראַנעק איז צוריקגעגאַנגען צו דער דרעש־מאַשין. מאַרטאַ שטייט אַ ווײלע ביים טויער און ווינקט מיר נאָך מיט דער האַנט אַ געזעגענונגס־גרוס.

אָט אַזוי לאָזט מען זיך אַוועק פאַרנאַכט צו דער באַן־סטאַציע — בשעת איבערן שניי־באַדעקטן גרויס־פּוילישן דאָרף, וואָס איז אַ מין גילגול פון אַמאָליקן לאַנאָוויץ — פאַרגייט פּיאַלעט און טרויעריק די זון. אָט באַלד וועל איך געזעגענען אויף אייביק די לעצטע פריינט מיינע פון יענעם דאָרף.

6. אין טראַנספּאָרט

דער אָפּפאָר

אַלץ איז שוין אַריבער. אַפילו דאָס שרעקלעכע פּאַקן דעם באַגאַזש, וואָס וויפל צייט מען זאָל דערויף נישט האָבן פאַרויס באַשטימט — אין בודזשעט פון די לעצטע טעג — מאַכן עס די מיינסטע אין בהלה. עס ציט זיך ביז צום לעצטן מאָמענט פאַרן אַריבערפאָרן מיטן „קליינעם געפּעק" קיין וואַרשע.

אין וואַרשע — אין די יידישע קרייזן — פילט זיך, אַז דעם טאָג גייט אָפּ אַ טראַנספּאָרט. אַפילו צווישן די געשוואוירענע „דאָ־בלייבערס". אַפילו פּאַליאַקן — שכנים, שותפים, פריינט פון דער אָקופּאַציע־צייט — קומען פון ווו ווייט אַרויסבאַגלייטן, געזעגענען אָפּפאָרנדיקע יידישע משפחות; זענען זיך מתעסק מיט איינקויפן צידה־לדרך, צייטונגען, פּאַפּיראָסן. איבער דער שטאָט פאָרן אַ סך דראָזשקעס מיט וואַליזעס, „טאַקסעס" מיט פאַרשוינען.

דער טראַנספּאָרט גייט אָפּ פון דאַנציגער באַנהויף. פון דעם זעלביקן באַנהויף, פון וועלכן מען פלעגט דורך אַ ספּעציעלן רעלסן־אָפּצווייג אונטערשטעלן די וואַגאָנען צום אומשלאַג־פּלאַץ... דער זעלבער, איבער וועלכן עס זענען געגאַנגען די טראַנספּאָרטן קיין טרעבלינקע... צי איז דאָס היינטיקע באמת ביכולת מתקן צו זיין דאָס, וואָס איז געווען מיט 8 יאָר צוריק? מען טאָר נישט טראַכטן. מען פאָרט שוין פון דאַנען אויף אייביק אַוועק.

דער 26סטער יאַנואַר פאַלט אויס אין אַ דאָנערשטיק. דער צוג פאָרט אָפּ 5 אַ זייגער פאַרנאַכט, אָבער דעם גאַרניטור שטעלט מען אונטער שוין 2 אַ זייגער נאָכמיטאָג.

פאַרנאַכט נעמט אַ שטאַרקער פראָסט. די מענטשן, וואָס האָבן שוין איינגעסדרט אינעווייניק די וואַליזעס, שפּאַצירן אַרום איבערן פּעראָן מיט זייערע באַגלייטערס. יעדער איז באַהאָנגען מיט גאַנצע בונטן באָמבאָ־

ניערעס, שאַכטלען. ביז דער לעצטער מינוט לויפט נאָך ווער אָן מיט מתנות.

ס'רוב האָבן שוין די אָפּפאָרנדיקע אַלץ אויסגעטראָגן מיט די, וועמען זיי לאָזן דאָ איבער. דאָך זעט מען מענטשן וויינען ביי יעדן וואַגאָן. אַ פרוי, וואָס דער מאַן איז איר ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, שרייט היסטעריש, ווען עס דערהערט זיך דאָס פייפל פון אָפּפאָר. אין דער לעצטער מינוט לויפט ער אָן. אַ מאַמע געזעגנט זיך מיט אַ טאָכטער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ „דאָ־בלייבער" און זיי ספאַזמירן ביידע. דער יונגערמאַן שטייט דערנעבן און עפּעס אַן אומקלאָרע מינע בלאַנדזשעט איבער זיין פּנים. אפשר באַשליסט ער עפּעס, פּונקט אין דעם דאָזיקן מאָמענט...

מען פאַרקלאַפּט די טירן. דער לעצטער פייף. מען שטייט ביי די פענצטער. מען מאַכט מיט הענט, מיט טיכלעך. מען פאַרלאָזט וואַרשע. מען פאַרלאָזט פּוילן...

מען האָט דעם מאָמענט צופיל מאָל איבערגעלעבט אין דמיון. ער איז אָנגעלאָדן מיט צופיל אינהאַלט, מען זאָל אים איצטער קאָנען רעאַליזירן אין באַוווסטזיין אין דער פולער מאָס. מען איז טויט־מיד. אין אַ מינוט אַרום וועט מען אַוועקפאַלן שלאָפן.

גרענעצן

ווען מען כאַפּט זיך אויף, איז שוין טאָג. דער צוג שטייט. מען געפינט זיך אין זעבזשידאָוויצע, אויף דער פּויליש־טשעכישער גרענעץ. די פּאַס־פּאַרטן־קאָנטראָל ווערט דורכגעפירט אין דער באַן. צו דער רעוויזיע דאַרף מען דעם האַנט־באַגאַזש צוטראָגן אין צאָל־אַמט. מען האָט נאָך פּויליש געלט, מיט וועלכן מען וועט באַלד נישט האָבן וואָס צו טון און מען גיט עס אויס אויף די טרעגערס. די ערשטע וואַליזעס ווערן רעווידירט גאָר גענוי. די ווייטערדיקע — וואָס אַ מאָל אויבערפלעכלעכער, אין אַ וואָס אַ מאָל שנעלערן טעמפּאָ, מען זאָל ביז מיטאָג פאַרטיק ווערן. די צאָל־רעווידענטן — ווי אויף דער גאַנצער וועלט — ווייסן ווו און ביי וועמען אַ טאָפּ צו געבן געניער. אַ טייל מענטשן, ביי וועלכע מען האָט קוועסטיאָנירט זאַכן, שיקן זיי פון דאַנען צוריק אויף אַן אַדרעס אין פּוילן.

ביים וואַגאָן, אין וועלכן איך פאָר מיט מיינע פריינט, האָט געפּלאַצט אַן אַקס. עס האַלט שיר נישט דערביי, מיר זאָלן בלייבן ביז אַ שפּעטערן טראַנספּאָרט. טעלעפאָנען אַהין און אַהער. עס גיט זיך איין צו באַקומען

אַן אַנדערן וואַגאָן, אָבער נישט קיין „סליפּינג״. אין דער לעצטער מינוט שטופּן מיר זיך אַריין מיטן געפּעק, מיט די מאַטראַצן, וואָס מען וואַרפט אַריבער פון שלאָף־וואַגאָן. בייטאָג וועט אונדז זיין באַקוועמער צו זיצן, ווי אין די שלאָף־וואַגאָנען. וואָס וועלן מיר אָבער טון ביינאַכט — פיר דערוואַקסענע און איין קינד — אויף סך הכל צוויי בענק? די רייזע מיט דער באַן איז אויסגערעכנט אויף כמעט פיר טעג.

מען שיבט דעם צוג אַהין און צוריק. מען לאָזט אַדורך פאַרויס דעם עקספּרעס קיין פּאַריז. אַ פּאָר פּייפן, אַ מאַך מיטן פענדל, דער צוג רירט און אין צוואַנציק מינוט אַרום געפינט מען זיך שוין אויף דער טעריטאָריע פון טשעכאָסלאָוואַקיי.

דערנאָך גייט אָוועק אַ סדרה וואָס אַ מאָל נייע טעריטאָריעס און גרענעצן.

אונדזער צוג גייט אויסער דעם נאָרמאַלן פּאָר־פּלאַן פון די לענדער, איבער וועלכע מיר פאָרן, און מיר שטייען אָפּטמאָל אָפּ צוליב דעם שעהען אויף פאַרשידענע סטאַציעס, ביז עס ווערט פריי פאַר אונדז אַ וועג.

שפּעט אין אַן אָוונט הער איך, אַז מיר דערנענטערן זיך קיין ווין. איך ווייס, אַז מיר וועלן פּאַסירן בלויז אַן אונטערשטאָטישע סטאַציע, אַז אַראָפּגיין וועט מען נישט קאָנען. מיך טראָגט אָבער אונטער אַ ספּעציעל געפיל. מען איז אַדורכגעפאָרן איבער אַ בריק — דאָס איז די דאָנוי און ווין, ווין — די שטאָט, אין וועלכער עס האָבן יאָרן־לאַנג געלעבט, שטודירט פאַרשידענע נאָענטע מיינע; די שטאָט, וועלכע איך קען אַזוי גוט פון דערציילן און פון ביכער, אַז מיר דאַכט זיך, איך וואָלט געקאָנט דערקענען אירע גאַסן, אירע בנינים! איך אַליין האָב שוין נישט באַוויזן אין דער שטאָט צו זיין און אַמאָל פלעג איך דאָס שטאַרק באַדויערן, בענקען צו זען די שטאָט. איצט ווייס איך, אַז דאָס וועט שוין קיינמאָל נישט געשען און דאָס איז אויך נישט מער נייטיק. איך וויל שוין נישט מער זען דאָס נאָכהיטלערישע ווין...

איבער עסטרייך פאָרט מען כסדר דורך „צאָנעס״. ביים פאַרלאָזן דאָס סאָוויעטישע געביט, קומען אַריין אין צוג עטלעכע רויט־אַרמייער און עס שטעלט זיי אַרום אַ חברה קינדער, וואָס זענען געווען אין ראַטנפאַרבאַנד. די קינדער שלעפּן אַרויס רוסישע שול־ביכער, ווייזן אַז זיי קאָנען לייענען, אַז זיי האָבן איינגעקלעפּט אין זייערע העפטן בילדער פון סאָוויעטישע מלחמה־העלדן. אַ זעלנער האָט גענומען אויף די הענט איינעם אַ יינגעלע

און טראָגט זיך מיט אים אַרום. אַ צווייטער שלעפּט אַרויס פון שינעל עפּל און טיילט זיי די קינדער. אין פאַרגלייך מיט דער שטייפקייט, מיט וועלכער מען האָט זיך באַגעגנט אויף די גרענעצן פון אַנדערע אָקופּאַציע־צאָנעס, מאַכט דאָס אויף מענטשן אַן איינדרוק. יענע ברידערן זיך בעסער מיט דייטשן, ווי מיט דייטשע קרבנות.

און דערנאָך פאָרט מען ווייטער און עס פאַלט ווידער צו די נאַכט. די רעדער קלאַפּן. ווען מען כאַפּט זיך אויף שפּעט אין דער נאַכט, שטייט שוין נאָכאַמאָל דער צוג. עס הערן זיך אין דער פינצטער געשרייען, אַ געקלאַפּעריי פון טירן אין די וואַגאָנען. מען רעדט דייטש, ענגליש, מען איז אָנגעקומען אויף אַ נייער גרענעץ.

כמו ציפערן

דער טראַנספּאָרט, מיט וועלכן מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין דעם 26סטן יאַנואַר, איז דער זעקסטער אין דער ריי זינט דער פאַראָרדע־נונג פון חודש סעפּטעמבער 1949.

9 לאַנגע שלאָף־וואַגאָנען 3־טע קלאַס פון „אָרביס", 9 לאַסטוואַגאָנען, אין וועלכע ס'געפינט זיך דער „גרויסער" באַגאַזש פון די עולים, אַ וואַגאָן־רעסטאָראַן אין דער מיט פון גאַרניטור. אין די איינצלנע אָפּטיילן פון די וואַגאָנען איז פאַראַן ביז 5 געלעגערס. די זעקסטע שלאָפבאַנק — אַן בעטגעוואַנט — דינט אויף אָוועקצושטעלן דאָס געפּעק.

די אַלגעמיינע צאָל נפשות פון אונדזער טראַנספּאָרט באַטרעפט 500. אַחוץ דעם זענען פאַראַן 10 מאַן באַדינונג מצד דעם „אָרביס" און אַ באַ־גלייטער — דער קאָמענדאַנט פון טראַנספּאָרט מצד דער ישראל־געזאַנד־שאַפט.

דאָס מאָל פאָרט מיט אונדז דער יונגער, אָבער זייער דערפאַרענער י ש ר א ל ק א פ י ט, אַ געוועזענער טוער פון דער „בריחה" און „גיוס". די עליה־טראַנספּאָרטן פון וואַרשע ביז צו דער שיף באַגלייט ער איצט שוין צום פערטן מאָל. אין משך פון דער רייזע באַקום איך פון אים אַ בינטל אינפאָרמאַציעס און ציפערן וועגן צוזאַמענשטעל פון טראַנספּאָרט נו־מער 6.

דער רוב משפּחות איז באַשאָנקען מיט קינדער. קינדער אין עלטער ביז 6 יאָר, געבוירענע שוין נאָך דער מלחמה, שטעלן מיט זיך פאָר העכער 10 פּראָצענט פונעם טראַנספּאָרט. אַחוץ דעם איז פאַראַן אַן עלעמענט

קינדער פון עלטערע יאָרגענג, געבוירענע אין ראַטנפאַרבאַנד בשעת דער מלחמה, ווי אויך אַן עלעמענט פון יוגנטלעכע ביז 18 יאָר — פון די פאַרמלחמהדיקע יאָרגענג, וואָס זענען אויף פאַרשידענע אופנים ניצול געוואָרן פון אומקום. די אַלע נאָכוווקס־קאַטעגאָריעס צוזאַמען שטייגן נישט איבער קיין 15 פּראָצענט.

די דערשיינונג איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע טראַנספּאָרטן. די פּראָצענטמעסיק העכערע צאָל גאַנץ קליינע קינדער, געבוירענע אין משך פון דער מער ווי דריי מאָל קורצערער צייט פון די לעצטע 5 יאָר, איז דער בעסטער באַווייז, אַז די פּוילישע שארית הפליטה באַנייט דעם שטאַם.

40 פּראָצענט מענטשן אין טראַנספּאָרט זענען אין אַרבעטס־עלטער פון 25—40 יאָר. נישט געקוקט דערויף, איז פאַראַן אין טראַנספּאָרט אַ גאַנץ אַנזעעוודיקע צאָל — העכער 15 פּראָצענט — נישט אַזויפיל אַלטע, ווי קראַנקע און שוואַכע. אין אַנדערע טראַנספּאָרטן איז אַמאָל אָט דער פּראָ־צענט אַ נאָך העכערער. אַנדערע פאַרהעלטענישן וואָלטן אָבער געוועזן פשוט אומפאַרשטענדלעך ביי אַ פאַלקסשיכט, וואָס האָט מיטגעמאַכט מלחמה, היטלעריסטישע אויסראָטונג, געטאָס, לאַגערן, בונקערס, שווערע וואַנדער־יאָרן, שווערע אַרבעט... נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, איז דער פּראָ־צענט שוואַכע אפשר דווקא נישט קיין גאָר הויכער. אויך דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס אַ רעזולטאַט פון דער צוגרייטונג צו דער עליה. אַריינ־קומענדיק אין די אַמבולאַטאָריעס פון „טאָז” אין פּוילן, פלעגט מען באַ־מערקן אַ געשטייגערטע כוואַליע פון היילונגס־באַמיאונגען. פאַרן לאָזן זיך אין וועג אַריין, האָבן מענטשן מיט פאַרשידענע מיחושן נאָך איינמאָל אַדורכגעמאַכט קוראַציע־סעריעס, איניעקציעס, זיך געהיילט, אַריינגע־שטעלט ציין.

מיטן טראַנספּאָרט פאָרט מיט אַ דאָקטאָר, אַ קליינע אַפּטייק, אַפילו אַ קראַנקן־קאַבינע. אין אונדזער טראַנספּאָרט האָט דער דאָקטאָר געהאַט צו טון דער עיקר מיט פאַרקילונגען. מיטגעפאָרן איז אויך מיט אונדז איינער, אַ שווער־קראַנקער, וואָס איז געוואָרן אָפּגעלאָדן אין עסטרייך, כדי פון דאָרט טראַנספּאָרטירט צו ווערן אין אַ סאַנאַטאָריע פון „אָזע” אין דער שווייץ.

אינערלעכע אָרגאַניזאַציע

יעדער וואַגאָן פאַרמאָגט אַ „מדריך”, וואָס ווערט אויסגעטיילט מצד

די פאַרנדיקע. אויך קלויבט זיך געוויינלעך צו דער קאָמענדאַנט איינעם אָדער צוויי פאַרטרעטער און געהילפן פון צווישן די עולים. די אויפגאַבן פונעם מדריך באַשטייען אין פאַרטיילן עסן, אַכטונג געבן אויף דער היגיענע, איבערגעבן פאַרשידענע מעלדונגען.

קינדער פון 4 ביז 13 יאָר באַקומען 3 מאָל אין טאָג עסן אין רעסטאָראַן־וואַגאָן, אָן שום אָפּצאָל. דערוואַקסענע האָבן אַ מעגלעכקייט איינצוצאָלן ביז דער גרענעץ מיט פּויליש געלט און קאָנען אויך באַקומען וואַרעמע מאָלצייטן, איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין טאָג. פון דער דאָזיקער מעגלעכקייט געניסן אָבער בלויז געציילטע מענטשן. דער רוב דערנערט זיך פון די גאַנצע זעק עסנוואַרג און עפּל מיט באַרן, וואָס יעדער האָט מיטגענומען אויפן וועג. דערצו ווערט דריי מאָל אַ טאָג ארויסגעגעבן אומזיסט פון רעסטאָראַן־וואַגאָן הייסע טיי, אָדער קאַווע. צו דעם קומען נאָך צו די זאַכן, וואָס ווערן אַריינדערלאַנגט דורך די סוכנותישע פאַרטיילונגס־שטעלן אין יעדן לאַנד, דורך וועלכן מען פאָרט אַדורך: פריש געבעקס, צוקער, אַמאָל הייסע קעסלען גולאַש, פרוכטן פאַר קינדער און טיילמאָל אויך פאַר דערוואַקסענע. שוין אין עסטרייך הייבט מען אָן צו פאַרטיילן צווישן אונדז מאַראַנצן, מאַנדאַרינען, לימענעס.

אין רעסטאָראַן־וואַגאָן

אין משך פון די עטלעכע טעג רייזע שאַפט זיך אין וואַגאָן־רעסטאָראַן אַ שטיקל קלוב. די, וואָס ברענגען אַהער דריי מאָל אין טאָג זייערע קינדער צו די מאָלצייטן, ווערן דאָ די הויפּט־מחותנים. דאָ קאָן מען זיצן ביי אַ טישל, „מוטלען״, מאַכן אַ קערטל.

צו די מאָלצייטן קלינגט מען איבער אַלע וואַגאָנען. ווען די קינדער עסן אָפּ, קומען פון יעדן וואַגאָן צו צוויי מענטשן, באַקומען אַ קעסל „וואַרעמס״ און טיילן פונאַנדער דאָס געטראַנק אין געפּעסן, וואָס מען דערלאַנגט זיי אַרויס אויפן קאָרידאָר פון די אָפּטיילן.

אינדערפרי זענען אַלע באַשעפטיקט. מען רוימט, מען קערט, מען שטייט אין דער ריי פאַר די טואַלעט־קאַבינעס. און אַזויווי דאָס וואַסער פונקציאָנירט גאַנץ שוואַך און אונדזער רייזע קומט פאָר אין ווינטער, געפינט מען דערצו אַן עצה. ווי נאָר דער צוג בלייבט שטיין אויף עפּעס אַ לענגערן אויפהאַלט, כאַפּן זיך מענטשן אַרויס אין דרויסן און מען וואַשט זיך אין שניי.

צווישן די, וואָס זיצן אין רעסטאָראַן־וואַגאָן הערשט אַ לעבעדיקע שטימונג. מען רעדט וועגן ישראל. פאַראַן אָפּטימיסטן און פּעסימיסטן. אַ שטאַרקן דערפאָלג האָט דאָ דער וויץ וועגן די דריי „פּ״ען, וואָס מען דאַרף האָבן אין ישראל: פּראָטעקציע, פּלייצעס, פּונטן...

אין רעסטאָראַן־וואַגאָן ווערן אַפילו אָפּגעהאַלטן זיצונגען פון די באַזונדערע פּאַרטיי־גרופּן, וואָס געפינען זיך אין אונדזער טראַנספּאָרט. יידן פון אַ גאַנץ יאָר שמידן פּלענער אויפצושטעלן בשותפות עפּעס אַן אונטערנעמונג. פאַראַן אין טראַנספּאָרט אַ גרעסערע גרופּע מענטשן פון דער לעדער־בראַנזשע — קאַמאַשן־שטעפּער, צושניידער, בייטלען־ און הענטשקע־מאַכער. זיי חלומען אויפצושטעלן אין ישראל אַ האַנטווערקער־קאָאָפּעראַטיוו לויטן מוסטער פון די יידישע קאָאָפּעראַטיוון אין פּוילן.

אין אונדזערע פיר טעג רייזע מיט דער באַן פאַלט אויך אַריין אַ שבת. מאַכט מען אַ מנין, עס געפינט זיך אַ בעל־תפילה. מען שטייט אין די קורצע רעקלעך מיט געגאָלטע פּנימער און מען שאָקלט זיך, מען גייט אויס „שמונה עשרה״.

און אפשר שוין צום לעצטן מאָל קוקן זיך צו צו יידישע תפילות און העוויות די פּוילישע אויגן פון דער „אָרביס״־באַדינונג.

דער „חתן״

איבערן רעסטאָראַן־וואַגאָן דרייט זיך אַרום איינער אַ יונגערמאַן, וואָס האָט איינגעצאָלט פאַר מיטאָגן אויף דער גאַנצער רייזע און איז דאָ אַ גאַנצער מיוחס. אין פלוג גענומען איז ער אַ גוטער ברודער מיט די אַנדערע „לעבע־יונגען״ פונעם טראַנספּאָרט, פונדעסטוועגן איז צו דערקענען, אַז עפּעס איז אים נישט ניחא. ער זעצט זיך צו ווי אַ קיביצער צו די קאָרטנשפּילער און אין סאַמע ברען־פּונקט פונעם צעפלאַקערטן האַזאַרד, הייבט ער זיך אויף און נעמט ווידער שפּאַצירן אַ פאַרטראַכטער איבערן וואַגאָן. אַפילו די וויצן, וואָס ער אַליין דערציילט, זענען אים נישט אימשטאַנד אַרויסצובורענען פון זיינע טרויעריקע מחשבות.

ער פירט מיט אַ געבאַקן געגנדזל, בעט ער זיך ביי זיינע שכנים, זיי זאָלן עס אויפעסן. ער אַליין האָט נישט קיין אַפּעטיט. מיר נעמען זיך צו אים האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס, באַקומען מיר פון אים סוף כל סוף אַרויס, וואָס אים פּלאָגט. ער האָט געלאָזט אין פּוילן אַ כלה, אַ יונג מיידל, און אַליין איז ער שוין ווייט איבער די שלושים. אַנדערע זאָגן, אַז איבער

די פערציק. זיין פּאַספּאָרט האָט שוין געהאַלטן ביים „אויסגיין" און אי־רער — דער כלהס — איז נאָך נישט געווען פאַרטיק. האָט ער זיך געמוזט מיט איר צעשיידן. בענקט, ער, לײדט ער, — לאַכט ער אַליין פון זיך. זיין גרעסטע דאגה איז אָט וואָס: ער ציטערט, די כלה זאָל נאָכן אָנקומען קיין ישראל נישט וועלן חרטה האָבן אויפן שידוך.

— האָט קיין מורא נישט. מען וועט ביי אייך נישט אויסכאַפּן די מציאה — טרייסט דעם בחור אַ באַוויבטער, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין רעסטאָראַן־וואַגאָן פאַר זיין ווייבל. ער איז דער טאַטע פון אַ וווּנדער־שיינעם, בלאָנדן יינגעלע און זיין פרוי האַלט אין איין קאָמאַנדעווען מיט אים. זי שיקט אים מיטן נאַכטגעשירעלע, הייסט אים אַלע ווײלע אַרויפשטעלן די וואַליזעס, אַראָפּנעמען די וואַליזעס, לאָזט אים נישט איינזיצן אַ מינוט.

— נישט די, וועט זיין אַ צווייטע, איר וועט נאָך איינפאַרן — זאָגט ער צו דעם „חתן". און אַליין איז ער אַלט סך־הכל אַ פּאָר און דרייסיק יאָר, איז ער שוין אַן אַכט יאָר נאָך דער חתונה. ער האָט חתונה געהאַט אין דער שווערסטער צייט, ווען ער איז געווען אַ פּליט אין ראַטנפאַרבאַנד.

— אייך איז גוט צו זאָגן — ענטפערט אים דער „חתן".

דער „חכם פון דער מה נשתנה"

אין איינעם אַ פרימאָרגן בלייבט מען שטיין נעבן אַ חרובער, געוועזענער באַן־סטאַציע, אויפן געביט פון דער ענגליש־עסטרייכישער אָקופּאַציע־צאָנע. מיר זענען אין די אַלפּן, נישט ווייט פון אַן עסטרייכישן קור־אָרט. מיר שטייען דאָ אָפּ כמעט אַ גאַנצן טאָג אין אַ וווּנדערשיינער געגנט, אַ פאַרזונקענער אין טיפן שניי. מען צעעפנט די טירן, קיינער שטערט אונדז נישט אַראָפּצוגיין אויף אַ שפּאַציר. דער רוב דרייט זיך אַרום אין דרויסן. פונדערווייטנס זעט מען אָנקומען אַ שורה סקי־לויפער, וואָס שטייגן אויף אַ באַרג.

לענגאויס די רעלסן דרייט זיך אַ פאַרשוין אין אַ מונדיר, שוין נישט קיין יונגער. זיין אוניפאָרם איז עפּעס אַ גילגול פון די אַמאָליקע עסטרייכישע קייזער־קעניגלעכע מונדירן. מסתמא איז דאָס אַ זשאַנדאַרם און זיין פונקציע איז צו היטן, אַז מענטשן פון אונדזער טראַנספּאָרט זאָלן זיך נישט „אַפּרייסן".

ער דרייט זיך אַן אויסגעפּוצטער, אַ וויכטיקער, אַ פאַרקנעפּלטער אויפן לעצטן קנעפּל. זיינע לעדער־האַנטשו זענען אונטערגעניײט מיט פוטער.

— ענגלישע לופּט — זאָגט ווער פון אונדזער עולם. דאָך פּאַרגייט נישט קיין שעה און איך זע אים שוין אַרומגעשטעלט מיט מענטשן. אַ ייד, וואָס שטאַמט פון גאַליציע, נעמט דערציילן, אַז ער איז שוין דאָ אַמאָל געווען אין דער צייט פון דעם ערשטן וועלט־קריג. דער דייטש לאָזט אַ ביסל נאָך פון זיין שטייפקייט. ער נעמט האַקן אַ טשייניק וועגן דעם, וואָס ער האָט געטון און ווו ער איז געווען בשעת דעם לעצטן וועלט־קריג. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז „נישט געווען אין פּוילן". אַז ער „האָט נישט געוווסט, וואָס מען טוט מיט יידן". ער איז פּשוט יענער אויסנאָם, וואָס באַשטעטיקט דעם כלל...

— „מיינע הענט זענען ריין און מיין געוויסן איז ריין" — הער איך אים „טריילעווען".

אָבער אַ ייד מיט אַ צעבראָכענעם נאָז־ביין וויל דאָס נישט הערן.

— איר דינט פון פּאַר דער מלחמה אין דער פּאָליציי — רופט ער זיך אָן אין אַ גוטן דייטש — און איר זענט אינגאַנצן נישט געווען אויף די באַזעצטע געביטן ?! שאַדע ! אַבי מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב אייך ערגעץ געזען.

צו אונדזער גרויסן שטוינען באַמערקן מיר, אַז דער דייטש ווערט עפּעס צעמישט, ווי ער וואָלט זיך באמת דערשראָקן, אַז עס האָט אים ווער דערקאָנט...

ער נעמט עפּעס דרייען מיט דער צונג. זיין שטייפע עלעגאַנץ איז בטל געוואָרן. אָבער דער ייד, וואָס האָט אים געשטעלט די קלאָץ־קשיא, האָט אים נישט בדעה ווייטער צו פאַרשן. ער דרייט זיך אַוועק און בור־טשעט :

— ס'טוט זיך מיר געבייטיק צו הערן זיינע ליגנס. אַ חכם פון דער „מה נשתנה". ער איז נעבעך גאָט די נשמה שולדיק...

דער עולם רוקט זיך אָפּ און לאָזט שטיין דעם דייטש אויפן שניי איינעם אַליין.

אַ ווינטער־מעשהלע

וואָס ווייטער מיר פאָרן צו דרום, אַנשטאָט ס'זאָל ווערן וואַרעמער, הייבט זיך דער צוג אַרויף אַלץ העכער אין די בערג און דער ווינטער שטעלט זיך אַ וואָס אַ מאָל פעסטערער. אַזאַ שניי־לאַנדשאַפט ווי דאָ, האָבן מיר שוין אַפילו אין פּוילן לאַנג נישט געזען.

ביינאַכט כאַפּט זיך ווער אויף אויפן געלעגער און קוקט אַרויס דורכן פענצטער. אין קאָרידאָר שטייען מענטשן און גאַפן. עס שיינט די לבנה און עס בלאַנקט דער שניי. שטום שטאַרצט אַ פאַרחלומטער סאָסנע־וואַלד. די ווייסקייט בלענדט. ס׳איז אַ קאַטויליש מעשהלע. סאָסנע־וועלדער אונ־טער שניי. לויטער קריסט־ביימער מיט אמתע ענגל־האָר און אמתע שטערן פאַרפּוצט — די לבנה אויפן שפּיץ פון העכסטן סאָסנע־בוים.

— אוי ווי, ס׳איז שיין! — קרעכצן יידן פאַר התפעלות. אַ שווייגענ־דיקע ערד, מען זעט נישט קיין לעבעדיק באַשעפעניש. אַ פאַרכשופטע, ווייסע וועלט אויפן וועג קיין ישראל.

טונעלן

אָבער אַט איז פון דער נאַכט געוואָרן טאָג און מיר האָבן שוין אויך די עסטרייכישע גרענעץ געלאָזט הינטער זיך. דער צוג ברעכט זיך דורך דורך די אַלפּן. טונעלן אויף טונעלן. עס איז געקומען פאַר אונדז די צייט צו באַוווּנדערן אוראַלטע רוימישע קאָנסטרוקציעס, וויאַדוקטן, בריקן — געמישט מיט אולטראַ־מאָדערנע וווּנדער פון דער בוי־טעכניק.

— ס׳אַראַ שיינקייט! — קרעכצן יידן. און זיי זענען גערעכט. ווייל גרויסע שיינקייט טוט שטענדיק ווי דעם, ווער עס פילט זי אויף אַן אמת. מענטשן קוקן זיך ערשט איצט אַרום, אַז אייגנטלעך מאַכט מען מיט, נישט אינמיטן, כמעט אַ וועלט־רייזע.

איטאַליעניש לאַנד איז כמעט געגנט אַזוי, ווי עס ווערט באַשריבן אין ביכער, און אפשר נאָך אַ ביסל שענער. בלוי־גאָלדענער שימער אין דער לופטן; אַלטע, נידעריקע מויערן אַרום ווייַנגערטנער. אויך די ווענט פון די אַלטע שטיינערנע הייזער אין די שטעטלעך, וועלכע מיר זעען דורך די פענצטער פון וואַגאָנען, פאַרמאָגן אַ בלויען טאָן. אפשר נעמט זיך עס פון דער פּאַטין אויף אַלטע שטיינער, ווי די פּאַטין אויף אַלטע מייסטער־ווערק.

אויף אַן איטאַליענישער סטאַציע קומט אַריין אַ שליח פון דער סוכנות, פאַרשרייבן אונדזער באַגאַזש פאַרן איבערשטייגן אויף דער שיף. אויף די סטאַציעס שטרעקן זיך צו אונדז הענט פון הונגעריקע איטאַליענער. מיר גיבן זיי אַוועק די איבערגעשטאַנענע רעשטן פון אונדזער רייכער פּוילישער צידה לדרך.

מיר דערנענטערן זיך קיין ווענעציע.

7. יידישע קינדער אויפן ים

אַנטוישונג ווענעציע

נאָך איידער מיר קומען אָן אין פּאָרט, איז שוין אונדזער איינגעשטעל־טער לעבנס־שטייגער געוואָרן אויפגעריסן. מיר באַקומען נומערן און בוכ־שטאַבן, וואָס מיר דאַרפן אָנקלעבן סיי אויף דעם געפּעק, וואָס מיר גיבן אַוועק, סיי אויף דעם, וואָס מיר נעמען מיט זיך אויף דער שיף. אין שפּאַ־נונג, אין איילעניש — פּאַרטוענע אין דער אייביקער קרענק פון פּאַקן און איבערפּאַקן פּעק — האָבן מיר נישט קיין צייט אַרויסצוקוקן דורכן פענצטער. און דאָ פאָרן מיר שוין צווישן וואַסערן. — אָן אַכטיק איז מיר, דאָס מוזן דאָך זיין די „לאַגונעס״! — טוט מיר אַ האַמער אין האַרצן די עמאָציע פון צענדליקער באַשרייבונגען, וואָס איך האָב געלייענט אין מיין לעבן וועגן ווענעציע.

דער צוג בלייבט שטיין. ווען מען כאַפּט שוין אָבער יאָ אַ קוק דורכן פענצטער פון וואַגאָן, שטעלט זיך אַרויס — ווו ווענעציע, ווער ווענעציע? — מיר געפינען זיך גאָר ערגעץ אינדרויסן, ווייט פון שטאָט, אויף עפּעס אַ זייטיקן רעלסן־אָפּצווייג, וואָס האָט אַ פאַרבינדונג מיטן פּאָרט און מיט דער אינדזל, אויף וועלכער עס געפינט זיך אַ מין דורכגאַנגס־לאַגער, ווו עולים־טראַנספּאָרטן וואַרטן טיילמאָל טעג אָדער אַפילו וואָכן אויף אַ שיף. קיין קאָמוניקאַציע מיט דער שטאָט איז אין פּראָגראַם כלל נישט פאָרויס־געזען...

די נאַכט פאַלט צו און מיר ווערן זי פאַרברענגען אין די וואַגאָנען. מיר באַקומען אַ ידיעה, אַז אונדזער טראַנספּאָרט ווערט צעטיילט אויף צוויי. דער גרעסערער טייל וועט מאָרגן פאַרלאָזן ווערן אויף דער ישׂראל־שיף „גלילה״, 150 מענטשן וועלן אַריבערגעפירט ווערן אויף דער אינדזל.

צו מיר דאַרף דאָ אַרויסקומען אַ קוזינע, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין דער שווייץ און וווינט איצט אין מילאַנאָ. כדי זיך צו קאָנען זען מיט איר, טראָג איך זיך אַריבער אין די וואַגאָנען, וואָס דאַרפן זיך דאָ פאַר־האַלטן אַ פּאָר טעג.

די ערשטע אַנטוישונג: ווענעדיק וועט מען כלל נישט זען! די צווייטע: איטאַליע, דרום? — מיר זענען שוין גרייט געווען אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די ווינטערדיקע מלבושים — ערשט זעען מיר, אַז אינדרויסן ליגט אַ טיפער שניי, אויף ביינאַכט נעמט אַ שאַרפער פראָסט!

אין די וואַגאָנען איז אַריינגעקומען איטאַליענישע פּאָליציי, די פּאַרט־וואַך. סימפּאַטישע פּנימער, גאַנץ העפלעכע, ממש האַרציקע מענטשן. זייערע אינסטרוקציעס לגבי די יידן פון טראַנספּאָרט זענען אָבער גאַנץ ספּעציעלע. מען עפנט די טירן. ווער עס טראָגט זיך אַריבער אין די הינטערשטע וואַגאָנען, דעם שטערט מען נישט צו גיין איבערן פּעראָן, אָבער — מען היט זיינע טריט.

כסדר און אומעטום איז מען אונדז חושד, אַז מיר זענען בעלנים זיך „אָפּצורייסן”, פאַרבלייבן אומגעבעטענע געסט אין אַ פרעמד לאַנד.

— אַט לויף איך, אַקאָרשט מען זעט נישט, ווערן אַ „די־פּי” ביי די „מאַקאַראָניאַזשעס”! — בורטשעט אַ באַליידיקטער מיין געוועזענער לאַ־דזשער שכן, וואָס העלפט מיר אַריבערטראָגן דעם באַגאַזש.

— קע קאזא? — שטעלט אונטער אַן אויער דער מונדירירטער ווע־נעציאַנער.

— באַסטאַ, באַסאַמאַ, קושאַמאַ — ענטפערט אים אויף „איטאַליעניש” דער ייד פון לאָדזש.

מיר פאַרלאָדן זיך

אינדערפרי זוכן און רופן מיך מענטשן פון פאַרשידענע וואַגאָנען. מיין קוזינע האָט אָנגערוקט פון שטאָט, געבראַדזשעט עטלעכע קילאָמעטער אין דינע שיכעלעך אויף הויכע קנאַפּל איבער שניי און אייז און זי פרעגט זיך אויף מיר לענגאויס דעם טראַנספּאָרט. מענטשן קוקן זיך צו צו אונדזער באַגעגעניש, נאָך צענדליקער יאָרן צעשיידונג, נאָך אַזויפיל טויט און אומקום...

ריווציע האָט מאָביליזירט אַ גאַנצן אַפּאַראַט. עס גייט איר ממש אין לעבן, איך זאָל זיך פאַרהאַלטן כאָטש אויף אַ וואָך אין איטאַליע, אַריינפאָרן קיין מילאַנאָ, זיך באַקענען מיט איר מאַן, זען איר קינד. אין מיטן דערינען הערן מיר, אַז נישט נאָר, וואָס מיר וועלן זיך דאָ נישט פאַרהאַלטן לענגער פון דער צווייטער גרופּע, נאָר מיר וועלן אָפּפאָרן נאָך פריער. אויף אַן איטאַליענישער שיף, וואָס קורסירט רעגולער צווישן ווענעציע

און חיפה, איז פאַראַנען פּלאַץ און אָט באַלד וועט מען אונדז פאַרלאָדן.

מען האָט אָפּגעטשעפּעט אונדזערע וואַגאָנען. דער לאָקאָמאָטיוו פירט אונדז קודם צו צו אַ מאַגאַזין אָפּצולאָדן די פּעק, וואָס וועלן טראַנספּאָר־טירט ווערן באַזונדער און דערנאָך פאַר דער האַלע, דורך וועלכער מיר וועלן אַרויפגיין אויף דער שיף.

אַוועקגעגעבן דעם באַגאַזש, האָבן זיך מענטשן אויף אַ ווײַלע באַ־רואיקט. פון די ים־נעפּלען שיילט זיך אויס אַ זוניקער טאָג און בלאַנקט מיט שניי, מיט גרינע וואַסערן, מיט גאָלדענע נעמען פון שיפן, וואָס פּילן אָן דעם ים־איינגוס. פאַר די וואַגאָנען באַווײַזן זיך, ווי פון אונטער דער ערד, הענדלער מיט פּודלעס זײַדענע טיכלעך און קראַוואַטן. די פּנימער און דער הולך זייערער דערמאָנט אין וואַרשעווער ייִדישע גאַסן־הענדלער פון פאַר דער מלחמה. די סחורה באַשטייט פון טאַנדעטנע, קאָלירטע שמאַטקעלעך, אָבער די מוסטערן זענען אַראַטעגנומען פון אַלטע, טייערע געוועבן, דער קאָלירן־צוזאַמענשטעל שעמערירט מיט אַ ניצוץ פון איידעלער פּראַכט.

די ייִדן אין די וואַגאָנען שלעפּן אַרויס פּאַפּיראָסן, אָדער דאָלאַרן פון די דערלויבטע דעוויזן. אַ טייל מענטשן ווערן באַפאַלן פון אַ מין טויש־האַנדל־משוגעת. איך האָב שפּעטער געזען דאָס זעלבע, ווען די שיף פלעגט זיך אָפּשטעלן אין ווייטערע פּאָרטן און אויפן דעק פלעגן אַרויפקומען גריכישע הענדלער מיט כלערליי נייטיקע און אומנייטיקע סחורות. מיר מיינען, אַז ייִדן זענען אַ פאָלק פון תכלית. פאַראַן אָבער ביי אונדז זייער אַ סך קינדישער לייכטזין, אַ ברייטע האַנט, קויף־לוסט און פאַרבן־פרייד.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז די לייכטע שטימונג נעלם געוואָרן. ביים אויפשטייגן אויף דער שיף ברעכט ממש אויס אַ בהלה. די מענטשן האָבן ווי פאַרגעסן, ווו זיי געפינען זיך. עפּעס אַ שרעק איז זיי באַפאַלן. דער קאָמענדאַנט פונעם טראַנספּאָרט מצד דער ישראל־גערזאַנדשאַפט אין פּוילן פאַרענדיקט זיין טור ביים אויפלאָדן די מענטשן אויף דער שיף. ער גיט אָפּ יעדן זיין פּאַספּאָרט, מיט וועלכן מען וועט זיך ווייטער אַליין דאַרפן לעגיטימירן. און פונקט ביי דעם דאָזיקן אָפּגעבן די פּאַספּאָרטן ווערן די מענטשן פּלוצים ווילד, רייסן זיך פאָרויס, ווי מען וואָלט נאָך ערגעץ געוועזן אונטערוועגס, אַנטלויפנדיק פאַר דייטשן; ווי ס׳וואָלט גע־דראָט, אַז מען זאָל דאָ עמעצן מפקיר זיין.

איך גיב תיכף אויף דעם געדאַנק פון בלייבן אין איטאַליע ביז צו

אַ צווייטן טראַנספּאָרט. איך וויל זיך נישט מער שלעפּן מיט פּעק; נאָך אַ מאָל מיטמאַכן אַזאַ מהומה.

אַ גילגול פון דער „פּאָלאָניאַ"

און אָט איז מען שוין אויפן דעק פון דער שיף. דעם 31סטן יאַנואַר 12 אַ זייגער בייַנאַכט דאַרפן מיר אָפּשווימען פון ווענעציע. דערווייל שווימען מיר בלויז אַוועק אַ ביסל ווייטער פונעם מאָלאָ.

די „קאַמפּידאָליאָ" שטאַמט פון טריעסט, האַלב פּאַסאַזשיר־ האַלב לאַסט־שיף, געהערט אַמאָל צום קייזער־קעניגלעכן, עסטרייך־אונגאַרישן האַנדלספלאָט. זינט דעם אַנטשטיין פון ישראל, איז די שיף געוואָרן צו־ געפּאַסט צום איבערפירן עולים. פריער האָט זי אפשר קיין דריטע קלאַס אינגאַנצן נישט געהאַט. איצט האָט מען עטלעכע געוועזענע מאַגאַזינען „אויסמעבלירט" מיט בעטן און איינגעאָרדנט דאָרט די נייטיקע באַקוועמ־ לעכקייטן. אויף יעדן קורס קיין חיפה פירט די „קאַמפּידאָליאָ" אין דריטן קלאַס צו עטלעכע הונדערט עולים — אַחוץ טוריסטן און אַנדערע מינים פּריוואַטע ישראל־פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן אין די העכערע קלאַסן.

איינע פון די ערשטע יידישע אינסטיטוציעס, וואָס איך באַמערק אויף דער „קאַמפּידאָליאָ", איז אַ ייד אין אַ קאַפּעלע — דער משגיח אויף כשרות!

דער ייד מיטן קאַפּעלע, דער כשרער טיש, די געמישטע געזעלשאַפט פון יידן מיט קריסטן, דערמאָנט אַ ביסל אין דער פּוילישער שיף „פּאָלאָ־ ניאַ", וואָס פלעגט קורסירן פאַר דער מלחמה אויף דער ליניע קאָנסטאַנצאַ— חיפה. איך האָב אַמאָל פאַרבראַכט אַ פרייטיק־צו־נאַכטס אויף איר דעק אַרויסבאַגלייטנדיק אַ פריינדין, וואָס האָט זיך אומגעקערט קיין ארץ־ ישראל פון אַ באַזוך ביי דער משפחה אין פוילן.

אַ חשק פון אַ בן יחיד

מיין קוזינע קומט אַרויף מיט מיר אויף דער שיף און זי ווערט דאָ תיקף אַ מין צענטראַלע פאַר פאַרשידענע בקשות און דער עיקר פאַר פאַסט־עקספּעדיציע.

מיר שטייען אין קאָרידאָר פון דריטן קלאַס, הייבט אָן איינער אַ ייד עפּעס ווינקען צו מיר. ער נעמט מיך אַוועק אין אַ זייט און רוימט מיר איין, אַז ער האָט אַן ענין צו מיין קוזינע. זיין מינע איז דערביי אַזוי

סודותפול און פֿאַרדעכטיק, אַז מיר פֿאַלט איין — נישט אַנדערש — ער וויל איר פֿאַרלייגן עפּעס אַ וואַליוטע־געשעפֿט.

אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אַז דאָס איז אַ טאַטע פֿון אַ 14יאָריק ייִנגל, אַ בן־יחיד, אַ פֿילאַטעליסט, אַ גרויסן לערנער. אויף דער שיף האָט ער מיטגעהאַט אַ מאַפּע און אויפֿן ווייטערדיקן וועג האָט ער אונדז כסדר געוויזן נעבן וואַסערע, היסטאָריש־באַקאַנטע גריכישע שטעט, בערג און אינדזלען, מיר שווימען פֿאַרביי. איצט וויל ער איין קליניקייט: מיין קוזינע זאָל אים מיטנעמען אין שיפֿל צום ברעג. ער וויל כאַפּן אַ שפּאַציר (11 ביינאַכט!) אויפֿן סאַנט־מאַרקאָ־פּלאַץ און זען דעם פּאַלאַץ פֿון די דאָזשעס...

ליידער האָט מען דעם דאָזיקן ווונטש פֿון אַן אַנטוויקלט ייִדיש קינד נישט געקאָנט דערפֿילן.

12 אַ זייגער ביינאַכט. מיר ליגן שוין אין די בעטן און מיר הערן דאָס קלאַפּן פֿון די מאָטאָרן, דעם אויפֿברויז פֿון די כוואַליעס: די „קאַמפּידאָליאָ" לאָזט זיך אין וועג אַריין.

מאַקאַראָני

ערגעץ אויף אַן אַנדער שיף וואָלט מען אפֿשר צו אָט דעם נערוועזן, נישט־דיסציפּלינירטן עולם געהאַט אַ מער קריטישע באַציאונג. די איטאַ־ליענער זענען אָבער אַזוי ענלעך צו אונדז, אַז דאָס אַרט זיי כלל נישט. זייער מענטשלעכקייט אין דער באַציאונג צו ייִדן האָבן די איטאַליענער באַוויזן בשעת דער מלחמה, ראַטעווענדיק אַ סך ייִדישע משפּחות נישט בלויז פֿון די פּראָווינצן, וואָס זענען סוף 1943 געוואָרן אָקופּירט דורך די דייטשן, נאָר אויך אַנטלאָפֿענע פֿון פֿראַנקרייך. אַ שיין קאַפּיטל האָבן זיי פֿאַרשריבן אויך אין דער געשיכטע פֿון דער אומלעגאַלער עליה פֿאַרן אַנטשטיין פֿון דער מדינה. אַ פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דעם ייִדישן מענטש ווייזט אַרויס די איטאַליענישע מאַנשאַפֿט אַפֿילו אין די ראַמען פֿון דער נאָרמאַלער עליה אויף דער שיף, וואָס פֿאָרט קיין ישראל.

דריי מאָל אַ טאָג קלינגט מען צו די מאָלצייטן אויף דער „קאַמפּי־דאָליאָ" און דערביי זענען פֿאַראַן צו צוויי נאָכאַנאַנדיקע טורן — איינע אַ כשרע און די צווייטע — נישט. צו מיטאָג און צום אָוונט־ברויט דער־לאַנגט מען געקאָכטע מאכלים. אין אָוונט אַפֿילו מיט איין שפּייַז מער ווי צום מיטאָג. אָט דער, פֿון די אַמאָליקע גרויס־פּריצישע הייזער

איבערגענומענער מנהג פון די מערב־אייראָפּעישע לענדער, וואָס רויבט צו ביי דער בעל־הביתטע אַזויפיל צייט און מאַכט שנעלער אַ תל פון די מאָגנס — געפינט נישט קיין חן אין די אויגן פון די יידישע פּאַסאַזשירן פון פּוילן. די עיקר סיבה דערפון איז דאָס, וואָס סיי מיטאָג, סיי אָוונט, דערלאַנגט מען אונדז מאַקאַראָני, באַגאָסן מיט פאַרשידענע, נישט אַלעמאָל „פאַרשטענדלעכע" סאָסן...

מיט צופרידנקייט נעמען מיר צו קענטעניש, אַז אין ישראל קאָכט מען נישט קיין צוויי מאָל אין טאָג מיטאָגן...

די „מלכה שבא"

צווישן די יידישע פּאַסאַזשירן און דער מאַנשאַפט שטעלן זיך איין פאַרשידענע באַקאַנטשאַפטן. מען פאַרשטענדיקט זיך אין אַ גאַנץ קרענצל שפּראַכן, צווישן וועלכע — איך מוז דאָס פעסטשטעלן מיט אַ היפּש ביסל פאַרדרוס — עס דאָמינירט דייטש.

אויך מיט נישט־יידישע רייזנדע פון אַנדערע קלאַסן פאַרקניפּן זיך באַקאַנטשאַפטן. אַמפּאָפּולערסטן איז צווישן אונדזער עולם די — „מלכה שבא".

באַלד דעם ערשטן אָוונט האָב איך זי באַמערקט — אַ קאָלאָס פון איבער הונדערט קילאָ וואָג, מיט אַ גרויס, שטראַלנדיק, שיין פּנים און מיט קלוגע אויגן. אויף די געדיכט־געקרויזטע שוואַרצע האָר, וואָס איך האָב אין אָנהייב געהאַלטן פאַר אַ שייטל — האָט זי אָנגעשפּילעט אַ זיידן טיכל אין בונטע פאַרבן. זי איז אַזוי ברייט און ריזעדיק, אַז נישט אין אַלע טירן גייט זי אַריין. זיצנדיק ביים טיש כאַפּט זי דעם אָנבליק פון אַ רביצן און איך האָב געמיינט,אַז דאָס איז אַ ספרדיש־יידישע מיוחסת. אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אַז זי איז גאָר אַ גריכישע „גויעטע", אַן אייגנטימערין פון אַ טרינק־לאָקאַל אין לימאַסאָל. זי פאַרמאָגט ביי איר גאַנצער באַלייבטקייט און קאָמיזם אויך אַ דאָזע פון חן און הומאָר.

די מער יידישלעכע יידן האָבן דער דאַמע אַ נאָמען געגעבן די „מלכה שבא", אַנדערע רופן זי „סאַנטאַ מאַריאַ". חברה האָבן איר געגומען נאָכפייפן, מאַכן אַ „וואַרע", ווען זי פלעגט אָנקומען. אין די ערשטע טעג האָט זי אַלץ גוטמוטיק אַריבערגעטראָגן, געגומען אַלץ פאַר אַ שפּילעריי און מיטגעשפּילט. ביז די ווילע יונגען האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס, געוואָרן וווּלגאַר, און די „מלכה שבא" האָט זיך, נעבעך, שטאַרק באַליידיקט. אַ טייל

מענטשן האָבן עס געוואָלט פאַרריכטן, אָבער עס האָט שוין גאָרנישט געהאָלפן. אין לימאַסאָל איז זי אויסגעשטיגן אַ פאַרביטערטע און ברוגזע אויפן גאַנצן יידישן פאָלק.

אין די קאַבינעס פון דער דריטער קלאַס

מיר זענען אין דער דריטער קלאַס, נעענטער צום ים ווי די אַנדערע. אין אונדזערע קאַבינעס גייט מען אַראָפּ מיט טרעפּ, ווי אין אַ קעלער. זיי טוקן זיך אין תוך פון דער טיפעניש, און די איינציקע מחיצה צווישן אונדז און איר איז די עטלעכע צענטימעטער דיקע, שטאָלענע וואַנט, וואָס לאָזט אַדורך דעם גאַנצן געשריי פון די כוואַליעס. אונדזערע פעקלעך מישן זיך אויס מיט די רעטונגס־גאַרטלען, וואָס ליגן לענגאויס דער וואַנט, לענגאויס די קיילעכדיקע פענצטערלעך, דורך וועלכע מען זעט דעם ים־שפּיגל.

עס רעדט זיך אַזוי „קאַבינעס". אין דער דריטער קלאַס זענען פאַראַן בסך־הכל צוויי „קאַבינעס", אין יעדער פון זיי 80—70 שלאָף־פּלעצער.

די שווערע אייזערנע טיר הייסט מען אונדז כסדר האַלטן אָפן, אפילו ווען עס ציט אַ ווינט. די איטאַליענישע מאַטראָסן פאַרענטפערן אַלע פראַגן וועגן אַלע אומפאַרשטענדלעכע זאַכן מיט איין וואָרט, וואָס איז אויך נישט פאַר אַלעמען פאַרשטענדלעך: „נאַוויגאַציאָנע"!

אין קאָרידאָר זעט מען דורך אָפענע טירן די ריזן־קעסלען, די מאָטאָרן פון דער מאַשין־האַלע — דאָס קלאַפנדיקע האַרץ פון דער שיף. דער קאָרידאָר פירט צום דעק מיטן גרעסטן קראַן און מיר זענען שטאָלץ, וואָס אָט די כלי געפינט זיך אויפן שטח פון אונדזער קלאַס. דער קראַן שטאַרצט איבערן „בויך" פון דער שיף — איבערן הויפּט־מאַגאַזין, און יעדעס מאָל, ווען מיר שטעלן זיך אָפּ אין אַ פּאָרט — שלעפּט ער אַרויס פון דאָרט אומצאָליקע פעסער, קאַסטנס, זעק. דאָ שטייען אויך צוגעדעקט מיט ברעזענט אויטאָס פון רייכע יידן, וואָס פאָרן קיין ישראל אַלס טוריסטן. איינע פון די מאַשינען געהער צו אַ לאָנדאָנער געגאָלטן חזן, ביי וועמען די יידן פון דעם שיפס־מנין פועלן שבת, ער זאָל דאַווענען פאַרן עמוד. דאָס ספר תורה צום לייענען נעמט מען אַרויס פון אַ שאַפקעלע, וואָס שטייט אונטער דער השגחה פון דעם נאמן אויף כשרות. די פּוילישע יידן בלייבן פון דעם לאָנדאָנער „מוסף" שטאַרק אַנטוישט...

אויפן דעק זענען אויפגעשטעלט הילצערנע ביידלעך־ליפטן מיט

העברעישע אויפשריפטן, צו וועלכע דאָס אויג הייבט זיך אָן פּאַמעלעך צוגעוווינען.

ברינדיזי, באַרי, פּירעוס, לימאַסאָל — דער פינפטער פּאָרט וועט זיין חיפה...

משהלעך־גאָלדעלעך

די גרופּע לינקע פּועלי־ציון, וואָס פלעגן אָפּהאַלטן זיצונגען אין רעסטאָראַן־וואַגאָן, זענען איצט מיינע שכנים. עס קומען צו נייע שכנים פון עלטערן און יינגערן דור, וואָס ביז איצט האָב איך זיי נישט געקענט.

נישט ווייט פון מיין געלעגער געפינען זיך איינס נעבן אַנדערן די בעטן פון אַ יונג פּאָרפאָלק מיט אַ יינגעלע, אַ לאָבוז, וואָס אַמאָל רופט מען אים קאַלמיש, און אַמאָל קאַראַליעק. מיט זיינע קאַפּריזן גיט אונדז קאַלמיש די וועלט צו זען. אין אַ שעה פון אָפּרו, הער איך אַמאָל דאָס געשפּרעך פונעם טאַטן מיט דער מאַמען.

— אונדז האָט׳ן עפּעס אַ טאַוול — קלאָגט זיך דאָס ווייבל פאַרן מאַן אין אַ געשמאַקן קאָנגרעס־פּוילישן דיאַלעקט. דער מאַן טרייסט זי, אַז אַלע יינגלעך זענען אַזעלכע, אַז מען דאַרף זיך פונדעסטוועגן נעמען צום בן־יחיד און אים „דערציען״. ביי דער זעלבער מיינונג זענען די שכנים.

אָבער אָט מאַכט זיך אויף דער ווייטערדיקער רייזע, אַז קאַלמיש ווערט קראַנק. ער באַקומט הויך פיבער, אַלע האָבן צרות דערפון און האַלטן אין איין פרעגן די עלטערן וועגן דער טעמפּעראַטור. עטלעכע מאָל אין טאָג קומט אויך מבקר חולה זיין קאַלמישן דער הויכער, גרוי־האָריקער באַזאָרגער פון אונדזער קלאַס. ער ברענגט צו פירן אַ דאָקטאָר, ער ברענגט פאַרן קינד ציטרינען און אַנדערע גוטע זאַכן פון דער ערשטער קלאַס, ווי אויך די פּאַפּירענע „קייטן״, מיט וועלכע אַ יידיש מיידל האָט, אין דער נאַכט פון נייעם יאָר, דעקאָרירט דעם זאַל צום טאַנצן.

אַ שטיין פאַלט אונדז אַלע אַראָפּ פון האַרצן, ווען קאַלמישן ווערט בעסער און ער האָט ווידער כוח זיך אַלעמאָל צו צעשרייען און אונדז אויפוועקן, פּונקט דעמאָלט ווען מיר לייגן זיך כאַפּן אַ דרימל.

אַ חבר פון דער פּ.צ.־גרופּע האָט אַ יינגעלע מיטן נאָמען מ ש ה ל ע. דעם רופן מיר „משהלע־קוישעלע״. דאָס קינד רעדט יידיש און צום הונדערטסטן מאָל אין לעבן טראַכט איך, ווי טרויעריק און איינציק אין איר מין עס איז די סאַטיספאַקציע פון אַ יידישן פּען־מענטש, ווען ער באַקומט די

זעלטענע געלעגנהייט צו הערן דאָס לשון פון זיין שאַפונג אין זיסן מיילעכל פון אַ קינד.

אין ווינקל ביי דער וואַנט „וווינט" אין צוויי בעטן נאָך איין משפחה מיט אַ קלענער קינד — אַ מיידעלע. אויפן שפּאַציר טוט מען איר אָן אַ בלוי טשעפּיקל מיט „קאַצענע אויערלעך". איך זאָג משפחה — אָבער די פרוי באַמערקט מען כמעט נישט. מען קען בלויז דעם טאַטן, אַ ייד אַ רויטן און א בייזן. עס איז דער זעלבער ייד, וואָס מען האָט אים אין קאַלטן וואַגאָן געהאַלטן שיר נישט פאַר אַ צעדולטן. ער פלעגט כסדר אָנפאַלן אויף מענטשן און מאַכן געוואַלדן, הלמאי מען פאַרמאַכט נישט די טיר און מען פאַרקילט אים דאָס קינד.

אַז אַ טאַטע איז צערטלעך אויף אַ מענערישן אופן — איז שרעקלעך. יידן זענען טיילמאָל אַזעלכע איבערטריבענע טאַטעס, מיט איבערגעוואַקסענע געפילן.

דאָס איז אַלץ נוגע קינדער. פאַראַן אָבער אין דער צווייטער קאַבינע פון אונדזער קלאַס אַ וווּנדערשיינע פּערזאָן, אַ קליינע „דאַמע" פון אַ יאָר 4 וואָס איר יונגע, שוואַרצחנעוודיקע מאַמע איז אפשר מער קינד פון איר. גיזיע רעדט פּויליש — געציילטע ווערטער. אויף אירע שפּאַצירן שפּאַנט זי מיט אַן ערנסט פּנים, מיט געמאָסטענע טריט. ווען זי באַווייזט זיך אויפן דעק אין איר שוואַרצן סעלסקין־מאַנטל, מיטן הויכן, שוואַרצן פעלץ־היטל אויפן קאָפּ, מיט די האַנטשו און מיט דער מוף — שפּרינגט מען איר פון אַלע זייטן אַנטקעגן, ווי אַ קליינער בת־מלכה. און זי ווייסט וואָס עס קומט איר, קוים וואָס זי טוט אַ שמייכל; שפּאַנט שטאָלץ און ערנסט מיט די טריט פון אַ טענצערין און פון אַ קאַץ...

אָ גאָט! צי איז דאָס שאָוויניזם און צי האָט ווער רעכט מיר דאָס פאַריבל צו נעמען, וואָס איך האָב אָט די נייע, נאָכמלחמהדיקע — נאָך־חורבנדיקע — קינדער מער ליב פון אַלע אַנדערע אויף דער וועלט?

8. אַ באַגעגעניש אויף דער „קאַמפּידאָליאָ“

אין דער אַלגעמיינער קאַבינע פון דריטן קלאַס געפינען זיך האַרט בײַ דער טיר איינס איבערן אַנדערן די בעטן פון אַ פּאָרפאָלק אין די מיטעלע יאָרן, מיט זײַ פּאָרט אַ קליין, נערוועז, שוואַרץ הינטעלע מיטן נאָמען פּושעק. דאָס הינטעלע שלאָפט בײַ דער באַלעבאָסטע צופוסנס אויפן אויבערשטן בעטל און קריכט אַהין אַרויף איבער דער לייטער, ממש ווי אַ מענטש. פּונקט ווי יעדן איינעם פון אונדז, איז אים די עליה קיין ישׂראל אָנגעקומען נישט גרינג. מען האָט געמוזט אַרײַנטראָגן פאַר אים אין די געהעריקע אַמטן פּאַפּירן מיט פאָטאָגראַפיעס, זוכן פּראָטעקציעס און דערנאָך אויסקויפן פאַר אים אַ גענוג טײַערן רייזע־בילעט. אַ טייל פון דער אויפמערקזאַמקייט, מיט וועלכער די מענטשן באַשענקען פּושעקן, טראָגט זיך איבער אויך אויף זײַנע באַלעבאַטים.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פּאָרפאָלק איז שוין אַ „בית שני“. די פרוי — אַ סך יינגער פונעם מאַן — האָט זיך געראַטעוועט אין אוזבעקיסטאַן. וואָס פאַר דעם איז געווען, ווייסט מען נישט גענוי. דערפאַר ווייסן אַלע וועגן איר מאַן, אַז ער האָט פאַרלוירן אין חורבן אַ פרוי מיט דריי קינדער — צוויי מיידלעך און אַ יינגל. פּונקט ער איז געבליבן...

דער ייד איז אַ שוחטס אַ זון, אַ שטיקל למדן. אַמאָל האָט ער מסתמא געטראָגן אַ בערדל, אָראָפּגענומען עס אין דער היטלער־צײַט און נאָך דער מלחמה שוין מער נישט פאַרלאָזט. אין זײַן אויסזען איז בולט געוואָרן עפּעס סלאַווישס, דאָרפישס. ער דערמאָנט מיך אין מײַן אוקראַינישן לערער פון דאָרף לאַנאָוויץ, אין גאַליציש פּאָדאָליע, פון וואַנען איך שטאַם.

אָן ערך אַנדערטהאַלבן מייל פון לאַנאָוויץ האָט זיך געפונען דאָס גרויסע און שיינע דאָרף בילטש. די יידן פון ביידע דערפער האָבן זיך אָפט משדך געווען צווישן זיך און מיר זענען אַזוי אַרום מיט ירחמיאל זיידמאַן לאַנדסלײַט, שכנים, ווער ווייסט אויב נישט קיין ווײַטע קרובים.

דאָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט באַלד בײַ אונדזער ערשטן באַקענען זיך אויפן דעק פון דער שיף. און באַלד פון אונדזער ערשטן געשפּרעך —

בשעת מיר זענען איבער שטילע וואַסערן געשווומען פון ווענעציע קיין ברינדיזי — הייבט מיר ירחמיאל אָן צו דערציילן אין המשכים די גענויע געשיכטע פון זיינע מלחמה־איבערלעבונגען — מיט דאַטעס, מיט עפּיזאָדן, מיט דיגרעסיעס.

טאָפּלט, דרייפאַכיק אינטערעסירט מיך די מעשה.

עס איז אַ וואַריאַנט פון דעם גורל, וועלכן עס האָבן, פאַר זייער וויסטן סוף, מיטגעמאַכט מיינע קרובים און אַלע אַנדערע יידן פון יענעם קאַנט; אַ וואַריאַנט פון זעלביקן „ראַטעווען זיך", וואָס איך האָב אַליין מיטגעמאַכט.

עס אינטערעסירט מיך...

און איך ווייס שוין פון לאַנג, גלייך מיט אים, אַז — אין פלוג גענומען קעגן יעדער לאָגיק — אינטערעסירן נישט אַזוי די זאַכן קיינעם פון די מענטשן, וואָס האָבן זיי נישט מיטגעמאַכט, ווי דווקא אונדז, וואָס מיר קאָנען זיי שוין כמעט אויסנווייניק.

אָבער פאַר אונדז איז נישט פאַראַן קיין צו פיל. מיר פילן, אַז מיר האָבן נאָך אַלץ נישט דערגרונטעוועט דעם גאַנצן שגעון פון יענער צייט. נאָך נישט אויסגעמאָסטן אַלע אָפּגרונטן, ווו עס האָט דעמאָלט אַנגעשפּאַרט דער מענטש.

*

נאָך אַ מאָל גייען פאַר מיר פאַרביי אַלע עטאַפּן פון אויסראַטונג. טאָמער לאָזט ירחמיאל אויס עפּעס אַ פּרשה, זאָג איך אים אונטער מיט אַ שאלה.

די דייטש־סאָוויעטישע מלחמה האָט אים פאַרכאַפּט אין אַ דאָרף ווייט פון זיין געבוירן־אָרט, וווּהין ער האָט זיך געהאַט אַריינגעצויגן נאָך דער חתונה. נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן האָט געגומען אַ ביסל לענגער ווי אין די שטעט, ביז אין דאָרף האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע גזירות, בהלות, די ערשטע הריגות.

און שוין אין יענער ערשטער צייט האָט מען ירחמיאלן ביינאַכט אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן און אים געשאָסן. אלא וואָס? די קוילן האָבן געטראָפן נישט אַקוראַט און ער האָט נאָך שפּעטער געהאַט כח, אַ באַגאָסע־נער מיט בלוט, צו דערשלעפּן זיך צו דער שטוב.

אָן אַ דאָקטאָר האָבן זיך די וווּנדן צוגעהיילט. דאָס איז געווען דער

ערשטער „נס", וואָס איז מיט ירחמיאלן געשען. דערנאָך האָבן זיך מיט אים געטראָפן נאָך פאַרשידענע אַנדערע „נסים"...

ירחמיאל שטוינט אויף די דרכים פון דער השגחה פרטית:

— פונקט מיך האָט עס געטראָפן? פונקט מיר איז געווען באַשערט צו בלייבן...

דעם ערשטן ווינטער האָט מען אַדורכגעשטופּט נאָך אין דער אייגענער שטוב, מיטן אייגענעם שטיקל ברויט. לאַנג האָט עס נישט געקאָנט דויערן. פרילינג האָט מען דעם אונטערגעוואַקסענעם זון פאַרשלעפּט אין אַן אַרבעטס־לאַגער. דעם רעשט משפחה האָט מען אויסגעזידלט אין נאָענטן שטעטל, און פון דאָרטן אין אַ צווייטער שטאָט, ווו עס איז שוין פאַראַן געווען דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג — מיט אַ יודענראַט און מיט אַ יידישער פּאָליציי; מיט אַ געטאָ, מיט הונגער, מיט טיפוס.

ירחמיאלס זכרון איז פּינקטלעך ביז גאָר. פון צייט צו צייט טוט נאָך אַ קאָך אויף אין אים דער כעס אויף די קהלישע פאַרזאָרגערס פון יענעם שטעטל, ער רעכנט אויס מיטן אַקוראַט זייערע נעמען און מעשים, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַן אינסטאַנץ, וואָס קאָן יענע — שפּעטער אויך אומגעקומענע — יידן אַרויסרופן פאַר אַ דין־תורה.

אויך צום גוטן געדענקט ער אַנדערע. איינעם אַ ייד אַן אביון, וואָס האָט אַליין געוווינט אין אַ קליין שטיבל און כאָטש אַזוי אָפּגעטיילט — אין ענגשאַפט און אין שמוץ — אַ פּלאַץ פאַר די אַנגעטריבענע. כדי מפרנס צו זיין די משפחה, איז ירחמיאל געוואָרן אַ וואַסערטרעגער ביי אַ בעקער, וואָס פלעגט אים אויסצאָלן דעם שכר אין ברויט.

נאָך טוט אַ פלייץ פון ירחמיאלן די געטריישאַפט צו זיין ווייב און קינדער — אַ הייסע און לעבעדיקע, הגם די, פאַר וועמען ער וואָלט נאָך איצט געטאָן עבודת פרך — זענען אַלע טויט.

— איך האָב גוט געלעבט מיט מיין ערשטן ווייב — שטעלט ער מיר אַריין אין קלאַמערן אַ ראַנד־באַמערקונג. איינע פון זיינע דיגרעסיעס — פון די סאַמע בלוטיקע — באַציט זיך צום יינגסטן, ליבסטן טעכטערל נוסיע. „טאַטוסיו", פלעגט זי אים רופן אויף פּויליש. ער קאָן נישט פאַרגעסן, ווי ער האָט איר איינמאָל געגעבן אַ פּאָר פּעטשלעך, ווען אַ גויע האָט ביי איר אַראָפּגעריסן דאָס שיינע, רויטע מענטעלע, וואָס ער האָט איר געהאַט געקויפט פאַרן אַריינקומען פון די דייטשן. און דאָס קינד האָט אים פאַרשטאַנען, כאָטש זי איז גאָר נישט שולדיק געווען. זי האָט אים

מוחל געווען, אָבער ער קאָן זיך די מעשה נישט מוחל זיין ביזן היינטיקן טאָג...

— זאָרג נישט, טאַטוסיו, — האָט זי אים געזאָגט, ווען ער האָט זי שפּעטער אַרומגענומען, אַרומגעהילט, זי זאָל זיך נישט פאַרקילן — זאָרג נישט, דו וועסט מיר נאָך קויפן אַ נייעם מאַנטל.

ער האָט איר שוין אָבער קיינמאָל מער גאָרנישט געקויפט. ער זעט זי אַ סך מאָל אין דמיון, ווי זי איז דעמאָלט געשטאַנען פאַר אים אַ באַהוילטע פונעם מענטעלע און דערפאַר אפשר — אַזוי פאַרטרויט זיך פאַר מיר ירחמיאל — קאָן ער זיך נישט אַנטשליסן צו האָבן נייע קינדער מיט דער איצטיקער פרוי, הגם דאָס וואָלט אפשר גוט, אפשר מעגלעך געווען. אים דאַכט זיך, אַז ער וואָלט דערמיט בוגד געווען אין יענעם טעכטערל...

ווען ירחמיאל רעדט, זעט מען די לאַנדשאַפט, גויים און יידן, קאַנען צום טראָגן וואַסער. מען זעט אין אַן ערב פּסח טרייסלען זיך אַ יידישע משפּחה אויף אַ גוייש פורל מיט אַ פּעקל בעטגעוואַנט אין דער מיט — מעביר זיין די סדרה „גירוש“. ירחמיאל האָט אויך פאַרגעדענקט אַ שפּאַס פון אַ הונגעריקן יינגל אין געטאָ פּאָדוואָלאָטשיסק. געזען, אַז מען נעמט צונויף ברויט פאַר „געשפּרונגענע“, וואָס זענען אַנטלאָפן דורך די פענצטערלעך פון די טויטן־צוגן, אויפן וועג קיין בעלזשעץ, איז דאָס יינגל אַרויף אויף אַ טיש, געטון אַ שפּרונג אַראָפּ און געזאָגט: „איך בין אויך אַ געשפּרונגענער, איך וויל אויך אַ שטיקל ברויט...“.

איינס פון ירחמיאלס קינדער האָט זוכה געווען צו שטאַרבן אויף טיפוס מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

אין אַנגסטן און מהומות איז די צייט געגאַנגען פאַרויס.

דעם אומקום פון זיין ווייב מיטן יינגסטן טעכטערל האָט שוין ירחמיאל נישט צוגעזען. ער האָט זיך פאַרדונגען אָפּצואַרבעטן פאַר אַ פאַרמעגלעכן יידן אַ וואָך צוואַנגס־אַרבעט און פון דאָרט האָט מען אים פאַרשלעפּט קיין לעמבערג, אין יאַנאָווער לאַגער, ווו ער האָט אין אַ צייט אַרום דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז מען האָט די מאַמע מיט דער טאָכטער אַרויסגעפירט קיין בעלזשעץ.

אויף דעם אָרט קומט אַ גענויע באַשרייבונג פון די אומשטענדן ווי אַזוי אָט די ידיעה איז צו אים דערגאַנגען; אַלע פּרטים פון יענעם טאָג. ירחמיאל איז פון די, וואָס טראַכטן אַריין אין דער דאַטע פון אויפשטעלן אַ יאָרצייט.

*

מיר זענען אַריינגעטאָן אין אַ היפּנאָז.

מיר זיצן אָפּ שעהן אויף אַ באַנק, אָדער אויף עפּעס אַ טייל פון גרויסן שיפּס־קראַן, וואָס געפינט זיך אויפן דעק פון דריטן קלאַס. מיר רעדן, בשעת די שיף איז אין גאַנג און מיר שמועסן, בשעת זי שטעלט זיך אָפּ אין די פּאָרטן און אַנדערע עולים פירן אַ טויש־האַנדל מיט גריכישע פּעדלערס; שווימען אַוועק מיט שיפלעך צום ברעג און קומען צוריק באַלאָדענע מיט ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און עלעקטרישע טשייניקעס.

איידער מען שווימט אָפּ פון פּירעוס אין ווייטערן וועג, קומט צו אונדז צו ירחמיאלס ווייב, פרוי מעלאַ. זי פירט שפּאַצירן אויף אַ לעדער־באַנד דאָס שוואַרצע הינטעלע און האַלט אין האַנט דריי מאַראַנצן, וואָס זי האָט איינגעהאַנדלט פאַר אַ פּעקעלע אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן. מיר פאַר־ברענגען אַ ווײַלע אַלע דריי און מיר עסן די פּירות, וואָס זענען אַן אָנזאָג פון דעם לאַנד, צו וועלכן מיר פאָרן.

עס בלאָזט אַ קילער ווינט. ירחמיאל פּעטשלט אַ פאַרטראַכטער פושעקן איבערן העלדזל. פרוי מעלאַ פאַרקנעפּלט אים ביז אַרויף דעם געהעקלטן סוועטער, וואָס ער טראָגט אונטער דעם גויישלעכן ספּאָרט־אַנצוג און ער טוט דערביי אויך איר — מיט פונקט דער זעלבער טיף־פאַר־טראַכטער מינע — אַ פּעטשל איבערן אָרעם.

פרוי מעלאַ גייט אַוועק. אַ כלומרשט גוט געשטימטע, אַ כלומרשט מיט אַלץ צופרידענע. אַ ייִנגערע פון מאַן און פאַרט אַ מוטערלעכע. עס איז אַלץ אָפּגעמאַכט צווישן זיי. זי פאַרשטייט; זי האָט אויך פאַרלוירן נאָענטע, זי איז נישט אייפערזיכטיק אויף יענער „ערשטער"; אויף דעם מאַנס ווייקן אין דערמאָנונגען וועגן דער פריערדיקער משפחה. פונדעסטוועגן רעדט ער נישט אין איר קעגנוואַרט וועגן די זאַכן. ער וואַרט זי זאָל אַוועקגיין, און זי נעמט דאָס הינטעלע אויפן רימענדל און שמייכלט מיטן שמייכל פון מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט זוכן מתיקות אין אַבי וואָס.

*

עס איז שוין פאַרנאַכט. מיר זיצן ווידער אויף עפּעס אַ קאַסטן אויפן דעק און איך הער דעם המשך פון דער מעשה. ירחמיאל שטעלט זיך אָפּ

און מיר קוקן אַ ווײַלע אויפֿן וווּנדערשײַנעם קאַרינטישן ים־אײַנגוס, בשעת די זון פֿאַרזינקט, ווי אַן אונטערגײענדיקע שיף אין בלאָע טיפֿענישן.

— אוי ווײ, ס'איז שײן! — גיט ירחמיאל אַ שאַרפֿן, יידישן קרעכץ אויף די וווּנדער פֿון גאָטס וועלט. מיר גאַפֿן אויף עפּעס אַ גאַטונג דראָבנע, יונגע מעוועס מיט רויטע שנאָבלען און רויטע פֿיסעלעך, וואָס ווידמענען זיך שפּילעריש און אויסטערליש צופֿוסנס פֿון די הויכע, שטײנערנע ברעגעס, לענגאויס וועלכע מיר שווימען נאָך אַ שטיקל צײט. אין אַ רגע אַרום זענען מיר ווידער אײַנגעקוקט, אײַנגעהאָרכט אין זיך. אין דמיון זענען מיר אַן אַנדערן אונטערגאַנג.

ירחמיאל איז קוים עפּעס איבער די פֿופֿציק, אָבער זײַן קאָפּ איז גראָ, ווי באַשאָטן מיט אַש. ער איז קורצזיכטיק און זײַן מרוזשען די אויגן, זײַן זשעסט פֿון מאַניפּולירן בײַ די ברילן, ווען ער וויל זען אין דער ווײַטן — רופֿט בײַ מיר יעדעס מאָל אַרויס אַ ציפּענדיקן, נערוועזן רחמנות. עס טוט מיר ווי זײַן קול, זײַן פּלוצעמדיק אַנטשוויגן ווערן אין מיטן רעדן. אָממײנסטן טוט מיר ווי זײַן „באַהערשן זיך", וואָס איך קען אַזוי גוט פֿון אײגענער דערפֿאַרונג.

פֿון צײַט צו צײַט פּײַפֿט עפּעס בײַ ירחמיאלן אין דער דורכגעשאָסענער ברוסט. ער ראַנגלט זיך אָפּט מיטן אָטעם און מיטן טרויער, וואָס באַפֿאַלט אים, ווי אַ גזלן. זײַן שטים איז געדעמפּט — ער רעדט ווײַטער.

מיר זענען דערגאַנגען צו דער צײַט, ווען פֿון דער גאַנצער משפּחה זענען געווען אויף דער וועלט — אין אַ שטאַרק באַשווערטן קאָנטאַקט מיט אַנאַנד — נאָר נאָך ירחמיאל מיט זײַן זון. יענער האָט אַפֿילו געהאַט געפֿונען אַ וועג, ווי אַזוי צו שיקן דעם טאַטן פּעקלעך אין לאַגער אַרײַן. ירחמיאל האָט געזוכט אַ וועג צו אַנטלויפֿן, מיטן געדאַנק, אַז ער האָט נאָך אַ זון אויף דער וועלט.

אינאײנעם מיט אַ צווייטן יידן, וועלכן ער האָט דערנאָך שוין מער קײן מאָל נישט געזען, מחמת יענער איז אין אַ פּאָר טעג אַרום געכאַפּט געוואָרן — האָט זיך ירחמיאל סאַמע ערב חגא „אָפּגעריסן" פֿון אַ קאָמאַנדאָ, וואָס האָט געאַרבעט אין שטאָט. ער האָט פֿאַרמאָגט אַן אַדרעס פֿון זײַנעם אַן אַמאָליקן פּוילישן שכן, וואָס האָט איצט געוווינט אין לעמבערג. בײַ יענעם אין שטוב האָט ער זיך איבערגעטון און באַקומען די ערשטע הילף. עס הייבט זיך אָן אַ נײַער פּרק, דאָס קאַפּיטל „אויף דער

פריי״. פאַרשידענע פּאָליאַקן און אוקראַינער, צו וועלכע ער ווענדט זיך אין זיינע ערשטע נויטן, זענען דווקא אָנשטענדיקע מענטשן. אָבער איין כאַראַקטעריסטישע זאַך טוען זיי אַלע. מען גיט דעם לעבעדיקן יידן — דעם געשפּענסט — וואָס מער און וואָס בעסער אָפּצועסן, ווי מען וואָלט זיך דערמיט ווען פון עפּעס אויסקויפן. מען גיט אים אויף הוצאות, אַבי ער זאָל זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן...

ירחמיאל געדענקט מיטן אַקוראַט, וואָס ער האָט דעמאָלט ווו באַקומען צו עסן. די שטיקער ווורשט און גלעזלעך בראָנפן, וואָס האָבן אים אַריינגעגעבן אַ נייעם כוח. די שטיקער חגאדיקן קוילעטש און גויישקן לעקעך... ער געדענקט וו אַזוי ער איז געגאַנגען אָנגעטון, ווען ער איז דאָן, נאָכן אַנטלויפן, דאָס ערשטע מאָל געפאָרן ווי אַ כלומרשטער קריסט מיט דער באַן — געפאָרן צום זון. ווי אין אַ קינדער־געמעל וואַקסן אַמאָל אויס אין זיין שילדערונג געוויסע זאַכן איבער זייער מאָס און פּערספּעקטיוו. ווי אין אַ פילם־דערנענטערונג דערזעען מיר פּלוצעם עפּעס אַ פאַרגרעסערטן דעטאַל. אַ מאָל איז דאָס אַ סערפּ אָדער אַ קאָסע אין דער האַנט פון אַ פויער, אַ מאָל אַ בוים צעקלאַפּט פון אַ דונער. אָפּטער פון אַלץ זענען עס פאַרשידענע מינים עסנוואַרג.

...און מיר, אַז מען גיט מיר עסן, עס איך, מען הייסט מיר גיין — גיי איך...

איך באַמערק באַלד דעם נייעם רעפרען, וואָס רוקט זיך אַרויס אין נייעם טייל פון ירחמיאלס שילדערונג. שווער צו כאַפּן, וואָס איז דער אייגנטלעכער מיין פון די ווערטער. אפשר דריקן זיי אויס דעם מצב פון דער האַלב־פויערישער, האַלב־חיהשער אָפּגעטעמפּטקייט, וועלכע איז צו יענער צייט געוואָרן זיין כלי־זיין אין גערענגל פאַרן לעבן. און אפשר גלאַט גאַרנישט: אַ מין אָרנאַמענט אויף אויסצופילן די פויזעס, בשעת וועלכע ירחמיאל דאַרף זיך אַ ווײַלע אַריינטון אין זיך.

דעם זון האָט ער שוין נישט געטראָפן. מען האָט אים אין יענע טעג „צוגענומען" צוזאַמען מיט דער גרופּע יידישע אַרבעטער, וואָס האָט פּונקט דעמאָלט געהאַט פאַרענדיקט בויען אַ וועג פון וואַלד צום שאָסיי. עד היום קאָן זיך ירחמיאל נישט אַרויספּלאָנטערן פון דעם פּאַטאַלן צוזאַמענהאַנג צווישן דער דאַטע פון זיין אַנטלויפן און דעם זונס ליק־ווידאַציע. ער וואָלט נאָך זייער געוואָלט האָבן דעמאָלט באַוויזן אים צו זען... אַפילו אויב דאָס יינגל האָט שפּעטער געמוזט אומקומען... זיי

זאָלן זיך נאָך פאַר דעם געווען האָבן געזען... כדי זיין קינד זאָל נאָך געווען האָבן געוווסט, אַז דער טאַטע האָט זיך צו אים דערקליבן, עפּעס אויפגעטון... ירחמיאל קאַלקולירט פאַר מיר איבער אויף אַ קול דאָס, וואָס ער האָט שוין מסתמא אפשר הונדערט מאָל איבערגערעכנט אין די נעכט — דעם חשבון פון זיינע הכנות צום אַנטלויפן — צי האָבן זיי נישט צו לאַנג געדויערט? צי וואָלט געווען מעגלעך, אַז ער זאָל יאָ געווען האָבן באַוויזן?

אַנטקעגן דעם, צי איז ער שולדיק, צי נישט, הלמאי ער איז געקומען צו שפּעט? ער וואָלט אפשר דעמאָלט געווען געדאַרפט קלאַפּן פון לעמבערג אַ דעפּעש?

אָבער דאַן קומט אַ נאָך שווערערע פראַגע. און ירחמיאל נעמט זיך פאַרענטפערן פאַר מיר, הלמאי ער איז פאַרבליבן לעבן נאָך דעם, ווי דער איינער, דער לעצטער פון די זייניקע, איז שוין אויך געווען טויט.

פאַרוואָס איז ער נאָך פון דעם אָרט אַוועק ווייטער זוכן ראַטונעק? נישט שוין־זשע איז אים אַזוי שטאַרק געווען געלעגן? נישט שוין זשע וואָלט נישט געווען גלייכער, שענער...

אַ פאַקט איז, אַז ער האָט ווידער ערגעץ באַקומען אויף הוצאות און איז אַוועקגעפאָרן פון דעם אָרט געננג ווייט, ביז אין דעם דאָרף, פון וואַנען מען האָט אים מיט העכער אַ יאָר צוריק אַרויסגעטריבן.

פאַרוואָס האָט ער טאַקע אַנגעשפּאַרט אין יענעם דאָרף?

די קשיא האָט נאָך ירחמיאל ביי זיך אין האַרצן נישט פאַרענטפערט.

די קשיא, וואָס איך שטעל מיר, איז אויך נישט קיין פּשוטע:

פאַרוואָס האָבן אים די פּויערים פון יענעם דאָרף אויסבאַהאַלטן, הגם מיט אַנדערע יידן פון דעם דאָרף האָבן זיי עס נישט געטון? אין וואָס איז באַשטאַנען דער קאַפּריז פון דעם גורל? דער סוד פון דעם „נס״?

יידישע חכמה, פּערזענלעכער שאַרם? — פּונקט אַזוי, ווי עס האָט געוויגן לזכות, האָט עס געקאָנט וועגן לגנאי! צי האָט ירחמיאל נושא חן געווען ביי די פּויערן, ווייל ער איז געווען אַנדערש ווי זיי, אָדער האָבן זיי איינגעשטעלט פאַר אים דאָס לעבן, ווייל ער האָט געוווסט צו רעדן מיט זיי אין זייער נוסח, געבן זיי עצות, זיך איינחנפנען ביי זיי?

מסתמא סיי איינס, סיי דאָס אַנדערע. אַ פאַקט: ער האָט אָפּגעלעבט אין דעם דאָרף אַ זומער און אַ ווינטער און נאָך אַ שטיק פרילינג און — ער האָט געלעבט.

*

עס איז געווען אַ שטורעם אויפֿן ים, וואָס האָט געדויערט אַ נאַכט מיט אַ טאָג און נאָך אַ נאַכט. דורכן ראַדיאָ זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז אין ישׂראל איז אין דער צייט אויסגעפֿאַלן אַ שניי. אַלע אויפֿן שיף זענען געוואָרן ים־קראַנק, אַפֿילו פּושעק. אויף צו מאָרגנס, אין לימאַסאָל אויף ציפּערן, איז אונדזער לעצטער אָפּשטעל.

אַלע מענטשן זענען אַרויס אויפֿן דעק אָפּאָטעמען נאָכן קאַשמאַר פֿון ברעכונג און קאָפּ־שווינדל. די שיף שווימט דאָס מאָל צו האַרט צום ברעג. מען גייט אַראָפּ פֿון די טרעפּלעך, וועלכע מען לאָזט אַראָפּ פֿון באָרט פֿון דער צווייטער קלאַס — און מען איז שוין אויף דער יבשה. איינוווינער פֿון דער נישט גרויסער פּאָרט־שטאָט — געאָרעמטע פּאָרלעך, מאַמעס מיט קינדער־וועגעלעך, מענער וואָס גייען צוריק פֿון דער אַרבעט — קומען צו נאָכמיטאָג צו דער שיף. זיי קוקן אַרויף, ווינקען צו אונדז פֿאַרשידענע מיני באַגריסונגען. אַ גרופּע מיידלעך ביי אונדז אויפֿן דעק מאַכן צום ציפּרישן עולם מיט די הענט און יונגע חבֿרה ענטפֿערן מיט פֿריילעכע געלעכטערס; זיי נעמען אָן מיט איין האַנט זייער צווייטע האַנט און טרייסלען זי, ווי שווישפּילער, וואָס דאַנקען אַמאָל אויף אַזאַ אופֿן פֿאַר אַפּלאָדיסמענטן.

אַ טייל מיידלעך פֿון ציפּערן גייען אָנגעטאָן אין קורצע יאַקערלעך און מיט באָרוועסע פֿיסלעך אין זומערדיקע לאַטשן. פֿון צווישן די בנינים זעען מיר שטאַרצן הויכע ביימער מיט טונקעלע, טעלער־פֿלאַכע בלעטער־קרוינען: שניי און שטורעם — אָבער ס׳איז פּאָרט מזרח, ס׳איז ערבֿ פּרילינג, ס׳איז ערבֿ ישׂראל.

פֿאַר אַ טישל פֿון דער שיפֿס־פֿאַרוואַלטונג שטעלט זיך אויס אַ לאַנגע און געדריייטע מענטשן־שורה נאָך דערלויבענישן אַראָפּצוגיין אין שטעטל אַריין. איך טרעף זיך מיט די זיידמאַנס ביי דער באַריערע פֿון דער צווייטער קלאַס, פֿון וועלכער מען קוקט אַראָפּ אויף לימאַסאָל, ווי פֿון דער ערשטער ריי באַלקאָן אין אַ טעאַטער־זאַל אויפֿן עולם, וואָס רוישט בשעת דער פּויזע אין פּאַרטער.

— אפֿשר וואָלטן מיר אויך אַרויסגענומען אַ דערלויבעניש, אַראָפּגעגאַנגען אַ ביסל אין שטאָט אַריין? — לייגט פֿאָר פּרוי מעלאַ.

— אַז דו ווילסט גיין, גיי. אפשר ווילסטו עפּעס קויפן? — ענטפערט ירחמיאל און שטעקט איר אין האַנט אַ פינף־דאָלאַר־באַנקנאָט פון זייערע רייזע־דעוויזן — איך וועל נישט גיין.

— און פּושעק?

— אויב דו ווילסט, קאָנסטו אים איבערלאָזן.

פרוי מעלאַ נעמט מיט פּושעקן מיט זיך.

מיר גייען מיט ירחמיאלן אַריבער אויף דער צווייטער זייט דעק, ווו עס איז איצט גאַנץ פּוסט און שטיל. מען דאַרף זיך צואיילן, כדי פאַרן אָנקומען קיין ישראל פאַרטיק צו ווערן מיט דער מעשה.

„...און מיר, אַז מען הייסט גיין — גיי איך, מען הייסט מיר קומען — קום איך...״

אַזוי חזרט שוין ווידער איבער ירחמיאל. ער איז ממשיך די מערק־ווירדיקע געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט זיך אין משך פון חדשים און חדשים אַרומגעדרייט איבער יענעם דאָרף. קינד און קייט האָבן געוווּסט, אַז ער איז פאַראַן, מען האָט אים נישט איין מאָל געזוכט און פון דעסטוועגן האָט אים שטענדיק ווער באַוויזן באַצייטנס צו וואָרענען. איין מאָל האָט עס געטון אַ שוועסטער פון אַן אוקראַאינישן פּאָליציאַנט, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דעם געיעג אויפן ייד. ווען מ׳האָט אים געזוכט אין איין עק דאָרף, האָט ער זיך באַהאַלטן אין צווייטן עק. שלאָפן פלעגט ער אין שייערס, אין שטאַלן, אויף בוידעמער. אַמאָל פלעגט ער פאַרשווינדן אויף אַ פּאָר וואָכן אין וואַלד, אין פעלד. אַן אָרעמע אלמנה איז געווען אין דאָרף, פלעגט זי אים אַריינלאָזן אין שטוב אין די גרויסע פרעסט, ער זאָל זיך אָנוואָרעמען, ער זאָל נישט פאַרפרוירן ווערן. זי פלעגט אים פון צייט צו צייט אויסוואַשן אַ העמד, מאַכן אַן אַנטלויזונגס־קוראַציע... האָט אַ באַלעבאָס געקיילט אַ חזיר, האָט ער אויך ירחמיאלן געגעבן אַ חלק און ער פלעגט דאָס אַלץ אַוועקטראָגן צו דער אלמנה. עסן האָט אים נישט געמאַנגלט. אַ פּויער האָט אים אַמאָל געטראָפן פאַרטאָג אַרויסקריכן פון אַ סטייגל תבואה, האָט ער זיך צו אים אָנגערופן:

— עפּעס שמועסט מען, רחמיאלקו, אַז איר גייט אַרום צווישן מענטשן און צו מיר קומט איר נישט? מיט וואָס בין איך ערגער פון אַנדערע?

— און מיך, אַז מען רופט, קום איך. מען גיט מיר עסן, עס איך.

ירחמיאל טוט זיך אַ רוק פון הינטן אַרויף דעם קאַפּעליוש, פאַרשטעלט מיט אים דעם שטערן, די אויגן, ווי כדי מיר צו אילוסטרירן, אַז ער האָט

זיך דעמאָלט „אַראָפּגערוקט דעם ספּאָדיק" און געגאַנגען צווישן די גוייִם אין די הייזער, ווייל ער האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. און דרך אגב באַמערקט ער:

— קען זיין, אַז דערפאַר האָט זיך אַזוי צוגעפּירט, ווייל עס איז מיר נישט געווען געלעגן צו לעבן. יאָ, יאָ — ניין, ניין.

מען שלעפּט שוין צוריק אַרויף די לייטער און מען בינדט זי צו מיט שטריק צום באָרט. באַלד וועט מען אָפּשווימען. פרוי מעלאַ איז צוריק־געקומען און צוריק אָפּגעגעבן דעם מאַן די פינף דאָלאַר. זי האָט גאַרנישט געקויפט.

*

די מעשה גייט שוין צו נעילה. אויך אונדזער נסיעה. מען האָט אונדז שוין אָנגעקינדיקט, אַז מאָרגן פאַרטאָג פאָרן מיר אַרויף אויף די וואַסערן פון ישראל.

ירחמיאל דערציילט מיר, ווי אַזוי ער איז נאָכן אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי אַרויס אויף דער פריי און ערשט איצט אויפסניי דערפילט זיין בראָך.

מיר קוקן שוין אויפן לעצטן זון־אונטערגאַנג פאַרן פאַרלאָזן די שיף. מיר זענען אַרויפגעשטיגן מיט די טרעפּ אויפן הויכן טורעמדיקן דעק פון ערשטן קלאַס. מיר שטייען אָנגעשפּאַרט אין דער באַריערע, ווי אויף דעם גאַנעק פון אַ מיטלאַלטערלעכן שלאָס, וואָס שטאַרצט אויף אַן אַרויסגערוקטן פעלדז איבערן ים.

די שיף שווימט איצט אין אַ גלייכער ליניע אויף מזרח. מיר זענען אָבער אויסגעדרייט צו דער זייט האָריזאָנט, וווּ עס פאַרגייט די זון.

די מעשה איז געענדיקט. ווי טיפע אָרגל־טענער פון אַ טרויער־מאַרש זייען זיך אין טונקל־בלאָען אָפּגרונט די לעצטע משופּעדיקע שטראַלן פון דער טונקל־רויט צעגליטער זונען־קויל. בלוט און שריפה פאַרזינקט אין אין־סוף. די זון איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן, אָבער שוין פון יענער זייט וועלטן און וואַסערן טוט נאָך איין מאָל אַ זעץ אַרויף אַ סנאָפּ פון זונען־בראַנד.

9. אָנגעקומען

ווען די שיף שווימט ווידער אַרויס אויפן ים — דעם לעצטן פאַר־נאַכט — קומט צו אונדז אין אָוונט דער איבער־סטיואַרד — אַן עלעגאַנטער הער פון טריעסט — און קינדיקט אונדז אָן, אַז מאָרגן, 7 אַ זייגער פרי, וועלן מיר אַרויספאָרן אויף די וואַסערן פון ישראל. אויפן מאַסט וועט מען אַרויפציען די פאָן פון ישראל און עס וועלן געשפּילט ווערן ביידע הימנען — דער איטאַליענישער און די „התקוה".

דער גלאַטיקער אַלטער הער, אין טאַדללאָזן גראַנאַטענעם גאַרניטור איז אין אונדזער קאַבינע אַ גאַנצער איינגייער. ער האָט זיך דאָ אָפּגע־קליבן אַ „סימפּאַטיע" — אַ קרענקלעכע, איינזאַמע, יונגע פרוי, וואָס ליגט ס׳רוב צו בעט אין ווינקל קאַבינע. ער ברענגט איר יעדעס מאָל עפּעס פון די גוטע זאַכן, מיט וועלכע מען שפּייזט די מאַנשאַפט און די פּאַסאַזשירן פון דער ערשטער און צווייטער קלאַס. ביי דער געלעגנהייט וואַרפט ער אויך אַנדערע צו אַמאָל אַ ציטרין, אַמאָל אַ פּאָר מאַנדאַרינען.

אין אונדזער קאַבינע שאַפט זיך אַ יום־טובדיקע שטימונג. מען הייבט אָן זינגען. די פּועלי־ציוניסטישע משפחה פון שטשעטשין, מיט דער טאַלענטירטער טאָכטער, וואָס האָט אין פּוילן באַקומען אַ פּריז אויף אַ קאָנקורס פון דראַמאַטישע קרייזן — פירט אָן מיטן „כאָר". וואָס אַ מאָל מער מענטשן, אַפילו אַזעלכע, וואָס ליגן שוין אין די בעטן, באַטייליקן זיך אין געזאַנג. מען דערמאָנט זיך אויס לידער אויף לידער — יידישע און העברעישע, פּוילישע און רוסישע. דאָס געזאַנג הערט מען דורך דעם געקלאַפּ פון די מאָטאָרן, מען הערט עס אין קאָרידאָר, מען הערט עס אויפן דעק.

פאַר דער אָפענער טיר פון דער קאַבינע באַווייזט זיך דער מאַשיניסט פון דער שיף — אַ טעמפּעראַמענטפולער „ים־וואָלף" פון אַ ראָמאַן. דזשוזעפּאָ האָט אַ פּנים מיט אַ לאַנגער און קרומער, בלייך־פאַרחלשטער נאָז, ווי אַ יידישער שניידער פון אַ קליין שטעטל. ער איז אַ „בריה" צו פאַרטשעפּען יונגע און אַפילו מיטליאָריקע פרויען ביים פאַרבייגיין דורכן

קאָרידאָר. ער פאַרפירט אין זיינע פרייע שעהען שפּילערייען מיט קינדער אויפן דעק, מאַכט קאָמישע שטיק, זיי צו פאַרוויילן. איצט שטייט ער אָנטקעגן דער צעזונגענער קאַבינע און זעט אויס, אַז די זאַך איז אים נאָענט צום האַרצן, וואָרעם ער איז עפּעס געוואָרן אומדרייסט. איך פיל, אַז ער וואָלט וועלן צו אונדז אַראָפּגיין. ער וואַרט אפשר, מיר זאָלן אים אַ רוף טון. אָבער קיינער רופט אים נישט. דער איטאַליענער וויל זיך אפשר פון אונדז אויסלערנען עפּעס אַ נייעם ניגון און אפשר איז אים אָנגעקומען אַ חשק און ער וויל אונדז אויפזינגען זיינעם אַ געזאַנג? היינט איז שוין אונדזער לעצטער אָוונט אויף דער שיף...

איך שעם זיך אַרויסצורעדן אַ וואָרט, צו מאַכן דעם מינדסטן זשעסט. דעם זשעסט מאַכט אויך נישט קיין שום אַנדער מענטש פון אונדזער קאַבינע. דער איטאַליענער שטייט אַזוי לאַנג אין דער אָפענער טיר, ביז ער ווערט פּלוצעם פאַרשוווּנדן. די זאַך אַרט מיך דערנאָך אַ לענגערע צייט.

טראַנספּאַרענטן

נאָרמאַל שטעלט זיך די „קאַמפּידאָליאָ" אָפּ אויף אַ טאָג אויף די וואַסערן פון תל־אביב. צוליב דעם שלעכטן וועטער וועט זי עס דאָס מאָל נישט טון. מיר פאָרן דירעקט קיין חיפה.

נאָך דער אָנקינדיקונג פון דעם טסויאַרד, האַלט אָפּ די פּועלי־ציון־גרופּע אויפן „שנאַבל" פון דער שיף אַ זיצונג. עס האַנדלט זיך וועגן אַרויסהענגען טראַנספּאַרענטן. אויך די סתם־ציוניסטן פון אונדזער טראַנספּאָרט באַראָטן זיך וועגן זעלביקן ענין. מען שטעלט פעסט טעקסטן, מען נעמט זיך מאָלן די אויפשריפטן. די פּ. צ. פאַרפאַסן אַ פּראָגראַמאַטישע לאָזונג אויף יידיש און העברעיש און מאָלן זי אָן אויף רויטער לייוונט. די סתם־ציונים זענען יוצא מיטן ציטאַט „ושבו בנים לגבולם", וואָס זיי מאָלן אָן אויף אַ בלוי־־ווייסן באַנד.

פאַרטאָג הייבט זיך אָן אַ נערוועזע פּאַקעניש און איילעניש. נישט יעדער איינער האָט גאָר צייט אַרויסצוגיין אויפן דעק, זיך איינהערן אינעם פּולסירן פונעם אייגענעם האַרץ: אַ קליינקייט — אַרויפגעפאָרן אויף די וואַסערן פון ישראל!

ווען מען האָט אַרויסגעהאָנגען דעם רויטן טראַנספּאַרענט אויפן באָרט, שטעלט זיך אַרויס, אַז מען דאַרף גאָר געבן אים אָוועקשטעלן אַ שמירה. פאַראַן אַזעלכע, וואָס דראָען אים אַראָפּצורייסן.

איך הער ווי אַ טוריסטין אין אַ שייטל, פון אַרגענטינע, צעקאַכט זיך אין אַ הייליקן צאָרן אויפן רויטן טראַנספּאַרענט:

— אוי וויי מיר, נעבעך! יידן זאָלן אַזוינס טון!

אין פּאָרט

אויסגעקומען איז אַזוי, אַז נישט דעם רויטן און נישט דעם בלוי־ווייסן טראַנספּאַרענט האָט אַחוץ אונדז קיינער נישט געזען.

ווען מיר זענען אַריינגעשווומען אין דער חיפער בוכט, איז זי געווען פאַרשטאָפּט מיט גרעסערע און קלענערע שיפן, וואָס זענען געקומען נאָך מאַראַנצן און נישט געקאָנט פאַרלאָדן די סחורה, ווייל דער שניי האָט דעזאָרגאַניזירט דעם טראַנספּאָרט. מיר שטעלן זיך אָפּ געננוג ווייט פון פּאָרט און צום ברעג וועט די „קאָמפּידאָליאָ" אין גאַנצן נישט צושווימען.

מיר שטייען אָפּ שעהן אויפן דעק געשפּאַנט און גרייט צו עפּעס מי יודע וואָס פאַראַ צערעמאָניעס. אָבער קיין שום פון די זאַכן, וועלכע מיר דערוואַרטן — נישט וויסנדיק אַליין אין וואָס זיי דאַרפן באַשטיין — געשעט נישט. אויסער אין די אייגענע הערצער פון אַ טייל עולים, איז נישט פאַראַן קיין שום פייערלעכקייט אין דעם מאָמענט, ווען מיר דער־בליקן די יבשה, די בנינים אויפן ברעג, די קאָלאָסן, וועגן וועלכע מיר זענען זיך משער, אַז דאָס זענען די ראַפינעריעס פון חיפה...

פּאַוואָליע פאַרטיקן מיר זיך אָפּ מיט דער „אַנטוישונג" און מיר הייבן זיך אָן אינטערעסירן מיט רעאַלע זאַכן. האַרט נעבן דער „קאָמפּי־דאָליאָ" איז פאַראַנקערט אַ קריגס־שיף, אויף וועלכער עס רודערן אַרום יונגע חברה — יידישע מאַטראָסן!

וואָס דאַרף מען מער? עס דויערט נישט קיין פערטל שעה, איז שוין אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט. אַ יונגער חברהמאַן אין אַ ווייסן טשיפּעק אויפן קאָפּ — אַ קוכער אַ „פּאַצעציאַזש", פון יענע מיני קאָמיקער־טיפּן, וואָס זענען אייביק פאַראַן צווישן מיליטער — שרייט צו אונדז אַריבער אויף יידיש, אַז ער איז אַ וואַרשעווער יאַט פון מוראַנאָוו. אַ צווייטער יונגאַטש, אַ מאָגערער און פריילעכער, הייבט אָן „באָמבאַרדירן" די קינדער אויף אונדזער דעק מיט פּעקלעך שאָקאָלאַד, וואָס זיינע קאָלעגן פון אַרום דערלאַנגען אים.

אַ שוואַרץ געקרייזלטער בחור פון יוגאָסלאַוויע, וועלכער קאָן זיך

מיט אונדז אין קיין שום לשון נישט פאַרשטענדיקן, וואַרפט אַריבער צו דעם עולם אויפן שיף אַ פּעקל פּאַפּיראָסן.

אויפגעלייגט, עפּנט ביי אונדז ווער דאָס שאַכטל פּאַפּיראָסן און טיילט צו איינצלנע שטיק, ווי מען וואָלט איבער זיי געדאַרפט מאַכן אַ „שהחינו".

צו וועמען זענען מיר געקומען?

זיך אויפגעקליבן אויף דער זייט דעק, וואָס גרענעצט מיט דער קריגס־שיף, באַמערקן מיר אפילו נישט, ווי צו דער „קאַמפּידאַליאַ" קומט צו שווימען אַ שיפל מיט באַאַמטע. זיי פאַרנעמען טישן אין עסזאַל פון ערשטן קלאַס און הייבן אָן אַמטירן.

מענטשן שטעלן זיך אויס אין אַ ריי מיט דאָקומענטן און פאָטאָגראַ־פיעס אין די הענט. מיר ווערן געוואָר, אַז די ערשטע פאָרמאַליטעטן וועט מען דערלייִדיקן אויף דער שיף. ערשט דערנאָך וועלן מיר קאָנען „לאַנדן".

אויך די ערשטע באַגעגעניש מיט די פונקציאָנאַרן פון דער יידישער מדינה פאַלט אויס גאַנץ אַנדערש ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט.

— דאָ איז אַלץ אַ וואָכעדיקער גאַנג. טראַנספּאָרטן קומען אָן יעדן טאָג — רופט זיך אָן אַ ייד.

— באַאַמטע, ווי אַלע באַאַמטע — זאָגט אַ צווייטער, בשעת ער קומט אַרויס פון דער רעגיסטראַציע.

— וואָס דען האָט איר געוואָלט, זיי זאָלן זיין מלאכים? איר האָט שוין געזען ווי די מלאכים זענען זיך נוהג, בשעת עס קומען אָן טראַנספּאָרטן אויף יענער וועלט?

— מען רעגיסטרירט די פּעסער, פּשוט און פּראָסט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשה נורא? — מישט זיך אַריין אין געשפּרעך אַן עולה, וואָס איז נאָך אינעווייניק נישט געווען, וואָס איז אָבער אַ ציוניסט און האַלט זיך דאָ פאַר עפּעס מיטפאַראַנטוואָרטלעך. — איר ווילט, אַז זיי זאָלן פון אונדז מאַכן אַ מליצה?

— אַ וואָס? — פרעג איך, ווייל איך גלייב נישט מיינע אויערן.

— אַ מליצה! איר פאַרשטייט נישט וואָס איך מיין? אַז מען האַלט אין איין רעדן וועגן הויכע זאַכן...

איך בין באַגייסטערט פון דעם וואָרט. איך האָב אויך פיינט מליצה. נישט נאָר אין שרייבן, אויך אַלס לעבנס־סטיל.

און דאָך — ווען עס קומט מיין ריי צו ענטפערן אויף די פראַגן פון

דעם קוועסטיאָנאַר, וועלכער ווערט אויסגעפּילט אויף מיין נאָמען — קאָן איך נישט אויסקומען אָן אַן אומגעוויינלעך וואָרט. דער באַאַמטער, וואָס האָט פאַרנאָטירט, אַז איך האָב נישט קיין נאָענטע קרובים אין ישראל, שטעלט מיר אַ פּשוטע, אַ ביסל אומטאַקטישע פראַגע:

— איז צו וועמען זענט איר געקומען?

איך בין אין אַ פאַרלעגנהייט, און ענטפערן ווילט זיך, אַפילו טון אַ קליינעם ביס... ס'טייטש, צו וועמען איך בין געקומען? איך נעם צונויף מיינע כוחות, כדי נישט צו ווירקן לעכערלעך. איך פיל ווי איך ווער רויט, אָבער איך ענטפער:

— איך בין געקומען צו דער יידישער מלוכה!

„דיין פּנים האָט זיך געעפנט"

יאָ. דער יום־טוב דאַרף זיין אין אונדזערע אייגענע הערצער, און ער איז טאַקע דאָרט פאַראַן, בשעת עס קומט — שוין שפּעט נאָך מיטאָג — אונדזער ריי עולה צו זיין אויף דער ערד פון ישראל.

צוויי יונגען פאָרן אַהין און צוריק אויף אַ פלאַכן און געררוימען מאָטאָרשיפל, אין וועלכן זיי פירן אַריבער צום ברעג די מענטשן. דאָס געפּעק האָט מען פון אונדז אין גאַנצן אָפּגענומען, מיט דער הילף פון אַ גרויסער שטריק־נעץ צוגעשעפּעט צום שיפס־קראַן, פאַרלאָדן עס אויף אַ פלאַכן שלעפּ־שיפל און אַוועקגעפירט באַזונדער. די חברה, וואָס מאַכן די אַרבעט, זענען אפשר ווינציקער געניט אין פאַך, ווי די פּאָרט־אַרבע־טער, וואָס מיר האָבן געזען לאָדן משאות אין אַנדערע פּאָרטן. פריער פלעגן דאָ אפשר טון די אַרבעט אַראַבער, אָבער מיר זעען נישט, אַז די כמו־יוגנטלעכע אומגעניטקייט פון די פריש־געבאַקענע פּאָרט־פּאַכלייט זאָל אַרויסרופן ביי דער מאַנשאַפט פון „קאַמפּידאָליאָ" עפּעס אַן איראָניע.

זיי זענען באמת יינגער, מאָגערער, אָבער פונקט אַזוי אָפּגעברענט, פונקט אַזוי נאַכלעסיק און צוועקמעסיק אָנגעטון, פונקט אַזוי שטאַרק און געשיקט ווי אַנדערע אַרבעטער אין אַנדערע פּאָרטן.

ווען מיר זיצן שוין אין שיפל און פאָרן צום ברעג, רופט זיך אָן אַ שכנטע פון דער קאַבינע:

— איר ווייסט? אייער פּנים האָט זיך עפּעס ווי געעפנט.

עס איז געווען דינסטיק, דעם 7טן פעברואַר 1950. מיר זענען אַרויפ־געשטיגן אויף דער ערד פון ישראל.

10. אין טויער

סאַנט־לוקס

אַנגעלענט אין די שיפּועים פון הר הכרמל און אָפּגעטיילט בלויז מיטן שאָסיי פונעם ים־ברעג, געפינט זיך דער אָפּגעשלאָסענער שטח פון געוועזענעם ענגלישן מיליטער־לאַגער סאַנט־לוקס. איבערן שטח זענען צעוואָרפן הילצערנע ביידלעך, אין צענטער אַ גרופּע לייוונטענע געצעלטן און פאַררוקט מער אין דער טיף — אַ צאָל בנינים פון רויט־גרויע שטיין־בלאָקן, געדעקטע מיט האַלב־רונדע, בלעכענע דעכער.

איבער אָט דעם שטח שטראָמען כסדר מחנות מענטשן. עטלעכע פּאָליציאַנטן — „יידישע גזלנים" — באַוואַכן דעם טויער און אָן אַ ספּע־ציעלער דערלויבעניש לאָזן זיי קיינעם נישט אַריין און נישט אַרויס.

מיטן וועג פון חיפה קומען אָלע ווײַלע אָן הויכע לאַסט־וועגענער מיט געפּעק, מיט פאַרשיידענע משאות. טייל מאָל טרעפט מען פונקט אָן אויף אַ מאָמענט, ווען דורכן טויער פאָרן אַריין גרויסע פּאַסאַזשיר־וועגענער — ברענגען צו פירן אַ נייע מאַסע מענטשן, פריש אָפּגעשטיגענע פון שיפן, וואָס דאָ וועט זיין זייער ערשטע אַכסניה אין ישראל.

באַלאָדענע מיט כלערליי וואַליזעס, בינטלעך, קוישלעך — באַוואָר־פענע מיט קינדער, מידע און צעקנייטשטע פון וועג, צעטומלטע — כאַפּן טייל מאָל אָט די מענטשן דעם אָנבליק פון עפּעס פּליטים, אַנטלאָפענע, אָדער געטריבענע פון ערגעצוווּ. דאָס, וואָס מיר זעען, איז אַ פראַגמענט פון דער גראַנדיעזער, אויסטערלישער יידישער מאַסן־באַוועגונג, וואָס רופט זיך ע ל י ה.

די מאַראַנץ

מיר זענען אָנגעקומען אין חיפהער פּאָרט באַגינען. ביז מען האָט אונדז אָפּגעלאָדן פון שיף, ביז מען האָט אונדז געבראַכט צו פירן אין שער עליה, איז געוואָרן נאַכט. ווען מיר זענען אַראָפּ פון די וועגענער, האָט אָנגעהויבן צו רעגענען. עס איז דאָ קאַליע געוואָרן די עלעקטריע און אויפן גאַנצן שטח האָט געהערשט אַ חשכות, אַ ווינט, אַ קעלט. די

אַמטן אין לאַגער זענען שוין געווען געשלאָסן און עס איז נישט געווען, ווער עס זאָל אונדז אָנווייזן אַן אָרט אויף נאַכטלעגער. עמעצער האָט געזאָגט, אַז עס שטייען ליידיקע באַראַקן און מען קאָן זיך אַליין אַהין אַריינקלויבן. מאָרגן וועט מען יעדן רעגיסטרירן און מען וועט אַרויסגעבן צעטלען אויף די באַראַקן. עס איז געוואָרן אַ לויפעניש; משפחות זענען צעקלאַפּט געוואָרן. איינער האָט געזוכט דעם אַנדערן, גערופן אין דער פינצטער. דער ערשטער „ברוך הבא" איז אויך דאָ אויסגעפאַלן „נישט אַזוי"...

— מען האַלט אונדז פאַר רעקרוטן — האָט זיך אָנגערופן דער פּועלי־ציוניסט פון טשעטשין — קודם דאַרף מען פאַרזוכן דעם שלעכטן טעם, דערנאָך וועט ווערן בעסער...

ער פירט איין אַ שטיקל אָרדענונג אין אונדזער גרופּע. די פרויען הייסט ער בלייבן מיט די פּעקלעך אונטער דעם דאַך־ראַנד פון דעם פאַר־מאַכטן פאַרוואַלטונגס־בנין; די מענער וועלן אויסזוכן אַ פּלאַץ צום נעכטיקן און צוריקקומען נעמען זייערע משפחות מיטן האַנט־באַגאַזש.

ביז וואָס־ווען באַווייזט זיך פון דעסטוועגן ווער פון די פאַרזאָרגער. די מעגאַפאָנען אַרבעטן נישט, אָבער פון מויל צו אויער פאַרשפּרייט זיך אַן אינסטרוקציע, מען זאָל זיך אויסשטעלן אין אַ ריי נעבן אַן אָפענער שאָפע, וועט מען דאָרט באַקומען קאָצן, געשירן, ליילעכער. און אָט זעט מען טאַקע פון דער ווייטנס דעם אָפּשיין פון אַ פּאָר נאַפט־לאָמפּן, וואָס הענגען איבער לאַנגע טישן אונטער אַ דאַך. אָט טראָגן שוין מענטשן פון דאָרט הויפנס קאָצן, בלעכענע טעפּעלעך מיט הייסער טיי, צו וועלכער זיי קייען צו שטיקלעך ברויט מיט מאַרמעלאַדע. מען ווערט ביי זיך אַ ביסל האָפערדיקער. צוויי פּועלי־ציוניסטן קומען אָן מיט דער בשורה, אַז זיי האָבן באַזעצט אַ צריף און די גאַנצע חברה — איך אין דער מיט, אַ צוגע־טשעפּעטע — שטעלן זיך אויס אין ריי צום נעמען קאָצן.

ווען איך קום צו מיט מיין פרישן אויסגעפּאַסעוועטן טעפּעלע נאָך טיי, זע איך אין דער זייט נאָך איין פאַרטיילונגס־פּונקט. דאָרט שטייט אַ ייד אין מיטעלע יאָרן, מיט אַ שפּיצן־בערדל און מיט אַ היימישן שמייכל אונטער די וואָנצן. ער זעט אַליין אויס ווי אַ נייער עולה, וואָס איז נישט לאַנג אַראָפּ פון שיף. נעבן אים שטייען צוויי גרויסע געפלאָכטענע קוישן מיט זאַראַנצן און ווער עס גייט צו, באַקומט אין האַנט אַריין אַ שיינע, גרויסע מאַראַנץ. — זאָרגט נישט — זאָגט ער צו יעדן איינעם — מאָרגן

וועט מען אייך פֿאַרשרייבן, ס'עט זיין בסדר. ער ווינקט צו אונדז מיט גוטע, היימישע אויגן און מען האָט אַזאַ געפֿיל, ווי עס וואָלט דאָ געשטאַנען אַ באַאַמטער — אַ פֿאַרשטעלטער אליהו הנביא — כדי אונדז צו טרייסטן און צוצוגעבן מוט. כדי אונדז איינצונעמען — ווי קליינע קינדער, מיט אַ שפּילעכל — מיט דער מאַראַנץ, וואָס לויכט, ווי אַ קליינער זונבאַלן אין דעם טונקעלן אַרום און אַרום.

שער־עליה

אָפּגעדראַפּעטע, צעלעכערטע, אויסגעמוטשעטע פֿון ריזיקן מענטשן־פּאַרקער, עפֿענען זיך די הילצערנע ביידלעך פֿאַר דער נייער כוואַליע מענטשן, מיט יענער גרינגקייט פֿון אָרעמע און ענגע שטיבער, וואָס זענען שטענדיק וויליקער אויפֿצונעמען אַן אורח, איידער די רייכע און גרוימע דירות, אין וועלכע עס קלעקט נישט קיין פּלאַץ צום איבערנעכטיקן אַ גאַסט, מעג ער זיין אַן אייגענער ברודער. לענגאויס די ווענט זענען אויסגעשטעלט צו זעקס ביז אַכט אייזערנע בעטלעך און אויף זיי ליגן מאַטראַצן פֿון היי. די מאַטראַצן, די בעטלעך, די ווענט — זענען נישט איבעריק ריין, אָבער אַ מינימום פֿון מענטשלעכער באַקוועמלעכקייט איז דאָ פֿאַראַן. פֿאַראַן אַן אָרט אויף אָפּצולייגן די פּעק, עפֿענען אַ וואַליזע, פֿאַרמאַכן אַ טיר. מען קאָן איבערטון אַ בגד, אָדער אויסשפּרייטן דאָס ניי־דערהאַלטענע ליילעך און אַליין זיך אויסשטרעקן, אויסגלייכן די ביינער.

„אַלע גלייך, אַלע גלייך" — דערמאָנט זיך מיר דער שפּרוך פֿון דעם משוגענעם חכם פֿון וואַרשעווער געטאָ, רובינשטיין. ער האָט דערמיט געמיינט צו זאָגן, אַז אַלע יידן זענען גלייכע קאַנדידאַטן פֿאַרן מאַסן־קבר. אָבער דאָ ווערט דער בייזער שפּרוך פֿאַרוואַנדלט אין אַ ברכה. אַלע יידן האָבן גלייכע רעכט אַריינצוקומען אין דער יידישער מדינה; גלייכע רעכט אויפֿן טעפּל טיי מיט ברויט און אויף דעם אייזערנעם בעטל. עס איז אפֿשר פֿאַלקסדערציעריש צוועקמעסיק, וואָס יידן פֿון פֿאַרשידענע לענדער, פֿון פֿאַרשידענעם מעמד, גייען דורך ביי זייער ערשטן אָנקומען אין לאַנד, די זעלבע מאַסן־פּראָצעדור.

דער ישראלדיקער „קעסל־גאַרטן", דער קאַראַנטין־לאַגער שער עליה, איז דער ערשטער שטאַפּל פֿון קיבוץ גלויות; דער ערשטער אַריינפֿיר צו דער נייער, אייגענער יידישער בירגערשאַפֿט.

רקפות

כמעט אַ גאַנצע וואָך האָבן נאָך איבערן שטח געהועליעט די רעשטן ווינטן, וואָס האָבן איבערן ים געשטורעמט, בשעת מיר זענען געווען אין וועג. אויף די שיפּועים פון הר הכרמל זענען נאָך געלעגן די רעשטן שניי און די קינדער פון דעם לאַנד האָבן זיך נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו וווּנדערן אויף זיין ווייסער זעלטנקייט; מיט אומגעוויינטע זשעסטן פאַר־מירט קוילן און באַוואָרפן איינס דאָס אַנדערע מיט דער אויסטערלישער מאַסע.

ביינאַכט זענען מיר נאָך אַלץ שטאַרק געפרוירן געוואָרן אונטער אַלע קאָצן און מאַנטלען און אויך בייטאָג איז אונדז נישט געווען וואַרעם, הגם די זון האָט געשיינט. מיר האָבן זיך שטאַרק געחידושט, וואָס דער ווינטער האַלט נאָך דאָ אָן „כמעט" ווי אין פּוילן.

מיר האָבן געבראָדזשעט איבער דער בלאָטע און געגאַפט אויפן אַרום. ביז מיר האָבן אין איינעם אַ טאָג באַמערקט, ווי פון צווישן די פאַרוויאַ־נעטע ווילד־גראָזן אויף די אַרומיקע הייכן, קוקן אַרויס די לילאַ און פיאָלעטע קעפּלעך פון אומבאַקאַנטע שניי־בלומען, וואָס זעען אויס, ווי קליינע, צאַרטע ציקלאַמענען און אויף העברעיש ווערן זיי גערופן רקפות.

„אוזבעקן"

אונדזערע נאָענטסטע שכנים זענען געווען יידן פון עיראַק. יעדן אָוונט האָבן זיי אינמיטן פון זייער באַראַק געצונדן אַ פייער פון עפּעס אָנגעקליבענע שפּענער און צווייגן, און זיי האָבן אונדז נישט געלאָזט שלאָפן מיטן רויך און מיט די קולות, וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען דורך דער לעכערדיקער ברעטער־וואַנט.

— זיי ווילן אונדז אַוועקלאָזן מיטן פייער — האָבן מענטשן זיך געבייזערט, אָבער מיין שכנטע, פרוי עדה, וועלכע איז אין מלחמה־צייט געווען אין סאָוויעטיש אַזיע, האָט די יידן גערופן „אוזבעקן" און זי האָט געזאָגט, אַז זיי מוזן אַזוי טון, ווייל די אוזבעקן טוען אויך אַזוי...

אין אַ טאָג צוויי אַרום האָבן מיר זיך צוגעוווינט. פרוי עדה'ס מאַן האָט אָנגעהויבן אויספרווון אויף די שכנים דעם כוח פון זיין לשון־קודש און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אין אַזעלכע גרונט־זאַכן ווי פייער און וואַסער, קאָן מען זיך דערמיט פאַרשטענדיקן. מיר האָבן מכבד געווען

די צאָלרייכע קינדער זייערע מיט זיסע זאַכן פון אונדזערע האַנט־פּעקלעך און זיי האָבן געגעסן און געשמייכלט צו אונדז. דאָס שוואַרצע היטעלע פון דער פרוי עדה האָט מער נישט געבילט אויף זיי און מיר האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז שוין באַלד אַן אַדערויף אויף אַ שטיקל דערנענ־טערונג.

טליתים

עס זענען פאַרגאַנגען אַ פּאָר טעג און איבערן לאַגער האָבן נאָך אַלץ געהוליעט קאַלטע ווינטן. מיר זענען אַרומגעגאַנגען אין אונדזערע, פון פוילן געבראַכטע וואַרעמע מאַנטלען — אַנדערע אין פוטערס — און פונדעסט־וועגן געכאַפּט אַ ציטער. אין דער זעלבער צייט האָבן מיר אָבער געזען, ווי די „שוואַרצע״ יידן, וואָס זענען ווינציקער געוווינט צו קעלט פון אונדז, גייען אַרום אָן מאַנטלען און אָן פוטערס, און גיבן זיך פונדעסטוועגן מיט דער קעלט אַן עצה בעסער פון אונדז.

פונקט ווי איך פלעג אַמאָל זען אוקראַינישע פּויערים, אָדער הוצולישע פּאַסטעכער אין די בערג, איינגעוויקלטע אין היימיש־געוועבטע פּלאַכטעס פון האַנפּט אָדער ליין און אָנגעטוענע אין זעק אויף די קעפּ — אַזוי האָב איך איצט געזען אחינו בני ישראל פון אַפריקע און פון אַזיע, ווי זיי „באַקליידן״ זיך אין זייער גאַנצן „בעטגעוואַנט״. די קאָצן, וואָס זיי האָבן אויסגעפּאַסע־וועט און די קאָצן וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דער היים — אַלץ האָבן זיי אַרויפגעשלעפּט אויף זיך און האָבן אויף עפּעס אַ כאַראַקטעריסטישן אופן אַרומגעהילט דערמיט דעם קאָפּ, דעם גאַנצן גוף.

אָבער נישט בלויז אין הוצולישע פּאַסטעכער האָבן מיך דערמאָנט די יידן אָנגעטוענע אין די קאָצן.

די מיטגעבראַכטע דעקן פון די אַפריקאַנער יידן, זענען אָפטמאָל פון אַ הויכער קוואַליטעט, געוועבטע פון קעמל־האָר, באַצירט אויף די ראַנדן מיט ברייטערע און שמאָלערע פּאַסן... און ווען איך האָב זיך גוט צוגע־קוקט, ווי אַזוי די יידן הילן זיך איין אין זיי, ווי אַזוי זיי טוען מיט איין וואָרף פון אַן אַקסל אַ שאַר אַרויף אָדער אַראָפּ דעם איינהיל, בשעת דער קאָפּ בלייבט פאַרדעקט און די שפּיצן באַפעסטיקט — האָב איך זיך פּלוצעם געכאַפּט, וואָס מיר קומט דאָ פאָר אַזוי באַקאַנט: אַזוי האָבן דאָך געטאָן אונדזערע טאַטעס, ווען זיי זענען בשעתן דאַווענען געגאַן געהילט אין די טליתים.

לעבעדיקע וואָזעס

און נאָך האָב איך געזען אין שער עליה פּרויען, תימנער, צי מאַראָקאַנישע, עיראַקישע, אָדער פּערסישע — יידישע פּרויען, וואָס האָבן אויסגעזען ווי וואַנדערנדיקע וואָזעס. אויבן און אונטן שמעלער, אין דער מיט — אין מילד פּליסנדיקע אָוואַלע ליניעס — פאַרברייטערט. די אונטערשטע טייל פּנים אונטערגעבונדן אויף אַן ענלעכן אופן, ווי געוויסע מינים נאָנעס, אָדער מזרח־גאַליצישע פּויערטעס, אין זייערע אוראַלטע, ביזאַנטיניש געמוסטערטע טראַכטן. פון קאָפּ ביז צו די פּיס איינגעוויקלט אין פּיל־מעטער־לאַנגע, וווּנדערלעכע געוועבן. נישט געשניטן, נישט געניית, נאָר עפּעס אַזוי קונציק אַרומגעוויקלט אַרום דעם גאַנצן גוף.

מסתמא איז דאָס אַ יום־טוב־טראַכט. אָדער אפשר אַ טראַכט פון די פאַרמעגלעכע שיכטן. וויפל מאָל איך האָב באַגעגנט אַזאַ פרוי, האָב איך זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. איך האָב זיך אויסגעדרייט און נאָכגעקוקט, געגאַפט.

יעקב קאָוואַל מיט די זיבן זין

נעבן דעם געמויערטן בנין פון דער פאַרוואַלטונג אויף דער הויפּט־גאַס פון שער עליה געפינען זיך צוויי צוגעבויטע, הילצערנע באַראַקן. אין איינעם פון זיי מאַכט מען אַדורך אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג. אין צווייטן רעגיסטרירט מען זיך אין דער ישראלדיקער קראַנקן־קאַסע — קופּת חולים. מען פּילט אויס אַ בויגן פון דער הסתדרות, מען ענטפערט אויף פאַרשידענע פראַגן. דאָ זיצט אַ האַרציקער ייד, אַ געוועזענער לערער פון די יידישע פאָלקס־שולן אין וואַרשע און נעבן זיין טישל קאָן מען אַ סך זען און הערן. דער עיקר — צוקוקן זיך צו די „גאַנץ אַנדערע", פריש אין אייראָפּעיִשע בגדים איבערגעטוענע יידן פון אַזיע און אפריקע.

איינעם פון די יידן, וואָס איך האָב דאָרט געזען, וועל איך דאָ אָנרופן יעקב — אַ ביסל דערפאַר, וואָס מיר האָבן אַמאָל געהאַט אַ יעקב אבינו מיט צוועלף זין, און אַ ביסל דערפאַר, וואָס מיר האָבן אויף דער יידישער בינע געהאַט אַ ייד אַ האַרעפּאַשניק מיטן נאָמען „יאַנקל דער שמיד". דער ייד, וואָס האָט זיך רעגיסטרירט אין שער עליה, האָט זיבן זין און פינף טעכטער. ער קומט אַרויס פון טוניס. אַ הויכער, אַ פעסטער, אַ ברייט־פּלייציקער — האָט ער געטראָגן אויפן קאָפּ אַ טוכענעם, ברוינעם פעז און

איבער זיין איינראָפּעישן פּאַלטאָ האָט ביי אים, ווי אַ טשערקעסישע בורקע אַראָפּגעהאָנגען אַ גרויסע, ברוינע דעק פון קעמל־האָר. די דאָזיקע טראַכט, אין צוזאַמענשטעל מיט זיין טונקעלן, אָבער לויטערן זעלבסטבאַוווסטן פּנים, האָט דעם מענטש לגמרי נישט קאָמיש געמאַכט, נאָר אדרבא, אים צוגעגעבן חשיבות. בשעת דער רעגיסטראַציע אין צריף פון דער הסתדרות, האָבן זיך הינטער זיינע פּלייצעס אויסגעשטעלט אַלע זין. איינער פון זיי האָט גערעדט פראַנצויזיש און געענטפערט אויף די שאלות פון באַאַמטן. מיט דרך ארץ און פּאַרכטיקייט, ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ פייערלעכע פּרעזענטאַציע, האָבן די זין אַרומגערינגלט דעם פון זיי אַלע העכערן און ברייטערן פאָטער.

אַזוי האָבן געדאַרפט אויסזען יידישע און אַזוי זעען אפשר אויס ביז היינט אַראַבישע פּאַטריאַרכן מיט זייערע זין. גלייכצייטיק האָבן אָבער די דאָזיקע אַפריקאַנער יידן געהאַט אין זיך עפּעס פון ווייסנבערגס „טאַטן מיט די בנים“, פון משה סטאַוווסקיס „קאָטליאַרעס“, פון שניאורס שקלאָ־ווער, דעמבענע יידן.

און אַפילו אויגן האָט דער ייד געהאַט נישט קיין שוואַרצע, נאָר דווקא טונקל־בלויע און רואיקע, ווי אַ טיף וואַסער; אין די אויגן — אַ פּאָטערלעך־מילדע, קלוגע גוטסקייט. גערעדט האָט ער פּאַמעלעך, מיט אַ באַסאָוווע־ברומענדיק קול. אויף פראַנצויזיש האָט ער געוווסט בלויז איין וואָרט: „פּאָרזשעראָן“ — קאָוואַל.

ווען מ׳האָט אָנגעהויבן פרעגן וועגן דער פּראָפעסיע פון די זין, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַלע זיבן זין, געררוקט איינער פון אַנדערן מיט אַ יאָר־צוויי, האָבן זיך געלערנט דאָס פאַך ביים טאַטן אין קוזשניע און אויך דאָ, אין ישראל, האָט דער קאָוואַל בדעה אויפצושטעלן אַן אייגענע קוזשניע און אַרבעטן מיט זיינע אייגענע זין.

צופאָר גאָט, דערנאָך די סוכנות, זאָלן אים העלפן דערצו.

די יידענע פון לאָדזש און דער גאָלדשמיד פון אַלעקסאַנדריע

גאָר אַנדערע אויגן — לויפנדיקע, אומרויקע, מיט אַ טרויעריק־פריילעך פייערל אין דער טיף — האָט געהאַט אַ מאָגער מענטשל, וואָס איך האָב באַגעגנט אין וואָרט־שטוב ביי דער מעדיצינישער אונטערזוכונג. נאָך פריער האָב איך באַמערקט אין דער ריי פון דרויסן אַ מעוברתע פרוי מיט אַ יונג, אָבער פאַרשוואַרצט און פאַרטרוקנט פּנימל, פון וועלכן עס

האָבן אַרויסגעפינקלט אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע אויגן. זי איז געווען עפּעס אָנגעברוגזט און ווען דער מאַן איז אונטערגעקומען, האָט זי אים אָוועקגעגעבן פון האַנט דאָס קלענסטע קינד, ווי אויך די דריי גרעסערע, וואָס זי האָט געהאַלטן נעבן זיך אין דער ריי און אַליין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק.

די פרוי איז געווען אָנגעטאָן גאַנץ אָרעם, אָבער אין די אויערן האָט זי געטראָגן בריליאַנטענע אויררינגלעך, רינגלעך אויף די פינגער און דיקע, גאָלדענע בראַנזאָלעטן אויף ביידע הענט. אין אַ שלעכטן פראַנצויזיש האָט זיך באַלד צווישן מיר און דעם מאַן פאַרקניפּט אַ געשפּרעך. נעבן מיר אויף דער באַנק איז געזעסן אַן עלטערע פרוי, וואָס איך האָב זי געקענט פון לאָדזש. זי האָט געוואָלט וויסן אַלץ, וואָס איך רעד מיט דעם „שוואַרצן". ס'זענען נישט פאַרגאַנגען קיין צען מינוט, האָט זי פון מיר געמאַכט אַ דאָלמעטשער און דאָס געשפּרעך איז שוין איצטער אָנגעגאַנגען נישט צווישן מיר און דעם ייד, נאָר צווישן זיי ביידע.

דאָס ערשטע האָט די פרוי פון לאָדזש געוואָלט וויסן, וויפל אַ שטייגער עס האָט די ווערט דאָס גאָלדענע צירונג, וואָס דאָס אַפריקאַנער ווייבל גייט אָנגעטון און קודם־כל, ווי אַזוי עס האָט זיך אים איינגעגעבן דאָס אַרויסצופירן. אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אַז דער ייד איז אַ גאָלדשמיד, ער האָט געהאַט אין אַלעקסאַנדריע אַ ווערקשטעל און אַ געוועלבל. ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער איז צעבראָכן געוואָרן, אַז דאָס ביסל צירונג פון זיין פרוי איז אַלץ, וואָס ער האָט באַוויזן פון זיין געשעפט אַרויסצוראַטעווען.

און נאָך האָט דער ייד דערציילט, אַז ער האָט אין תל־אביב אַ שוועסטער, וואָס וווינט דאָ אין לאַנד שוין שיינע עטלעכע יאָר און עס גייט איר רעכט גוט.

— ווער מיר גוטס גינט — האָט באַמערקט די לאָדזשערין — אַז מען האָט רייכע קרובים דאָ־הי. איז זיך דאָ אין וועמען אָנצושפּאַרן.

אָבער דער ייד פון אַלעקסאַנדריע האָט ווייטער גערעדט און געזאָגט, אַז ער איז נישט פון די מענטשן, וואָס זאָלן וועלן אָנקומען צו אַ שוועסטער. ערשט ווען ער וועט קאָנען מיטברענגען אַ שיינע מתנה — ערשט דעמאָלט וועט ער גיין צו איר מיט אַ באַזוך אין איינעם מיט זיין גאַנצער משפּחה.

— טאָקע גערעכט — איז תיכף מסכים געווען די לאָדזשערין, כאָטש

זי האָט מיט אַ רגע פריער געזאָגט עפּעס אַנדערש. — אַלע מײַנע שונאים זאָלן דאַרפֿן אָנקומען צו קרובים נאָך הילף.

און דער גאָלדשמיד פֿון אַלעקסאַנדריע האָט אַ נעם געטאָן העכערע טענער. געוואָרן אויף אַ װײַלע מער פֿראַנצויז, װי ייִד. אַ װײַז געטון אויף דעם יונגן דור מיט די פּאַרסמאַרקעטע נעזלעך — זײַנע קינדער, איינס קלענער פֿונעם אַנדערן — און רעטאָריש, גלאַטיק געטון אַ דרשן, אַז ער פּאַרלאָזט זיך אויף דער מדינה. קינדער האָט ער געבראַכט אויף דער װעלט ? אַ מלוכה דאַרף האָבן קינדער, סאָלדאַטן דאַרף זי ? — זאָל זי זאָרגן פֿאַר זיי! אַרבעטן איז ער גרייט. פֿון אַרבעט זאָגט ער זיך נישט אָפּ, אָבער ער איז נישט מחויב צו שלעפּן אַליין דעם עול...

מיט אָן אַ שיעור ליבשאַפֿט און געדולד האָט ער דערביי אַלע װײַלע זיך געפּאָרעט אַרום דעם קליינוואַרג. ער רעכנט אונדז אויס זייערע נעמען, גיט אָן זייער עלטער און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז איינס איז געררוקט פֿונעם אַנדערן נישט מער װי מיט אַ יאָר. נאָר דאָס 4 יעריקע פֿעלט אים — „געשטאָרבן" — דערציילט ער אונדז מיט אַ טיפֿן קרעכץ.

— נישט פֿאַר קיין שום ייִדן געדאַכט — גיט צו די פֿרוי פֿון לאָדזש, הגם ביי איר אַליין איז דאָס שוין גאָר געדאַכט געוואָרן בשעת זי האָט מיטגעמאַכט דאָס געטאָ.

דעם גאָלדשמידס עלטערע מיידעלע הייסט פּ אָ ר ט ו נ אַ, װײַל װען זי איז געבוירן געוואָרן, האָט דער טאַטע געמאַכט אַ גוט געשעפֿט און פֿאַרדינט אַ סך געלט. זי האָט אים געבראַכט מ ז ל. דאָס עלטערע ייִנגעלע הייסט ע ז ר א, װײַל עס איז אויף דער װעלט געקומען אין דער צייט פֿון דער מלחמה, האָט מען זייער געדאַרפֿט, אַז גאָט זאָל צושיקן אַ הילף. זײַן ברודערל הייסט ש מ ח ה, װײַל ער איז געבוירן געוואָרן אין יענעם יאָר, װען מ'האָט פֿאַרטריבן די דײַטשן פֿון צפֿון-אַפֿריקע. דאָס פֿיר-יאָריקע, דאָס װאָס איז, נישט פֿאַר די אַנדערע געדאַכט, געשטאָרבן אין צאַרטן עלטער — האָט געהייסן ש ל ו ם.

בשעת דער טאַטע רעדט, קריכן אים די קינדער ממש אויפֿן קאָפּ. די פֿרוי פֿון לאָדזש האָט ביי זיך אין טאַש אַ שטיקל האַרטן צוקער. זי גיט דאָס דעם קלענסטן, הייבט דאָס גרעסערע אָן צו וויינען. שלעפּט דער טאַטע אַרויס אַ פּודעלע שװעבעלעך און גיט דעם ייִנגעלע עס זאָל זיך שפּילן. װיינט דאָס מיידעלע, צענעמט ער דאָס פּודעלע אויף צװייען און

גיט איר אַ העלפּט און דעם צווייטן קינד אַ העלפּט. דעם דריטן קינד גיט ער עפּעס אַ שליסעלע פון קעשענע און טוט אים אַ קוש.

איך קוק אויף דעם צערטלעכן יידישן טאַטן און איך וואָלט שטאַרק אַ בעלן געווען צו זען, צי לאָזן זיך אויך נישט יידישע טאַטעס פון אַלעק־סאַנדריע פון זייערע קינדער אַזוי קריכן אויפן קאָפּ.

דער משוגענער מאַהאַראַדזשאַ פון הודו

אַזאַ נאָמען האָב איך געגעבן אַ משונהדיקן, כמעט שוואַרץ־הויטיקן יונגנמאַן פון אינדיע, וואָס איך האָב געזען אַרומשפּאַנען אין עס־זאַל פון שער־עליה. ער האָט געהאַט אַ מינע פון אַ הויך־גליקלעכן, מעכטיקן הער־שער. דער צעשויבערטער קאָפּ האָר איז ביי אים געווען אַרומגעבונדן מיט אַ שמוציקן האַנטוך — מעשה טורבאַן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין עפּעס אַ לויזער, אונטערגעגאַרטלטער בעקעשע, מיט אַ גרויסן דעקאָלט, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעקוקט זיין געדיכט־באַהאָרטע, שוואַרצע ברוסט. ער האָט געשפּאַנט פון טיש צו טיש און כלומרשט אין שפּאַס אַריינגעפּאַרן מיט אַ פעט־שמוציקער האַנט צו מענטשן אין די טעלער, אַרויסגעשלעפּט די קיילעכלעך פון קאָנסערוון־פלייש, אַריינגעוואָרפן צו זיך אין מויל אַריין און מיט איין הויכן צמאָק פון די ליפּן, זיי אַראָפּגעשלונגען.

אפשר איז דאָס געווען עפּעס אַן אומנאָרמאַלער און אפשר איז זיין באַנעמען געווען אַן אויסדרוק פון אַ גרויסער אויפגעבונדנקייט; פון דעם געפיל, אַז ער איז אָנגעקומען אין דעם יידישן לאַנד, וווּ ער איז אַ בירגער גלייך מיט אַלע און קאָן טון, וואָס זיין האַרץ גלוסט.

נעבן מיר ביים טיש איז געזעסן אַ יונגער עולה פון עיראַק, וואָס איז געווען אין גאַנצן אַ ציוויליזירטער און האָט זיך עפּעס זייער געשעמט פאַר די מעשים פון זיין „שכן" — דעם עולה פון אַזיע. דער בחור האָט גערעדט אַ ביסל ענגליש און האָט מיר דערציילט, אַז ער דאַרף נאָך אַהער באַציען די משפחה. אין ירושלים האָט ער אַ מומע.

ווען נישט די עטוואָס „איבערטריבן" שוואַרצע הויט און די גאַנץ שעפּסענע האָר, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז מען רעדט מיט אַ יונגן ייד, למשל פון דרום־אַפריקע.

אָבער אָט טרעף איך אין שער עליה אַ יידעלע, וואָס אויף אים ליגט נאָך דער פרעמדער, שווערער גלות מיט דער גאַנצער משא. אַזאַ קליין, ביי זיך געפאַלן, דאַר און אַלט מענטשעלע, וואָס אויך זיין הויט איז גרוי, ווי באַשיט מיט שטויב! אויף דער שאלה, וואָס איז זיין פאַך, ענטפערט דאָס יידעלע מיט אַ געדעמפט, צוגעלייגט קולכל:

— אני עומד בשוק — ער שטייט אויפן מאַרק.

מיט וואָס, אַ שטייגער, האָט ער געקאָנט שטיין אויפן מאַרק? אפשר מיט שיך־בענדלעך, אפשר מיט באַניע־קערן? ער דערמאָנט מיר אַזוי שטאַרק יענעם געפאַלענעם וואַרשעווער סוחר, וועלכער איז געשטאַנען אין געטאָ מיט אַ הינקענדיק טישעלע ביים אַריינגאַנג צו אַן אינסטיטוציע און פאַרקויפט סאַכאַרינירטע „טאָפיס", געוויקלטע אין פאַפּירלעך מיט אַ מגן־דוד...

— אני עומד בשוק...

— רחמים דאַרפן אַלע מענטשן — קלינגט מיר נאָך אין די אויערן די תפילה פון אַ פּאָעט, וואָס האָט אַמאָל געשריבן יידיש.

צי וועלן מיר האָבן גענוג כוח אויך אָט דעם דערשלאָגענעם — אפשר שוין פאַר קיין שום לאַנד נישט נייטיקן מענטש — אויפצוהייבן, אַז ער זאָל אַראָפּשטויבן פון זיינע באַקן די שפלות?

קיין תל־אביב

עס איז אַוועק כמעט אַ וואָך. אַלע אַנדערע עולים זענען מיט משפחות און איך דריי זיך אַרום איינע אַליין. איך האָב קיינעם פון מיינע פריינד און חברים אין לאַנד נישט מודיע געווען וועגן מיין קומען; פון פוילן קיינעם נישט געשריבן ווען איך פאָר אַרויס. עס איז מיר אַזוי זיס און טרויעריק און אינטערעסאַנט צו זיין אַן אַנאָנימער טייל פון מעכטיקן, רוישיקן עם־רב יידן ניי־געקומענע אין לאַנד ישראל.

די טעג זענען אָבער געגאַנגען. איינצלנע משפחות האָבן שוין פאַר־נומען זייערע זעק און פעק און זענען אַרויס אויף דער פריי. צו אַנדערע זענען געקומען קרובים אָדער פריינט און זיי האָבן זיך געראָטן, געמאַכט פּלענער ווו אַהין צו פאָרן, ווו זיך צו באַזעצן. איך ווער, וואָס ווייטער, אַלץ מער געפאַלן ביי זיך. ביז אין איינעם אַ פרייטיק פאַרנאַכט, האָבן

די מעגאַפאָנען געגומען רופן מיין נאָמען. עס איז געקומען נאָך מיר מיט אַן אויטאָ פון חיפה דאָס פּאָרפּאָלק ר ח ל און י ש ר א ל א ד י ב. רחלען, די העברעישע שריפטשטעלערין און געזעלשאַפטלעכע טוערין, האָב איך געקאָנט פון אונדזערן אַ שותפותדיקן באַטייליקן זיך אין אַ ליטעראַרישן אָוונט אין פּאַריז אין יאָר 1947. איך האָב גענומען מיינע פּאָר וואַליזעס, זיך אָפּגעזעגנט מיט די שיפס־פריינט און אַרויס פון שער עליה.

אין אַ האָטעל אויפן הר הכרמל בין איך אַ ביסל געקומען צו זיך פון די צופיל פאַרשידענע, צו אינטענסיווע איינדרוקן. דעם זעלבן אָוונט האָב איך זיך באַקענט מיט דער שריפטשטעלערין און כלל־טוערין ב ר כ ה ח ב ס. זי האָט גערעדט צו מיר אין אַ גוטן יידיש מיט אַ ליטווישן אַקצענט. אויף צו מאָרגנס האָב איך קענען געלערנט די כנסת־דעפּו־טאַטין ז ש ע נ י אַ ט וו ע ר ס ק י, איר מאַן י ו ס ף, — אַ קענער און ליב־האָבער פון פּוילישער פּאָעזיע. עס האָט מיך באַזוכט אין האָטעל ד״ר ש ו ל מ י ת פ ע ל ד מ אַ ן — אַ חברטע און פריינדין פון מיינע קרובים אין מילאַנאָ. איך האָב דערפילט, אַז איך בין געקומען צו אייגענע און היימישע.

די פאַרבינדונג איז געגאַנגען איבערן יידישן ליטעראַטן־פאַראיין און איבער דער העברעישער מועצת הפועלות. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען א ב ר ה ם ס ו צ ק ע וו ע ר און מיך מיטגענומען קיין תל־אביב. דאָס איז געווען דעם 18טן פעברואַר 1950. איך בין געוואָרן אַ בירגערין פון לאַנד ישראל.

ב. שכון עולים

11. לופּאַ

אַ גילגול פון אַ דיניע

דאָס אַממיינסטן פאַרשפּרייטע געוויקס אין נייעם שיכון איז לופּאַ.

אין גאַליצישע דערפער האָב איך געזען ענלעכע בלעטער — ביי־דיניעס. לאַפּוכאָוואַטע, גרויסע בלעטער, וואָס וואַקסן גרינג און אָן אַ מאָס, פאַרדעקן ווי מיט פאַרטעכער די פּרוכט, וואָס וויקלט זיך אויס פון די לויכטנדיקע, געלע בלימעלעך. עס איז אַ גאָרטן־פלאַנץ, אָבער דאָך קער זיך עס אָן נאָענט מיט זומערדיקן ווילד־וווּקס. אַפילו דעם ריח האָט עס פון עפּעס אַ קבצניש־פּשוטן ווילדגראָז, דער עיקר האָט עס אָבער דעם כוח, דעם דראַנג, די חוצפּה פון ווילדגראָז.

אין פוילן זענען פונדעסטוועגן די קלעטער־פעדעם פון אַזאַ מין שווער־באַלאָדענעם געוויקס געקראָכן אין דער נידער. דאָ, אין ישראל, דראַפּעט זיך דאָס קרייטעכץ ממש אויף די גלייכע ווענט; טוט מיט זיין גרינער שפּע איינעמען אַ וועלט.

האָט טאַקע דאָס געוויקס געפונען חן אין די אויגן פון די נייע עולים. קוים זיך אַריינגעצויגן אין דער דירה, קוים אַרומגעשטעלט דאָס שטיקל נחלה פאַר דער שטוב מיט ברעטלעך פון די צענומענע קאַסטנס, צעגראָבט מען באַלד די ערד אַרום דער שטוב, מען שטעקט אַריין אַ וואָרצעלע לופּאַ, מען גיסט אַ פּאָר מאָל אונטער און איידער וואָס־ווען — איידער מען האָט נאָך באַוויזן רעכט אַרויסצוראַמען פון שטוב די סימנים פון בוי־אַרבעט, איינשאַפן זיך אַ נעץ צום פענצטער, אַ מעבל־שטיק, — גרינט שוין וואָס, באַשאָטנט וואָס די שטוב פון דרויסן. שוין האָט לופּאַ אַרומגעגאַרטלט דעם באַוווין מיט אַ גרינעם באַנד, פאַרדעקט די בידע; צעהאָנגען פעס־טאָנען אַרום די שטאַכעטן און זיך העל צעשמייכלט צום נייעם אַרום מיטן חן פון יונגע קווייטן.

ווער איז די נייע שטאָט?

זיכער איז דאָ ביים אויפשטעלן דעם נייעם ישוב געווען אַ פּלאַן, וואָס

ביים ערשטן אָנבליק איז אים שווער צו כאַפּן. די זאַמדיקע וועגן לויפן אין קרום־קיילעכדיקע ליניעס אַרום אַ צענטראַלן פּלאַץ, וואָס וועט ערשט פאַרבויט ווערן. דערווייל איז שוין פאַראַן אַ „שוק" מיט כל מיני געשעפטן, אַ שול מיט אַ פאַרשול, אַן אַפּטייל פון דער הסתדרות מיט אַ קופת חולים, אַפילו אַ שולעכל צום דאַווענען.

אויך נ י ש ט אַ זענען אַ היפּש ביסל זאַכן, ווי אַ שטייגער אַ פּאָסט, אַ טעלעפאָן, אַן אַפּטייק. די אָפּטימיסטן מאַכן זיך אָבער האַרץ און האָפן, אַז מיט דער צייט וועט מען דאָ אויפבויען אַזאַ כביש, וואָס וועט פאַרקירצן דאָס פאָרן קיין תל־אביב פון אַ האַלבער שעה אויף צען מינוט.

די ערשטע הייזער, וואָס מען האָט דאָ אויפגעשטעלט, פאַרמאָגן בלויז פיר פּאַרטער־דירות, די שפּעטערדיקע — דער רוב — זענען שטאָקיקע, אַנטהאַלטן צו 8 אַנדערטהאַלבן־צימערדיקע, אָדער צו 6 צוויי־צימערדיקע דירות מיט די נייטיקסטע באַקוועמלעכקייטן.

קומט צו פאָרן אין שיכון אַן עלטערער תושב, וואָס איז אַ מאָל געווען אין דער געגנט, פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה, געזען דאָ בלויז אַ פּאָר אַראַבישע פּרדסים און אַ קליין וועלדל ביים ברעג פון ירקון — ווערט ער נשתומם.

— ווען איז דאָ אויסגעוואַקסן די דאָזיקע שטאָט? — פרעגט ער און גאַפט אויף די שורות ווייסע הייזער מיט אייזערנע גאַנקעס, וואָס ציען זיך אין אַלע זייטן.

היימישע בוי־מייסטערס

שטעט וואַקסן פונדעסטוועגן נישט אַליין. מען בויט זיי דאָ מיט אַן אויסטערלישער שנעלקייט. די יידן, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט, בלייבן אָבער נישט ביי דעם, וואָס עס האָט פאַר זיי אויפגעבויט דעם „עמידר". זיי בויען ווייטער. דער רוב פון די, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די פּאַרטער־דירות, קאָנען נישט איינזיצן. ווער עס שטרעבט צו אַ טעראַסע און ווער צו נאָך אַ צימער. זיי שלעפּן צו פירן ציגל און באַלאַטן פון צענומענע חורבות, פלאַסטערן מיט זיי אויס לענגאויס דער דירה אַ ברייטן רעכט־עק, נעמען אים דערנאָך אַרום מיט אַ האַלבן בעטאָן־ווענטל. שפּעטער וועלן זיי איבער אים אויסשפּאַנען אַ דעכל, אַרומהענגען מיט פאָרהענגלעך און נאָך שפּעטער אַריינשטעלן פענצטער.

און קאָן ווער נישט בויען פון שטיין, פון צעמענט, פון ציגל, קלאַפּט

ער זיך דערוויל צונויף וואָס נישט איז פון געהילץ. ווער עס רופט אַ בעל־מלאכה, און ווער עס איז אַליין אַ היימישער מייסטער, וואָס ווייסט צו האַלטן אַ העמערל אין האַנט, אַריינצוקלאַפּן אַ טשוואָק; אפשר געווען אַ מאָל אַ בריה אויפצושטעלן פון דרענגלעך און לאַקשנברעטער אַ סוכּה. דאָ זענען אַלע געוואָרן בוי־"פּאַכלייט"; זעגן, שניידן, קלאַפּן, ווי נאָר זיי האָבן אַ פרייע מינוט.

אין דער ערשטער צייט האָבן די הייזער מיט די כלערליי נעבן־"געביידעס" באַקומען אַ משונהדיקן אויסזען. איצט ווערן פּאַמעלעך נעלם די הילצערנע "קליטקעס" און אויף זייער אָרט קומען אויף סאָלידערע און מער "געלומפּערטע" קאָנסטרוקציעס.

די וואָס וווינען אויבן און די וואָס וווינען אונטן

די עיקר ליידנשאַפט פון די נייע עולים איז, אָבער, אפשר פּאָרט נישט אַזוי דאָס בויען ווי דאָס פּלאַנצן.

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען מיטן שליסל איבערנעמען מיין דירה אין ווינקל פון דעם לאַנגן גאַניק, אויף וועלכן עס געפינען זיך די אַריינגענג אין די שטיבער אויפן גאָרן, האָב איך תיכף באַמערקט, אַז דאָס הויז געהערט צו די אַממיינסטן באַגרינטע אויף דער גאַס. פאַר דער דירה, וואָס האָט זיך געפונען אונטער מיינער, האָב איך דערזען אַ בלומען־גאָרטן, מיט רייך־צעבליטע, פאַרשידנפאַרביקע דאַליעס אין חודש מאַי. אַרומגעלייגט מיט שטיינדלעך, האָט זיך אין דער מיט פון גערטנדל געפונען אַ רונדער קלאָמבע, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעשיינט אַ הויכער קוסט העל־רויטע שווערט־בלומען. פאַר דער טיר — חצי־סוכּה, חצי־פאָרהויז — האָט זיך געפונען אַ מין פירעקיקע אַלטאַנע פון דרענגלעך מיט שטריק, געדיכט אַרומגעוואַקסענע מיט גרויסע בלעטער. אַ פאָרהויז געמאַכט פון לופאַ.

געעפנט די טיר, אַריינגעגאַנגען דאָס ערשטע מאָל אין דער דירה, האָב איך דורך דעם פענצטער, וואָס גייט אַרויס אויף דער צווייטער זייט הויז, דערזען אויך דאָ אַ גערטל, אַרומגעצוימט מיט שטאַכעטן פון צעקלאַפּטע קעסטלעך. דאָ זענען אָבער נישט געוואַקסן קיין בלומען, נאָר בייטן מיט מערן, מיט ציבעלעס, מיט פּיעטרושקע, עטלעכע הויכע סטאָטשקעס קוקורודזע, עטלעכע קאָרטשעס פּאָמידאָרן, צוגעבונדענע צו שטעקעלעך. צווישן די בייטן איז שוין געווען אַריינמאָנטירט אַ מעכאַנישער וואַסער־

שפּריצער, און ביים ראַנד גערטל, אָנגעטון אין אַן אַלט, צעריסן העמד און אין אַ צעפּליקטן קאַשקעט, איז געשטאַנען אַ טשוטשעלע קעגן פייגל.

עס איז געוועזן פאַרנאַכט. די „ממטרה" האָט געאַרבעט. אַזש ביז צו מיר אויפן שטאָק האָבן אַרויפגעשפּריצט די טראָפּנס וואַסער. אין די פאַר־טער־פענצטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אויף די ווייטערע דריי גערט־לעך, האָב איך דערזען אַ בילד, צו וועלכן מיין אויג האָט זיך זינט דעמאָלט שטאַרק צוגעוווינט. מענטשן זענען געשטאַנען מיט גומי־שלויכן אין די הענט און האָבן פון דער וואַסערלייטונג אין קיך באַשפּריצט דורך די פענצטער די גערטלעך.

אין מיר האָט זיך אַ ריר געטון אַן אָדער פון אַ מענטש, וואָס נעמט איבער אַ „באַזיץ". איך בין נאָך אַ מאָל אַרויס אויפן גאַניק פון פּאַרטער, און האָב גענומען ציילן. אויך דאָ זענען געווען פיר גערטלעך. פאַראַן אין דעם הויז אַכט דירות און אַכט גערטלעך. איך האָב זיך נאָך אין מיין דירה נישט אַריינגעצויגן, טאָ ווו איז מיין גערטל?

פאַרן הויז איז געשטאַנען אַ ייד, אַן ערך איבער די פופציק, אָנגעטון אין לייוונטענע אַרבעטס־הויזן, און אין דעם זומערדיקן לייבל־„גופיה" — מיטן אַנטבלויזטן אָפּגעברענטן קאַרק און אַקסלען, מיט אַ גרוילעכער טשופּרינע פאַרקעמט אַרויף — האָט דער ייד אויסגעזען ווי אַן אַלט־געזעסע־נער ישראלי, אַ „וותיק", וואָס געפינט זיך שוין אין לאַנד אַ דרייסיק יאָר. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ העקל און האָט זיך געפּאָרעט אַרום אַ קופּע אַלטע ברעטער, וואָס זענען געלעגן אונטער דער וואַנט. אין דורכגאַנג צום צווייטן הויז האָב איך דערזען אַריינגעקלאַפּט עטלעכע דרענגלעך. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער ייד קלויבט זיך דאָ אויפשטעלן עפּעס אַ קאַמער, צי אַ לול אויף עופות.

— שלום, — האָב איך צו אים אַראָפּגעשריגן — איר וווינט דאָ אין דעם הויז?

— שלום, שלום — האָט ער צו מיר אַרויפגעשריגן — איר ציט זיך דאָ אַריין?

— פון וואַנען זענט איר? — האָב איך אים געפרעגט.

— און פון וואַנען זענט איר? — האָט ער מיר „געענטפערט".

איך בין באַלד אַרויס מיט אַ קלאָץ־קשיא: — צי קאָנט איר מיר נישט זאָגן, ווו וועט זיין מיין גערטל?

דער ייד איז אַ ווײַלע געבליבן אָן לשון. ערשט אין אַ מינוט אַרום

האָט ער צו מיר ווידער אַרויפגערעדט מיט אַ ברייטן נוסח, וואָס האָט געקאָנט שטאַמען סיי פון מזרח־גאַליציע, סיי פון אונגאַרן, און סך־הכל האָט ער געשטאַמט פון אַ קליין שטעטל אין רומעניש־אונגאַרישן טראַנסיל־וואַניע.

— פאַרשטייט איר מעך, — האָט ער געזאָגט — די, וואָס מיר ווינען אונטן, האַמער איין גערטל פון פאָרנט און איינס פון הינטן.

— און ווו האָבן גערטלעך די וואָס ווינען אויבן?

— די וואָס ווינען אויבן, האַ?... די וואָס ווינען אויבן... זיי קאָנען זיך מאַכן גערטלעך אין דער זייט.

מיטן וועג איז אָנגעקומען אַ יונגערמאַן, וואָס איז געגאַנגען מיט אַ קיישל אין דער האַנט אַהיים פון אויטאָבוס. ער איז געבליבן שטיין און איז מיט אַ ירגזון אַריינגעפאַלן מיין צוקונפטיקן שכן אין די רייד.

— ס׳וועט אַזוי נישט בלייבן. די גערטלעך פון הינטן געהערן צו אונדז, וואָס מיר ווינען אויבן. האָסטו געהערט אַ מעשה? איינער וועט האָבן גאָר און דער אַנדערער גאָרנישט?

— ס׳איז אייער טאַטנס געשעפט? — האָט זיך מיין צוקונפטיקער שכן צעבייזערט — וואָס מישט איר זיך דאָ אַריין?

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס מחלוקת איז נישט אויסגעבראָכן אין דער מינוט; אַז עס גייט איבער דער גאַנצער גאַס. די פון אויבן קריגן זיך מיט די פון אונטן וועגן שטיקל באָדן צו באַאַרבעטן ביי דער שטוב.

איך בין אַוועקגעגאַנגען מיט אַ ברוגזן חשד אין האַרצן און דערביי צו זיך אַליין געלאַכט: זע נאָר אַ חשק פון אַ יידן! פון פאָרנט האָט ער זיך געמאַכט אַ בלומען־גאָרטן מיט אַן אַלטאַנע פון שיינקייטס וועגן, און פון הינטן האָט ער זיך באַזאָרגט מיט תכלית, מיט פאַרבראָקעכטס צו דער יויך. און זע נאָר, ווי שנעל מיין שכן, דער נייער עולה, האָט „פאַר־כאַפּט ביי מיר די מעזשע". קומט אַהיים נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט און עס לאָזט אים נישט איינרוען. ער זעגט און קלאַפּט. שטעקט וואָרצלען אין באָדן, שלאָגט אַריין סלופּעס אין דער ערד.

ווען איך האָב זיך פון עק גאַס אומגעקוקט, איז דער ייד געשטאַנען און האָט געטעסעט אַ פּלאָקן. פון זיין פאָרהויז, אַרויף צו מיין גאַניק, האָט געקלעטערט מיט צעשויבערטע וואָנצן אַ גרין צווייגל — לופאַ.

1951

12. תימנער שכנים

אַ בוקעט אויף שבת

די ערשטע פּאַרטער־דירה פון אונדזער הויז באַלאַנגט צו אַ תימנער יידן מיטן נאָמען זכריה. איינער פון די ערשטע האָט ער זיך דאָ אַריינ־געצויגן, אינאיינעם מיטן ווייב און צוויי קינדער; איינער פון די ערשטע האָט ער פּאַרפלאַנצט פאַר דער שטוב אַ גערטל און צונויפגעקלאַפּט אונטער די טרעפּ אַ קעמערל פון אַלטע ברעטלעך. אין תימן איז זכריה געווען עפּעס אַ „כלי־קודש" און אַ שטיקל „כלי־קודש" איז ער פאַרבליבן אויך דאָ. פון צייט צו צייט אַרבעט ער אין אַ שעכטהויז אין יפו אַלס שוחט און ערב יום כיפור האָט מען צו אים פון שיכון געבראַכט שעכטן כפּרות. זיין סטאַבילע פרנסה ציט ער אָבער, מיט דער הילף פון זיין זון יעקב, פון לוין־אַרבעט.

דעם ערשטן פרייטיק נאָך מיין אריינציען זיך אין שיכון, האָב איך דערהערט עפּעס אַן אומדרייסט קלאַפּן אין מיין טיר.

דאָס איז געווען זכריהס ווייב, שושנה. זי איז מיך געקומען באַגריסן אַלס שכנטע און געבראַכט לכבוד שבת אַ בוקעט גרינס. אַחוץ מיענטע און אַנדערע, זייער שמעקנדיקע קרייטעכצער, האָט געשטעקט אין „בוקעט" אַפילו דאָס בליעכץ פון קריפּ צום זייערן אוגערקעס.

אַזעלכע בוקעטלעך אויף שבת האָב איך שוין זינט דעמאָלט באַקומען אַ סך. און נישט בלויז איך. קומט פרייטיק פאַרנאַכט, אָדער ערב יום־טוב, טראָגט שושנה אַרום גרינס צווישן די שכנים. איך ווייס ביז איצט נישט, צי איז דאָס אַ תמינער מנהג אַזאַ, אָדער מיינען זיי, די תימנער שכנים אונדזערע, אַז דאָס איז אַן „אשכנזישער" מנהג און ווילן אויף דעם אופן אָנהאַלטן מיט אונדז גוט־שכנישע באַציונגען.

און דערביי זענען זיי אַליין אויף אָננעמען אַ מתנה, אויף לאָזן זיך מיט עפּעס מכבד זיין — ווייט נישט קיין גרינגע בעלנים.

— לא צריך — מען דאַרף נישט! — ענטפערן זיי, ווען מען פּרוווט

זיי עפּעס דערלאַנגען. זיי זענען צירלעך־מאַנירלעך און צוריקגעהאַלטן אין זייער דלות ביז גאָר.

און אפשר ווילן זיי נישט טועם זיין פון אונדזער עסן, ווייל זיי האָבן נישט קיין צוטרוי צו אונדזער כשרות? אָדער אפשר פשוט דערפאַר, ווייל אונדזערע מאכלים שמעקן זיי נישט?

אַ תימנער טשאָלנט

אין איינעם אַ לענגערן שמועס האָט מיר שושנה דערציילט, ווי אַזוי זי פלעגט מאַכן אין תימן „אַן אויוון" אויף שבת. זי פלעגט אויסקלײַבן אַ גרוב אין דער ערד מיט ליים, אָנלייגן אַ פייער און נאָכן אויסהייצן, אַרויסשאַרן די קוילן און אָנלייגן אין גרוב, שיכטנווייז, אַ טייג פון דוראַ־מעל, עפּעס אַן אַראַבישע קאַשע, אויסגעמישט מיט שמעקנדיקע און שאַרפע קרייטעכצער און, דער עיקר, אַ פעט פערטעלע שעפסן־פלייש. אויך פון אויבן פלעגט זי דאָס אַרומקלעבן מיט טייג און ליים, און אויף צו מאָרגנס, ווען מען האָט נאָכן דאַווענען געעפנט דעם „אויוון", איז אַלץ געווען פּאַרטיק — טעם גן עדן.

ווען זי האָט געענדיקט די באַשרייבונג, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז פשוט אַזאַ מין טשאָלנט, וואָס מען „פאַררוקט" אים, ווי אַמאָל ביי אונדז אין די קליינע שטעטלעך, אַ יעדע משפּחה פאַר זיך.

איין מאָל אין דער וואָך אָפּגעגעסן אַזאַ טשאָלנט, האָט מען געהאַט כוח אָפּצוקומען דעם רעשט וואָכעדיקע טעג מיט אַבי וואָס. גענוי ווי אונדזערע אַמאָליקע דאָרפסגייער, וואָס פלעגן נאָכן פעטס און נאָך די פליישן פון די שבתדיקע און יום־טובדיקע מאָלצייטן, אָפּלעבן דערנאָך די וואָך מיט אַ דאַר שטיקל ברויט מיט ציבעלע און מיט אַ געבראָטענער קאַרטאָפל, מיט אַ גלעזל בראָנפן און מיט אַן עקעלע פון אַ הערינג. און זיין דערביי געזונט, ווי אַ דעמב, מיט אַ געזונטן מאָגן, מיט געזונטע גוטע ציין — אָט פונקט אַזעלכע געזונטע, גוטע ציין, ווי מען זעט איצט, אויפס חידוש, אפילו ביי אַלטע יידן פון תימן.

זיבן און דרייסיק יאָר סך הכל איז אַלט שושנה און זעט אויס נאָך יינגער ווי זי איז. איר מאַן, וואָס איז אַלט צוויי און פופציק יאָר, איז אין גאַנצן גרוי און זעט אויס ווי אירער אַ זיידע.

און דערביי זעט ער אויך אַ ביסל אויס, ווי אונדזער אַלעמענס אַן אייגענער זיידע. עס איז אינטערעסאַנט צו אָבסערווירן, ווי זיין צופּאַסונג

צו דער נייער סביבה גייט קלאָר און בולט אין דער ריכטונג פון אונדזער אונטערגעגאַנגענער, קליינשטעטלדיקער יידישקייט.

ער האָט ערגעץ ווו באַקומען אַן אַלטן, שוואַרצן קאַפּעליוש, אַ פּאָר צייגענע, לאַנגע הויזן מיט אַ וועסטל, פון אונטער וועלכן עס הענגען ביי אים אַרויס די ציציות. ווען איך גיי אַדורך נעבן זיין שטוב און זע אים אַן אָנגעטוענעם אין טלית „שטיין שמונה עשרה", אָדער ווען איך הער אים דורכן פענצטער פאַרטאָג ברומען די ברכות — האָב איך נישט דאָס מינדעסטע געפיל פון פרעמדקייט.

דעם ערשטן שבת האָב איך בכלל געמיינט, אַז ביי אונדז אין הויז דאַוונט אַ מנין. דאָס האָט זכריה מיט זיין זון אַזוי געשמאַק, אַזוי געדיכט געדאַוונט.

פון זיין טאָכטער ברכה, און פון זיין פרוי שושנה, דערוויס איך זיך, אַז אין די אָוונטן, ווען די אַנדערע בני בית גייען שלאָפן, קוקט זכריה אַריין אין אַ ספר. די ספרים האָט ער געשלעפּט אויף די פּלייצעס, ווען ער, צוזאַמען מיט זיין משפחה און אַנדערע יידן, האָט געמוזט שפּאַנען צו פוס איבער דעם מדבר ביז עדן. דאָרט זענען זיי אַ לאַנגע צייט געזעסן אין אַן עולים־לאַגער, ביז עס איז געקומען זייער ריי. זיי זענען פון די עולים, וואָס זענען געקומען אין לאַנד אויפן „פליענדיקן כשוף־טעפּיך".

אויף די שער־בלעטער פון די ספרים האָב איך, צו מיין גרויסער פאַר־וווּנדערונג, געזען די חתימות פון דער רוסישער צענזור, פון די אַכצי־קער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט: דאָזוואָליענאָ צענזוראָיו וו וואַר־שאַווע. ווייסט איין גאָט ווו אַרום עס איז געגאַנגען דער פאַרקער. אַ סימן האָבן מיר — דער קאָנטאַקט האָט עקזיסטירט.

שושנה

פון דער גאַנצער משפחה אינטערעסירט מיך אָבער אַממיינסטן די מוטער. שושנה איז אין מיינע אויגן אַן איידל וועזן, מיט אַ מעלאַנכאָלישן חן. איר גוף, וואָס האָט צען קינדער אויסגעטראָגן, איז אַליין קינדיש און עטעריש, ווי ביי אַ פייגעלע. אויף די שוואַרצע האָר אירע איז אויסגעבונדן אַ רויט טיכל, און פון אונטער דעם אָריגינעל־געוועלבטן שטערן, פון אונטער די שוואַרצע ברעמען, לויכטן, ווי צוויי שוואַרצע דימענטן, שושנהס אויגן.

איבער שושנהס פנים שוועבט אַ שטענדיקע פאַרחלומטקייט, אַ פאַר־שלייערטער טרויער. פאַרחלומט זענען אירע האַנט־באַוועגונגען, ווען זי פאַרעט זיך פאַמעלעך און פאַרטראַכט ביים בלעטערוואַרג פון קליינעם גערטל. ווי אַ קליינע, עקזאָטישע מאַדאָננע זעט זי אויס, ווי אַ הייליקע פיגור געשניצט פון פּימסענהאָלץ.

הערנדיק ווי מירביידע רעדן צווישן זיך, וואָלט נישט איינער געלאַכט. אַ טייל העברעישע ווערטער קלינגען אין שושנהס מויל, ווי ביי אַ ליט־וואַטשקע. דער תימנער „קמץ" איז ביי איר אין גאַנצן אַ ליטוואַקישער און דער אַקצענט פאַלט אין די ווערטער נישט דווקא אויף דעם לעצטן טראַפּ. אַ ביסל רעדט זי עברית, דורכגעמישט מיט אַראַבישע ווערטער, אָבער סיידן נאָר אונדזער קעגנזייטיקע סימפּאַטיע איז גורם, וואָס מיר קענען זיך אַזוי גוט פאַרשטיין.

„נישטאָ קיין פרייד אין מיין האַרצן..."

אין איינעם פון אונדזערע שמועסן האָט מיר שושנה פאַרטרויט דעם גרעסטן טרויער פון איר האַרצן. עס איז געווען נאָך דאָרטן, אין תימן, איידער זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. עס איז דעמאָלט געווען אַ מגיפה אויף קינדער און אין משך פון עטלעכע וואָכן זענען ביי שושנהן געשטאָרבן זיבן קינדער. דריי זענען געווען „קטנטנים, קטנטנים", פּיצלעך, אָבער פיר זענען שוין געווען גרויסע. דאָס עלטסטע יינגל וואָלט שוין איצט אַלט געווען 20 יאָר.

— אין שמחה בלבי — זאָגט שושנה און קוקט מיך אָן מיט אירע שוואַרצע אויגן — נישטאָ קיין פרייד אין מיין האַרצן. נעכיי וואָלטן זיי ערשט דאָ־הי געווען האָבן געשטאָרבן, אויב עס איז שוין אַזוי געווען באַשערט, כדי אַז זיי זאָלן נישט געווען בלייבן דאָרטן אַזוי אין גאַנצן אַליין. נעכיי וואָלטן זיי דאָ געלעגן, נישט ווייט פון איר. ווען זי זעט אַ בית־עלמין מיט שיינע מצבות, קאָן זי אויף זיי נישט קוקן. ווען אירע קינדער וואָלטן דאָ אין לאַנד געווען שטאַרבן, וואָלטן זיי אפשר אויך געווען געלעגן אונטער אַזעלכע שטיינער.

— מיר, מיר, גייסטו דאָס זאָגן, שושנה? ווער נאָך קען דיך אַזוי פאַרשטיין, ווי איינער פון אונדז?!

עפּעס שמועסט שושנה, אַז זי וואָלט אפשר געדאַרפט פאָרן צו קרובים, וועלכע וווינען אין שכונת התקווה. פאַרנעמען אַ ביסל מיט עפּעס די

געדאַנקען. אָבער פאַרן פּאַרט זי נישט, זי גייט אין ערגעץ נישט אַרויס. זי דרייט זיך פּאַמעלעך אַרום דער שטוב אין רויטן טיכל אויפן קאָפּ, וואָס זעט זיך אָן פון ווייטנס. זי פּאַרעט זיך ביי די בלומען, הענגט אויס די בלעטער פון קלעטער־געוויקס אויף די שטאַכעטן. זי דרייט זיך אַרום, דומעט, חלומט און בענקט צו אירע פאַרשטאָרבענע קינדער. אַליין ווי אַ מעלאַנכאָליש קינד, אַליין ווי אַ פאַרחלומטע בלום.

דאָס ליד פונעם באַרג סיני

דאָך איז מיר אַמאָל באַשערט געווען צו זען שושנהן אין קרייז פון איר משפחה אַ ביסל אָן אויפגעלעבטע, אַ צעשמייכלטע. זי האָט אַפילו געפּליעסקעט אין אירע קליינע, מאָגערע הענטלעך, בשעת איר טאָכטער ברכה האָט געטאַנצט.

דאָס איז געווען ערב סוכות. זכריה האָט אויפגעשטעלט נעבן זיין שטוב אַ זייער גרויסע סוכה, אָנגעטראָגן, צוזאַמען מיט די קינדער, גרינע טראַשטשע פונעם נאָענטן ירקון און געמאַכט דערפון נישט בלויז דעם סכך, נאָר אויך קונציק געפלאָכטענע ווענטלעך. אינעווייניק האָט ער אַריינגעשטעלט אַ בעט צום שלאָפן פאַר זיך און פאַרן זון, און אויפן טיש אַוועקגעשטעלט אַ שיסל אַרבעס.

און זיצנדיק אַזוי ביי אָט דער אָרעמער סעודה, האָבן זיך אָנגעוואַרעמט די הערצער פון זכריהס פרומען הויזגעזינד. זיי האָבן אויפן גאַנצן קול גענומען זינגען אַ תימנער סוכות־ליד, אין וועלכן עס האָט זיך כסדר איבערגעחזרט אַלס רעפרען דאָס וואָרט „הר סיני".

דאָס זינגען האָב איך געהערט, געזען דאָס ליכט, וואָס איז געגאַנגען פון דער תימנער סוכה. פונעם גאַניק אַראָפּ געכאַפּט אַ בליק אויף די שיינענדיקע פּנימער און פליעסקענדיקע הענט. אין דעם בילד האָט זיך פאַר מיר נאָך אַ מאָל אַנטפּלעקט די אידענטישקייט פון דעם יידישן פאָלקס־גורל; דער סוד פון אונדזער גרויסער און וויכטיקער יידישער איינגעשאַפט — גובר צו זיין טרויער און לייד מיטן כוח פון גייסט.

די פּליעסקענדיקע, זינגענדיקע און טאַנצנדיקע, אָרעמע תימנער־משפחה איז מיר געוואָרן נאָך נענטער.

1951

13. מענטשן פון נייעם שכון

שבטים און פּרנסות

די געשעפטן פון גרינוואַרג און פרוכט שטייען אין ביי ספרדישע יידן. צוויי פון זיי שטאַמען פון בולגאַריע. יידן פון פּוילן האָבן אָבער ליב צו קויפן ירקות דווקא ביי אַ דריטן סוחר פון אַ מער עקזאָטישן קאַנט — ביים „מצרי״. זיינע דריי זין האָבן זיך באַטייליקט אין באַפרייאונגס־קריג, און אויף זייער נאָמען פיגורירט דאָס געשעפט. מיט קיך־געשיר און שרייב־מכשירים האַנדלט אַ סערבישער ייד, אַן אינוואַליד פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, וועלכער ברעכט זיך אויף אַ רירנד־קאָמישן אופן די צונג, כדי צו רעדן מיט די „אשכנזישע״ קונים אויף יידיש. צי איז דאָס ריכטיק, צי נישט, האַלטן די פאָרשטייער פון די אַנדערע עדות, אַז די פּוילישע, די מזרח־אייראָפּעישע יידן, זענען דאָ — „און אומעטום״ — אַ פּריווילעגירטע קאַסטע.

עסן אַ „גלידה״ גייט מען צום „טשעך״, וועלכער איז אייגנטלעך אַ „סלאָוואַק״, רעדט אונגאַריש און האָט אַ יונג, שיין ווייבעלע, דווקא פון קראָקע (זיי האָבן זיך באַקענט נאָך דער באַפרייאונג, אין די לאַגערן). ער באַקט אויס פון די קנאַפּ־פאַראַנענע פּראָדוקטן ערשטקלאַסיק צוקער־געבעקס, און די אָרטיקע יידן פון אַלע עדות שטאָלצירן מיט זיין פּראָדוקציע און זענען איבערצייגט, אַז אין תל־אביב קאָן מען אַזוינס נישט באַקומען.

אויפן געביט פון עסן איז פונדעסטוועגן דער „מיזוג גלויות״ שווערער, ווי אויף אַנדערע געביטן. אין איין עק פון אונדזער „שוק״ איז פאַראַן אַ קיאָסק, אין וועלכן מען פאַרקויפט „פאַלאָפעל״, און יידן פון פּוילן טענהן, אַז אַפילו אַ גלעזל סאָדע־וואַסער פּילט זיך דאָ מיטן דאָזיקן מאכל, מיט וועלכן עס „לעבן זיך אונטער דאָס האַרץ״ בעיקר יידן פון די מזרח־עדות.

אויב שוין יאָ „לאָזן זיך ווילגיין״ ביי אַ דרויסנדיק טישל מיט אַ גלעזל מיץ און אַ קערטל — טוען זיי דאָס פאַרן געשעפטל פון לייכטע

געטראַנקען, וואָס געהער צו אַ יידן פון טשענסטאָכאָוו. אַ „תנובה"־רעס־טאָראַן ווערט אָנגעפירט דורך אַן אלמנה פון טשערנאָוויץ. אין דאָזיקן „מילעכיקן און פאַרעווען" עס־לאָקאַל באַקעסטיקן זיך בעיקר אומבאַווייבטע, און אַ מאָל אין אַ נאָווינע, טוט די באַלעבאָסטע אויספירן אַ שידוך. זי פאַרלירט דעמאָלט אַ קליענט אויף אירע פיש „פילע" און וואַרעניקעס מיט קעז און קאַרטאָפל, אָבער כאָטש אַזוי נעמט זי נישט קיין שדכנות. זי טוט עס פון מצווה וועגן.

בדרך כלל זענען פאַראַן אין נייעם שיכון אַ סך פאַכלייט.

שוין פון 5 און פון 6 אַ זייגער גאַנץ פרי לאָזן זיך מענטשן אַרויס צו דער אַרבעט. פון אַלע שטיבער, פון אַלע משפחות. איין אויטאָבוס נאָכן צווייטן פאָרט אָפּ אַן אָנגעפאַקטער קיין תל־אביב און פון דאָרט צע־פאָרן זיך אַ טייל מענטשן אויף זייערע אַרבעטס־פּלעצער נאָך ווייטער. טאַטעס און זין, יינגלעך און מיידלעך, אַפילו פרויען אין די מיטעלע יאָרן — אַלע איילן זיך צו דער אַרבעט.

און דערביי איז כדאי צו וויסן, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט די מענטשן איידער זיי זענען אַהער געקומען.

צייכנס פון גורל

אויף אונדזער גאַס איז פאַראַן אַ פּאָרפאָלק — אַ שוסטער יהודה מיט זיין פרוי העניע.

האַרט פאַרן הויז, ווו זיי וווינען, שטייט אַ הילצערנע בודקע — זיין ווערקשטעל. הינטערן הויז פון דער צווייטער זייט איז פאַראַן נאָך איין „געביי", צונויפגעקלאַפּט פון קאַסטן־ברעטלעך — אַ קליינער „לול" צו האָדעווען עופות.

מיט אַ גוטמוטיקן חוזק־שמייכל קוקן זיך שכנים צו צו אָט דער האָדעוואַניע. אין דער פרי קאָן מען זען אים — דעם שוסטער — שוין אָן אָנגעטוענעם אין זיין שוסטער־פאַרטעך — ווי ער לויפט מיט אַ מעסער אין דער האַנט אויף דער צווייטער זייט גאַס, כדי אָנצושניידן אַ ביסל גראָז פאַר די הינדעלעך. ווען די פרוי קומט צוריק פונעם שוק מיטן פערטל אייז, טרעפט זי שוין אָנגעשאַטקעוועט דאָס גרינס אויף צוצומישן די הינדעלעך צום ערשטן פרישטיק. מענטשן לאַכן פון זיי. מען זאָגט, אַז זיי גיבן אַוועק די קליינע הינדעלעך די אייער פון די צוטיילונגען.

וואָס האָבן זיי זיך עפּעס פאַרנומען האָדעווען הינדעלעך?

העניע וואָלט געקאָנט אָנגיין פאַר אַ פּויערטע, פאַר אַ קריסטין — מיט איר שטילן פּנים, מיט די וואַסערדיק־בלויע אויגן, מיט די נישט־געקרויזטע העל־בלאָנדע האָר. נאָר אַ טרויער טראָגט זי אין די אויגן אַזאַ, וואָס איז שוין גאָר אַ יידישער.

זי איז ביי איר מאַן דאָס צווייטע ווייב און ער ביי איר דער צווייטער מאַן.

פאַר דער מלחמה האָט די פרוי געוווינט אין וואַרשע אויף פּאַוויע גאַס. איר ערשטער מאַן איז אַוועק אין סעפּטעמבער 1939, ווען דאָס ראַדיאָ האָט, פאַר דער באַלאַגערונג פון וואַרשע, גערופן די מאַנספּאַרשוינען נאָכצולויפן נאָך דער אָפּטרעטנדיקער אַרמיי. מיט אַ צייט שפּעטער האָט זי פון אים באַקומען אַ ידיעה, אַז ער ליגט קראַנק אין ביאַליסטאָק, האָט זי זיך צו אים „אַריבערגעכאַפּט" איבער דער גרענעץ. די דריי קינדער האָט זי געלאָזט אין דער היים מיט דער מאַמען און מיט אַ יינגערער שוועסטער. זי האָט געמיינט, אַז אין אַ פּאָר טעג, העכסטנס אין אַ וואָך אַרום, קומט זי צוריק. זי האָט אַפילו קיין רעכט מלבוש נישט מיטגענומען. און דערנאָך האָט זי מער נישט געקענט צוריקקומען, אָנגעשפּאַרט מיטן מאַן צוזאַמען אין סיביר. און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער סאָוויעטיש־דייטשער קריג. דער מאַן איז געשטאָרבן, זי האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק. ווען זי איז מיט דער רעפּאַטריאַציע צוריקגעקומען אויף די חורבות, האָט זי נישט געטראָפן אַפילו ביי וועמען צו פרעגן, ווי אַזוי און ווען די מאַמע מיט דער שוועסטער, מיט אַלע דריי קינדער — מיט דעם ברייט פאַר־צווייגטן שטאַם פון נעענטערע און ווייטערע קרובים — זענען אומגעקומען.

— און אייער איצטיקער מאַן האָט אויך געהאַט קינדער?

— וואָס דען?! אויך דריי קינדער, סאַמע יינגלעך.

ער איז ביים אויסברוך פון דער מלחמה מאָביליזירט געוואָרן. געב־בליבן שטעקן אויף די פּוילישע געביטן, וואָס זענען באַזעצט געוואָרן דורך די סאָוויעטן. דערנאָך איז ער מגולגל געוואָרן אין מיטל־אַזיע, דערנאָך אויפסניי אָנגעקומען אין דער נייער פּויליִשער אַרמיי, געווען אויפן פראָנט, מיטגעמאַכט דעם מאַרש פון לענינאָ ביז וואַרשע און ווייטער. נאָך דער מלחמה האָט ער, פּונקט ווי זי, געטראָפן אַ ליידיק אָרט — קיין קבר, קיין עדות. זיי האָבן זיך באַקענט און חתונה געהאַט אין נידער־שלעזיע, גע־וווינט אין וואַלבזשיך.

— און ווי לעבט זיך אייך צוזאַמען?

— אַזוי ווי עס קאָנען לעבן אַזעלכע צוויי ווי מיר. קומט אַ יום טוב גרייט מען צו, גלייך מיט אַנדערע מענטשן, און ביים טיש זיצט מען ווי אין תשעה באב. מען הייבט זיך ביידע אָן צו דערציילן. מען רעכנט אויס די יאָרן, וויפל זיינע און מיינע קינדער וואָלטן איצט אַלט געווען.

— עס וואָלט אונדז בעסער געפּאַסט זיך אַנצוקערן מחותנים, איידער מאַן און ווייב — זאָגט העניע — אָבער מיר קריגן זיך קיינמאָל נישט. מיר האָבן איינס אויפס אַנדערע רחמנות. מ'איז ביידע צעבראָכן, צעלאָמיע־שעט.

— און קיין נייע קינדער האָט איר שוין נישט געוואָלט האָבן?

— ניין, מיר האָבן שוין קיין נייע קינדער נישט געוואָלט.

עפּעס איז געווען אַ רייד וועגן אַדאָפּטירן אַ קינד פון אַן איינזאַמער פרוי, אַ שכנטע, וואָס איז געשטאָרבן אין וואַלבזשיך. העניע האָט זיך מטפל געווען מיט דער פרוי פאַרן טויט און דערנאָך אַ שטיק צייט געהאַלטן ביי זיך דאָס יתומהלע. אָבער זי האָט געזען, אַז דאָס קינד איז לונגען־קראַנק, עס דאַרף זיין אין סאַנאַטאָריעס, האָט זי עס אָפּגעגעבן, און טייל מאָל טוט זיי ביידע באַנג דערויף, וואָס מען האָט עס אַוועקגעגעבן — כאָטש עס איז געווען אַ קראַנקס...

היינט פאַרשטייט איר שוין, פאַר וואָס דער שוסטער מיט דער שוסטערין אויף אונדזער גאַס האָדעווען מיט אַזוי פיל צערטלעכקייט די קליינע הינדעלעך?

אַ פרוי וואָס איז געווען אין טראַנסניסטריע

יידן פון רומעניע האָבן בדרך כלל ווייניקער געליטן ווי די פוילישע יידן. מען זעט טייל מאָל אַ משפחה פון עטלעכע דורות — אַ טאַטע, אַ מאַמע, קינדער, מיט אַ צוויי, דריי אייניקלעך און נאָך מיט אַ באָבע אָדער אַ זיידע אַ צו. אונדזער איינער, אַז ער זעט אַזוינס, ציטערט ער, ער זאָל אַזאַ משפחה נישט געבן קיין גוט אויג. פון דעסטוועגן האָבן אויך די יידן פון רומעניע נישט אויסגעמיטן דעם יידישן גורל. אויך צווישן זיי טרעפט מען צעקלאַפּטע משפחות, געליטענע, צעקאַליעטשעטע מענטשן.

מיט אַ פרוי פון טשערנאָוויץ האָב איך זיך איין מאָל צערעדט, איז זי געווען אין טראַנסניסטריע, פאַרלוירן דאָרט די גאַנצע משפחה, אַן אַלטן טאַטן און דעם מאַן מיט אַ קינד. בלויז זי אַליין האָט אַלץ דורכגע־

האַלטן. אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ דאָרף, געווען פאַרפונדעוועט אין געזונט.

— און צו וואָס האָב איך עס געדאַרפט בלייבן? — פרעגט זי מיך די זעלבע שאלה, וואָס עס שטעלט זיך אין שווערע מאָמענטן נישט איינער פון אונדז.

די פרוי האָט נאָך אַ יונג פּנים, אָבער אירע האָר זענען גרוי, זי רויכערט, זי הוסטלט, זי איז ביז גאָר נערוועז. באַקאַנטע האָבן איר געוואָלט חתונה מאַכן, אָבער זי פילט זיך נישט בכוח אָנצוהייבן אַלץ פון דאָס ניי. איין זאַך איז דאָ, וואָס גיט איר אַ שטיקל טרייסט. זי איז אַ וואַרעמע יידישע נשמה, קלויבט זי נחת פון יידישן שטייגער־לעבן דאָ אין לאַנד, בפרט פון די יידישע ימים־טובים, פון דעם, וואָס די יוגנט גייט דאָ אַרום אַזוי שטאָלץ און פריי. זי האָט זיך אויסגעלערנט אַ פּאָר העב־רעישע לידער, זינגט זי זיך זיי ביי דער אַרבעט אין אַ שניידער־ווערק־שטאַט.

ווי זי רעדט וועגן דעם, בלאַנדזשעט אויף אירע ליפּן אַ שוואַכער שמייכל.

צוויי זין, צוויי אויגן פון קאָפּ

און נאָך יידן האָב איך באַגעגנט אין נייעם שכון, וואָס טראָגן אַרום ווונדן אין זייער האַרצן, און דאָך אַרבעטן זיי דאָ און שטייען נישט אָפּ פון אַנדערע.

איינער אַזאַ שטאַמט פון בולגאַריע, אייגנטלעך פון רוסלאַנד, אָבער געלעבט האָט ער זינט נאָך יענער מלחמה, עטלעכע צענדליק יאָר, אין סאָפיע. יידיש רעדט ער מיט האַרטע „רישן". אין זיין גאַנצן הולך איז נאָך קענטיק עפּעס „פּאַניעשעס".

מיט זיין ספרדישער פרוי, וואָס איז ביי די יידן פון שכון זייער באַליבט, האָט ער געהאַט צוויי זין, און אָט די ביידע זין האָט ער אין משך פון דער לעצטער מלחמה פאַרלוירן. איינעם האָבן די דייטשן פאַרשלעפּט מיט אַן אַרבעטס־בריגאַדע. דער צווייטער איז דערטרונקען געוואָרן אויף אַ שיפל, וואָס האָט זיך געפּרוּווט אַריבערבאַקומען אין מלחמה־צייט קיין ארץ־ישראל.

דער ייד איז נאָך אַ שטאַרקער, אַ געזונטער, פון דעם שטייגער מענטשן, וואָס מען זאָגט אויף זיי, אַז זיי זענען קורץ און גראָב און גוט אין גאַטונעק.

ער האָט אַ געוועלבל מיט ירקות אויף אונדזער גאַס. מען זעט אים שלעפּן זעק, טאַשטשען קעסטלעך, לויפן, שמייען. ער האָט זיך אויפגע־בויט אַליין אַ בודקע, און האָט אין האַנדל אַ שיטה אַזאַ, צו לאָזן די ווייבער אויסקלויבן די סחורה. פון צייט צו צייט הערט מען אים אַפילו זאָגן אַ וויץ. טאָמער צעשמועסט מען זיך אָבער מיט דעם יידן אַ ביסל לענגער, ווייזט ער מיט די קורצע פינגער אויף זיינע קליינע, מאַנגאָליש איינגעקלעמטע אויגן.

— צוויי זיך, צוויי אויגן פון קאָפּ...

אַ שפּאַציר אין פאַרנאַכט

און טאָמער ווילט איר אַליין זען די מענטשן פון אונדזער שיכון, מוזט איר זיך אַהער אויסקלויבן דורכויס אין אַ פאַרנאַכט, ווען אַלע זענען שוין דאָ צוריק אין דער היים. אין אַ טייל גערטנדלעך דרייען זיך דעמאָלט מיט אַ מאַיעסטעטישער גראַציע די רעגן־טענצעריגס — די ממטרות. פאַר אַנ־דערע שטיבער שטייען מענטשן מיט גומי־שלויכן אין די הענט, מיט פאַר־טראַכטע פּנימער — שטייען און באַגיסן מיט געדולד זייערע פלאַנצונגען.

דאָ האָט ווער אויפגעשטעלט צווישן די בייטן אַ מענטשעלע צום אָפּ־שרעקן די פייגל — אין אַ צעפליקט העמד, אין אַ אַלטן קאַפּעליוש. אויף אַ צווייטן אָרט האָט עס ווער געמאַכט מאָדערנער: איבערגעצויגן שטרי־קעלעך אַהין און צוריק איבערן גאַנצן גערטל און אויף די שטריקלעך אָנגעבונדן פּאַסמעס גאַזע, וואָס פלאַטערן אין פאַרנאַכטיקן ווינט, ווי קליינע פענדעלעך. נאָך עמעצער איז געפאַלן אויף גאָר אַן אָריגינעלער המצאה און האָט אויף אַלע שטעקעלעך, וואָס שפּאַרן אונטער די קוסטעס פּאָמידאָרן, אָדער פאַסאָליעס, אָנגעטון איבערגעקערטע פּושקעס פון אַמעריקאַנער קאָנ־סערוון...

און קומט איר אין אונדזער שיכון, זאָלט איר גיין פון אויטאָבוס נישט מיטן הויפּט־שאָסיי, וואָס דאַרף ערשט ברוקירט ווערן, נאָר מיט איינעם פון די זייטן־וועגן. אייערע פיס וועלן טאַקע דאָ נאָך מער פאַרזינקען אין זאַמד ביז די קנעכל, דערפאַר וועט איר זיך אָבער איבערצייגן, אַז יידן זיצן נישט מיט פאַרלייגטע הענט. איר וועט דאָ טרעפן נישט איין זאַך, ביי וועלכער איר וועט זיך מוזן אָפּשטעלן.

קודם כל די פאַרשידענע פאַסאָנען פון הינער־שטעלעכלעך, די טויבנ־שלאַקן מיט פלאַטערנדיקע טויבן אין פאַרנאַכט, די קליטקעס מיט איינציקע

ציגן. אויף איין אָרט וועט איר באַמערקן אַ יונג ווייבל, וואָס האָדעוועט קליינע קאַטשקעלעך אין אַן איבערגעקערטן, געפּלאַכטענעם קויש, אין וועלכן מען האָט געבראַכט צו פירן פון פוילן דאָס בעטגעוואַנט מיטן גלאַזוואַרג. דאָס דעקל פון דעם קויש דינט איצט אַלס טירל. פונקט בעת אייער פאַרבייגיין וועלן די לעצטע עופהלעך זיך אַריינוואַקלען אינעווייניק און די יונגע בעל־הביתטע וועט פאַרמאַכן דאָס דעקל אויפן שלעסעלע צו היטן זייער רו.

אויף אַן אַנדער אָרט וועט אַ שמייכל פאַרקרויזן אייערע ליפּן, ווען איר וועט דערזען, מיט וויפל קינדישער פאַנטאַזיע איינער אַ נייער עולה האָט אויסגעצירט די קליינע רונדע בייטעלעך פאַר זיין שטוב, זיי אַרומגעלייגט מיט פלאַכע שטיינדעלעך און אין דער מיט פון די סימעטרישע צוויי „קלאָמבן", פון ביידע זייטן פון זיין טיר, האָט ער אויפגעשטעקט אויף שטאַנגען צוויי קאָלירטע גלעזערנע קוילן. אַט פונקט אַזעלכע, ווי די וואָס האָבן באַצירט דעם גאָרטן פון דעם פאָסטמייסטער, צי אַפּטייקער אין זיין געבוירן־שטעטל. פון אַן אַנדער גערטל וועט אויף אייך אַן אָטעם טון דער צאַרטער ריח פון רעזעדע און איר וועט אייך פאַרוווּנדערן ביז גאָר: פון וואַנען האָבן די יידן דאָ באַקומען די זריעה פון דעם געוויקס, וואָס האָט אין אייערע קינדער־יאָרן פאַרשמעקט די גאַס, ביי וועלכער עס האָט זיך געפונען דאָס הויז פון די נאָנעס?

אַוועק, אַוועק מיט יענע זכרונות!

אַן אויסטערלישע גלויביקייט און נאַיוויטעט — דער אומדערפּארענער כוח פון אַן ערשטער ליבע — אָטעמט פון די אַלע קאָנסטרוקציעס און גערט־נער, פאַרפלאַנצטע דורך מענטשן, וואָס האָבן ס׳רוב אין זייערע פריערע גילגולים מיט ערד קיין שום מגע ומשא נישט געהאַט.

אַ שמייכל וועט פאַרקרויזן אייערע ליפּן און אפשר וועט גאָר אַ טרער טון אַ ברי אייערע אויגן־לעפּלעך?

וואָרעם אויך דערין וועט איר דערקענען די האַנט, וואָס גלעט די גע־בויגענע קעפּ פון שווער געליטענע מענטשן.

זיי צעגראָבן די ערד פאַר זייערע שטיבער, כדי זי זאָל קאָנען איינזאַפּן דאָס געוויין, וואָס זיי האָבן געשטיקט אין זיך אין משך פון יאָרן; כדי זי זאָל ווערן ווייך ווי אַ קישן, מילד ווי די שויס פון אַ מוטער, וואָס שטילט איין אירע קינדער.

1951

14. קינדער אין זאַמדן

ווער־ווער — די קינדער האָבן דאָ ממש אַ גן־עדן, אין נייעם שכון, חצי דאָרף, חצי שטאָט, דרייפערטל ווילדעניש. דאָס, וואָס עס זענען נאָך דאָ נישטאָ קיין ברוקירטע וועגן, איז פאַר זיי דווקא אַ מעלה. קאָן מען נאָך מער און נאָך פרייער אַרומבריקערן אין זאַמד און אין שטויב, און די מאַמעס זאָלן איבער זיי קיין שליטה נישט האָבן. אויף איינעם אַן אָרט איז פאַראַן אַ נישט צעגראָבן בערגל ליים, האָבן זיך אַ חברה יינגלעך אויסגעדלובעט דערין מיני לאָזשעס, זיצן דאָרט געשטרעקט, ווי די פּריצים און לאָזן זיך אַמאָל אין אַ נאָווינע דערלאַנגען אַהין זייערע מאָלצייטן.

אויף דער וועלט דערציילט מען מעשיות, אַז אין ישראל איז דאָ ווייניק צו עסן. פאַר זיי איז דאָס וואָס איז דאָ, אויך צו פיל. זיי זענען אַזוי פאַרטון אין זייערע געשעפטן, אַז אויף עסן קלעקט זיי קיין צייט נישט. קומט אין דער פרי, זעט מען ביי אונדז אין שכון, פּונקט ווי מען פלעגט זען אין די סאַמע גוטע צייטן אין אַלע אַנדערע יידישע וווינ־ערטער — ווי די מאַמעס לויפן נאָך די קינדער מיט די טעפּעלעך עסן און האָדעווען זיי אויף די סאַמע אומוואַרשיינלעכסטע ערטער. איינער פאַרט רייטנדיק אויף אַ צוים און די מאַמע מוז זיך צו אים אויך צוזעצן רייטנדיק, ווי אויף אַ דאַמען־זאָטל. אַ צווייטער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף אַ לייטער צו אַ טויבנשלאַק און די מאַמע נאָך; זי הענגט מיט איין פוס אין דער לופטן אין אַן אַקראָבאַטישער פּאָזע, און בשעת זי באַמיט זיך צו פּועלן, אַז דער בן יחיד זאָל עפענען דאָס פאַרקלעמטע מיילעכל, כדי זי זאָל אים קענען אַריינפּאַרן אינעווייניק מיט דעם אָנגעברייטן לעפעלע זעמל, צעווייקט אין קאַקאָאָ — עפנט זי אַליין פאַר גרויס שפּאַנונג דאָס מויל. אַנדערע מאַמעס פאַרפּאַסן מעשיות; ברענגען אויס די גאַנצע חכמה און פאַנטאַזיע זייערע, אַבי נאָר דאָס געציטערטע באַשעפעניש זאָל באַווי־ליקן צו נעמען אין מויל אַריין דאָס לויזע אייעלע, אָדער דאָס וויציק צעשניטענע שטיקל ברויט מיט מאַרגאַרין; אַבי עס זאָל נישט „דזשאַמ־דזשען", אַבי עס זאָל באַווילן דעם ביסן אַראָפּצושלינגען.

איבער וואָס מען קריגט זיך

פון צייט צו צייט ברעכט אויס אויף עפּעס אַ גאַס פון שיכון אַ קריגעריי צוליב קינדער. אין איין הויז קריגט מען זיך איבער אַן אינדיק אַ רשע, וואָס בלאָזט זיך אָן מיט זיינע קרעלן און צעהאַלדערט זיך און שרעקט איבער קליינע קינדער. ער האָט נאָך ביז היינט קיין איינס פון זיי נישט צעדזיאָבעט, אָבער ווען עס ווערט מקוים אַ צענט חלק פון די „ברכות", וואָס ער באַקומט פון די מאַמעס, וואָלט ער שוין לאַנג נישט אַרומגעשפּאַצירט פּאַר דער שטוב, ווי אַן אויסגעפּוצטער פּריץ אויף די ברעטער פון דער בינע אין אַ היסטאָרישן טעאַטער־שטיק.

אַ סך מאָל קריגט מען זיך צוליב דעם, וואָס אַ קינד האָט אָפּגעריסן אַ בלום פון אַ פרעמדן גערטל: „סטייטש, אָפּגעריסן אַ בלום, וואָס מען האָט זי צום ערשטן מאָל אויפגעהאָדעוועט אויף די זאַמדן!..."

מאַמעס צעיאַכמערן זיך. מען קריגט זיך אויף פּויליש, מען קריגט זיך אויף אונגאַריש, אויף רומעניש. בכלל קריגט מען זיך זייער רוישיק אין אונדזער שיכון. אַמגעשמאַקסטן — ווי די מעשה זאָל נישט זיין — קריגט מען זיך אויף יידיש! און אַז מען קריגט זיך אויף יידיש, שעלט מען זיך טייל מאָל מיט אַזעלכע אָריגינעלע און זאַפטיקע קללות, אַז אונדזערע אַמאָליקע פּאָלקלאָריסטן וואָלטן דערפון ממש געלעקט די פינגער.

די מאַמעס צעקריגן זיך און ווערן ברוגז — די קינדער גופא שפּילן זיך אין אַ האַלבער שעה אַרום ווידער צוזאַמען אין די קופּעס זאַמד.

אין וואָס מען שפּילט זיך

אין וואָס אַ שטייגער שפּילן זיך קינדער? זיי שפּילן זיך אין גאַנצן לעבן. פון אַלץ מאַכן זיי אַ ספּעקטאַקל. פּאָרט אַרום אַ ייד מיט אַ פּעסל נאַפט, קלינגט מיט אַ גלעקל; פּאָרט אַ צווייטער ייד מיט אייז און רופט: „קרח! קי־ראַך!" — וואָס זשע דאַרף מען מער?! זענען דאָ צווישן דער חברה אַ פּאָר ספּעציאַליסטן, וואָס מאַכן אַזוי גלענצנד נאָך דעם דאָזיקן „קי־ראַך!", אַז אַ באַלעבאָסטע לויפט אַמאָל אַרויס מיט דער צוואַנג נאָכן שטיקל אייז, בייטלט אויס דערנאָך חלומות צו די שונאימס קעפּ.

שפּאַנט איבער דער גאַס אַ יידל, אפשר פון טריפּאָליס, אפשר פון באַגדאַד, און דווקא וויל זיך אים אויספירן די ראָל פון אַ וואַרשעווער האַנדעלעס. שרייט ער „אַלטי־סאַכין! אַלטי־סאַכין!" און וועלכע קינדער, אין וועלכן לאַנד, וועלן נישט נאָכמאַכן אַ האַנדעלעס?!

ערב וואַלן

און נאָך שפּילן זיך קינדער אין וואָיען פון שאַקאַלן אין דער נאַכט. זיי שפּילן זיך אין פאַרן אין שטאָט אַריין — זיי זענען, פאַרשטייט זיך, די „נהגים". זיי פאַרקויפן בילעטן, רופן אויס סטאַציעס, שרייען ווי די שאָפערן צום פובליקום: „לא לעלות יותר! נישט מער איינשטייגן!"

פון וואָס די מאַמעס זענען דערביי אַממערסטן צופרידן, איז דווקא דערפון, וואָס איבער די זייטיקע זאַמד־וועגן פון דעם שיכון, פאַרן דערווייל ווייניק אויטאָס, פאַרשפּאַרט זיי צו פלאַטערן דאָס האַרץ פאַר שרעק, אַ קינד זאָל חלילה נישט אַרונטערפאַלן אונטער די רעדער. דערפאַר איז די סענסאַציע גרויס, ווען עס באַווייזט זיך דאָ אַ מאָל אין אַ נאָווינע אַ געדונגענע מאַשין מיט אַ מעגאַפאָן, וואָס פאָרט אַרום צוגויפרופן דעם עולם אויף אַ פאַרזאַמלונג אונטערן פרייען הימל, אויפן „כיכר השוק" — אויף אונדזער „רינגפלאַץ". די קינדער שפּרינגען דעמאָלט ממש פון די כלים פאַר גדולה. זיי הענגען זיך אָן פון ביידע זייטן ביי די פליגלען פון דער מאַשין, צוואַלעווען איר נאָך פון הינטן מיט התלהבות, און ווען די מאַשין איז שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן, ווערן זיי אַליין די מעגאַפאָנען, רופן אויס בקולי־קולות: הקשיבו, הקשיבו! — אַכטונג, אַכטונג! — ציונים כלליים... בואו בהמוניכם — קומט אין די מאַסן...

אַן אַנדערש מאָל רופן זיי דעם עולם אין נאָמען פון דער פאַראייניקטער אַרבעטער־פאַרטיי אָדער פון דער תנועת „חרות". ביי זיי איז באמת אַלציינס...

געלייזט די שפּראַך־פראַגע

דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע טוען אויף די קינדער פון דעם שיכון אויפן געביט פון שפּראַך. עלטערן פון אייראָפּעישע לענדער — פון פוילן, פון רומעניע, אויך אַזעלכע, וואָס האָבן פאַר זייער אָנקומען אין לאַנד אָפּגעלעבט יאָרן אין בעלגיע, אין פראַנקרייך, צי אין דייטשלאַנד — אַזעלכע עמך־יידן, וואָס וואָלטן אין יענע לענדער געוווען ס'רוב גערעדט מיט זייערע קינדער, כאָטש צעקאַליטשעט, יענע פרעמדע שפּראַכן, רעדן דאָ, אין געוויסע פאַלן, צו די קינדער — יידיש. ערשט דאָ זענען זיי דערגאַנגען צו דער מסקנה, אַז די דאָזיקע שפּראַך קאָן דעם קינד צו נוץ קומען — אין פאַרקער מיטן עלטערן דור, מיט קרובים פון אויסלאַנד.

וואָס טוען די קינדער?

מיט די עלטערן און עלטערס־עלטערן „פאַרשטענדיקן“ זיי זיך אויף יידיש און גלייכצייטיק לערנען זיי טאַטע־מאַמע רעדן, פאַרריכטן זייער לשון אין עברית. צווישן זיך רעדן אָט די קינדער דורכויס אין עברית. עס איז צום שטוינען, ווי שנעל זיי כאַפּן די שפּראַך, ווי נאָר זיי הייבן אָן גיין אין שול אַריין און שוין אין פאַרשול.

די עלטערן היטן אויף אין אַ גרויסער מאָס די מנהגים פון די לענדער, פון וועלכע זיי זענען אַהער געקומען, האָבן אַ סך פאָראורטיילן קעגן אַנאַנד. אָבער די קינדער פון די דאָזיקע עלטערן — פון רומעניע, צי פון פוילן, צי פון יוגאָסלאַוויע, פון תימן, צי פון מאַראָקאָ — גייען אין די זעלבע קלאַסן, זיצן אויף דער זעלביקער שול־באַנק און נאָך דעם לימוד שפּילן זיי זיך ווידער צוזאַמען אין מעגאַפּאָנען און אין שאַקאַלן־געוואַי, אין אייז־פאַרקויפערס און אין אויפקויפערס פון „אַלטי־סאַכין“ — אויף דער זעל־ביקער גאַס, אין דעם זעלביקן זאַמד. דערצו נוצן זיי די שותפותדיקע שפּראַך: עברית!

1951

15. די שותפים

די צוויי שכנים זענען נישט ענלעך איינער צום אַנדערן.

זלמן איז אַ ייד אַ הויכער, אַ שווערער. ער רעדט פּאַמעלעך מיט אַ מילדן טרויער אין זיין שטים, מיט אַ טרויער אין די באַוועגונגען. קלמן איז אַ יידל אַ דראָבנער, אַ פלינקער, אַ הייסער שמועסער. פון ערשטן יאָר אָן, זינט ער איז אָנגעקומען קיין ישראל, גייט ער אין קורצע לייוונט־הויזן און אין אַ לייוונטענעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, מעשה קיבוצניק. אויך איז ער מיט אַ היפּש ביסל יאָרן יינגער פון זלמנען.

אַנדערע יידן אין אונדזער שכון לעבן פון שטאָטישע פּרנסות. ווער עס איז אָנגעשטעלט אַלס באַאַמטער, ווער עס אַרבעט אין אַ פאַבריק, אין אַ וואַרשטאַט. דאָס שטיקל באָדן ביי דער שטוב איז אַ צוגאָב. די צוויי שכנים האָבן זיך פאַרגענומען צו ציען פון באָדן זייער גאַנצע פּרנסה. זיי האָדעווען פלאַנצן צום זעצן, פאַרקויפן אַ ביסל דערפון ביי אונדז אין שיכון, דעם רעשט ליפערן זיי קיין תל־אביב. ביז נישט לאַנג זענען די צוויי שכנים געווען קאָנקורענטן, קעגנער. מיט עטלעכע חדשים צוריק זענען זיי געוואָרן שותפים. דער וועג דערצו איז נישט געווען אַזוי פּשוט.

*

זלמן איז אַ גערטנער נישט פון היינט. ער שטאַמט פון שטעטל זדונסקאַ וואָלאַ, הינטער לאָדזש. שוין דאָרט האָט ער געהאַט אינספּעקטן; געהאָדעוועט גרויסע, פריע אוגערקעס, פּאַמידאָרן, טרוסקאַווקעס.

קלמן איז קיין גערטנער אין זיין לעבן נישט געווען — אַ הענדלער פון דור דורות. ער שטאַמט פון שטעטל בלוינע, נישט ווייט פון וואַרשע. מלחמה־צייט איז ער אָנגעקומען אין אַ דייטשן לאַגער, זיך דאָרט אָנגעגעבן פאַר אַ שוסטער, זיך אַ ביסל אויסגעלערנט די מלאכה. האָט ער אויך דאָ, אין ישראל, געפּרוווט מאַכן אַ לעבן פון שוסטעריי. נישט מער, ביי אונדז אין שכון זענען פאַראַן אפשר ביי אַ צענדליק בעסערע שוסטערס

פון אים, האָט ער געמוזט זוכן אַנדערע פּאַרדינסטן. ער איז געווען אַ שומר בעת דער שכון האָט זיך געבויט, דערנאָך געאַרבעט אויפן טאָג אין אַ גרויסער משתלה, וואָס האָדעוועט קליינעביימלעך צום פאַרקויפן. איז אָט די אַרבעט געוואָרן דער אָנהייב פון קלמנס נייעם לעבנס־וועג. ער האָט אַזוי פיל אויסגעליטן פון מענטשן, געווען אָנגעוויזן אויף זייער מינדסטן קאַפּריז — האָט אים אפשר פאַרכישופט די געדעכטיקייט פון דער ערד, וואָס צאָלט דיר, כפל־כפליים, מיט גוטס פאַר גוטס.

אַ פאַקט איז, אַז קלמן האָט זיך פּשוט אין זיין נייער אַרבעט פאַרליבט. ער איז פאַרנאַרט געוואָרן פון דער בלויזער פילקייט פון די מינים געוויקסן, פון זייערע מנהגים און אייגנשאַפטן; פון דעם, וואָס זיי קומען אויף פון אַ קערנדל; וואָס זיי וואַקסן און שטאַרקן זיך, אַז מען גיט זיי וואַסער צו דער צייט. אויך פון דעם, וואָס מען דאַרף זיי היטן און שוינען פאַר אַ קרענק; וואָס מען דאַרף זיך מיט זיי צערטלען און מטפל זיין, ווי מיט די פּיצלעך קינדער.

ווען די אַרבעט אין דער משתלה האָט זיך געענדיקט, איז קלמן אַהיים געקומען און האָט קודם אָנגעהויבן עקספּערימענטירן אויפן קליי־נעם שטיקל ערד, וואָס ער האָט באַקומען צוגעטיילט צו זיין דירה. פאַר אים איז נישט גענוג געווען צו מאַכן אַ פאַר בייטלעך מיט ציבעלעס און מערן, ווי די אַנדערע. ער האָט געוואָלט האָבן ביי דער שטוב אַ פּאַלמע און אַן אַגאַווע, אַן אַוואָקאַדע און גויאַווע און רויזן און נעגעלעך און טאַקע ציבעלעס און בוראַקעס, רעטעכער און פּיעטרושקע אויך. מיט אַ קינדי־שער פאַנטאַזיע האָט ער געפּרוווט גובר זיין די קליינקייט פון דעם שטח. צונויפגעטראָגן פון די אַלע מינים, געזעצט איינס לעבן אַנדערן, איינס אויפן אַנדערן, געזעצט און איבערגעזעצט. אַחוץ אים אַליין האָט זיך קיינער אין דער געדיכטעניש נישט געקאָנט פונאַנדערקלויבן.

דאָרט, ווו ער האָט פריער געהאַט זיין שוסטער־ווערקשטעל, האָט קלמן אַריינגעשטעלט אַ ציג, און איך בין אים חושד, אַז אויך דאָס האָט ער געטון מער צוליב די געוויקסן, ווי כדי צו האָבן מילך. ער האָט געדאַרפט פאַר זיין ערד אייגן „אָרגאַניש מיסט"...

דאָס אַלץ איז געווען אין דער ערשטער צייט, אין האָניק־חודש פון זיין נייער ליבשאַפט. קלמנס ווייבל, מאַניע, איז דעמאָלט געווען אין די הויכע חדשים. היינט איז זיין טעכטערל שוין אַלט דריי מיט אַ האַלבן יאָר. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אַ סך געביטן אַרום דער שטוב.

*

זלמנס ווייב הייסט גאָלדע. דאָ האָבןביידע צדדים מיטגעמאַכט דייטשע לאַגערן. זי האָט פאַרלוירן אין חורבן אַ מאַן מיט אַ זון. ער — אַ ווייב מיט צוויי קינדער. זיי זענען ביידע אין מיטעלע יאָרן. האָט זלמן געוואָרפן אַן אויג אויף דעם באַרג, אין רוקן פון זיין הויז — אַ פרייען, אַ ווילדן, — אַ שטיק קיינעמס לאַנד.

און עס קאָן זיין, אַז דאָ האָט זיך די גאַנצע מעשה אָנגעהויבן פון דעם באַרג. איידער מען איז צוגעטרעטן בויען דעם שכון, איז אפשר דער גאַנצער שטח דאָ געווען אַזאַ. די פלעצער אונטער די הייזער האָבן טראַקטאָרן אָפּגערייניקט, אויסגעגלייכט. דער רעשט איז געבליבן שטיין אַזאַ, ווי ער איז געווען פריער.

האָט זלמן באַלד אין ערשטן יאָר אָפּגערייניקט און צעגראָבן אַ שטיק באַרג, אַראָפּגעטראָגן דאָס געשטיין, פאַרצוימט מיט צווייגן, אויסגעמאָסטן בייטן און אַריינגעמאַכט אַ וואַסער־רער. מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער האָט ער צעגראָבן נאָך אַ שטיק באַרג. געבראַכט צו פירן דראָט־נעצן, געבראַכט צו טראָגן ראַמען און אַריינגעשטעלט שויבן צום צודעקן די פלאַנצן קעגן ווינטער. מענטשן האָבן צוגעזען, וואָס זלמן טוט, איז זיי דאָס אַ סך נישט אָנגעגאַנגען, אָבער זיין שכן קלמן — האָ, האָ! און אָט האָט ער גענומען נאָכטון יענעם יעדע זאַך. אויך אין רוקן פון זיין שטוב אויסגע־שטייניקט אַ שטיק ווילדעניש. אויך ער האָט מיט אַ שטריק געמאָסטן בייטן, געצוימט און פאַרזייעט מיט כל טוב, און הגם ער האָט קיין שויבן נישט געהאָט פאַר וואָס צו קויפן, איז אויך ביי אים געוואַקסן ס ח ו ר ה. זיין שטוב שטייט די ערשטע, ווען מען קומט אָן פון נייעם שכון. איז אַ קונה געגאַנגען קויפן פלאַנצן ביי זלמנען, האָט אָפט געטראָפן, אַז ער האָט ביי קלמנען געפרעגט, ווו מען באַקומט „שתילים". און אָפט האָט געטראָפן, אַז קלמן האָט ביי אַזאַ געלעגנהייט פאַרקויפט דעם קונה פון זיין אייגענער פּראָדוקציע...

אַזוי זענען די ביידע יידן געוואָרן קאָנקורענטן.

— וואָסי, ס'איז זיין באַרג? ער האָט גענומען די קונים אין אַרענדע?

— האָט זיך צעשריגן קלמן, ווען מען האָט אים געפרוווט פאַרהאַלטן, אַז יענער האָט אויף אים מיט רעכט תרעומות.

זלמן איז בטבע אַ שווייגער, איז צו קיין קריגערייען נישט דערגאַנ־

גען. געזידלט און געשאָלטן האָט בלויז גאָלדע, זיין ווייב, וויפל מאָל זי האָט דערזען מאַניען אין דרויסן פאַר איר שטוב. דאָ איז אָבער מאַניע געווען די רודף־שלומניצע.

— איך האָב נישט געענטפערט — דערציילט זי מיר איצט — וואָס האָב איך צו ענטפערן? ווען זי האָט אָנגעהויבן צו שרייען, בין איך אַריינ־געגאַנגען אין שטוב אַריין. וואָס האָב איך מיך צו קריגן?

*

אַזוי האָט זיך די מעשה געצויגן. די צוויי שכנים האָבן זיך געבלאָזן פון דער ווייטנס איינער אויפן אַנדערן. זיך געבלאָזן און — געטון דאָס זייערע. האָט איינער אָפּגעגראָבן אַ ניי שטיק באַרג, האָט דער צווייטער אין אַ וואָך אַרום אָפּגעגראָבן צוויי מאָל אַזוי פיל. נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל, און זיי זענען שוין צוגעקומען אין האַלבן באַרג אַריין. מיט דער צייט האָט אויך קלמן געבראַכט צו טאַשטשען אויף די פּלייצעס פענצטער מיט שויבן. נישט איין מאָל האָט אים די צונג געביסן, צוגיין און עפּעס פרעגןביים שכן, אָבער די אַמביציע האָט אים נישט געלאָזט.

און ווער ווייסט ווי לאַנג די קאַלטע מלחמה וואָלט נאָך אָנגעהאַלטן, ווען נישט די מעשה מיט דער שלאַנג.

אין אַ הייסן טאָג, סוף לעצטן זומער, איז קלמן געשטאַנען אין זיין לייוונטן מיצל אויפן קאָפּ, מעשה קיבוצניק און אַ שוויס פון ערלעכער מי האָט גערונען פון זיין רויט־אָפּגעברענטן פּנים. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון די קעסטלעך די רעשטן איבערגעוואַקסענע וואָרצלען, באַשיט די ערד מיט ווייסן שטויב פון כעמישן מיסט, געגרייט די בייטן אונטער דעם האַרבסטיקן פאַרזיי. פּלוצים האָט ער דערהערט אַ שרעקלעכן געשריי: „קלמן!!!״ — דאָס האָט אים זלמן נישט מיט זיין קול גערופן צו הילף.

זלמן האָט געוואָלט אַרויסשלעפּן אַ צווייג פון דער קופּע געהילץ, וואָס איז געבליבן ליגן אויפן באַרג פון דער צייט, ווען די טראַקטאָרן האָבן דאָ געאַרבעט. ווי ער האָט אַ ריר געטאָן דעם הויפן, איז פון דאָרט אַפּירגע־קראָכן אַ גרויסע שלאַנג, וואָס אַזאַ האָט ער בלויז יינגלווייז געהאַט געזען אין אַ צירק. זי האָט אַרויסגערוקט אַ צונג מיט אַ דאָפּלטן שפּיץ, זיך געטון בליץ־שנעל אַ רוק צו צו זיינע פיס און געטון זיך מיט אַ שיפּעריי אַ הייב אין דער הייך. זלמן האָט אָפּגעלאָזט די צווייג, וואָס ער האָט אָנגע־הויבן שלעפּן און איז אויף אַ ווײַלע, ווי פאַרשטאַרצט געוואָרן; דערנאָך

אַרויסגעלאָזט יענעם געשריי. ערשט, ווען קלמן איז געקומען צו לויפן מיט דער לאָפּעטע, האָט ער אויך געכאַפּט אַ שטיין אין האַנט, און אַזוי האָבן זיי זיך ביידע געוואָרפן אויפן משחית און אים דערהרגעט. מיט עקל און גרויל האָבן זיי דערנאָך געזען, ווי דריי אָפּגעהאַקטע שטיקער פון דעם נחש לויפן נאָך איינס נאָכן אַנדערן. דער קאָפּ מיט דער גיפטיקער צונג איז שוין אָבער געלעגן געפּלעט...

זיי האָבן דעמאָלט ביידע אינאיינעם פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, געשטאַנען אַ ווײַלע איבער דער צעוואָרפענער נעסט און דערנאָך אַוועק יעדער צו זיין אַרבעט. אמת, אויך נאָך דער מעשה האָבן ביידע געפּרווט ווייטער אָנגיין מיטן רוגז, אָבער לאַנג האָט עס שוין נישט געקאָנט אָנהאַלטן. זלמן, דער עלטערער, איז אין איינעם אַן אין דער פרי אַרויס פון זיין גדר, צוגעגאַנגען צו קלמנען.

— ווייסט איר וואָס — האָט ער געזאָגט גיך, ווייל ער האָט דאָס שוין געוואָלט האָבן איבערגעקומען — ווייסט איר וואָס, לאָמיר מאַכן שותפות...

קלמן איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין זיין גראָבאייזן און אַ פּלאָם האָט געטון אַ פלי אַדורך איבער זיין געשפּרענקלט פּנים.

— איך האָב שוין לאַנג אַזוי געטראַכט — האָט ער געענטפערט און די אויגן זיינע האָבן זיך צעשיינט אין זייער העלער בלויקייט.

*

היינט זאָגן זיך שוין ביידע „דו", און אויפן באַרג הינטער אונדזער שכון האָט זיך ממש צעבליט אַן אידיליע. פון דעם געהילץ, וואָס האָט זיך דאָרט געוואַלגערט און געדינט אַלס נעסט פאַר סקאָרפּיאָנען און שלאַנגען, איז שוין נישטאָ קיין סימן. זיי האָבן אַלץ צונויפגעשלעפּט אויף אַ קופּע און פאַרברענט. מיט נאָך אַ פּאָר מעטער זיך געררוקט פאָרויס, אויסגע־גלייכט די ליניע ווי ס'געהער צו זיין... עס איז דאָרט קוים פאַרבליבן אַ סטעזשקע אַדורכצוגיין פון דעם מאַרק־פּלאַץ צו דער קופּת־חולים.

וויפל מאָל איך פלעג דאָרטן אַדורכגיין, פלעג איך זיין אין אַ פאַר־לעגנהייט. גערעדט מיט איינעם, האָב איך זיך געמוזט אָפּשטעלן אויך נעבן אַנדערן. היינט איז גענוג צו שמועסן מיט איינעם — גייט עס אויפן חשבון פון ביידע שותפים.

*

דאָ אַנומלט אין דער פרי בין איך געפאָרן פאַר אַכט אין שטאָט

אַריין, זע איךביים אויטאָבוס, זלמן גייט מיט צוויי קיישלעך, פון וועלכע עס שטעקן אַרויס די גרינע בלעטעלעך פון יונגע פלאַנצן. ער האָט אַרויסבאַגלייט דאָס יונגע ווייבל פון זיין שותף אין שטאָט אַריין מיט דער סחורה. איין טאָג פאָרט אין שטאָט אַריין מאַניע, דעם אַנדערן — גאָלדע. די מענער איז אַ שאָד די צייט.

אין אַ בלוי סוועטערל מיט אַ געבלימט טיכל אויפן קאָפּ, מיט בלויע אויגן, וואָס שיינען אַרויס מיט אַ רואיקן שמייכל פון אָפּגעברענטן פּנימל, זעט אויך מאַניע איצט אויס ווי אַ קיבוצניצע.

מאַניע רעכנט מיר אויס וואָס פאַר אַ „שתילים" עס גייען איצט: פּילפּל און חצילים, עגבניות. אויף ווינטער גייט כרוב און כרובית. און סלק — בוראַקעס — גיט זי מיר צו פאַרשטיין — „גייען" אַ גאַנץ יאָר. און בלומען „גייען". אַפילו פּיעטרושקע און סעלער האָבן אויך אַ טייל מענטשן ליב צו קויפן אין שתילים און נישט פאַרען זיך מיט קיין זייען. די סחורה האָט אַ גוטן נאָמען אויפן מאַרק.

מאַניע שטייט אויף פאַרטאָג. העלפט צו דעם מאַן אַרויסנעמען און פּאַקן די פלאַנצן; אַ האַלבן טאָג פאַרלירט מען אין שטאָט ביז מען קומט אַהיים. ביז זי אָפּאַרעט דערנאָך די שטוב מיט די עופות — מיטן קינד, קיין עין־הרע — גייט זי אָפּט שלאָפן נאָך האַלבער נאַכט.

— אָבער עס איז אַ מחיה — גיט זי צו — פריער פלעגט קלמן אַלע מאָל קראַנק ווערן. איצט איז ער אַ גאַנצן טאָג אויף דער לופט. אַפילו דאָס קינד איז אַ גאַנצן טאָג אין גאָרטן. זי האָט קיין עין־הרע אַן אַפּעטיט צום עסן. זי וואַקסט קיין עין־הרע...

*

מיט אַ פּאָר טעג צוריק בין איך ווידער אַדורכגעגאַנגען מיט דער סטעזשקע, נעבן די אינספּעקטן, צו דער קופּת־חולים.ביידע שותפים זענען געווען אַריינגעטון אין אַראָפּשלעפּן די שויבן פון די בייטן. די פרילינג־אַרבעטן זענען שוין געווען אין פולן ברען.

— שטשענשטש באָזשע! — האָב איך געזאָגט צו זיי אין שפּאַס אויף פּויליש — העלף גאָט!

— בוג זאַפּלאַטש! — האָט געענטפערט קלמן אין נאָמען פון ביידע.

— וואָס הערט זיך עפּעס נייעס?

— וואָס זאָל זיך הערן? עס וואַקסט, קיין עין־הרע.

1953

16. אַ באַזוך ביי שיפּס־פּריינט

דאָס פּאָרפּאָלק נתנאל און עדה ב. האָבן זיך איינגעאָרדנט אין נתניה, אין שכון „עמידר", באַלד דעם ערשטן זומער נאָך אונדזער אָנקומען אין לאַנד. אַ ייד אַ למדן, האָט נתנאל זייער גיך זיינע ידיעות אין לשון־קודש אָנגעהויבן נוצן אין דער אַרבעט, איבערגענומען אַ פּאָסטן אין דער פּאַרוואַל־טונג פון שיכון. היינט צו טאָג פילן זיך ביידע אין זייער איינצימערדיקער דירה, ווי אַלטגעזעסענע בעלי־בתים. פאַר דער שטוב איז שוין דאָ אַ שטיקל טעראַסע, וואָס מען דאַרף זי נאָר איבערציען מיט אַ דעכל און אַריינשטעלן שויבן, וועט זי פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צימער. צוגעשפּאַרט צו דער זייטן־וואַנט פון דעם פּאַרטער־הויז, איז דאָ אויך פאַראַן אַ הילצערנע קאַמער, וואָס מען רופט זי „דאָס מחסנדל" און מען נוצט זי פאַר אַ זומער־קיך. אַ דריטער נאַטירלעכער צוווּקס נעבן דער שטוב איז דאָס היפּשע גערטל, ווו עס וואַקסן אויף די בייטן אַלע גאַליציאַנער „פּאַרבראַקעכצער". אין הלכות גערטנעריי גייט נתנאל אָן פאַר אַ מומחה אין גאַנצן בלאָק.

דער „באַזניק" קיקיון

ביז די טעראַסע פאַר דער שטוב וועט איבערגעצויגן ווערן מיט אַ דאַך, פאַרשטעלט זי פאַר דער זון — ווי אַמאָל די סוכה פון יונה הנביא — דער ריצין־בוים קיקיון. די התפעלות פון דער ערשטער צייט איז שוין פאַרגאַנגען. נאָך אַ געניוערן צוקוקן זיך, איז נתנאל געקומען צו דער מסקנה, אַז דאָס דאָזיקע געוויקס איז אים נישט ניי. אין אונדזער געגנט, אין פּאָדאָליע, פלעגט וואַקסן אויף די גאָרטן־מעזשעס אַ גאַנץ ענלעכער, אָן אַ ביסל דראָבנערער — אַ נישט געבעטענער, אַ נישט געזעצטער — דער קוסט „באַזניק". זיין ריח איז געווען אַן ענלעכער און אויך די בליטן. אויך פון זיינע שוואַרצע ווײַנשעלעך האָט מען געמאַכט רפואות. טאָ וואָס איז דאָ נתפעל צו ווערן?

— באַזניק בלייבט באַזניק, מעג ער שטיין אפילו אין תנ"ך — זאָגט נתנאל און גרייט זיך אויסוואָרצלען דעם קיקיון, כדי ער זאָל נישט אויפ־

פּרעסן די ערד ביי אַנדערע געוויקסן. פרוי עדה קאָן נישט באַשטיין דערויף. פאַרוואָס זאָל מען אויסרייסן אַ געוויקס, וואָס מען האָט עס אַליין פאַרזעצט און איצט באַשאָטנט עס אַזוי געטריי דאָס פאַרהויז.

— אַז זי וויל נאָר יעדע זאַך באַוואָרענען — בורטשעט דער מאַן, וואָס האָט געהאַט פריער אַן אַנדערע משפחה, צו דער פרוי, וואָס האָט אויך געהאַט אַן אַנדערע משפחה, אוןביידע משפחות זענען געוואָרן אויסגעע־הרגעט דורך די דייטשן. — און אַז מען האָט אונדז אויסגעריסן מיטן וואָרצל, איז נישט געווען קיין רחמנות?

— טאַקע דערפאַר, דווקא דערפאַר, — פאַרענטפערט זיך פרוי עדה און רייסט איבער די דיסקוסיע. דער פּראָצעס פון איינלעבן זיך מיט אַנאַנד איז זייער אַוועק פאַרויס אין משך פון דער צייט, וואָס איך האָב זיי נישט געזען.

„דאָס וואָס דאָרט, ווערט דאָ נישט זיין"

נתנאל ווייסט, אַז דאָס איז דער סוף פון זיינע אַלע אַנטלויפּעניש. און נישט געקוקט אויף זיין גאַליקייט, נישט געקוקט אויף דעם טרויער, וואָס פרעסט אים פון אינעווייניק, ווי אַ וואָרעם — באַרואיקט אים דאָס ווייסן.

— צופרידן, אומצופרידן — וואָרפט ער אַריין זיין וואָרט, ווען עס הייבט זיך אָן דער אָוונט־שמועס אין קרייז פון שכנים; דאָס אויסרעדן וואָס אין דער קאָרט אויף די אָרדענונגען און אומאָרדענונגען אין לאַנד ישראל. — צופרידן, אומצופרידן — דער נאָר איז מיינער, אַבי צווישן יידן!

— און פאַר קיין מלחמה מיט די אַראַבער האָט איר נישט קיין מורא, פאַניע סאַניע? — פרעגט אַ שכן, נאָכדעם, ווי מען האָט אויסגעהערט די נייעס פון דעם ראַדיאָ מיט אַ רעדע פונעם קאָלאָנעל שישאַקלי.

— איך האָב זיי אין דר׳ערד! מעך האָט מען שוין איין מאָל געהר־געט — זאָגט סאַניע און טוט אַ פייף מיטן אָטעם פון דער דורכגעשאָסענער ברוסט. — אויב דאָ וועט צו עפּעס קומען, האָט מען מיך נישט געבונדן. דאָס, וואָס דאָרט, וועט דאָ נישט זיין.

— איר זעט? — גיט ער צו אין אַ ווילע אַרום מיט אַ געדעמפּט קול — איך בין איבער די פופציק, מען האָט מיך דאָ אַנערקענט פאַר 80 פּראָצענט

אינוואַליד, נאַר טאַמער, נישט די שעה זאָל זײַן, גײ איך מיט. אַזױנס װי דאָרט, װעט דאָ נישט זײַן!

אַן אײ איז װיכטיקער פֿון פֿלײש

הינטער דעם הילצערנעם מחסנדל איז אױפֿגעשטעלט אַ קלײנער לול. די שטײג פֿאַר הינער שטײט אַלײן אױף הינערישע פּיסלעך פֿון קאַסטן־ברעטער, װאָס מען האָט געבראַכט פֿון פּױלן. פֿאַר דעם לול איז פֿאַראַן אַ שטיקל פֿאַרהױף, אַרומגענומען מיט אַ דראָט־־נעץ. עס דרײען זיך דאָ אַרום נײַן הינער און "אײנעם אַ האָן". אַזױ רופֿט אים סאָניע, עדהן אױף צו להכעיס.

— װאָס װעט מען האָבן פֿון די הינער? — טענהט ער — אַז דו האָסט אױף זײ רחמנות, לאָזט זײ נישט שעכטן. און אַז מען האָט אונדז געשאָכטן, איז נישט געװען קײן רחמנות?

— טאַקע דערפֿאַר — ענטפֿערט װידער דאָס װײַב — אײער װעט מען האָבן. אַן אײ איז װיכטיקער פֿון פֿלײש.

הינעריש־קעצישע אידיליע

און אַזױ װי קינדער און חיות פֿילן דאָס האַרץ פֿון דעם מענטשן, האָב איך געזען בײַ פּרוי עדהן נאָך אײן מין באַשעפֿענישן.

אַ מעוברתע קאַץ האָט דערשמעקט, אַז אין דער שטוב װױנען באַלעבאַטישע מענטשן און זי איז געקומען אַהער אױף קימפּעט. זי האָט געבראַכט אױף דער װעלט דרײַ גראָע קעצעלעך און אײנס אַ װײַס מיט שװאַרצע פֿלעקן.

װען איך בין געקומען, זענען שױן די קעצלעך געװען אונטערגע־װאַקסן. זײ האָבן שױן געזען, אַלײן געגעסן מילך פֿון אַ שיסעלע. די קאַץ, די מוטער, איז שױן בײַ זײ נישט מער איבערגעגליגן גאַנצע טעג, געקומען בלױז אַ פּאָר מאָל אין טאָג אָנזײגן דאָס קלײנװאַרג, אַ ביסל אָנמרוטשען, אױסלעקן זײ די בײַנדעלעך און זי איז װײַטער געגאַנגען צו אירע געשעפֿטן. מיטן רעשט האָט זי זיך געמעגט פֿאַרלאָזן אױף עדהן.

און אָט האָבן די קעצעלעך, אין דער אָפּװעזנהײט פֿון דער מאַמען, צוגעטראַכט אַ נײַעס. זיך אױסגעשאַרט מיט זײערע לאַפּקעלעך אַ דורכ־גאַנג אונטער דער דראָט־נעץ, װאָס האָט אָפּגעטײלט זײער תחום פֿון דעם

הינערישן שפּאַציר־פּלאַץ, און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אַדורכשטופּן יעדן טאָג אַ ביסל צו די הינער, צעלייגן זיך אין סאַמע מיט פון הינערישן הויף און פאַרברענגען דאָרט שעהן. זיך איבערקועצקען, שפּילן, זיך וואַשן מיט די קליינע לאַפּקעלעך די קליינע פּיסקעלעך.

די הינער האָט די זאַך נישט אָנגעהויבן צו אַרן. פאַרקערט, זעט אויס, אַז דאָס איז געווען פאַר זיי אַ מין פאַרווײַלונג.

אַזוי געשעט נאָך תמיד עפּעס נײַעס אויף אונדזער אַלטער וועלט. אַ מאָל אין דאָרף, האָב איך געזען אַ פריינטשאַפט צווישן קעץ און הינט, וואָס זענען איינינעם אויפגעוואַקסן. אַ קעציש־הינערישע אידיליע האָב איך געזען דאָ צום ערשטן מאָל.

— ביי לייטן אַ הון, וואָלט כאָטש אויסגעדזשאָביעט ביי אַ קעצעלע אַן אויג — רייצט זיך סאַניע מיטן ווייב, און אַליין איז ער ווייט נישט גלייכגילטיק צו דעם חידוש, וואָס קומט פאַר נעבן זיין שטוב.

געשען אַן אומגליק

אין דער נאַכט, ווען איך האָב געגעכטיקט ביי מיינע שיפס־פריינט, איז געשען אַן אומגליק. ווען פרוי עדה איז אַרויסגעגאַנגען אין דער פרי געבן די הינער עסן, איז זי צוריקגעקומען מיט דער ידיעה, אַז עס פעלט אַ קעצעלע. זי האָט געזוכט, גערופן, געצמאַקעט — דאָס קעצעלע האָט זיך נישט אָפּגערופן. שפּעטער איז געקומען די קאַץ, די מוטער, גענומען מיאַוקען, פרעגן אויף קעציש לשון, קוקן דער פרוי עדה אין די אויגן, טאָרען זי מיטן פּיסקל ביי די פיס.

ביז איך בין אַוועקגעפאָרן, האָב איך געזען די קאַץ, נעבעך, אַרומ־שלייכן אַרום דער שטוב, איבערן גאָרטן. זי האָט יעמערלעך געמיאַוקעט, געזוכט אין די ווילדגראָזן איר קינד.

— און אפשר האָט עס אַ שאַקאַל אויפגעגעסן ביי נאַכט? — רופט זיך אָן סאַניע — אויף די שאַקאַלן איז דען נישט קיין רחמנות? שאַקאַלן מוזן אויכעט עסן.

פרוי עדה ענטפערט נישט. זי זעט, אַז נישט געקוקט אויף זיינע שטעכווערטלעך, דרייט סאַניע אַליין אַוועק דעם קאָפּ, נישט צו זען דעם צער פון דער קאַץ.

1952

17. עס וואַקסט אַ נײַער ישוב

שאַקאַלן אין דער נאַכט

ווען איך האָב זיך אַרײַנגעצויגן אין שכון, האָב איך דערזען, אַז דאָס הינטערשטע פענצטער פון מיין דירה גייט אַרויס אויף אַ האַלב־ווילדער לאַנדשאַפט. הינטער דער לעצטער שורה הייזער האָט זיך געשפּרייט אַ גרויסער, פרייער שטח, באַדעקט מיט שורות נידעריקע, פאַרטריקנטעביימער — אַ פאַרדאַרטער, פאַרלאָזענער פּרדס. נאָר ווינטערצייט האָבן זיך אויף די גרויע, אויסגעדאַרטע צווייגן פון די ביימער געוויזן דאָ און דאָרט קאַרגע רעשטן גרינס. פרילינג האָבן נאָך די ביימלעך געפרווּווט אַ ביסל בליען, שמעקן, אַ פלייץ טון איבער דער געגנט מיט ריחות. קיין כוח צו צייטיקן פרוכטן האָבן זיי שוין נישט געהאַט. נאָר פאַר שלאַנגען און פייגל זענען נאָך די ביימער אָנגעזאַנגען פאַר ביימער. נאָר זיי האָבן ווייטער געגעסטיקט צווישן די חרובע צווייגן, געהויזט צווישן די טויטע וואָרצלען. נאָר שאַקאַלן זענען ווייטער געזעסן אין זייערע פאַרבאָרגענע לעכער און מיטן ערשטן צופאַלן פון דער נאַכט, געלאָזט הערן פון דאָרט אַ געוויין, אַ געוואוי. טייל מאָל פלעגט זיך דאַכטן, אַז דאָס איז בלויז עפּעס אַן אָנשטעל; אַז דאָס האָבן זיך קינדער פאַרגנבהט און מאַכן נאָך דעם שאַקאַלן־געשריי. אַן אַנדערש מאָל האָט מען בפירוש געהערט, אַז די שאַקאַלן קרימען זיך נאָך די מענטשן.

מענטש און חיה, געוויין און געלעכטער — עפּעס אַן אויסטערלישע נייע וועלט האָט אָפּגעקלונגען אין אויער פון דעם נייעם עולה, און דערביי האָט אין שאַקאַלן־געוויין מיטגעציטערט אַ נאָטע פון עפּעס אוראַלט באַקאַנטס. ווי עפּעס אַ פאַרבאָרגן, אייגן געפיל וואָלט דאָ אַרויס פון די כלים; ווי דאָס וואָלט געווען אַן עכאָ פון אונדזער אייגענעם ווייטיק, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פון די חורבות און קברים, וואָס מיר האָבן געלאָזן הינטער זיך.

און סך־הכל זאָגן באַהאַוונטע, אַז דאָס רופן זיך בלויז די שאַקאַלן אַזוי צונויף אָנהייב נאַכט, כדי בשותפות צו גיין זוכן חיונה. אפשר נעמט

זיך דער פֿאַרצווייפֿלטער טאָן אין זייער קול פֿון זייער אייביקן, וועלפֿישן הונגער. וואָרעם אויך ביים געזעגענען זיך פֿאַר טאָג, נאָכן ביינאַכטיקן וואַנדער, קלינגט זייער קול פּונקט אַזוי יעמערלעך — אפֿשר מיט דער זאָרג פֿאַרן מאָרגן.

ביי טאָג האָט דער פֿאַרלאָזענער פּרדס געררושט און געקאָכט מיט אַנדערע קולות פֿון אַ געדיכט און פֿאַרהוילן לעבן. אַנהייב זומער, אין דער צייט, ווען פֿייגל פּיקן זיך אויס, האָט מען געהערט דורכן פֿענצטער אַ צווישערן, אַ סווישטשען, אַ פֿלאַפּלען, ווי פֿון יונגע געגנדזעלעך, קאַטש־קעלעך.

— וואָס ווערט געשען מיט די פֿייגלשע משפּחות? — האָב איך נישט איין מאָל געטראַכט, אַרויסקוקנדיק דורכן פֿענצטער אויף דער קליינער דזשונגל. איך האָב געהאַט געהערט, אַז מען קלויבט זיך דעם אָפּגעדאַרטן פּרדס צו פֿאַרברענען.

דער ערשטער טראַקטאָר

און אָט בין איך אין אַ טאָג, סוף זומער, געקומען אַהיים און דערהערט דורכן פֿענצטער דאָס רוישן פֿון אַ מאָטאָר. דערזען ווייט, טיף צווישן די ביימער, עפּעס אַ באַוועגונג. דאָרט איז געפֿאָרן אַ טראַקטאָר. פּאַמעלעך, ווי אַ שווערער טאַנק, האָט ער זיך גערוקט אַהין און צוריק און פֿאַר אים און הינטער אים זענען געפֿאַלן ביימער. דער טויטער פּרדס האָט אין יענער זייט גענומען ווערן שיטערער, ליכטיקער. ערשט איצט האָב איך פֿאַרשטאַנען: פֿאַר דער קליינער דזשונגל הינטער מיין פֿענצטער איז געקומען דער יום הדין.

זיך גענויער איינגעקוקט אין דער געדיכטעניש, האָב איך דערזען, אַז דאָרט אַרבעט נישט איינער, נאָר עטלעכע טראַקטאָרן. זיי האָבן געאַר־בעט אפֿשר אַ וואָך. אין וועלדל האָט זיך באַוויזן אַ פֿליך, ער איז געוואַקסן, צעשפּרייט זיך. עס איז פֿאַרגאַנגען נאָך אַ וואָך און נאָך אַ וואָך. די טראַק־טאָרן האָבן אויסגעריסן און אויסגעוואָרצלט די ביימער. זיי האָבן זיי געשאַרט פֿאַר זיך אין הויפֿנס, אָפּגערייניקט, אַראָפּגעפֿירט דאָס געהילץ. און אָט זיץ איך שוין ביים טיש פֿאַר מיין פֿענצטער און אַפֿילו אין מיין שטוב איז געוואָרן ליכטיקער. דער אויסבליק האָט זיך פֿאַרברייטערט.

כדי מיר זאָלן אָבער נישט צו פֿיל בענקען נאָך דעם, צו וואָס דאָס אויג האָט זיך צוגעוווינט, האָט מען האַרט אַרום די שכון־בלאָקן געלאָזט

שטיין — אַ זכר לחורבן — אַ פּאַס נישט אויסגעשניטענעביימלעך. צווישן די דאָזיקע ביימלעך קומען נאָך פון צייט צו צייט אַ רומל שאַקאַלן, ווען די נאַכט פאַלט צו. זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן אויף עפּעס אַ צווייטן אָרט, אָבער זיי קומען נאָך אַהער לאָזן הערן זייער יללה, אַ ליאַרעם טון אין דער פינצטער, ווי זיי וואָלטן וועלן לאָזן וויסן מענטש און חיה, אַז זיי זענען נישט מסכים, אַז זיי זענען נישט מוותר אויף זייער באַזיץ.

נייע ליניעס

הינטער דעם ביימער־פּאַס האָט זיך דערווייל געגומען בייטן די לאַנד־שאַפט. אָפּגעדעקט איז געוואָרן דאָס אינגעווייד פון דער ערד. אויף איין אָרט האָט זיך באַוויזן אַ שטאַרצנדיקער שמאָלער בנין, און אַרום אים נאָך עטלעכע, נידעריקערע פון אים. נאָכן אָפּרייניקן דעם פּלאַץ, ווו עס דאַרף געבויט ווערן אַ נייער ישוב, האָט מען דאָ קודם כל אויפגעשטעלט אַן אַרבעטס־צענטער: מאַגאַזינען פאַר די בוי־מאַטעריאַלן, אַ מאַשינען־פּאַרק, אַ פאַרוואַלטונגס־בנין, אַ וועכטער־באַראַק. פון דעם אַרבעטס־צענטער שטאַרצן איצט איבער דער געגנט די אָרעמס פון גראָב־מאַשינען, אַ ריזיקער קעסל פון דער מאַשין צום מישן צעמענט. אַן אַרבעטס־צענטער פון סוללֿ־בונה.

און ווידער איז פאַרגאַנגען אַ שטיקל צייט. אַ געוויסן טאָג האָט זיך אַרום דעם צענטער באַוויזן אַ גאַנץ געפלעכט פון ווייסע ליניעס. דאָס זענען געווען לאַנגע הילצערנע דרענגלעך, וואָס האָבן אָפּגעמערקט די שורות ווויך־בלאָקן, וואָס האָבן דאָ געדאַרפט ווערן אויפגעשטעלט — די ליניעס פון די צוקונפטיקע גאַסן.

אין דער רעגן־צייט

איידער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעגנס, האָבן די מאַשינען געאַר־בעט יעדן טאָג פון פרי ביזן אָוונט. ווען די רעגנס זענען געקומען, האָב איך געמיינט, אַז עס וועט פאַרקומען אַן איבעררייס. אין גיכן האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז נישט נייטיק. ביי נאַכט האָט געגאָסן אַ רעגן, אין דער פרי האָט ער אויפגעהערט. עס פאַרגייען אַ פּאָר שעה, און אָט הערט מען שוין ווידער דאָס באַקאַנטע רוישן; אָט זעט מען ווידער די טראַקטאָרן, ווי זיי פאָרן פּאַמעלעך אַהין און צוריק, אַהין און צוריק.

נאָכן אָפּרוימען די ביימער זענען צו די טראַקטאָרן צוגעפּעסטיקט געוואָרן ברייטע און שאַרפע שופל־אייזנס, און פאַרנדיק שורותווייז איינער

נעבן אַנדערן, האָבן זיי זיך גענומען צו דער מלאכה פון אויסגלייכן דעם באָדן. איך האָב איין מאָל מיט שכנים געמאַכט אַ שפּאַציר אין יענער ריכטונג, האָבן מיר אָנגעציילט 5 טראַקטאָרן. אויף יעדן פון זיי איז געזעסן נישט מער, ווי איין מענטש. זיי זענען געפאָרן פּאַמעלעך, סיסטעמאַטיש. מיט אַ שווערן, מאָנאָטאָנעם, ריטמישן גערויש. איינער פון די טראַקטאָרן האָט געאַרבעט די גאַנצע צייט באַזונדער, מיט אַן איינגעעקשנטער געדולד. ווען מען האָט זיך איינגעקוקט אין יענער ריכטונג, האָט מען דערזען אַ גלייכן אויפשיט פון עטלעכע מעטער די ברייט. מיט יעדן טאָג איז דער אויפשיט געוואָרן לענגער; דערנענטערט זיך צו די הייזער פון אונדזער שכון. דאָס איז געווען דער ערד־אויפשיט אונטערן צוקונפטיקן שאָסיי, אונטער דער צוקונפטיקער הויפּט־אַרטעריע פון דעם נייעם ישוב.

רויטע ערד־הויפנס

איך בין ווידער אַ פּאָר טעג נישט געווען אין דער היים. צוריקגעקומען, צוגעגאַנגען צום פענצטער — איך טו אַ קוק — צווישן די ווייסע ליניעס האָבן זיך באַוויזן בערגלעך ערד. רויטע אָנגעשאָטענע הויפנס ערד אין יענעם רויט־ברוינעם בראשית־קאָליר, וואָס מאַכט פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס אין עברית האָבן די ווערטער רויט־„אדום" און ערד־„אדמה" — דעם זעלבן שורש.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אין דעם צוקונפטיקן ישוב גראָבט מען שוין פונדאַמענטן אונטער די הייזער. פון הינטער די רויטע ערד־בערגלעך האָבן אין איינעם אַ טאָג אָנגעהויבן אַפּירקוקן גרעסערע, העכערע הויפנס ווייסקייט — אָנגעשיטע קופּעס צעמענט, גיפּס.

די טראַקטאָרן פאָרן ווייטער און טוען זייערס, אָבער פון צייט צו צייט הערט מען איבער דעם רוישן פון די טראַקטאָרן נאָך איין באַקאַנטן גערויש. דאָס רוישט אַן עראָפּלאַן פון דער ישראלדיקער לופט־אַרמיי. ער היט דעם הימל איבער דער דאָזיקער ערד, באַשיצט טאָג און נאַכט דאָס יידישע אַרבעטס־ווערק.

מאָרגן וועלן קומען די מענטשן

מענטשן זעט מען דערווייל נאָך ווייניק אויפן בוי־שטח. אין איינעם אַ נייעם טאָג וועלן זיי זיך אָבער באַוויזן. אין עפּעס אַ טאָג וועל איך אַהיימקומען און וועל דערזען דורכן פענצטער, אַז צווישן די אויסגעמאָס־

טענע ליניעס האָבן זיך באַוויזן נייע געאָמעטרישע פיגורן — די רושטאָ־וואַניעס פון די הייזער. דעמאָלט וועלן שוין די בלויזע מאַשינען נישט קלעקן. דאָ וועט שוין מוזן אַ ווימל טון מיט מענטשן. מענטשלעכע געשטאַלטן, מענטשלעכע הענט, מענטשלעכע הערצער — וועלן זיך נעמען באַוועגן צווישן די ליניעס פון די צוקונפטיקע גאַסן.

ביז אין איינעם אַ טאָג וועט אַלץ זיין פאַרטיק. פון מיין פענצטער וועט מען זען צענדליקער ווייסע הייזער אויפן פאָן פון דער רויטער ערד. דערנאָך וועלן אַרום די ווערטיקאַלע הייזער־קאָסטנס אויפן רויט־געלן ערד־פלאַך, צוקומען נייע רעגולערע פלאַכן פון גרינעם קאָליר — די קוואַדראַטן און רעכטעקן פון די גראָז־פלעצער און גערטלעך מיט בלומען און ירקות. צווישן די פלאַכע ליניעס וועלן אויך צוקומען נייע ווערטיקאַלן, וואָס וועלן זיך אָפּהייבן פון דעם נידעריקן און נאָענטן הימל־בלוי. דאָס וועלן זיין די ביימער, וואָס די נייע תושבים פון דעם נייעם ישוב וועלן פאַרפלאַנצן אַרום זייער היים.

איבער דעם שאָסיי, וואָס איז נאָך דערווייל נישט מער ווי אַן אויפ־שיט רויע ערד, וועלן טורקען אויטאָבוסן. וועט מען צוקומען נענטער — וועט מען הערן קולות פון שפּילנדיקע קינדער. מוזיק פון ראַדיאָ־היל־כערס וועט שאַלן דורך די אָפענע פענצטער אין העלע פרימאָרגנס, בשעת די מענער וועלן זיין ביי דער אַרבעט און פרויען וועלן זיך פאַרען ביים רוימען און קאָכן.

ווי אַזוי וועט הייסן דער נייער ישוב? ווער וועט דאָ וווינען? צי וועט דאָס זיין אַ שכון־וותיקים פאַר אַלטגעזעסענע, אָדער אַ שכון פאַר נישט לאַנג געקומענע?

איינס ווייסן מיר — יידן וועלן דאָ וווינען — מסתמא יידן מידע פוןליידן און וואַנדערן. יידן, וואָס ווילן פאַרגעסן דאָס מוראדיקע און שלעכטע, וואָס איז מיט זיי ערגעץ אַנדערש געשען.

1952

ג. לאַנדשאַפטן

18. איבער די טאָלן און בערג פון גליל

געאָגראַפיע און סטראַטעגיע

מיר פאָרן אין צוויי אויטאָבוסן — אַן ערך 100 אַבסאָלווענטן פון אולפּן פאַר עברית אין תל־אביב. דער שפּאַציר שטייט אונטער דער אויפ־זיכט פון קרן קימת. אונדזער מדריך קען אויסגעצייכנט יעדעס ווינקעלע נעבן וועלכן מיר פאָרן פאַרביי. אָממיינסטן אָרט אין זיינע אויפקלערונגען פאַרנעמען פאַרשידענע מאָמענטן, וואָס קערן זיך אָן מיט סטראַטעגיע, מיט מיליטערישע דורכמאַרשן. פון צייט צו צייט שטייגן מיר אויס פון אויטאָבוס און מיר שטעלן זיך אין אַ קרייז אַרום דעם סימפּאַטישן יונגנ־מאַן אין כאַקי־אַנצוג. ער רעדט אין אַ זייער צוגענגלעכן עברית, וועלכן עס פאַרשטייען אפילו די געוויינלעכע שילער פון דער „כיתה א׳‟ פון אונדזער אולפּן. ער שטרעקט אויס זיין אָרעם און ווייזט אָן אויף אַ באַרג, וואָס געפינט זיך ביים ראַנד פון ברייטן טאָל, אין וועלכן מיר שטייען און ער זאָגט:

— אָט דאָס איז דער הר תבור... אָדער: — אָט יענץ איז דער באַרג גלבוע... און ווער עס האָט אַמאָל געלערנט תנ״ך, אָדער כאָטש געלייענט די „ביבל‟ אין אַ פרעמדער איבערזעצונג, דער ווערט אָדורכ־גענומען פון אַ מאָדנעם געפיל.

— אָט דאָרט — זאָגט דער מדריך — איז געשטאַנען דאָס חיל פון סיסרא, און אָט דאָרט זענען געווען די פּאָזיציעס פון די בני ישראל.

ער דערמאָנט די שלאַכטן פון יהושע בן נון און פון דבורה הנביאה, די גבורה פון גדעון; ער טייטלט מיט דער האַנט אויף די שליאַכן פון די גריכישע און רוימישע אינוואַזיע־אַרמייען און שפּעטער דערמאָנט ער געשעענישן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ערשט דערנאָך קומען מיר אָן אין ערטער, וווּ ער הייבט אונדז אָן צו דערציילן וועגן געשעענישן פון באַפרייאונגס־קריג אין די יאָרן 1947—1948.

מנחם־מענדל, צי טוביה דער מילכיקער?

אָבער נישט אַזוי באַלד קומט מען אָן אין די גרויסע טאָלן, צופוסנס פון יענע בערג. מיר זענען אַדורכגעפאָרן דעם נייעם כביש תל־אביב—נתניה און נאָכן אַרויסקומען אויפן אַלטן שאָסיי חיפה—תל־אביב, לאָזן מיר זיך אַוועק רעכטס מיט אַ וועג, וואָס מיר פלעגן אים פריער זען פאַר־בייפאָרנדיק, בלויז פון דער ווייטנס. מיר וועלן מאַכן אַ גאַנץ גרויסן קרייז איבער דעם מערב־טייל פון אויבערן גליל און וועלן אין אָוונט אָנקומען קיין נהריה. דערווייל פאָרן מיר איבער אַ מער ווייניקער באַוווינטער געגנט מיט באַאַרבעטע פעלדער. אונדזער ערשטער, גאַנץ קורצער, אָפּשטעל איז אין ע פ ו ל ה. ווען מיר פאָרן פאַרביי די שיינע עפולה׳ער פּאַלמען־אַלייע, ווערטלט זיך ווער פון אונדזער חברה: „שדרות רוטשילד״. דאָס מיינט: עפולה טוט נאָך תל־אביב. אין דער אמתן האָב איך אין תל־אביב אַזאַ שיינע פּאַלמען־אַלייע נישט געזען.

ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון תל־אביב, האָט זיך געכמאַרעט און מיר האָבן מורא געהאַט, אַז עס וועט זיין אַ רעגן. דערווייל האָט זיך ווידער אויסגעשיילט אַ לויטערער הימל. עס איז סוף נאָוועמבער. מיר פרווון אַ טראַכט טון וועגן דעם, אַז ערגעץ אַנדערש — אין די לענדער, פון וועלכע מיר שטאַמען — איז קאַלט און נאַס; אַז דאָרט הייצט מען שוין אין די אויוונס. אָבער דאָ זעען מיר ווי אַ מאַמע אין אַ זומערדיק קליידל און אַ לייכטן סוועטער פירט אַ קינד שפּאַצירן. אַר־בעטער אין בלויזע העמדער מיט פאַרשאַרצטע אַרבל גראָבן די ערד לענגאויס דעם כביש און ווישן דעם שוויס פון שטערן. ביים אַרויספאָרן פון שטאָט טרעפן מיר אַ פורל, וואָס פאָרט פּאַמעלעך, געשלעפּט דורך אַ מוילאייזל. פון פאָרנט זיצט אַ ייד אין אַ ברייטן שוואַרצן קאַפּעליוש און אין אַן אָפּגעבליאַקעוועטן „זשאַקעטל״. אַזאַ ייד האָט מען געקאָנט באַגעגענען פאָרן אויף אַ יאַריד אין עפּעס אַ פּאָדאָליער דאָרף מיט 30 יאָר צוריק. פון הינטן, מעשה פויערטע, זיצט און טרייסלט זיך אויפן דנאָ פון וואָגן — קוים עפּעס אַ זעקל אונטערגעשפּרייט — אַ יידענע מיט אַ געבלימט טיכל אויפן קאָפּ.

— אָ, דאָ פאָרט מנחם־מענדל — רופט זיך אָן איינער אַ „גר״ פון יוגאָסלאַוויע, וועלכער איז ערשט אין אולפּן געוווּיר געוואָרן, אַז מיר האָבן געהאַט אַ שלום עליכם.

— דאָס איז נישט קיין מנחם־מענדל, דאָס איז אַ טוביה דער מיל־כיקער — פאַרריכט אים אַ צווייטער אולפּן־שילער, וואָס שטאַמט פון פּוילן.

געדאַנקען וועגן ווילד־ערד

מיר פאָרן פאַרביי נעבן מושבים און קיבוצים. די ישובים ווערן זעלטענער, און זעלטענער דער באַארבעטער באָדן. מיר פאָרן שוין לענג־אויס די וויסטע פעלדער, וועלכע זענען נישט אָנגערירט געוואָרן דורך קיין אַקער־אייזן אין משך פון יאָרהונדערטער. און אויב אַפילו ווו נישט איז ווערט געאַקערט אַ קליין שטיקל ערד דורך אַן אַראַבער מיט זיין „פלוג" פון אברהם אבינוס צייטן — פאַרענדערט עס נישט קיין סך דעם מצב.

מען זעט זיי טאַקע פון צייט צו צייט ביי דער אַרבעט — די אַראַבער, וועלכע זענען פאַרבליבן אין דער געגנט אויף זייערע ערטער. מען זעט זיי איינציקווייז, אָדער משפּחהווייז אויף אַן אויסגעשטיינט פּלאַכטעלע באָדן, וואָס הייבט זיך, אַן אַרומגעצוימטס מיט שטיינער, אויף די טעראַסן־אַרטיקע הויכקייטן איבער ביידע ראַנדן פון שאָסיי. זיי קראַצן פאַמעלעך מיט זייער „פלוג" דאָס פעלד אונטער דעם ווינטערדיקן פאַרזיי.

ברייטע, מילד געהויבענע פאַרבערג רינגלען אַרום דעם ריזיקן טאָל. באַדעקט מיט שטיינער, וויסט און פוסט, שפּרייטן זיי זיך אַנטקעגן דער זון, פונקט ווי זיי וואָלטן געבענקט, גערופן נאָך באַפרוכפּערונג. נייע מענטשן דאַרפן אַהער קומען, אויפלעבן די ערד, אויפלעבן אויך אירע איינוווינער, אַזוי ווי אין אַנדערע געגנטן פון לאַנד.

צענדליקער יאָרן האָט דער קרן קימת געקליבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן ביי די יידן פון גאָר דער וועלט אויף אויסלייזן די ערד. איצט איז שוין די ערד אַ באַפרייטע. מען דאַרף שוין נישט צאָלן פאַר איר קיין ריזיקע סומעס און נאָך אָנווענדן גרויסע אָנשטרענגונגען, כדי זי צו קאָנען קויפן. און דאָך זעט מען, פאַרנדיק איבערן לאַנד, ריזיקע פּוסטע שטחים. איצט דאַרף מען האָבן גרויסע קאַפּיטאַלן אויף הכשרה, אויף אויסשטיינען די ערד, אויף באַפרייען זי פון די ווילדגראָזן און זי איינשאַלטן אין וואַסער־נעץ. נאָך אַלעמען און פאַר אַלעמען — פונקט ווי פריער — דאַרף מען אָבער האָבן מענטשן, וואָס זאָלן גרייט זיין איינפלאַנצן דעם גורל זייערן אין אָט דער ערד.

לאַנדשאַפט און פּיִאַלעט

אונדזערע אויטאָבוסן שטייגן אַלץ העכער און העכער. דער שאָסיי נעמט זיך שלענגלען איבער סערפּענטינען. מיר פאָרן אַריין אין די בערג.

עס רעדט זיך אַזוי בערג.... מען איז שוין געווען אין פאַרשידענע בערג. דאָ זענען זיי אויס אינגאַנצן אַנדערש.

אויף איין אָרט פאָרן מיר דורך אַ יונגן וואַלד. די ביימער שטייען אין מאָדנע רעגולערע שורות אויף אַ באָדן, אויף וועלכן מען זעט נאָך נישט וואַקסן קיין גראָז, קיין מאָך. ווי זעלנער שטייען זיי, די ביימער, און ווי זעלנער וואַכן זיי איבערן באָדן, אַז די ווינטן און רעגנס זאָלן אים מער נישט אָוועקרייסן, נישט אויסשווענקען פון אים זיין פרוכטבאַרן באַשטאַנד.

נישט ענלעך צו קיין שום באַקאַנטער געגנט איז די לאַנדשאַפט באַרג־אַרויף צו נצרת.

אונדזערע אויגן זענען געוווינט צו שטיקער לאַנד, וואָס שפּרייטן זיך אין פאַרשידן־קאָלירקע פּאַסן פון צעאַקערטער ערד, פון אויפגעגאַנגענע, גרינע תבואות, פון געלע און גרויע פּאַסן אָפּגעקאָסעטע פּאַשעפעלדער, לאַנקעס היי. דאָ איז אפשר אויך אַמאָל אַזוי געווען, אָבער די יאָרן פון פאַרנאַכלעסיקונג און פאַרוויסטונג האָבן אָפּגעשווענדן פון דער דאָזיקער ערד איר אויבערשטע געוויקסן־פעל; די רעגנס און ווינטן האָבן אַנטפּלעקט דעם פעלדזיקן שקעלעט, די אינעווייניקסטע שיכטן פון דעם באָדן.

און דאָס איז דאָס אויסטערלישע ווונדער פון דער ישראל־לאַנדשאַפט; די נאַקעטע ערד איז נישט גרוי, נישט געל און טריב — נישט לאַנגווייליק. זי שיינט מיט עפּעס אַן אייגענעם אינעווייניקסטן קאָליר, מיט אַ שלל שאַטירונגען פון ראָזאַ־ברוין ביז טונקעלן פּיִאַלעט. איבער דעם אַלעמען הענגט אַ שלייער פון ליכט־געזעטיקטער, שטאַרק בלויער לופט. עפּעס מוז דאָ זיין אַזוינס, וואָס מאַכט אַפּאַליזירן, שימערירן אָט די לופט — עפּעס וואָס ווירקט אויף דער נשמה ווי מוזיק.

פון דעם רויטלעכן פאָן הייבן זיך אַרויס די גרין־גרויע אַלטזיידענע טענער פון די איילבירט־ביימער און פון די פונקט אַזוי דיסקרעט און נאָנשאַלאַנט שיינע, פונקט אַזוי גרוי־גרינע, קליינע קוסטן באַרגדערנער.

אַלטע שטיינערנע בנינים זעען אויס אויף אָט דעם פּאָן ווי בלויז אַ ביסל מער סימעטרישע פעלדזן, אַרויסגעוואַקסענע פון שטיינערנעם גרונט.

אויף די וועגן פון „נייעם טעסטאַמענט"

מיר דערנענטערן זיך קיין נצרת. דער נאָמען איז פול מיט אַסאָ־ציאַציעס. אין דער עוואַנגעליע זענען פאַראַן אַזוי פיל נעמען פון אָרט־שאַפטן פון אָט דער געגנט, אַזוי פיל לאַנדשאַפטן פון גליל.

וויפל מאָל די סערפּענטין פאַרקערעוועט זיך אויף רעכטס, זעען מיר פון דער ווייטנס דעם טיף־בלויען טאָוול פון דעם ים־כנרת. אין דעם שול־ביכל פון מיינע קריסטלעכע שול־חברטעס האָט עס געהייסן „יעזיאָראָ גענעזאַרעט". דער מדריך מאַכט אונדז אויפמערקזאַם אויף אַ דערפל, וואָס האָט אין יענעם ביכל געהייסן „קאַנא גאַליליסקאַ". אַ סך וואַסערן האָבן געמוזט אָפּפליסן אין פאַרשידענע טייכן, ביז אַ יידישער יונגערמאַן זאָל קאָנען דערציילן פאַר יידישע צוהערער דאָס מעשהלע וועגן דעם „מופת", וואָס „ער" זאָל האָבן באַוויזן אין כפר כנא, בענ־טשנדיק אַ קרוג ווייַן אויף אַן אָרעמער חתונה, אַז עס זאָל זיך אין אים נישט מינערן די משקה, ביז אַלע געסט וועלן האָבן פון אים געטרונקען.

ווי יידיש איז, אין תוך גענומען, אָט די מעשה וועגן דעם קרוג מיט ווייַן, וואָס האָט זיך נישט געמינערט, ביז ער האָט נישט אָנגעטרונקען מיט זיין משקה אַלע געסט פון אַן אָרעמען קנס־מאָל. צי איז דען דאָס נישט אַ בפירושער פּלאַגיאַט פון דעם נס מיטן קריגל בוימל?

וויפל יידן און אין משך פון וויפל דורות האָבן געליטן, אָדער פאַר־לוירן זייער לעבן צוליב יענעם ערשטן געשמדטן ייד — דעם „מאַן פון נצרת", דעם מענטש פון גליל!

איצט איז שוין די זאַך אַ מעשה פאַר טוריסטן אין דער יידישער מדינה. איצט פרעגט אַן אַבסאָלווענט פון דעם העברעישן אולפּאַן: צי איז דאָס פּאַקטיש אַמאָל, ווען נישט איז, געווען? צי האָט ער אויף אַן אמת אַרומגעוואַנדערט דאָ אַמאָל אַ באַרוועסער איבער די שטעגן, וועלכע מיר זעען שלענגלען זיך באַרג אַרויף — באַרג אַראָפּ לענגאויס דעם כביש, איבער וועלכן מיר פאָרן.

לעגענדע אוןווירקלעכקייט

מיט וויפל שענער, זינפולער, רייכער קאָן אַ מאָל זיין די לעגענדע פון דער ווירקלעכקייט?

מען שמועסט, אַז דאָס לעבן אין דעם קאַנט האָט זיך נישט קיין סך געענדערט זינט יענער צייט, ווען ישו האָט געדרשנט און פאַרבראַכט צווישן די פויערן און פישער פון גליל. דער רוב אַראַבער, וועלכע זענען פאַרבליבן אין דער געגנט, זענען קריסטן. פון היסטאָרישן שטאַנדפונקט שטערט אונדז גאָרנישט צו טראַכטן, אַז אַזוי ווי זיי, האָבן אויסגעזען מיט קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר צוריק די אָנהענגער און אַפּאָסטאָלן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט ישו.

מיר זענען אָנגעקומען קיין נצרת. מען דערלויבט אונדז נישט אַראָפּ־צוגיין פון די אויטאָבוסן. מיר שטעלן זיך בלויז אָפּ אין מיטן פון אַ קליינעם מאַרק־פּלאַץ. די גאַס, דורך וועלכער מיר פאָרן דורך, איז אַזוי שמאָל, אַז מען קאָן דורך די פענצטער און טירן אַריינקוקן אינעווייניק אין די דירות און געוועלבן. דאָס, וואָס וואַרפט זיך אַממיינסטן אין די אויגן, איז עפּעס אַ פוילע לאַנגזאַמקייט אין די באַוועגונגען פון די מענטשן און — אַן אומהיימלעכער שמוץ. די מענטשן אין מאַרק און אויף די שוועלן פון די הייזער זעען אויס, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געהאַט צו טון. מיט אַ שרעקלעכער אָפּגעשטאַנענקייט, מיט אַ שרעקלעכן דלות ווייעט פון אָט די עקזיסטענצן — הגם עס קאָן זיין, אַז די איינדרוקן פון אַ מענטש, וואָס איז געוווינט צו אַן אַנדער לעבנס־טעמפּאָ, זענען נישט מאָסגעביק.

דאָ און דאָרט זעט מען מענטשן לאַדעווען עפּעס לאַסטן, פרויען טראָגן אויפן קאָפּ זעקעלעך תבואה אָדער מעל, בונטן טרוקענע צווייגן.

די גאַס פאַסירט אַן אַראַבער אין מיטעלע יאָרן, וואָס פאָרט אויף אַן אייזעלע און פאַטשט מיט די באָרוועסע פיאַטעס דאָס אייזעלע אין האַלדז אַריין. צי האָט אַזוי אויסגעזען דער „אפּוטרופּוס" פון ז י י ן מוטער, דער טעסלער יוסף פון נצרת? אַ שלאַנקע אַראַבערין, מיט אַ וווּנדערבאַרן ריטעם אין איר גאַנג, גייט פאַרביי. איר פּנים איז גראַציעז אַרומגעהילט מיט אַ ווייסן שלייער און אויפן קאָפּ טראָגט זי אַ קויש מיט ירקות. צי האָט אַזוי אויסגעזען די ווירקלעכע מרים, „גאָטס מוטער", די מאַדאָננע פון די גרויסע רענעסאַנס־מאָלער? איך דערמאָן זיך צענדליקער אידיליעס אויף בילדער אונטערן טיטל „די הייליקע משפּחה"...

אַ כאַפּטע באָרוועסע אַראַבישע שקצימלעך רינגלען אַרום אונדזער אויטאָבוס, שפּרינגען אונטער צו די פענצטער, שטרעקן די שמוציקע הענטלעך, שרייען, אַרבעטן מעשים. זיי ווילן אונדז פאַרקויפן עפּעס אַראַבישע בייגל, באַשיטע מיט סעזאַם. אַ סברה, אַז די בייגל זענען גאַנץ געשמאַק, אָבער דער רוב פון אונדז מיאוסט זיך דאָס צו פאַרזוכן. צי איז מעגלעך, אַז אַזוי זאָל האָבן אויסגעזען ער אַליין מיט זיינע חברים אין די קינדער־יאָרן?

די לעגענדעס, וואָס מענטשן שפּינען אויס אין פאַרבענקטע, פאַר־חלומטע נשמות, זענען אַלעמאָל שענער פון דערווירקלעכקייט.

מאָרגן וועט זיין אַן אַנדער נצרת

אין נצרת איז פאַראַן אַן אָנהויב און אַן אָנזאָג פון אַ נייעם אַראַבישן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן. פון דאַנען שטאַמען אַראַבישע פאַרטרעטער אין דער כנסת. דאָ איז פאַראַן אַ התחלה פון איבעראָרגאַ־ניזירן די אַראַבישע איינוווינער פון מדינת ישראל אויף מאָדערנע יסודות.

אין נצרת זענען אויך פאַראַן אַ גאַנצע ריי שיינע קלויסטערס און קלאַשטאָרן, וואָס הויזן אין גרויסע שיינע בנינים, אַרומגערינגלטע מיט פּרעכטיקע גערטנער. פון דער ציוויליזאַטאָרישער השפּעה פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס זענען נאָך די אַראַבישע קריסטן פון נצרת און סביבה נישט געהאָלפן געוואָרן.

מען שמועסט און מען שרייבט איצט אין די ישראל־צייטונגען וועגן דער נאָענטער אַנטוויקלונג פון אַ יידישן נצרת. די דאָזיקע השפּעה איז מחוייב זיך אויסצווירקן ממשותדיקער פון יעדער אַנדערער. עס מוז קומען אַ צייט, ווען די שכנות מיט די אַראַבישע מדינות און דאָס צוזאַמענלעבן מיט די אַראַבישע איינוווינער פונעם לאַנד זאָל פון אַ סכנה און אַ קללה פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּראָדוקטיווער צוזאַמענאַרבעט.

1950

19. אין דרוזישן דאָרף פּקיעין

אויף יענער זייט באַרג

נאָך נצרת שטייגט דער כביש אַלץ העכער און העכער. די סערפּענ־טינען שלענגלען זיך וואָס אַ מאָל געדיכטער, געפּערלעכער. אויף די ווענדונגען טרומייטערט דער שאָפער פון אונדזער אויטאָבוס אין לאַנגע תרועות — ווי אויף צוגעבן זיך קוראַזש. נישט מער ווי אַ נידעריקער, שטיינערנער זוים שיצט אונדז פאַרן אַראָפּקייקלען זיך אין תהום.

אָבער אָט זענען מיר שוין אַריבער דעם העכסטן שפּיץ און מיר הייבן זיך אָן צו רוקן מיט די סערפּענטינען — אַראָפּ. אָפּגעפּאָרן אַ שטיקל וועג און געבליבן שטיין. לינקס פון שאָסיי וואַרט ווער אויף אונדז. מיר שטייגן אויס. אין דער טיף שפּרייט זיך אויס פאַר אונדזערע פּיס אַ נעץ פון וועגן און סטעזשקעס. מען זעט שטיבלעך, אויך עטלעכע גרעסערע בנינים. אין דעם דאָרף וועלן מיר זיך אָפּשטעלן, כאַפּן אַ קוק אינעווייניק. מיר האָבן געמיינט, אַז מען פירט אונדז אין אַן אַראַבישן ישוב, אַרויס־געשטעלט האָט זיך, אַז דאָס איז אַ דאָרף פון אַ דרוזן־שבט, אונדזערע אַ „נאַציאָנאַלע מינדערהייט", וועגן וועלכער מען האָט שוין וואָס געהערט און געלייענט.

אַ נעסט פון פאַרצייטיקן ווידערשטאַנד

ווי מיר ווערן געוווירע, עקזיסטירט שוין דער דאָזיקער ישוב טויזנטער יאָרן. ער האָט געשפּילט אַ ראָל אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג נאָך דעם חורבן בית־שני. אַהער, אין דער טיפעניש פון די בערג, האָבן זיך צוריקגעצויגן די דעמאָלטיקע „פּאַרטיזאַנער". דאָ האָבן זיי געהאַט זייערע נעסטן, געקליבן נייע כוחות און אַלץ אויפסניי אויפגעהויבן די פאַקל פון קאַמף קעגן פרעמדער הערשאַפט.

איז טאַקע פאַראַן דאָ, איבער פּקיעין, אין אַ משופּעדיקער באַרג־וואַנט אַ הייל, וואָס מען רופט זי די הייל פון ר' שמעון בר יוחאי. אַהער זאָל ער זיך האָבן פאַרקליבן, כדי זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר די

רוימישע פּאַרפּאָלגער. דאָ האָט דער געדאַנק פון אומאָפּהענגיקייט געטליעט אַמלענגסטן. מען גיט איבער, אַז עטלעכע יידישע משפחות האָבן דאָ איבערגעדויערט אַלע חורבנות און גירושים, אַלע מלחמות און פורענויות אין משך פון — צוויי טויזנט יאָר!

עס איז אויסטערליש, אָבער אפשר אמתדיק. מיר האָבן אין פּקיעין אַליין געזען אַ ייד פון דער לעצטער יידישער משפחה, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט אַוועקגערירט פון אָט דעם אָרט.

דער מדריך פירט אַוועק דעם עולם צו עפּעס אַ שטיינערנעם הויף, ווו ער שטעלט זיך אַוועק פאַר זיי רעפערירן וועגן דער געשיכטע פון דעם ישוב. אַ גרופּע חברים און חברטעס פאַרהאַלטן זיך אָבער אין מיטן וועג, גייען אַריין אין די שטיבער. עס אינטערעסירט אונדז מער צו כאַפּן אַ קוק ווי אַזוי לעבן, ווי אַזוי וווינען די היגע מענטשן.

אין אַ דרוזישער דירה

מאָדנע קינדיש זעען אויס די „אינעווייניקס" פון די דרוזישע דירות. מען זאָגט, אַז דאָס איז אויך דער נוסח פון די אַראַבישע דירות, נאָר, וואָס אין די דרוזישע שטובן איז ריינער.

פון דער שוועל טרעט מען אַראָפּ אין אַ מין פאָרהויז, וואָס איז איינגע־גראָבן אין דער ערד, מיט אַ קנאַפּן מעטער נידעריקער פון דער וווין־שטוב. אַן אייזעלע שטייט אין דער פאָרשטוב און שטרעקט דעם קאָפּ אין שטוב אַריין. דער ראַנד פון דעם ליימענעם שטוב־דיל דערלאַנגט אים פּונקט צום פּיסק. אַ פּאָר טרעפּלעך אַרויף פון דעם פאָרהויז — און מען איז אין שטוב. אַנטקעגן דעם אַריינגאַנג — פּרייכט אַ שוואַרצער און גרוימער „אויוון" — דער פּלאַץ צו מאַכן פייער און קאָכן עסן, באַקן „פּיתות". אַזאַ האָט געמוזט זיין דער משפּחהדיקער פייער־פּלאַץ אויך אין די היילן און היימען פון אונדזערע אָבות־אבותינו מיט טויזנטער יאָרן צוריק. שטרויענע, געפלאָכטענע מאַטעס ליגן אויסגעשפּרייט איינע נעבן דער אַנדערער און פאַרדעקן אַ שטיק שטוב. פּאָר די מאַטעס שטייען אויפן דיל עטלעכע פּאָר, אויך שטרויענע, געפלאָכטענע כאָדאַקעס. זעט אויס, אַז סיי עסן, סיי שלאָפן טוט מען אויף די מאַטעס, ווייל קיין אַנדער „מעבל" צום זיצן און רוען זעט מען נישט אין דער וווין־שטוב. מען זעט בלויז הענגען אויף די ווענט, אָדער שטיין אויף דער ערד אין די ווינקלען, זייער שיין געפלאָכטענע גרויסע, פּלאַכע קוישן און פּונקט אַזעלכע גרויסע ליימענע קרוגן און טעפּ.

די דאָזיקע שטוב איז אָבער נישט די איינציקע. איבער דעם פּאָר־הויז און דער וווין־שטוב, געפינט זיך נאָך איין קאָנדיגנאַציע, אויף וועלכער מען קריכט אַרויף מיט אַ לייטער, און זי דינט, זעט אויס, אַלס אַ מין „סאַלאָן" און „שיינע שטוב" צום אויפנעמען געסט, אפשר אויך צום פּראַווען חגאות פון דער סודותפולער דרוזישער אמונה. אין דער דאָזיקער „גאַסטשטוב" זענען שוין יאָ פאַראַן מעבל לויט אונדזער באַגריף, פון אונדזער צייט, הגם פון זייער אַ פּאַרעלטערטער מאָדע. דאָס זענען שאַפעס און שאַפּקעלעך, טואַלעטקעס מיט שפּיגעלעך, אויך בעטן מיט „קאָפּשטיק". נישט מער, עס דערוועקט זיך אַ חשד, אַז זיי דינען נישט צום ממשותדיקן נוץ, נאָר בלויז צום פּוץ. און, אגב, געדענקט זיך אַן ענלעכע זאַך פון די סלאַווישע דערפער, ווו די גרויסע און שיינע שטיבער זענען געשטאַנען אויסגעפּוצט און ליידיק, בשעת די צאָלרייכע משפחות האָבן זיך געמוטשעט אין ענגשאַפט אין די קלענערע שטיבלעך און קאַמערן פון דעם פויערישן הויז. דאָ זעט אַלץ אויס אין אונדזערע אויגן אַ ביסל ווי אַ טעאַטער־קאָנסטרוקציע מיט צוויי איבעראַנאַנדיקע פלאַכן, אָדער ווי אַ געביי, וואָס קינדער שטעלן אויף פון בלאָטע און ליים.

דאָס אינטערעסאַנטסטע פאַר אַ מענטשן זענען אָבער דאָ, ווי אומעטום, קודם כל די מענטשן, וואָס לעבן אין אָט די פּאַרצייטיקע באַוווינען.

אַ וואָרט ענגליש, אַ וואָרט עברית — אַ טייל פון אונדז האָבן אַרויס־גענומען בייטעלעך, געוואָלט טיילן געלט. „זיי" האָבן דאָס אָבער נישט געוואָלט נעמען. מיט ווירדע אָפּגעוויזן די נדבה, הגם זי איז געווען מער אַ גאָב פון פריינטלעכקייט, אַ פּרווו פון אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט.

אין דער הייל פון ר' שמעון בר יוחאי

ווען מיר קומען צוריק צום עולם, האָלט שוין אונדזער מדריך ביים פאַרענדיקן זיין לעקציע וועגן פקיעין. פאַראַן דאָ אַ בית הכנסת, אָבער מיר וועלן אים, ליידער, נישט קאָנען באַזוכן, ווייל אין הויז פון דער איינציקער יידישער משפחה איז קיינער נישטאָ אין דער היים און עס האָט אונדז נישט ווער צו געבן דעם שליסל. אין איינער פון די ווענט פון דער שול איז איינגעמויערט אַ שטיין, וואָס זאָל שטאַמען פון דער בית־המקדש־מויער.

מיר שטייגן איצט אַרויף מיט אַ זייער משופּעדיקן און שווערן וועג צו דער הייל, וואָס ווערט גערופן די הייל פון ר׳ שמעון בר יוחאי. מיר גייען פאַרביי אַ מין קליינעם מאַרק־פּלאַץ, וואָס זיין וויכטיקסטער פּונקט איז דער ברונעם — אייגנטלעך אַ קינסטלעכער באַסיין, אין וועלכן עס פאַרברייטערט זיך דאָס אָרטיקע באַרג־טייכל. מיר זעען אַרום דעם באַסיין אַ גרופּע פרויען אַריבערגעבויגענע איבערן ראַנד צום שעפּן וואַסער. אַנדערע שטייען ביי אַ מין שטיינערנער קאַריטע און שווענקען וועש. דאָס זענען געשטאַלטן, ווי לעבעדיק אַראָפּגעגאַנגענע פון אַן אַלטן בילד, אַרויס־געקומענע פון די בלעטער פון אַן אַלטן בוך — אפשר פשוט פון די בלעטער פון חומש...

פאַראַן דאָ אָבער אויך אַ פּאָר געוועלבלעך מיט ישראל־סחורות. אויף אַ שטיין זיצט אַ יונג, שטאַרק שיין מיידל און פאַרקויפט געפלאָכטענע קוישן. וואָס עס איז אָבער באמת ניי אויף דעם דאָזיקן „אַלטן מאַרק״ — איז דער מעדיציניש‏ער אַמבולאַנס, וואָס מיר טרעפן אים פּונקט אין מיטן מאַרק, און נעבן אים עטלעכע יונגע מענטשן, מענער און פרויען אין ווייסע כאַלאַטן. פאַראַן צווישן זיי סאַניטאַרן, וואָס שטאַמען פון דער דרוזישער מינדערהייט. אַלע רעדן זיי עברית. דאָס איז אַן אָפּטייל פון ישראלדיקן געזונטהייטס־דינסט — אַ וואַנדערנדיקע אַמבולאַטאָריע, וואָס באַזוכט דאָס דאָרף צוויי מאָל אין דער וואָך.

ענדלעך קומען מיר אָן צו דעם אָרט, ווו עס געפינט זיך די הייל. מיט דער דאָזיקער הייל זענען פאַרבונדן פאַרשידענע לעגענדעס. ווי באַקאַנט, איז ר׳ שמעון בר יוחאי דער פּאָפּולערער העלד און צדיק פון דאָזיקן קאַנט, וועמענס קולט עס איז אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער געגנט און דערגרייכט זיין קולמינאַציע־פּונקט אין די ביינאַכטיקע, מאַסנ־האַפטיקע ל״ג־בעומר־קאַראַהאַדן — איך וויל נישט זאָגן מיסטעריעס — פון נישט ווייטן מירון. דער גלויבן און די פאַנטאַזיע באַשאַפן די וווּנדער און באַצירן די ערטער. די היפּש־אַסימילירטע, ניכטערע אולפּן־שילער, נישט לאַנג געקומענע פון פאַרשידענע גלות־לענדער, זעען נישט מער — אַ שמאָלן שפּאַלט אין אַ פעלדז, אין וועלכן עס ברענען אַ פּאָר אָנגעצונדענע ליכטלעך. צוויי יונגע מיידלעך פון אונדזער חברותא פאַרהאַלטן זיך לענגער ביים ראַנד פון דער הייל. זיי פאַרשטעלן די אויגן און שעפּטשען עפּעס אין דער שטיל. מסתמא פאַרטרויען זיי דעם יידישן „הייליקן״ עפּעס גאָר אינטימע און פאַרהוילענע ווונטשן פון זייערע הערצער.

דער ייד פון פאַרן חורבן בית־שני

ערשט אויפן וועג צוריק צום אויטאָבוס, באַגעגענען מיר א י ם — דעם ייד פון די דורות יידן, וואָס האָבן דאָ איבערגעדויערט אין משך פון אַלע יאָרהונדערטער. ביז מיט דריי יאָר צוריק זענען זיי דאָ געווען עטלעכע משפּחות. געווען אַ מנין צום דאַווענען אין דער אוראַלטער שול. אין יאָר 1948 האָבן זיי זיך עוואַקואירט, אָבער די משפּחה ז י נ ת י איז באַלד נאָך דער באַפרייאונגס־מלחמה צוריקגעקומען, געראַטעוועט דעם שם פון פּקיעין אַלס די איינציקע אָרטשאַפט, פון וועלכער די יידן האָבן נישט אָפּגעטרעטן קיינמאָל.

די געשיכטע פון דער משפּחה זינתי איז געוואָרן באַשריבן אין אַ ביכל פון דער שריפטשטעלערין רבקה אַלפּער. נאָך דער מלחמה האָט מר זינתי דערלעבט די זכיה צו ווערן אַ בירגער פון דער נייער יידישער מדינה. זיינער אַ זון האָט נישט לאַנג חתונה געהאַט. אפשר וועט זיך דאָ נאָך ווער באַזעצן פון דער נייער עליה און דער יידישער ישוב אין פּקיעין וועט זיך פאַרגרעסערן, מאָדערניזירן.

און סך הכל, אַז מען קוקט אָן דעם יידן, איז ער אינגאַנצן נישט ענלעך צו עפּעס אַ תימנער, אָדער צו אַ ספרדישן ייד, ווי מען קאָן זיך פאָרשטעלן אַ ייד, וואָס טראָגט אויס דעם יחוס פון די אוראַלטע ארץ־ישראל־תושבים. מיט אַ שטעקעלע אין דער האַנט, מיט זיין ווייסער באָרד און מיטן שוואַרצן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ — אַן אָנגעטוענער אין אַ געווינלעכער, וואָכעדיקער מאַרינאַרקע, נישט אין קיין לאַנגן בגד — כאַפּט ער גיכער פון אַלץ דעם אָנבליק פון אַ גאַליצישן, אָדער רוסישן דאָרפס־ייד פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. די אילוזיע איז אַזוי שטאַרק, אַז עס ווילט זיך ממש נישט גלייבן, אַז אָט דער ייד זאָל נישט קענען קיין יידיש.

מיר זעצן זיך אַריין אין די אויטאָבוסן. אַלץ איז געווען זייער אינטע־רעסאַנט, אָבער מיט אַ געפיל פון אַהיימקומען, פאַרפאַרן מיר אין אַ פּאָר שעה אַרום אין דעם הערלעך שיינעם, מאָדערנעם קיבוץ פון יוגאָסלאַ־ווישע יידן — חניתה. פון דאָרט מאַכן מיר נאָך אַ קליינעם שפּרונג קיין ראש־הנקרה ביים ברעג ים, אויף דער גרענעץ פון לבנון. אין אָוונט זענען מיר אָנגעקומען קיין נהריה.

1950

20. אַן אורלויב אין זכרון

דער נאָמען אַליין, זכרון יעקב, ווייזט אָן דערויף, אַז דאָס איז איינער פון די ישובים וואָס זענען געוואָרן פינאַנסירט דורכן באַראָן ר אָ ט ש י ל ד, אָנגערופן אויפן נאָמען פון זיין פאָטער. אויך דער נישט לאַנג פאַרשטאָר־בענער זון זיינער, וואָס איז געטריי געבליבן דער טראַדיציע פון זיין הויז, האָט געהייסן אויפן זעלבן נאָמען: יעקב — דזשעמס.

ווען מען זאָגט אָבער „דער באַראָן" אָן שום צוגאָב, מיינט מען ע ד מ ו נ ד ן, דעם פאָטער און נדבן פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, וואָס האָט אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, געראַטעוועט די ערשטע עליה פון קאַטאַס־טראָפע און באַנקראָט. אין אָט דער געגנט האָט זיך געפונען די הויפּט־קוואַרטיר פון זיינע פאַרוואַלטער און אַהער האָבן די יורשים זיינע מיט עטלעכע יאָר צוריק געבראַכט צו פירן זיינע ביינער; אויפגעבויט פאַר זיי אַ מאַוזאָלעום און פאַרפלאַנצט אַרום אים אַ פּרעכטיקן גאָרטן. רמת הנדיב — הייסט דאָס אָרט. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק ווערט גע־עפנט דאָס מאַוזאָלעום און מענטשן קומען זען דעם קבר אין מיטן פון אַ וווּנדערבאַרן רויזן־פּלאַץ.

איז די גאַנצע געגנט פול מיט שפורן פון די ראָטשילדס. דאָס אָפּ־שיידן דעם געבענטשטן ווילן פון באַראָן פון דעם, וואָס עס האָבן געטון זיינע אַדמיניסטראַטאָרן, קאָן מען געפינען נישט בלויז אין די בריוו פון אחד העם און אין ביאָגראַפישן ווערק פון ג. ק ר ע ס ל. מען קען די זעלבע אויסקריסטאַליזירטע מיינונג הערן אין אַ געשפּרעך מיט אַ צופעליק באַגעגנטן תושב פון זכרון. די טענה איז נאָך אַזוי פריש, גלייך די זאַכן וואָלטן זיך אָפּגעשפּילט ערשט נעכטן, אייערנעכטן.

מרים די תימנער פּויערין

— דער באַראָן האָט עס גוט געמיינט, נאָר זיינע פקידים האָבן עס שלעכט געמאַכט — דערקלערט מיר די תימנערין, וועלכע איך טרעף

בשעת אַ שבת־פּאַרנאַכטיקן שפּאַציר איבער די גאָרטן־סטעזשקעס און הינטערשטע הייף פון דעם תימנער ווינקל אין דער מושבה. אַזאַ תימניה ווי מרים — אין אַזאַ רחבותדיקן בלויען „אתא״־כאַלאַט, אַן אַרומגע־רינגלטע מיט גרויסע אינדיקעס און אינדיטשקעס, פאַר וועלכע זי שיט זשמעניעס זערנע פון אַ שיסל — אַזאַ תימנער ברייטע בעל הביתטע, מיט אַזעלכע שמייכלענדיקע אויגן — וועט מען נישט טרעפן אין דער געגנט פון תל־אביב.

אויפן הויף איז פאַראַן אַ שאָפּע מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, אַ לאַסט־אויטאָ צום אַראָפּפירן די גערעטעניש פון פעלד, וואָס געפינט זיך ווייט פון שטוב. זעט אָבער אויס, אַז די מאַטעריזאַציע פון דער ווירטשאַפט איז נאָך נישט קיין הונדערט־פּראָצענטיקע, וואָרום איך זע שטיין אין שטאַל צוויי געזונטע, דיקע פּרדות. דערנעבן איז פאַראַן אַ שטעלעכל מיט ציגן.

— פאַרוואָס עפּעס האַלט איר ציגן, נישט קיין קי? — פרעג איך די בעל־הביתטע און איך האָב זעט אויס אָנגערירט עפּעס אַן אָנגעווייטיקטן פּונקט, וואָרום מרים פאַרשנורעוועט דאָס פּיסקל און ענטפערט מיר מיט אַ שטיקל ברוגזער איראָניע:

— פאַר אונדז איז גענוג ציגן־מילך, פאַר דער „תנובה״ זענען מיר נישט מחוייב...

צום הויף און צום גאָרטן צו איז פאַראַן אַ הילצערנער גאַניק, וואָס אויף זיינע פענצטער און בענק זענען אויסגעלייגט צום טריקענען עפּעס גרעזער, קרייטעכצער, קליינע פעפערלעך, גרינע און רויטע. פון פאָרנט, צו דער גאַס צו, איז פאַראַן אַ שיין פאַדערהויז מיט קאָלירט־געפאַרבטע טיר און פענצטער. איך זע דאָ זיצן אויף אַ באַנק מרימס מאַן און אַ שטאָק־אַלטן, איינגעהויקערטן פאָטער מיט ווייסע באָרד און פאות און אין אַ ווייס־געשטרייפטן קלייד ביז די קנעכל, וואָס מאַכט אים ענלעך צו אַ הייליקן פרוש פון אַ קריסטלעך פאָלקס־ביכל.

מרים האָט אַכט קינדער. מיטן משפחה־הויף גרענעצט אַ צווייטער הויף מיט נאָך איין הויז, אַ נייס, נאָך אַן ווירטשאַפטס־בנינים און אַן ביימער אַרום. פאַרן הויז שטייט אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער יונגער־מאַן אין אַ שיינעם, בלויען, שבתדיקן העמד. נישטאָ קיין סימן שוין פון באָרד און פאות. דאָס איז מרימס זון, ירוחם, וועלכער האָט נישט לאַנג חתונה געהאַט און זיך אָפּגעטיילט באַזונדער. ער איז גיכער ענלעך צו

אַ יונגן ספרדי, אײדער צו אַ תימני. איך האָב די בעסטע געלעגנהײט זיך צו איבערצײַגן, אַז די אַנטראָפּאָלאָגן זענען גערעכט, װען זײ זאָגן, אַז דער װוּקס פֿון אַ מענטשן איז נישט קײן ענין פֿון ראַסן־ירושה, נאָר פֿון דער דערנערונג און פֿון די לעבנס־באַדינגונגען, אין װעלכע ער װאַקסט אויף.

— שלום ושנה טובה! — געזעגן איך זיך מיט מרימען און זי שאָקלט מיר צו מיטן קאָפּ: אַ פּרײלעכע, אַ יוסטע ייִדישע משפּחה־מוטער, װאָס איז מיט איר מאַן און קינדער געקומען צו אַ פֿעלד און צו אַ נחלה, נישט געקוקט דערויף, װאָס די באַאַמטע פֿון דעם „באַראָן" האָבן, לויט איר טענה, געשטאָפּט מיט געלט און באָדן נאָר די „שכנזים".

אין ליכט פֿון בין השמשות

עס פֿאַלט צו דער אָונט. מיר װאָלט זיך שטאַרק װעלן כאַפּן אַ שמועס אויך מיט װעמען פֿון די „אשכנזישע" װײַנגאָרטנס־באַזיצער פֿון זכרון־יעקב. איך האָב שוין נישט אײן מאָל אין פֿאַרבײַגײן אויפֿגעכאַפּט אָפּגע־האַקטע שפּליטער פֿון געשפּרעכן און דווקא אויף ייִדיש. איצט, שבת פֿאַרנאַכט, זע איך עלטערע מענטשן שטײן אין רעדלעך, קוקן אויפֿן הימל, כאָטש קײן רעגן פֿון די גאָלד־באַזוימטע כמאַרעס קאָן מען נאָך נישט דערװאַרטן אלול־צײַט. מסתּמא קוקן זײ אויס דעם ערשטן שטערן אויפֿן הימל.

נישט שוין זשע זאָלן זײ עס זײַן די רעשטן פֿאַרשטײער פֿון יענע בײזע „איכרים" פֿון דער ערשטער עליה, װעגן װעלכע איך האָב גע־לײענט אין די זכרונות פֿון דער צװײטער עליה, אַז זײ האָבן נישט גע־װאָלט צולאָזן די דעמאָלטיקע חלוצים צו אַרבעט און שמירה ביי ייִדן.

אויך דער קאַמף איז שוין װײַטע פֿאַרגאַנגענהײט. די חלוצים פֿון דער צװײטער עליה פֿירן הײַנט אָן מיט דער מדינה און הײַנט האָט שוין די פֿינפֿטע, צי די זעקסטע עליה טענות צו דער דריטער און דער פֿערטער. פֿון די אַלע עװלות און טענות איז אויסגעװאַקסן דער ישוב אין ארץ־ישראל און עס איז אויסגעקעמפֿט געװאָרן אַן אײגענע מדינה. די זין און טעכטער פֿון אַלע עליות האָבן פֿאַר איר װוּקס און איר פֿאַרטײדי־קונג אַװעקגעגעבן יונגע לעבנס.

טאַטעס מיט זין שטײען בײַם שולעכל. דאָס דריטע דור איז אַרויס אויפֿן שפּאַציר. שורות יונגע מײדלעך, פּאָרלעך מיט קינדער־װעגעלעך,

שול־יוגנט, פאַרפּלייצן די וועגן. דאָ קען מען שוין נישט לייכט דער־קענען ווער פון וועלכער עדה שטאַמט. שוואַרצע אויגן האָבן זיך פאַרקוקט אין בלויע, בלויע אין ברוינע. עפּעס אַ ראָזע שימער גייט פון זיי אין בין השמשות. צי נוצט מען דאָ אַזוי פיל ראָזע ביינוול־שטאָפן, אָדער שלאָגט די פרישע ראַזיקייט פון יונגע פּנימער, פון קינדער־קערפּערלעך? אפשר נעמט זי זיך פון די ראָזע וואָלקנדלעך, וואָס זענען פאַרבליבן אויפן הימל נאָך דער זון, וואָס איז פאַרגאַנגען.

אַן אויסבליק אויפן ים

און דאָס איז זכרון, ווען מען קומט אַהער צום ערשטן מאָל.

נישט דערפאָרנדיק פון תל־אביב קיין חיפה, רעכטס פון הויפּט־שאָסיי, שרויפט זיך אַריין אַ קורצע סערפּענטינע אין די פאָר־בערג פון כרמל. אין די נעכט זעט מען פון ווייטן שורות און גרופּן ליכט, ווי שטערן־קאָנסטעלאַציעס אויפן הימל; צווישן זיי איין ליכט, וואָס לעשט און צינדט זיך נאָכאַנאַנד און ווינקט אַן אויפהער צו די שיפן אויפן ים. דאָס איז דער סיגנאַל־טורעם — דער מגדלור — פון חיפהער פּאָרט.

זכרון ליגט אַ פּאָר הונדערט מעטער איבער דעם ים־שפּיגל. די מושבה איז אינגאַנצן איינגעהילט איןביימער־גרין, אין סעדלעך, נאָדל־וועלדלעך, אין זילבער־גרוי פון אַלטע איילבירטן; אַרומגעזוימט מיט ווייַנגערטנער, מיט פעלדער קוקורודז, וואָס שפּרייטן זיך אויף די שיפּועים.

גייט מען אַריין אַ ביסל טיפער צווישן ביימער — טרעט אָפּ דאָס גרין. פון אומעטום שיינען אַדורך די ברייטע פליינען פון ים התיכון. אויף אַ נאָענטערן מרחק זעט מען אונטן קלענערע, בלויע רעכטעקן, דאָס זענען די זיס־וואַסערדיקע פיש־טייכן; די קאַרפּן־סאַדזשעלקעס פון קי־בוץ מעין צבי.

אַן אויספלוג קיין טנטורה

אַ חוץ אַ צענטער פון לאַנדווירטשאַפט און וויין־אינדוסטריע, איז זכרון אויך אַ צענטער פאַר טוריסטיק און אָפּרו. פאַראַן דאָ דאָס גרויסע אָפּרו־הויז פון קופּת חולים אויפן נאָמען פון דוד רמז, פאַראַן אַ צענ־דליק, אָדער מער, פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע פּענסיאָנאַטן, מיטן אָפּרו־הויז פאַר שרייבער און קינסטלער „בית דניאל" און מיטן באַקאַנטן וועגעטאַרישן פּאַנסיאָן פון דאָראַ שוואַרץ, בראש.

זיצט מען אויבן אַ פּאָר טעג, הויבן אָן די בלויע פלאַכן רופן, לאָקן. אַ ייד מיט אַ טעקסי נעמט צונויף בעלנים זיך צו פאָרן באָדן. אין משך פון איין פערטל שעה גליטשט מען זיך אַראָפּ מיטן סערפּענטינע־וועג צום חיפהער שאָסיי. מען פאָרט פאַרביי דאָס אַראַבישע דאָרף פּ אַ ר אַ ד י ס און אָט פאַרנעמט מען זיך לינקס מיט אַ זייטן־וועג צום ים־ברעג: צו דעם וווּנדערלעך שטילן ים־איינגוס ט נ ט ו ר ה. די געגנט איז פול מיט שפּורן פון אַלטע ישובים — תנ״כישע, רוימישע — פול מיט נייע, יונגע ייִדישע ישובים, וואָס שטרעקן זיך פון ביידע זייטן וועג מיט פּלאַנטאַציעס ירקות, מיט ניי־פאַרזעצטע פּרדסים, אַרומגערינגלטע מיט שורות טראָש־טשע, וואָס שיצט די יונגעביימלעך פאַרן ווינט און וואַנדערנדיקע זאַמדן. מ ע י ן צ ב י, מ ע ג ן מ י כ א ל, קיבוץ נ ח ש ו ל י ם. אָבער אָט האָבן זיך געענדיקט די באַאַרבעטע פעלדער און מען פאָרט אַריין אין אַ וויסטן שטח, פון וועלכן עס קוקן אַרויס אויף שריט און טריט צעמאָרשטע שטיינער־הויפנס מיט שפּורן פון טרעפּ, פון מויערן. צווישן די שטיינער און זאַמדן וואַקסן אויפ׳ן חידוש ווייסע ליליעס, וואָס נערן זיך מיט ראָסע פונם הימל און אָטעמען אויס אַן אויסטערליש שטאַרקן, סמנדיקן ריח.

באָדט מען זיך אויס אין די שטילע וואַסערן פון דעם מפרץ און דערנאָך קלעטערט מען אַרויף מיט אַ סטעזשקע רעכטס אויפן באַרג, וואָס גרענעצט אָפּ דעם איינגוס פון אָפענעם ים. און פון אויבן זעט מען ווידער רואינען: רעשטן פון אַן אוראַלטן פאָרט און פון אַ מעכטיקן אַלטן כוואַליע־ברעכער.

ביים ברעג שטייט אַ בודע מיט אַ דאַך פון צעפליקטע שטיקער פּלאַכטעס. אין אַ קאַמער ליגן הויפנס ברוינע ריזן־נעצן, אַן אנקער וואַלגערט זיך אין ווינקל. אַ ריח פון פיש־שופּן הענגט אין דער לופט.

זיך אָנגעפּאַשעט מיטן ים, פאָרט מען מי׳ט דער סערפּענטינע אַרויף צוריק קיין זכרון. און פאַרנאַכט באַטראַכט מען ווידער פון דער ווייטנס די בלויע ריזן־פליינען, אייביק געאַקערטע דורך ווינטן אַהין און צוריק.

שיפן רוקן זיך אַדורך פון ווייטן, און נענטער צום ברעג זעט מען כוואַליעס אייביק יונגע טאַנצן מיטן ברעג זייער אייביקן טאַנץ. זוימען ווייסע שפּיצן־שפּריצן קוקן אפיר פון אונטער זיידן־בלוי און גרין און סעלעדין.

1957

21. אין כפר ויתקין גייען די הינער אין ברילן

לחנה טהבלום בידידות

ווי אין אַן אמתן דאָרף

ווען מען כאַפּט זיך אויף פּאָר טאָג אין כפר ויתקין, הערט מען מרוקען קי, קרייען הענער. ביי נאַכט האָט מען געהערט בילן הינט. גייט מען אַרויס אין דער פרי פּאַר דער שטוב אויפן וועג, וואָס איז פון ביידע זייטן געדיכט באַשאָטנט מיט הויכעביימער, זעט מען פאַרשידענע מאַשינען, אויף וועלכע מען פירט פון דער גאַנצער געגנט מילך אין דער מעלקעריי פון „תנובה". אַחוץ די מאָטאָריזירטע וועגענער, זעט מען אויך דאָ און דאָרט אַ גוט אויסגעפּאַשעט פערדל, איינגעשפּאַנט אין אַ צוויי־רעדערדיק וועגעלע, אויף וועלכן עס שטייען די קאַנען מיט מילך.

אין מיינע קינדער־יאָרן, אין גאַליציש פּאָדאָליע, האָט מען אַזעלכע וועגעלעך גערופן „טאַראַדייקעס".

וואָס עס וואַרפט זיך דאָ אַממיינסטן אין די אויגן, איז די שפע גרינס, אין וועלכן דאָס דאָרף טונקט זיך.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז גאָר אַנדערש געווען

איר וועט נישט רעדן קיין צען מינוט מיט אַ היגן תושב, ער זאָל נישט אַריינוואַרפן אַ באַמערקונג, אַז מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז דאָ גאָר אַנדערש געווען.

— דעמאָלט האָט איר געדאַרפט זען, וואָס פאַר אַ פּנים ס׳האָט דאָ געהאַט: גאָרע זאַמדן, גאָר גאָרנישט....

מיט בערך 20 יאָר צוריק האָט זיך אָרגאַניזירט אין בנימינה אַ גרופּע יונגע חלוצים־פּאָרן, באַקומען אַ שטח באָדן פון קרן קימת אין אַן אָרט, וואָס האָט דעמאָלט געהייסן וואַדי חוואַריז און געשאַפן אַ מושב עובדים — אַ קאָאָפּעראַטיוו־דאָרף — לויט דעם מוסטער פון נהלל. איצט זענען דאָ פאַראַן העכער 200 זעלבשטענדיקעווירטשאַפטן. דאָס

דאָרף רעכנט זיך היינט צווישן די גרעסטע און שענסטע, ווירטשאַפטלעך אַמבעסטן אַוועקגעשטעלטע ישובים אין לאַנד.

אָבער „דעמאָלט" — ווען מען איז נאָר וואָס געהאַט אַהערגעקומען, אויפגעשטעלט די ערשטע באַראַקן — האָט מען דאָ אין ערגעץ קיין סימן פון קיין גרינס נישט געזען. בלויז אַזעלכע מיני קליינע שלענגעלעך האָבן זיך דאָ געווידמעט אין די מאַסן. זיי זענען געקראָכן אויף די ווענט, אויף די טישן, אין די טעלער. „מען האָט קוים דערלעבט אויפצוציען די ערשטע געוויקסן פון זאַמדיקן באָדן — האָבן די שלענגעלעך אויפגעפרעסן זייערע הערצער"...

אַזוי דערציילן די מענטשן פון כפר ויתקין. אַ היפּשער טייל פון זיי האָבן זיך אַ הער געבראַכט אַ פּאַרטיק קדחת פון די פריערדיקע אַרבעטס־ערטער. אַנדערע האָבן עס דאָ געקריגן. געווען אויך אַן אייגענער זומפּ אין דער געגנט.

דאָך זענען עס געווען שוין שפּעטערע יאָרן, מען האָט שוין די מאַלאַריע געהאַט אַ ביסל געבענדיקט. דער קרן קימת האָט שוין דעמאָלט געפירט אַמעליאָראַציע־אַרבעטן אין ברייטערן מאַסשטאַב. מען האָט די זומפּיקע געגנט שנעל דרענירט, געטריקנט, אויסגעבויט אַ שאָסיי, אַ גרויסן ברונעם. די שלענגעלעך האָבן די יונגע תושבים אויסגעכאַפּט מיט דער הילף פון בלעכענע פּושקעס. מען האָט אויך באַזייטיקט די סקאָרפּיאָנען און אין משך פון צוויי־דריי יאָר איז דער נייער פּונקט געוואָרן אַ ישוב מיט לייטן גלייך.

היינט הערשט אַ ווױלשטאַנד

די ערשטע תושבים פון כפר ויתקין זענען היינט יוסטע באַלעבאַטים, ממש גבירים. יעדער פון זיי וווינט אין אַ שיין, באַזונדער הייזל. יעדער פאַרמאָגט אַ שטאַל מיט בהמות, אַ לול מיט עופות, אַ שטיק אייגענע פּאַשע, צו מאָל אַ שטיקל תבואה־פעלד.

נעבן יעדער שטוב איז פאַראַן אַ גאָרטן מיט גרינוואַרג, אַ ביסל אויבסט־ביימער. יעדער בעל־הבית פאַרמאָגט, נישט ווייט פון דער היים, אַ פּרדס. איצט איז דער סעזאָן. די נידעריקע און פעסטע ביימלעך זענען באַלאָדן מיט די גאָלדענע קוילן. אַחוץ מאַראַנצן, בלייכן זיך דורכן טונקל־גרינעם בלעטערוואַרג — ווי לבנות האַלבע קעגן זונען — לענגלעך־געלע לימענעס. אַממייסטן ווונדערלעך זענען די ריזן־גרויסע פּאַמעלאָס,

יואָס הענגען צו דריי און פיר אויף אויסטערליש שטאַרקע, קורצע, דינע צווייגלעך און ברעכן זיי נישט אָפּ מיט זייער קילאָגראַמען־לאַסט.

אַ שפע גאָלד וואַלגערט זיך אונטער די פיס — פרוכטן, וואָס זענען אַרויסגעפאַלן פון די פולע קוישן, אָדער זיך אַרויסגעגליטשטביים רייסן.

די פּראָדוקציע פון כפר ויתקין פּראָספּערירט. דאָס דאַרף ליפערט אַ טאָג 6000 ליטער מילך. אייער ווערן דאָ געציילט אין משך פון דעם יאָר נישט אין קיין שאָקן, נאָר אין מיליאָנען. די קעסטלעך מאַראַנצן, ציטרינען, גרייפּ־פרוכטן גייען אין שווערע טויזנטער.

קיין פּראָבלעמען פעלן נישט

דאָס ערשטע דור איז שוין איבער די פופציק. דאָס יונגע דור — אויף וויפל עס בלייבט ביי ערד־אַרבעט — קאָן היינט אָן שום שוועריקייטן באַקומען באָדן אויף צו גרינדן נייע ווירטשאַפטן. דער ישוב איז געבויט אויף די יסודות פון אייגענער אַרבעט, אָבער מיטן גאַנג פון דער צייט, מיט דער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט און מיטן וווּקס פון דער אַרבעט, זענען די „פּויערים" פון דעם מושב געצוווּנגען צוצונעמען אַרבעטס־הילף, און דער לוין, וואָס מען דאַרף צאָלן פאַר דער אַרבעט — אין פאַרגלייך מיט די פּרייזן, וועלכע מען באַקומט פאַר די פּראָדוקטן — קאַלקולירט זיך נישט. פאַראַן דאָ נייע עולים, וועלכע זענען אַהער געשיקט געוואָרן אויף לאַנדווירטשאַפטלעכער הכשרה. איז דאָס אויך אַ פּראָבלעם, ווייל קוים האָבן זיי זיך עפּעס אויסגעלערנט, גייען זיי אַוועק באַזעצן זיך אויף אייגענע ווירטשאַפטן, און די „משקים" וועלן ווידער דאַרפן נעמען צו זיך אַזעלכע אַרבעטער, וועלכע קענען נאָך נישט די אַרבעט.

מיט איין וואָרט — קיין שוועריקייטן פעלן נישט. קיין אומצופרידנקייט און קיין דיסקוסיעס, אוודאי און אוודאי נישט. אַחוץ דעם באַזונדערן, זייער נייעם נוסח יידישע צרות, שפּיגלט אָפּ דאָס שטאַרק מעכאַניזירטע דאָרף, מיט זיינע נייסטע מאַשינען און מיט די נייסטע מעטאָדן פון פּיי־צוכט און פון עופות־צוכט — די פּראָבלעמאַטיק, וואָס איז אויפגעקומען אַפילו אין לענדער, מיט אַ ווייניקער קאָמפּליצירטער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור, ווי אונדזערע.

„אני חנה, אני אסתר"

ווען איר באַקענט זיך אין ישראל מיט אַ מענטשן — בפרט מיט אַ „דאָרפסמענטש" — זאָגט ער אייך בדרך כלל בלויז זיין פאָרנאָמען. דער

מנהג פֿאַרמאָגט אין זיך אַ מין היימישקייט, וואָס געפֿעלט מיר ביז גאָר.

„אני חנה, אני אסתר״ — שטעלן זיך פֿאַר מיר פּאָר צוויי שוועסטער, וואָס האָבן דאָ זייערע נחלות איינע נעבן דער אַנדערער. זיי שטאַמען פֿון וואַרשע, פֿון אַ חסידישער משפּחה. ווען נישט די חלוצישע באַוועגונג, וואָלט זייער לעבנס־וועג געווען געפֿירט גאָר ערגעץ אַנדערש, אין לעצטן סך־הכל, מסתמא אין די גאַז־קאַמערן פֿון טרעבלינקע... אַזוי האָט מען אָהער געבראַכט פֿאַר דער מלחמה אַ דריטע שוועסטער, וועלכע לעבט מיט איר משפּחה אין אַ נאָענטן קיבוץ. מען האָט אויך באַוויזן אַרויפֿנעמען צו זיך די עלטערן. זיי לעבן שוין נישט, אָבער נישט ווייט פֿון דאַנען, אויפֿן אייגענעם כּפר ויתקינער בית עולם זענען פֿאַראַן זייערע קבֿרים.

אַ רויטע רויז איבער אַ טרויער־רעמל

די קינדער זענען שוין כּמעט דערוואַקסן. איינע פֿון די שוועסטער האָט געהאַט צוויי טעכטער, די אַנדערע צוויי זין. איז איינער פֿון די זין געפֿאַלן אין יאָר 1948 ביים ראַטעווען אַ פֿאַרוווּנדעטן חבֿר בעת דעם באַוווּסטן קאַמף מיט די אַראַבער אין גוש עציון. אויף דער וואַנט פֿון דער מאַמעס שטוב הענגט זיין פֿאַרגרעסערט בילד — אַ ליכטיק, צעשמייכלט, יונג פּנים. איבער דעם שוואַרצן רעמל שטעקט אַ פֿרישע, רויטע רויז פֿון דער מאַמעס גאָרטן. אונטער דעם ראַם הענגט אַן אַמטלעכער בריוו, אינעם בריוו די ווערטער:

„די אַרמיי פֿון ישׂראל, די מדינה, דאָס ייִדישע פֿאָלק וועלן דיך קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן״...

די מוטער, די כאַראַקטערפֿולע פֿרוי, מיט טונקל־בלאָנדע צעפּ פֿון אַ פּוילישער שלאַכציאַנקע, אַלטמאָדיש אַרומגעוויקלטע אַרום דעם שטאָלצן קאָפּ, ווייזט מיר נאָך עטלעכע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון דעם זון, ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל. זי דערציילט מיר, ווי ער פֿלעגט יעדע וואָך פֿאַסטן אַ טאָג, וואָרעם ער האָט געהערט צום פּלמ״ח און געדאַרפֿט זיין צוגעוווינט צו אַלץ. אירע אויגן בלאַנדזשען אַ רגע אין דער ווייט, כּדי צו פֿאַרטרייבן די טרער, וואָס האָט אין זיי געטון אַ פֿינקל. די ליפּן מיען זיך נישט צו ציטערן, אָבער עס ציטערן דער מאַמעס פֿינגער...

אַ ייִד, וואָס קוקט אַריין אין קליינע אותיות

דער בעל־הבית פֿון דער שטוב, ווו איך שלאָף די נאַכט, שטאַמט פֿון אוקראַיִנע. ער האָט אַמאָל געלערנט אין אַ ישיבֿה, אַריינגעקוקט אין

די קליינע אותיות. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן אַריינקוקן אין אַנדערע אותיות פון אַנדערע מין ספרים. די ערשטע וועלט־מלחמה, די פּאָגראָמען און הריגות — די עוואָלוציע און רעוואָלוציע, וואָס האָט אונדז, פּוילישע שארית־הפּליטה, געבראַכט אַהער נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — האָט דער ייד מיטגעמאַכט מיט דרייסיק יאָר צוריק.

יהודה איז איינגעשפּאַנט אין יאָך פון שווערער פיזישער אַרבעט. זיין פּנים איז פאַרברוינט און איינגעשקוואַרט, ווי אַ ראָזשינקע, וואָרשיינלעך צוליב דעם אייביקן דעפיציט אין שלאָף. נאָך דער שווערער האָרעוואַניע פון פאַר טאָג אָן ביז שפּעט אין אָוונט — נאָכן אַריינקומען פון אָוונטיקן קי־מעלקן — נעמט ער זיך ערשט צום „אַריינקוקן אין אַ ספר" פון זיין פיין אָפּגעקליבענער, ערנסטער ביבליאָטעק. און נישטאָ אַזאַ מענטש, אַזאַ כוח, וואָס זאָל קאָנען פועלן ביי יהודהן, אַז ער זאָל כאָטש איין אָוונט מוותר זיין אויף דער געוווינהייט.

ווען יהודה האָט נאָכן פרימאָרגנדיקן קי־מעלקן איינגעשפּאַנט דאָס פערדל אָפּצופירן די מילך צו דער „תנובה", האָט ער אויך מיך אַרויפגענומען אויף זיין „טאַראַדייקע". נאָכן צושטעלן די מילך, וויזט ער מיר דעם צענטער פון כפר ויתקין. ער פירט מיך צו דעם קולטור־הויז, צו די שול־בנינים, וואָס געפינען זיך אין אַ פּאַרק. איך זע די שפּיל־פּלעצער פאַר יוגנט, דעם תבואה־עלעוואַטאָר, די מאָדערנע בעקעריי, דעם צענטראַלן אינקובאַטאָר. ער וויזט מיר די אייזקעלערס, די טאַנקן צום איינפרירן און טראַנספּאָרטירן מילך. אַ טייל פון אָט די מאָדערנע איינריכטונגען זע איך צום ערשטן מאָל אין לעבן.

ווען מיר קומען צוריק, דערקען איך אין די מינעס פון די שטוב־מענטשן, אַז איך האָב געהאַט אַ גרויסע זכיה, וואָס יהודה האָט מיך מהנה געווען מיט זיינע אויפקלערונגען. ער האָט אין דער משפחה דעם שם פון אַ גרויסן שווייגער.

פּויערים שווייגערס זענען פאַראַן אין אַלע לענדער. דאָך בין איך איבערצייגט, אַז אַזאַ מין פּויער, ווי יהודה, באַגעגנט מען נישט אין אַנדערע לענדער.

הינער אין ברילן

ווען יהודה האָט מיך אַריינגעפירט צו זיך אין הינער־שטאַל, האָב איך דערזען די גרויסע, ראַסאָווע, ווייסע הינער אָנגעטון אין — „ברילן". דאָס

זענען אייגנטלעך אַזעלכע מיני „צוויקערס", וואָס ביי מענטשן זענען זיי שוין אַרויס פון דער מאָדע צוריק מיט דרייסיק יאָר, אָבער די הינער טראָגן זיי אַרויפגעזעצט אויף די דזיובעס פונקט אויף דעם אופן, ווי מען קאָן עס זען אויף אַלטע פאָטאָגראַפיעס. נישט מער, אַנשטאָט געשליפענע גלעזער פון דער פירמע „צייס", זענען אַריינגעפּאַסט אין הינערישן צוויקער צוויי בלעכלעך, און דער ציל זייערער איז פונקט דער היפך פון דעם, צוליב וואָס מענטשן טראָגן ברילן. זיי דינען נישט צום בעסער זען, נאָר דווקא צום פאַרשטעלן פאַר די אויגן פון די הינער דאָס פעלד פון זען.

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז ווען אַ הון זעט, אַז אַ צווייטע הון „גייט צו איי", דערוועקט דאָס ביי איר אַ סאַדיסטישן אַפּעטיט אויסצודזיאָבען ביי איר דאָס איי. ווען זי האַלט שוין אָבער ביים דזיאָבען, דזיאָבעט זי ווייטער, אַזש ביז די קישקעס... אין די באַדינגונגען פון אַ מאָדערנער הינער־שטאַל, קאָן די צווייטע הון נישט אַנטלויפן און זי ווערט טייל מאָל געדזיאָבעט אַזוי לאַנג, ביז זי פאַלט אַוועק אַ טויטע...

איז אָט צוליב דעם — כדי אַ הון זאָל נישט זען, ווי איר שכנטע קלויבט זיך צו לייגן אַן איי — פאַרשטעלט מען איר די אויגן מיט די בלעכענע ברילן. אָנגעטון אין אַ צוויקער, שיקלט די הון בלויז מיט די ראַנדן פון די אויגן און זי פאַרשפּאָרט אַזוי אַרום צו ווערן אויסגעשטעלט אויף אַ נסיון...

ווו זענען די קוואָטשקעס מיט די הינדעלעך?

אַ קרוב פון די צוויי כפר ויתקינער „פויערטעס", איזידאָר, וועלכער האָט מיך געבראַכט אַהער, קרימט זיך נאָך די הינער, ווי זיי „שיקלען" פון הינטער די ברילן, פונקט ווי די ווייבער, וואָס רייסן אָפּ די אויגן פון די שפּיזלעך ביים אַרבעטן אַ זאָק און כאַפּן אַ קוק אין אַ זייט פון הינטער די ברילן. מיר רעדן וועגן דעם, אַז אין די פּשוטע דערפער, וואָס זענען אונדז באַקאַנט פון פּוילן, האָבן מיר וועגן אַזעלכע זאַכן נישט געהערט.

מיר געדענקען אַן אַנדערן סיסטעם פון כאָוועו הינער. הינער האָבן געוווּסט פון אַ קינדהייט און פון אַ מוטערשאַפט. כדי צו ברענגען אַ ניי דור אויף דער וועלט, האָט אַ הון געמוזט קודם קוואָקען און לייגן אַן איי נאָך אַן איי, אין זאָרג און וויטיקן טיילמאָל, אָבער אָן אַ סכנה. דערנאָך האָט זי געמוזט זיצן עטלעכע וואָכן, אויסוואַרעמען מיט אירע

פעדערן, מיט דער וואַרעמקייט און ליבשאַפט פון איר גוף, די אייער. האָבן זיך מיט מזל אין אַן ערב־פסח אויסגעפּיקט די קינדערלעך, איז געווען אַ גדולה אָן אַ שיעור פאַר הון און מענטש.

ערגעץ אין אַ קאַמער, אין פאַרהוילעניש, האָט זי זיי ווייטער נאָך געהיט אין נעסט אונטער די פליגל, ביז זי פלעגט זיי אין עפּעס אַן ערשטן שיינעם פרילינג־טאָג — מלא צערטלעכקייט און גדלות — אַרויספירן אויפן ערשטן שפּאַציר. און ווי זי האָט געציטערט, „געפּאַדעט" איבער זיי! האָט מען געטון אַ שיט אַ ביסל עסן, האָט די קוואָטשקע פאַר זיך קיין קערנדל נישט איינגעשלונגען. צונויפגערופן, קלאַפּנדיק מיטן שנאָבל אין דער ערד, די הינדעלעך, צעקייט, צעדרויבלט זיי די שפּייז און געלערנט דאָס קליינוואַרג עסן.

און דאָס אַלץ האָט מען אָפּגעשאַפט, חרוב געמאַכט. מען דאַרף נישט קיין קוואָטשקעס, קיין הינערישע מוטערשאַפט. אַן עלעקטרישע מאַשין און דאָס גאָר — אַן אינקובאַטאָר...

איז אַ וווּנדער, וואָס די הינער פרעסן אויף איינע די אַנדערע?

וואָס האָט געזאָגט דערצו א. ד. גאָרדאָן?

ווען איך בין צוריקגעקומען מיט די חקירות מיינע פון כפר ויתקין, האָב איך געטראָפן צו גאַסט אין תל־אביב חיותה בוסעל פון דגניה. זי האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי א. ד. גאָרדאָן פלעגט האָבן רחמנות אויף די קליינע הינדעלעך פון אינקובאַטאָר, וואָס וואַקסן אָן מאַמעס. ער האָט איין מאָל גענומען אין זיינע דלאָניעס אַ פּיצל הינדעלע, וואָס האָט זיך אויסגעפּיקט פון אייעלע, אויפגעהויבן עס צום פּנים און אַ הויך געטון דערויף מיט זיין אָטעם:

„יתומהלע!..."

ביי דער חברטע חיותה, וועלכע איז געקומען אין לאַנד מיט העכער פערציק יאָר צוריק, און איז אַליין געווען אַמאָל אַ הינערישע מאַמע אין די לולים פון דגניה, האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. איך האָב אויפגערירט אַן אַלטן ווייטיק אין איר האַרצן.

אויך אויף די קי און קעלבעלעך איז אַ רחמנות

און אַז איך האָב שוין מזכיר געווען די קוואָטשקעס מיט די הינדעלעך, וויל איך אויך דערמאָנען דאָ די קעלבעלעך און קי.

ווען אין כפר ויתקין ווערט געבוירן אַ קעלבל, לאָזט מען עס אפילו קיין אײן איינציק מאָל נישט צו צו דער אײטער פון זײן מאַמען, כדי עס זאָל זיך, בוצקענדיק דער מאַמעס בויך, אויסלערנען זייגן; די מאַמע, די קו, די קימפּעטאָרין, זאָל צו אים דערביי מיט ליבשאַפט אַלע ווילע אויס־דרייען דעם קאָפּ; זי זאָל מוקענדיק און מרוטשענדיק מיט אַן אומענדלעך צערטלעך קול אויסלעקן דערביי און אויסקושן איר קינד איעדעס ביינדעלע.

דאָס „לוינט נישט"... עס לוינט בעסער צו האָדעווען דאָס קעלבל מיט אַ פלעשל — ווידער מעשה יתומה — און די קו וואָס שנעלער צוריקפירן צום מעלקן.

אויך דערמיט איז מיר שווער שלום צו מאַכן.

און נאָך איין זאַך האָט מען צוגענומען ביי די קי. דאָס נאַטירלעכע, פרייע פּאַשען זיך; דאָס אַרויסגיין יעדן טאָג אויף אַ ווייטן שפּאַציר, דאָס אַרומדרייען זיך איבער אַ פרייען שטח און אַליין צופּן די גרעזער פון דער ערד. מען האָט געמאַכט פון די קי מיני פאַבריקן, מאַשינען צום פּראָדוצירן מילך!

פאַר די קי גופא האָט מען נישט געלאָזט קיין ברעקל טעם אין לעבן, קיין סימן פון בהמיש גליק.

די קי שטייען אין בעטאָן־שטאַלן מיט די הינטערשטע פיס אין אַ מין רינשטאָק, ווו עס זאַמלט זיך די צואה. אויפן בעטאָן שטייען זיי דעם גאַנצן טאָג און אויפן בעטאָן דאַרפן זיי זיך אויך לייגן רוען און שלאָפן. בדרך כלל בעט מען זיי אין כפר ויתקין נישט אונטער צו דעם צוועק קיין שטרוי (הגם אין אַנדערע ווירטשאַפטן אין לאַנד האָב איך דאָס יאָ געזען). מען האָדעוועט די קי מיט פּאַרטיקער שפּייז, און דער עיקר — מען מעלקט זיי 2—3 מאָל אַ טאָג, מען ציט אַרויס פון זיי בערך צוויי מאָל אַזוי פיל מילך, וויפל עס פלעגט געבן אַמאָל אין פוילן די בעסטע קו — אַ דורכשניט פון 15 ביז 18 ליטער אַ טאָג אין משך פון גאַנצן יאָר!

און אַפילו, אַז מען פירט זיי שוין יאָ אַרויס — די קי — אין דרויסן?! איך האָב געזען די אָבאָרע — דעם אַרומגעצוימטן פּלאַץ, ווו די קי שטייען אונטערן פרייען הימל. אויך דאָ שטייען זיי ביז די קנעכל אין דער צואה. דער פּלאַץ איז ענג ביז גאָר און אַרומגענומען מיט אַן עלעקטריזירטן דראָט, ווי דער לאַגער אין אוישוויץ. כאַפּט אַ קו אַמאָל אַ ברי פון עלעק־טרישן שטראָם ביים דראָט, וועט זי שוין אַ צווייט מאָל צום דראָט נישט

צוגייך. מיט איין וואָרט, אויך דאָס אַרויספירן די קי „אויף לופט" דערמאָנט דאָס אַרויספירן אַרעסטאַנטן אויפן תפיסה־הויף שפּאַצירן.

וואָס זאָל איך טון? מיך אַרט עס. אין דעם פּרט געפין איך די אַלטע מעטאָדן פיל שענער און יושרדיקער. איך געדענק, ווי מען האָט געפירט בהמות פּאַשען אין אַ טשערעדע; ווי זיי האָבן טאָג־איין טאָג־אויס פאַר־ביימאַרשירט פּאַמעלעך און וואַגיק איבערן גאַנצן דאָרף; ווי זיי האָבן געהאַט אַ ווירדע, אַ מאַיעסטעטישקייט אין זייער גאַנג. ווינטער־צייט פלעגט מען „אונטערבעטן" די קי גרויסע, טרוקענע און ריינע בינטן שטרוי, אין וועלכע זיי פלעגן זיך אַריינלייגן ווי אין אַן איבערבעט. זיך אָפּרייניקן די זייטן פון דער צואה, זיך אויסוואָרעמען און אויסרוען די ביינער.

און נאָך איין זאַך מוז איך דערמאָנען — די קינסטלעכע באַפרוכפּע־רונג פון די קי, וועלכע איז איינגעפירט געוואָרן אין דער ישראלדיקער פּי־צוכט, פּונקט ווי זי ווערט פּראַקטיצירט אין דער מאָדערנער ווירטשאַפט פון אַנדערע לענדער. נישט בלויז דאָס פרייע פּאַשען זיך און די מוטער־שאַפט האָט מען צוגעגזלט ביי די קי — אויך זייער עראָטיש לעבן!

האָב איך טאַקע געלייענט, אַז אין דער שווייץ בונטעווען זיך די בהמות קעגן די ראַציאָנעלע מעטאָדן פון זייער עקספּלאָאַטאַציע. זיי „פּראָ־טעסטירן" אויף דעם אופן, וואָס זיי באַקומען שווינדזוכט.

דערפאַר הערן בהמות ראַדיאָ

אין אַ סך שטאַלן פון כפר ויתקין זענען איינמאָנטירט מעגאַפאָנען. מען זאָגט, אַז דאָס איז באַשטימט פאַר די באַלעבאַטים, וועלכע ווילן נישט פאַרלירן די מעגלעכקייט צו הערן, בעת דעם מעלקן, די נייעס פון ראַדיאָ אָדער אַ גוטן קאָנצערט. אַנדערע זאָגן אָבער, אַז אויך די ציוויליזירטע קי האָבן ליב זיך צוצוהערן צו די ראַדיאָ־פּראָגראַמען און אַ דאַנק דעם לאָזן זיי זיך בעסער מעלקן...

1951

22. דאָס פֿישער־דאָרף מכמורת

אַ לאַנדשאַפֿט פֿון וואָלט דיסניי

אין אַ באמת שיינעם פֿרימאָרגן זענען מיר אָנגעקומען מיטן וועג פֿון כּפֿר ויתקין צו אַ ווילדן ברעג מיט אַ יונג צעטאַנצטן, פֿריילעך צערווישטן ים אין דער זון. פֿאַר אונדז איז געלעגן דאָס פֿישער־דאָרף מכמורת.

ווער עס האָט זיך ביז נישט לאַנג ווייניק געחברט מיטן ים, דעם וועט ער ביים דאָזיקן ברעג פֿאָרקומען אין גאַנצן אַ נייער. פּונקט אַזוי ניי און יונג, ווי עס זענען דאָ אויס די קליינע הייזעלעך, פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע פֿוןביידע זייטן שאָסיי; אַזוי יונג און פֿריש, ווי די דראָבנע קאָרטשיקלעך לובין, וואָס גרינען אַרויס פֿון דער נאַקעטער ערד און זענען דאָ פֿאַרזייט געוואָרן מיט דער כּוונה פֿון איבערמאַכן דעם עקרהדיק פֿאַרזאַמדיקטן שטח אויף „באָדן".

פֿאַר איינער פֿון די שטיבער — עטלעכע בייטלעך ירקות, פֿאַר־שטעלטע פֿונעם זאַמדווינט דורך שטיקער מיליטערישע געצעלטן, פֿונאַנ־דערגעשפּאַנטע אויף שטעקנס. צוויי סימעטריש מאָנטירטע ממטרות טאַנצן מיט גראַציע אַנטקעגן די פֿענצטער פֿון ביידע זייטן שטוב. דעם דאָזיקן אינסטרומענט קען איך פֿון אונדזער שיכון, איך זע אים אויף טריט און שריט און איך אַגיטיר כּסדר די היגע יידישע פּאָעטן, זיי זאָלן אים באַ־זינגען און באַשרײַבן אין זייערע לידער.

אַחוץ ביי בײטלעך מיט ירקות און בלומען, זעט מען פֿאַר די שטיבלעך פֿון מכמורת צאַרטע, אָבער שוין פֿעסט איינגעוואָרצלטע ביימעלעך, וואָס שטאַרצן אַרויס פֿון זאַמד, און ערשט אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט מען קאָנען אויף זיי זאָגן, אַז זיי באַשאָטענען דעם שטח.

מענטשן זעט מען ווייניק. די לאָדנס זענען ס׳רוב אַראָפּגעלאָזט. ס׳איז היינט שבת; מענטשן רוען.

פֿון דעסטוועגן שטייט אַן אָנגעבויגענע איבער איינעם פֿון די פֿריש פֿאַרפֿלאַנצטע גערטלעך אַ יוסטע „סאַברעכע". ווען מיר גייען פֿאַרביי, גלייכט זי זיך אויס און וואַרפֿט אונדז צו אַ שמייכל, וואָס גיט איר

אָפּגעברענטן, לייכט מיט זומער־שפּרענקעלעך באַדעקטן פּנים דאָס אויס־זען פון אַ זון־בלום. אין די הענט האַלט זי אַ בינטל גרינע פּיעטרושקע, מסתמא צום פאַרבראָקן די שבתדיקע „יויך״.

פאַר איינעם אַ שטיבל באַוויזט זיך אַ יאַטל פון אַ יאָר צוויי. ער האָט זיך, זעט אויס, אַרויסגעגנבעט פון אונטער דער מאַמעס השגחה און געלאָזט זיך שפּאַנען אויף אייגענעם באַראַט אין דער זאַמדיקער וועלט אַריין. אין זיינע לאַנגע, ווי צוויי באַלאַנדלעך, אין ווינט אַנגעבלאָזענע בלויע הויזן און אין רויטן סוועטערל, מיט די הערעלעך צעפּלאַקערטע אַרום דעם רונדן קעפּל, זעט ער אויס געווי, ווי אַ מענטשעלע פון וואָלט דיסנייס אַ פילם, נאָך וועלכן עס קען באַלד אַנהייבן נאָכיאָגן אַ קאַטשור, אָדער אַ גאָנער.

מיט די הייזלעך אויפן געלן זאַמד, מיט די רויטלעכע פעלדזן אויפן פאָן פון העל־בלויען הימל און טיף־בלויען ים, באַקומט פּלוצעם די גאַנצע לאַנדשאַפט דאָס אויסזען פון אַ בילד אין קאָלירטן צייכן־פילם, געשאַפן דורך אַ קינסטלער פון אַ פאָלק מיט אַ פריילעכערן גורל, ווי אונדזערער.

מיט 5 יאָר צוריק

די וותיקים פון כפר ויתקין, וואָס זענען מיט אונדז אַהער געקומען, גיבן אונדז אויפקלערונגען מיט דער מינע פון מענטשן, וואָס האָבן דאָ אויך אַ חלק אין שותפות. זיי דערציילן אונדז, ווי אַזוי מכמורת איז געגרינדעט געוואָרן — אַ לעגענדע, וואָס איז אַלט סך הכל 5 יאָר.

ס׳איז אַ לעגענדע פון אַ סך צענדליקער ישובים אין ארץ־ישראל. איר שורש איז אַן אַלט און שיין טערקיש געזעץ, אַז אַ בנין, וואָס פאַר־מאָגט אַ דאַך, טאָר מען נישט חרוב מאַכן. דאָס געזעץ פון „געשעענע פאַקטן״.

אַלץ איז צוגעגרייט געוואָרן אין די עלטערע ישובים פון עמק חפר. אין כפר ויתקין האָט מען צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער פאַרטיקע ווענט־לעך פאַר צריפים, אַנגעקליבן אַלע אַנדערע נייטיקע מאַטעריאַלן. מען האָט מאָביליזירט לאַסט־וועגענער און חברה ייִנגלעך פון דער גאַנצער סביבה — פון חדרה, פון כפר חיים, כפר ידידיה, פון משמר השרון, קיבוץ מעברות און אלישיב; פון גבעת חיים און פון עין החורש, פון נאָך אַנדערע ישובים. אַרום צען אַ זייגער ביי דער נאַכט האָט זיך

אַרויסגעלאָזט צום ברעג ים די ערשטע שיירה. דערנאָך ווייטערע, אין עטלעכע אָפּשטאַנדן, לויט אַ גענוי אויסגעאַרבעטן פּלאַן. אַרום איינס ביינאַכט איז אַראָפּגעפאָרן צום ברעג אַן אָפּטייל פון דער ערשטער הילף פון כפר ויתקין, אין וועלכער מיינע צוויי באַקאַנטע האָבן אויך אָנטייל־גענומען. צום גליק זענען קיין פאָרפאַלן נישט פאָרגעקומען. די חברה סאַניטאַרן האָבן בלויז געהאָלפן אויפשטעלן די ערשטע צריפים פון נייעם ישוב.

אָט אַזוי זענען די ערשטע תושבים פון מכמורת אַ ר ו י ף אויפן ב אָ ד ן פון קרן קימת ביים ברעג ים.

4 אַ זייגער פאַרטאָג זענען שוין די צריפים געווען באַדעקט מיט דעכער. 9 אַ זייגער אין דער פרי האָט מען זיך שוין פאַרנומען מיטן אויפשטעלן פאַר די צריפים די לאַנגע טישן צו דער פייערלעכער סעודה. אויך די לעקעכער זענען געוואָרן אויסגעבאַקן אין די שכנותדיקע דערפער. 12 אַ זייער מיטאָג־צייט האָט מען שוין געטרונקען „לחיים" און געהאַלטן רעדעס.

ביים היינטיקן טאָג

די צריפים, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט אין יענער נאַכט, זענען שוין ביים היינטיקן טאָג אַראָפּ פון דער מדרגה. פון די 10 משפחות, וואָס זענען דאַן אַרויף אויף התישבות, זענען געוואָרן 30 און יעדע פון זיי וווינט אין אַ באַזונדערן בעטאָן־הייזל מיט מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן. די אַלטע בנינים זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאַמערן פאַר נעצן און מכשירים נייטיקע צום פיש־פאַנג, און אויך אין דעם גלגול וועלן זיי מסתמא נישט אַנהאַלטן לאַנג.

אַ קורצע צייט נאָך אונדז איז אָנגעקומען אין דער געגנט אַ גרופּע שול־יוגנט פון גבעת חיים. זייער מדריך האָט מאָביליזירט אַ יונגנמאַן אין אַ ווייסן סוועטער, וואָס גיט אויפקלערונגען. איך שאַר זיך צו צו אָט דער גרופּע, כדי אויך צו הערן, וואָס ער דערציילט.

מיר גייען אַריין אין איינעם פון די אָפּגעדאַנקטע באַראַקן, וואָס האָט געדינט אַלס חדר־אוכל.

— אונדזער חברה האָט זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן נאָך זייענדיק מיט דער יידישער בריגאַדע אין איטאַליע — הייבט אָן דער יונגערמאַן אין ווייסן סוועטער. שוין דאָרט איז זיי געפעלן דאָס פּאַך, דער עיקר דערפאַר,

ווייל ארץ־ישראל איז אַ לאַנד מיט נישט אויסגענוצטע ים־אוצרות. איינער פון די איניציאַטאָרן איז געווען ר פ א ל ר ו פ י ן, דער זון פון ד"ר אַרטור רופין. ער, מיט נאָך אַ גרופּע, זענען נאָך דער מלחמה אַוועק קיין האָלאַנד און האָבן דאָרט, אין אַ פישער־פּאָרט, געלערנט די טעאָריע און פּראַקטיק פון מאָדערנעם פיש־פאַנג. נאָכן צוריקקומען קיין ארץ־ישראל האָבן זיי מיט דער הילף פון די נאַציאָנאַלע פאָנדן און הלוואות געקויפט צוויי עלטערע שיפן פון טערקישן אַפּשטאַם, „כריש", און „אופיר", געלאָזט זיי רעמאָנטירן, צופּאַסן צום פיש־פאַנג, און אָנגעהויבן אַרבעטן. נאָכן אַנט־שטיין פון דער מדינה, האָבן זיי צוגעקויפט אַ דריטע שיף מיטן נאָמען „שחף", וואָס איר אויספאַר־וואָג איז 120 טאָן.

חבר הררי שילדערט אונדז די טעכנישע מעטאָדן פון כאַפּן פיש נאָענט ביים ברעג און אויפן פולן ים. אַ טייל זאַכן ווייזט ער אונדז מיט דער הילף פון אַ נעץ און פון די הענט, וואָס אימיטירן הילפס־מכשירים. די אונטערשטע שורה: מען שלעפּט אַרויף די פולע נעצן אויפן דעק און מיט די פיש און פישלעך פילט מען אָן די קעסטלעך פון „תנובה".

אויף יעדער שיף פאָרט מיט אַן איטאַליענישער אינסטרוקטאָר, וואָס גיט אָנווייזונגען, ווען און ווו און ביי אַ וואַסער קאָליר פון וואַסער, מען דאַרף אַראָפּלאָזן די נעצן. די חברה אַרבעטן און לערנען נאָך כסדר ביי דער אַרבעט. אַממייִנסטן לערנען זיי פון אייגענער פּראַקטיק, פון אייגענע המצאות. זיי צאָלן אינסטרוקטאָרן, אָבער זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז די פאַכלייט ווען — צוליב מורא פאַר קאָנקורענץ — נישט אויסגעבן זיי אַלע סודות פונעם פאַך...

אַן אויסבליק אויף דער צוקונפט

די חברותא פון מכמורת האָט גאָר ברייטע פּלענער און פּערספּעקטיוון פאַר דער צוקונפט. לינקס פון דעם שאָסיי זעט מען שטאַרצן ביים ברעג אַ ריזיקן פאָרט־קראַן. אַרום אים שטייען נאָך אַנדערע מאַשינען צו ערד־און וואַסער־אַרבעטן. אויפן זאַמד וואַלגערן זיך עטלעכע פּשוטע שיפלעך און פון ווייטנס זעט מען איינע פון די גרויסע דריי שיפן, וואָס אַנקערט היינט נאָענט צו דער היים, בשעת די אַנדערע צוויי שיפן אַנקערן אַלס סובלאָקאַטאָרינס אין די וואַסערן פון חיפה.

אַלע דריי גרויסע שיפן און די, וואָס וועלן נאָך געקויפט, אָדער געבויט ווערן, וועלן קאָנען אַנקערן אין פּאָרט מכמורת, ווי נאָר ער וועט ווערן

פאַרטיק. דער בוי פון פישער־פּאָרט האָלט שוין ביי דער דריטער און לעצטער פאַזע: די ערשטע צוויי סטאַדיעס — פון אויפשטעלן די כוואַליע־ברעכערס און לייגן פונדאַמענטן אונטער דעם מאָלאָ — זענען שוין פאַרענ־דיקט. די כוואַליע־ברעכערס זעט מען שוין ווי צוויי לאַנגע אָרעמס אויסגע־שטרעקטע דורך דער יבשה אין ים אַריין. דער דריטער עטאַפּ וועט זיין דאָס פאַרטיפן דעם פּאָרט־באַסיין און די בעטאָן־אַרבעטן. דאַן ערשט וועט דער פאַרנעם פון פיש־פאַנג ווערן אַ ברייטערער. די חברה האָפט, אַז צוזאַמען מיט די אַנדערע פישער־פּונקטן אין לאַנד, וועט זי קאָנען באַפרי־דיקן דעם גאַנצן באַדאַרף פון ים־פיש אין ישראל — פאַרן עסן, פאַר פעלד־מיסט, פאַר הינער־שפּייז.

די ענערגיע און דער אונטערנעמונגס־גייסט שטראָמען מיט אַ יונגן ברען און די יונגע מענטשן שפּינען נאָך ווייטערע חלומות. ווען מען וועט פאַרטיק ווערן מיטן בוי פון פּאָרט, קלויבט מען זיך גרינדן אין מכמורת אַ פיר־יאָריקע פישער־שול — די איינציקע אין ישראל און די גרעסטע פון דעם מין אין דעם גאַנצן מזרח־טייל פון מיטללענדישן ים.

— דאָס פאַך מוז מען לערנען סיי טעאָרעטיש און סיי פּראַקטיש — מיטן אויג, מיט די הענט, מיטן געפיל — גיט אונדז צו פאַרשטיין דער יונגערמאַן אין ווייסן סוועטער.

„איז אין דרויסן אַ ווינט, כאַפּט זיך פיש"...

איך פרעג וועגן נעמען פון פיש און מר הררי רעכנט אויס: סולתנית, לוקוס א. א. וו. פאַראַן איין פיש, וואָס איז פון אויבן ווייס און אונטן שוואַרץ. אין אַנדערע שפּראַכן הייסט ער סול, יידן רופן אים משה־רבינו־פיש...

— פישפאַנג איז אַ גוטער פרנסה־מקור — פירט אויס דער יונגערמאַן, און קלערט אונדז אויף צום סוף אַ פּאָר פּראָבלעמען אין שייכות מיט דער צייט און אָרט פון כאַפּן פיש.

אויף איין פרט שפּיץ איך אָן די אויערן. דער בעסטער סעזאָן פון כאַפּן פיש איז ווינטער. די ווינטן און שטורעמס רירן אויף דעם דנאָ פון ים, טרייבן אַרויף די פיש, און אין „קאַלאַמוטנעם וואַסער איז גוט צו כאַפּן פיש". היי־יאָר איז אַ שוואַכער סעזאָן, ווייל ס'איז אַ שוואַכער ווינטער. ווינציק שטורעמס — ווינציק פיש.

ווי דער אינטעליגענטער יונגער מענטש שטייט אַזוי און רעדט,

גיט פּלוצעם אַ שווים אויף אין מיין זכרון אַן אַנדערער שטראָם רייד:
„איז אין דרויסן אַ ווינט, כאַפּט זיך פיש, און אַז עס כאַפּט זיך פיש, איז וואָלוול פיש. איז אין דרויסן שטיל, כאַפּט זיך נישט קיין פיש, און אַז עס כאַפּט זיך נישט קיין פיש, איז טייער פיש. נאָר בעסער איז, אַז עס כאַפּט זיך פיש און ס׳איז וואָלוול פיש״...

שלום־עליכם: „די שאלה״!

שלום־עליכם האָט זיינע מעשיות נישט געזויגן פונעם פינגער. געווען יידן־פישערס ביי ברעגן פון טייכן, פון אָזערעס — ביים דניעפּר, ביים דניעסטער, ביים סערעט, ביי דער ווייסל... ווען עס וואָלטן נישט געווען קיין יידישע פישערס, וואָלטן אַזוי פיל פיש נישט אַרומגעשווומען אין די יידישע פאָלקס־מעשיות.

די בחורים פון דער יידישער בריגאַדע זענען אַ מאָדערנער גלגול פון די אַמאָליקע יידישע האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן געשפּייזט די כנסת ישראל מיט פיש אויף שבת.

טאַטע־מאַמע פון גלות

ביים פאַרלאָזן מכמורת, אַרום האַלב צוויי אַ זייגער, זענען שוין די פישערס פון מכמורת געווען, זעט אויס, „נאָכן טשאָלנט״. אויף די גאַניקלעך פון די מיניאַטור־הייזלעך פון דיסנייס קאָלירטע פילמען, האָט מען געזען יונגע מענער און פרויען ליגן אויף רו־שטולן. אַנדערע זענען געזעסן אויף טרעפּלעך, געלייענט אַ צייטונג, אָדער זיך געשפּילט מיט זייערע קליינע קינדער.

פון פאָרנט, ביים שאָסיי, האָבן מיר געטראָפן אַ גרופּע אַלטע לייט, אַריבערגעפלאַנצטע אַהער אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען און געגאַנגען אַמאָל, אין אַנדערע לענדער — יידן מיט בערד, יידענעס מיט טיכלעך אויף די קעפּ. מיט קליינשטעטלדיקן נייגער האָבן זיי אונדז נאָכגעקוקט. אפשר אויך מיט אַ תרעומות, הלמאי מיר זענען מחלל שבת מיט די אויספלוגן.

אין יידישן פישער־דאָרף מכמורת איז געווען שבת נאָכן טיש.

1951

23. אין אַ גאַליציאַנער קיבוץ

געווידמעט דעם אָנדענק
פון שמואל קערמיש ז״ל

די גרינדער פון דעם קיבוץ זענען געווען אַ גרופּע באַרופס־אינטע־ליגענטן פון לעמבערג און אַנדערע ערטער אין מזרח־גאַליציע. געקומען אַהער צום סוף פון די צוואַנציקער יאָרן און באַקומען, מיט דער הילף פון קרן קימת, דאָס ערשטע שטיק באָדן אין שכנות פון רחובות, האָבן זיי דאָ אַוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר אַ נייער ווירטשאַפט. און אַזוי ווי פּונקט אין יענעם יאָר איז געשטאָרבן אין ירושלים ש ל מ ה ש י ל ע ר — דער געוועזענער דערציער און וועגווייזער פון דער חלוצישער יוגנט־באַוועגונג — האָבן זיינע שילער און פאַרערער אָנגערופן דעם נייעם ישוב אויף זיין נאָמען: קודם ג ן ש ל מ ה און דערנאָך ק ב ו צ ת ש י ל ר. אין אַ שפּעטערער צייט איז צו דער ערשטער גאַלי־צישער גרופּע צוגעקומען אַ צווייטע, אויך פון גאַליציע, און נאָך שפּעטער עטלעכע גרופּן פון דייטשלאַנד און בולגאַריע, פון יוגאָסלאַוויע און פון טערקיי. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אויך דער קיבוץ אויפגענומען אַ גרופּע פון העכער דרייסיק געראַטעוועטע קינדער פון פּוילן. די טאָן־געבער פון דעם קיבוץ זענען פון דעסטוועגן געבליבן יענע אַמאָליקע יונגעלייט פון לעמבערג און פון סטאַניסלאַוו, פון מילניצע און פון קאָפּיטשיניעץ. פאַרבלאָנדזשעט אַהער אַ גאַליציאַנער, דערפילט ער זיך אין דער סביבה, ווי אַן אייגענער.

בנינים־עמעריטן

מיט אַ זייטן־וועג, וואָס צווייגט זיך אָפּ רעכטס פון הויפּט־שאָסיי תל־אביב—באר־שבע, קום איך אָן אין קבוצת שילר שפּעט נאָך מיטאָג.

באַלד ביים אַריינפאָר אין קיבוץ זעט מען אַ גרויסן, ברייטן בנין, געלאַטעט מיט עפּעס בלעכן, געדעקט מיט שוואַרצן פּאַפּ. איך ווער

שפּעטער געוואָרן, אַז דאָס איז דער ערשטער באַראַק, אין וועלכן עס האָבן געוווינט די ערשטע נייַע חברים, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט. היינט באַטרעפט די צאָל איינוווינער פון קבוצת שילר 320 נפשות און אַלע וווינען משפחהווייז אין באַזונדערע צימערן, וועלכע ווערן, אגב, בהדרגה־דיק אויסגעביטן אויף באַקוועמע, באַזונדערע דירות מיט פולן קאָמפאָרט, לויטן סטאַנדאַרט פון גוטע, פאָרשטעטישע שיכונים. דער באַראַק איז היינט נישט מער, ווי אַ היסטאָרישער יורד און אויך אַלס אַזעלכער וועט ער אין גיכן פאַלן אַ קרבן פון די נייַע אויפבוי־פּלענער פון דעם קיבוץ.

אַנטקעגנאיבער דעם אַלטן באַראַק שטייט אַ געמויערטער בנין, וואָס איז געוואָרן אויפגעשטעלט אין די דרייסיקער יאָרן, כדי צו דינען אַלס באַפעסטיקטע פּאָזיציע אין פאַל פון אַן אַראַבישן איבערפאַל. אַ סאָליד, צווייִשטאָקיק הויז... אָבער אויך דאָס איז שוין נישט מער, ווי אַ בנין, אַן עמעריט, וואָס ווערט איצט גענוצט אַלס מאַגאַזין.

די דאָקטוירים, וואָס האָבן געקלאַפּט שטיינער אויפן שטראָז

אַזוי, געדענק איך, פלעגט מען רעדן וועגן זיי אין לעמבערג — וועגן די מאַטוראַנטן, אָדער אַבסאָלווענטן פון דער אוניווערזיטעט, וואָס זענען אַוועק קיין ארץ־ישראל: „זיי קלאַפּן דאָרט שטיינער אויפן שטראָז". און סך־הכל איז דאָס געווען אַ בוכשטעבלעכעווירקלעכקייט. אין משך פון די ערשטע יאָרן, נאָכן גרינדן דעם קיבוץ, איז דאָ געווען צו ווייניק פעלד, צו ווייניק מענטשן, צו ווייניק קרעדיטן. מען האָט פאַרפלאַנצט די ערשטע ווייַנגערטנער און פּרדסים, און ביז וואָס וועץ, איז נישט געווען פון וואָס צו לעבן, ביי וואָס צו אַרבעטן. פלעגט דעמאָלט דער רוב חברים מוזן זוכן לוין־אַרבעט. צוויי שעה אַהין און צוויי שעה צוריק פלעגט מען דעמאָלט שפּאַנען איבער זאַמדן און ווערטעפּעס ביז אונטער רמלה, כדי צו פאַרדינען 10 ביז 15 פּיאַסטער אַ טאָג ביים אַראָפּנעמען, אָדער פּאַקן מאַראַנצן. האָט גאָט געגעבן אַן אומדערוואַרטן רעגן, האָט מען זיך אומגעקערט אַהיים מיט גאָרנישט. אַנדערע האָבן געאַרבעט ביים בויען דעם דרום־שאָסיי, און אויב איינער איז געווען בלויז אַ נישט־דערגאַנגענער דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע, האָט ער פאַרדינט נישט מער ווי 7 פּיאַסטער אַ טאָג. מען האָט געאַרבעט אויף אַקאָרד און מען איז נאָך נישט געווען איינגעאיבט אין פיזישער אַרבעט. וואָס אַן אמת האָט דעמלט דער פּיאַסטער געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן ווערט, ווי היינט.

אין אַ בויד צום נגב, שניידן תבואה

נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה האָט זיך די עקאָנאָמישע לאַגע פון דעם קיבוץ שטאַרק פאַרבעסערט. דער באַאַרבעטער שטח איז געוואָרן מער ווי דרייפאַכיק פאַרגרעסערט, בעיקר אין שייכות מיטן פאַרברייטערן אין קאַנט די וואַסער־נעץ. אַחוץ דעם באָדן, וועלכן דער קיבוץ האָט באַקומען צוגעטיילט פון די באַפרייטע שטחים, האָט אויך קבוצת שילר, גלייך מיט אַנדערע קיבוצים, אַנגעהויבן פאַכטן ביי דער רעגירונג באָדן אין צפון־נגב צום פאַרזייען פאַשע פאַר די עופות און קי. קבוצת שילר באַאַרבעט פאַר דעם ציל אַ צוגאָב־שטח פון 4000 דונאַם. מיט שטוינען ווער איך געוווּיר, אַז צום באַאַרבעטן אַזאַ ריזיקן שטח שיקט מען אַרויס נישט מער ווי 7 ביז 10 מענטשן, און צווישן זיי איינע אַ חברטע, וועלכע פאַרנעמט זיך בלויז מיט קאָכן און אַרויסגעבן עסן פאַר דער קליינער אַרבעטס־גרופע. די אַרבעט גופא מאַכן מאַכן דאָך קודם כל די „ראָבאָטן" פון אונדזער צייט — די קלוגע, ריזיקע מאַשינען.

אַנדערע קיבוצים האָבן זיך שוין אויפגעשטעלט אין נגב סעזאָן־וווינונגען צו אָט דעם צוועק. קבוצת שילר האָט זיך פאַבריצירט אַ גרויסע בויד אויף רעדער צו נעכטיקן און קאָכן אויפן אָרט אין צייט פון שניט. איך ווער פאַרכישופט פון דער פערספעקטיוו: מיטפאָרן אין אַזאַ בויד מיט דער שיירה פון קאָמביינען צום קאָסען די לאַנגע גערשטן אין נגב!

אסתר און שמואל

שמואל און אסתר זענען פון די סאַמע ערשטע גרינדער פון דעם קיבוץ. זי שטאַמט פון שטעטל מ י ל נ י צ ע, נאָענט צו דער אַמאָליקער רוסישער גרענעץ; ער קומט אַרויס פון שטעטעלע ז ל אָ ט נ י ק, פון אַ משפחה ערד־באַזיצער. ביידע זענען אַזוי אַרום מיינע נאָענטע לאַנדסלייט. אסתר איז די שול־חברטע פון דעם דיכטער י ש ר א ל אַ ש ע נ ד אָ ר ף, שמואל איז אַ געשוועסטערקינד פון מיין קאָלעגע, ד"ר י ו ס ף ק ע ר מ י ש. אסתר אַרבעט אין קיבוץ אַלס לערערין, שמואל איז זיך מטפל מיט די אויבסט־ביימער.

אסתר און שמואל האָבן דריי קינדער: י ה ו ד י ת, נ א ו ה און אַ מיזיניק מיטן נאָמען ג ר ש ו ן. אויך האָבן זיי אַדאָפּטירט אַ דריטע טאָכטער פון דער גרופּע געראַטעוועטע קינדער, וועלכע זענען געוואָרן אויפגענומען דורכן קיבוץ. זי שטאַמט פון לעמבערג און מען רופט זי ד י נ ה.

אַ שפּאַציר אַנטקעגן נאַכט

אײדער עס פאַלט צו די נאַכט, גײ איך מיט שמואלן און מיט זײַן ברודער צבי כאַפּן אַ קוק אויף דער ווירטשאַפט. פּונקט ווי אין אַנדערע פאַרפונדעוועטע קיבוצים, זע איך אויך דאָ די וווּנדער פון דער מאָדערנער, מעכאַניזירטער לאַנדווירטשאַפט. איך זע זאַכן, וואָס זענען מיר אין פּוילן געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. אָט זענען די הינערשטאַלן, ווו יעדע הון שטײט אין אַ באַזונדערן דראָט־שטײגל און אַזוי אַרום דאַרפן שוין דאָ די הינער נישט טראָגן קײן „ברילן״, וואָס האָבן מיך אַזוי פאַרוווּנדערט אין כפר ויתקין. באַזונדער געפינען זיך דאָ עופות, וואָס זענען באַשטימט צום לײגן אײער; באַזונדער די, וואָס ווערן געהאָדעוועט אויף פלײש, און נאָך באַזונדער די, וואָס האָבן די זכיה געניצט צו ווערן פאַר פאַרמערונגס־צוועקן. אין די הינער־שטאַלן איז פאַראַן פּלאַץ פאַר 8000 הינער בסך־הכל, אָבער אין משך פון יאָר ווערן דאָ „אַדורכגעלאָזט״ אַ קײמא־לן פון 20.000 שטיקלעך עופות.

ווען מיר גײען צוריק, זע איך לענגאויס די שטאַלן שורות ברענענדיקע לאָמפּן. דאָס איז אַ סגולה, אַז די הינער זאָלן נישט צו פיל שלאָפן. זײ וועלן אַזוי אַרום מער עסן און זיך מער לײגן. שמואל זאָגט, אַז דורכ־שניטלעך לײגט אַ הון אין דער ישראל־ווירטשאַפט 200 אײער אַ יאָר. אין פּוילן זאָל דער דורכשניט, פאַר דער מלחמה, האָבן באַטראָפן 80 אײער אַ יאָר.

און אָט איז די שטאַל און די אָבאָרע פאַר די קי — גרויס, רײן, לופטיק. עס שמעקט מיטן אַלט־באַקאַנטן, מילד־באַרואיקנדיקן ריח פון מילך און קו־מיסט. דערנעבן זעט מען אַ ריזיקע שאָפע מיט גרויסע קובן געפּרעסט הײ. אונטער אַ צווײטן דאַך אויף סלופּעס, געפינט זיך אַ פאַר־טיפונג, אין וועלכער עס ווערט, מיט דער הילף פון אַ מאַשין, אויסגעאַרבעט קאָנסערווירטע שפּײַז פאַר די בהמות. פרישע, גרינע וויטאַמינ־שפּײַז באַקומען די קי פון די באַוואָסערטע פאַשע־פעלדער, פון וועלכע מען נעמט אַראָפּ קאָניושינע — זיבן מאָל אַ יאָר!... דאָס מעלקן די קי ווערט אַדורכגעפירט מיט דער הילף פון שלויכן, געטריבענע דורך עלעקטריע. בײַם זשלויב האָט יעדע קו איר אײגנס אַ קראַן מיט וואַסער, פון וועלכן זי נעמט זיך אַלײן אַ טרונק — מיט אַ דריק פון אירע ברײטע, װײכע ליפּן...

און דאָך, טראַכט איך, אַז ווען מען פרעגט די קי, וואָלטן זיי אפשר גערן מוותר געווען אויף אָט דעם גאַנצן מאָדערנעם קאָמפּאָרט, און מען זאָל זיי צוריקגעבן דעם אַלטמאָדישן שטייגער פון בהמהשער עקזיסטענץ.

צו דער בעלי־חיים־ווירטשאַפט פון קבוצת שילר געהער נאָך אַ היפּשע פּאַסיקעקע, אין וועלכער די בלומען־ריחות פון די סעדער און פּרדסים ווערן איבערגעאַרבעט אויף פליסנדיקן האָניק־גאָלד.

די „שטעלערס"

נישט ווייט פון קו־שטאַל טרעפן מיר דריי יונגע בחורים — איינעם פון זיי אויף אַ פערד רייטנדיק. די חברה גייען אָנגעטון אין שטרויענע, גרויסע קאַפּעליושן, די ברייטע ראַנדן פאַרוויקלט אַרויף, מעשה „קאָוו־באָיען". די פוכיק־רונדע באַקן זענען באַהויכט מיט אַ שאָטן פון קוטשעראַווע בערדעלעך. שמואל דערקלערט מיר, אַז די יינגלעך האָבן זיך פאַרלאָזט די בערדלעך „אַ לאַ נגב־מויז", נישט פאַר פרומקייט, נאָר דערפאַר, וואָס זיי קלויבן זיך באַלד נאָך שניט „איינרוקן" אין מיליטער. אַ מאָדע אַזאַ, אַ סימן, אַז זיי זענען — לויט אונדזער אַמאָליק לשון פון גאַליציע — „אַסענטירטע".

דאָס איז דאָס צווייטע דור פון קבוצת שילר — ב נ י ם! די טאַטעס מיט די מאַמעס זענען שטאָלץ דערויף, וואָס די קינדער פון אָט דעם קיבוץ בלייבן ס׳רוב ביי דער ווירטשאַפט. צום מיליטער־דינסט גייען דאָך, אגב, אויך די טעכטער. נאָר דאָס בין איך שוין נישט דערגאַנגען, צי פאַראַדירן אויך די מיידלעך אַרום ספּעציעל אָנגעטון אָדער פאַרקעמט פאַרן „איינרוקן" צום מיליטער־דינסט.

אַוואָקאַדאָס און באָקסער־ביימער

געענדיקט די „אינספּעקציע" פון די קי־ און הינער־שטאַלן, גיט מיר שמואל צו פאַרשטיין, אַז דער עיקר־יסוד פון דער קבוצת־שילר־עקאָנאָמיע זענען ביים היינטיקן טאָג נישט אַזוי פיל די בעלי־חיים, ווי די פלאַנטאַציעס. 200 דונאַם פּרדס און באַנאַנעס, 50 דונאַם טרויבן און קודם כל די, אין ישראל נייע, סובטראָפּישע פרוכט אַוואָקאַדאָ. שמואל דערציילט מיר וועגן די עקספּערימענטן, וואָס ווערן געמאַכט אין קבוצת שילר צוצופּאַסן די נייע פרוכט־קולטור צו די קלימאַטישע און באָדנ־אַרטיקע באַדינגונגען פון לאַנד. פריוואַטע ווירטשאַפטן קאָנען זיך אַזעלכע עקספּערימענטן נישט דערלויבן. די פּרוּוון פון אַקלימאַטיזירן די אַוואָקאַדאָ

האָבן געדויערט יאָרן. איצט האָט מען שוין אויסגעהאָדעוועט אַ מין, וואָס קאָן געדייען אין ישראל. איצט ווערט שוין אין פאַרשידענע ווירטשאַפטן פאַרגרעסערט דער שטח פון די אַוואָקאַדאָ־סעדער. מיט דער צייט וועט אפשר די אַוואָקאַדאָ ווערן אַן אַרטיקל פון עקספּאָרט.

אין קבוצת שילר זענען אויך פאַראַן אַ פּאָר צענדליק דונאַם פאַרשידענע מיני פלוימען און אַ פּאָר צענדליק דונאַם באַקסער־ביימער. די באַקסער־פּלאַנטאַציעס קאַלקולירן זיך נישט איבעריק גוט. זיי ווערן אָבער דאָ געהאָדעוועט לויט דעם ווונטש פון דער רעגירונג, ווייל זייערע קערלעך אַנטהאַלטן אַ סך „חלבונים" — אַלבומינאַזן — וואָס זענען נייטיק אַלס צומיש צו דער בעלי־חיים־שפּייז.

פאַרן אומקערן זיך אין רעוויר פון די וווינונגען, ווייזן מיר נאָך שמואל און צבי דעם שטאַלץ פון דער קיבוץ־יוגנט — דעם גאַראַזש מיט די מאַשינען. פאַראַן אַן אייגענער קאָמביין, 3 טראַקטאָרן, 3 לאַסט־מאַשינען, אַ פּרעס־מאַשין צום קאָנסערווירן פאַשע און נאָך אַ צאָל אַנדערע, קלענערע מאַשינען, וואָס איך קאָן צו מאָל נישט נאָכזאָגן זייערע נעמען.

אַלס פרוי און בעל־הביתטע, פרעג איך זיך נאָך אויף דער קיך, און די צוויי ברידער פירן מיך אַריין אין דער העכסט מאָדערנער, אין גאַנצן עלעקטריפיצירטער קיך־פאַבריק, צו וועלכער עס געהער אויך אַ מאָדערנע מעכאַנישע בעקעריי.

ביים שניידן ברויט און טיילן עסן איז היינט באַשעפטיקט צביס פרוי נ ע מ י. זי שטאַמט פון דייטשלאַנד — אַן אַנדער לאַנד, אַן אַנדער וועלט. מאָרגן אַרבעט זי אין קינדער־הויז, און מאָרגן וועל איך קאָנען זען דאָס מלכות פון די קליינע.

גאַליצישע קולטור־רעמיניסצענצן

ביים ראַנד פון וועג, וואָס פירט צום שיכון הוותיקים, שטייען צוויי טראָפּישע ביימער. איינער פון זיי גליט אין פייער־געל, דער צווייטער איז אָפּגעשיט מיט לילאַ־בליאונג, ווי אין אַ חלום־שלייער איינגעהילט. ערגעץ אַנדערש וואָלטן זיי געווען געצערטלטע אינספּעקטן־פּלאַנצן, דאָ זענען זיי גרויסע ביימער. דיביידע „עצי־נוי" — די צירונגס־ביימער — עפענען אַ קליינע אַלייע, וואָס פירט צום בינענשטאָק־הויז. אין דעם הויז געפינט זיך די ביבליאָטעק און דאָס לייען־צימער פון דעם קיבוץ. אויף די ווענט הענגען בילדער־רעפּראָדוקציעס פון באַרימטע מאָלער. אין אַ צווייטן צימער זעט מען אויך אַ גרויסע לייוונט, וועלכע איז נישט קיין רעפּראָ־

דוקציע, נאָר אַן אָריגינעל בילד פון דעם באַרימטן מאָלער מ ו י ר י צ י ג א ָ ט ל י ב. ווי באַוווּסט, האָט ער געשטאַמט פון גאַליציע און דאָס בילד — אַ קאָמפּאָזיציע פון דריי פרויען ביי אַ ברונעם — האָט קבוצת שילר באַקומען אַ מתנה פון די יורשים.

דער המשך פון קאָרידאָר אין בינענשטאָק־הויז פירט אויף אַ לענגלעכער טעראַסע, וואָס איז אויסגעלייגט מיט ברוינע שטיין־פּלאַטן און אַרומגעפלאָכטן מיט אַ ראָם פון קלעטער־בלעטער. אַנטקעגנאיבער געפינען זיך שורות שטיינערנע טרעפּ און ווייטער שפּרייט זיך אויס אַ גרויסער גראָז־פּלאַץ. די דאָזיקע טעראַסע איז אַ בינע. די טרעפּ מיטן גראָז־פּלאַץ דינען אַלס זיץ־ערטער פאַר דעם פּובליקום, ווען עס קומט אַהערצו מיט אַ פאָרשטעלונג איינער פון די תל־אביבער טעאַטערס. אַלס אַ צווייטער, גרעסערער פּלאַץ פאַר טעאַטער־פאָרשטעלונגען און פאַר פאַרזאַמלונגען — דינט דעם קיבוץ דאָס גרויסע פּאַקהויז זיינס פאַר ציטרוס־פּרוכטן.

מיין באַזוך פאַלט אויס נישט לאַנג נאָך פּסח. זעט מען נאָך דאָ אויף די ווענט די „פרעסקן", וואָס זענען דאָ פאַרבליבן פון דער סדר־נאַכט. די געמעלן שטעלן פאָר סצענעס פון יציאת מצרים, געמאָלן דורך די לערער און די שילער פון קיבוץ. די מאַראַנצן־קעסטלעך און די פּאַק־טישן אונטער די ווענט זענען די עדות.

פאַרוואָס דאָס קולטור־הויז הייסט בית־בינענשטוק — דאַרף מען מיר נישט דערקלערן. ווען איך בין אָנגעקומען קיין לעמבערג, האָט שוין דער מאַרקאַנטער ליטעראַטור־לערער פון דער יידישער גימנאַזיע — דער טאַלאַנטפולער פּובליציסט און קונסט־קריטיקער — נישט מער געלעבט. זיין זכר, זיין השפעה אויף אַלע די, וואָס האָבן אים געקענט פּערזענלעך, איז אָבער נישט געוואָרן אויסגעוועפּט ביז היינט. אויך זיין געשטאַלט האָט געפונען אַ תקון אין גאַליציאַנער קיבוץ.

דער בויער און פּאַטראָן פון הויז איז דער באַקאַנטער בויער פון הייזער און שיכונים פאַר כל ישראל — ז ע ל י ק ל ו ב י א ַ נ י ק ע ר — איינער פון די חלוצים און גרינדער פון קבוצת שילר. איצט — הער איך — רוט ער נישט, וויל אויפשטעלן נאָך איין מצבה פון דעם מין אין קיבוץ אויפן נאָמען פון ד"ר אברהם זילבערשיין, דעם ציוניסטישן עסקן און טוער פאַר פּראָפעסיאָנעלער בילדונג און קאָאָפּעראַציע. אויך ער האָט געשטאַמט פון דער שטאָט בוטשאַטש אין אונדזער קאַנט.

מקורבים פון דער יידישער ליטעראַטור

און אַזוי אויף טריט און שריט — רעמיניסצענצן פון אונדזער יחוס, פון אונדזער אונטערגעגאַנגענעם שטאַם. פאַראַן בנינים און פאַראַנען לעבעדיקע עדות. אָט באַקען איך זיך מיט נאָך מענטשן, וואָס טראָגן אין זייערע הערצער די לעבעדיקע טראַדיציע פון גאַליציאַנער יידישן שאַפן און דווקא נישט בלויז פון דער סביבה פון גימנאַזיעס און דאָקטוירים. פאַראַנען דאָ איינער אַזאַ היימישער ייד מיטן נאָמען מ א י ר, אַ לייענער און פּאַטריאָט פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז אויסגעקאָכט מיט פאַרשידענע יידישע שרייבער פון גאַליציע. און נאָך איין נאָענטער יידישער ייד איז דאָ פאַראַנען, הייסט ער מ ע נ ד ל, און נאָך איינער אַזאַ, וואָס איז אַ זון פון אַ רבנישער משפחה אין שטעטעלע מילניצע, אַ לייבלעכער קרוב פון אונדזער אייגענעם רבישן אייניקל, דעם דיכטער י ע ק ב פ ר י ד מ אַ ן.

איך הער אין מויל פון דעם רבנישן קיבוצניק די האַרטע, מילניצער „ריישן". איך פיל דעם דרוק פון זיין האַרטער און ברייטער, גאַרנישט רבנישער, פויערישער האַנט.

געשטאַלטן פון אַ חורבן־בוך

נישט ווייט פון דעם קולטור־הויז געפינט זיך אַ קליינער ספּאָרט־פּלאַץ מיט אַ שווים־באַסיין. אַרום רוישט אַ מחנה קלענערע און גרעסערע, געזונטע, שיינע קינדער — ווי אַ טשאַטע פייגל אין פאַרנאַכט. אין אַ ווינקל, אונטערן פענצטער זעט מען אַ „פּאָרל" — אַן אונטערגעוואַקסן יינגל מיט אַ מיידל. כמעט גלייך אָנגעטון, אין קורצע, בלויע „אתא"־הויזן — זיצן זיי נאָך דער אַרבעט, אַריינגעטון אפשר אין זייער ערשטן „פלירט". דורך איין פענצטער זעט מען קיבוצניקעס נאָך דער אַרבעט לייענען צייטונגען. פון דעם גאַניק אַרום קינדער־הויז לויפט אַן אַ נייע כוואַליע קלענערע קינדער, וואָס האָבן, זעט אויס, גראָד איצט פאַר־ענדיקט זייער אָוונט־ברויט, בוכען אַריין אין דער פאַרטיפונג אַרום שווים־באַסיין.

אָבער אָט לאָזן זיך הערן אַנדערע קלאַנגען. גאָר נישט קינדיש, גאָר נישט דילעטאַנטיש שווימען אין שמעקנדיקן אָוונט די טענער פון אַ בעטהאָווען־סאָנאַטע. מיר קוקן אַריין דורכן אָפענעם פענצטער. ביים קלאַוויר פון דעם קולטור־הויז זיצט אַ יונגער בחור, וואָס די שטריכן

פון זיין פנים קומען מיר פאַר ווי באַקאַנט. אמת! דאָס איז דאָך מ אַ נ י ו ש ק ל יי נ מ אַ ן. איך האָב געזען זיין פאָטאָגראַפיע, איך האָב וועגן אים געלייענט אין בוך פון ל ע נ אַ ק י כ ל ע ר „מיינע קינדער". דאָס איז איינער פון די 30 געראַטעוועטע קינדער, וואָס זענען געוואָרן אויפגענומען דורך דעם קיבוץ. איינער פון די 100 יתומים פון חורבן פוילן, וואָס לענאַ האָט געבראַכט קיין ישראל פון דעם יתומים־הויז אין זאַקאָפּאַנע. די קלענערע זענען געוואָרן אַדאָפּטירט דורך איינצלנע משפחות, די גרע־סערע — דורכן גאַנצן קיבוץ. מאַניוש האָט נאָך אין פוילן אַרויסגעוויזן טאַלאַנט צו מוזיק.

אויך ד י נ ה ל ע — דאָס קינד, וואָס שמואל און אסתר האָבן אַדאָפּטירט, איז מיר באַקאַנט פון בוך. דאָרטן הייסט זי נאָך מיט איר אַרישן נאָמען, ד ז י ו נ י אַ. פון איר יידישער פאַרגאַנגענהייט איז באַ־וווסט נאָר דאָס, אַז אירע עלטערן האָבן געהייסן ציפּער און אַז זייער הויז האָט זיך געפונען אויף זיעלאַנאַ־גאַס. זי האָט איבערגעלעבט די מלחמה אין אַ סביבה פון אָרעמע קריסטן, דורכגעמאַכט אַ שווערן גורל. פון וועלכע ציפּערס קאָן זי זיין? פון די, וואָס האָבן געהאַט אַ יובעליר־געשעפט אין רינגפּלאַץ, צי גאָר פון די, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן דעם פּראָמינענטן ציוניסט און זשורנאַליסט, ד"ר גרשון ציפּער?

פון וועלכער פון אָט די צוויי לעמבערגער משפחות קומט דינהלע אַרויס?

וואָס איז דאָס וויכטיק? זי קומט אַרויס פון דעם תהום, אין וועלכן עס האָט זיך אַוועקגעקייקלט דער גייסטרייכער, שעפערישער שבט פון גאַלי־ציאַנער יידנטום. אַ ניצוץ טרויער איז געבליבן הענגען, ווי אַ טונקעלער שאָטן אויף די שוואַרצע, לאַנגע וויעס אַרום די בלויע אויגן. דינהלע טיילט זיך אויס נעבן די צוויי שיינע סאַברע־שוועסטערס אירע — יהודית און נאוה. נאוה — די שוואַרץ־חנעוודיקע, ווי עס שטייט אין שיר השירים...

צווישן די בלומען, אַרום שמואל און אסתרס שטוב אין שיכון הוותיקים, זענען פאַראַן סיי סובטראָפּישע געוויקסן, סיי אַזעלכע, וואָס מען פלעגט זיי זען אין פויערישע גערטלעך אין די גאַליציאַנער דערפער. נישט מער, דאָ איז די בליאונג זייערע מער קרעפטיק, דער ריח שטאַרקער, פאַרבּ־טיקער די פאַרבן. אין יהודיתס און נאוהס אויגן לאַכט הייס די זון; אין דינהס אויגן שאָטנט זיך אַ טרויער.

דאָס יינגסטע ברודערל, גערשעלע, גייט אויס נאָך איר.

1954

24. נתניה — אַ שטאָט מיט השגות

ישראלדיקע פּראָווינץ

איידער איך בין געקומען קיין ישראל, האָב איך געוווסט, אַז דאָ זענען פאַראַן עטלעכע גרעסערע שטעט און פּאַרטן, קיבוצים, מושבי עובדים און פון די פריערדיקע צייטן — „קאָלאָניעס" — מושבות. ערשט דאָ, אויפן אָרט, בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז אין ישראל איז אויך פאַראַן — פּראָווינץ: קלענערע שטעט און שטעטלעך, מיט בירגערמייסטערס, מיט אַ קאָנקורענץ צווישן בירגערמייסטערס. און אַזוי ווי איך בין דאָ געקומען אויף שטענדיק, נישט אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד אין די גרויסע טוריסטן־קאַרן, מיט וועלכע מען קאָן איינשלינגען די געאָגראַפיע פון דער מדינה אין משך פון געציילטע טעג — האָט זיך געמאַכט, אַז, למשל, אַזאַ „פּראָווינץ־שטאָט" ווי נתניה, סך־הכל אַ האַלבע שעה וועג מיטן נייעם כביש פון תל־אביב, איז מיר אויסגעקומען צו זען כמעט צום ערשטן מאָל, ערשט נאָך צוויי יאָר זיין אין ישראל.

כמעט — ווייל איך בין שוין אַ פּאָר מאָל אַדורכגעפאָרן דאָרט־אַרום קיין חיפה. איין מאָל בין איך דאָ אַפילו אָפּגעשטעלט פון אַ פּריוואַט־אויטאָ און פון אַ וווּנדערשיינעם פּאַרק־ווינקל אויפן הויכן ברעג, געכאַפּט אַ קוק אַראָפּ אין דער נידער אויפן ים.

אויף דעם ים, וואָס איז אין דער ראָם פון נתניה אַזוי טיף און טונקל־בלוי, ווי דער פּליסנדיק מעטאַלענער און גראַנאַטענער קלאַנג — דער נאָמען אירער — נאַ־טאַנ־יאַ!

אַ לאַ פּאַריז

אַז מען קומט אָן פון תל־אביב מיטן אויטאָבוס פון „אגד" אין צענטער פון נתניה, דערקענט מען תיכף, אַז דאָס איז אַ שטאָט מיט השגות. אַ רחבותדיקער רונדער פּלאַץ מיט גראָז־ און בלומען־שטחים און מיט אַזאַ הויך־פּאַרשפּיצטן עמוד אין דער מיט, וואָס מעג איינשטיין אין פּאַריז. גאַנץ ברייטע, גלענצנד ברוקירטע טראָטואַרן לענגאויס אַ ברייטן,

שוואַרץ־געשפּיגלטן שאָסיי, און פון ביידע זייטן 5־ ביז 6־שטאָקיקע הייזער! אַ פאַרנעם — תל־אביב מעג זיך באַהאַלטן! דאָס האָט נישט דערצו, וואָס אָט די פּרעטענסיאָנעלע שטאָט איז אַלט — מיין בלוט — סך הכל 23 יאָר.

און אפשר האָט דאָס דווקא יאָ דערצו? ווייל וואָס יינגער אַ שטאָט איז, אויף אַלץ מאָדערנערע מוסטערן פאַרקוקט זי זיך. און וואַקסן וואַקסט נתניה אין אַ בפירוש אַמעריקאַנער — אָדער פאַרוואָס טאַקע נישט ישראל־דיקן — טעמפּאָ. אַלנפאַלס, קלינגט עס שטאַרק אין ישראלדיקן נוסח, ווען מען הערט דאָ פון מענטשן, אַז, למשל, אויף דעם אָרט, וווּ עס שטרעקט זיך איצט מאַיעסטעטיש — ווי אַ הויכע פילם־דיוואַ אין אַן אָוונט־טואַלעט מיט טרעפּ־פאַלדן ביז די קני — דאָס נייע קינאָ, איז ערשט מיט צוויי יאָר צוריק געווען אַ באַרג מיט זאַמד... דאָס זעלבע הערט מען וועגן אַ צווייטן און אַ דריטן שיינעם בנין מיט צוויי פראָנטן, מיט פאַררונדיקטע קאַנטורן, מיט ריזן־שויפענצטער פון מאַגאַזינען, מיט מאַרמאַר־באַזוימטע אַריינגאַנגען צו באַנק־פיליעס, מיט שטאַרקע נעאָן־ליכטער אין אָוונט, אַן וועלכע מען וואָלט זיך, אגב, לויט מיין מיינונג, דורכויס געקאָנט באַגיין.

וויפל איינוווינער פאַרמאָגט נתניה?

— אַ סברה, אַז מיר האָבן אויסגעביטן דאָס פערטע צענערל — ענטפערט מיר אַ תושב פון מיין אייגענעם עליה־יאָרגאַנג. דאָס מיינט, אַז די שטאָט האָט איבערגעשטיגן די צאָל פון 30.000 איינוווינער און עס גייט איר אויפן פערטן צענדליק.

כדי מיין תל־אביב זאָל מיר אָבער נישט פאַרשעמט בלייבן, וויל איך באַמערקן, אַז אַ פּאָר גאַסן און פלעצער אין צענטער מעגן טאַקע דאָ און דאָרט אויסזען גאַנץ אימפּאָזאַנט, איבער די פּרעכטיקע אַספאַלט־וועגן שטראָמט דאָ אָבער נישט אַזאַ באַוועגונג, ווי אין תל־אביב. פאַראַן מאָמענטן, ווען איבער דער העכסט מאָדערנער נתניהער „עוועניו" וואָלטן הינער דרייסט געקאָנט שפּאַצירן אַהין און צוריק און קיין פעדער וואָלט זיי נישט אַראָפּ פון קאָפּ...

די „אזורים"

אין דער געאָגראַפיע פון ישראל איז אָבער נתניה רעפּרעזענטירט נישט אַזוי פיל מיט די אַספאַלטן פון איר צענטער און אויך נישט — דער עיקר — מיט דער פּליאַזשע, וואָס ציט צו זומער גרויסע מחנות

אורליוו־פאַרבערענגער. נתניה שניידט זיך אויף אַן אינדוסטריע־צענטער. פאַראַן דאָ דריי אינדוסטריע־קוואַרטאַלן, אין זיי פאַרשידענע פאַבריקן — אַ גאַרבעריי פון לעדער און אַ פאַבריק פון עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס איז אַ פיליע פון דער האָלענדישער וועלט־פירמע „פיליפּס״. פאַראַן אַ פאַבריק פון קעראַמישע אויסאַרבעטונגען, אַ גרויסע מיל, אַ ביר־ברויער, גרויסע מעכאַנישע ברויט־בעקערייען, וואָס באַדינען די גאַנצע געגנט. פאַראַנען נאָך אַנדערע פאַבריקן און וואַרשטאַטן, און קינד און קייט ווייסט דאָ צו רעדן וועגן די אינדוסטריעלע „אזורים״. צווישן אַנדערן האָט אַהער איינגעוואַנדערט אַ גרעסערע גרופּע פאַבריקאַנטן און פאַכלייט פון דעם אַנטווערפּענער דיאַמאַנטן־צענטער, אין וועלכן יידן זענען פאַר דער מלחמה געווען צאָלרייך פאַרטרעטן. זיי האָבן געשאַפן אין נתניה אַן ערנסטן פונקט פון דיאַמאַנטן־שלייפעריי. זיי האָבן אויסספּעציאַליזירט אין דער מלאכה אַ סך עולים פון די מזרח־עדות, באַקומען צוגעטיילט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן דיאַמאַנטן־פאַרבאַנד אַ קוואַנטום רוי־שטיינער און פּראָ־דוצירן אויס פון זיי סיי שמוק־בריליאַנטן, סיי דימענטן פאַר טעכנישע צוועקן. די דימענטן פאַרנעמען, נעבן די ציטרוס־פּרוכטן, אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דעם ישראל־עקספּאָרט.

שכונות

אויך מיט די דיאַמאַנטן־שליפערייען און מיט די אַנדערע אונטערנע־מונגען, וואָס גייען אַריין אין באַגריף פון אַן אינדוסטריעלן צענטער אין ישראלדיקן מאַסשטאַב, איז נאָך אָבער דער פאַרנעם פון נתניה נישט אויסגעשעפּט. פאַראַן די צאָלרייכע שכונות און שיכונים, וואָס האָבן זיך אין אַ ברייטן — אַ טייל האַלטן, אַז פון שטאַנדפּונקט פון שטאָט־פּלאַנירונג, צו ברייטן — קרייז פונאַנדערגעשפּרייט איבער דעם מילד־געפּעלבטן ים־ברעג אַרום נתניה.

דאָס אויסזען פון די שכונות און זייער בוי־טעכנישער ניווא איז זייער פאַרשידן. פאַראַן פאַרטער־הייזער און שטאָקיקע הייזער; הייזער געגאָסענע פון בעטאָן און געמויערטע פון ציגל; אַפילו געצימערטע פון האָלץ. פאַראַן הייזער מיט רויטע ציגל־דעכער און מיט געגאָסענע דעכער; מיט טעראַסן אָדער באַלקאָנען און אַנדערע, וואָס זעען אויס ווי פּירעקיקע פּודעלעך, איינגעשלאָסענע אין זיך. דאָס פּאָזיטיווסטע דערביי איז דער פאַקט, וואָס אין אַ טייל אירן איז נתניה דורכויס אַ גאַרטן־שטאָט.

אַרום יעדן הייזל, אָדער וווין־בלאָק, געפינט זיך אַ באַוואַסערטער באָדן־שטח מיט בייטן ירקות אָדער בלומען, ס׳רוב אויך שוין מיט גרעסערע אָדער קלענערע ביימער, וואָס שטאַרצן אַרויס פון זייערע וואַסער־„טעלער״ און שטריקן אַרום די יונגע ישובים מיט די צאַרטע מוסטערן פון זייער יונגן בלעטערוואַרג.

אַ לעקציע געשיכטע

אין דער געשיכטע פון די שכונות און שיכונים חזרט זיך איבער אַ שטיק יידישע, אפילו אויך אַלגעמיין־אייראָפּעישע געשיכטע פון די לעצטע 20 יאָר.

— אָט דאָס — זאָגט מען מיר — איז אַ שיכון פון דייטשע יידן, וועלכע האָבן אָהער איינגעוואַנדערט נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט. און דאָס איז אַ שיכון פון טשעכישע יידן, וואָס האָבן עולה געווען שוין אין יאָר פון מלחמה־אויסברוך, אַ פּאָר חדשים נאָכן באַזעצן פונעם סודעטן־לאַנד.

די שכונות הייסן פאַרשידענע שיינע נעמען, ווי אַ שטייגער ע י ן ה ת כ ל ת — דאָס הימל־בלויע אויג, ח ב צ ל ת ה ש ר ו ן — די ליליע פון שרון, וועלכע איז דאָ סיי אַ רעמיניסצענץ פון שיר השירים, סיי אַ באָטאַניש־געאָגראַפישע רעאַליטעט.

פאַראַן אַ זעלבשטענדיקער ישוב, געגרינדעט דורך וועטעראַנען פון דעם יידישן לעגיאָן און געוועזענע סאָלדאַטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה: א ב י ח י ל; פאַראַן אַן אַרבעטער־קוואַרטאַל נ ו ה ע ב ו ד ה, פאַראַן אַ ש כ ו ן מ ז ר ח י, אַ מ ח נ ה נ ו פ ש און פאַראַן — איינער פון די יינגסטע — דער שיכון „עמידר״ מיט 96 הייזלעך פון ציגל און מיט 70 גרין־געפאַרבטע שוועדישע הייזלעך פון האָלץ. די דאָזיקע הייזלעך זענען אויפגעשטעלט געוואָרן מיט קנאַפּע דריי יאָר צוריק און האָבן די פעלערן פון יענער פריער תקופה פון דער „עמידר״־בויאונג. נישטאָ צווישן די שורות הייזער קיין אייגנטלעכע גאַסן, נאָר שמאָלע דורכגאַנגען. די דירות גופא זענען קליינע און אינעווייניק ערגער פונאַנדערפלאַנירטע פון די שפּעטער געבויטע עמידרישע שכוני עולים אין דער געגנט פון תל־אביב.

דאָס שפּיצל, וואָס נתן שטראָוס האָט אָפּגעטאָן בן עמי׳ן

דער נאָמען פון דער שטאָט גופא איז אַ טעמע פון אַן אַנעקדאָט.

מען דערציילט, אַז אין זיין פלאַמיקן שטרעבן צו שאַפן פאַר דער נייער שטאָט ברייטע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, האָט דער ראש פון די

גרינדער און דער שפּעטערדיקער ראש העיר פון נתניה, בן עמי געּ־פּרוּווט, צווישן אַנדערן, ווערבירן גרעסערע קאַפּיטאַלן ביים באַקאַנטן פילאַנטראָפּ נתן שטראַוס. אויף זיין נאָמען איז אָנגערופן געוואָרן די שטאָט. לויט דעם אַנעקדאָט, האָט זיך אָבער נתן שטראַוס נישט צו פיל איבערגענומען מיט דעם כבוד, וואָס מען האָט אים אָנגעטון, און ווען עס איז געקומען צום אינוועסטירן די קאַפּיטאַלן, האָט בן עמי געמוזט פאָרן זוכן אַנדערע נגידים...

וואָרעם אַזאַ איז דער נוסח פון די פּראָווינץ־שטעט אין ישראל. אויב אַ בירגערמייסטער איז אַן אויפטוער און וויל פאַרגרעסערן זיין „כרך", לאָזט ער זיך אַרויס, ווי די אַמאָליקע ארץ־ישראל־יידן, אין די גלות־לענ־דער צונויפנעמען געלט. נישט מער, אַנשטאָט צו פאַרקויפן די גלות־יידן זעקלעך מיט ארץ־ישראל־ערד, פאַרקויפט ער זיי גאַנצע פאַרצעלעס ארץ־ישראל־באָדן; אַנשטאָט צו ברענגען פון דאָרט מטבעות, ברענגט ער צו פירן אַהער אַ ביסל יידן גופא, איניינעם מיט די מטבעות, מיט בוי־מאַטעריאַלן, מיט אינסטאַלאַציעס און זייער אָפט נאָך מיט אַ פאַרטיק פאַבריקל און מיט אַ פריוואַט־אויטאָ דערצו.

אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען אין נתניה די שכונה פרדס הגדוד.

1952

25. פרדס־הגדוד — אַ שכונה פון בעלגישע עמך־גבירים

רקודה׳ן — אַ דערמאָנונג

עלעהיי אין אַטוואַצק

אויך דאָס, אַז אַחוץ אויסגעשפּראָכענע קורערטער, ווי, למשל, טבריה, אָדער צפת, זאָלן אין ישראל עקזיסטירן דאַטשע־ווינקלען מיט פּענסיאָנאַטן, מיט צימערן צום פאַרדינגען אויפן זומער, מיטן גאַנצן אָפּרו־שטייגער פון „דאָרט" און פון אַמאָל — האָט מען זיך פאַרן קומען אין לאַנד נישט פאָרגעשטעלט.

איבער אַ זאַמדיקן וועג — דורך אַ סאָסנע־וועלדל, וואָס שמעקט אין דער זון מיט זשיוויצע, אַקוראַט, ווי אין אַטוואַצק, ביי וואַרשע — קומט מען אָן אין אַ פּענסיאָנאַט, וואָס שטייט באַהאַלטן צווישןביימער. אַ דריי־גאָרנדיק, גרויס הויז מיט טרעפּ און טרעפּעלעך פון אַלע זייטן, מיט באַלקאָנען, מיט טעראַסן. אַרום דעם הויז שטרעקן זיך זאַפטיק־גרינע גראָז־פּלעצער מיט אויפגעשטעלטע רו־שטולן, מיט קאָלירטע לייוונט־שירעמס, אויסגעשפּאַנטע איבער טישלעך. אַ קליינער פּלאַץ פאַר ספּאָרט־שפּילן, אַ פּאַרקעט צום טאַנצן ביים ליכט פון קאָלירטע לאַמפּיאָנען אונטערן פרייען הימל און נאָך אַ ריי זאַכן, וואָס שמעקן שוין אייגנטלעך נישט מיט אַטוואַצק, נאָר מיט — ניצאַ.

און פאַרוואָס טאַקע נישט? פאַראַן יידן, וועלכע האַלטן, אַז מיט דער צייט וועט דער „בלויער־ברעג" פון ישראל זיך דרייסט קאָנען פאַרמעסטן מיטן „לאַזור־ברעג" פון דער ריוויערא, וואָס אויפן צווייטן ראַנד פון דעם זעלביקן מיטללענדישן ים. דער ים איז דאָ נישט ווינציקער וואַרעם. די צאָל זוניקע טעג אין משך פונעם יאָר איז ביי אונדז אַ גרעסערע.

די מעבל, די כלים, די כלערליי נייעסטע קאָמפאָרט־אינסטאַלאַציעס אין פּענסיאָנאַט, זענען שפּאָגל־ניי. די גאַנצע איינריכטונג, אַפילו די בוי־מאַטעריאַלן פון די אייזערנע באַלקנס, ביז דעם מינדסטן שרייפעלע — זענען געבראַכט געוואָרן פון בעלגיע. עס איז דאָס ערשטע יאָר וואָס דער

פענסיאָנאַט עקזיסטירט, און די בעלי־בתים באַדינען דערווייל אַליין די געסט.

דאָס זיבן־יאָריקע טעכטערל פון די אייגנטימער איז אַ קליינע פּאָלי־גלאָטין. זי טראָגט זיך נאָך אַרום מיט אַ פראַנצויזיש קינדער־ביכל. מיט דער מאַמע רעדט זי יידיש, מיט די געסט — עברית. דער טאַטע טראָגט אויפן אָרעם אויסטאַטואירט אַ נומער פון אוישוויץ.

מעשה פראַנצויזישע רענטיערן

נישט בלויז דער פענסיאָנאַט „עלית" איז אַזוי ווי ער שטייט און גייט אימפּאָרטירט געוואָרן פון בעלגיע. אַחוץ פאַר אורלויב־פאַרברענגער פון אַנדערע אָרטשאַפטן, דינט ער אַלס קאַפע און פאַרווייַלונגס־צענטער פאַר דעם גאַנצן ווינקל נתניה, וואָס הייסט פּרדס הגדוד, ווייל ער איז אויפ־געשטעלט געוואָרן אויפן שטח פון דעם אויסגעקאָרטשעוועטן שותפותדיקן פּרדס, וועלכן עס האָבן דאָ מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק געהאַט פאַר־פלאַנצט אַ גרופּע געוועזענע קאָמבאַטאַנטן פון דעם יידישן לעגיאָן, וואָס האָבן געקעמפט פאַרן באַפרייען ארץ־ישראל פון טערקישן יאָך בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. איצט האָבן באַזעצט דעם שטח די בעלגישע יידן מיט קאַפּיטאַל, וואָס בן עמי האָט ווערבירט, צו אינוועסטירן דאָ זייערע פאַרמעגנס.

די ווילעס זענען געבויט אַלע אין איין סטיל. אַרומגערינגלט מיט גוט געפלעגטע גראָז־ און בלומען־פּלעצער און מיט סעדלעך אויבסט־ביימער. נעבן די הייזער זעט מען גאַראַזשן און די אויטאָס רוקן זיך גלאַטיק־שטיל איבער די גלענצנד אַספאַלטירטע וועגן צווישן די עלעגאַנט אַרומגעצוימ־טע גרוימע רעזידענצן. אָט פונקט אַזוי, ווי עס שטייט געשריבן און געמאָלן אין פראַנצויזישע רייזע־פּראָספּעקטן; אָט פונקט אַזוי, ווי מען קאָן זען אויף אַ באַזוך אין פראַנקרייך און אין בעלגיע — אין די עמעריטן־ און רענטיערן־צענטערס פון דער דאָרטיקער „פּראָווינץ".

דער רוב פון די יידן, וועלכע האָבן זיך דאָ אויפגעבויט זייערע ווילעס, זענען אייגנטימער פון דימענט־שלייפערייען און פון אַנדערע פאַבריקן, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן אין נתניה פאַר בעלגיש־יידישן קאַפּיטאַל. אַ טעות איז אָבער צו מיינען, אַז די עשירות פון אָט די מענטשן דאַטירט זיך פון דור־דורות. אַ פּרעכטיק, געזונט און ספּאָרט־מעסיק אויסזען האָט בלויז די יוגנט. די מענער און פרויען אין די מיטעלע יאָרן, וועלכע מען

זעט אין פאַרבייגיין אויף די רחבותדיקע טעראַסן, האָבן נישט זעלטן אויסגעהאָרעוועטע, אויסגעדאַגהטע פּנימער און דעם געשטעל פון פּראָסטע עמך־יידן. אַ סך פון זיי האָבן די צווייטע וועלט־מלחמה אַדורכגעמאַכט אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. אויך זיי האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון דעפּאָרטאַציעס, סעלעקציעס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אַנדערע האָבן אין בעלגיע, צי אַנדערשוווּ, מיטגעמאַכט באַהעלטענישן, אָפּקומענישן און סכנות, לויט דעם אַ ביסל גרינגערן נוסח פון מערב־אייראָפּע.

איז אויך פאַר זיי, פּונקט ווי פאַר אונדז פון מזרח־אייראָפּע, דאָס באַזעצן זיך אין לאַנד ישראל אַן אַנטשפּאַנונג און באַרואיקונג, אַ יידישע טרייסט. עקאָנאָמיש איז די בעלגישע שארית הפליטה אַוועקגעשטעלט בעסער פון אונדז. זעט מען טאַקע, אין פאַרבייגיין, ווי אַ טייל פון זיי דרייען זיך אַרום אין גרויסע, שטרויענע היט איבער די סטעזשקעס פון זייערע בלומען־גערטנער; ווי זיי שערן אונטער די צווייגן מיט גרויסע גערטנער־שערן; ווי זיי שניידן אָן בוקעטן רויזן. מען זעט, ווי נישט נאָר די הייזער אוןביימער, נאָר אויך די דורכן גורל אָנגעצייכנטע געשטאַלטן שטראַלן אויס פון זיך אַ דינעם הויך פון שלווה און פון זיכערקייט.

שבת פאַרנאַכט

איך בין אַהער געקומען אויף אַ באַזוך צו דער דיכטערין ר ק ו ד ה פּ אָ ט אַ ש פון ירושלים, וועלכע פאַרברענגט אין פּענסיאָן „עלית" איר אורלויב. שבת קומען צו אונדז באַקאַנטע, וואָס וווינען שטענדיק אין נתניה און פאַרנאַכט לאָזן מיר זיך אַרויס צוזאַמען אויף אַ שפּאַציר.

אין מילדע בערגלעך פּעלבלט זיך דער ים־ברעג פון דער ווייטנס. פּאַמעלעך שפּאַנען מיר שכונה־איין שכונה־אויס. מיר שטעלן נאָך אַ מאָל פעסט, ווי פאַלש עס איז דער פּזמון, אַז אין ישראל איז נישטאָ קיין זון־אונטערגאַנג; קיין שקיעה־שפּיל, קיין איבערגאַנג פון טאָג צו נאַכט. וואָס זשע דען איז דאָס פאַרבן־שפּיל, וואָס ברענט זיך איצט פונאַנדער ביים ראַנד פון האָריזאָנט?

*

אַ שעה און מער הענגט דער בין־השמשות איבערן שטח, איבער וועלכן מענטשן באַגלייטן אַרויס די שבתדיקע געסט — דעם שבת

גופא — ווי אַמאָל. מיט פֿאַמעלעכדיקע טריט שפּאַנען די מענטשן, ווי זיי וואָלטן זיך געוויגט אין שקיעה־ליכט, אין אַ פֿאַמעלעכדיקן טאַנץ.

פֿון ווייטן הערט מען (צי הערט מען דאָס באמת?) דאָס שפּילן פֿון אַ פּאַסטעך־פּייפל — אַ ראַדיאָ־פּאַסטאָראַל אַנטקעגן נאַכט. אויף אַ בערגל נעבן אַ שכון־שטוב האָט אַ פֿרומע ציג דערהערט דעם ניגון, מפסיק געווען דאָס קייען, די באָרד אַרויף פֿאַרריסן, זיך טיף פֿאַרטראַכט.

אַ יונגע מאַמע פֿירט אַהיים איר קינד מיטן אַספֿאַלט־וועג. דאָס יינגעלע פֿאָרט קניענדיק, די אָרעמלעך אַרומגעקלאַמערט אַרום אָנלען פֿון דעם וועגעלע, זיין פּנימל געווענדט פֿאָרויס — ערנסט, ווי נאָר דאָס פּנים פֿון אַ קינד קאָן זיין. ברוין און גרויס און שטאַרק פֿאַרוווּנדערט גלאָצן די אויגן זיינע אין דעם אָפּשיין פֿון דער זון, וואָס איז פֿאַרגאַנגען אויפֿן ים.

*

זיידן־ראָזע, לילאַ־רויטע אָפּשייד־שלייערן פֿלאַקערן נאָך לאַנג פֿון ווייט. אַ פֿרוי שטייט אויפֿן דעק פֿון אַ שיף, וואָס שווימט פֿאַמעלעך פֿאַרביי. פֿאַרשווינדט.

אַ פֿליט — אַן איינזאַמער עולה חדש — בלייבט שטיין דער טאָג ביים ברעג. זיין פּנים טונקלט. ער האָט ווידער פֿאַרלוירן אַלץ. צי וועט ער נאָך זען צו מאָרגנס אויפֿפֿלאַמען די זון, אַ יונגע, אויף זיין שוועל?

1952

26. מאה שערים

כמעט שטענדיק הערשט דאָ אַ מין ערב־יום־טוב־שטימונג. איבער דער שמאָלער גאַס מיט די צוויי־ ביז דריי־שטאָקיקע הייזער, באַהאַנגענע מיט אייזערנע באַלקאָנדלעך, שמייען אַ גאַנץ גייענדיק יאָר אַרום יידן, וועלכע זעען אויס, ווי זיי וואָלטן פונקט געגאַנגען דאַווענען; זיך געאיילט צו סליחות; געלאָפן אין מרחץ אַריין, אָדער אויפן גוטן אָרט; ווי זיי וואָלטן געטראָגן ליכט אין שול אַריין.

מ ל ב ו ש י ם

בעקעשעס און זשאַקעטלעך, קאַפּאָטעס און ראַזעווולקעס. באָרד און פּאות זוימען אַרום אַלטע און יונגע פּנימער באַגלייך. אַפילו די, וואָס עס וואַקסן נאָך ביי זיי קיין בערד נישט, גייען שוין אויך מיט פּאות ביז די אַקסלען, וואָס פלאַטערן אַפּיר פון אונטער ברייט־ראַנדיקע שוואַרצע קאַפּע־ליושן. אַפילו די גאַנץ קליינע נאָך — גייען שוין אויך אין לאַנגע בגדים, ווי די רעבטשעקלעך. אַפילו די, וואָס זענען נאָך קיין זיבן יאָר נישט אַלט, זענען שוין באַקליידט מיטן עול פון יידישקייט: מיט לייב־צודעקלעך, מיט טלית־קטנ׳ס, מיט לאַנגע ציציות ביז די קני, מיט יאַרמלקעלעך אויף די קעפּלעך. אָט פונקט אַזוי, ווי די אַמאָליקע חדר־יינגלעך פון שטעטלעך אין די סלאַווישע לענדער — ווי די משהלעך און שלמהלעך, וועגן וועלכע עס האָט געזונגען דער פּאָעט...

דאָרטן, אין יענע שטעטלעך, זענען זיי שוין אַראָפּ פון דער אַרענע, אָבער דאָ שלעפּן זיי אונטער זייערע אָרעמס חומשים און משניותן, טאַסקען אויף זייערע יונגע פּלייצעס אַ גלות, מיט וועלכן די חכמים פון אָט דער וועלט ווילן זיך נישט צעשיידן.

דאָך איז קענטיק, אַז מיר געפינען זיך אין אַן אַנדער וועלט־טייל. צווישן די שוואַרצע און טונקל־גרויע מלבושים, זעט מען דאָ און דאָרט אַ יידן אַן אָנגעטוענעם אין אַ ווייסער קאַפּאָטע, ווי ער וואָלט געשפּאַנט אין מיטן גאַס אַן אָנגעטוענער אין קיטל אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. אַנדערע

יידן גייען נישט אין קיין פאַרנט געקנעפּלטע קאַפּאָטעס, נאָר פּשוט אין קליידער, אין אַזעלכע מיני סאַראַפאַנעס, אויפגענייטע פון אַ ווייסן, אָדער פון אַ געשטרייפטן באַנוול־געוועב.

מיר דערמאָנט זיך דער נישט מקוים־געוואָרענער חלום פון מיין טאַטן, וועלכער האָט נאָכן איבערלייענען הערצלס „אַלטניילאַנד” גערעדט וועגן דעם, אַז אין דער יידישער מדינה וועט אויך פאַר אַזעלכע ווי ער געשאַפן ווערן אַרבעט און אַז ער וועט אויף דער עלטער פאַשען שאָף, אָנגעטון אין אַ פּערקאַלענעם זשאַקעט...

ווי די מאַמעס און די באָבעס

אויך פרויען גייען דאָ אָנגעטון אין פאַרלענגגערטע, געקליבענע קליידער, אין לאַנגע האַלבע רעק און אין בלוזעס מיט לאַנגע אַרבל, וואָס דערמאָנען דורכויס די בגדים פון אונדזערע מאַמעס און באָבעס מיט 40 יאָר צוריק. אויף די גאָלע קעפּ גייען אַ סך פון זיי אַפילו קיין שייטלען נישט, נאָר אויסגעבונדענע „קופּקעס”, אָדער זיידענע טיכלעך, ווי די אַמאָ־ליקע רביצנס. קליינע מיידעלעך פון 5 יאָר, זענען שוין אָנגעטון אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיך געהיט, אַז עס זאָל אויף זיי נישט פאַלן דער חשד פון „פאַרשייטקייט”. גראָבע זאָקן אויף די פיסלעך, לאַנגע אַרבל אויף די הענטלעך. מען וויל זיי באַצייטנס צוגעוויינען צום אָפּהיטן די צניעות. די פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער צניעות ווערט פון דעסטוועגן געפירט מיט מאָדערנע מיטלען. איבער דער ברייט פון דער גאַס זענען אויסגעשפּאַנט טראַנס־פּאַרענטן מיט לאָזונגען פאַר פרויען: בת ישראל, שמרי על צניעות בלבושך — יידישע טאָכטער, היט אָפּ די צניעות אין דיין אָנטון!

און נאָך אַ זאַך האָב איך געזען אין דער געגנט פון מאה שערים, וועגן וועלכער איך האָב אַמאָל געלייענט אין אַ צייטונג. ביי דער סטאַ־ציע פון אויטאָבוס, וואָס שטופּט זיך קוים אַדורך איבער דער שמאָלער גאַס — איז געשטאַנען אַ טאָפּלטער תור: באַזונדער די פרויען, באַזונדער מענער...

ישיבות, שולן, תלמוד־תורה׳ס

אין יעדן צווייטן, דריטן הויז, איז דאָ פאַראַן אַ שול, אָדער אַ שולעכל, אַ קלויז, אַ בית המדרש, אַ חסידיש „שטיבל”. קודם כל איז אָבער אויף טריט און שריט פאַראַן אַ תלמוד־תורה, אָדער אַ ישיבה. וואָרעם מאה

שערים איז נישט נאָר אַן אָרט פון פרומקייט און דאַווענען, נאָר אויך אַ צענטער פון לימוד התורה, און דאָס נישט נאָר פאַר ירושלים. אַחוץ דער גרויסער ישיבה, וואָס הייסט אויפן נאָמען פון דעם גאַנצן קוואַרטאַל — „מאה שערים”, זענען פאַראַן אַ גאַנצע ריי אַנדערע ישיבות — יעדע מיט איר באַזונדערן יחוס, מיט איר זכות אָבות.

די תלמידים פון אָט די ישיבות האָבן, נאָכן פאַרענדיקן די לימודים, קיין דאגה נישט. דאַרף מען אַ שוחט, אַ בעל־תפילה, אַ בעל־קורא, און קודם כל אַ רב, אַ דיין — ביי אונדז אין לאַנד און אויך אין געוויסע, שטאַרק „אָפּגעהיטע” יידישע קהילות אין אַנדערע לענדער — איז מאה שערים אַן אַדרעס. די סאַמע שטאַרקסטע מניעה אין דער עקספּאַנסיע פון אָט דעם פרומקייטס־רעזערוואַט, איז זיין פאַרביסענע קעגנערשאַפט צו דער מדינה.

מזוזות, אתרוגים, חנוכה־לעמפּלעך

אַפילו די געשעפטן, וואָס מען זעט דאָ, האָבן ס'רוב, אַזוי אָדער אַנדערש, אַ שייכות צו עבודת הבורא. ספרים און טליתים, יאַרמלקעס און קערות אויף מצות, טישטעכלעך אויף איבערצודעקן די חלות אויפן שבת־טיש, קידוש־בעכערס און „הדסלעך”, מזוזות און תפילין, פּרוכתן און ספר־תורה־העמדלעך, כתרים און „יד'ן” צו ספרי תורה. אין די שפּייז־געשעפטן, וואָס געפינען זיך אויף אָט די גאַסן, קאָן מען קויפן „כשרע פּוטער” מיט אַ ספּעציעלן הכשר, און אויך די מילך, וואָס ווערט דאָ פאַרקויפט, איז נישט סתם מילך פון דער „תנובה”. אַ ייד מיט באָרד און פאות שטייט גאַנץ פרי מיט קאַנען מילך אין מיטן גאַס און באַלע־באָסטעס לויפן מיט כשרע טעפּלעך נאָך אַ „קוואָרט” מילך...

מען שמועסט, אַז דער עקאָנאָמישער יסוד פאַר דער אומאָפּהענגיקער פּאָליטיק פון מאה שערים זענען די געלטער און פּעקלעך, וואָס קומען אַהער פון פרומע חברות אין אַמעריקע. די יידן, וועלכע וווינען דאָ, זענען אַ רעשט פון די „חלוקה”־יידן, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן דעם ישוב אין משך פון הונדערטער יאָרן. פון די כשרע אַמעריקאַנער פּעקלעך שעפּן די יידן פון מאה שערים זייער חיונה, אָבער זיי אַליין עסן נישט די סחורות פון די פּושקעס. פאַר זיי אַליין זענען די עסנוואַרגן פון די פּושקעס נישט גענוג כשר...

פאַרוואָס הייסט מאה שערים — מאה שערים?

איך שטעל די פראַגע אַ יידן, וואָס שטייט מיט אַ טישל געפלאָכטענע, קאָלירטע הבדלה־ליכט. דער ייד ענטפערט מיר אין אַ הערלעכן, פאַר מיין אויער אַ ביסל אַרכאַישן, גאַליציאַנער יידיש און ער גיט מיר צו פאַרשטיין דעם שכל פון דעם נאָמען.

— יש אומרים, אַז די עסקנים מיט די רבנים, וועלכע האָבן דאָ מיט אַ 70 יאָר צוריק גענומען בויען הייזער אויסער דעם תחום פון אַלט־שטאָט — זענען געווען הונדערט אין זייער צאָל. קודם האָט מען געבויט די „וואַרשעווער הייזער״, דערנאָך די „אונגאַרישע הייזער״. אַ צווייטע סברה איז, אַז די צאָל טויערן פון די אויפגעשטעלטע הייזער האָט באַטראָפן הונדערט.

די גאַס ברומט

קומט דער פאַרנאַכט, רוישט די גאַס, ווי אַ בינשטאָק. פון אַ ישיבה מיט קאָלירטע שייבעלעך גייט אַרויס אַ געזום פון יונגע קולות. דורך אַ סך פענצטער קאָן מען זען יידן אין פולגעפּאַקטע שולעכלעך און קלייז־לעך דאַווענען מנחה. די מנינים זענען ס׳רוב אשכנזישע, אָבער אָט איז אַ מקום תפילה, וואָס אַזוינס האָט מען אין דער אַלטער היים קיין מאָל נישט געזען.

מיט געדיכטע, אייזערנע נעצן זענען פאַרשטעלט די פענצטער צו דער גאַס, אָבער דורך דער נעץ קאָן מען אַריינקוקן אינעווייניק. דאָס תימנער שולעכל אין ראָג פון דער גאַס, געהער שוין אייגנטלעך נישט צו דעם קוואַרטאַל, אָבער אינערג׳עך קער זיך עס שטאַרק אָן מיט אָט דער פרומער לאַנדשאַפט.

אין דער סוטערינע, אונטן, איז דאָס קליינע זאַלעכל אויסגעשפּרייט מיט באַשיידענע טעפּיכער. אַנשטאָט שטולן און בענק פאַר די „בעלי־בתים״, זענען דאָ פאַראַן ווינקלעך, אויסגעבעטע מיט קאָלדרעס. דער ארון־קודש, דער עמוד — אַלץ איז אָרעם, אָבער ציכטיק און אָן אַ שיעור אינטים. און אָט באַמערק איך אַ מאָדנע זאַך. אונדזערע יידן פלעגן בלויז יום־כפור און תשעה־באב דאַווענען אין די זאָקן, אָבער אָט די יידן טוען דוכט זיך אויס די שיך צום דאַווענען אַ גאַנץ יאָר. אָט שטייט איינער פון זיי פאַרן ארון־קודש מיט אַרויף־פאַרהויבענע הענט, ווי אונדזערער אַ בעל־

תפילה, אָבער זיינע ברוין־אָפּגעברענטע, ביינערדיקע, ווי פון האָלץ געשניצטע פּיס זענען באָרוועס. פּשוט באָרוועס.

איך דערמאָן זיך, וואָס איך וויים פון לייענען, אַז אין מוסולמענישע מעטשעטן איז מען זיך נוהג פאַרן איבערטרעטן די שוועל פון אַ מקום קדוש, אַראָפּצונעמען די סאַנדאַלן. אפשר איז דאָס דער שורש פון דעם מנהג. די טיפע סימבאָליק פון אויסטון זיך פון אַלע עסקים, ווען דער מענטש קומט זיך מתיחד זיין מיט גאָט — איז צו אונדזערע יידן אין אייראָפּע דערגאַנגען שוין בלויז אַלס סימבאָל פון אבלות.

מיט העכער אַ שעה שפּעטער, ווען איך בין צוריקגעגאַנגען, האָב איך געזען צו מעריב די גאַנצע עדה אַ פאַרזונקענע אין זיסער דביקות. מיט פינגער איינגעקלעמטע אין פאַרמאַכטע אויגן, אַ טיף צעשאָקלטע. אַ היפּשער עולם איז געשטאַנען אין דער מיט אַרום דעם אָרון־קודש. אַנדערע זענען געווען צעשטעלט, איעדער אין זיין ווינקל; אַ טייל אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט ווי אונדזערע יידן צו „שמונה־עשרה". נאָך אַנדערע זענען געזעסן מיט די באָרוועסע פּיס אונטער זיך, אויף די אָנגעבעטעטע קאָלדרעס, באַקוועם געשטרעקט — אפשר געררוט נאָך אַ טאָג פון שווערער אַרבעט — אָבער מיטן אויבערקערפּער האָבן זיי זיך מיטגעשאָקלט...

ביי זיי איז אָט דער שטייגער דאַווענען נישט קיין פאַרשטיינערטער „אַמאָל", ביי זיי איז דאָס נאָך אומגעשפּאָלטענער, ממשותדיקער „היינט".

יידן לייענען אַ פּלאַקאַט

נעבן אַ פּאַרקן טרעף איך אַ הייפל יידן לייענען אַ קליין פּלאַקאַטל. איך קאָן זיך נישט צושטופּן איבערצולייענען. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַן אויפרוף קעגן דעם מיליטערדינסט פון פרויען. פון די פּאָר ווערטער און פון די געשפּרעכן, וואָס איך האָב אויפגעכאַפּט נעבן מיר — אַריענטיר איך זיך, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַן איסור אויף דעם פליישׁ, וואָס ווערט געברענגט פון חבש; אַן איסור אויף דער שחיטה, וואָס ווערט דורכגעפירט דורך שוחטים פון ישראל דאָרט אויפן אָרט.

— ווער איז דערביי געווען, ווער האָט עס געזען? — האָבן געטענהט צוויי יידן מיט צעקאָכטע פּנימער, מיט צעפּאַכטעטע הענט. זיי האָבן זיך געאַמפּערט איבער אַן ענין, וועגן וועלכן מיר האָבן געמיינט, אַז די יידישע „פּאָליטיק" האָט זיך שוין אויפגעהערט צו דרייען אַרום אים מיט 50 יאָר צוריק.

די יידן פון מאה שערים — די נטורי קרתא — די ביטערע מאַניאַקן און פאַנאַטיקער — האָבן אַן אַמאָל צוועקמעסיקע, נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרעם דערפירט ביז צו אַ שעדלעכן אַבסורד. זיי פּרוּוון בייסן, זיי שעדיקן, זיי לייגן אין חרם. אויף וויפל זיי קאָנען אויף אַן אמת זיין געפערלעך — קאָן איך נישט אָפּשאַצן. פאַרן נייעם אויג פון אַ נישט לאַנג געקומענעם אין לאַנד, זעען זיי אויס צו זיין נישט מער, ווי אַ היסטאָרישער רעזערוואַט, אַן אויסטערלישע, לעבעדיקע דערגענצונג צו די על־פּי־נס גאַנץ געבליבענע רעשטן פון הייליקע בנינים אין הייליקע שטעט.

אַ באַגעגעניש מיט ביאַליקס „מתמיד"

פאַרפאַלן! איך וויל פון גאָרנישט וויסן: די דאָזיקע יידן זענען היימיש פאַר מיין אויג. זיי קומען מיר פאָר, ווי אַ חלום וועגן די קינדער־יאָרן, אין וועלכן מען זעט דעם טאַטן מיט דעם זיידן, די פעטערס מיט די מומעס מיט אַלע אַנדערע „גוטע און פרומע לייט" פון דער פרימאָרגנדי־קער „ברכה" און פון דער „קריאת שמע" פאַרן שלאָפן גיין.

און אפשר זענען זיי גאָר, אַזוי ווי זיי שטייען און גייען, אַנטלאָפן פון די זייטלעך פון מענדעלעס קאַבצאַנסק — מיט זייערע טראַכטן, מיט זייער אַריינגעטוענקייט אין די פרומע עסקים?

נעבן אַ קיאָסק מיט „פּיתות" שטייט אַ ישיבה־בחור. ער טראָגט אַ בריל. בלייך און דורכגייסטיקט איז דאָס יונגע פנים. מיט די אײדל־דורכגייסטיקטע, בלייכע פינגער פון ביאַליקס „מתמיד" ציט ער אַרויס פון קעשענע אַ בייטעלע מיט געלט, נעמט אַרויס אַ פּאָר מטבעות. דער סוחר לייגט אים אַריין אין דער פּיתה אַ פּאָר געפּרעגלטע אַרבעס־קניידלעך, אַ גרין פעפערל. דער „מתמיד" מאַכט אַ ברכה און הייבט פּאַמעלעך אויף די פּיתה צו די ליפּן. אפשר האָט ער געפאַסט אַ תענית היינט און גייט איצט אויספאַסטן?

אַ בליק דורך די ליקלעך

דער בחור מיט דער פּיתה איז פון דעסטוועגן נישט דער כאַראַקטע־ריסטישער טיפּ פון דער געגנט. אַנדערע פנימער, הגם באַזוימטע מיט בערד און פאות, לויכטן ס'רוב אַרויס פון די טונקעלע מלבושים מיט אַ געזונטער, אַ ביסל צוגעברוינטער ראַזיקייט, ווי מען האָט ביי אונדז אין יענע שטעטלעך זעלטן געזען. די יידן אויף אָט די גאַסן רעדן און

קליידן זיך, ווי אונדזערע זיידעס אין די סלאַווישע לענדער מיט 50 און מיט 70 יאָר צוריק. דאָ איז אָבער אַלע פּאָר הייזער פאַראַן אַ ליקל מיט טרעפּעלעך, וועלכע עפענען אַ פּערספּעקטיוו אויף די בערג פון ירושלים. פון איין אָרט זעט מען דאָ אַן דעם הר־הצופים, די בנינים פון דער אוני־ווערזיטעט.

מיר זענען נישט אין קאַבצאַנסק. מיר זענען אין אַ שכונה פון ירושלים, דער עיר הבירה — דער הויפּטשטאָט — פון מדינת ישראל. צווישן די יידן אין די שוואַרצע בעקעשעס וואַרפט זיך אַדורך אַ יונגער מענטש, אַן אַנגעטוענער אין האַקי־לייוונט — אַ זעלנער, אָדער אַן אַרבע־טער. פון אַן אָפענער טיר הערט זיך אַ שטעפּן פון שוסטערישע ניי־מאַשינען און אין צוויי קאַנדיגנאַציעס זיצן דאָרט אינעווייניק יונגע יידן — טאַקע מיט בערד און בערדלעך — אָבער אויף די קני האַלטן זיי ברעטלעך און שניידן אויס אויבער־טיילן פון שיך. דאָס איז אַ ווערקשטעל פון קאָמאַשן־צושניידער, וועלכע שטעלן צו זייער פּראָדוקציע פאַרן שיך־מאַרק פון כל ישראל.

פון פאַרשידענע פענצטער און אָפענע טירן פון געשעפטן הערט מען גראַמאָפאָן־פּליטן, שטימעס פון חזנים. עס גייט צו ימים נוראים און פון אַנדערע געשעפטן זעט מען אַרויסטראָגן קעסטלעך מיט אתרוגים, וועלכע ווערן אַרויסגעשיקט, כדי צו באַזאָרגן מיט העכסט כשרער סחורה פּראָווינץ־קליענטן. די באַשטעלונגען פון אויסלאַנד האָבן שוין געמוזט באַזאָרגט ווערן אַ סך פריער. אָבער אָט הערט מען פון אַ הויז אַנדערע קלאַנגען, מען דערפילט אַנדערע ריחות. דאָרט „זינגט” אַ האָלץ־זעג, ברעטער שמעקן אַרויס פון אַ סטאָליער־ווערקשטעל מיטן גערוך פון זשיוויצע און פון וואַלד. קליינע איזעלעך, איינגעשפּאַנטע אין וועגעלעך, אָדער באַלאָ־דענע מיט הויכע פּעק שלעפּן משאות צום מאַרק, וווהין מען קומט האַנדלען מציאות פון דער גאַנצער שטאָט.

ניין, נישט אַלע לעבן דאָ פון פרומקייט און פון אַמעריקאַנער פּעקלעך. מיט 95 טויערן איז די שכונה פון הונדערט טויערן געעפנט צום הימל, אָבער 5 טויערן עפענען זיך דאָ שוין צו דער נייערווירקלעכקייט פון נייעם ישראל.

1952

27. בוכאַרער יידן דאַווענען

די בוכאַרער עדה געהער צו די מער־פאַרמעגלעכע צווישן די מזרח־עדות אין ירושלים. אין צפון־טייל פון שטאָט איז פאַראַן אַ קאָמפּלעקס פון גאַסן און געסלעך, וואָס ווערט גערופן אין דער געגנט פּשוט און קורץ: בוכאַראַ!

יום־כּפּור אויף דער נאַכט, נאָך כּל־נדרי, דרייען מיר זיך אַרום איבער דעם קוואַרטאַל. מיינע פריינט, וואָס וווינען נישט ווייט פון דער געגנט, ווילן מיר ווייזן זייערע בוכאַרער שכנים, פאַרזאַמלטע אין בתי־תּפילה.

אַחוץ אַן אַ שיעור קליינע קלייזלעך און מנינים, וואָס רוישן איבער דער גאַנצער סביבה מיט קולות פון תּפילה און געזאַנג, זענען דאָ פאַראַן אויך צוויי שולן ממש. מיט אויסגעצירטע פּלאַפאָנען, מיט רייך־געשניצטע ארון־קודשן, מיט פּרעכטיקע הענגלייכטערס.

איבער אַ משופּעדיקער טרעפּן־לייטער קומט מען אָן אויף דער גאַלעריע פון ערשטן שטאָק, וואָס איז אָפּגעטיילט פון שול־זאַל מיט אַ געדיכטער, גרין־געמאָלענער הילצערנער קראַטע. דאָס איז די עזרת־נשים. קיין טישן זענען דאָ נישטאָ, נאָר ברייטע, ווייס־לאַקירטע בענק, טיילווייז אויסגעבעטע מיט געשטרייפטע דעקן. קיין טישן זענען נישטאָ און — מען דאַרף זיי נישט. וואָרעם די פרויען וואָס זיצן דאָ, האָבן נישט קיין סידורים, קיין מחזורים. נישטאָ דאָ קיין פרומע פּירזאָגערינס, נישטאָ קיין פּראָבלעם פון „אויפמישן", פון ווייסן „ווו מען האַלט". נישטאָ קיין שמות, קיין אַלטע אויסגעדאַוונטע טעוועלעך פון תּחינות. און אויף זיי ברילן־פוטעראַלן און ווייבערישע טיכעלעך, אַדורכגעווייקטע פון טרערן אין האַרציקן געבעט...

פון צייט־צו־צייט טוט מען אונטן אין שול אַ קלאַפּ אין באַלעמער און דעמאָלט ווייסן די פרויען, אַז מ׳דאַרף זיך אויפשטעלן. דער־נאָך זעצן זיי זיך ווידער אַוועק אויף די בענק. די דאָזיקע פרויען „זאָגן"

נישט, זיי דאַוונען נישט. זיי דינען גאָט מיט זייער אַנוועזנהייט אין מקום־קדוש. זיי דינען גאָט מיט זייער ט ר אַ כ ט.

אַפילו די סאַמע אַלטע גייען אויסגעפּוצט יום־כיפּור, ווי די כלות, פון קאָפּ ביז די פיס איינגעהילט אין שניי־ווייס — אין ווייסע, לאַנגע סאַראַ־פאַנעס, וואָס גיבן דער געשטאַלט די פאָרעם פון אַן אַנטיקער וואַזע. אויף די קעפּ זענען אויסגעבונדן אַזעלכע מיני קופּקעס פון צוויי טיכלעך, וואָס נעמען וויך אַרום דאָס פּנים. פון הינטער די קופּקעס הענגען אַפּיר, ביי יונג און אַלט, צוויי לאַנגע צעפּ. איבער אַט דעם אָנטון אין אַריבער־געוואָרפן אַ ברייטער און לאַנגער דורכזיכטיקער טיול־שלייער, ס׳רוב באַזייעט מיט פליטערלעך, וואָס שימערירן און גלאַנצן אין ליכט, באַגלייך מיט די גאָלדענע בראַנזאָלעטן און רינגלעך און אַנדערע צירונג־שטיק, וואָס זיי טראָגן אויף די העלדזער און הענט.

אויך אונטן, אין פּאַרטער, געפינט זיך אַן אָפּטייל פּאַר פרויען. דאָ זיצן, זעט אויס, די סאַמע חשובע און בכבודיקע, די גבירנטעס פון דער עדה. אויך זיי האָבן נישט קיין סידורים, אויך זיי קוקן־אַריין דורך אַ געדיכטער קראַטע אין שול אַריין. די דאָזיקע „יידענעס״, די יוסטע בוכאַרער בעל־הביתטעס, גייען נאָך גרעסערע און נאָך מער באַפּליטערטע שלייערס. זיי זיצן אָנגעבלאָזן און אויסגעגווידערט; שווייגנדיק און אומ־באַוועגלעך און פייערלעך קאָנצענטרירט אין זיך. ווי פּאַרגאָלדיקטע בודאַ־פיגורן, ווי לעבעדיקע פּאַגאָדעס פון פרעמדע געבעט־הייזער זעען זיי אויס. ווען ס׳פאַלט אויף זיי דאָס פרעמדע אויג, בלאָזן זיי זיך נאָך מער אָן, פאַרשליסן זיך נאָך מער אין זייער וויסן וואָס זיי ווייסן. פון די ווירדיק־געעלטערטע, ברייטע פּנימער, לויכטן דאָ און דאָרט אַרויס פּרעכטיקע, גרויסע, שוואַרצע אויגן, וואָס זענען ווי פענצטער צו אַן אַנדערער וועלט.

ווען מיר, „אשכנזישע״ פרויען, באַווייזן זיך אין פּרוזדור פון עזרת־נשים, געפינט זיך באַלד אַ פריינטלעכע יונגע פרוי, אויך אַן אָנגעטוענע אין ווייסן, אָבער מער מאָדערן. זי רעדט צו אונדז עברית און ווייזט אונדז אָן אַ פּלאַץ צום זיצן.

*

דורך דער קראַטע פון דער עזרת־נשים כאַפּן מיר אַ בליק אין שול אַריין, וואָס שטראַלט אין גאַנצן אין ליכט פון אומצאָליקע לעמפּעלעך. די מזרח־וואַנט פאַרנעמען יידן אין שוואַרצע אייראָפּעישע אַנצוגן, צוגע־

דעקטע מיט טליתים און דערגענצטע מיט זילבער־ און גאָלד־געשטיקטע מיצעלעך. דאָס פּרוכת פאַרן ארון־קודש איז דאָ אויסגעהאַפטן אין אַזעלכע מוסטערן און פאַרבן, וואָס זענען פאַר אונדז — שוין נאָך אונדזער באַזוך אין די שולן פון אַנדערע מזרח־יידן — אין גאַנצן ניי. מיט פּונקט דער זעלבער אַנדערשקייט צייכענען זיך אויס די מאָטיוון און אָרנאַמענטן פון די מעטאַל־אַזשורן, וואָס פּאַסן אַרום די הענגלייכטער און וואַנט־לייכטער און די כתרים פון די ספרי־תורה, וואָס יום־כיפור ווערן זיי אַלע אַרויס־גענומען פון ארון־קודש און אויסגעשטעלט אויפן באַלעמער.

דאָ זענען קענטיק השפעות אינדישע, טיבעטאַנישע, כינעזישע — און אפשר גאָר אַלט־יידישע, — וואָס האָבן זיך אויפגעהיט ביי אָט דעם שבט אין טיף־אַזיע, בעסער ווי ביי אונדז אין איראָפּע, אָדער אין די לענדער פון נאָענטן מזרח.

*

אַרויסגעגאַנגען פון דער רייכער שול, אויפן וועג אַ היים, קוקן מיר אַריין דורכן פענצטער אין אַן ענג, קליין שולעכל, וואָס געפינט זיך אין פּאַרטער פון אַ געוויינלעך וווין־הויז. אויך דאָ זענען די ספרי־תורה אַרויסגענומען. מיר זעען נישט פון דרויסן קיין שום זאַך, וואָס זאָל דערמאָנען אַן עמוד, אָדער אַ באַלעמער. מיר הערן נישט קיין קול פון קיין חזן, וועמען עס זאָל ענטפערן אין כאָר די דאַווענענדיקע עדה. מיר זעען נאָר די ספרי־תורה, וואָס זענען אויסגעשטעלט אין מיטן „קלויז״, ווי עפּעס אַ מזבח, פון וועלכן עס שטאַרצן אַרויס אויף אַלע זייטן די געטאָקטע פאַרענדיקונגען פון די גלילי עץ, אויף וועלכע עס זענען אָנגעוויקלט די יריעות. די מענטשן דאָ גייען ס׳רוב נישט אין קיין יום־טובדיקע אָנצוגן, ווייל זיי פאַרמאָגן זיי אפשר נישט. זיי שטופּן זיך אַרום די ספרי־תורה, טוליען־אַריין זייערע זון־פאַרברענטע פּנימער אין סאַמעט און זייד פון די מענטעלעך און קושן לאַנג די הייליקייט.

אויך דאָ איז שוין, זעט אויס, לאַנג נאָכן דאַווענען, אָבער די מענטשן צעגייען זיך נישט. פּלוצעם דערהערן מיר עפּעס אַ מאָדנע שרייען. מיר שטעלן זיך אויף די שפּיץ־פינגער; מיינע פריינט דערקענען דעם שוחט פון דער געגנט, וואָס איז דאָ, זעט אויס, דער בעל־תפילה. אָבער ניין, נישט ער אינטאָנירט איצט, נאָר די תפילות, דאָס פרומע

געזאַנג. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום אָריענטירן מיר זיך, אַז דאָס „זינגט״ אַזוי — אויב מען קאָן דאָס אָנרופן געזאַנג — אַ קלײנער, דאַרער, גראָער זקן, וואָס זיצט אויף אַ באַנק בײַ דער וואַנט. די פּיס האַלט ער פאַרלײגט אונטער זיך, ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און זײַן אויסגעטרוקנט פּנים, איז ווי אויפגעריסן פון עקסטאַז. ער שרײַט אַרויס פון האַלדז עפּעס ווער־טער, וואָס עס איז שווער צו כאַפּן זײער באַדײַט, אַפילו דעם קלאַנג פון דער שפּראַך, צו וועלכער זײ באַלאַנגען. אין אַ ווײַלע אַרום רופט זיך אָפּ אַ צווײט קול און תּיכף נאָך אים נאָך אַ קול און נאָך אַ קול. אין אַ ווײַלע אַרום זינגט דאָס גאַנצע קלײנע שולעכל. עס געלינגט אונדז אויפצוכאַפּן נאָר אײן וואָרט: „אדונאי״, „אדונאי״...

זײ זינגען, זײ שרײַען, זײ רופן צום גאָט פון ישראל — אָט די אַנדערע מיני יידן, געקומענע אַהער פון ווײַטע לענדער.

1952

28. עכּו — אַ רייזע אין פאַרצייטנס

דער מאַמע מיט דער טאָכטער
שלומית און יהודית סאָבעל
אַ מתנה

דער ים פון ישראל האָט אַזאַ אייגנשאַפט, אַז ביי יעדן ברעג אַנט־פּלעקט ער זיך אַן אַנדערער, אַ נאָך שענערער.

אין עכּו איז דער ים אין זומער אַ מין ברייטע, בלויע אָזערע. קומט אַרויס די זון באַגינען, הייבט ער אָן צו מינען זיך, ווי זייד מיט דימענטן געשטיקט. מען קוקט זיך איין און זעט פון וויטן טון אַ טאַנץ שניי־ווייסע לעמעלעך פון שוים איבער די כוואַליעס. יוני־צייט האַלט אָן דער יום־טוב פון פרימאָרגן ביזן אָוונט.

מען קוקט זיך אָן און הערט זיך אָן: אַזאַ יריד! אַזאַ מין יידישע פאַרקאָכטקייט! און דאָ אַזאַ עשירות! אַזאַ מין גרויסע, שטומע שיינקייט! אַן אייגענער ים!

די שיכטן פון דער געשיכטע

אַ באַזוך אין עכּו איז אַ רייזע אין דער פאַרגאַנגענהייט, אייגנטלעך אין אַ דריי־פיר פאַרשידענע פאַרגאַנגענהייטן: אין דעם גריכיש־רוימישן אַלטערטום, אין דער תקופה פון מיטלאַלטער, אין דער טערקישער צייט און אויך פשוט אין דער נישט וויטער ארץ־ישראלדיקער פאַרגאַנגענהייט, ווען אַראַבער האָבן אויפגעדרוקט דעם חותם אויפן שטייגער לעבן, שטייגער אויסזען פון געוויסע שטעט אין לאַנד.

ווער עס איז אין עכּו נישט געווען, דאַרף וויסן, אַז דאָ איז פאַראַן אַן אַלט־שטאָט און אַ ניי־שטאָט. אַלץ, וואָס איך וועל דאָ דערציילן, איז נוגע די אַלט־שטאָט.

...אַזוי האָבן ליב געהאַט די גריכן און די רוימער... ווען זיי האָבן אָפּגעקליבן אַ האַרבעריק פאַר זייערע זעגל־פלאָטן, איז זיי נישט געווען געגנוג אַ שטילער, ברייטער ים־איינגוס סתם. זיי האָבן אויסגעזוכט נישט

קיין גרויסע, ווייט אַרויסגערוקטע לאַנד־ציפּלען — נאַטירלעכע וועלן־ברעכער אַרומגערינגלטע מיט ים. אַזאַ איז עכו — אַמאָל אַ גרויסע ים־באַזע פון די נאָכאַנאַנדיקע ארץ־ישראל דעראָבערער, היינט אַ קליינער אַראַבישער פישער־פּאָרט, נישט ווייט פון גרויסן, מאָדערנעם ישראל־פּאָרט — חיפה.

אַ זכר פון פאַרצייטנס אין דער געגנט איז דער ריטמיש אין דער לאַנדשאַפט איינגעבויטער אַקוועדוקט, וואָס דינט היינט צו טאָג אַלס דעקאָראַטיווער הינטערגרונט פאַר די געטאָ־פייערלעכקייטן פון עכוס שכן, דעם קיבוץ לוחמי הגיטאות.

פעניציער, יוונים, רוימער, אַראַבער, קרייץ־ריטער... די עיקר־איבער־בלייבעניש פון מיטלאַלטער — איבערגעבויט און פונאַנדערגעבויט אין די נייערע צייטן דורך טערקישע מושלים — זענען די רעשטן מויערן אויפגע־שטעלטע אויף ים־פעלדזן; רעשטן פעסטונג, טורעמס, טויערן. די גרויזאַמע טערקישע פּאַשאַס האָבן פון דעסטוועגן געלאָזט נאָך זיך אויך אַ פּרעכטיק שיינע מוסלעמישע מאָשייע. דער הויפּט־בנין מיט וועלכן עכו האָט געשמט אין די צייטן פון דעם ענגלישן מאַנדאַט, איז די גרויסע און גרויליקע פעסטונג־תפיסה, אין וועלכער עס זענען געזעסן אַ סך פאַרטיידיקער און קעמפער פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל.

צום סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט איז די עכו־פעסטונג נאָך געווען גענוג שטאַרק, כדי אויסצוהאַלטן אַ זעכציק־טאָגיקע באַלאַגערונג פון דער פראַנצויזישער עקספּעדיציע־אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע. אַ סברה, אַז דער מיליטערישער יועץ פון דעם דעמאָלטיקן טערקישן פּאַשאַ אַחמעד דזשאַסאַר איז געווען דער ייד חיים פרחי.

צוריק אין די הענט פון דעם אמתן בעל הבית

מיט בערך הונדערט פופציק יאָר שפּעטער זענען דאָ ווידער פאָר־געקומען קריגס־געשעענישן. געווען איז דאָס דעם 18 מאַי 1948. נאָך דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט, נאָכן באַפרייען פון חיפה, איז געקומען די ריי אויף עכו. נישט מער, די אַראַבישע באַפעלקערונג — די באַוואָפנטע, צוזאַמען מיט דער אומבאַוואָפנטער, אין איינעם ביי אַ 10,000 נפשות — האָבן אַפילו נישט געפּרוווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד, געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און געמאַכט אַ „וויברח".

נישט אַלע זענען פון דעסטוועגן אַנטלאָפן. ביים היינטיקן טאָג זענען

פֿאַראַן אין עכו בײַ אַ 3000 נפשות. דער רוב פֿון די בערך 15.000 נפשות ייִדישע באַפֿעלקערונג זענען נײַע עולים. אַ טייל פֿון זיי האָט זיך באַזעצט אין די פֿאַרלאָזטע אַראַבישע הײַזער. דער גרעסערער טייל איז קאָנ־צענטרירט אין די שכונים פֿון נײַעם אינדוסטריע־צענטער. דער רוב אַראַ־בער האַלטן זיך אין תחום פֿון די אַלטע מויערן.

„כיכר דיזנגוף"

מען קומט אָן מיטן אויטאָבוס פֿון חיפֿה, מען שטײַגט אָפּ אויפֿן מאָדערנעם אַספֿאַלט־שאָסיי, מען גייט אַ שטיקל וועגס אויף צוריק — אין טאָפּלטן זין אויף צוריק — און דורך דעם מעכטיקן, אוראַלטן, אײַזערנעם טויער טרעט מען אַרײַן אין די מויערן פֿון אַלט־עכו. אויפֿן פּאָן פֿון אַ פֿאַרשטאַרצטער, פֿאַרצײַטיקער אַרכיטעקטור — אַ לעבן, וואָס איז געוואָרן פֿאַרשטאַרצט.

דור הולך ודור בא. מען זעט דאָ אַלטע און יונגע, אָבער די מנהגים, די מענטאַליטעט פֿון די מענטשן האָט זיך, זעט אויס, ווייניק פֿאַרענדערט אין לויף פֿון די יאָרהונדערטער, יאָרטויזנטער.

קודם כל שטעלט מען זיך אָפּ אויף אַ רונדן פּלאַץ מיט אַן אויסגע־טרוקנטן גראָז־שטח און אַ פּאָר האַלב־פֿאַרדאַרטע ביימער. אַרום דעם פּלאַץ צווייגן זיך אָפּ גאַסן אין פֿאַרשידענע ריכטונגען. האָבן אים דעריבער ייִדישע לצים אַ נאָמען געגעבן „כיכר דיזנגוף". אונטער די סלופּעס אַרום דעם פּלאַץ געפֿינען זיך פֿאַרשידענע געשעפֿטן, קאַפֿעען. די פֿאַר־קויפֿערס, די דערלאַנגערס, די קאָנסומענטן — זענען דורכויס מענער. זיי זיצן בײַ שיסעלעך „חומוס" און „שאַשליק", בײַ קליינע טעפּעלעך קאַווע, בײַ לולקעס טיטון; פּיפּקען דעם רויך דורך לאַנגע ציבוכעס, ציִען אים דורך סלאָיעס וואַסער. זיי רויכערן — נ אַ ר ג י ל ע ס.

אָט דאָס זענען זיי — די נאַרגילעס פֿון אַלע רײַזע־ביכער וועגן אָריענט ? !

אין לאַנד פֿון קאַרל מאַי

וואָרעם, אַז מען וויל, איז אַ רײַזע קיין עכו אויך אַ צוריקפֿאָר אין די קינדער־יאָרן. אין דער וועלט, וואָס מען האָט זי געקענט פֿון די יוגנט־

ראָמאַנען פון קאַראַל מאַי, אָדער פון די באַשרייבונגען פון די פוילישע ראָמאַנטיקער, אפשר אויך פון די „מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט".

געווס אַ טראַכט טון וועגן דעם און די פאַנטאַזיע טוט אונדז שוין אַ טראָג צו דעם טעם פון אַ „מזרח", מיט וועלכן מיר, עולים פון נאָך דער מלחמה, קומען דאָ צום ערשטן מאָל אין אוממיטלבאַרער באַרירונג.

און עס פעלט נישט קיין שום זאַך — מעטשעטן, מוסולמענישע בית־עלמינס, ציפּרעסן, וואָס שטאַרצן סודותפול אַרויס פון הינטער בלינדע ווענט פון אָפּגעשלאָסענע הייף. אָט איז אויך אַ געהיימנישפולע, האַלבער חרובע אכסניה — דער „חאַן", וואָס אין אים זענען זיך מחויב אָפּצושטעלן פאַרדעכטיקע פאַרשווינען פון אַן עקזאָטישן קרימינאַל־ראָמאַן.

אויפן מאַרק

דורך אַ שורה שמאָלע געסלעך לאָזט מען זיך ווייטער גיין לענגאויס די פעסטונג־מויערן צום מאַרק. קאָלירטע הויפנס ירקות, פרוכטן, פיש, פליישן — להבדיל, ווי אויפן שוק הכרמל אין תל־אביב, און דאָך — גאַנץ אַנדערש.

איבער די סטראַגאַנעס, איבער די סחורות, זענען אויסגעשפּאַנט שטיקער זעק, צעפליקטע פלאַכטעס, און איבער זיי אַ סכך פון גרינע צווייגן פון די פּאָר אַלטעביימער, וואָס וואַקסן דאָ איינגעפונדעוועטע אין מיטן דער ענגשאַפט.

די אָפענע געוועלב־טירן פרייכן מיט שוואַרצקייט, מיט סלאַיעס אַליוון, פּושקעס קאָנסערוון. דאָ איז אַפילו קיין אָנשטעל נישט פאַראַן אויף מאָדערנער היגיענע, אויף וואָסערע נישט איז סאַניטאַרע פאַרשריפטן, אין איינער אַ טיר פאַרקויפט מען פון אַ גרויסן, קיילעכדיקן קופער־בעקן עפּעס אַ זיסע, פעטע טייגעכץ. אַז מען קוקט זיך גוט צו, זעט מען, אַז דאָס איז דער עלטער־זיידע פון יידישן לאָקשן־קוגל — לאָקשן געפּרייעטע אין האָניק און אין פעטס. אויף שריט און טריט — אין מולטערס און אין קוישן, אויף טישן און אויף וועגעלעך — הויפנס פּיתות. מענער גייען און טראָגן אונטערן אָרעם בינטלען נאַקעטע פּיתות.

אין איינעם אַ פענצטער זעט מען הענגען אַ פערטל שעפּס און פּאַר איינער אַ לירה קאָן מען דאָ אַריינגיין, זיך הייסן אָפּשניידן אַ שטיק. מען

זעצט זיך אַוועק אויף טאַבורעטן ביי אַ טישל, און אין די אויגן פון דעם גאַסט ווערט פאַר אים צוגעגרייט אַ פּאַרציע „קאַבאַב". דאָס שטיק פליש ווערט איינגעהאַקט מיט עפּעס אַ פּרעהיסטאָריש שמאָלן און לאַנגן האַק־מעסער, פאַרמישט מיט גרינע קרייטעכצער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום בראָט זיך עס שוין אויפן פייער און אין נאָך אַ פּאָר מינוט אַרום שטייט שוין דאָס מאכל פאַרטיק אויפ טיש, אינאיינעם מיט אַ פּיתה, אַ רויטן פעפערל און אַ קריגל וואַסער. די אייזערנע און קופּערנע כלים, דער אופן פון צוגרייטן און דערלאַנגען עסן — נישט געקוקט אויף דער עלעקטרישער באַלייכטונג און אויף די גראַמאַפאָן־קולות פון אַלע זייטן — האָט זיך מסתמא נישט קיין סך געביטן זינט די צייטן, וואָס ווערן באַשריבן אין זשאַבאָטינסקיס בוך „שמשון".

די מינדערהייט

נישט מער — אין די אויגן פון די יידן, וואָס געפינען זיך אין לאַנד צענדליקער יאָרן, איז דאָס אַלץ אַ גאַנץ קנאַפּע מציאה. זיי געדענקען נאָך די צייט, ווען אין מיטן דעם גאַנצן „עקזאָטיזם", איז פּאָר אַ ייד געווען געפערלעך אַדורכצוגיין די גאַס.

איצט זענען די מינעס פריינטלעך, אָדער כלומרשט פריינטלעך.

דער בעל הבית פון דעם האָטעל „טירת עכו" — אַ ייד אַ וותיק, וואָס קען אַראַביש — זאָגט מיר, אַז די אַראַבער פון עכו האָבן צו דער מדינה נישט דערלייגט. זיי דערנערן זיך היינט פיל בעסער, גייען בעסער אָנגעטון און — קודם כל — צאָלן זיי איצט פיל העכערע פרייזן פאַר כלות. דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז זיי זענען אויפגעריכט געוואָרן אין פאַר־גלייך מיט דעם לעבן, וואָס זיי האָבן געפירט אין די צייטן פון דעם בריטישן מאַנדאַט. פון דער טערקישער צייט איז אָפּגערעדט.

די הייף

לענגאויס די מויערן פון דער אַלטער פעסטונג ציען זיך אָן אַ שיעור הייף. זענען אין איין עק הויף אויסגעצויגן שטריק מיט וועש צום טרוקע־נען, העגנען אין צווייטן עק הויף ברוינע פישער־נעצן, וואַלגערן זיך פישער־שיפלעך, איבערגעקערטע מיטן דנאָ אַרויף. ווי געזונט, יונג לייב, דורך אַ צעריסן מלבוש, קוקט אַרויס דורך אַלע ליקעס, דורך אַלע לעכער

און שפּאַלטן אין די מויערן, דער ים. צו יעדער צייט — אויך אין מיטן נאַכט — עפענען זיך דאָ פּלוצעם פאַרהוילענע טירלעך און פישערס לאָזן זיך אַרויס אויף פיש־פאַנג, ברענגען צוריק, מיטן טאָג־ליכט, שיטן אָן אין הויפנס צום פאַרקויפן אַ גליטשיקן זילבער־שלל פון פיש.

ווי נעסטן, אָנגעקלעפּטע צו פעלדזן, באַוואַקסענע מיט מאָך, טוליען זיך לענגויס די אַלטע מויערן כלערליי האַלב־חרובע דירות. אויף טריט און שריט הענגען אָפּגעבראָכענע באַריערעס, בויפעליקע טרעפּלעך, דעכעלעך, געמאַכטע פון „קיי און שפּיי". ס׳פעלט נישט מער — אַ ציג זאָל זיך אַרומ־דרייען און ציפּן גראָזן אויף די דעכער — וואָלט דאָ אויסגעזען ווי אין שטעטעלע קריוווטש, ווו איך בין געווען אַמאָל אין מיינע קינדער־יאָרן. ווער ווייסט — אפשר איז אויך אָט דאָס אַלטע מקום געוואָרן אַמאָל פאַר־שאָלטן דורך אַ „גוטן ייד", וואָס מען האָט אים דאָ עפּעס נישט נוהג־כבוד געווען.

אַזאַ מעשה פלעגט מען ביי אונדז דערציילן וועגן קריוווטש.

אָפּגעפּאַרבט אויף בלוי, שטייט אונטער די אַרקאַדן פון איינעם אַ הויף אַ גאַרניטור פון קליינע טישעלעך און טאַבורעטלעך. אין פלוג געגני־מען, קאָן זיך דאַכטן, אַז דאָס איז עפּעס אַ קינדער־היים. סך־הכל איז דאָס אָבער אַ הויף־קאַפע. ביי איינעם פון די פיצלעך טישעלעך זיצן אַ פּאָר פאַרגליווערטע שאַך־שפּילער. זיי זעען אויס, ווי לייבלעכע געשוועסטער־קינדער פון די „קאָרטן־שפּילער" פון סעזאַן.

מאָלער־גן־עדן

ביי אַזאַ מין שטאָפּאַזש און ביי אַזוי פיל נישט אינמיסטענע מאָדעלן, איז קיין וווּנדער נישט, וואָס עכו איז געוואָרן אין די לעצטע יאָרן אַ באַליבטער צענטער פאַר די ישראל־מאָלערס.

אויך איך בין אַהער געקומען מיט אַ מאָלערין און מיט איר מאַמע. מיר האָבן זיך איינקוואַרטירט אין „טירת עכו". אַמאָל האָט דאָס הויז געהערט צו עפּעס אַן אַראַבישן גביר. אפשר האָט דאָ ביי אים אויף יעדן שטאָק געוווינט אַ באַזונדערע פּרוי מיט אַ באַזונדערער משפחה. כאַראַקטעריסטיש איז די נטיה צו נאַיווער פּראַכט. ריזן־צימערן ריזן־שפּיגלען; געמאָלענע, מיט שטוקאַטור באַפּוצטע פּראַכט־סופיטן. אויף טריט און שריט עפּעס קאָלומנעלעך, באַלקאָנדלעך מיט אַזשור־באַריערעס, אַלצדינג באַהאָנגען און באַקלאַנגען מיט פאַרצירונגען; אַלצדינג אין סטיל

פון איראָפּעישער „סעצעסיע״; אַלצדינג אַ ביסל — בױפּעליק. פון די װענט, פון די הויכע סופיטן שיט זיך כסדר — װי מעל — דער אָפּגעשטאַנענער טינק.

די סאַמע עפעקטפולע, מאַיעסטעטישע דעקאָראַציע, װאָס גייט קיין מאָל פון מאָדע נישט אַרויס, איז דאָ אָבער — אָבעראַמאָל און נאָכאַמאָל — דער װוּנדערלעך גלאַטער, בלויער ים־טאָװל אין אַלע פענצטער.

גייט יאַדזשע אַרויס אַיעדן אין דער פרי מיט אירע לייװנטן און פאַרבן און ברענגט אַהיים צו מיטאָג אַ ניי אָנגעמאָלן בילד, פול ים און זון־קאָליר.

די טויכערס

אין איינעם אַ טאָג קומט יאַדזשע צו גיין מיט נאָך אַ צולאָג צװיי יונגע בחורים, אין גאַנצן ברוינע, צעװיגטע און צעװינדיקטע פון חברשאַפט מיט ים.

דער עלטערער פון זיי — אַ סאַברע מיטן נאָמען יעקב — געהער צו די 4—5 בעסטע ים־טויכערס אין לאַנד. ער אַרבעט אין חיפהער פּאָרט, און אין די פרייע שעהען איז ער עוסק אין פאָרשן דעם ים־גרונט לענגאויס די ברעגעס.

דער צװייטער, מיטן נאָמען לעאָן, שטאַמט פון לאָדזש און טראָגט אַן אױשװיץ־נומער אויפן אָרעם. ער פאַרנעמט זיך אויך אַ ביסל מיט מאָלעריי, ער שרייבט לידער. און סך הכל איז ער איצט פון פאַך אַ פישער, פאַרמאָגט אַן אייגן שיפל און אַן אייגן שטיבל אין דעם פישער־דאָרף מכמורת. דאָס איז אַזאַ מין נייער טיפּ פון אַ ישראל־ראָמאַנטיקער. ער איז געקומען קיין עכו מיטן טויכער, כדי דאָ צו נעמען ביי אים אַ פּאָר לעקציעס אין דעם נייעם טויכער־ספּאָרט — אַן אַ טויכער־קאָסטיום. מען טוט אַן גומענע פלאָסן אויף די פיס, די נאָז מיט די אויערן און אויגן פאַרשטעלט מען מיט אַ ברילן־מאַסקע. מען נעמט אַריין אין מויל אַזאַ מין פּיפּקע מיט אַ לאַנגן שלויך, װאָס שװימט פון אויבן אויפן װאַסער און פירט צו לופט צום אָטעמען ביז אין דער טיפעניש. אין אָט דער אויסשטאַטונג לאָזט מען זיך אַראָפּ אויף אַ 10—20 מעטער אונטערן װאַסער. אין דער האַנט האַלט מען אַ לאַנגע, שאַרפע שפּיז...

מיר, דריי פרויען, שטייען אויפן ראַנד פון עכוס פעסטונגס־מויער, װאָס גייט אַרויס צום פולן ים. מיר קוקן זיך צו פון װייטן, װי די

צוויי יונגען שווימען און טוכן אין די גרויסע טיפעניש. אָט ווערן זיי פאַר־שוווּנדן און אָט באַווייזן זיי זיך ווידער צווישן כוואַליעס. אין אָוונט ברענגען זיי צו טראָגן אין „טירת עכו" אַ בינטל פיש אַנגעציליעטע אויף אַ שטריק און צוויי גרויסע האָמאַרן.

איך העלף צו דער מאַמע מיט דער באַלעבאָסטע פון האָטעל צוגרייטן אַן אָריגינעלע מאָלצייט. פרעמד איז מיר דער ריח און דער טעם פון אָט די ים־באַשעפענישן. איך טראַכט ביי מיר אין האַרצן אַ מין וועגעטאַרישן געדאַנק:

צי מוז אונדזער צוריקגאַנג צו נאַטור און אייגענעם ים, דווקא פאַרבונדן זיין מיט הרגענען?

מאָנטע קריסטאָ

אין אַ ווינקל פון דער אַלטער פעסטונג איז פאַראַן אַ רעסטאָראַן פון אַן אַראַבער מיטן נאָמען אבו קריסטא. דער נאָמען וויזט אָן דערויף, אַז דער אייגנטימער איז אַ קריסט. פאַרדרייען טוריסטן דעם נאָמען און רופן אים „מאָנטע קריסטאָ" — ווי דעם העלד פון דיומאַס ראָמאַן.

די רעסטאָראַן־טישלעך שטייען אין נישעס אונטער גאָטישע אַרקאַדן און אַ האַלבן מעטער פון די טישלעך קלינגען אייזערנע קייטן, קלינגען פעסער איינגעגראָבענע אין וואַסער — אַ ים־לאַמטערן ווינקט פון וויַטן מיט אַ בליציק אויג — עס פלוישט דער ים...

אויך דאָ זענען די מאכלים, די באַדינונג, ריין אַראַבישע. אָבער דאָ האָט שוין אַריינגעדרונגען אַ שמץ אייראָפּע, אייגנטלעך דאָס, וואָס מען רופט „לעוואַנט". אין די אָוונטן קומען דאָ פאַר פון צייט צו צייט קאָנצערטן, טייל מאָל אויך דאַנסינגען און אויף די דאַנסינגען קאָן מען זען יונגע אַראַ־בער, וועלכע אַרבעטן אַלס פקידים אין מלוכה־אַמטן, רעדן ערשטקלאַסיק עברית און זענען שטאַרק להוט זיך צו חברן מיט יידישע בחורים און צו טאַנצן מיט יידישע מיידלעך.

אַ בליק דורך אַ פענצטער

אַנטקעגנאיבער דעם פענצטער אין „טירת עכו" זעט מען אַ צווייט אָפּן פענצטער מיט איין שטאָק נידעריקער. עס איז נישט שיין אריינצוקוקן צו יענעם אין שטוב אַריין, אָבער דער נייגער איז גובר.

דער גאַנצער דיל איז אויסגעשפּרייט מיט אַ שטרוי־מאַטע. פאַראַן אין שטוב נאָר אַ גרויס בעט און עטלעכע נידעריקע, רונדע טישעלעך. אַן אַלטע פרוי אין אַן אויסגעבונדענעם טורבאַן אויפן קאָפּ, זיצט אונטער דער וואַנט אויף דער מאַטע און וואַלגערט אויס עפּעס טייגלעך אויפן טישעלע, וואָס שטייט פאַר איר. אפשר איז דאָס אַ מאַמע, צי אַ שוויגער אַן אלמנה, און אפשר גאָר די ערשטע פרוי פון דעם, וואָס וווינט דאָ? שפּעטער קומט אַריין אין שטוב אַ שיינע, עטוואָס באַלייבטע פרוי אין די פריע דרייסיקער און מיט איר צוזאַמען אַ שיין, קליין ייִנגעלע מיט פּרעכטיקע, שוואַרצע אויגן און בּאַרוועסע רונדע פיסעלעך. עפּעס רעדט ער, קלאָגט זיך פאַר דער מאַמע מיט אַ וויינענדיק קול, און איך זע, ווי די מוטער נעמט דאָס קליינע הענטעלע, ווי אַ שטענגל טרויבן צו איר מויל. מסתמא האָט דאָס קינד געכאַפּט אַ קלאַפּ, און די מאַמע מוז געבן אַ קוש דאָס אָרט, עס זאָל אָפּוועק דער ווייטיק.

די צוויי פרויען מיטן קינד ווערן מיר מענטשלעך נאָענט. עס איז איין וועלט, די זעלבע מענטשלעכע האַרץ־נאַטור.

דער ברונעם־גאַנג

איבער דער גאַס גייט אַ מאָגערער, הויכער, עלטערער מאַן אין אַ לאַנגן, ווייסן בגד און אין אַ כפּיה. הינטער אים, אַ פּאָר שריט אָפּגע־רוקט, שפּאַנט מיט אַ פּעקל אויפן קאָפּ, מיט אַ געשטרעקטן גאַנג, ווי אַ וואַנדערנדיקער ציפּרעס־בוים, זיין יונגע פרוי. דאָס קלייד אירס שימערט אין אָפּבלאַקירטן לילאַ און פיאַלעט.

וואוהין שפּאַנען די ביידע אין פייערלעכן גאַנג?

זיי גייען אַריין אין דער גאַס, וואָס פירט צו דער מוסלעמישער מאַשייע. אפשר זענען זיי אַהער אַראָפּגעקומען פון די בערג, ווי אַמאָל אלקנה מיט זיין ווייב? פאַרוואָס איז אָפּגעדעקט דאָס פּנים פון דער יונגער פרוי? אפשר גייען זיי מקיים זיין עפּעס אַ נדר, כּדי צו האָבן אַ קינד?

אויפן מעטשעט־הויף איז פאַראַן אַ ברונעם. צום שעפּן וואַסער טוען די מענטשן אויס זייערע שיך.

דער מוזיי

אין עכו מוז מען נאָך אויך גיין זען דעם מוזיי, וואָס איז געעפנט געוואָרן מיט אַ יאָר צוריק אין אַן אָפּגעגראָבענעם און רעסטאַוורירטן בנין

פון אַן אַראַבישן מרחץ. מען האָט דאָ אויפגעקליבן כלים און אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען פון עכו, ווונדערלעכע מאָזאַיקעס, אַראַבעסקן, אַלטע ליים־קרוגן, וואַננעס־וויגן און טויטן־קאַסטנס, געצירטע פרויען־שיכעלעך צום אַרויסשפּאַנען פון באָד; פרויען־צירונג־שקעטעלעך, פרויען־בשמים־פלעשעלעך. אויף איינעם אַ פּאָסטומענט שטייט אַ געמייזלטער קאָפּ פון עפּעס אַ הויכגעשטעלטן רוימער. אַרום די ליפּן זיינע איז פאַרשטיינערט אַ טרויעריק־איראָנישער שמייכל, משמעות, ווי אויף אַ פּאָרטרעט פון אונדזער צייט. אָפּגעבראָכענע פאַרפּוצונגען פון מאַרמאָר־קאָלומנעס — רעשטן פון פאַרצייטיקער שיינקייט, שפּורן פון פאַרצייטיקער קולטור — פון עטלעכע אונטערגעגאַנגענע קולטורן נאָכאַנאַנד.

אויפן פּאָן פון די אַלטערטימלעכקייטן — איינע פון די פּערמאַנענטע בילדער־אויסשטעלונגען אין עכו־מוזיי, דאָס מאָל האָלצשניטן און אייל־בילדער פון אַ יונגן מאָלער פון אַ קיבוץ אין גליל.

צוריק אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

פון דעם מוזיי פירט דער וועג אַרויס צו דעם שאָסיי, מיט וועלכן מען קומט אָן אין נייעם עכו. ביים וועג שטייט אַ קיאָסק און אין קיאָסק אַ ייד, וואָס רעדט יידיש, פאַרקויפט ציגאַרעטן און סאָדעוואַסער, שאָקאָלאַד־טאָוולען פון „עלית". מען טרינקט אַ גלאָז „גזוז" און מען אָטעמט אָפּ פון אַזוי פיל „מזרח" און „היסטאָרישקייט". מען איז ווידער צווישן יידן פון אַ גאַנץ יאָר, צוריק אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

1955

29. לעגענדע צפת

עס האָט אַ זין ווען מען לאָזט זיך איבער אַ ווערק פון אַ זייער גוטן שרייבער, וואָס מען האָט נישט באַוויזן איבערצולייענען אין די יוגנט־יאָרן און מען לייענט עס, ערשט ווען מען איז שוין באמת מסוגל עס אָפּצו־שאַצן און געניסן אין דער פולער מאָס.

אַן ענלעכע זאַך האָט ביי מיר געטראָפן מיט צפת. אַ לעבן לאַנג געהערט וועגן דער מיסטיש־הייליקער שטאָט אין די בערג, געקומען אין לאַנד, אָבער ערשט נאָך העכער זעקס יאָר זיין אין ישראל, זיך צום ערשטן מאָל אויסגעקליבן אַהין.

צו זען די לאַנדשאַפט און די מענטשן, דאָס אַלטע און נייע. און נישט צו וויסן, וואָס איז קאָלירטער, וואָס אינטערעסאַנטער.

הינטער זיבן בערג און זיבן טאָלן

ווי עס פּאַסט פאַר אַ שטאָט, וואָס איז אַרומגעשפּונען מיט לעגענדעס, איז צפת באַהאַלטן הינטער זיבן בערג און זיבן טאָלן. ווי אַ שרויף דרייען זיך אַרויף די סערפּענטינעס פון דעם כביש, וואָס פירט אין די בערג, וואָס אַ מאָל טיפער, טיפער, נענטער צו די שפּיצן — צום פּאַרהוילענעם האָרץ פון גליל. די אָפּגעדעקטע באַרג־ריפּן, די זיתים־וועלדלעך לענג־אויס דעם שאָסיי, דערמאָנען דעם פּרוזדור פון ירושלים. דער אויסבליק איז אָבער דאָ ברייטער, דאָס גרינס זאַפטיקער. נאָכן אָפּפאָרן אַ שעה פון חיפה צום צפון, שווימט אַרויף אויף אַ וועגווייזער די אויפשריפט מ י ר ו ן — דאָס אָרט פון יאָרצייט־שייטערס, געצונדענע ביינאַכט אויף בערג, פון שטורמישע חסידישע קאַראַהאָדן אַרום דעם קבר פון דעם בעל ה„זוהר", רבי שמעון בר יוחאי.

נאָך און נאָך אַ סערפּענטינע און אָט שטייגט מען שוין אויס פון „אגד"־אויטאָבוס צופוסנס פון נאָך איינעם, אַ ניי אַנטפּלעקטן באַרג — דעם הר כנען.

געאָגראַפיע און היסטאָריע

העכער 800 מעטער איבערן ים־שפיגל און ווייטער אַרויף צום צפון —איז דאָ קילער, ווי אין ירושלים. פאַראַן אַ סך הויכע און ברייטע, איינגעפונדעוועטעביימער; שמעקעדיקע נאָדל־וועלדלעך, וואָס טוען זיך צערוישן אין אַ ווינט, ווי להבדיל אין די קאַרפּאַטן. דאָ פאַלט דער מאַקסי־מאַלער קוואַנטום רעגן אין משך פונעם יאָר און אַ מאָל אין אַ ווינטער האָט דאָ אויך אַ ברירה אויסצופאַלן אַ שניי. מען קען דאָ אַפילו — שמועסט מען — אַ מאָל אין אַ ווינטער, זען אַ שליטעלע.

זומער בלאַנקען שטיינערנע דעכער אין דער קלאָרער לופט און קלינ־גען צו דער זון. ווייסע ציגן פאַשען זיך צווישן איינגעפאַלענע שטיבער, ווי אין קאַסרילעווקע.

איבער די משופּעדיקע, שמאָלע זייטן־געסלעך שפּרייזן אָבער קליינע אייזעלעך, באַלאָדענע מיט גרויסע לאַסטן. אַ ייד מיט באָרד און פּאות — אפשר אַ תימנער — פאָרט רייטנדיק אויף אַן אייזעלע און צווישן באַנקעס אייל אָדער קובלעס קאַלעך, זעט מען זיך באַמבלען ביים אייזלס האַלדז צוויי געזונטע, באַרוועס־אָפּגעברענטע פיס פון אַ יידישן „גורל". די בעלי מלאכה פון צפת טוען זייער אַרבעט אונטערן פרייען הימל: ס׳איז פאָרט מזרח!

פון דער „אגד"־סטאַציע לויפט דער שוואַרץ־גלאַנציקער אַספאַלט־שאָסיי ווייטער באַרג־אַרויף; נעמט אַרום מיט זיין שטאַרקן, יונגן אָרעם אַלדאָס נייע, וואָס דער ישוב האָט אויפגעשטעלט אין משך פון די לעצטע 50 יאָר און דאָס נאָך נייערע, וואָס איז געוואָרן אויפגעשטעלט שוין נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה. רעכטס — איינע פון די גרעסטע סאַנאַטאָריעס פון קופּת חולים, „בית בוסל"; ווייטער אַ שטאָטישער גאָרטן, אַ שטאָ־טישע פאָלקס־שול און אַנטקעגנאיבער, לינקס, געפינט זיך אַ שפּיטאָל. באַרג־אַרויף, לינקס, פירט אַ וועג צו דעם מוזיי „גליצענשטיין" און צום „גן המצודה" — צום וווּנדערשיינעם טעראַסן־פּאַרק, וואָס פון זיין שפּיץ שפּרייט זיך די פּאַנאָראַמע פון דער גאַנצער געגנט מיט אַן אויסבליק צום ים כנרת.

מען דערציילט מיר, אַז ראש־השנה קלעטערן די פרומע יידן פון צפת אויפן שפּיץ באַרג, העפטן אַן זייערע בליקן אין דעם בלויען טאָוול פון כנרת און זענען אויף דעם אופן יוצא די מצווה פון „תשליך".

און נאָך איין זאַך געפינט זיך אויף אַט דעם שפּיץ באַרג: דער געדענק־עמוד פון די קעמפער, וואָס זענען געפאַלן מיט אַכט יאָר צוריק ביים באַפרייען צפת. אויף שריט און טריט טרעפט מען אין צפת סימנים פון אַט דער געשעעניש. מען זעט זיי און מען הערט כסדר פון די תושבים וועגן דעם נס, וואָס איז דעמאָלט געשען.

די בעקערייַ „כנען" און די אַפּטייק „ארי"

און דער כביש לויפט ווייטער צווישן אַ שורה האָטעלן, פּענסיאָנאַטן, לענגאויס דעם פּאָסט־ און פּאָליציי־בנין. מען טרעט אַריין אין האַנדלס־קוואַרטאַל און מען געפינט זיך אין אַ קליינעם שטאָט־צענטער פון דעם היינטיקן ישראל. אויף דער הויפּט־גאַס פון אַט דעם האַנדלס־צענטער זעט מען אַן אַפּטייק, וואָס האָט זיך אָנגערופן „ארי", אויפן נאָמען פון אר״י הקדוש"; אַ געשעפט מיט געבעקס הייסט אויפן נאָמען פונעם באַרג, וואָס קיניגט איבער דער שטאָט — כנען.

אַלע האַלבע שעה גייט איבער דער שטאָט אַן אויטאָבוס צו די נייע שיכונים אויפן הר כנען. דער באַרג האַלט מער ווי טויזנט מעטער איבערן ים־פּלאַך. אויך דאָ געפינט זיך אַ גרויסע סאַנאַטאָריע פון קופּת חולים, עטלעכע פּריוואַטע, גרויסע און שיינע פּענסיאָנאַטן, און דער עיקר, די אַזוי גערופענע קרית שרה. מען ווערט געוואָר אַ מעשה וועגן דער שפּענדערין און בויערין פון אַ קאָמפּלעקס בנינים, וועלכע הייסט שרה לוי, אַזוי ווי די שאַפערין פון תימנישן טאַנץ־אַנסאַמבל „ענבל". אַז מען האָט מזל, קען מען אויך אַ מאָל זען זי גופא — די אַלטע, אָריגינעלע יידישע דאַמע, וואָס האָט אַהער געבראַכט אַ פאַרמעגן, אויפגעשטעלט אַ פּאַלאַץ אויפן באַרג און אים דערנאָך אָוועקגעשענקט דעם קרן קימת. זי אַליין לעבט אויס איינזאַם דעם רעשט פון אירע יאָרן אין אַ קליינעם הויז, אַרומגערינגלט מיט זעלטענע בלומען און זעלטענע ביימער.

מיך אינטערעסירט אָבער קודם כל דאָס אַלטע צפת.

שטיינער און מענטשן פון פאַרגאַנגענע תקופות

פון רעשטן פאַרשידענע סטילן, פאַרשידענע תקופות — אויפן פּאָן פון אַ מעכטיקער לאַנדשאַפט — האָט זיך אויסגעפורעמט אַ נייער סטיל.

מיט העכער הונדערט יאָר צוריק האָט צפת אַדורכגעמאַכט אַן ערד־ציטערניש, וואָס האָט איינגעוואָרפן הייזער און פאַרטיליקט אַ סך מענטשן.

די אַלטע איבערבלייבענישן פון פּאַרצייטן האָבן אָבער איבערגעדויערט די קאַטאַסטראָפע, זיך אויסגעגלייכט אין זייער מעמד מיט די חורבות פון די נייערע בנינים.

זענען דאָ פאַראַן די רעשטן פון דער קרייצריטער־פעסטונג. פאַראַן אַלטע שולן און, להבדיל, אַלטע מעטשעטן. פון צווישן די הויפנס אויפ־געשיטע שטיינער — צווישן ווילדגראָזן און דערנער — שטאַרצן אַרויס מעכטיקע וואַנט־בלאָקן, געוועלבטע סופּיט־בויגנס, צעבויגענע אייזנס פון קונציק פאַרפלאָכטענע אָרנאַמענטן.

„מיטלאַלטערלעכער אָריענט" — דערקלערט מיר דער קינסטלער אריה מערזער, וועלכער האָט זיך איינער פון די ערשטע אַריינגע־קליבן וווינען און שאַפן אין די חורבות; געמאַכט דעם אָנהייב פון דעם צפתער מאָלער־קוואַרטאַל „קרית הציירים".

אויפן פּאַן פון דער פאַרצייטיקער אַרכיטעקטור דרייען זיך אַרום מענטשן, וואָס זענען אַליין אויך, ווי לעבנגעבליבענע שרידים פון די פאַר־גאַנגענע יאָרהונדערטער.

יידן אין שוואַרצע, סאַמעטענע קאַפּעליושן און קליינע ייִנגעלעך מיט פּאהלעך און ארבע כנפות; יידענעס אין קופּקעס און לאַנגע פערקאַלענע קליידער מיט לאַנגע אַרבל. אַזעלכע יידן זעט מען אויך אין מאה שערים אין ירושלים, און אַזעלכע יידן פלעגט מען זען מיט פערציק צי מיט פופציק יאָר צוריק אויף די גאַסן פון אַ גאַליציש שטעטל. דאָס זענען אָבער יידן דאָ אין צפת געבוירענע, איינגעזעסענע. אין זייער מויל קלינגט אַ לעבעדיק געלייטערט יידיש לשון מיט אַן אויסטערליש־ריינעם קלאַנג.

מיטן שטראָם פון גאולה־בענקשאַפט

מיט העכער פיר און אַ האַלב הונדערט יאָרן צוריק איז דאָס געשען. נאָך גירוש־שפּאַניע און נאָכן באַזעצן ארץ־ישראל דורך דער דעמאָלט יידן־פריינטלעכער טערקיש־אָטאָמאַנישער אימפּעריע, האָבן זיך די גולים און פּליטים אַ לאָז געטון קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן אויפגעשטעלט נייע יידישע קהילות און פאַרשטאַרקט די עקזיסטירנדיקע יידישע ישובים, קודם כל אין די הייליקע שטעט — ירושלים, טבריה, חברון. צפת איז די פערטע פון זיי. די גייסטיקע מנהיגים פון די עדות האָבן זיך געצויגן צו דעם אָרט, ווו עס האָט אויפגעשטראַלט צוערשט דאָס ליכט פון בעל ה„זוהר".

מען שמועסט, אַז אין די הייסע זאַמדן פון דעם קברות־באַרג אין צפת ווערן די גופים פון די טויטע נישט פאַרפוילט, נאָר אויסגעטרוקנט. אפשר האָט אויך די צפתער לופט אַזאַ מין אייגנשאַפט פון קאָנסערווירן אַלטע לעבנס־פאָרמען — אַלטע בענקשאַפטן — אַריינבלאָזן אין זיי אַ כוח פון אייביקן דויער.

אַ ייד, ווי אַן אייגענער טאַטע

שוין קורץ פאַר מיין פאַרלאָזן צפת רעד איך זיך צונויף מיט אַ גאַסט פון „בית בוסל" חבר שכנא, וועלכער איז געקומען אין לאַנד מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר צוריק פון אַ קליין שטעטעלע נעבן ביאַליסטאָק. אין אַ פּרייטיק פאַר מיטאָג לאָזן מיר זיך אַריין אין דער שמאָלער גאַס, וואָס פירט צום צפת פון אַמאָל — צו דעם צפת של מעלה. ביים אַריינגאַנג אין אַ בית המדרש טרעפן מיר צוויי יידן. מיר פרעגן, ווי גייט מען דאָ צום אַלטן בית הקברות, און איינער פון זיי — אין אַן אָפּבלאַקירט וואַכעדיק „זשאַקעטל" און אין אַ גאַליצישן קאַפּעליוטש, מיט אַן אויסגעצאַמט פּנים און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט — מאַכט אונדז אַ פאָרשלאָג.

— איך וועל אייך אַהין צופירן.

אַרויס פון די גאַסן און געסעלעך, גייט מען ווייטער באַרג־אַראָפּ „אויפן פעלד", וואָס איז פאַרוואַקסן מיט הויכע, שוין קעגן זומער אַ ביסל צוגעטרוקנטע גראָזן און קוסטעס און שיטער באַדעקט מיט מצבות, האַלב אַריינגעוואַקסענע אין דער ערד. אַ שטילקייט נעמט אונדז אַרום, אַ צוויי־טשערן פון גראָז־גרילן, אַ ריח פון היי און אַראָמאַטישע פעלד־קרייטעכ־צער — אַן אומבאַשרייבלעכע שטימונג. דער ייד, וואָס פירט אונדז אַרום, זעט אויס ווי אַן אייגענער טאַטע. ער איז אַזוי היימיש־אויסגעקאַכט מיט די, וואָס רוען דאָ זינט הונדערטער יאָרן, ווי ער וואָלט אַליין — ערשט נעכטן — געלעבט אין זייער מחיצה. ער פירט אונדז אַרום באַרג־אויף, באַרג־אָפּ, ער ווייזט אונדז מיט יראת הכבוד די אַלטע שטיינער, רופט אָן נעמען, דערציילט אַלע ווילע אַן עפּיזאָד, אַ מופת, אַ פּרשה פון דער גרויסער לעגענדע. ער פירט זיך אויף אַ ביסל מעשה מדריך און סך הכל איז ער אַליין אַ צדיק אין זיין אָרעמקייט און תמימות. אַלע מאָל לאָזט ער אונדז שטיין אַ ווילע, ער בוקט זיך איבער אַלטע שטיינער,

קושט זיי מיט די פולע קושן פון זיין מויל, מיטן זשעסט פון אַ לעבעדיקער ליבשאַפט.

דער מיסטישער סאָקראַטעס און זיין אַפּלאַטאָן

אויפן אַלטן צפתער בית־עלמין רוען גרויסע, צענטראַלע פּערזענלעכקייטן פון יידישן גייסט — גרויסע למדנים, מקובלים, משוררים, מחברים פון וויכטיקע רבנישע ווערק. אין 16טן יאָרהונדערט איז צפת געווען אַ צענטער, וואָס האָט צוגעצויגן יידישע גאונים און שעפער פון די סאַמע אָנגעזעענע קהילות אין אייראָפּע. ווער פון זיי ס׳איז דאָ געקומען אויף אַ קורצער צייט — ווי אַ שטייגער דער גרויסער וויזיאָנער פון יידישן מלכות שלמה מולכו — און ווער עס האָט זיך דאָ באַזעצט אויף שטענדיק און פון דאַנען אויסגעשטראַלט דאָס ליכט פון זיין גייסט אויף אַלע לענדער פון דער יידישער פאַרשפּרייטונג.

דאָ האָט געלעבט און דאָ איז געשטאָרבן דער קאָדיפיקאַטאָר פון יידישע דינים און מנהגים יוסף קארא, דער מחבר פון „שולחן ערוך״, אַ ווערק, וואָס האָט געשטאַלטיקט און פאַראייניהייטלעכט דעם יידישן שטייגער לעבן אין משך פון יאָרהונדערטער. דאָ האָט אויסגעחלומט און אויסגעזונגען זיין ליבע־ליד צו דער מלכה שבת דער דיכטער פון „לכה דודי לקראת כלה״ שלמה אלקאביץ, דאָ האָבן געלעבט און געווירקט די עקסטאַטישע מיסטיקער משה קאָרדואיראָ און אליהו די ווידאש.

די סאַמע באַליבטע און קאָלירפולע, די סאַמע פלאַמיקע צווישן אָט די געשטאַלטן איז דער אר״י (אדוננו רבי יצחק לוריא). ער איז יונג געשטאָרבן און פון אים זענען קיין ספרים נישט פאַרבליבן. ערשט זיין תלמיד ר׳ חיים ויטל האָט פאַרצייכנט זיין תורה שבעל פה אין אַ ספר. און דאָך האָט ער זיי אַלע פאַרשאָטנט מיט זיין פערזענלעכן גלאַנץ, מיט דער סוגעסטיע פון זיינע זעענישן און קודם כל מיטן כוח פון דער ליבשאַפט, מיט וועלכער דאָס פאָלק האָט דווקא אים באַשאָנקען.

ביז היינט האַלט אָן די לעגענדע. מען דערציילט ווי ער האָט דאָ געוואָנדערט צווישן בערג מיט זיינע תלמידים און געזונגען און געדרשנט פאַר זיי זאַכן, וואָס זענען געווען סיי פלאַמיקע אמונה, סיי מיסטישע פילאָזאָפיע, אָבער קודם כל וואונדערלעכע פּאָעזיע — אַלץ צוזאַמען פסוקים פון

יידישער בענקשאַפט צו גאולה און געראַנגל פאַר גאולה — איין גרויסע סטיכייע פון פייעריקן עקסטאַז.

ווי זייער דערמאָנט אונדז אָט די געשטאַלט אין די געשטאַלטן פון די גייסטיקע מנהיגים, וואָס זענען אויפגעקומען אין די סלאַווישע לענדער מיט העכער הונדערט יאָר שפּעטער — קודם כל אין דעם ייד, וואָס האָט געוואַנדערט צווישן די קאַרפּאַטן־בערג און אַ חסידישע לעגענדע דערציילט, אַז ער פלעגט האָבן קפיצת הדרך און דורך אַן אונטערער־דישער הייל שפּאַנען אין די נעכט קיין ארץ־ישראל, כדי זיך צו טרעפן מיט די מקובלים פון צפת...

די 7 הרוגי מלכות

ביים פאַרלאָזן דעם בית־עלמין פירט אונדז נאָך דער „מדריך" אונדזערער צו צום קבר פון די 7 קעמפער, וועלכע זענען געוואָרן פאַר־משפּט צום טויט דורך דער ענגלישער מאַנדאַט־רעגירונג און זייערע גופים זענען אַהער געבראַכט געוואָרן פון עכו. אַ טרעפּ פירט צום טאָוול, אויף וועלכן עס זענען אויסגעקריצט די נעמען פון די, וואָס האָבן מקריב געווען זייער לעבן פאַרן אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה.

מיט אַ ספּעציעלער סאַטיספאַקציע זעען מירביידע מיטן חבר שכנא, ווי דער פרומער ייד פון צפת נידערט אַראָפּ מיט די טרעפּ און בייגט זיך אויך איבער אָט דעם קבר. ער באַרירט מיט דער האַנט דעם שטיין און קושט אים, ווי מען קושט אַ מזוזה.

*

וואָרעם אויך דער געראַנגל פאַר גאולה פון אונדזער צייט און דער נס פון יידישן נצחון אין אייגענעם לאַנד, איז אַ טייל — אַ ממשותדיקער המשך — פון דער פאָלקס־לעגענדע צפת.

1956

30. אויף שבת אין דגניה

פאַר חיותה בוסל — אַ מתנה

Dort wo die schnelle Jordanswelle fliesst.

אין גאַליציע פלעגט אַמאָל די ציוניסטישע יוגנט זינגען אַ ליד אויף דייטש און אויף פויליש, וואָס האָט אויסגעדריקט די בענקשאַפט צו ארץ־ישראל. אין דעם ליד האָט זיך גערעדט וועגן צעדערביימער, וועגן באַרג חרמון, און אין איינער פון די סטראָפן איז געווען די רייד וועגן אַזאַ אָרט, ווו עס פליסן די כוואַליעס פון ירדן.

וועגן ירדן האָב איך אָבער געוווּסט נאָך פריער. פאַר מיינע אויגן שווימט אויף אַ ביכל מיט פיאָלעט־בלויע, אָפּגעריבענע טעוועלעך: די „ביבליע" פון מיינע קריסטלעכע חברטעס, מיט פאַרקירצטע מעשיות פון אַלטן און נייעם „טעסטאַמענט". און הגם איך האָב געהאַט אַ רעכט אַרויס־צוגיין פון דער קלאַס בשעת די לעקציעס, אויף וועלכע מען פלעגט לערנען פון יענעם ביכל, האָב איך זיינע ביידע טיילן איינגעשלונגען נאָך גיכער פון די קריסטלעכע שילער. איך האָב געלייענט, ווי אַזוי זייער הייליקער „יאַן" האָט אין די וואַסערן פון ירדן געטובלט זייער „משיח" און דערמיט אים געהייליקט פאַר זיין שליחות. קריסטלעכע קינדער ווערן באַלד נאָך זייער קומען אויף דער וועלט באַשפּריצט מיט וואַסער און דאָס סימבאָ־ליזירט יענע לעגענדאַרע טבילה אין די וואַסערן פון ירדן. און נאָך געדענק איך די חגא, וואָס פלעגט אויספאַלן אין טיפן ווינטער, אין דער צייט פון שנייען און פרעסט. דאָס קלינגען פון די גלעקער, די מחנות פּויערים אין שטיוול און פעלצן, אָבער מיט אָפּגעדעקטע קעפּ — אַ צעזונגענע פּראָצעסיע מיט איקאָנעס און צלמים אויף הויכע דרענגער, מיטן כומר בראש... זייער שפּאַנען איבערן צעזילבערטן שניי צום פאַרפרוירענעם טייך... מען פלעגט דאָרט אויסהאַקן אין אייז אַן עפענונג אין געשטאַלט פון אַ צלם, דער גלח האָט זיך געשטעלט אויפן אייז, „געפרעפלט", געבענטשט דאָס וואַסער, און דערנאָך האָט זיך יעדער פּויער אָנגעשעפּט אַ קריגעלע „געשווענצלט" וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אַ גאַנץ יאָר אויף אַ פּאָליצע צווישן די איקאָנעס, און געדינט צום טובלען די ניי־געבוירענע, צום היילן

קראַנקע און צום באַשפּריצן די טויטע אויף זייער לעצטן וועג. האָט אָט די גאַנצע חגא פון הייליקן וואַסער געהייסן — יאַרדאַן!

און דאָס איז דער טייך פון די טייכן, אַ געהייליקטער ביי יידן און גויים, אַן אַרומגעשפּונענער מיט אוראַלטע לעגענדעס, ווי די ברעגעס זיינע מיט אַטשערעט.

היינט וועל איך אים זען צום ערשטן מאָל. און אויך דעם ים כנרת — דאָס Jezioro Genezaret פון יענעם שול־ביכל, וואָס ביי זיינע ברעגעס האָבן נסים געטראָפן.

אין איינעם אַ שטאַרק העלן פרילינג־טאָג — ערב שבת חול־המועד, בין איך אַהער אָנגעקומען פון תל־אביב. איך האָב געדאַרפט וואַרטן אויף אַן אויטאָבוס און דערווייל זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פון ים כנרת, וואָס איז בלוי אַפילו פון דער נאָענט. אַרום האָבן געשטאַרצט די שוואַרץ־באַזאַלטענע חורבות פון די רוימישע און קרייץ־ריטערישע צייטן, און צוויי פישער אין האַקי־לייוונט — צוויי קרעפּטיקע אַפּאָסטאָלן פון אונדזער צייט — האָבן אַדורכגעטראָגן פאַר מיינע אויגן אַ קויש מיט זילבער־געשיפּטע פיש פון דעם זעלבן מין, מיט וועלכן „ער" — יענער בלאָנדער ייד, דער גוישער משיח — האָט געהאָדעוועט זיינע תלמידים...

מיט אַנדערהאַלבן שעה שפּעטער בין איך ווידער אַראָפּ פון אַן אויטאָבוס, געשטאַנען אויפן ברעג פון ירדן, אויפן אָרט, פון וואַנען מען זעט אַן דעם שניי־באַדעקטן שפּיץ פון באַרג חרמון — אויפן אָרט, וווּ די „שנעלע יאַרדאַנסוועללע" שווימט אַרויס פון ים כנרת.

אַזוי בין איך אָנגעקומען קיין דגניה.

די ברכה פון מילך און האָניק

נאָכן פאַרברענגען פרייטיק צו נאַכטס ביים קיבוצישן טיש און איבער־נעכטיקן אַ נאַכט ביים רויש פון די ירדן־כוואַליעס, וואָס איז צו מיר דערגאַנגען נאָענט צעשעפּטשעט דורך אַן אָפן, בלויז דורך אַ מאָסקיטן־נעץ פאַרשטעלטן, פענצטער — שפּאַן איך באַלד אין דער פרי אַרויס באַקוקן די געגנט.

אַזאַ שפּאַציר איז קודם כל אַ לעקציע געאָגראַפיע, אַ קאַפּיטל געשיכטע. די אויפקלערונגען פירן מיך צוריק אין דער צייט פון „פאַר־פאַר" און פון „בשעת".

די ברעגעס פון ים כנרת ליגן קנאַפּע 200 מעטער אונטערן ים־שפּיגל,

די דורכשניט־טעמפעראַטור אין משך פונעם יאָר געהער דאָ צו די העכסטע; די אַטמאָספערישע באַדינגונגען — ווייט נישט צו די גרינגסטע אין לאַנד.

און דאָך איז דגניה — דער גאַנצער יידישער טייל פון ירדן־טאָל — ממש אַ גן־עדן אויף דער ערד. דאָ ווערן רייף די ערשטע פרוכטן און דאָס ערשטע גרינוואַרג; דאָ געראָטן נישט בלויז סובטראָפּישע, נאָר אויך טראָפּיקאַלישע געוויקסן. פון דאָנען שטאַמען די גרעסטע קוואַנטומס באַנאַנעס. אַפילו טייטלען ווערן דאָ געהאָדעוועט אין אַ קאָמערציעלן מאַסשטאַב אין אַ פּאַלמען־וואַלד, וואָס טריפט מיט דער זיסקייט פון דער אַלטער מילך־ און האָניק־ברכה פונעם צוגעזאָגטן לאַנד.

דאָס עלעקטרישע ווערק פון פּנחס רוטענבערג האָט מיט בערך 25 יאָר צוריק אָנגעאַרבעט אין אָט דער געגנט אַ טאָפּאָגראַפישע איבערקערעניש. מען האָט פאַרטיפט דאָס בעט פון ירדן, מען האָט געענדערט די ליניע פון זיינעם אָן „אַרבל". עס איז איבער אים געוואָרן אַריבערגעוואָרפן אַ בריק און נישט ווייט פון דעם אָרט, ווו מען פלעגט אַמאָליקע יאָרן זומערצייט אויסטון די שיך און אַריבערשפּרייזן דעם טייך צו פוס, אָדער ווינטערצייט אים אַריבערשווימען אין אַ שיפל — לויפט היינט דער אַספאַלטענער שאָסיי קיין טבריה. דגניה ליגט אויפן לינקן ברעג פון ירדן און די מענטשן אירע געדענקען נאָך אַזוי פריש די קלוגע, רוסישע שטעכווערטלעך פון אינזשיניער רוטענבערג, ווי ער וואָלט ערשט נעכטן דאָ אַרומגעפילדערט און קאָמאַנדעוועט מיט די אַרבעטער ביים שטעלן די דאַמבע, וואָס פאַררוישט עד היום דעם אַרום.

די זומפּן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער געגנט, זענען געוואָרן אויסגעטרונקען דורך אייקאַליפּטוס־ביימער; דאָס געלע פיבער, וואָס האָט געטרייסלט די ערשטע יידישע תושבים פון דעם אָרט, איז געוואָרן פון דאָנען פאַרטריבן. פון דער אַלטער, פון ליים געקלעפּטער אַראַבישער כאַטע, נעבן דעם דאָרף אום־דזשוני, וואָס אַ גרופּע יידישע יונגעלייט פון רוסלאַנד און רומעניע האָט איבערגענומען ביים קרן קימת, צוזאַמען מיט אַ שטיק באָדן צום באַאַרבעטן אויפן אייגענעם באַראַט — פון דער ערשטער פרימיטיווער באַלעבאַטישקייט זייערער — זענען אויסגעוואַקסן צוויי מעכטיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלעקטיוון: דגניה א׳ און איר טאָכטער־ישוב דגניה ב׳. ביידע ישובים געפינען זיך היינט אויפן העכסטן שטאַפּל פון מאָדערנער, מעכאַניזירטער באָדן־קולטור; געהערן צו די

וויכטיקסטע אַפּראָוויזאַציע־באַזעס פונעם לאַנד. פון די צען חברים און צוויי חברטעס, וואָס האָבן זיך דאָ אַלס ערשטע באַזעצט אין עלנטע, אַראַבישע נאַרעס, איז געוואָרן אַ באַפעלקערונג פון אַ פּאָר הונדערט נפשות, וואָס וווינען אין דירות מיט מאָדערנעם קאָמפאָרט, מיט עלעקטריש ליכט, מיט שיינע, באַקוועמע מעבל, מיט ראַדיאָ־אַפּאַראַטן אין יעדער דירה — מיט פּריוואַטע און בפרט מיט געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען פון אַזאַ מדרגה, וואָס ווייט נישט יעדער שטאָט־איינוווינער, אַפילו פון אַ גאַנץ אַנטוויקלט לאַנד, האָט פון זיי אַ מעגלעכקייט צו געניסן.

איבערגעוואַקסן די פּלענער

די ווירטשאַפט־געביידעס, וואָס זענען מיט אַ צייט פריער אָנגעגאַנגען פאַר גרויס און מאָדערן, זענען שוין היינט געוואָרן צו קליין. מען האָט אויפגעבויט, און מען בויט ווייטער, נייע בנינים. די אַלטע שטאַלן און סטאַדאָלעס ווערן פאַרוואַנדלט אין מאַגאַזינען אָדער אין שאַפּעס אויף מכשירים. און אַזוי ווי דער באַדן אַרום דגניה איז אין גאַנצן באַאַרבעט און עס איז נישטאָ וואוהין זיך מער אויסצושפּרייטן אין דער ברייט — האָט מען זיך גענומען שטרעקן אין דער הייך; אָנגעהויבן בויען אין דגניה שטאָקיקע וווין־הייזער.

אַ גרויסער, באַקוועמער, זייער שיינער עס־זאַל, מיט אייגנאַרטיקע איינריכטונגען קעגן דער היץ און דושנעקייט אין די זומער־חדשים. אין זאַל שטייט אַ קלאַוויר, און דאָ ווערן אויך אָפּגעהאַלטן כלערליי אויפנאַמעס, פאַרזאַמלונגען, קינסטלערישע אימפּרעזעס. אויך אַ שמאַל־טאַשמיקער פילם־פּראָזשעקטאָר איז דאָ פאַראַן און יעדע וואָך ווערן דאָ געוויזן פילמען. טעאַטערס קומען אַהער מיט אַלע זייערע אויפפירונגען, זינגערס, רעציטאַטאָרן, טאַנץ־קינסטלער — קומען אַהער מיט זייערע פּראָדוקציעס.

פונקט אַזוי, ווי אין פאַרשידענע אַנדערע קיבוצים. די ישראל־קונסט האָט זיך איינגעשטעלט אויף צו באַדינען די „פּראָווינץ", ווי אפשר אין קיין שום אַנדער לאַנד אויף דער וועלט.

און פונקט, ווי אין פאַרשידענע אַנדערע קיבוצים, וואַרפט זיך דאָ אין די אויגן די צערטלעכע זאָרג פאַרן יונגן דור. אין דגניה איז איינגע־פירט, אַז קינדער נעכטיקן ביי די עלטערן, אָבער איבערן טאָג געניסן זיי פון אַ גוט אָרגאַניזירטער, פּעדאַגאָגישער און היגיענישער אויפזיכט אין אַ גאַנצער נעץ פון דערציאונגס־אַנשטאַלטן — אָנגעהויבן פון הויז

פֿאַר זייג־קינדער ביז צום ערשטן שטאַפּל פֿון מיטלשול־בילדונג, וועלכע קאָן דערנאָך דערגענצט ווערן אין דער נאָענטער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער מיטלשול אויפֿן נאָמען פֿון ד״ר רופּין, וועלכע איז באַשטימט פֿאַר דער יוגנט פֿון ירדן־טאָל. סיי די עלטערן, סיי די לערער טוען אַלץ, כדי צו דערהאַלטן די יוגנט ביי דער לאַנדווירטשאַפֿט און גלייכצייטיק צו הייבן די אַגריקולטור פֿון דאָזיקן טייל לאַנד.

בית גורדון

אין דגניה א׳ איז אויך פֿאַראַן דער בית גורדון — אַן אינסטיטוט פֿאַר נאַטור־ און באָדן־פֿאָרשונג אויפֿן ניוואָ פֿון אַ הויכשול. דער אינסטיטוט, וואָס איז געווידמעט דעם זכר פֿון דעם גרויסן לערער פֿון דער קיבוצים־ און חלוצים־באַוועגונג, וועלכער האָט געלעבט און געווירקט אין דגניה — איז אַליין דאָס לעבנס־ווערק פֿון אַ באַדייטנדיקער פּערזענלעכקייט אויפֿן וויסנשאַפֿטלעכן געביט, דעם נאַטור־פֿאָרשער י ע ק ב פּ ל מ ו נ י. ער האָט דאָ אָנגעקליבן מוסטערהאַפֿטיק געאָרדנטע און קאַטאַלאָגירטע זאַמלונגען פֿון פֿייגל, רעפּטיליען און קודם־כל אינסעקטן פֿון דעם לאַנד, ווי אויך אויפֿגעשטעלט אַ זאַמלונג פֿון געטריקנטע געוויקסן, וועלכע דערגענצן די לעבעדיקע קאָלעקציע פֿון דעם באָטאַנישן גאָרטן, וואָס רינגלט אַרום דעם בנין פֿונעם אינסטיטוט. פֿאַראַן דאָ אַ לאַבאָראַטאָריע פֿאַר סטודיאַנטן, פֿאַראַן אַ ביבליאָטעק, פֿאַראַן אַ קאָלעקציע פֿלאַטערלעך, וואָס קאָן באַגייסטערן נישט נאָר אַ נאַטור־פֿאָרשער — אויך אַ מאָלער! די שטילקייט, די געלייטערטע אַטמאָספֿער, וואָס הערשט אין דעם היכל, די ספּאַרטאַנישע פּשטות פֿונעם אויטענטישן גורדון־צימער, וואָס איז אויפֿגעשטעלט אויף אַ זייטיקן פּאָדיום — דאָס רואיקע וויסן, וואָס שטראַלט פֿון דעם לייטער, זיין קלוגע און געטרייע אַרבעט, וואָס זעט זיך אַרויס פֿון יעדן ווינקל — ציען אַריין דעם באַזוכער אין דער אַטמאָספֿער פֿון אַן אויסגעחלומטער עקזיסטענץ, וואָס אַליין האָט מען זי שוין אויף אייביק פֿאַרשפּילט...

די מוטער פֿון די קיבוצים

צי בין איך דען אָבער אומשטאַנד צו שילדערן — אַפֿילו נאָר אויס־צורעכענען — אַלץ, וואָס דגניה שטעלט מיט זיך פֿאָר? זיכער זענען אויך אין אַנדערע קיבוצים פֿאַראַן פּונקט אַזעלכע גרויסע, אפֿשר נאָך גרעסערע הינער־צוכטן און גרויסע קי־שטאַלן און אויך מאָדערנע קולטור־איינריכ־

טונגען, און זיכער איז אין יעדן פון זיי פאַראַן עפּעס, מיט וואָס ער שטאָל־צירט פאַר די אַנדערע. מיט וואָס דגניה טיילט זיך אָבער אויף אַן אמת אויס פון אַלע אַנדערע קיבוצים, איז דאָס, וואָס זי איז געווען דער ערשטער, אָדער כמעט דער ערשטער ישוב פון דעם מין; וואָס זי האָט די ערשטע אויסגעפורעמט דעם טיפּ קאָלעקטיוו־ווירטשאַפט און דעם טיפּ מענטשן־געמיינשאַפט.

אַ פּרייוויליקע געזעלשאַפט פון גלייכגעזינטע חברים, וואָס האָבן באַשלאָסן איבערצובויען זייער לעבן אויפן יסוד פון אַבסאָלוטער גערעכ־טיקייט און אייגענער ארבעט; דערגאַנגען צו דער איבערצייגונג, אַז די באַפרייאונג און איבערדערציאונג פון דעם פאָלק, דאַרף מען אָנהייבן פון דעם סאָציאַלן און פסיכישן איבערדערציען — זיך אַליין!

דאָס, וואָס איך האָב אויבן אָנגעשריבן, האָט מען שוין הונדערט מאָל געהערט, סיי ביי אונדז, סיי אין אַנדערע לענדער. די פאָרמולע איז אַזוי פיל מאָל פאַרפּעלשט און דעוואַלואירט געוואָרן, אַז עס וואָלט צו לאַנג־ווייליק און פוסט געווען זי איבערצוחזרן, ווען נישט דאָס, וואָס דאָ האָט מען אָט די זאַך מקיים געווען אויף דעם רעכטן אמת; וואָס דאָ נעמט מען זי מיטן פולן ערנסט און מען איז זי מקיים ביזן היינטיקן טאָג.

די ברילן פון דער צווייטער עליה

— און פאַרוואָס האָט איר זיך באַזעצט פּונקט דאָ, אין אַזאַ שווערן קלימאַט? — פרעג איך די חברטע חיותה. איר מאַן יוסף בוסל איז געווען פון די גרונטלייגער פון דער קיבוצישער באַוועגונג. דער גורל האָט געוואָלט, אַז ער זאָל דערטרונקען ווערן אין די כוואַליעס פון ירדן, באַלד אין יענע פריע יאָרן. זיין זכר לעבט אָבער ביז היינט, און נישט בלויז אין די הערצער פון זיין פרוי און איינאונאיינציקער טאָכטער, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אַ יתומה, אַלס איינע פון די ערשטע קינדער פון קיבוץ. חיותה איז יאָרן־לאַנג געווען אַ גננת און דערציערין. זי געהער צו די געטרייסטע אָנהענגער פון די געדאַנקען און אידעען וואָס זי האָט איינגעזאפּט אין יענע ערשטע יאָרן אין דער מחיצה פון איר מאַן און פון דעם גרויסן לערער א. ד. גורדון.

— פאַרוואָס מען האָט זיך דאָ באַזעצט? — ענטפערט זי מיר עפּעס ווי אומגערן. — מען האָט זיך דאָ באַזעצט, ווייל גראָד דאָ האָט דער קרן קימת פאַרמאָגט אַ שטיקל באָדן, וואָס ער האָט אים געקאָנט צוטיילן

פאַר אונדזער עקספּערימענט. פּאַרוואָס האָט מען זיך אָרגאַניזירט אין אַ קאָלעקטיוו, מיט שותּפותדיקער באַשפּייזונג, מיט אַלצדינג שותּפותדיקס? מען האָט עס געטון פּשוט דערפֿאַר, ווייל מען איז געווען ביטערע קבצנים, און אַזוי האָט מען געקאָנט לעבן אַמביליקסטן...

— און ווען מען האָט שוין אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אייגענער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט, זענען נאָך דערנאָך געווען שטרויכלונגען אויף שטרויכ־לונגען — אומגליקן, דורכפאַלן, קריזיסן... און אָט אַזוי — פון די אַלע דורכפאַלן און נויטן איז אויסגעוואָקסן די איינע גרויסע זאַך, וואָס הייסט דגניה...

— מיר האָבן אַלץ געקאָנט גובר זיין, ווייל די ערד איז געווען מיט אונדז — די ערד און דאָס וואַסער. מיר האָבן געהאַט גענוג וואַסער...

חיותה האָקט אָפּ, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז אין אירע ווערטער זאָל זיך דאָך נישט אַריינגנבהנען דער היינט שוין אַזוי נישט מאָדערנער פּאַטאָס. זי שפּרינגט אַריבער אויף דעם אין דגניה שטאַרק פּאָפּולערן מעלאַנכאָלישן וויץ מיט די ברילן.

— דער רוב פון אונדז איז געקומען פון רוסלאַנד אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ביי אונדז זענען אַפילו די ברילן קאָלעקטיווע. איינער קאָן ביים אַנדערן באָרגן די ברילן צום לייענען. אַלע וותיקים זענען ביי אונדז מער ווייניקער פון איין דור — איך מיין, פון איין יאָרגאַנג. מיר קוקן אויף אַלץ דורך די זעלבע ברילן — די ברילן פון דער צווייטער עליה...

זיין געצעלט — „אוהלו"

אויפן ווייטערדיקן שפּאַציר אין דער געגנט פון דגניה, קומען מיר אָן צו דעם קולטור־הויז, וואָס איז געווידמעט דעם זכר פון בערל קאַצ־נעלסאָן. אַרום דעם צענטראַלן בנין געפינען זיך קלענערע הייזלעך צום וווינען פאַר די אָנטיילנעמער פון פאַרשידענע קורסן און צוזאַמענפאָרן, וואָס ווערן דאָ איינגעאָרדנט.

מיר טרעפן אַ גרופּע פון עטלעכע און דרייסיק מאָלער, וואָס די הסתדרות האָט דאָ איינגעאָרדנט איבער פּסח אויף מאָלן פּייזאַזשן. דער אויסבליק אויף דער געגנט, די פּראַכט פון דעם הימל, די מילד־זיידענע בלויקייט פון דעם ים כנרת; די פּערספּעקטיוו, וואָס עפנט זיך דורך דעם

זײלן־גאַנג פֿון „אוהלו״, װי דורך דער קאָלומנאַדע פֿון אַן אַנטיקן פּאַלאַץ — זענען דער פּאַן און טעמע פֿאַר מאָלערישער אינספּיראַציע. אויף שריט און טריט טרעפֿט מען זיי דאָ — יונגע מענער און פֿרויען אין לײַװנטענע אַרבעטס־הויזן, מיט פּאַליטרעס און שטאַלוגן. װער עס מאָלט, װער עס צײכנט און װער עס ליגט סתם אויפֿן הויכן ברעג און קוקט אויפֿן ים כנרת.

בית־ירח — דאָס הויז פֿון דער לבנה

די שײנקײט פֿון דעם אָרט און דער עיקר זײַן רײַכקײט אין װאַסער, האָט מען אָפּגעשאַצט שוין אין די אוראַלטע צײַטן. האָרט נעבן דעם בנין פֿון „אוהלו״ געפֿינט זיך דאָס געביט פֿון אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען. מען שטײַגט אַרויף אויף אַ בערגל און מען שפּאַנט אַרום צװישן די אָפּגעדעקטע רעשטן פֿון אַן אוראַלטער שטאָט, מיט איבערגעבליבענע חורבות פֿון אַ טעמפּל, װאָס איז געװען געװידמעט דער לבנה־געטין עשתורת. דער גאַנצער ערד־פּלאַץ, װאָס הײבט זיך אָפּ פֿון ים כנרת און איז פֿון צװײ אַנדערע זײַטן אַרומגערינגלט מיט דער סטענגע פֿון ירדן — טראָגט אַ נאָמען, װאָס איז גענומען פֿון אַלטע מקורות — בית־ירח, דאָס הויז פֿון דער לבנה. אויף אַ פּלאַץ דערנעבן זעט מען שפּורן פֿון די שפּעטערע — רוימישע — צײַטן. רעשטן פֿון אַ בית־מרחץ מיט די רעשטן פֿון אַ שטײנערנער רער, װאָס האָט אַהער צוגעפֿירט װאַסער פֿון אַ קװאַל, װעלכער עקזיסטירט ביזן הײַנטיקן טאָג. אין אַ צװײטן פּונקט, זענען פֿאַראַן שפּורן פֿון אַ נאָך שפּעטערער תקופֿה — איבערבלײַבענישן פֿון אַ קריסטלעכן טעמפּל, מיט אויסהױלונגען אויף אַלטאַרן, מיט שטײנערנע בויגנס, מיט שטיקלעך געפּלאַסטערטע מאָזאַיִק, פֿון װעלכער די יאָרהונדערטער האָבן נאָך נישט אויסגעזויגן די מוסטערן און פֿאַרבן. אײנצלנע אותיות פֿון אַלט־גריכישן כּתב זאָגן עדות דערויף, אַז דער קלויסטער איז דאָ געװאָרן אויפֿגעבויט אין די צײַטן פֿון דער ביזאַנטינישער אימפּעריע.

אַלץ איז שוין געװען. צו שײן איז דאָס אָרט, אַז די מענטשן פֿון אַ װאַסער נישט איז תקופֿה זאָלן מותּר זײַן אויף אים.

אויפֿן קבֿר פֿון דער דיכטערין רחל

צװישן די שטײנער און מאָזאַיִקעס פֿון די לבנה־ און קריסטוס־דינער, שפּראָצן גראָזן, בליִען בלומען, װאָס זײערע בעכער־בליטן האַלטן זיך

מאָדנע שטאַרק אויף זייערע שטילן. די פינף־בלעטערדיקע שטערן־בלומען בליען דאָ אין אַ טיפן פורפור־רויט. מיר רייסן אָן בוקעטן רויטע קווייטן. אָט דאָרט, נאָכן שטח פון די אויסגראָבונגען, געפינט זיך — ווי אַ הייליק ווינקל פון דער אַנטיקער צייט, מיט שטיינערנע פיגורן און מזבחות — דאָס בית הקברות פון קיבוץ כנרת. צווישן אַנדערע קברים איז דאָ פאַראַן דער קבר פון דער דיכטערין רחל.

אויף אַ באַרג איבער דעם ים כנרת, אויף אָט דעם ווונדערשיינעם אָרט...

איך טראַכט וועגן דער צוואה אין פערזן פון דעם אוקראַינישן דיכטער טאַראַס שעווטשענקאָ, אין וועלכער ער הייסט זיך באַגראָבן נאָכן טויט אויף אַ בערגל ביים ברעג פון דניעפּר, אויף אַזאַ׳ן אָרט, אַז מען זאָל פון דאָרט הערן דאָס רוישן פון דעם טייך, מען זאָל פון דאָרט אָנזען די דערפער און פעלדער פון זיין היימלאַנד. דאָ געפינט זיך דער קבר פון דער דיכטערין, וואָס איז פון יענעם ווייטן לאַנד געקומען אַהער. אויף דער מצבה זענען אויסגעקריצט די שורות פון אירס אַ ליד, אין וועלכן זי דערמאָנט די מענטשן פון איר פאָטערלאַנד, פון איר פאָלק. יעדער פון זיי — זאָגט זי — מוז האָבן זיין באַרג נבו — דעם באַרג, פון וועלכן ער זאָל זען דאָס לאַנד פון דער צוקונפט, אַפילו ווען ער אַליין וועט שוין אַהין נישט צוקומען...

אין אַ שטיינערן קעסטעלע, ביי דער מצבה, ליגט אַ באַנד פון רחלס לידער. דערנעבן שטייט אַ שטיינערנע באַנק, און ווער עס וויל, קאָן דאָ קומען אין אַ פאַרנאַכט, זיך זעצן אויף דער באַנק, מישן די בלעטער, קוקן אויפן ים כנרת און לייענען די עכט־ווייבלעכע, עכט־פאָעטישע סטראָפן אירע וועגן ליבע, וועגן ביימער, וועגן ים כנרת...

מיר לייגן אַוועק אונדזערע בלומען, און דאָרט ליגן שוין אַנדערע, האַלב־פאַרוויאַנעטע בלומען־בינטלעך, וואָס אַנדערע הענט האָבן נעכטן, אָדער אייערנעכטן, אַוועקגעלייגט.

שפּעטער אַ ביסל, זע איך דעם קבר פון א. ד. גורדון. רחל, די אייביק יונגע, יונג־געשטאָרבענע ליריקערין און דער אַלטער חלוץ, דער תלמיד פון טאָלסטאָי — דער ארץ־ישראלדיקער ל ע ר ע ר פון פאַרווירקלעכן דאָס אויסגעהלומטע. זייערע קברים, זייערע ווערק, בליען ווייטער אויף דעם

אָרט, ווו זיי האָבן אויסגעהויכט זייער נשמה פאַר לויטער ליבשאַפט, פאַר צו פיל עקסטאַז.

בלויז אַט דער פּיעטיזם, מיט וועלכן זיי זענען אַרומגערינגלט נאָכן טויט...

וואָרעם אפילו ליגן נאָכן טויט איז אין דגניה כדאי.

אויפן בית־עולם פון דגניה זע איך די מצבות פון צוויי יידן, וואָס האָבן אין זייערע צוואות אָנגעזאָגט מען זאָל זיי אַהער אַריבערפירן נאָכן טויט — איינעם פון זיי אַזש פון יאָהאַנעסבורג.

געפאַלענע זין

און נאָך זע איך דאָ אַ לאַנגע שורה ווייסע טאָוועלעך מיט נעמען און מיט דאַטעס פון אַ קורצן לעבן. דאָס זענען די נעמען פון די יונגע מענטשן, וועלכע זענען מיט פינף יאָר צוריק געפאַלן ביים פאַרטיידיקן דגניה און סביבה, בשעת דער אינוואַזיע פון די אַראַבישע אַרמייען. אין קיבוץ איז פאַראַן אַ גאָרטן, וואָס הייסט גן שמואל, אויפן נאָמען פון אַ זון פון דגניה, וועלכער איז אין יענעם מלחמה־יאָר געפאַלן אויפן ים. ביים ראַנד פון דעם גאָרטן שטייט אַ האַלב פאַרזשאַווערטער טאַנק, וועלכער איז דאָ געוואָרן אָפּגעשטעלט מיטן וואָרף פון אַ צינד־פלאַש אין מאָמענט, ווען ער האָט שוין מיט זיין פייער־שפּייענדיקן שנוק געהאַלטן ביים אַריינפאָרן צווישן די בנינים פון קיבוץ.

היינט צו טאָג דינט דער טאַנק אַלס פּאָן צו פאָטאָגראַפירן זיך פאַר קינדער און באַזוכער פונעם קיבוץ. מיט פרייד ווער איך געוווּיר, אַז דער בחור, וואָס איז דעמאָלט, אין לעצטן מאָמענט, אַרויסגעשפּרונגען מיט דער מאָלאָטאָוו־פלאַש און געראַטעוועט דגניה — לעבט.

די בלומען אוןביימער אין שמואל־גאָרטן ווערן געפלעגט דורך דער מוטער פון דעם, וואָס איז געפאַלן אויפן ים. זי גייט אַרום, באַשניידט די צווייגן, באַגיסט די געוויקסן.

אויך דאָס איז דגניה.

קיבוצישער שלוש־סעודות

דאָס עסן בשעת די מאָלצייטן פירן אַרום איבערן זאַל אויף וועגעלעך יידן פון דער צווייטער עליה, מיט גרויע טשופרינעס, מיט געדיכטע ברעמען איבער שאַרפע אויגן און מיט קאָמיש הויך אויסגעבונדענע פאַר־

טעכער אַרום די עטוואָס דיק געוואָרענע פיגורן. און דאָך קאָן יעדער פון זיי דינען אַלס מאָדעל פאַר אַ פּיאָנערן־באַלאַדע מיטן אַן אויסגעשפּראָכן העראָישער נאָטע. די מענטשן, וואָס האָבן אין זייערע יונגע יאָרן געשאַפן דגניה, פירן איצט אַ לעבן פון בכבודיקע האַלבע עמעריטן און גיבן זיך אַליין נישט אָפּ קיין רעכנשאַפט, ווי מערקווירדיק שיין עס איז דער אוונט פון זייערע טעג.

די קעפּ זענען גרוי, די פּנימער אויסגעאַרבט, ווי לעדער, אָבער די יונגע יאָרן זייערע בליען ווייטער אַרום זיי אין דער געשטאַלט פון הויכע ציפּרעסן־אַלייעס, וואָס זיי האָבן אַמאָל פאַרפלאַנצט; זיי קלינגען אין די העלע שטימען פון די קינדער אין שולן און קינדער־גערטנער, אין וועלכע עס שפּילן זיך שוין איצט זייערע אייניקלעך; זיי שיינען אויף אַפילו אין קאָליר פון די טויזנטער און טויזנטער ווייסע הינער מיט די רויטע קאַמען, וואָס בלאַנקען אַרויס פון די צענדליקער מעטערס לאַנגע, דורכזיכטיקע הינער־שטאַלן, וואָס זעען אויס ווי אַ לאַנקע, אויף וועלכער עס וואַקסן רויטע און ווייסע פרילינג־קווייטן.

די קעפּ זענען גרוי, די הויטן געקאַרטשעט, אָבער עפּעס איז אַזוינס פאַראַן אין אָט די קיבוצישע זקנים, וואָס מאַכט זיי אויסזען ווי יונגע, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר אַלטע.

*

שבת פאַרנאַכט פראַוועט מען אין דגניה אַ קיבוצישן שלוש סעודות.

הינטער די הויכע פּאַלמען־פּעכערס קייקלט זיך די זון אין סאַמעט־בלויען כוואַליע־בעט פון ים כנרת.

אַ חבר פון דער קבוצה נעמט אויפן קלאַוויר פון עס־זאַל טיף־קלינגענדיקע טענער. ער אינטאָנירט אַ ליד, און מענטשן מיט גרויע קעפּ זיצן אַרום די טישן און זינגען מיט. זיי זינגען מיין טאַטנס זמירות:

יום זה מכובד מכל הימים...

די וואָס זיי זענען געווען, זענען זיי פאַרבליבן. דיווירטשאַפט זייערע האָבן זיי מאָטאָריזירט, מעכאַניזירט, אָבער אין די נשמות האָבן זיי אויפגעהיט אַ ניצוץ פון יענעם פלאַם, וואָס האָט זיי מיט שווערע צענדליקער יאָרן צוריק אַהער געבראַכט פון ווייטע, ווייטע לענדער, פון אַנדערע לעבנס־באַשטימונגען.

1953

31. דער וועג קיין סדום

„דאָס איינציקע אָרט אויף דער וועלט, וואָס איז נישט סדום"

נאָך איידער מען לאָזט זיך אין וועג אַריין, מאַכט מען שוין פאַרשיי־דענע וויצן.

אַ קלייניקייט: סדום! אַמאָל האָט מען געלערנט אין חומש וועגן דער זינדיקער שטאָט; וועגן לוטס ווייב, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָלפּן זאַלץ.

זאָגט איינער, אַז סדום איז ביים היינטיקן טאָג דאָס איינציקע אָרט אויף דער וועלט וואָס איז נישט סדום — דערפאַר, ווייל עס וווינען דאָרט קיין מענטשן נישט. רופט זיך אָפּ אַ צווייטער, אַז עס איז אַ סכנה אַהין צו פאָרן, וואָרעם פאַר אַ שלעכט ליד לייגט מען דאָרט אַריין אין אַ סדום־בעטל...

דער נייער שאָסיי

מיר זענען אַ גרופּע פון אַ פּאָר און דרייסיק יידישע שרייבער, אין דעם באַקוועמען אויטאָבוס פאַר טוריסטן־אויספלוגן פון דער הסתדרות. מיר זענען פאַרבעטן געוואָרן דורך דעם אַרבעטס־מיניסטעריום צו זען דעם נייעם שאָסיי כּורנוב־סדום. כּמעט צוויי יאָר האָט געדויערט די אַרבעט. גרויסע קאַפּיטאַלן, צענדליקער טויזנטער אַרבעטס־טעג, טאָנעס דינאַמיט און פיל טויזנטער טאָנעס אַספאַלט און אַנדערע מאַטעריאַלן, זענען פאַרברויכט געוואָרן ביים שאַפן אָט דאָס ווערק. בערג זענען געוואָרן באַזייטיקט און טאָלן פאַרשיט. מענטשן און מאַשינען האָבן שווער און האַרטנעקיק געהאָרעוועט אַריינצודרינגען אין דער וויסטעניש, ביי־צוקומען דאָס שטייניקע געביט. איצט איז שוין דער שאָסיי כּמעט פאַרטיק. פאַר פּסח וועט מען אים איבערגעבן צום פאַרקער.

דער נייער שאָסיי דאַרף דערמעגלעכן די עקספּלאָאַטאַציע פון די כעמישע אוצרות פון דעם ים המלח; דאָס צופירן אַהין די שווערע, מאָדערנע מאַשינען פאַר דעם פּאָטאַש־ווערק, און דערנאָך דאָס טראַנס־

פֿאַרטירן דעם פּאַטאַש און אַנדערע רוישטאָפֿן צו די האַפֿנס פֿון לאַנד.

ווען דאָס פּאַטאַש־ווערק וועט אָנהייבן אַרבעטן, וועט עס ווערן אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר פֿון דער ישׂראל־ווירטשאַפֿט און פֿון אונדזער האַנדל מיט אויסלאַנד. דער וועג גופֿא, אלס אַזעלכער, געהערט צו די גרעסטע טעכנישע ווערק, וואָס זענען ווען נישט איז אויסגעפֿירט געוואָרן אויפֿן שטח פֿון ישׂראל. דאָס איז אַ ווערק, מיט וועלכן עס וואָלט שטאָלצירט נישט איין גרעסערע מדינה פֿון ישׂראל.

דער וועג צום וועג

מיר זענען אַרויסגעפֿאָרן פֿון תּל־אָביב 7 אַ זייגער פֿרי. מיר פֿאַר־נעמען זיך רעכטס פֿון שאָסיי תּל־אָביב—ירושלים און אונדזער ערשטע אָפּשטייג־סטאַציע וועט זיין באר שבע. אַ שטיק וועגס לויפֿט פּאַראַלעל מיט אונדזער שאָסיי דאָס גלייז פֿון דער דרומדיקער באַן־ליניע, וואָס דאַרף, מיט דער צייט, צוריק געלאָזט ווערן אין גאַנג.

דורך די פֿענצטער פֿון אויטאָבוס זעט מען קודם די וויינגערטנער פֿון ראשון־לציון, קליינע וועלדלעך, גלענצנד באַאַרבעטע פּלאַנטאַציעס פֿון ירקות. אָבער אָט ענדיקט זיך שוין דאָס געביט פֿון אינטענסיווער ווירט־שאַפֿט מיט קינסטלעכער באַוואַסערונג. מיר זענען צוגעקומען צום ראַנד פֿון נגבֿ, וואָס איז אין די מאַנדאַט־צייטן געווען כּמעט אין גאַנצן אומבאַ־וווינט דורך יידן. מען ווייזט אונדז פֿון ווייטנס די פּונקטן, וואָס אַמאָל זענען זיי געווען די סאַמע ווייטסטע יידישע פּלאַצדאַרמען אויפֿן דרום: נגבה, יד מרדכי, ניצנים. היינט זענען זיי בלויז די טויער־וועכטער צום דרום.

מיט יעדן פֿון אָט די ערטער איז פֿאַרבונדן אַ געשיכטע פֿון דעם באַפֿרייאונגס־קריג. ס׳רובֿ דער זעלביקער פֿאַרלויף פֿון די געשעענישן: אַ קליינער ישובֿ, אַ פּאָר צענדליק יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך איינ־געגראָבן און באַפֿעסטיקט אין זייער קיבוץ און אויסגעהאַלטן טעג און וואָכן די אַטאַקעס פֿונעם שווער־באַוואָפֿנטן אַראַבישן מיליטער. אַ דאַנק דעם ווידערשטאַנד פֿון אָט די קליינע פּונקטן, איז אויפֿגעהאַלטן געוואָרן דער פֿאַרמאַרש פֿון דער עגיפּטישער אינוואַזיע־אַרמיי; אַ דאַנק אָט דעם ווידערשטאַנד איז דעצידירט געוואָרן דער גורל פֿון דער באַפֿרייאונגס־מלחמה.

מיר פֿאָרן פֿאַרביי נעבן אַ ספּעציעלן מין ענגלישע פֿעסטונג, איינע

פון די אַ. ג. „טעגאַרט־מויערן". נאָכן אַרויסגיין פון די ענגלענדער אין יאָר 1948, האָט זיך אַהין אַריינגעקליבן אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַנדע פאַשיסטישע אויסוואורפן, וועלכע האָבן אויף דעם העכסטן פונקט אין דער געגנט אויפגעשטעלט קאַנאָנען און געשאָסן אויפן קיבוץ נגבה און אויף דער גאַנצער סביבה. זיי זענען זיך צונויפגעפלויגן, ווי די ראָבן, קיין ארץ־ישראל, געדעכנט אויפסניי צו באָדן זיך אין יידיש בלוט. דער פונקט האָט געהייסן ע י ר א ק ס ו א י ד ן. היינט שמט ער מיטן העלדישן אויפטו פון דעם באַרימטן פאַרשטאַרבענעם קאָמענדאַנט פון פלמ"ח י צ ח ק ש ד ה. נאָך אַ סך געוואַגטע אומזיסטיקע אַטאַקעס מיט שווערע פאַרלוסטן, האָט צום סוף אַ יידישע טאַנקן־פאָרמאַציע, אונטער זיין אָנפירונג, איינגענומען די פעסטונג.

„מען האָט געמוזט" — גיט צו דער אינפאָרמאַטאָר אונדזערער מיט אַ יידישן קרעכץ. ביים פאַרבייפאָרן זעען מיר נאָך די געדיכטע סימנים פון קוילן אין די חורבה־ווענט פון דער טעגאַרט־מויער. פון וויטן זעט מען שטאַרצן די חורבות פון דער אַלטער נגבה, דערנעבן רויטלען זיך שוין אָבער אויך מיט זייערע דעכער איבער ווייסע ווענט די בנינים פון דער צוריק אויפגעבויטער נייער נגבה.

בעטאָן־רערן און גרינע פעלדער

אַלע אַנדערע ישובים, נעבן וועלכע מיר פאָרן אַדורך, זענען אַנטשטאַנען, אָדער באַזעצט געוואָרן דורך יידן ערשט אין משך פון די לעצטע פינף יאָר.

מיר הערן פון וויטנס דאָס קלאַפּן פון מאָטאָרן אין דער פאַבריק „יובל גד", אין וועלכער עס ווערן פּראָדוצירט בעטאָן־רערן פאַר די קאַנאַליזאַציע־ און באַוואַסערונגס־צוועקן; פאַר גרויסע וואַסער־ווערק און וואַסער־נעצן. אַ שייכות צו אָט די ריזן־רערן האָט צוו. אַנד. איינער פון די וויכטיקסטע פּלענער פון באַפרוכפּערן דעם נגב דורך אַריבערפירן אַהין די קאַנאַל־וואַסערן פון תל־אביב און ירושלים.

אויפן וויטערן וועג פאָרן מיר אַדורך די שטאָט מגדל אשקלון. דער נאָמען איז פאַראַן אין תנ"ך. אין די פריערע יאָרן איז דאָס געווען אַ צענטער פון אַראַבישער האַנט־וועבעריי, אַ זיצאָרט פון אָרגאַניזירטן אַראַבישן פּראָלעטאַריאַט. היינט כאַפּט דאָס אָרט — פון זיין פראָנט־ און מאַרק־זייט — דעם אָנבליק פון אַ יידיש שטעטל אין פוילן. נישט מער —

אַ פּאָר מעטשעטן און אַנדערע בנינים מיט קופּאָלן, שטערן די אילוזיע. אויך די פּאַלמעס, וואָס שאָקלען זיך מיט זייערע פעכערס הינטער הויכע מויערן, הינטער וועלכע עס באַהאַלט זיך דאָס געוועזענע ווינ־הויז פון עפּעס אַן אַראַבישן גביר.

איינע אַ „יידענע" לויפט אונדז אַדורך דעם וועג, קוקן ביי איר אַפיר פון אונטערן לאַנגן קאַבאַט אַ פּאָר לאַנגע הויזן, אַרומגעשנורעוועטע אַרום די קנעכל מיט אַ גרינער טאַשמע. מילא, הויזן גייען דאָך אָנגעטון אויך אונדזערע יונגע מיידלעך, וואָס שטאַמען נישט דווקא פון עיראַק, אָדער תימן...

אָבער אָט זענען מיר אַרויס פון מגדל אַשקלון, און ווייטער זעט מען שוין כמעט נישט קיין ישובים, נאָר גרינע פעלדער, ברייטע לאַנעס. דאָ קאָן דאָס אויג זיך אָנפּאַשען מיט שטח, מיט גרינקייט פון רחבותדיקע פליינען! אַן אויפקלערונגען פאַרשטייען מיר, וואָס אָט די לאַנעס שטעלן מיט זיך פאָר. דאָ האָבן די קיבוצים פון פאַרשידענע געגנטן אין לאַנד גענומען אין אַרענדע באָדן אויף פּאַשע, פאַרזייעט גערשטן און אַנדערע פּאַשע־תבואות. פאַראַיאָרן האָט זיך די מעשה גלענצנד איינגעגעבן, געווען אַ שפּעדיקע גערעטעניש. האָט מען שוין היינטיקס יאָר פאַרזייעט נאָך מער — איבער אַ מיליאָן דונאַם. ליידער האָט היינטיקן ווינטער דער רעגן „אָנגעזעצט". די תבואה איז נידעריק, אויף אַ טייל שטח איז דאָס פאַרזייעטע כלל נישט אויפגעגאַנגען, אָבער כאָטש אַזוי, פאָרט מען קילאָמעטער־ווייט צווישן גרינע פעלדער כמעט ווי אין אייראָפּע. נאָך די רעגנס פון די לעצטע וואָכן וועלן נאָך אפשר אַ טייל פעלדער אָניאָגן די פאַרשפּעטיקטע צייט.

אברהם אבינוס שטאָט

נאָך דריי שעה פאָרן, קומען מיר אָן אין דער הויפּטשטאָט פון נגב — באר שבע.

אַן אַלטער נאָמען פון תנ"ך. איבער 20.000 איינוווינער. אַ קליינע צאָל אַראַבער, דער רעשט יידן — ס'רוב נייע עולים.

מיר פאַרהאַלטן זיך דאָ אַ קורצע צייט. ווידער די זעלבע מעשה: די אַטמאָספער פון „דאָס ערשטע מאָל אין לעבן"; אַ הויך פון אַן אַאַזע אין דער מדבר, אָבער די היימישע יידן מאַכן צו נישט די עקזאָטיק. אַ רעסטאָראַן מיט אַ בופעט, מיט אייראָפּעישע זעמעלעך, מיט טעלער

און טעלערלעך און מיט אַזאַ בלאַנדן קעלנער, וואָס זעט אויס, ווי מען וואָלט אים ערשט נעכטן באַגעגנט אויף דער באַן־סטאַציע אין קאַלושקי, צווישן וואַרשע און לאָדזש.

אַ בלוי־ראָזער שימער, אַ לילאַ־נעפּל הענגט איבער דער שטאָט פון אברהם אבינו, ווען מיר לאָזן זיך נאָך אַ קורצן אָפּרו אין ווייטערן וועג.

שוואַרצע סערפּענטינען

מיר פאָרן צו מיט אונדזער רויטן אויטאָבוס כאַפּן אַ קוק אויף די גרויסע, נייע פאַבריקן פון פאָרצעליי און גלאָז, נעבן באר שבע. די פאַבריקן נוצן פאַר זייער פּראָדוקציע די שיכטן קאַאָלין און גלאָז־זאַמד, וואָס געפינען זיך דאָ נישט ווייט. פריער פלעגט מען באַציען רוישטאָף פאַר דער פאַבריקאַציע פון גלאָז אין ישראל, אַזש פון בעלגיע.

מיר פאַסירן אַ מין גרענעץ. אַ מיליטערישער וואַכפּאָסטן שטעלט אָפּ דעם וואָגן. דאָ הייבט זיך אָן דאָס מיליטער־געביט. ווייטער זענען שוין כמעט נישטאָ מער קיין ישובים, נישטאָ קיין וואַסער. נאָר ערגעץ אין אַ זייט פון הויפּט־שאָסיי געפינט זיך אַן אָרט, וועגן וועלכן מען האָט שוין געהערט, געלייענט — תל ירוחם.

ענדלעך קומען מיר אָן צום ציל פון אונדזער רייזע, צום פּונקט, וואָס הייסט כורנוב. נאָך איין אַלטער נאָמען, אָבער דאָ איז נישט פאַראַן קיין שום ישוב. דאָ שטייט בלויז אַ נייער טאָוול, וואָס טראָגט די אויפשריפט: „קיין סדום!" גיט אָן די צאָל קילאָמעטער — דאַכט זיך, אַ פּאָר און אַכציק.

ווי אַ שוואַרצער באַנד וויקלט ער זיך אויף פאַר אונדז, דער נייער וועג, אין סערפּענטינען דרייט ער זיך באַרג־אַראָפּ. פאַרן אויג זעט ער אויס שמאָל, דער וועג, אָבער דאָס איז בלויז אַן אָפּטישע אילוזיע. פון אונטן קומען אָן ברייטע לאַסט־מאַשינען און מיידן זיך אויס גאַנץ באַקוועם מיט אונדזער ריזן־אויטאָבוס.

די לאַנדשאַפט פון אַן אַלטן גאָבעלין

פוןביידע זייטן כביש ציען זיך זאַמד־פלאַכן. צי איז דאָס שוין דער אמתער מדבר, אַזאַ, ווי מען האָט וועגן אים געלייענט, געחלומט — די גרויסע סטיכיע, דאָס לעצטע נאָך אומבאַקאַנטע עלעמענט פון וועלט? אַ שטאַרק געפאַלדעוועטער, שטאַרק מאָדעלירטער געל־גרויער שטח.

נידעריקע קוסטן פון גרוי־גרינע ווילד־גראָזן, וואָס ווייזן זיך אויס שוואַרץ פון דער ווייטן. אויך די ציגן און לעמער, וואָס פּאַשען זיך צווישן אַט די טאָלן און בערגלעך, זענען ס׳רוב שוואַרץ. מ׳ר האָבן צווישן זיך אַ יונגן דיכטער, וואָס איז אַ פּאַסטעך אין אַ קיבוץ און נאָך איין דיכטער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ באַנד לידער מיטן נאָמען „פּאַסטעכער אין ישראל". רעדן מיר טאַקע וועגן מינים שעפּסן; וועגן דער מאָדנער אייגנשאַפט פון דעם מדבר־ליכט, וואָס זויגט איין קאָלירן, טאָנט זיי אָפּ. מיר זעען קעמלען פון דער ווייטנס, און אויך זיי זעען אויס שוואַרץ אויף אַט דעם פּאָן.

אָבער אייגנטלעך דערמאָנען מיך אַט די קאָלירן, אַט די לאַנדשאַפט, וועגן עפּעס אַנדערש. אויף אַ שטיק זאַק־לייוונט, אין פּונקט אַזאַ גרוי־געלן קאָליר, האָב איך געזען אין מיינע קינדער־יאָרן אויסגעשטיקט אַ מדבר־לאַנדשאַפט. אַ פּאָר שיטערע קופּקעלעך גראָז, געמאַכט פון שוואַר־צער וואָל, אַ שטריך פּיאַלעטקייט אין דער פּערספּעקטיוו, און דריי שוואַרצע קעמלען, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן זיך געוויגט פּאַמעלעך אין אַ ריטמישן געשפּאַן.

און אַט זע איך יענע אַלטע שטיקעריי פון מיין מומעס אַלקער אויף דער וואַנט...

„ווער קען וויסן, צי איז די מוטער רחל שענער געווען"

ווי אַ רצועה איבער אַ מענער־האַנט וויקלט זיך די שוואַרצע אַספאַלט־סערפּענטינע אַרום דעם שטאַרקן, שוואַרץ־באַהאַרטן אַרעם פונעם מדבר.

פון דער פייערלעכער שטימונג רייסט אונדז אַרויס דער פּאָעט, וואָס האָט אונדז פריער געשראָקן מיטן סדום־בעטל. ער רעדט אונדז איין, אַז איינע פון די פרויען, וואָס האָט געקוקט צו אונדז פון דער ווייטנס, דורכן שלייער, איז געגאַנגען דורכגעצויגן דורך דער נאָז אַ רינג.

און נאָך גיט ער אונדז צו פאַרשטיין, אַז ער וואָלט זיך אין אַזאַ מין פרעמדער, ווילדער פרוי, געקאָנט פאַרליבן.

— און פון וואַנען ווייס איך — זאָגט ער — צי איז די מוטער רחל שענער געווען? און דאָך האָט זיך יעקב אבינו אין איר פאַרליבט...

ער הייסט טאַקע יעקב — דער חבר מיט די ווערטלעך. מיר פאָרן ווייטער באַרג־אַראָפּ, אַראָפּ — פיר הונדערט מעטער אונטערן ים־שפּיגל — באַרג־אַראָפּ קיין סדום.

1953

32. ביים ברעג פון ים המלח

מען האָט געדאַרפט אויסוואַנדערן און אויסבענקען אַ וועלט אין משך פון אַ סך יאָרן, דערנאָך אָנקומען אַהער, ווי „נייע עולים", כדי צו באַנעמען די שיינקייטן פון אַ לאַנדשאַפט, וואָס איר זכר האָט אפשר ביי אונדז די גאַנצע צייט אין בלוט געדויערט.

קעמלען אויפן האָריזאָנט און גרויסע, שוואַרצע שפּאַרבערס, וואָס קרייזן פּאַמעלעך, מאַיעסטעטיש איבערן שטח. אַממיינסטן אומדערוואַרט זענען די פאַרבן. זיי זענען בלאַסער, ווי דער דמיון האָט זיי אויסגעמאָלן, אָבער אויך אומענדלעך פיינער, אויסטערליש אין איבערגאַנג. בלאַס־בעזש און פּערל־גרוי איז דער פאָן, טונקל, כמעט שוואַרץ יעדעס גרעזל, יעדער קוסט, יעדע מענטשלעכע געשטאַלט, וואָס הייבט זיך אויף אַלס ווערטיקאַלע ליניע פון דער פלאַכקייט. אין דער טיף, ביים ראַנד פון האָריזאָנט, גייען אַלע פאַרבן איבער אין פיאָלעט.

די מענטשן, וואָס מיר זעען פון דער ווייט אין זייערע טראַכטן, מיט זייערע טשערעדעס און קעמלען — שפּאַנען לאַנגזאַם און געשטרעקט איבער די פלאַכן, ווי עס האָבן אפשר נאָך די אבות אונדזערע געשפּאַנט איבער דער זעלבער ערד.

די אויפגעריסענע מאַסיוון פון דער אייביקייט

מיר זענען ממשיך אונדזער וועג צום ברעג פון ים המלח. מיר גליטשן זיך ווייטער באַרג־אַראָפּ איבער די זענקונגען — מיט יעדן קילאָ־מעטער, צען מעטער אַראָפּ. דער שטח אַרום דעם וועג איז שטאַרק געשניצט, געזשלויבעט: בערג מיט טאָלן, גרויסע קעסלען, לאַנגע באָדן־שפּאַלטן, אין וועלכע עס באַווייזט זיך וואַסער נאָר איין מאָל אין עטלעכע יאָר.

נאָר וואָס איז דער מער מיט אָט די קאַרבן אין דער רינד פון ערד?! דאָס געבערג זעט אויס, ווי איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ, ווי אָפּגע־שפּיגלט אין אַ וואַסער. איינס נאָכן אַנדערן פאָרן מיר פאַרביי די ערטער,

ווּ עס זענען געשפּרענגט און באַזייטיקט געוואָרן ריזיקע מאַסיוון. „מכתש אַזאַ און אַזאַ" — דערקלערט אונדז דער מדריך און דערנאָך ווייזט ער אונדז ווידער אַן אויפגעריסענעם פעלדזן־מאַסיוו, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם וועג און איז דורך די בויער פון דעם שאָסיי באַזייטיקט געוואָרן. מיט דעם צעשמעטערטן געשטיין האָט מען פאַרשיט דעם אָפּגרונט.

נאָך העלער ווערט דער זאַמד־שטח לענגאויס די שוואַרצע באַנד־שלייפן פון דעם אַספאַלט־שאָסיי. נאָך שיטערער ווערן די גראָזן, זעל־טענער די מענטשן און די פייגל. ווי אַן אייז־קרוסטע נעמט גליצערן דאָס זאַמד. דאָס איז דער ערשטער אָנזאָג פון זאַלץ.

ביי די טויערן פון סדום

אַז סדום איז נישט סדום, האָבן מיר זיך איבערצייגט, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין דעם אַרבעטס־צענטער, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף דעם פּונקט, ווו עס הייבט זיך אָן דער געאָגראַפישער שטח פון סדום. מען נעמט אונדז אויף גאַסטפריינטלעך און האַרציק ביז גאָר. ווי נאָר מיר גייען אַראָפּ פון אויטאָבוס, זעצט מען אונדז תיכף אַוועק אויף לאַנגע בענק, ביי לאַנגע פּראָסטע טישן פון דעם עס־באַראַק און מען דערלאַנגט אונדז אַ מאַלצייט, ווי עס באַקומען די אַרבעטער, וואָס האַלטן ביים פאַרענדיקן דעם שאָסיי.

בלויז 150 זענען זיי איצט פאַראַן — די אַרבעטער. אין משך פון צוויי יאָר האָבן דאָ אָבער געאַרבעט ביי אַ 500—600 מאַן. דער אַרבעטס־צענטער איז אָרגאַניזירט, ווי אַ מיליטערישער פעלד־לאַגער. אין די קאָלעקטיווע, בלעכענע וווין־ביידלעך האָט יעדער אַ בעטל מיט אַ מילי־טערישן קאָץ, נעבן וועלכן עס שטייט אַ קעסטל מיט די פּערזענלעכע זיבן זאַכן. אַ מאַגאַזין מיט לעבנסמיטל, אַ פּלאַץ, אויף וועלכן עס פּאַרקירן די מאַשינען, אַן ארומגעצוימטער שטח, ווו מען האַלט די בוי־מאַטעריאַלן און דאָס גאָר. אַ מיליטערישער וואַך־פּאָסטן היט די זיכערקייט פון דעם ראַיאָן. אַ זעלנער מיט אַן אָנגעלאָדענער ביקס וועט אונדז באַגלייטן אויפן ווייטערדיקן וועג צום ים המלח. נישט ווייט פון דעם אָרט געפינט זיך דער קבר פון די צוויי יונגע מענטשן, וואָס זענען געפאַלן בעת דער אַרבעט ביים שאָסיי, דערשאָסענע פון אַ פאַרהוילעניש דורך שונאים, וואָס האָבן זיך אַריינגעשלייכט פון יענער זייט גרענעץ.

דאָס וואַסער ווערט אַהער געצויגן מיט רערן אַזש פון באר שבע.

אויך דאָס איז שוין אַ פאַרשריט, ווייל פריער פלעגט מען פירן דאָס וואַסער פון באר שבע אין פעסער. היינט קאָנען זיך שוין די אַרבעטער דערלויבן אַפילו דעם לוקסוס פון נעמען אַ דוש נאָך דער אַרבעט.

מענערישע באַלעבאַטישקייט

דער גאַנצער רעזשים איז דאָ אַ מענערישער. אַפילו אין קיך אַרבעטן אויסשליסלעך מענער. מיר כאַפּן אַהין אַ קוק. עס איז אינטערעסאַנט, ווי אַזוי די דאָזיקע קוכאַרעס פון נגב גיבן זיך אַן עצה מיט ווייבערישע אַרבעטן. אַ גאַנצער רעגימענט פּרימוסן פאַרהודזשעט דעם צריף. אין ריזיקע אייזערנע פאַנען פּרעגלען זיך שפּיגל־אייער. אַ קלאַפּ אַריין אַן איי אין אַ פאַן מיט קאָכעדיקן פעטס און אין אַ סעקונדע אַרום ווערט עס אונטערגעכאַפּט מיט אַ לאָפּעטקע, ווי אַ קאָטלעט, איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט, און כמעט תיכף ומיד אַרויסגעוואָרפן פון דער פאַן אויף אַ טאַץ, וואָס שטייט פּראָסט פשוט אויף דעם שטיינערנעם באָדן. דאָס עסן באַקומט מען דערלאַנגט צום טיש אין צינערנע טעלער און שיס־לען. גרויסע, זאַכלעכע, מענערישע פּאַרציעס.

חלוצים פון ים המלח

יידן וועלן דאָך אָבער נישט עסן סתם. אַפילו אין אַ פּראָסטן מאָנטיק דאַרף מען מאַכן אַ שטיקל קידוש. מיר באַגעגענען זיך דאָ מיט די שעפער פון דעם ווערק. עס ווערן געהאַלטן רעדעס אויך מצד די געסט.

שוין אויפן וועג פון באר שבע קיין סדום האָבן מיר זיך באַקענט מיטן אידעישן מדריך פון דער אַרבעטס־אונטערנעמונג מר ג ר ש ו ן אָ ס ט ר אָ ו ו ס ק י. איך האָב אַפילו נישט געוווּסט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ מין פונקציע. און זי איז דווקא זייער וויכטיק. די אַרבעטער רעקרו־טירן זיך טיילווייז פון פּרימיטיווע לענדער. נישט איינער פון זיי אַרבעט צום ערשטן מאָל אין אַ קאָלעקטיוו. די אַרבעט איז אַ שווערע, אַ פּיאָנע־רישע, און עס איז וויכטיק, אַז דער אַרבעטער זאָל אַחוץ זיין פּערזענלעכן צוועק צו פאַרדינען אויף חיונה, פאַרשטיין אויך די אַלגעמיינע באַדייטונג פון דעם ווערק, אין וועלכן ער איז באַטייליקט.

מיר טרעפן זיך מיטן אינזשיניער א פ ר י ם ל ו ט ן, וועלכער האָט די כביש־אַרבעט פּלאַנירט און מיט איר אָנגעפירט. איצט באַקענען מיר זיך אויך מיט איינעם פון די וועטעראַנען פון דעם ישוב און פון דער

אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד — יהודה קאַפּעלאָוויטש. מ׳רופט אים „דער חלוץ פון ים המלח״. ער איז געווען פון די, וואָס האָבן זיך, נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק אַנגעקלאַמערט אין דעם געדאַנק פון עקספּלאָאַטירן די אוצרות פון דעם ים המלח. ער איז פון די, וועלכע האָבן דאָ אָרגאַ־ניזירט די אַרבעט נאָך אין די צייטן פון ענגלישן מאַנדאַט. אויך איצט, אין זיינע שפּעטע יאָרן, איז ער ווידער דאָ. ער האָט מיטגעווירקט ביים בוי פון שאָסיי. ער וועט נישט רוען, ביז דאָס פּאָטאַש־ווערק וועט געלאָזט ווערן אין גאַנג; ביז די כעמישע שטאָפן פון ים המלח וועלן נישט ווערן אַ קוואַל פון שפע און ברכה פאַרן נגב.

און אפשר וועט ער אויך דעמאָלט נישט רוען. איינער פון אונדזערע מיטפאַרער, דער שרייבער און לאַנד־מעסטער ל י י ב ל ח ן, האָט אין זיין רעדע בעת דער באַגעגעניש געזאָגט, אַז מיטן מאָמענט ווען קאַפּעלאָ־וויטש לעבט אויף אַ שטיק מדבר, לאָזט ער אַנדערע געניסן פון דעם נחת און ער זוכט זיך אויס אַ ניי שטיק מדבר...

אַ גרינג־גרויער, אויסגעצויגענער סוועטער איבער אַ לייוונטענעם קאָמבינעזאָן. די געשטאַלט צעבויגן פון די שווערע יאָרן, ווי דער שטאַם פון אַ שטאַרקן בוים, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ סך שטורעמס. די חברים, מיט וועלכע קאַפּעלאָוויטש האָט מיט פערציק יאָר צוריק געאַרבעט אויף שאָסייען, אין שטיינברוכן, פירן היינט אָן מיט דער מדינה, מיט געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. ער טוט אָבער היינט דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געטון מיט פערציק יאָר צוריק.

מיד און אויסגעהאַרעוועט, פאַרברענט פון זון איז דאָס פּנים, אָבער די אויגן לויכטן אַלץ נאָך הייס און טונקל אין דעם פּנים. די גרויע, פון פאַרנט שוין עטוואָס אויסגעפאַלענע האָר, זענען הינטן צוגעשניטן אַ ביסל לענגער, ווי ביי אַ געוויינלעכן מענטש. דאָס איז דער איינציקער סימן פון צוגעהעריקייט צו נאָך אַן אַנדערן צעך. אפשר איז ער נישט בלויז דער חלוץ, נאָר אויך דער נביא פון דעם ים המלח?!

די רעשטן פון אַלטן פּאָטאַש־ווערק

פון דעם אַרבעטס־צענטער פאָרן מיר ווייטער אין אַ לאַסט־אויטאָ. מיר טרעפן נאָך גרופּעס אַרבעטער ביים אויסגלייכן, פלאַסטערן און אַספאַלטירן. מיר זעען די גרויסע מאַשינען, דעם פּנעוומאַטישן האַמער, די טראַקטאָרן, וואָס האָבן געאַרבעט ביים בויען דעם וועג. די אַרבעטער

גייען אַנגעטון אין די געשטריקטע, גרינע נגב־היטלען. אַנדערע האָבן אַרומגעבונדן די קעפּ מיט טיכלעך, כדי צו שיצן זיך פאַר דער זון און פאַרן בריענדיקן זאַמד־ווינט.

מיר זענען אין וויטן נגב. מיר כאַפּן אַ קוק אויף דער לעצטער פאַזע פון אַ גרויסער און שווערער אַרבעט; אויף אַ ווערק, וואָס האָט געפאָדערט פון די אַרבעטער גייסטיקע און פיזישע גבורה.

רעכטס פון וועג דערזעען מיר אַ געפלאָנטער פון אייזערנע קאָנ־סטרוקציעס, באַסיינען שטיינערנע, עפּעס טורעמלעך, רערן, קוימענס. דאָס איז דער רעשט פון אַלטן פּאַטאַש־ווערק, נאָך פון דער ענגלישער צייט, וואָס וועט אין גיכן ווערן אינגאַנצן איבערגעבויט. אין די באַסיינען ליגן נאָך רעשטן כעמיקאַליען. מיטן נייעם כביש וועלן אַהער געבראַכט ווערן ריזיקע, מאָדערנע מאַשינען. אין אַ צייט אַרום, ווען מען וועט דאָ דורכפאָרן, וועט דאָס אַלץ זיין נישט צום דערקענען. מאַשינען וועלן רוישן, מעכאַנישע הייבערס וועלן לאַדעווען די זעק מיט פּאַטאַש און מיט אַנדערע כעמיקאַליען פאַרן עקספּאָרט און פאַרן אייגענעם געברויך פון לאַנד.

די מינעראַל־אוצרות פון דרום וועלן, אין דער ערשטער ריי, באַ־פרוכפּערן דעם דרום גופא.

ליניעס פון אַ טויטער שטאָט

און לינקס פון דעם שאָסיי אַן אַנדער בילד. אָפּגערונדיקטע שטיין־בלאָקן, ריזיק גרויס און אויסטערליש. ערטערווייז הענגען זיי מיט די בייכער זייערע ממש איבערן דורכפאָרנדיקן וואָגן. אַ ביסל אין דער טיף זענען די שטיינער אָנגעהויפט אין מאָדנע רעגולערע ליניעס, ווי שורות הייזער מיט גאַסן צווישן זיי, מיט עפּעס ווי טורעמס שטאַרצנדיקע דאָ און דאָרט.

די דאָזיקע פעלדזן זענען — זאָלץ. דאָ,ביים ברעג ים, זאָל האָבן געווען די „זינדיקע" צווילינג־שטאָט סדום און עמורה. דאָ איז אַוודאי פאָרגעקומען אַ ריזיקע נאַטור־קאַטאַסטראָפע — מסתמא אַ ווולקאַן־אויסברוך. איר זכר, פּונקט ווי דער זכר פון דער דילוויאַלער איבער־שוועמונג — איז אויפגעהיט געוואָרן אין ספר בראשית.

שיכטן ערד האָבן זיך איבערגערוקט, דער ים־באַסיין האָט זיך פאַר־טיפט, דער וואַסער־שפּיגל האָט זיך אַראָפּגעזעצט און דער ים המלח,

וואָס זאָל ביז דעמאָלט האָבן געהאַט אַ פאַרבינדונג מיטן מיטללענדישן ים — איז אָראָפּגעזונקען. די וואַסערן זיינע, אַן דעם צופלוס־אַפילוס, אַן דעם קאָנטאַקט מיט די אָקעאַנען, זענען געוואָרן געדיכט, פאַרזאַלצן — אַזוי געזאַלצן, אַז עס קאָנען שוין אין אים נישט לעבן קיין שום באַשעפע־נישן; אַזוי געדיכט, אַז מ׳קאָן שוין — זאָגט מען — אין אים אַפילו נישט דערטרונקען ווערן.

נאָך אַ קילאָמעטער, נאָך אַ קילאָמעטער, און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די גאַנצע פּאַנאָראַמע, וואָס מיר קאָנען זי אַ לעבן־לאַנג פון אַזוי פיל רעפּראָדוקציעס אין אַזוי פיל יידישע און אַלגעמיינע האַנט־ביכער. דאָס איז דאָס געאָגראַפישע אוניקום, דער נידעריקסטער פּונקט אויפן גאַנצן ערדפּלאַך. דער וואַסער־שפּיגל איז אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן ברעג. לאַנגע שיפּלעך שווימען אויפן וואַסער, ווי זיי וואָלטן זיך געגליטשט אויף גלאָז.

מיר פאָרן פאַמעלעך און שווער איבערן שטייניקן וועג. ביז נישט לאַנג האָבן מיר נאָך געזען עפּעס שוואַרצע פייגל איבער אונדזערע קעפּ. איצט זענען די פייגל פאַרשוווּנדן. וואָס וועלן זיי דאָ טון אָן חיונה? זיי קאָנען דאָך נישט געפינען קיין נאַרונג אין אַ געגנט, ווו עס איז נישטאָ קיין ווערעמל, קיין גרעזל, קיין געוויקס.

נאָר פאַרמעגן פון עפּעס אַ געוועזן לעבן חזרן זיך נאָך איבער אַלע מאָל — די גרויסע גולמס פון שטיין־זאַלץ. איבער זיי האָט די העברעישע פרעסע זיך לעצטנס געווערטלט — אַז לוט האָט, זעט אויס, געהאַט נישט איין ווייב, נאָר אַ גאַנצן האַרעם מיט פרויען, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טאָלפּנס זאַלץ...

גרינגע לאָדנס

דער ים המלח איז ברייט סך הכל עטלעכע קילאָמעטער. מען זעט דעם צווייטן ברעג, וואָס געהער צו עבר הירדן. די דאָזיקע געגנט וועט אויפלעבן מיט דער צייט, און דאָס נישט בלויז אַ דאַנק דעם פּאָטאַש־ווערק. דאָ וועט אויך אַנטשטיין אַ גרויסע באָד־אַנשטאַלט, אויסצונוצן די אויסערגעוויינלעכע אייגנשאַפטן פון דעם ים־וואַסער, וואָס אַנטהאַלט אַחוץ פּאָטאַש אויך אַ שלל מאַנגאַן, בראָם, יאָד און אַנדערע מינעראַל־זאַלצן, וועלכע זענען וויכטיק פאַרן געזונט.

— צו געפינען זיס וואַסער צום טרינקען, קאָכן, האָדעווען געוויקסן —

זענען דאָ קיין גרויסע שאַנסן נישט פאַראַן. מענטשן וועלן זיך אָבער שוין ווי נישט איז אַן עצה געבן. אָט זעען מיר לינקס אַ נייעם, לאַנגן בנין מיט בלאַנקע, נייע שויבן, מיט פריש, גרין געמאָלענע לאָדנס און באַלקאָ־נען. דאָס איז דאָס נייע הויז פון דער פאַרוואַלטונג פון דעם פּאָטאַש־ווערק. מסתמא האָט מען דאָ געמאָלן גרין אַלצדינג, ווייל עס איז נישטאָ קיין לעבעדיק גרינס, צו ווּעלכן עס בענקט דאָס אויג.

אַ הייל ביים ברעג ים

מיר פאָרן כסדר לינקס אַרום אַ ריזיקן, זאַלציקן באַרג־מאַסיוו. מיר פאָרן און פאָרן, מיר גאַפן און גאַפן. דער וואָגן שטעלט זיך אָפּ ערשט ביים אַריינגאַנג אין אַ הייל, וואָס עפנט זיך אין אַ גרויסן באַרג. מען דערציילט אונדז, אַז אינעווייניק קומט מען צו ביז אַ גרויסן זאַל מיט שטיין־זאַלצענע ווענט, צו וועלכע דאָס ליכט דערגייט פון אויבן דורך אַ באַרג־שפּאַלט. אין דעם זאַל קאָנען אַריין אַ פּאָר הונדערט מענטשן און אין יאָר 1948, בשעת דער באַפרייאונג פון נגב, האָט אָט די הייל געדינט אַלס בונקער פאַר סאָלדאַטן און אַלס אַמבולאַטאָריע פאַר פאַרווונדעטע.

דער צוגאַנג צו דער הייל איז נאָך נישט געהעריק אויסגעאַרבעט. נישט באַלויכטן, הגם די הייל איז אַ נאַטור־וווּנדער, וואָס ציט צו שוין איצט די אויפמערקזאַמקייט פון אייגענע באַזוכער און פרעמדע טוריסטן. מיר זענען אַראָפּ פון וואָגן. חברים צינדן שוועבעלעך, לאָזן זיך אַריין אין באַרג צו זען די הייל. איך, צוזאַמען מיט דער שרייבערין מ אַ ל אַ ש ע מ אַ ל י, גייען בעסער צו צום ברעג פון ים.

לייכט און דראָבנע קנייטשן זיך די שווערע וואַסערן. מיר ווּנדערן זיך, וואָס דאָך איז עס וואַסער ממש פון דער נאָענט. עס האָט דעמזעלביקן קאָליר, ווי אַנדער ים־וואַסער.

מען קומט צו נענטער, הערט מען אַ שעפּטשען, אַ רוישן אין דער שטיל. ער איז נישט טויט, דער ים. ער כוואַליעוועט, ער ברומט!

מיר בויגן זיך אַראָפּ, מיר טונקען איין די הענט, באַנעצן דאָס פּנים. מיר גיבן דעם ים־המלך שלום.

1953

33. טראַפּנס אין דעם מדבר

צו דרום־צו

ווער עס וויל קענען דעם נגב, דאַרף אים אויך איין מאָל זען — ביי נאַכט.

ווער עמעצער מאַכן אַן איינווענדונג: מישטיינס געזאָגט, וואָס מען קאָן שוין זען ביי נאַכט, אַז מען פאַרט אָפּ צענדליקער קילאָמעטער ביי טאָג, און מען זעט נישט קיין ישוב, קיין בוים — ווי ווייט.

העכסטנס גרוי־גרינע דערנער ביזן בויך פאַרזונקענע אין זאַמד; העכסטנס, פון צייט צו צייט אַ שוואַרץ, געלאַטעט, ברייט געצעלט; אַ טשערעדע שוואַרצע שעפּסן, געהיט דורך אַ שוואַרץ־פאַרהילטער פרוי, מיט אַ פאַרהוילן פּנים און מיט אַ הויכן פאַסטעך־שטעקן אין דער האַנט.

צי דען דאָס גאָר?

די ברכה פון טל

נידעריק הענגען שוואַרצע כמאַרעס צו דער ערד. עס איז שוין ערב הושענא רבה, ערב דעם יורה. אפשר וועט זיך — נישט היינט איז מאָרגן — אויך דאָ אַראָפּלאָזן דער ערשטער רעגן? אין האַנט־בוך פון געגראַפיע שטייט אָבער געשריבן: ניין! 100 קוביק־מילימעטער וואַסער אַ יאָר איז דער דורכשניט פון אַט דעם קאַנט, בערך אַ זעקסטל פון דעם דורכשניט אין סביבה פון תל־אביב. אַ מאָל אַפילו דאָס אויך נישט. ווינטן קומען צו בלאָזן און רייסן אַוועק די ברכה פון די כמאַרעס ערגעץ גאָר ווייט.

טאָ פון וואַנען נעמען זיך דאָ אַפילו די שיטערע ביסלעך גראָזן? מיט וואָס דערנערן זיך פאַרט די שאָף און אויך די ציגן, וואָס שפּייזן מיט זייער מילך און פלייש די דאַרע מענטשן, די מאָסן קינדער, וואָס מיר זעען פון ווייטן זיך ווידמענען אַרום געצעלטן? פון וואָס ציען זייער חיונה די קעמלען אויף די הויכע פיס?

— פון ראָסע! — ענטפערט מיר מיין מיטפאָרער. די ראָסע פאַלט אין אַט דער געגנט, נאָך באר־שבע, זייער רייך.

נישט מער, פאַר יידן איז דאָס ביסל געוויקסן מיט די קעמלען און די שעפּסן נישט קיין עניין. יידישע התישבות מוז האָבן וואַסער.

ווי אויף אַ יריד

טאַקע דערפאַר זענען מיר איצט אין וועג — אַ גאַנצע שיירה. דריי רויטע ריזן־וועגענער פון „תיור וטיול", גרינע אויטאָבוסן פון „אגד", פאַרשידענע קלענערע מאַשינען, וואָס ציען אַלע אין דער זעלבער ריכטונג. עס פאָרן זשורנאַליסטן און פאַרשטייער פון אינסטיטוציעס. עס פאָרן עלטערן צו קינדער, וועלכע לעבן אין דעם וויטן דרום־פונקט און עס פאָרן עלטערן פון קינדער, וועלכע זענען דאָרטן אויפן דרום־פאָסטן געפאַלן... וואָס ווייטער, לאָזט זיך אַלץ מער מערקן די באַוועגונג אויפן שאָסיי. ביי קרייצוועגן וואַרטן יונגע טרעמפּיסטן און טרעמפּיסטקעס. אין אונדזער וואָגן שטייגן איין צוויי חול־המועדניצעס, וואָס האָבן זיך דעם זעלבן טאָג אַהער דערשלאָגן אַזש פון עין חרוד. אַ חיות צו קוקן אויף אַט די קיבוץ־טעכטער מיט אָפּגעברענטע פּנימלעך פון סלאַווישע דאָרפס־שיקסעס און שטראַלנדיקע, יידיש לאַכנדיקע, יידיש בענקענדיקע אויגן.

ווי אויף עפּעס אַ חתונה, אָדער אויף אַ יריד, ציען די פאָרער. אין די קיבוצים ר ב י ב י ם און מ ש א ב י ש ד ה, ווערט היינט געעפנט אַ נייע וואַסער־ליניע.

ערד אָן שאָטן

רביבים איז טייטש — בערך — ראָסע־טראָפּנס. 12 יאָר עקזיסטירט דער קיבוץ, געווען אין אָנהייב בלויז אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע סטאַציע פון קרן קיימת, אין יאָר 1946 געוואָרן אַ ישוב בפועל ממש. בשעת דער מלחמה מיט די אַראַבער איז דער קיבוץ געוואָרן אַטאַקירט, באַשאָסן, פאַרלוירן טייערע חברים — די חברה האָבן אָבער נישט אָפּגעטרעטן פון דעם אָרט. נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה, אַרויסגעלאָזט אַן אָפּשטעכער — דעם קיבוץ, וואָס רופט זיך היינט משאבי שדה, צום זכר פון גרויסן הגנה־און פלמ"ח־פירער יצחק שדה.

12 יאָר עקזיסטענץ פון קיבוץ רביבים, זענען 12 יאָר געראַנגל פאַרן טראָפּן וואַסער. זיס וואַסער איז אין אַט דער געגנט אין גאַנצן נישט

פאַראַן. אַפּילו דאָס געזאַלצענע וואַסער פון אַלטע אַראַבישע ברונעמער, איז דאָ בצימצום. פון פאַרן 40 קילאָמעטער קיין באר־שבע נאָכן פּאַס מיט וואַסער, קאָן מען אַוודאי און אַוודאי קנאַפּ געהאַלפן ווערן. איז אַלצדינג קאַרג פּאַר בעלי־חיים און געוויקסן — אַמקאַרגסטן פאַרן מענטש. פאַראַן אַ הינער־צוכט, פאַראַן קנאַפּע 100 שטיקלעך פי, פאַראַן פּלאַנטאַציעס איילבירטן, טייטלען, רימונים. מען גראָבט לויט אַ נייעם סיסטעם ראָוועס פונאַנדערצופירן איבער פעלדער דאָס רעגן־וואַסער, וואָס קומט אָן ווינטער פונעם צפון מיט דער קאַריטע פון וואַדי. און דאָך איז די געגנט אַלץ נאָך אַן „ערד אָן שאָטן״. אַזוי האָבן זי אָנגערופן די תושבים און באַשרייבער אירע, דאָס פּאָרפאָלק יונה און אלכסנדר סנד אין זייער שפּעדיק מיט געפילן, מענטשן, געשעענישן איבערלאָדענעם ראָמאַן: „אדמה ללא צל״.

די דראַמע פון אַ וואַסער־רער

צו געפינען אין דרום פון ישראל אַ קוואַל זיס וואַסער, איז נישט ווינ־ציקער וויכטיק — נישט ווייניקער שווער — ווי אַ קוואַל פון נאַפט.

האָט מען שוין דאָ אַריינגעלייגט אַ מטמון געלט אין בויערן אַ טיפן ברונעם, אָפּגעבויערט כמעט אַ האַלבן קילאָמעטער אין דער טיף און צוליב טעכנישע שטערונגען דאָס בויערן אָפּגעשטעלט.

שפּעטער איז אַרויס אַ מאָדע: וואַסער־דאַמבעס אויף איינזאַמלען די וואַסער־מאַסן, וואָס קומען אָן מיט די וואַדיס אין די ווינטער־טעג. האָט מען אויך אין רביבים אַריינגעלייגט אַ קאַפּיטאַל, אַ גרויסע אַרבעט, גרויסע האָפענונגען. ויהי היום — דאָס וואַסער איז אָנגעקומען, אָנגעפילט דעם קינסטלעכן באַסיין. נישט מער — אויף צו מאָרגנס האָט עס געגומען אַנטרונען ווערן. די אַספאַלט־דעקונג פון דנאָ און ווענט האָט נישט דערפילט איר באַשטימונג.

און דאָך איז די ערשטע, ערנסטערע הילף געקומען פון אַ דאַמבע — פון דעם ריזיקן רעגן־וואַסער־רעזערוואואַר אין תל ירוחם. דאָרט האָט מען שוין דעם דנאָ און ווענט באַוואָרנט, אַחוץ בעטאָן און אַספאַלט מיט — פּאָרצעליי־ליים. די קינסטלעכע אָזערע דאָרט נעמט אויף אין זיך אַ מיליאָן קוביק־מעטער וואַסער און היט זיי אויף ביז דריי חדשים נאָך די רעגנס. האָט מען דורכגעפירט אַ רער פון תל ירוחם ביז משאבי שדה, פון דאָרט

קיין רביבים.ביידע ישובים האָבן אַ דאַנק דעם געהויבן זייער וואַסער־דורכשניט ביז 100 קוביק־מעטער אַ טאָג.

וואָס טוט מען אָבער אין די חדשים, ווען דער באַסיין אין תל ירוחם איז ליידיק? האָט זיך ווידער געפירט אַ וויכוח — בויערן, אָדער ציען רערן? מען איז דערגאַנגען דערצו, אַז מען דאַרף טון דיביידע זאַכן נאָכאַנאַנד.

אין באר שבע האָט מען זיך אין משך פון די לעצטע יאָרן דער־בויערט צו רייכע קוואַלן זיס וואַסער, אַוועקגעצויגן פון דאָרט אַ רער צו דער צוקונפטיקער נגב־שטאָט דימונה און פון דאָרט קיין תל ירוחם צו ליפערן זיי וואַסער אין די חדשים, ווען די קינסטלעכע אָזערע בלייבט ליידיק. האָט מען איצט צוגעטראַכט אַ פשוטע, הגם שוין גאָר נישט ביליקע לייזונג, אויך פאַר די צוויי קיבוצים: פאַרלענגערן די רער פון באר שבע איבער דימונה און תל ירוחם, ביז משאבי שדה און פון דאָרט ביז רביבים.

היינט ווייסט איר שוין וואָס ס׳איז די שמחה? פון איצט מאָל אָן וועלן די רערן און די קראַנען און די ממטרות אין רביבים און משאבי שדה, מער קיין מאָל נישט שטיין ליידיק אין משך פונעם גאַנצן יאָר! דער יאָר־דורכשניט פון וואַסער־צופלוס האָט זיך אַ הייב געטון ביז 700 קוביק־מעטער אַ טאָג!

זיס וואַסער פאַר די ירקות־בעטן, וואַסער פאַר די ווייַנגערטנער, וואָס וועלן דאָ פאַרפלאַנצט ווערן; פאַר די פּלאַנטאַציעס זיתים, רימונים, תמרים. זיס וואַסער פאַר די הינער און בהמות, פאַר די שעפּסן און פאַר לעמער.

נאָר די מענטשן וועלן ווייטער נוצן פאַר זייערע צוועקן געזאַלצענע וואַסער־קוואַלן. די מענטשן וועלן ווייטער וואַרטן און אַרויסקוקן אויפן באַנייען דאָס בויערן אַ ברונעם אין דער טיף...

צעאַקערטע ווילד־ערד

פון ג ד ר ה ביז פ אַ ל ו ד ז ש אַ ווערן די ישובים וואָס אַ מאָל זעלטענער, הערן כמעט אין גאַנצן אויף. נאָר אַ פּרייקייט, אַ רחבות, צעשפּרייט זיך ווי אין קיין שום אַנדערער געגנט פון גאַנצן לאַנד. גרוי און ליידיק איז דער שטח אין דער איצטיקער צייט פון יאָר. די זון האָט אויסגעברענט

פון אים אַיעדע גרינקייט, אָבער דאָך איז דאָס שוין נישט מער מדבר. ס'איז פלחה — צעאַקערט תבואה־פעלד. די טראַקטאָרן האָבן שוין פאַר־ענדיקט זייער אַרבעט. איצט ליגט די ערד אָן אויפגעוואַכטע, אָנגעברייטע אויפצוונעמען אין זיך טראָפּנס רעגן, די קערנער תבואה פון דעם האַרבסטיקן פאַרזיי.

דער סטעפּ

נאָך באר שבע, רעכטס, צוויגט זיך אָפּ דער כביש קיין סדום. מיר זענען ממשיך ווייטער גלייך מיטן שאָסיי. איך האָב געהערט נישט איין מאָל דאָס ליד „ערבה". איצט זע איך — דאָס ליד... לויט די באַגריפן פון ישראל, רופט מען דאָס „סטעפּ", הגם דער באָדן איז דאָ אַ נישט גלייכער, אַ צעברעקלטער, צעפּאַלדעוועטער, אַ באַדעקטער מיט די שיטער צעוואָרפענע געזאַלצענע געוויקסן — וואַנדערנדיקע דערנער, צווישן וואַנדערנדיקע זאַמדן. די קאָלירן דאָ שטאַמען אָבער נישט דווקא פון די געוויקסן. דאָ לייכט די ערד אַליין מיט אַ פאַרהוילענעם, אינעווייניקסטן קאָליר פון בלאַסן ציגל־רויט, פון ראָזע־לילאַ, פון קאַמעל־האָר־ברוין און געל... די שוואַרץ־געקרויזטע קאַרטשעס אויף דעם פּאַן זעען אויס ווי אַ שטיקערייַ פון וואָל אויף אַ שטיק יוטע; ווי אַ מוסטער אויף אַ טעפּיך אין צוויי פאַרבן.

— היינט פאַרשטייט איר שוין דעם כשוף? — זאָגט צו מיר דער פאָטער, וואָס פאָרט צו זיין איינאונאיינציקן זון. — ווען מען נעמט אים מיט כוח, וואָלט מען אים געקאָנט אָפּבעטן, פאָדערן צו לאָזן אין דער היים — זיין מוטער איז קראַנק, אויך איך בין נישט געזונט, קאָן אַליין נישט פירן מיין געשעפט. אָבער, אַז ער איז געגאַנגען פרייוויליק! — אַלס קליין יינגל האָט שוין צ ו ר נישט געוואָלט אָנטון קיין שענער אָנצוגל. מיט אַ יאָר צוריק האָט ער חתונה געהאַט און אַוועקגעפירט אין קיבוץ רביבים אויך דאָס יונגע ווייבל זיינס — אויך זי, אַ קינד פון אַ פאַרמעגלעכער משפחה אין תל־אביב.

משאבי שדה

און אָט זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען, אָפּגעשטיגן. דער קיבוץ ליגט אין מיטן פון אַ ריזיק־ברייטן קעסל־טאָל, אַרומגעזוימט מיט פיאָלעט־בלוי שימערירנדיקע בערג־קייטן.

וואָכן־לאַנג האָבן די צוויי קיבוצים זיך געגרייט צום היינטיקן טאָג. דורך אַן אַלייע פון רויטע און בלוי־ווייסע פענער קומט מען אָן צו אַ רונדן פּלאַץ, אויך אַן ארומגערינגלטן מיט פענער אויף הויכע העלצער. מחנות יוגנט, גרופּעס זעלנער, גדנ״עים אין לייוונטענע פעלד־מונדירן, אין געשטריקטע נגב־מיצלעך אויף די קעפּ — מיט ביקסן אין די הענט. מיידלעך און בחורים כמעט גלייך אָנגעטוענע אין הויזן, אָריגינעלע פּנימער, אָרומגעהילטע מיט ווייסע כפּיהס, נוסח נגב. עפּעס אַן אַנדערע זון פאַרגייט דאָ איבערן ברייטן טאָל. — צי איז דאָס נישט אַ חלום? אַ יידישע שמחה ביים ראַנד פון דער וועלט?

די „רעטעכלעך"

לינקס פירט אַ וועג צום בנין פון די וואַסער־אינסטאַלאַציעס. דאָרט קומט פאָר אַן אויסשטעלונג. אַ פּלאַסטישע מאַפּע מיטן מאָדעל פון דער נייער וואַסער־ליניע; דיאַגראַמעס, ציפערן; לאַנדווירטשאַפטלעכע מכשי־רים און קליינע מאַשינען, פּראָדוצירטע אין די וואַרשטאַטן פון די צוויי קיבוצים; די פּראָדוקציע פון זייער מיט אַזוי פיל מי באַפרוכפּערט פעלד: מיני דיניעס, ריזן־גרויסע, רויטע רימונים. אַממיינסטן פאַרוווּנ־דערט מיך עפּעס אַ מאָדנע שטרוי־געפלעכט, פול באַשטעקט מיט לענגע־כיקע, רויטע רעטעכלעך. פון וואַנען, טראַכט איך, האָבן זיי אַהער־געבראַכט אַזאַ געשטעל פאַר זייערע עקספּאָנאַטן? און סך־הכל זענען דאָס געווען — צוויי שטאַנגען טייטלען. איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען, ווי אַזוי זיי וואַקסן; נישט געוווסט, אַז פאַרן ברוין ווערן זענען די טייטלען — רויט.

פּאַנען רוישן

עס פאַלט צו די נאַכט. אַ קילקייט פרישט אַדורך די גלידער. אַ ווינטל הייבט זיך אויף פון די נישט ווייטע הייכן, ליכט צעבליצן זיך אין קרייז, און אַלס באַגלייטונג צו די דרשות, לאָזט זיך הערן אַ גערויש, אַ לייוונט־פּאַטשן פון די פענער, ווי אַ פלאַטערן פון פייגל־פליגל איבער קעפּ.

דערעסן און דערהויבן קלינגען רעדעס. אַמשענסטן קלינגט די שטים פון דער בעל דרשנטע — אַ מיידל פון אַ קיבוץ, וואָס רעדט וועגן אַ וועג. וועגן דעם גרויסן וועג, וואָס די וואַסער־רער צום דרום איז נאָר אַן עטאַפּ

פון אים. אויפֿן פֿאָן פֿון אָט דעם טאָל, באַקומען אַפֿילו הונדערט מאָל געהערטע פֿראַזן אַ נייע דעקונג, אַ ברייטע פּערספּעקטיוו.

שטערן אין חלל

און אָט איז שוין געקומען דער פֿייערלעכסטער מאָמענט פֿון עפֿענען דאָס וואַסער; וואַסער־שטראַלן צעשפּילן זיך אין שטראַלן ליכט.

מיר אײַלן זיך אַרויסשאַרן פֿון צווישן עולם.

אַרויס פֿון ליכט־קרייז, לעבט מען איבער אַ מאָדנעם אײַנדרוק. מען איז נענטער צום עקוואַטאָר, איז מען אויך ווי נענטער צו די שטערן... זיי זעען דאָ נישט אויס ווי דימענטן און פּערל, אָנגעגנייטע אויפֿן אויסגע־שפּאַנטן טונקל־סאַמעטענעם הימל־דעק. זיי הענגען אַראָפּ אין חלל אויף אומזעבאַרע דראָטן, יעדער באַזונדער — איינער העכער, איינער נידעריקער — עלעהיי לאָמפּן פֿון סופֿיט אין אַן עלעקטרישן געשעפֿט. דער „גרויסער וואָגן" ליגט אַזוי נידעריק ביים ראַנד פֿון פֿירמאַמענט, פּונקט ווי ער וואָלט אַראָפּ פֿון זיין געלייז צוליב אַ פֿאַנטשער, פֿאַרלוירן דערביי דאָס הינטערשטע ראָד, וואָס האָט זיך אָוועקגעקייקלט ערגעץ הינטער אַ פֿאָלד פֿון האָריזאָנט. מן הצד קוקט זיך צו צו דעם געשעעניש די אָפּנעמענדיקע לבנה. דאָ זענען די הימל־קערפּער — קערפּערס ממש, דריי־דימענסיאָנאַל.

מיר זעצן זיך אַריין אין אונדזער וואָגן, פֿאָרן צו די פֿיר קילאָמעטער קיין רביבים. לענגאויס אַ פֿעלד־וועג באַלויכטענע טאָוולען: כראָנאָלאָגיע, פּראָבלעמאַטיק — די ביאָגראַפֿיע פֿון נייעם וואַסער־ווערק.

דער עפֿעקטפֿולסטער צווישן די רעפֿלעקטאָרן איז אַלנפֿאַלס אויך דאָ — דער לבנה־לאָמפּ.

קינדער־הויז אין מיטן נאַכט

צווישן די בנינים פֿונעם קיבוץ איז מאָדנע שטיל און פּוסט. דער חדר האוכל שטייט אָפֿן. אויף די טישן ליגן נאָך די רעשטן עסן, און קיין מענטשן זעט מען נישט. אַ טייל געפֿינען זיך שוין אַוודאי אויף דעם פּלאַץ, וווּ עס דאַרף באַלד פֿאָרקומען דער צווייטער טייל פֿון דער היינטי־קער פֿייערונג. אַנדערע דיזשורירן, מסתּמא, יעדער ביי זיין פֿונקציע. נאָך אַנדערע זענען אַוועק אויף וואַך...

מיר דרייען זיך אַרום איבערן הויף, טרעפֿן אַן אין דער פֿינצטער אויף

עפּעס דראָטן, עפּעס נישט לאַנג פאַרפּלאָנצטע ביימלעך. אַפילו אין דער פינצטער פילט מען די טרוקעניש, די דורשטיקייט פון אָט דער ערד. ווי אַנגענעם איז צו טראַכטן, אַז פון איצט מאָל אָן וועט אַ ביסל אַנדערש זיין.

פון דער ווייטנס ציט אונדז אין זיין קרייז אַ ווייך־שטראַלנדיקער, ווייסער בנין.

אויף דער איינגאַנג־טעראַסע איז געבליבן ליגן אַ פאַרגעסענע לאַלקע, און אינעווייניק שלאָפן שוין די לעבעדיקע לאַלקעס אין די בעטלעך זייערע. די שוין דאָ געבוירענע, דאָס צווייטע דור. זיי שלאָפן, אָבער דאָס קליינע הויז איז אָנגעפילט מיט זייער לעבן, זייער וועזן. דאָ פעלט נישט קיין שום זאַך פון דעם סטאַנדאַרט, וואָס דער ישראל־קיבוץ גיט זיינע יינגסטע. די וואַש־צימערן, די שפּיל־ און אַרבעטס־צימערן, די באַזונדערע קיך. אַ רעפּראָדוקציע פון אַ פריען — נאָך רעאַליסטישן — בילד פון פּיקאַסאָ הענגט אויף דער וואַנט: אַ מיידעלע מיט אַ צעפּעלע.

צוויי יונגע פרויען דיזשורירן דאָ. איינע פון זיי דערוואַרט אַליין אַ קינד. די צווייטע איז שרה, די שנור פון אונדזער מיטפאָרער, די חברטע פון צור.

אַ קינד האָט זיך צעשריגן פונעם שלאָף. עפּנט שרה דאָס שלאָף־צימער און מיר כאַפּן אַ קוק אַריין. אַ יינגעלע עפנט אויף אויף אונדז אַ פּאָר גלאַנצנדיקע, גרויסע, שוואַרצע אויגן — אַ וואַריאַנט פון יענע שטערן, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס געזען אין דרויסן.

אַ ווייכער גלעט פון שרהס האַנט — דאָס קינד שלאָפט ווידער איין.

און ווייטער שעפּטשען יונגע פרויען, גייען אויף שפּיץ פינגער אין ווייכע לאַטשן. באַשיצן דעם געבענטשטן שלאָף אין דעם געבענטשטן, ווייסן הויז אין מיטן מדבר.

לבנה־באַלעט

און אָט זיצט מען שוין אויף די סנאָפּעס געפּרעסט שטרוי, אין מיטן מדבר. אַנטקעגן איז אויפגעבויט אַ קאָנסטרוקציע, וואָס באַשטייט פון בערגלעך זאַמד, אַ תמצית פון דער לאַנדשאַפט, ווו מיר געפינען זיך. אויפן פאָן פון אָט דער לאַנדשאַפט ווערט געגעבן אַ ספּעקטאַקל, וואָס זיין עיקר־באַשטאַנדטייל איז אַ סימבאָליש־אַלעגאָרישער פאַנטאָמימע־באַלעט, א.ד.ט. „אייביק וועלן מיר זינגען דעם לויב פון וואַסער". די טעקסטן האָבן

אָנגעשריבן די מחברים פון „ערד אָן שאָטן" אלכסנדר און יונת סנד און אויך די אַנדערע מיטשעפּער, ווי אויך די אויספירער, זענען יונגע מענטשן פון פאַרשידענע ישובים פון קיבוץ המאוחד. קאָן זיין, אַז דאָס גאַנצע איז אַ ביסל צו פיל טעאַטראַליש־פּרעטענסיאָנעל, דאָך איז עס אַ פּרוכט פון יונגן אָנשטרענג, פון יונגן, נאַיוון ערנסט. דאָס טעמפּאָ וואַקסט, דער ריטם באַוועגט זיך איבער יאוש, וואָקלונגען און בלאָנדזשענישן, ביז צו דעם עקסטאַז פון דער פאַרווירקלעכונג, פון אויסגעלייזטער פרייד.

און ווידער דאָס זעלבע, ווי מיט די דרשות מיט צוויי שעה צוריק — דאָס, וואָס ווערט איצט אויסגעדריקט אין שפּראַך פון טאַנץ און פון באַוועגונג — האָט אַ דעקונג!

עס איז אַ געמאַכטע זאַך, אָבער עס איז אויך אַן אמתע וואַסער־תפילה פון אַ יונגן ישראל־דאָרף. די לאַנדשאַפט איז אַן עדות — די לבנה, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט גאַנץ נידעריק צו זען דעם טאַנץ, צו הערן דאָס געזאַנג.

שומרים

און אָט האָט זיך שוין אַלצדינג געענדיקט. עס איז נאָך האַלבער נאַכט. מען פאָרט צוריק.

אַ גרויסע שטילקייט נעמט אונדז אַרום. אין וואָגן איז פינצטער. טיף אָטעמען איין די לונגען די קילע, טרוקענע קרישטאָל־לופט. ווייט און זעלטן שימערן לענגאויס דעם וועג איינצלנע ליכט פון יידישע ישובים. ערשט שפּעטער, נענטער צום צפון, ווערן זיי וואָס אַמאָל אָפטער, צאָל־רייכער.

און יענע זענען געבליבן דאָרטן אויפן אָרט.

בשעת די יונגע בחורים און מיידלעך האָבן געטאַנצט, און מיר זענען געזעסן און געקוקט, האָבן אַנדערע פון ווייטן בלויז געהערט די קלאַנגען פון מוזיק. זיי האָבן אַרומגעשפּרייזט אין ראָד אַרום דעם קיבוץ, ווייל פּונקט דעם אָוונט איז אויסגעפאַלן זייער ריי צו גיין אויף וואַך. זיי האָבן געשפּאַנט מיט ביקסן אויף די אַקסלען. געהיט דעם קיבוץ און די געסט, דער יום־טוב און די וואָך. געהיט דאָס ווינקל און געהיט דאָס גאַנצע לאַנד.

מיר זענען אַוועקגעפאָרן, אָבער זיי זענען געבליבן — ווייטער היטן די גרענעצן פון דרום, אין גרויסער איינזאַמקייט.

1956

34. אַ באַזוך אין אילת

אַ קאַפּיטל מעטעאָראָלאָגיע

אין ירושלים כך וכך, אין תל־אביב, אין לוד, אין חיפה כך וכך, און אין אילת — דאָ קומט שטענדיק אַ לענגערע פּויזע. עס איז דער לעצטער פּסוק פון אָנזאָגן די טעמפּעראַטור אין פאַרשידענע פּונקטן פון לאַנד, און מען האָט אָפט מאָל דעם איינדרוק, ווי דער ספּיקער וואָלט אונדז וועלן אַ ביסל איבערשרעקן, אָדער אפשר גאָר — טרייסטן...

אין תל־אביב און חיפה באַטרעפט די טעמפּעראַטור, צום ביישפּיל, 30 גראַד, און מענטשן שוויצן אויף וואָס די וועלט שטייט. ווען זיי דערהערן אָבער, אַז אין אילת איז אין דער זעלבער צייט נאָך מיט 10 גראַד הייסער, ווערט זיי אַ ביסל — קילער. טראַכטן טאַקע ס׳רוב מענטשן, אַז אין אילת איז זומער אַ גיהנום נישט צום אויסהאַלטן. די טוריסטן, וואָס קומען קיין ישראל דווקא אין די סאַמע הייסע זומער־חדשים און ווילן בשום אופן נישט מוותר זיין אויף זען אילת — און קודם כל די מענטשן, וואָס וווינען דאָרט אַ גאַנץ יאָר — טענהן פון דעסטוועגן, אַז אין אילת איז אויך זומער נישט אַזוי שרעקלעך. וואָרעם די לופט איז דאָ ס׳רוב זייער טרוקן און טרוקענע היצן, פּונקט ווי טרוקענע פרעסט, האַלט דער מענטש פיל לייכטער אויס, ווי היץ, אָדער קעלט אין אַ פייכטן קלימאַט. ווי איז דאָס אָבער מעגלעך, אַז אַ פּאָרט־שטאָט זאָל האָבן אַ טרוקענעם קלימאַט. אָט דאָס איז טאַקע דער סוד פון אילת; אין דעם באַשטייט די אָריגינעלקייט פון זיינע אַטמאָספערישע באַדינגונגען.

אין אילת בלאָזט שטענדיק אַ טרוקענער ווינט פון דעם מדברדיקן צפון און דער דאָזיקער ווינט לאָזט נישט צו דעם ים־ווינט פונעם דרום, וואָס וואָלט געקאָנט ברענגען פייַכטקייט, אָדער רעגן. אילת ליגט ביים ברעג פון דעם איינגוס, וואָס איז פאַרשטעלט פון דעם אָפענעם ים מיט הויכע בערג, וועלכע לאָזן נישט צו אַהער קיין ווינטן און כמאַרעס פון אַנדערע הימל־געגנטן. אַזוי אַרום פאַרמאָגט אילת אַ דורכשניט פון בלויז צוויי רעגן־טעג אין יאָר, און דאָס אָרט צייכנט זיך אויס מיט אַ מאָדנעם

קלימאַטישן געמיש פון ים־לופט מיט מדבר־השפעות, וואָס זאָל, אַ סברה, זיין ספּעציעל גינסטיק פאַר אַסטמאַטיקער. זי איז סיי טרוקן, סיי לייכט און גלייכצייטיק נישט שיטער, אָנגעזעטיקט מיט יאָד.

אַזוי טענהן די לאָקאַל־פּאַטריאָטן, און כמעט יעדער צווייטער־דריטער תושב פון אילת איז סיי אַ לאָקאַל־פּאַטריאָט, סיי אַ היימישער מומחה פאַר מעטעאָראָלאָגיע.

פון פויגל־פּערספּעקטיוו

מיר שטייגן איין אין לוד אין אַן אַעראָפּלאַן פון דער געזעלשאַפט „ארקיע", וואָס האַלט אָן פיר מאָל אַ טאָג אַ רעגולערע פאַרבינדונג מיט אילת. אין משך פון אַ שעה מיט 10 מינוט מאַכט מען „אויבנאַרומעט" אַדורך די רייזע, וואָס „אונטנאַרומעט" דויערט זי אַ מעשה פון 7 שעה. ווער עס וויל זיך באַקענען סיי מיט אילת, סיי מיט דער לאַנדשאַפט אויפן וועג קיין אילת, און דערביי כאַפּן אַ קוק אויף אַ גרויס שטיק לאַנד פון פויגל־פּערספּעקטיוו, דער קאָן מאַכן אַ קאָמבינירטע רייזע — אין איין ריכטונג מיטן אַעראָפּלאַן און אין דער צווייטער מיט אַן אויטאָבוס. איז שוין ווער געפלויגן אין פרעמדע לענדער — איז פאַר אים גלאַט אַ סאַטיספאַקציע פעסטצושטעלן, אַז אונדזערער אַן „אוירון", געפירט און באַדינט דורך אייגענע, יידישע, פּאַכלייט, שטייט אין קיין שום פּרט נישט אָפּ פון פרעמדע קאָמוניקאַציע־מיטלען.

דער דאַקאָטאַ־אַעראָפּלאַן שניידט די לופט אָן אַ טרייסל. מען באַמערקט כמעט נישט, ווען ער האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד, און אָט שוועבט מען שוין איבער שכונים און פרדסים, מען כאַפּט אַ קוק פון אויבן אויף דער פּאַנאָראַמע פון תל־אביב און סביבה. די הייזער־קעסטעלעך ווערן וואָס אַ מאָל קלענער און ווייטער טראָגט מען זיך איבערן ים — אַזוי ביז אַשקלון. דערנאָך באַווייזן זיך ווידער גרינע פלאַכן אויפן פּאַן פון גרויגעלן שטח. ווי פלעטעלעך דאָמינאָ אויף אַ גרויסן טיש, אַזוי שפּרייטן זיך די ישובים פונעם דרום און וואָס אַ מאָל ווייניקער, וואָס אַ מאָל שיטערער, ווערן די ישובים — דער געלער פּאַן וואָס אַ מאָל העלער, גרוימער. ביז מען דערזעט אין אַ זייט פון דער לופט־ליניע דעם בלוי־איינגעפּאַלענעם שפּיגל פון ים המלח און נענטער־צו די פּאַנאָראַמע פון באר שבע. און אָט ווערן זיי כמעט אין גאַנצן נעלם — די דאָמינאָ־פלעטעלעך פון די ישובים — און די איינציקע ליניעס אונטן זענען שוין בלויז די פאָרמען פון ששת

ימי בראשית — די הייבונגען און זענקונגען פון באָדן, די פאַלבן פון די זאַמד־דיונעס, אייביק געשלויבעטע דורך ווינטן און דורך זאַמד־שטורעמס; די פעלדזן־קייטן אַרום טיפע באָדן־שפּאַלטן פון די וואַדיס... דאָס ביסל שוואַרצע, בעדואינישע געצעלטן, די ציגן און די לעמער זייערע און די קעמלען — דאָס אָרעמע ביסל לעבן פון דעם מדבר־סטעפּ — מענטשן, חיות, האַלב־פאַרדאַרטע דערנער־קוסטעס — זעט מען נישט פון פויגל־פּער־ספּעקטיוו. עס דאַכט זיך בלויז, אַז מען הערט פון אונטן דאָס געשריי פון אָט די פּוסטע פלאַכן, זייער רופן נאָך אויפלעבונג.

מיר קוקן אַריין אין קליינעם מאַפּקעלע פון נגב, וואָס מען האָט צווישן אונדז פאַרטיילט. די גרויסע שטיין־מאַסיוון דאָרט אונטן, מיטן קעסל־טאָל אין מיטן, מוזן באַלאַנגען צום „מכתש הגדול", דעם „גרויסן מערזער". און דאָרט ווייטער איז מחויב צו זיין דער „מכתש רימון" — די ריזיקע פעלדזן־פאָרמאַציע, מיט וועלכער עס האָבן זיך געראַנגלט די אינזשעניערן, בעת מען האָט געבויט דעם שאָסיי פון באר שבע קיין אילת.

און דעם דאָזיקן שאָסיי זעען מיר כסדר אין דער נידער. אַ ווײַלע פאַרשווינדט ער, און אָט באַווייזט ער זיך שוין ווידער. ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש, אַן אומגעהייער פלינקס, אַן איינגעשפּאַרטס, ווי אַ געבירג־טייכל באַרג־אַראָפּ צום גרויסן טייך — אַזוי יאָגט ער, דער יונגער, שוואַרצער כביש, צווישן די מדבר־זאַמדן — אַראָפּ, אַראָפּ צום ווייטסטן פּונקט פון דרום, צום ים־סוף, צו אילת...

די פּאַסאַזשירן זיצן איינגעבעט אין טיפע שטולן. אַ גרופּע, אָרגאַניזירט דורך דעם מלוכהשן טוריסטן־ביוראָ און אַ טייל מענטשן, וואָס פאָרן אַהיים צו זייערע משפּחות אויף שבת פון „צפון"; אַ חברטע פון כנסת, וואָס דאַרף האַלטן שבת צו נאַכט׳ס אַ פאָרטראַג אין אילת. דער שטאַרק העפלע־כער, עלעגאַנטער און סימפּאַטישער „דייל" דערלאַנגט די פּאַסאַזשירן קאַר־טאָנענע טעצעלעך טיי, דערנאָך באָנבאָנעס. מען קאָן אויך קריגן ביי אים אַ צייטונג, נאָר עס איז שוין צו שפּעט צו לייענען. מען כאַפּט אַ נייעם קוק אַרויס, אַראָפּ, און אָט טוען זיך אונטן אַ מאָדנעם בלאָז אָן די זאַמדן. שוואַרצע קוסטעס באַווייזן זיך צווישן די זאַמד־בענק. און פּלוצים — אַ נייע געאָמעטרישע פיגור, אַ גרינער רעכטעק. „ס׳איז יוטבתה" — רופט אויס אַ פּאַסאַזשיר — די אָאַזע, דער קיבוץ, פון וואַנען עס פליסט דאָס וואַסער פאַר אילת.

און אָט אַנטפּלעקט זיך אַ וואַסער־שפּיגל ממש, בערג וואַקסן אויס

אַרום דעם ים־איינגוס! מען דערקענט פון אויבן די לאַנדשאַפט, וואָס מען האָט געזען אַזוי פיל מאָל אין צייטונגען, אויף אנזיכט־קאַרטן, און אין צווישן האָט מען זיך שוין געזעצט, מען קייקלט זיך שוין ווידער אויף רעדער. מען איז אָנגעקומען אויפן פלי־פלאַץ פון אילת.

פון אום־רש־רש ביז מבצע סיני

אַמאָל, אַמאָל, נאָך אין די צייטן פון שלמה המלך, זענען דאָ געווען יידן, אָבער אין אונדזער יאָרהונדערט, אין די טערקישע צייטן און אין די צייטן פון ענגלישן מאַנדאַט, איז דאָ בכלל כמעט קיין ישוב נישט געווען. בלויז אַ פּאָר פּרימיטיווע, אַראַבישע בנינים, אַ סטאַציע פון דער אַראַבישער גרענעץ־וואַך. דער פּונקט האָט דעמאָלט געהייסן אום־רש־רש. זיין הויפּט־באַשטימונג איז געווען צו לויערן אויף גרענעץ־שמוגלערס, וואָס האָבן געשוואַרצט דורך ארץ־ישראל מצרישן חשיש קיין סיריע און לבנון. אַלס פּאָרט האָט דעמאָלט געדינט בלויז עקבה.

נאָכן איינגעמען דעם נגב און באַזעצן אילת אין חודש מערץ 1949, איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דעם דרום־פּאָרט פון דער מדינה, פאַר איר האַנדל מיט אַזיע און אַפריקע. די פּלענער זענען געווען, אָבער די אויספירונג איז פּאַראַליזירט געוואָרן דורך דער מצרישער בלאָקאַדע ביי די טיראַנער אינדזלען. ביז סוף 1956 זענען דאָ אַזוי אַרום געזעסן סך הכל ביי 500—600 איינוווינער. דאָס היינטיקע אילת פאַרמאָגט אַ יידישע באַפעלקערונג פון 5000 נפשות. אין משך פון צוויי יאָר איז די צאָל איינוווינער געוואָרן צענפאַכיק פאַרגרעסערט. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער סיני־אַקציע. יידישע קריגס־שיפן וואַכן היינט איבער דעם פרייען שיפס־פאַרקער מיט אילת, און די בלאָקאַדע איז ליקווידירט געוואָרן. דורך אילת קומט היינט אַריין דער נאַפט, וואָס ווערט געפירט מיט רערן קיין באר שבע און פון דאָרט קיין חיפה אין די ראַפינעריעס; סחורות, אין ווערט פון מיליאָנען פונטן, ווערן אימפּאָרטירט און עקס־פּאָרטירט איבער אילת, און אַלץ דאָס ווערט באַטראַכט בלויז אַלס אַן אָנהייב. די אַנטוויקלונגס־פּלענער פאַר דער צוקונפט צילן נאָך העכער: אַ באַפעלקערונג פון 50 טויזנט אין משך פון די ווייטערע צען יאָר. אילת דאַרף ווערן אַ גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרקער־פּונקט; עס דאַרף זיך דאָ אַנטוויקלען אַ פאַרשידנאַרטיקע אינדוסטריע, וואָס איר אָנהייב

איז שוין פאַראַן. אויך דער פישפאַנג און די טוריסטיק דאַרפן ווערן אויס־געבויט. און נייע ישובים דאַרפן אַנטשטיין אַרום אילת, און נאָך וואָסער דאַרף מען געפינען אין דער געגנט. אַלץ איז נאָך אין פּערספּעקטיוו פאַר דער יונגער, שעפערישער שטאָט.

אַזאַ איז דער נוסח פון אילת. צו רעדן וועגן אַלץ אין די קאַטעגאָריעס פון דער צוקונפט.

ווי אַן אָזערע אין די הויכע בערג

און די לאַנדשאַפט, וואָס מיר קענען פון די אַנזיכט־קאַרטן, עפנט פאַר אונדז אויף אירע פאַרהוילונגען. דער בלויער, לייכט געפאַלדעוועטער ים־איינגוס, דערמאָנט פון דער נאָענט אַן אָזערע אין הויכגעבערג, ווי אַ שטייגער „מאַרסקע אָקאָ" אין די טאַטרען. האַרט־געשניצטע באַרג־שפּיצן אַרום אילתער איינגוס זענען נאַקעט, ווי מען זעט עס אין אייראָפּע ערשט אויף די הייכן פון טויזנטער מעטער, ווו עס איז שוין נישט פאַראַן קיין קוסט, קיין גרעזל. נישט מער — קיין אייביקע שנייען שימערירן דאָ נישט אויף באַרג־שפּיצן, אין וועלכע די זון־שטראַלן זאָלן זיך ברעכן מיט קאָלירן פון רעגנבויגן און ברילאַנטן־פּראַכט.

די דאָזיקע בערג שפּילן אין חלל מיט זייער אייגענעם קאָליר! זיי זענען ראָזע און לילאַ אויפן פאָן פון הימל און אַ מאָל ווערן זיי ווייס און זילבער־גרוי. אַ מאָל זעט מען אַ לילאַ־זילבער־באַרג, וואָס טיילט זיך בולט אָפּ מיט זיין קאָנטור פון אַ גרעסערן מאַסיוו, וואָס איז כמאַרע־שוואַרץ און נעגער־ברוין. אַ באַרג־שפּיץ דערנעבן זעט אויס ווי אַ ביזאַנטינישער גרין־גאָלדיקער קלויסטער־קופּאָל. זאָגן איינע, אַז דאָס נעמט זיך פון באַלכסונדיקן פאַלן פון די זון־שטראַלן; פון דעם ליכט־ און שאָטן־שפּיל ביים זון־פאַרגאַנג. זאָגן אַנדערע דאַקעגן, אַז דאָס מיניען אַזוי קאָלירט די מינעראַלן מיט די פאַרשידענע מעטאַלן, און מיט איידל־שטיינער, וואָס זענען פאַראַנען אין די בערג. יעדער באַרג און יעדע באַרג־קייט מיט אַן אַנדערן קאָליר.

דער אומצופרידענער לאָקאַל־פּאַטריאָט

דער פלי־פּלאַץ געפינט זיך אין שכנות פון פּאָרט. מיט אַ וועגל באַרג־אַרויף קומט מען אָן אין צענטער. אונדזער באַגלייטער און אומגע־צאָלטער וועגוויזער איז אַ יידישלעכער יונגערמאַן, וואָס שטאַמט פון

לאָדזש. ער פאַרמאָגט אָן אייגענע דירה אין בני ברק, אָבער וווינען וווינט ער שוין העכער אַ יאָר מיט זיין משפחה אין אילת. יעדע וואָך פליט ער „געשעפטלעך" צום צפון און דער עסק מוז זיך לוינען, אָבער כאָטש אַזוי, איז ער שטאַרק נישט צופרידן און עס קומט אים אַרויס אַ גרויסער רעשט ביי דער יידישער מדינה. דערביי איז דער ייד גלענצנד אָריענטירט אין אַלע ענינים און אַנטוויקלונגס־פּלענער, וואָס זענען נוגע אילת. אויפן וועג אין שטאָט אַריין קלערט ער אונדז אויף די באַשטימונג פון יעדן בנין און פון יעדער אונטערנעמונג, נעבן וועלכער מיר גייען פאַרביי.

אַ גרויסער, שיינער בנין, אַ ביסל אָפּגערוקט פון דעם שאָסיי — דאָס איז דער האָטעל „אילת". ער געהער צו דער הסתדרות; דאָס העכסטע וואָרט פון לוקסוס און באַקוועמלעכקייט; אַ האָטעל פאַר טוריסטן. — און טוריסטן קומען נישט גענוג — מאַכט אַריין דער ייד אַ באַמערקונג צווישן די שורות, ווי ער וואָלט געהאַט דערפון אַ סאַטיספאַקציע. העכער אַ העלפט צימערן שטייען ליידיק. ס'איז שרעקלעך טייער! איצט גייט מען צובויען אַ נייעם פליגל פאַר באַשיידענערע געסט, פאַר אויספלוגן, וואָס קומען גרופּנווייז. — וועט מען שוין זען די גליקן — באַמערקט ווידער דער ייד מיט איראָניע.

לינקס פון וועג זעען מיר אַ לאַנגן בנין, וואָס מען האַלט אין מיטן בויען, און אונדזער באַגלייטער קלערט אונדז אויף, אַז דאָס בויט מען פאַרן געלט פון אַפריקאַנער יידנטום אַ האַנדלס־צענטער, וואָס איז אויס־גערעכנט אויף דער צייט, ווען אין אילת וועט זיין אַ באַפעלקערונג פון 20.000 נפשות. צענדליקער געשעפטן, פריזיר־אַנשטאַלטן, שיך־געוועלבער, קליידונג־מאַגאַזינען, קאַפע־הייזער. — און די אַלע זאַכן זענען שוין דאָ אין שטאָט — פאַרט דער ייד ווידער אַרויס מיט אַ תרעומות — ווער דאַרף נאָך געשעפטן, פאַר וועמענס וועגן? ווען וועלן דאָ זיין אַזוי פיל מענטשן — מישטיינסגעזאָגט?!

— צי האָט איר זיך שוין אָנגעגעבן אויף אַ שיך־געשעפט?

— איך האַנדל נישט מיט קיין שיך. איך וויל אַ מכולת.

זע איך דאָך, אַז איך האָב געטראָפן ווו דער שוך קוועטשט אים, און דער ייד זעט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן; לאַכן מיר ביידע און מיר גייען ווייטער.

מען בויט אויך אין אילת אַ גרויס קינאָ. אויף טריט און שריט זעט מען סימנים פון אַ גרויסער בוי־באַוועגונג. און אָט דערזעען מיר אַ

פּאַרטיק, גרויס הויז פון רויטע ציגל, אָריגינעל אין דער ליניע, און אונדזער אינפאָרמאַטאָר דערקלערט אונדז, אַז דאָס איז דאָס הויז אויפן נאָמען פון אַמעריקאַנער אַרבעטער־פירער פּ י ל י פּ מ ו ר י י, וואָס איז געוואָרן אויפגעבויט דורך דער הסתדרות מיט דער באַטייליקונג פון די אַמעריקאַנער געווערקשאַפטן. אין דעם הויז איז פאַראַן אַ גרויסער זאַל פאַר אימפּרעזן און טעאַטער־פאָרשטעלונגען, אַ ביבליאָטעק און לייען־זאַל, די ביוראָען פון אילתער אַרבעטער־ראַט און פון אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות.

— אמת שיין, אַ פיין הויז — באַמערק איך סתם.

— אַ פראַגע, צי ס'איז שיין! נישטאָ דאָס צווייטע אין גאַנצן לאַנד! — רופט אויס דער אומצופרידענער יונגערמאַן און איך זע, אַז נישט נאָר, וואָס ער איז אַן אומגעצאַלטער פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר די דערגרייכונגען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר נאָך, צו די צרות, אַ לאָקאַל־פּאַטריאָט...

מדבר־קילערס

עס איז פרייטיק פאַר נאַכט, אָנהייב יאַנואַר. פון די בערג בלאָזט אַ מחיה־דיק ווינטל, און מענטשן גייען אין סוועטערס. אַז מען קוקט זיך אָבער צו צו די הייזער פון אילת, זעט מען, אַז די עיקר־זאָרג פון דעם היגן בוי־סיסטעם איז געווענדט צום באַקעמפן די היץ.

דאָס הויז אויפן נאָמען פון פיליפּ מוריי און די האָטעלן, ווי אויך דער רוב מאָדערנע, עפנטלעכע בנינים אין שטאָט, פאַרמאָגן דרויסנדיקע ווענט געמאַכט פון ספּעציעלע ציגל, אין וועלכע עס זענען פאַראַן עפע־נונגען, וואָס לאָזן אַדורך די לופט. אין אַ טייל פון אָט די הייזער זענען דערצו אָט די „אַשור־ציגל" געלייגט אויף אַזאַן אופן, אַז אויך צווישן די ציגל בלייבן עפענונגען, און די גאַנצע וואַנט הילט אַרום דעם אינעווייניקסטן שטח מיט אַ מין שטיינערנער קראַטע. אויסער דעם איז דער דאַך אַזוי קונציק געלייגט, אַז אויך אויבנאַרומעט וואַנדערט און ווינדיקט די לופט אָן אויפהער. שוץ פאַר דער זון, פרייער וועג פאַר דער לופט — זעט אויס צו זיין דער הויפּט־פּרינציפּ פון דער בוי־טעכניק אין אילת. אַי, וואָס דורך די עפענונגען מוז אויך אַריינדרינגען דער שטויב אין טעג פון זאַמד־שטורעמס — דערויף ווייסן מיר שוין נישט, וואָס פאַר אַ רפואה עס האָבן אויסגעפונען די אילתער אַרכיטעקטן. מיר זעען נאָר, אַז ווענטי־לאַציע איז נישט דאָס איינציקע מיטל צו קילן די לופט. ראשית כל ווערן

אין וואָס אַ מאָל מער הייזער איינגעבויט עלעקטרישע קיל־אַפּאַראַטן — „אייר־קאָנדישיאָנערס״.

„זאַהאַטעס״

אינטערעסאַנטער זענען אָבער פאַר אונדז די עלטערע קיל־איינריכ־טונגען אין אילת, וועלכע מען זעט נאָך דאָ אַרום אַ טייל הייזער. ווער עס קאָן דאָס סלאַווישע דאָרף, דער וועט אָט די איינריכטונג פאַרגלייכן מיט אַ „זאַהאַטע״. כדי צו באַוואָרענען זיין שטוב, אָדער די שטאַל, פאַר די ווינטן און פרעסט, שטעלט אַרום דער פויער די ווענט מיט דרענגלעך און צווישן די דרענגלעך און די ווענט לייגט ער אָן שטרוי, אָדער האַרבסטיקע בלעטער, וואָס לאָזן נישט צו די קעלט. פלעגן די איינוווינער פון אילת אויפשטעלן אין די פריערדיקע יאָרן אַזעלכע מיני „זאַהאַטעס״ קעגן דער היץ. זיי האָבן אַרומגערינגלט זייערע ווענט מיט אַ האָלץ־קראַטע און די קעסטלעך פון אָט דער קראַטע האָבן זיי אָנגעפילט מיט אַ מין ווילדגראָז פון דעם מדבר־סטעפּ, וואָס האַלט זיך יאָרן און ווערט נישט צעקרישלט. אויבנאַרומעט האָט מען אַדורכגעצויגן אַ וואַסער־רער מיט דינע, אָפענע רערעלעך, וואָס הענגען פון איר אַראָפּ אַלע עטלעכע צענטימעטער און לאָזן אַדורך נישט מער, ווי איינצלנע טראָפּנס וואַסער. עפנט מען די רער, לאָזט מען אין איר אַריין דאָס וואַסער, הייבט עס אָן צו קרייזן און ריזלען אַרום דער קראַטע און אָן אויפהער נעצן די גרעזער. דאָס גראָז ווערט נאַס, נוצט עס אָן אויפהער די אַרומיקע וואַרעמקייט צום אויסדינסטן די נאַסקייט, און אויף דעם אופן ווערן די ווענט פון די שטיבער אויטאָמאַטיש געקילט. אַן אייגנטימער פון אַזאַ מין טראָפּן־קילער האָט מיר געזאָגט, אַז מיט דער הילף פון אַזאַן איינריכטונג זעצט מען אַראָפּ די טעמפּעראַטור אין דער וווינונג מיט 10 און מער גראַד נידעריקער, ווי זי איז אין דרויסן. אין אַ סך הייזער באַנוצט מען נאָך די טראָפּן־קילערס ביזן היינטיקן טאָג.

דער דאָזיקער טיפּ פון אַ לופט־רעגולירער ווערט דאָ גערופן „דעסערט־קולער״, אָדער מדבר־קילער.

דענישע מאַטראָסן

אילת איז אַ שטאָט אַ יונגע, אַ נייע, פול מיט אונטערנעמונגס־לוס־טיקע, ענערגישע מענטשן און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער שטימונג און אין דעם לעבנס־נוסח, וואָס מען דערפילט באַלד נאָכן אָנקומען קיין

אילת. די גאַסן לויפן דאָ באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף, און איבער די גאַסן יאָגן אַלע ווײַלע די אילתישע, כאַראַקטעריסטישע קאָמוניקאַציע־מיטלען: פלינקע דזשיפּן, פלינקע, קליינע טענדערלעך, אַ סך מאָטאָציקלען און „וועספּעס". ווי קינדער אויף קאַרקינעטן יאָגן זיי אַראָפּ און אַרויף און פון בלויזן קוקן אויף זיי ווערט עפּעס מאָדנע לײַכט און לופטיק אויפן האַרצן.

און זעט אויס, אַז נישט בלויז אויף אונדז, ישׂראל־בירגער, ווירקט אַזוי אילת. מיר זעצן זיך צו — אַ גרופּע אָנגעקומענע — ביי אַ דרויסן־טישל פון אַן עספּרעסאָ־בופעט, און אַט שאַרן זיך פּלוצים צו אונדז צו אַ פּאָר מאַטראָסן פון אַ דענישער שיף, וואָס האָט געבראַכט די טעג צו פירן אַ נײַעם טראַנספּאָרט מיט שוועבל פאַר די קופּער־ווערק פון תמנע. דער שוועבל איז שוין געוואָרן אָפּגעלאָדן, ווײַל אויף די וועגן פון דער שטאָט זעט מען אומעטום לײַכטע סימנים פון העל־געלן שטויב, וואָס האָט זיך אַרויסגעזופּט דורך די ווענטלעך פון די לאַסט־אויטאָס. די מאַטראָסן זענען אַ ביסל בגילופין. דער בעל הבית פון „עספּרעסאָ" דערציילט אונדז, אַז צום נײַעם יאָר זענען זיי נאָך מער שיכור געווען, געטאַנצט אַ „הורה" מיט די יידן אונטערן פרייען הימל, פאַרבעטן צו זיך געסט אויפן דעק. אויך יידישע ייִנגלעך פונעם פּאָרט האָבן געכאַפּט אַ טרונק, אַ הוליע. איצט לאָזן זיך שוין אויס ביי די דענער די מזומנים, אָבער עס פעלן נישט אין אילת קיין „לעבע־יונגען" — זאָרגן זיי שוין פאַר אַ לייטישן רעוואַנזש. קיין ווײַן און קאָניאַק פעלט נישט אין אילת...

און דערבײַ איז כלל נישט גרינג זיך צונויפצורעדן מיט זיי, ווײַל אַפילו ענגליש קענען זיי נישט אַלע. קאָנען זיי זיך נישט פאַרשטענדיקן מיט ווערטער — שמייכלען זיי. צוויי יונגע חברה ווינקען צו די פריש־געקומענע פון פלי־פּלאַץ מיט שיכורער לײַטזעליקייט. זיי „רעדן מיט די הענט", ציילן עפּעס אויף די פינגער, און דאָס איינציקע, וואָס מען קאָן פאַרשטיין זענען נעמען פון פּאָרט־שטעט: מאַרסעל, האַמבורג, קייפּ־טאַון... זיי ווילן אונדז געבן צו פאַרשטיין, אַז יענע גרויסע און גרעסטע פּאָרטן, אין וועלכע עס שטעלט זיך אָפּ זייער לאַסט־שיף, הייבן זיי נישט אָן צו אימפּאָנירן; אַז אָט דאָס קליינע פּאָרטל געפעלט זיי בעסער פון די גרעסטע פּאָרטן פון דער גאָרער וועלט.

מיט איין וואָרט, זיי ווילן מיר זאָלן וויסן, אַז עס איז זיי דאָ פריילעך, און אַז זיי האָבן ליב אילת. מיר אויך.

1958

35. אַ קיבוץ ביים ברעג ים־סוף

זיי זענען דאָ אַ גרופּע פון בערך 30 יונגע מענטשן — צווישן זיי אַ דריטל פרויען. זיי געהערן צו פאַרשידענע קיבוצים פון קיבוץ המאוחד, און זיי זענען געשיקט געוואָרן אַהער פון פאַרשידענע געגנטן פון לאַנד. דער עיקר פון ישובים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פישפאַנג. וואָרעם אויך ביי זיי איז פיש־פאַנג דער הויפּט־צווייג פון זייער ווירטשאַפט.

די פּלוגה מפרץ אילת פאַרמאָגט 1 גרעסערע שיף, 1 מאָטאָר־שיפל און 2 שיפלעך מיט וועסלעס. אַ חוץ אייגענע ספּעציאַליסטן, האָלטן זיי איטאַליענישע און יאַפּאַנישע אינסטרוקטאָרן און די שיטה פון פיש־פאַנג ווערט כסדר אויסגעבעסערט. אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן די פישערס פון אילת געפאַנגען 50 טאָן פיש און דער ריינער ריווח זייערער האָט באַטראָפן 61.000 ל״י.

אַ מעשה מיט אַ רעקין

— און וואָסערע פיש, בעיקר, כאַפּט איר דאָ? — פרעג איך מיין אינפאָרמאַטאָר, און איך הער וועגן „פּאַלמידעס״, וועגן „עגליות״, וועגן די מיני פיש, וואָס ווידמענען זיך צווישן די צווייגן פון די קאָראַלן־ביימלעך אויפן דנאָ פון ים־סוף. אַממיינסטן סענסאַציאָנעל קלינגט די מעשה וועגן די רעקינען, וועלכע „שמעקן״ אַ מאָל אַריין אין דעם אילתער איינגוס און די פישערס און שווימערס מוזן זיך פאַר זיי שטאַרק היטן. דעם פאַרגאַנגענעם זומער האָבן די פישערס באַוויזן צו הרגענען איינעם אַ רעקין, און ווען זיי האָבן אים אַרויסגעשלעפּט אויפן ברעג, האָבן זיי ערשט געזען, וואָס פאַר אַ ריז דאָס איז געווען. כדי אים צו טראַנספּאָרטירן, האָט מען געמוזט צונויפשפּאַנען צוויי לאַסט־מאַשינען. דער „בחור״ האָט געוויגן 9 טאָן!

אַ סך מלאכות מיט אַ סך ברכות

די מיטגלידער פון דער פּלוגה ווערן אַהער געשיקט דורך זייערע קיבוצים אויף אַ פּעריאָד פון איין יאָר, אָבער טייל מאָל בלייבן זיי דאָ

לענגער — אין פאַל, אַז עס האָט זיי נישט ווער צו פאַרטרעטן אין זייער ספּעציאַליטעט. אַ טייל פון זיי זענען נאָך נישט קיין חתונה־געהאַט, אַנדערע קומען אַהער צוזאַמען מיט די פרויען. איינע אַ חברטע איז געקומען אַהער טון חלוצישע אַרבעט, לאַזנדיק ביי זיך אין קיבוץ אַ קליין קינד.

אַחוץ מיט פישעריי, פאַרנעמען זיך די יונגע מענטשן אויך מיט אַ האַלב טוץ אַנדערע פּרנסות. זיי פאַרמאָגן אין שכנות פון אילת אַ פּלאַנטאַציע פון 130 דונאַם טייטל־ביימער. די טייטל־פּאַלמען זענען שוין אַלט עטלעכע יאָר, און זיי האָבן שוין געדאַרפט אין גיכן אָנהייבן צו געבן פּרוכט. צום סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן זיי אָבער שטאַרק געליטן פון די היישעריקן, און דאָס וועט פאַרשפּעטיקן דאָס רייף ווערן פון די ביימער.

אַ ווייטערע פּרנסה פון דער פּלוגה איז אַ שלאָסער־ווערקשטעל, אין וועלכער עס אַרבעטן 3—4 פאַכלייט, וואָס באַדינען מיט פאַרשידענע אייזן־אַרבעטן דער עיקר די אַרטיקע בוי־באַוועגונג.

אַ קוואַל פון הכנסות זענען אויך די מאַשינען — אַ גרויס לאַסט־אויטאָ מיט צוויי טענדערס, ווי אויך אַ טראַקטאָר־בולדאָזשער. די מאַשינען פירן אויס פאַרשידענע באַשטעלונגען ביים צוגרייטן באָדן אונטער נייע בנינים.

און נאָך איין אונטערנעמונג פאַרמאָגט די פּלוגה, אין וועלכער עס זענען באַשעפטיקט די חברטעס: אַ וועשעריי, וואָס פאַרנעמט זיך מיט וואַשן וועש פאַר די שיפס־מאַנשאַפטן און פאַר די האָטעלן פון אילת.

דער בודזשעט פון דער פּלוגה ווערט אַזוי אַרום געדעקט פון אירע אייגענע פאַרדינסטן. קיין קינדער זענען דאָ נישטאָ, אַלע מיטגלידער אַרבעטן און די אייגנאַרטיקע „געמישטעווירטשאַפט” צאָלט זיך גאַנץ גוט אויס.

מען וועט גרינדן אַן אייגענעם ישוב

מיט פּרנסה — הייסט עס — איז מען פאַרזאָרגט. אָבער נישט צוליב פּרנסה האָט מען געשיקט אַהער די יונגע מענטשן.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אַרום אילת זענען פאַראַן אַ גאַנצע ריי אַנדערע פּונקטן פון יונגער, חלוצישער אַקטיוויטעט, וועלכע ראַנגלען זיך מיט די אָרטיקע קלימאַטישע און עקאָנאָמישע שוועריקייטן און שטרעבן

צו דערגיין צו רעזולטאַטן, וואָס זאָלן דערמעגלעכן דאָס פאַרברייטערן די עקזיסטענץ־באַזע פאַר אַ מאַסן־באַפעלקערונג.

אַ פּאָר קילאָמעטער אויף צפון פון אילת געפינט זיך די באַוואָסערטע פאַרמע באר אורה, ווו עס האָט זיך באַזעצט אַ פּיאָנערן־גרופּע פון גדנ״ע. 40 קילאָמעטער אויף צפון פון אילת איז פאַראַן דער קיבוץ יוטבתה, וועלכער איז באַזעצט געוואָרן דורך אַ גרופּע פון איחוד הקיבוצים. יוטבתה איז אַן אָאַזע מיט רייכע וואַסער־קוואַלן, און פון דאָרט גייט אַרויס די וואַסער־לייטונג פאַר דער גאַנצער געגנט. דאָרט זענען פאַראַן באַוואָסערטע ירקות־פעלדער, אַ הינער־צוכט און אויך אַ צאָל מילך־קי. די מדינה איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די התישבות־פּרווון פון דער חלוצישער באַוועגונג אין אַלע אירע שאַטירונגען. דאָס אַנטוויקלונגס־מיניסטעריום און כלערליי לאַנדווירטשאַפטלעכע אינסטאַנצן אינוועסטירן גרויסע געלט־סומעס פאַר דעם דאָזיקן ציל. וויל זיך אויך די פּלוגה פון קיבוץ המאוחד נישט באַגנוגענען מיט אירע פּראָוויזאָרישע דערגרייכונגען, נאָר זי שטרעבט צו ווערן אַ נאָרמאַלער ישוב.

עס ווערן שוין געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אויפשטעלן אַ נייעם ישוב נעבן וואדי רודד ביי אַ 4 קילאָמעטער אויף צפון פון אילת, נישט ווייט פון דעם נייעם כביש, און — נישט ווייט פון דער ירדני־שער גרענעץ *...

חבר „פומעל״

אַלע אינפאָרמאַציעס באַקום איך פון דעם סעקרעטאַר פון דער פלוגה. ער איז אַהער געקומען פון דעם פישער־קיבוץ מעגן מיכאל. ער זעט אויס זייער יונג, מיטן אָפענעם העמד־קראַגן און אין די סאַנדאַלן אויף די באָרוועסע פיס, אָבער ער איז שוין אַ בעל־הבית פאַר זיך, און זיין פרוי געפינט זיך צוזאַמען מיט אים. ער שטאַמט פון בערלין, ער איז אָנגעקומען אין לאַנד פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען אין דער יידישער בריגאַדע און מיטגעמאַכט אירע וואַנדערונגען איבער אייראָפּע. הייסן הייסט ער יוסף, אָבער רופן רופט מען אים ביז איצט מיטן פּסעוודאָנים פון יענע צייטן: פומעל.

---

* דער דאָזיקער פּלאַן איז אינצווישן מקיום געוואָרן. דער נייער פּונקט, וואָס די גרופּע האָט געשאַפן, הייסט אילות. (רעד).

דאָס געשפּרעך אונדזערס קומט פּאָר אין זיין משפּחה־צימער — אַ שמאָל שטיבל אין דעם לאַנגן, ערדענעם געביי, וואָס איז אַמאָל געווען דער זיצאָרט פון דער אַראַביש־ענגלישער פּאָליציי. דער בנין זעט אויס, ווי אַ „ח". אין איין פליגל געפינען זיך די וווין־שטיבער, אין דעם צווייטן די וועשעריי, לענגאויס וועלכער עס זענען אויסגעצויגן לאַנגע דראָטן צום טריקענען וועש. אין דער מיטלסטער כאַטע געפינט זיך די עס־שטוב און דאָס קולטור־צימער. לענגאויס די הינטערשטע ווענט לויפט די קראַטע מיט די אַנגעלייגטע מדבר־גרעזער און מיט די רערן פון די וואַסער־טראָפּעריס צום קילן די שטיבער. די „זאַהאַטע" פאַרשטעלט די הינטערשטע פענצטער און דאָס טאָגליכט קומט אַריין נאָר דורך די פּאָרנטיקע גלאָז־טירן. די „באַזע" פון דער פלוגה געפינט זיך אַ שריט פונעם ים, אַ קילאָמעטער־צוויי פון די אדום־בערג, וואָס שפּילן צו יעדער צייט פון טאָג אין אַנדערע קאָלירן.

אַ „האַנט־מוזיי"

חבר פומעל מאַכט מיט אונדז אַ קורצן שפּאַציר איבער די קאָלעקטיווע צימערן, וועלכע שטייען איצט ליידיק, ווייל דער רוב חברים זענען אַוועק צו דער אַרבעט. בלויז אין דער וועשעריי טרעפן מיר אַ פּאָר יונגע פרויען, וואָס שטייען ביי די גרויסע עלעקטרישע פּרעס־מאַשינען. זיי טוען זייער אַרבעט בנעימות; פאַראַן אין זייערע באַוועגונגען אַ לייכטער ריטם, אַ פרייע גראַציע.

אין קולטור־צימער זעען מיר לענגאויס די ווענט שורות היימישע גאַבלאָטן און אין זיי, אונטער אַ גלאָז, ממש אַ קליינעם מוזיי פון וווּנדער־שיינע קאָראַלן־צווייגן, איבערגעטראָגענע אַהער דירעקט פון ים־דנאָ. אויך איז דאָס צימער דעקאָרירט מיט אַ קאָלעקציע פּרעפּאַרירטע פיש און אַנדערע ים־באַשעפענישן. פאַראַנען דאָ אויך אַ קליינע ביבליאָטעק, אַ פּאַטעפאָן מיט אַ שיינער קאָלעקציע קאָנצערט־פּלאַטן, צייטונגען, צייט־שריפטן. דאָ פאַרברענגען די יונגע חברה זייערע פרייע שעהען.

עמוס — דער פּאַטריאָט און נביא פון אילת

מיר געזעגענען זיך מיטן חבר פומעל און מיר לאָזן זיך צוריק אין שטאָט אַריין אין דער באַגלייטונג פון אַ יונגן מענטש מיט שוואַרצע וואָנסעלעך און מיטן נאָמען עמוס. דאָס מזל האָט אַזוי געפירט, אַז אויף

דעם סאַמע געשוווירענעם פּאַטריאָט פון אילת זאָלן מיר אָנטרעפן ערשט אַ שעה פאַרן פאַרלאָזן דאָס אָרט.

עמוס שטאַמט פון ווין. ער איז דער זון פון אַ פאַרגעשריטענער משפּחה, אָבער אין זיינע יינגלשע יאָרן איז ער אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון פרומע קרייזן, אַנטלאָפן פון די עלטערן און אַנגעשפּאַרט אין אַ ישיבה אין דער סלאָוואַקיי. נישט מער, דער ראש ישיבה איז גאָרנישט געווען באַגייסטערט פון דעם דאָזיקן „בעל תשובה״, און ווען עמוס האָט אָנגעהויבן צו אַגיטירן די ישיבה־בחורים פאַר זיין דעמאָלטיקער וועלט־אָנשויאונג, וואָס איז געווען אַ געמיש פון סענטימענטאַלן סאָציאַ־ליזם מיט נאַיוון ציוניזם — האָט אים יענער משלח געווען. „בעסער אַ האַלבער עם־הארץ, איידער אַ גאַנצער אַפּיקורס״ — ציטירט עמוס אַ וואָרט פון יענעם ראש ישיבה...

אין יאָר 1938 האָט זיך עמוס מאָביליזירט אין דער פראַנצויזישער קאָלאָניאַלער אַרמיי, און נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, נאָכן צוזאַמענ־ברוך פון פראַנקרייך, איז ער אַריינגעטרעטן אין דער בריטישער אַרמיי, געווען אין מצרים, שפּעטער אין איטאַליע. נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה האָט ער געדינט אַ צייט אין צה״ל, און ערשט העט, נאָך אַלעמען, האָט ער געשאַפן אַ משפּחה, זיך באַזעצט אין רמת השרון.

נאָך האָט אָבער, זעט אויס, עמוס נישט אין גאַנצן אויסגעלאָדן דעם ברען פון זיין נשמה. דער נייער מאַגנעט פאַר זיין נאַטור איז געוואָרן אילת. אין דער נאָענטסטער צייט וויל ער אַהער אַריבערנעמען זיין פרוי און קינד און באַזעצן זיך דאָ אויף סטאַביל.

מיר שפּאַנען באַרג־אַרויף אין שטאָט אַריין, כדי אָפּצונעמען אין האָטעל די זאַכן. נאָכן אָפּזיין צוויי טעג אין אילת, פילן מיר די מעלאַנ־כאָליע פון אַ געזעגענונג־שפּאַציר. עמוס ווייזט אונדז אויפן וועג פאַרשידענע ווערק, מיט וועלכע מיר האָבן זיך ביז איצט נישט באַוויזן צו באַקענען. ער טענהט צו אונדז די אַלע רייד, מיט וועלכע אים איז אפשר אויסגעקומען צו אַגיטירן זיין פרוי, אַז זי זאָל מסכים זיין זיך צו באַזעצן אין אילת.

— ירדתי לאילת — דערציילט ער וועגן זיך, ווייל אַזוי זאָגט מען ביי אונדז און אַזוי קומט אויס לויט דער מאַפּע. לויט זיינע רייד קומט אָבער אויס, אַז דאָס איז נישט קיין ירידה, נאָר אַ גרויסע עליה בתוך עליה. ער דערקלערט אונדז זייער אינטעליגענט זיין התפּעלות, אויף וויפל התפּעלות קאָן בכלל דערקלערט ווערן.

ראשית, איז דאָס אַן אָרט פון חלוציות, ווו מען קאָן נאָך באמת שאַפן עפּעס נייס אויפן געביט פון בויאונג און אַנטוויקלונג — מער ווי אין אַנדערע ערטער אין לאַנד.

מיר גייען אַדורך נעבן דער מעטעאָראָלאָגישער סטאַציע, וועלכע געפינט זיך אין מיטן פון אַ גרוימען, באַגרינטן שטח — צווישן ביימער און בלומען, וואָס דאָס איז, אַליין פאַר זיך, אין אילת, אַ גרויסע דערגרייכונג. עמוס האַלט, אַז דאָס צו פיל באַוואַסערן פון אַט דעם שטח איז משפיע אויף די פייכטקייטס־מעסטונגען, וואָס ווערן דאָ געפירט. די סטאַציע האָט פעסט־געשטעלט אַ יאָר־דורכשניט פון 15 פּראָצענט פייכטקייט אין אילת. פאַר אים איז דאָס אָבער נאָך אַלץ צו פיל. ער טענהט, אַז אין אילת איז פאַראַן אַ פייכטקייטס־דורכשניט פון בלויז 10 פּראָצענט אַ יאָר. — אַט דאָרט, אויף יענעם בערגל — וויזט ער אונדז אָן מיט אַ נבואישן זשעסט אויף אַ נאַקעטן פּונקט — וועט שטיין די סאַנאַטאָריע פאַר אַסטמאַטיקער — ער איז איבערצייגט, אַז אילת וועט אַ מאָל ווערן אַ הייל־צענטער פאַר אַסטמאַ־טיקער נישט נאָר פון ישראל, נאָר פון דער גאָרער וועלט.

— די בויאונג איז דאָ בכלל פאַרלייכטערט — גיט ער צו — דער באָדן איז שטייניק, דאַרף מען נישט גראָבן קיין טיפע פונדאַמענטן. און היינט די פאַרלייכטערונגען, די 15 פּראָצענט הנחה אויף די בוי־מאַטעריאַלן...

און אַזוי אויף טריט און שריט — דער געוועזענער ישיבה־בחור און שפּעטערער סאָלדאַט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זעט פאַר זיך די שלום־וויזיע פון דעראָבערן און אויפלעבן, באַפרוכפּערן, אַנטוויקלען, באַ־פעלקערן דאָס סאַמע ווייטע, סאַמע שווערע און דווקא דערפאַר אַזוי וויכטיקע ווינקל פונעם לאַנד. איין זאַך איז זיכער: אין אַזעלכע יידן ווי עמוס און זיינס גלייכן אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז בייאַנייס איינער פון די גרויסע סודות, וואָס אויף זיי שטיצט זיך דער וווקס און דער בנין פון דעם ישוב און מדינה, אין מיטן פון אַזוי פיל אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע שוועריקייטן; דער סוד פון חסידיש־חלוצישער התלהבות, וואָס איר קוואַל ווערט נישט אויסגעטרוקנט, נישט געקוקט אויף די טייל מאָל זייער ביטערע נסיונות פון דער פאַרווירקלעכונג.

1958

ד. מפעלים

36. צעמענט

(אַ באַזוך אין די „נשר"־ווערק נעבן חיפה)

סך הכל האָט זיך די גאַנצע מעשה אָנגעהויבן פון קאַלאַמיי.

געווען אַ גרויסע שטאָט מיט יידן...* דאָרט אויפן אָרט האָבן זיך געראַטעוועט געציילטע, אָבער דאָ אין לאַנד זענען פאַראַן געטרייע יורשים. זיי רוען נישט, גרייטן צוזאַמען מיט דער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע אַ יזכור־בוך.

נאָך דער אזכרה פון די אנשי־קאַלאַמיי אין חיפה האָט מען מיך, צוזאַמען מיט דעם יונגן פאָרשער און דאָצענט פון דער ירושלימער אוניווערזיטעט, דוב נוי, פאַרבעטן צו באַזוכן די צעמענט־ווערק פון „נשר".

וואָרעם אויך אין „נשר" האָבן די קאַלאַמייער אַן אחוזה. זיי זענען דאָ אַ גרופּע פון 8 מאַן, פון די בויער און אַרבעטס־וועטעראַנען פון דאָזיקן גרעסטן אינדוסטריע־ווערק אין ישראל.

יצחק טייטלבוים — אַ גילגול פון דעם אייביקן יידישן עסקן, דער סאַמע פייעריקער, סאַמע אויסגעהאַלטענער, סאַמע באַשיידענער טוער פון דעם געדענק־בוך — פירט אונדז אַרום און ווייזט אונדז די בנינים, די מאַשינען. שפּעטער קומט צו נאָך איין מיטגליד פון רעדאַקציע־קאָמיטעט מיטן נאָמען מאיר לאַקס. מיר באַקומען אַ באַגריף וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער פאַבריק אין משך פון דרייסיק יאָר, וועגן די איצטיקע פּראָבלעמען פון פּראָדוקציע און אויסגעביקייט, פון קאַלקולאַציע און עקספּאָרט. דאָס אינטערעסאַנטסטע איז, וואָס דווקא זיי — מענטשן פון דער שורה — ווייסן אונדז צו אינפאָרמירן וועגן אָט די פּראָבלעמען, נישט ווייניקער פון די אינזשענירן און לייטערס, וועלכע פירן אָן מיטן ווערק.

---

* „אַ שטאָט מיט יידן" — טיטל פון שלמה ביקלס בוך זכרונות וועגן קאַלאַמיי. דאָס יזכור־בוך, וואָס ווערט דאָ דערמאָנט, איז שוין אינצווישן דערשינען און טאַקע אונטער דער רעדאַקציע פון שלמה ביקל. (רעד.)

„נשר“ איז אַמאָל געווען אַ פּריוואַט־אונטערנעמונג און אויך היינט, ווען אַ העלפט פון אייגנטום איז שוין אין רשות פון גרויעלשאַפטלעכע אַקציאָנערן מיטן סולל־בונה בראש, האָבן די אַרבעטער נישט קיין דירעקטן אָנטייל אין זיינע קאַפּיטאַלן און רווחים. און דאָך פילן זיי זיך — און מיט רעכט — ווי די סאַמע לעגיטימע מיט־שותפים צום גאַנצן עסק.

וואָרעם דער חלוצישער גייסט האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן אָפּגעטון פון אָט דעם ווערק. מען שמועסט, אַז דער פאַרשטאַרבענער פּריוואַט־אייגנטימער פון דער פירמע, דער גרינדער און קאָנצעסיאָנער פון „נשר“ מ י כ א ל פּ אָ ל אַ ק, קאָן מיט רעכט באַטראַכט ווערן פאַר אַ חלוץ פון דער אינדוסטריע אין לאַנד — אַן אָרגאַניזאַטאָר, אַ דערציער צו אַרבעטס־דיסציפּלין.

אונדזערע קאָלאַמייער פּראָלעטאַריער האָבן אין זיך דעם יושר דאָס צו דערשאַצן.

ציפערן

פון 160.000 פונט שטערלינג אין יאָר 1925 און איין מיליאָן פונט שטערלינג אין יאָר 1945, איז „נשר“ אין יאָר 1954 דערגאַנגען צו אַ קאַפּיטאַל פון 30 — 40 מיליאָן. ביים היינטיקן טאָג פאַרמאָגט „נשר“ אַן אייגענע עלעקטרישע סטאַציע, וואָס פאַרברויכט 25 טאָן מאַזוט אַ מעת־לעת און פּראָדוצירט 150.000 קילאָוואַט שטראָם אַ טאָג. אויסער דעם געהערט אויך „נשר“ צו די גרעסטע שטראָם־קאָנסומענטן פון דער אַלגעמיינער עלעקטרישער קראַפט־סטאַציע אין חיפה. אין די פאַבריק־אויוונס ווערן פאַרברענט 150 טאָן מאַזוט אַ מעת־לעת.

די פּראָדוקציע פון די „נשר־ווערק“ אין חיפה און רמלה איז דערגאַנגען אין משך פון די לעצטע יאָרן צו דער ציפער פון בערך אַ האַלבן מיליאָן טאָן צעמענט אַ יאָר. דערפון ווערן בערך 15 — 20 פּראָצענט עקספּאָרטירט קיין אויסלאַנד, בעיקר קיין טערקיי. דער רעשט ווערט איינגעשלונגען דורך די גרויסע בוי־ און אַנטוויקלונגס־באַדערפענישן פון לאַנד.

פּראָדוקציע־פּראָצעס. מאַשינען

800 אַרבעטער, איינגעטיילט אין דריי שיכטן, אַרבעטן טאָג און נאַכט, באַוואַכן און באַדינען די ריזיקע, קלוגע מאַשינען, וואָס ווערן נאָך כסדר אויסגעבעסערט, אָדער בהדרגה אויסגעביטן אויף נייע און נייסטע.

דער עלעקטרישער שטראָם באַוועגט ריזיקע פאַרנדיקע רינגען־טרעפּ, וואָס שלעפּן אַרויף און אַראָפּ מאַסן ווייסן קאַלך־שטיין. אין די קאַלאָסאַלע רונדע קעסל־אויוונס ווערן די שטיינער איבערגעברענט און מיט דער הילף פון אייזערנע קלעצלעך געמאָלן, געריבן. האַלב־צעריבן וואַנדערן זיי ווייטער איבער אַ סיסטעם פון ריזיקע אייזן־וואלצן, וואָס דרייען זיך — וועלכער לאַנגזאַמער, וועלכער שנעלער — אַרום דער אייגענער אַקס. זיי מאָלן און רייבן, רייבן און זיפּן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דעם קאַלך־שטיין פון נאָענטן קאַלך־באַרג; מישן אים מיט גרויסע מאַסן שוואַרצע ערד, וואָס ווערט געגראָבן אין טאָל.

מיר שפּאַנען טרעפּ־אַרויף, טרעפּ־אַראָפּ צווישן דעם געפלעכט פון ריזיקע מאַשינען, רושטאָוואַניעס, קאָמפּליצירטע אַפּאַראַטן.

די ריזיקע מאָטאָרן רוישן, די וואַלצן קרייזן, דרייען זיך; די ריזן־הייבערס שלעפּן, דזשוויגען, האַרעווען אָן אויפהער...

זעקס הויטע־אויוונס פאַרמאָגט „נשר" — צו יעדן פון זיי אַ קאָמפּלעטע, באַזונדערע אויסשטאַטונג. פאַראַן אויוונס פריערע, באַפּעסטיקטע און פאַראַן שפּעטערע, באַוועגלעכע.

„טרוקענע" און „נאַסע" פאַבריקאַציע

אין איין קאָמפּלעקס בנינים מיט מאַשינען ווערט דער צעמענט פאַבריצירט „אויף טרוקן". אָבער אָט קומען מיר אָן אין אַ נייער האַלע, ווו די אַרבעט ווערט געמאַכט „אויף נאַס". נאָכן איבערברענען און איבערמאָלן דעם שטיין, ווערט ער געמישט אין באַסיינען מיט וואַסער און מיט ערד. די גרויע בלאָטע, די אַזוי גערופענע „שמנת", וואָס באַקומט זיך דערפון, ווערט דאַן נאָך אַ מאָל געשלעפּט אַרויף און אַראָפּ, געטריקנט, דורכגעזיפּט.

דער „נאַסער סיסטעם" איז מער אויסגיביק און ביליקער. אין דער טאָכטער־פאַבריק פון „נשר" נעבן רמלה, באַנוצט מען זיך שוין נאָר בלויז מיט אָט דעם נייעם סיסטעם, וואָס מאַכט דעם ישראלדיקן צעמענט קאָנקור־רענץ־פעאיק אויף פרעמדע מערק.

פאָרן וועגענער...

און אַזוי גייט דער פּראָדוקציע־פּראָצעס פון עטאַפּ צו עטאַפּ, ביז דער פיינער, גרויער שטויב איז אין גאַנצן פאַרטיק. עס בלייבט נישט

מער ווי איבערפירן דעם פּאַרטיקן פּראָדוקט אין דער האַלע, ווו די מעכאַנישע וועג־ און פּאַק־אַפּאַראַטן פילן אָן די פּאַפּירענע זעק. מעכאַנישע אויפלאָדערס וואַרפן אַראָפּ די זעק אויף אונטערגעשטעלטע פּלאַט־פאָרמעס, וואָס פאָרן מיט זיי אַוועק צום פּאָרט, צום אויפלאָדן אויף שיפן, אָדער צו די שאָסייען, וואָס פירן אין האַרץ פון דעם לאַנד.

פאָרן שורות וועגענער אַהין — פירן ברילעס שטיינער, וואַגאָנען פּשוטע ערד. פאָרן שורות וועגענער צוריק און פירן הויכע שטויסן פּאַפּיר־זעק, אָנגעפילטע מיט דער בוי־שפע פון לאַנד — צעמענט...

אַ בליק אין „גהינום"

נעבן יעדן פון די זעקס הוטע־אויוונס איז פאַראַן אַזאַ מין בוידעמל און דאָרט אויבן אַ וואַנט מיט ציפערבלאַטן פון די אַפּאַראַטן, וואָס רעגו־לירן, ווייזן אָן די טעמפּעראַטור, די שפּאַנונג אין דעם אויוון, ווו עס ברענט דער מאַזוט און עס פּראַזשען זיך די שטיינער. פאַר יעדער וואַנט שטייט אַ שווייגנדע פיגור: אַ מענטש, וואָס וואַכט, רעגולירט, האַלט די האַנט ביים פּולס פון פיבערנדיקן ריזן־גוף. אויף יעדן בוידעם עפנט מען פאַר אונדז אַ קוקערל, מען דערלאַנגט אונדז אַ פיאַלעט שייבל מיט אַ הענטל, אַזאַ מין כישוף־שפּיגעלע אַריינצוקוקן אינעווייניק, אין די שרעק־לעכע פלאַמען, ווו די היץ דערגייט ביז 1.000 גראַד.

„איינעם יאָ גוט שבת, איינעם נישט גוט שבת"

די צוויי עסקנים פון דעם קאָלאָמייער יזכור־בוך פירן אונדז פון בנין צו בנין, טרעפּ־אַרויף און טרעפּ־אַראָפּ. זיי ווילן אונדז נישט שענקען קיין איינציקן אויוון, קיין איין האַלבן וואַלץ פון די, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום זייער אייגענער אַקס.

און באמת, ווי קאָן מען דאָס פאַרשעמען אַ מענטש, אָדער אַ כלי; אַ פּשיטא שוין אַזאַ מאַשין, וואָס איז נאָך קליגער פון אַ מענטש? „איינעם יאָ גוט שבת, איינעם נישט גוט שבת"?! אַז פון יעדן איינעם וואָלט זיך וועלן הערן: פון וואַנען איז אַ ייד? ווען און ווי אַזוי איז ער דאָ צוגעשוווּמען צו זיין ברעג?

צי זענען די אַלע יידן פון קאָלאָמיי?

— צי זענען די אַלע יידן פון קאָלאָמיי? — פרעג איך די באַגלייטער.

— און אַז איך בין פון טאַרנאָפּאָל, בין איך פאַר אײַך נישט קיין מחותן?

— ווי לאַנג זענט איר אין לאַנד?

— „אַ ביסעלע" דרײַסיק יאָר מיט אַ שמיץ, אין „נשר" פינף און צוואַנציק.

— וואָס האָט איר געטון אַמאָל?

— וואָס איך האָב געטון? אַ מאָל חלומט זיך מיר, אַז איך בין געווען אַ רופא אין אַ קליין שטעטל — געשטעלט באַנקעס, קורירט ייִדן מיט פּיאַווקעס.

אַ צווייטער ייִד איז געווען אַמאָל אַ שנײַדער אין שטעטעלע באָטאָ־שאַן אין בעסאַראַביע. נאָך איינער איז געקומען אין לאַנד נאָך דער מלחמה. אין אַ קאַרפּאַטאָ־רוסיש שטעטל האָט ער געהאַט אַ קראָם. אויף זײַן אָרעם איז אויסטאַטואירט אַ זעקס־ציפערדיקער נומער פון אוישוויץ.

צווישן די, וואָס שטייען בײַ דער וואַנט מיט אַפּאַראַטן, איז פאַראַן איינער, וואָס איז געווען „אין גלות" אַ העברעיִשער לערער. געקומען אין לאַנד, האָט זיך אים דווקא פאַרגלוסט צו ווערן אַ מעכאַניקער. זײַן ביל־דונג און געזעלשאַפטלעכער חוש זענען פונדעסטוועגן נישט געגאַנגען לאיבוד. אַ טאָכטער זײַנע איז צוריק אַרײַן אין לערער־פאַך.

דער „יאַללה־שרײַער"

די האַלע פון דער „נאַסער" פאַבריקאַציע האָט ממש אַ מאַיעסטעטישן פּאַרנעם. דאָ לויפן גאַנקעס אויבן אַרום און אויף די גאַנקעס זעט מען איינזאַמע געשטאַלטן, וואָס שטייען און טוען עפּעס אַן אַרבעט.

מיר זענען שוין מיד צו וועלן וויסן וואָס טוען זיי דאָרט. אונטן טרעפן מיר אַ ייִדן מיטן נאָמען י צ ח ק נ ע מ י ר אָ ו ו ס ק י. ווידער דאָס זעלבע לידל: 30 יאָר אין לאַנד, 25 יאָר אין „נשר". ער טראָגט אין אַ קליין עמערל אַ ביסל פּליסיקן צעמענט — די „סמעטענע" צום „פאַרזוכן". יצחק אַרבעט שוין 20 יאָר אין דער לאַבאָראַטאָריע בײַ די אַנאַליזן. יעדע רונדע פון דעם פאַרטיקן פּראָדוקט ווערט פאַרן אַרויסלאָזן קאָנטראָלירט. מיר גייען מיט און אויף דער באַנק פאַר דער לאַבאָראַטאָריע טרעפן מיר נאָך איינעם, אַ ביז גאָר היימישן ייִד מיטן נאָמען י ו ס ף ש אַ פּ י ר אַ, אַ באַקאַנטן פּועלי־ציוניסט פון לאָדזש.

— איך בין דער יאַללה־שרייער — שטעלט ער זיך פֿאָר — דער קאָמענדאַנט פֿון נאַכט־שיכט, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

און נאָך איין פֿונקציע האָט יוסף שאַפּירא, ער איז דער שעפֿער און אָנפֿירער פֿון אַ יידישער ביבליאָטעק אויפֿן נאָמען איזשביצער. די ביבליאָטעק געפֿינט זיך אין דער שכונה תל חנן, נישט ווייט פֿון „נשר“, זי עקזיסטירט שוין 18 יאָר.

אויך ביי די פּאַק־מאַשינען האָבן מיר געטראָפֿן אַ היימישן, אַן אייגע־נעם יידן — אבא קינסטלער פֿון קאָלאָמיי.

טאַטעס און זין

פֿאַרשטייט זיך, אַז צווישן די אַרבעטער פֿון „נשר“ פֿעלן נישט קיין פֿאַרשטייער פֿון די מזרח־עדות און קיין ספֿרדישע יידן — אויך זיי מיט אַ סטאַזש פֿון צענדליקער יאָרן.

נאָך אַ קאַטעגאָריע זענען די שוין דאָ געבוירענע. ס׳רוב זענען דאָס זין פֿון טאַטעס, וואָס אַרבעטן אין „נשר“, אָבער זיי, די יונגע, גייען שוין אַריין אין דער אַרבעט מיט אַ ריכטיקער, טעכנישער אויסבילדונג. אָממיינסטן אַזעלכע יונגע פֿאַכלייט אַרבעטן אין די וואַרשטאַטן צום פֿאַרריכטן און מאָנטירן די מאַשינען.

יונגע שלאָסערס, עלעקטראָ־מעכאַניקערס, אייזן־טאָקערס! דאָ שפּריצן פֿונקען פֿון מעכאַנישע קאָוואַדלעס, בויערערס; זעגן פֿייפֿן, אַפּאַראַטן סיטשען — שמידן אייזן. דאָ הערט מען אַחוץ׳ן געזאַנג פֿון די נייסטע מעכאַנישע מכשירים, אויך געזאַנג פֿון יונגע מענטשן־שטימען.

אויפֿן הויף טרעפֿן מיר דאָ אַ שלאַנקן, הויכן יונגנמאַן, און אונדזער באַגלייטער שעפּטשעט אונדז אַריין אין אויער מיט רעספּעקט: „דאָס איז אַלכסנדר צור, איינער פֿון די בחורים פֿון דער שיף „בת גלים“, וואָס איז געווען געפֿאַנגען אין מצרים“.

די הייזון און דאָס מעל

איבערן לאַנד ישראל גייט אַן אַ קאָלאָסאַלע בוי־באַוועגונג. וווּ מען גייט און וווּ מען פֿאָרט, אומעטום שורות ווייסע, נייע הייזער.

אָט איז אַ ווינקל תל־אביב, וווּ עס האָט זיך ביים אָנקום אין לאַנד מיט 5 יאָר צוריק געשפּרייט אַ שמיטה־פֿעלד — פֿאַרשיט מיט זאַמד, מיט באַדיאַקעס פֿאַרוואַקסן. און אָט באַוויזן זיך פֿון ווייטן גריבער, רושטאָוואַ־

ניעס; העלצער און אייזנס נעמען שטאַרצן. ביז אין אַ טאָג רוקן זיך אונטער די מאַשינען און מען „גיסט״ שוין פונדאַמענטן, מען מויערט ווענט, טעראַסעס, מען „קנעט״ אויס דעכער. אַנדערשוווּ שפּרייטן זיך שורות ציגל־בלאָקן. ליגן שטויסן באַלאַטן, ליגן פּלאַטן צום פלאַסטערן די טראָטוּאַרן אין די שטעט.

אַט פאָרט מען צום נגב, און אויפן וועג זעט מען דורכגעלייגט איבער די פעלדער שורות ריזיקע בעטאָן־רערן, ווי טונעלן, וואָס איבער זיי וועט גיין די קאַנאַל־נעץ, צופירן באַוואַסערונג צום מדבר־קאַנט.

זענען אַט די ווענט און ציגל און באַלאַטן, זענען די אַלע פלאַטן און די רערן געמאַכט פון איין און דעם זעלבן מאַטעריאַל: צעמענט!

אונדזערע שטעט און פאַרשטעט און אַנדערע ישובים וואַקסן ווי אויף הייוון. דאָס ראַזעווע מעל, וואָס מען קנעט אויף אַט די הייוון, איז דער מלט — צעמענט.

דאָס צווייטע ישראל

צופוסנס פון דעם הר הכרמל זשומען די מאַשינען. ווי אַרבעטזאַמע בינען ווימלען מענטשן — יעדער ביי זיין פונקציע, יעדער אויף זיין פלאַץ.

זיי אַרבעטן, אָבער דאָס וואָס זיי טוען איז נישט אַרבעט סתם. ס׳איז אַן ע ב ו ד ה מיט אַ רמז אויף עפּעס גאָר וויכטיקס און גרויס.

מיר האַלטן שוין ביים פאַרלאָזן דעם שטח. אַרומגערינגלט מיט אַ גראָז־פּלאַץ — ביים אַריינגאַנג אין פאַרוואַלטונגס־בנין — שטייט אַ טאָוול און אויפן טאָוול זענען אויסגעקריצט די נעמען פון די זין און טאָטעס פון די „נשר״־ווערק, וואָס זענען געפאַלן ביים דעראָבערן חיפה און סביבה בעת דעם באַפרייאונגס־קריג.

*

פאַרן אַוועקגיין פירט מען אונדז צו, זיך איינשרייבן אין באַזוכער־בוך. שרייב איך אַריין:

איך בין שטאָלץ און גערירט דערפון, וואָס יידישע הענט האָבן אויפגעשטעלט דאָס דאָזיקע ווערק.

1955

37. דער חן פון דעם ח״ן

אין דעם אויספלוג באַטייליקן זיך מיטגלידערינס פון דער כנסת, פאַרשטייערינס פון פרויען־אָרגאַניזאַציעס, מיטאַרבעטערינס פון צייטונ־גען. אין אַ גרויסן אויטאָבוס האָבן מיר זיך אין אַ גאַנצפרי געלאָזט אין וועג אַריין און אין משך פון איין טאָג באַזוכט די וויכטיקסטע באַזעס פאַר מיליטערישער אויסבילדונג פון פרויען.

די שיינהייטס־קעניגין פון ענגלאַנד און דער „טשיפּיק פון דער באָבע טאָלצע״

די סענסאַציע פון אונדזער טור און איר פּינטעלע הומאָר זענען צוויי פרויען־געסט פון אויסלאַנד. איינע פון זיי איז די היי־יאָריקע יידישע שיינהייטס־קעניגין פון ענגלאַנד. די צווייטע איז אַ סימפּאַטישע עלטערע דאַמע, אַ זשורנאַליסטין פון האָלאַנד, וואָס פאַלט אויף מיט איר אַ ביסל עקסצענטרישער הלבשה, דער עיקר מיט אַ הויב פון ווייסע — אפשר „בראַבאַנטישע״ — שפּיצן, וואָס איינע פון די מיטפאָרערינס רופט אים „דער טשיפּיק פון דער באָבע טאָלצע״. דאָס יונגע פריילין פון ענגלאַנד זיצט אויף דער באַנק עטוואָס שטייף און דיסטאַנסירט. אין איר שוואַרצן מענטעלע פון אַ ביי אונדז נאָך נישט באַקאַנטן שניט, מיט די לייכט אָקסי־דירטע, בלאָס־גאָלדענע האָר און גרויסע ברוינע אויגן, ציט צו אויף זיך די אַביסל איראָנישע אויפמערקזאַמקייט פון אונדזערע פאַרהאָרעוועטע עסקנטעס. אַפילו די סאַמע ערנסטע צווישן זיי הייבן זיך אָן וויצלען אויף איר חשבון, זאָגן מבינות אויף גריכישע נעז, קלאַסישע פּיס.

— זעט נאָר די אויסגעשניטענע אָוונט־לאַטשן מיט הויכע קנעפּעלעך, וואָס זי האָט אָנגעטאָן צו אַזאַ מין אויספלוג — רופט זיך אָן אַ פאַרשטייערין פון מועצת הפּועלות, וועלכע טראָגט נעבעך אַליין אויף אירע מידע פּיס אַ פּאָר פעסטע האַלב־שיך מיט אויסגעוויקלטע וואָל־סקאַרפּעטן.

— אַ קלייניקייט! זי טראָגט דאָך עפּעס אויף אירע פּלייצעס אָן עול

— פאַרטיידיקט זי כלומרשט אַ טוערין פון ארגון אמהות עובדות.

— און איך זאָג, אַז מיין שנורעלע איז שענער — שליסט אָפּ די דיסקוסיע אַ חברטע פון אַ קיבוץ, וואָס אַרבעט אין דער צענטראַלע פון איר פּאַרטיי אין תל אביב און פאָרט אהיים צו איר משפחה בלויז אויף שבת.

מיר קוקן אַרויס דורכן פענצטער און דאָ פאָרן מיר שוין גוטע עטלעכע מינוט איבערן געביט פון גרויסן מיליטערישן ישוב, ווו עס געפינען זיך באַזעס פון רעקרוטן־אויסבילדונג און אַ ריי מיליטערישע שולן.

סגן־אלוף חנניה און רב־סרן הדסה

— מיר וועלן אייך נישט פאָרשטעלן קיין פּאַטיאָמקינישע דערפער און נישט אָפּמאָלן אייך אונדזער אַרבעט שענער, ווי זי איז...

מיט די ווערטער הייבט אָן זיין רעפעראַט סגן־אלוף חנניה, דער לייטער פון דער אַדמיניסטראַציע־שול ביי דער אַרמיי. אַ ברייט געבויטע געשטאַלט, אַ פעסט געשניטן פּנים מיט אַ דורכויס מענערישן אויסדרוק. און דאָך שטראַלן זיינע אויגן מיט אַ האַלב־שעמעוודיקן שמייכל, וועלכן ער האָט דורך סימפּאַטיע געמוזט איבערנעמען ביי זיינע שילערינס. זיינע אויספירונגען ווערן דערגענצט דורך דעם נישט ווייניקער שאַרף און בינדיק פאָרמולירטן פאַרטראַג פון דער וויצע־קאָמענדאַנטין פון ח״ן, די שטאַבס־אָפיצערין רב־סרן הדסה. די קאָמענדאַנטין פון דער פרויען־אָפיציר־שול, קאַפּיטאַן חנה, פירט אונדז דערנאָך אויף אַ לעקציע אין דער שול פאַר אָפיצערינס.

פרויען גייען נישט אויפן פראָנט

דער צוויי־יאָריקער מיליטער־דינסט האָט די אויפגאַבע צוצוגרייטן די פרוי צו פאַרשידענע אויפגאַבן בשעת דער מלחמה און אין שלום־צייט. אייך וויכטיקער כלל איז דערביי פאַראַן: די פרוי ווערט געשולט אין די אַר־בעטן, צו וועלכע זי איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט לויט אירע פסיכישע אייגנ־שאַפטן. אין קיין קאַמף־איינהייטן ווערן קיין פרויען נישט איינגעגלידערט. צו די קאַמף־איינהייטן האָט די זעלנערין נאָר אויף אַזוי פיל אַ שייכות, אויף וויפל זי באַפרייט פאַר זיי אַ בחור, אויספירנדיק די אַרבעטן, וואָס אַ סאָלדאַט וואָלט געדאַרפט טון הינטערן פראָנט.

צי איז אָבער דערמיט איר אַרבעט ווינציקער וויכטיק, אָדער אפילו ווינציקער געפערלעך? צי ווייסט נאָך בכלל דער מאָדערנער קריג וועגן אַ באַגריף פון פראָנט און הינטערלאַנד? אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן רעדן

כסדר וועגן „הגנה מרחבית" — וועגן איינשטעלן אַ פּאַרטיידיקונג קעגן כלערליי סכנות פון באָמבאַרדירונגען, דעסאַנטן, דיווערסיע, וואָס נעמען אַרום אַלע שטחים פון לאַנד. ווער עס האָט אַדורכגעמאַכט די צווייטע וועלט־מלחמה, דער פאַרשטייט שוין צו גוט, וואָס עס מיינט „הגנה מרחבית", אין וועלכער די פרוי דאַרף שפּילן אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל.

צו דער אַלגעמיינער מיליטערישער דורכשולונג געהערט, נאַטירלעך, אויך אַ געוויסע מאָס פיזישע איבונגען, דאָס „פאַרהאַרטעווען" די מיידלעך, זיי צוגעוויינען צו שטראַפּאַצן, צו שטרענגער פּינקטלעכקייט און דיסציפּלין. דאָס ערשטע אָרט פאַרנעמט אָבער אין לעצטן סך־הכל דאָס ספּעציאַליזירן די סאָלדאַטין אין פאַרשידענע הילפס־פונקציעס. פרויען ווערן צוגעגרייט צום אַרבעטן אין די שטאַבן, אַדיוטאַנטורן, אינטענדאַנטורן; צו פירן קאַרטאָטעקן און טון כלערליי אַנדערע קאַנצעלאַריע־אַרבעטן פון מאַשינשרייבעריי ביז דער העכסטער, זעלבשטענדיקער פאַרוואַלטונג פון אַ מיליטערישער באַזע. זיי אַרבעטן אין אויספאָרש־ און פאַרבינדונגס־דינסט — אַלס טעלעגראַפיסטינס, טעלעפאָניסטינס, אַלס קאָנטראָלערינס פון געשפרעכן, אַלס ספּעציאַליסטינס פון געהיימשריפט. זיי זיצן אויף די פליבאַזעס און האַלטן אָן אַ ראַדיאָ־טעלעפאָנישן קאָנטאַקט מיט די אַעראָפּלאַנען, וואָס געפינען זיך אין דער לופט. זיי פירן אויס געוויסע טעכנישע אַרבעטן אין סאַפּערן־אָפּטיילונגען. זיי אַרבעטן, קודם כל, אויף דעם סאַמע טראַדיציאָנעלן פרויען־געביט — סאַניטאַר־דינסט; דינען אין מיליטער אַלס דאָקטאָרינס, באַקטעריאָלאָגינס, קראַנקען־שוועסטערס.

מיט איין וואָרט — די פרויען פירן אויס טויזנט און איין אַרבעט אין דער ראַם פון דעם גרויסן, קאָמפּליצירטן און פּרעציזן אַפּאַראַט, וואָס רופט זיך מאָדערנע אַרמיי.

גייסטיקער דורכשניטס־ניוואָ פון דער סאָלדאַטין העכער, ווי פון דעם סאָלדאַט

אַלע פונקציעס, וואָס אַ פרוי קאָן אויספירן אין דער אַרמיי, פאָדערן אַ געוויסן מינימום פון בילדונג. דערפון איז געדרונגען, אַז קיין אַנאַלפאַבעטינס ווערן צום מיליטער נישט גענומען. צוזאַמען מיט דעם כלל, אַז עס ווערן נישט גענומען צום מיליטער אויך חתונה־געהאַטע פרויען, זענען אָט די מאָמענטן גורם אַ ספּעציעלע סעלעקציע פון דעם פרויען־עלעמענט אין דער אַרמיי. עס פאַלט אַוועק אַ היפּשער פּראָצענט פון די וויניקער אַנט־

וויקלטע פּרויען־מאַסן פון די מזרח־עדות. צוגעבן נאָך דערצו דעם פאַקט, אַז בדרך כּלל ווערן מיידלעך פריער רייף פון די ייִנגלעך — און מיר וועלן האָבן אַ דערקלערונג פון דער פעסטשטעלונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן ביים יידישן מיליטער — אַ פעסטשטעלונג, צוליב וועלכער מיר, פאַר־שטייערינס פון ווייבערישן מין, בלאָזן זיך ממש אָן פאַר גאוה:

דער דורכשניטלעכער גייסטיקער ניווא פון דער סאָלדאטין איז אַ העכערער, ווי פון דעם סאָלדאַט.

אַ צוגרייטונג פאַרן פאַל פון אַ מלחמה און אַ שול פאַרן לעבן

אַלע אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן באַטאָנען דערביי נאָך אַ זאַך, וועלכע עס איז זייער אָנגענעם צו הערן: די יאָרן פון מיליטער־דינסט גייען פאַרן מיידל נישט פאַרלוירן! זי לערנט זיך אָפט אויס ביים מיליטער אַ פאַך, אָדער ספּעציאַליזירט זיך אין אַ פּראָפעסיע, וואָס וועט איר דערנאָך צו נוץ קומען אין לעבן. אויפן געביט פון די מיליטערישע באַזעס ווערן אַפילו טייל מאָל איינגעאָרדנט ריין „ציווילע" קורסן פאַר די, וואָס ווילן זיך אין די פרייע שעהען לערנען פּריוואַט. אין געוויסע פאַלן באַקומען אויך די סאָלדאַטינס אַ מעגלעכקייט צו באַזוכן פאַך־קורסן אין די נאָענטע אָרטשאַפטן. אין דעם צענטער, ווו מיר געפינען זיך, זענען פאַראַנען קורסן פאַר קינדער־גערטנערינס און פאַר קראַנקען־פלעגערינס. אַ גע־לעכטער רופט אַרויס די אינפאָרמאַציע, אַז אויף דעם קורס פאַר קינדער־גערטנערינס האָבן זיך אויך פאַרשריבן עטלעכע סאָלדאַטן, בעלנים צו זיין „גננים".

אַ געוויסע סאָציאַלע דורכשולונג באַקומט דער סאָלדאַט און די סאָל־דאַטין אַ דאַנק דעם, וואָס מיליטערישע גרופּן ווערן אָפט אַרויסגעשיקט אויף ספּעציעלע הילפס־אַקציעס, אָדער קולטור־אונטערנעמונגען אין די ישובים פון נייע עולים. איז ווידער דער סאָלדאַט, אָדער די סאָלדאַטין, אַליין פון די נייע עולים, גיט זיי די אַרמיי די סאַמע בעסטע געלעגנהייט זיך איינצולעבן אין דער העברעאישער שפּראַך און בכלל זיך „אויסגרינען" און איינבירגערן אין לעבן פון לאַנד.

רעקרוטינס

אין דרויסן האָט זיך דערוויל אָנגעהויבן די ערב־מיטאָג־פויזע. די

מיידלעך זענען צוריקגעקומען פון „עקזערציר". אין קליינע גרופן דרייען זיי זיך אַרום צווישן די פאַרפלאַנצטע בייטן און קוקן נייגעריק אין אונדזער זייט.

ס'אַ שפע פון יידישע ראַסן־טיפּן, רעפּרעזענטירט אין סאַמע חנעוו־דיקסטן גילגול פון פרילינגדיקע מיידל־פּנימער! אַ געמיש פון רמזים און גרוסן פון אַנדערע פעלקער, אַנדערע לאַנדשאַפטן: „אריש" און „סעמיטיש", סלאַוויש און עטיאָפּיש, שפּאַניש און איטאַליעניש און ווייסט דער רוח — גערמאַניש — און ווייסט איין גאָט דעם אמת — טאַטעריש, יאַפּאַניש, מאָנגאָליש! ביי דעם אַלעמען אָבער — ס'רוב אויך אויף עפּעס אַן אומדע־פינירבאַרן אופן — יידיש! דאָ איז די געשטאַלט שלאַנק, די היפטן עלע־גאַנט ווי ביי אַ טענצערין, און דאָ זענען זיי אונטערגעזעצט, ברייט, געשאַפן צום אויסטראָגן אַ סך קינדער; געשטיצט אויף קורצע, פעסטע פיס, ווי ביי אַ פּויערטע. דאָ פלאַטערן די האָר זיידיק און בלאָנד אַרום אַ קלאָרן שטערן, און דאָ שפּאַרן זיי אַפיר מיט אַ מין נעגערישער, אומגעצוימטער קראַפט פון אונטערן זעלנערישן בארעט. דאָ לאַכן בלויע אויגן אין נאָך האַלב קינ־דערישן, שטיפערישן איבערמוט, און דאָ ברענען זיי פון אונטער לאַנגע וויעס סודותדיק און הייס, ווי פון אַן אַראַבישער מעשה אַרויס...

אַ ביסל טוט דער אוניפאָרם פאַרזאכלעכן, א ביסל טוט ער דעמפן, אָפּלייגן אויף שפּעטער אָט דעם זינגענדיקן, שפּראָצנדיקן פרילינג, אָבער אינגאַנצן אים פאַרדעקן איז ער נישט אומשטאַנד...

— אינטערעסאַנט, ווי דווקא דאָ זעט מען ווינציק מיידלעך אָנגעטון אין הויזן — באַמערקט די האָלענדישע זשורנאַליסטין.

— זעט אויס, אַז זיי האָבן דאָ געגוג בחורישקייט אויך אָן די הויזן. אַפילו אין די טוכענע, ווינטערדיקע, אַ ביסל צו לאַנגע רעק און אין די „באַטלדרעסן" פילן זיי זיך שוין מסתמא גענוג „פאַרשטעלט" — דערקלערט איר אויף ענגליש אַ קאָרעספּאָנדענטין פון אַן אויסלענדישער צייטונג, וואָס אַליין איז זי געקומען אויפן אויספלוג אין אַ דיק געשטריקטן סוועטער און אין לאַנגע הויזן.

„אַז איך זע נשק"...

מיר גייען אַריין אין קליינעם מוזיי, וווּ עס זענען אויסגעשטעלט אַלע קעגנשטאַנדן, מיט וועלכע דער סאָלדאַט און די סאָלדאַטין האָבן צו טון:

הלבשה, געווער, אַמוניציע, מכשירים, געפעסן, קליינע הארמאטלעך, מאָ־דעלן פון מינעס, סלאַיקלעך מיט פאַרשידענע אויפרייס־שטאָפן.

— אַז איך זע נשק... — קרעכצט אַ מאַמע.

יאָ, עס וואָלט אָן שום ספק טויזנט מאָל בעסער געווען, ווען אָט דער מוזיי — ווי פאַרשידענע אַנדערע מוזייען — זאָל שוין זיין בלויז אַן עניין פון אַ ווייטער פאַרגאַנגענהייט. די איינציקע זאַך, וואָס מיר קענען טון אין דער ריכטונג, איז נאָך און נאָך מער זאָרגן דערפאַר, אַז די מיליטאַריזאַציע פון אונדזער לאַנד, וועלכע איז אַ ביטערע נויטווענדיקייט פון אונדזער געאָ־פּאָליטישער לאַגע, זאָל וואָס ווייניקער באַשעדיקן די נשמה פון דעם יונגן דור; שטרעבן דערצו, אַז דער צה״ל זאָל האָבן אַ וואָס מער הומאַניסטישן און קאָנסטרוקטיוון אינהאַלט. אַזוי האָבן פאַרשטאַנען דעם גייסט פון דער ייִדישער אַרמיי אירע פּאָרלויפער, די בעסטע מענטשן פון לאַנד, פירער פון הגנה און פון פלמ״ח, די בויער און פאַרטיידיקער פון ישוב אין די פאַרגאַנ־גענע יאָרן.

אויף דער ליניע גייט קודם כל דער נח״ל, וואָס פאַרבינדט מיליטערישע אויסבילדונג מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער הכשרה און התישבות. אויף דער ליניע גייען די אַלע לימודים אין דער אַרמיי, וואָס זענען באַשטימט פאַרן ציווילן לעבן. אויף דער ליניע שטייען די אַלע יונגע ישובים אויף דער גרענעץ, וואָס האַלטן בפירוש און בוכשטעבלעך אין איין האַנט דאָס אַקער־אייזן און אין דער אַנדערער דאָס שווערד.

דאָך איז אַן אַרמיי קודם כל אַן אַרמיי. מיר ווילן שלום, מיר מוזן אָבער יעדע רגע זיין פעיק צו פאַרטיידיקונג.

— מיר מוזן זיין גרייט! — האָט באַטאָנט אַ פּאָר מאָל מאַיאָר הדסה.

דער רס״ג מיט די שוואַרצע וואָנצן

אַ פלמ״חיש בערדל, אַ קינסטלערישער אַנצוג פון גרינעם „קאָרדערוי״ און אַ קריסטוס־פּנים — דער פאָטאָרעפּאָרטער פון אונדזער אויספלוג איז אַליין שטאַרק פאָטאָגעניש. ער האָט שוין אפשר צוואַנציק מאָל פאָטאָגראַ־פירט אונדזער שיינהייטס־קעניגין, ער האָט שוין פאָטאָגראַפירט כלערליי טיפּן און גרופּן. איצט איז אים צוגעקומען נאָך איין עפעקטפולער אָביעקט, וועלכן ער האָט פאַראייביקט אויף די הייטלעך פון זיין „לייקע״.

צו אונדזער מאַרש איבערן מיליטערישן געביט איז צוגעטיילט גע־

וואָרן אַ רס״ג — אַ רב סמל גדודי — וועלכער טראָגט, מעשה פעלדפעבל אין אַנדערע „לייטנס״ אַרמייען, אַ פּאָר לאַנגע, שוואַרצע וואָנצן.

איינע אַ מאַמע צווישן אונדז, מיינע אַ שכנטע אין תל אביב, קען פֿון אים נישט אָפּרייסן די אויגן: נישט שוין זשע זאָל ער זיין דאָס „געשפּענסט״, וועגן וועלכן עס רעדט כסדר איר נאַטעלע, זינט ער דינט אין מיליטער?

די וואָנצן פֿון דעם רס״ג זענען ממש מערדעריש, אָבער זעט נאָר דאָס באַהאַלטענע קונדסישע גלעכטערל אונטער איינער פֿון די וואָנציעס! זעט דאָס פֿריילעכע פֿאַרמרוזשען אַן אייגל!

— אַ יידישער גזלן — באַרואיקט זיך נאַטעלעס מאַמע.

מיידלעך, וואָס זענען אַדורכגעגאַנגען אַ סך סעלעקציעס

אין לאַגער פֿון דער לופֿט־פּליער־אַרמיי ליגן שוין נישט די קאַצן און די אויסגעשייערטע עס־כלים אַזוי שטרענג זעלנעריש אויסגעסדרט אויף די בעטן, ווי מיר האָבן געזען אין די שלאָף־צימערן פֿון די רעקרוטינס. דאָ שפּילט מען זיך שוין נישט צו פֿיל אין אַזעלכע זאַכן... אַהער זענען אָנגעקומען סאָלדאַטינס, וואָס זענען אַדורכגעגאַנגען צענדליקער סעלעקציעס און פּסיכאָ־טעכנישע פּרווונגען.

אויפֿן געביט פֿון לופֿט־פּליעריי האָט די פּרוי צו דערפֿילן הויך־ספּעציאַליזירטע אויפֿגאַבעס, צו וועלכע זי מוז ווערן אויסגעבילדעט, אָבער די קאָסטשפּיליקע אויסבילדונג מוז זיך לוינען.

ווען מיר זענען פֿאַרפֿאָרן אויפֿן געביט פֿון חיל־אויר, זענען אין אונדזער אויטאָבוס איינגעשטיגן צוויי מיידלעך אין בלויע מונדירן. איינע פֿון זיי איז אַ דראָבנע בלאָנדינקע מיט אַ ביסל קליינען אויפֿן נעזל און צוויי שורות ווייסע ציינדלעך, ווי אויף אַ רעקלאַמע פֿון צאָן־פּאַסטע. די צווייטע איז אַ שוואַרץ־חנוודיקע, מיט אַ חן־גריבעלע אויף דער לינקער באַק. „חיילת רוחמה, חיילת זהבה״ — שטעלט מען זיי אונדז פֿאָר.

דאָס ערשטע פֿירן זיי אונדז אין אַ זאַל מיט אַ שפּאָגל־ריינעם, רויט־געוואַקסטן דיל. די סינטעטישע טיילן פֿון די מאַשינען, וואָס געפֿינען זיך דאָ, פֿאַרטראָגן נישט דאָס מינדסטע קערנדל שטויב. עס הערשט דאָ אַ פֿייערלעכע, געשפּאַנטע אַטמאָספֿער, אַ מין שטילקייט פֿון אַ היכל. געדעמפּט און אַבסטראַקט, ווי דאָס בזיקען פֿון אַן אינסעקט, הערט מען פֿון צייט צו צייט דאָס באַקאַנטע רוישן פֿון אַן אַעראָפּלאַן־מאָטאָר. אויף באַוועגלעכע פּאָדיומס שטייען לענגאויס דעם זאַל דריי בלוי־געפֿאַרבטע קאַבינעס, וואָס אנטהאַלטן אינעווייניק אַלע מכשירים פֿון אַן אמתער פּילאָטן־

קאַמער. פּאַראַלעל צו זיי שטייען טישן מיט ראַדיאָ־טעלעגראַפישע אַפּאַראַטן, וואָס זענען קאָאָרדינירט מיט די אַפּאַראַטן אין די קאַבינעס. מען קאָן זיך פאַרשליסן אין אַ קאַבינע און זיך פאַרשטענדיקן מיט דער טעלעגראַ־פיסטין ביים טיש מיט דער הילף פון מאָרזע־אַלפאַבעט. איצט באַטרעפט דער מרחק בלויז עטלעכע מעטער. שפּעטער — ווען די זאַכן וועלן געטון ווערן אויף דעם רעכטן אמת — וועלן זיך די קאַבינעס געפינען אין דער לופט, מיט הונדערטער מײלן ווייטער, מיט טויזנטער מעטער העכער — אפשר איבער אַ פיינטלעכן שטח. די פאַרבינדונג פון דעם פליער מיטן מיידל ביים טיש, וועט בלייבן די זעלביקע.

— און פרויען־פּילאָטינס זענען ביי אונדז נישטאָ? — פרעגט איינע פון די באַזוכערינס.

— וואָסערע באַדינגונגען ווערן געשטעלט אַ סאָלדאַטין, וועלכע וויל ווערן אַ פּילאָטין? — פרעגט אַ צווייטע.

— די סאַמע ערשטע פאָדערונג איז ג ע ז ו נ ט! — גיט אונדז צו פאַר־שטיין דאָס 19־יאָריקע מיידל, וועלכע פאַרנעמט די שטעלע פון אַן אינס־טרוקטאָרין אין חיל־אויר. — דאָס האַרץ, די לונגען, די אויגן, דער נערוון־סיסטעם — אַלץ מוז זיין הונדערט־פּראָצענט אין אָרדענונג. עס זענען גע־ווען פאַלן, ווען אַ מיידל האָט שוין געהאַט אַדורכגעמאַכט מיט הצלחה טעסטן, פּריוונגען, אונטערזוכונגען, דערנאָך האָט מען אַנטדעקט ביי איר עפּעס אַ קליינעם דעפעקט אין איר זע־קראַפט און פון דעם פּילאָטאַזש־חלום האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך.

אונדזער אינפאָרמאַטאָרין, ר י נ ה, איז נישט קיין הויכע. זי איז אַרויף אויף עפּעס אַ טרעפּעלע און גיט אונדז די אויפקלערונגען מיט אַ רואיקן שמייכל, מיט אַ זיכערקייט אין די קלוגע אויגן, מיט אַ מחיהדיקער אינטע־ליגענץ. זי גיט אונדז צו פאַרשטיין דעם שכל פון פאַרשידענע אַפּאַראַטן, אָבער איך פרוּוו דאָס אַפילו נישט איבערחזרן, ווייל, דעם אמת געזאָגט, האָב איך אַליין נישט אַלץ געקאָנט באַנעמען.

די פליערין יעל

ווען מיר זענען מיט אַ צוואַנציק מינוט שפּעטער אַראָפּגעקומען פון אַ הויך אויפגעשטעלטער פּלאַטפאָרמע, פון וועלכער עס ווערט דיריגירט מיט די לאַנדונגען פון מיליטערישע אַעראָפּלאַנען — האָבן מיר אונטן גע־טראָפן דעם יונגן שטערן פון ישראלדיקן פּילאָטאַזש — די פליערין יעל.

אַ גאַנץ לאַנגער און שווערער וועג האָט געפירט פון דעם מאָמענט, זינט דאָס מיידל האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין די אַמביציע צו ווערן אַ פליערין. קיינער האָט זיך נישט געאיילט זי צו דערמוטיקן. מיר האָבן שוין געהערט, אז די מיליטערישע פאקטאָרן אליין יאָגן זיך נישט צו אינוועסטירן געלט אין אויסבילדן פליערינס. מיט אַ פרוי קען מען אין דעם פאַך נישט זיין זיכער. אָט וועט זי חתונה האָבן, ברענגען קינדער אויף דער וועלט, און דעמאָלט זענען די לופט־ענינים אירע שטאַרק איינגעשטעלט. יעל האָט פונדעסטוועגן נישט רעזיגנירט און אָט שטייט זי פאַר אונדז אין איר בלויען פליער־קאָמבינעזאָן, אַ פאַררויטלטע, מיט צעפלאָטערטע האָר. אויך היינט איז זי געפלויגן מיט איר מאַשין און זי איז נאָר וואָס „אַראָפּגעקומען" אויף דער ערד.

יעל איז אַ „סאַברע" שוין פון פינפטן דור, אָבער אַן אויסזען האָט זי ווי אַן אמתע סלאַווישע שיקסע. אַ געשטאַלט, אַ ברוסט, אַ פּאָר אָפּגע־ברענטע באַקן — בלוט און מילך — און אַ יונגער שמייכל פון אויבסט און ראָזעווע ברויט.

אונדזער פאָטאָרעפּאָרטער מיטן קריסטוס־בערדל האָט זי נאַטירלעך תיכף פאָטאָגראַפירט און זי האָט אים מיט אַ ביסל ווייבערישער קאָקע־טעריע און מיט אַ סך סאַברישן חוזק אַריינגעלאַכט גלייך אין אַפּאַראַט אַריין.

וואָרעם אויך זי — נישט ווייניקער פון דער שיינהייטס־קעניגין, וואָס פאָרט מיט אונדז — איז געוווינט דערצו, מען זאָל זי באַקוקן און באַוווּנ־דערן און פאָטאָגראַפירן. נישט מער — זי לאַכט זיך אויס דערפון...

בלומען אויפן טיש

פאַרן פאַרלאָזן דעם פרויען־אָפּטייל פון דעם פליער־לאַגער, כאַפּן מיר אַ קוק דורך די אָפענע פענצטער אין די שלאָף־שטובן פון די חיילות. אין שלאָף־שטובן פון סאָלדאַטן זעט מען אָנגעקלעפּט אויף די ווענט צייטונגס־אויסשניטן, אָנגעמאָלן פאַרשידענע, נישט אַלע מאָל אָנשטענדיקע קאַרי־קאַטורן — אין דער יידישער אַרמיי, ווי אין אַנדערע אַרמייען. אָבער דאָ, ביי די מיידלעך, זעט מען נישט איבער די בעטן קיין הומאָריסטישע צייכע־נונגען. דאָ האָבן מיר געזען, וווּ נישט ווו, אַ פירהענגל, אַ פּאָליטשקעלע, עפּעס אַ געשטריקט טישטעכל, מיטגעבראַכט פון דער היים און גאַנץ אָפט אויף אַ גלאָז מיט עטלעכע בלומען אויפן טיש...

מיר געזעגענען זיך מיט יעל, מיט רינה, מיט רוחמה און זהבה. רב־סרן הדסה באַגלייט אונדז אויך ווייטער אין וועג.

אַ דזשענטלמען פון דער יידישער מדינה

אלוף א ב י ד ר האָט פאַרלוירן אַ האַנט אין דינסט פון דער הגנה. מיט זיינע גלייך אַרויפגעבערשטע, אויף די שלייפן שוין צוגעגרויטע אַש־בלאָנדע האָר, מיט די העלע אויגן און פאָרנעמער האַלטונג, וואָלט אים גריילעך געפּאַסט צו זיין אַ גאַרניזאָן־קאָמענדאַנט פון אַ ווייט־אַרויסגערוקטן פלאַץ־ד׳אָרם פון אַ גרויסער מלוכה, אפשר אַ העלד פון אַן ענגלישן ראָמאַן וועגן די קאָלאָניאַלע לענדער. איז ער אָבער אַ העלד פון אונדזערווירקלעכקייט, דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון גליל.

דער נאָמען אבידר איז אַ פּסעוודאָנים פון דער אונטערערד. ער באַדייט: דער פאָטער פון דנה און רמה. אַזוי הייסן זיינע צוויי טעכטער. היינט דינט שוין די עלטערע פון זיי, רמה, אין דער אַרמיי און דער טאַטע איז אַזוי אַרום אינפאָרמירט וועגן דער פּראָבלעמאַטיק פון ח״ן פון דער סאַמע באַעונטסטער קוועלע. עס קאָן זיין, אַז צוליב דעם טאַקע האָט מען אים מכבד געווען מיטן שלום־רעפעראַט פאַר די אָנטיילנעמערינס פון אונדזער אויספלוג. אויף דעם לעצטן עטאַפּ פון אונדזער באַזוך אין די באַזעס פון דער פרויען־אַרמיי גיט ער אונדז אַ מין סך־הכל פון די ידיעות, וואָס מיר האָבן אָנגעקליבן אין משך פון טאָג. נאָכן פאָרטראָג ענטפערט ער אויף די פראַגן און „אינטערפעלאַציעס" פון די כנסת־מיטגלידערינס, וואָס באַטייליקן זיך אין אונדזער אויספלוג. איינע פון זיי — אַליין די שאַפערין און לייטערין פון אַ גרויסער דערציאונגס־אַנשטאַלט פאַר מיידלעך — זאָגט דערביי אַרויס נישט אַזוי פיל איר באַוווּנדערונג, ווי פשוט, איר פאַרוווּנדערונג צוליב דעם, וואָס אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט האָט זיך שוין באַוויזן אויסצוקריסטאַליזירן אין צה״ל אַזאַ אָנזעעוודיקער אַקטיוו פון אָרגאַניזאַטאָרישע און אָנפירנדיקע פרויען־כוחות.

די פרוי פון אלוף אבידר, די שריפטשטעלערין י מ י מ ה צ ׳ ר נ ו ב י ץ, איז באַטייליקט אין אונדזער אויספלוג.

אין אַ ישראלדיקן פאַרנאַכט

אויפן דריטן און לעצטן עטאַפּ פון אונדזער רייזע האָט די שיינהייטס־קעניגין, מיס פּאַטריציאַ פון ענגלאַנד, אַראָפּגעוואָרפן דאָס שוואַרצע מענ־

טעלע. זי איז פאר אונדז דערשינען אין אַ גרוי־בלויען קאָסטיום פון אַ געוועב — וואָל געמישט מיט זייד — וואָס האָט אין אַ נייעם, גינסטיקן ליכט געוויזן איר שלאַנקע געשטאַלט.

מיר וויזיטירן איצט אַ צוויי־יאָריקע מיליטערישע שול פאַר קראַנקען־שוועסטערס. אין די שפּיטאָלישע לערן־זאַלן דערשרעקן מיר זיך אין דער ערשטער רגע פאַר די מאַנעקינען פון קינדער און דערוואַקסענע, וואָס ליגן אין די בעטן מיט די קעפּ אויף די קישנס, איינגעדעקט מיט קאָלדרעס און — שטייף ווי די מתים... אויף די ווענט הענגען כלערליי מכשירים און טאַוולען צום מעדיציניש־סאַניטאַרן לימוד.

ליידער, האָב איך די דערקלערונגען וועגן דער שוועסטער־שול נישט געהערט. צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברטעס האָבן מיר פאַרבלאָנדזשעט אין אַ ווינקל, וואָס מען האָט אונדז אפשר לגמרי נישט בדעה געהאַט צו ווייזן.

אין דרויסן האָבן אין בלויע מאַנטלען מיט קאַפּישאָנען אַרומגעשפּאַ־צירט איינצלנע רעקאָנוואַלעסצענטן. דאָ און דאָרט האָבן שוין געבליט פרי־לינג־בלומען אויף די קלאָמבעס און גראָז־פלעצער פון דעם רחבותדיקן שפּיטאָל־געביט. עס האָט זיך דערנענטערט די קורצע שקיעה פון אַ ישראל־דיקן „ווינטער־טאָג״.

אויף דער הינטער־טעראַסע פון עפּעס אַ בנין האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ רומל יונגע שוועסטערלעך. זיי האָבן אויסגענוצט די פרייע מינוט, וואָס האָט זיך געשאַפן אין שייכות מיט אונדזער באַזוך און האָבן זיך דאָ פאַרקליבן כדי צו כאַפּן אַ „פּלויש״. אין זייערע בלויע, לייוונטענע קליידלעך, מיט די ווייסע פאַרטעכלעך און מיט די שניי־ווייסע, אָנגעקראָכמאַליעטע קאָרנעטלעך אַרום די יונגע, ראָזע פּנימלעך — אַלע גלייך אָנגעטאָן — האָבן זיי אַלע מיט אַנאַנד געכאַפּט דעם אָנבליק פון נאָר־וואָס פון געלן פּוך אויסגעפּעדערטע, יונגע גענדזלעך.

די דאָזיקע גרופּע שילערינס איז, זעט אויס, געבליבן אויסער דער ראַם פון דער רעפּרעזענטאַציע פאַר די געסט. דאָך איז צו זיי דערגאַנגען די ידיעה, אַז צווישן אונדז געפינט זיך אַ שיינהייטס־קעניגין. ווי נאָר זיי האָבן זיך אָריענטירט, אַז מיר האָבן אַ שייכות צום באַזוך, האָבן זיי זיך צעגראַ־גערט אַלע אין איין קול און האָבן זיך געלאָזט נאָך אונדז נאָכלויפן:

— איפה מלכת היופי? איפה מלכת היופי? (ווו איז די שיינהייטס־קעניגין?) האָבן זיי געשריגן נאָך אונדז.

אַ ביסל זענען זיי געלאָפן און אַ ביסל ווי אונטערגעפּלאָטערט אין דער לופט — אין ליכט פון ישׂראלדיקן פאַרנאַכט. אָט פּונקט אַזוי, ווי אַ סטאַדע יונגע גענדזלעך, וואָס טוען אַ ביסל לויפן און אַ ביסל אונטערפליען, פּאַטשנדיק מיט די פליגל — אין גייעג נאָך אַן אויסטערלישן, קאָלירטן פויגל פון דער פרעמד.

און איך האָב אין יענעם מאָמענט געטראַכט, אַז ווען איך זאָל זיין אַ מאַן, וואָלט איך אַוועקגעגעבן דריי „מלכות יופי" פאַר דעם מינדסטן נאַטירלעכן חנדעלע פון אַ ישׂראלדיקן מיידל, וואָס דינט אין צה"ל.

ווי אַ קוואָטשקע, וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט קאַטשקעלעך

אַזוי ווי איך בין אָבער אַ פרוי און נישט קיין מאַן, וואָלט איך אַפילו קיין צען שיינהייטס־קעניגינס נישט גענומען פאַר דעם איינעם חכמה־קנייטש, וואָס איך האָב געזען אין יענעם פאַרנאַכט אויפן אויסגעדאגהטן פנים פון איינער אַ טוערין, וואָס איז מיט אונדז געפאָרן.

פאַרן צוק פון דעם געריריטן, מוטערלעכן שמייכל, מיט וועלכן די פריער דערמאָנטע כנסת־דעפּוטאַטין האָט געקוקט אויף די מיידלעך אין די מונדירן — אויף די מדריכות און מפקחות און מפקדות — אויף דער פליערין, אויף דעם נאָכוווּקס.

ווי דאָס רעדט, ווי דאָס דרשנט, ווי דאָס שפּאַנט מיט דרייסטקייט אויף די נייע וועגן פון אַ מלוכה־לעבן. כדי צו דינען דעם פאָלק, כדי צו זיין אין נייטיקן מאָמענט אויפן נייטיקן אָרט.

זיי, די טוערינס פון חלוצישן דור, האָבן אַ לעבן אַריינגעפּלאַנצט אין האַרטן באָדן — נישט איינע פון זיי איר פערזענלעך גליק. זיי האָבן אין משך פון צענדליקער יאָרן אַליין געדרשנט, געהאָרעוועט מיטן קאָפּ, מיט די הענט, מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן — כדי, אַז אָט דאָס, וואָס זיי זעען איצט, זאָל ווערן מעגלעך.

און איצט שטייען זיי, ווי יענע קוואָטשקע, וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט קאַטשקעלעך. די קאַטשקעלעך טוען אַ פיר אַהין און אַהער מיט די פיסלעך און שווימען אַוועק איבערן טייך און די קוואָטשקע בלייבט שטיין אויפן ברעג און קאָן נישט נאָכשווימען:

„פונוואַנען האָבן זיך צו אונדז גענומען אָט די — טעכטער?"

1953

38. עיינות

דער ווייבלעך קלינגענדיקער נאָמען ע י י נ ו ת — ליכט־קוואַלן — האָט טאַקע אַ שייכות צו אַ פּרויען־ווערק. ביים היינטיקן טאָג איז אין עיינות פאַראַן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע מיטלשול פאַר יינגלעך, פּונקט ווי פאַר מיידלעך, אין אָנהייב איז דאָס אָבער געווען אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער בילדונגס־צענטער נאָר פאַר מיידלעך. עס האָט נאָך דעמאָלט נישט עקזיסטירט די מדינה, עס איז נישט געווען קיין בילדונגס־מיניסטעריום און פאַרשידענע זאַכן, וועלכע זענען ביים היינטיקן טאָג כמעט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, זענען דעמאָלט געווען ווייט נישט אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך.

פרויען־דערכט אויף שאַפערישער אַרבעט

דאָס אויף ענגליש און העברעיש דערשינענע ביכעלע „עיינות" לייענט זיך ממש, ווי אַ שפּאַנענדער רייזע־ראָמאַן. עס איז אַ רייזע אויף צוריק, אין דער ראָמאַנטישער תקופה פון די פריערע עליות. עס איז אַ געשיכטע פון אַ פּיאָנערן־געראַנגל וועגן איבערדערציען די יידישע פרוי, די חלוצה, פאַר די באַדערפענישן פון לאַנד און גלייכצייטיק פאַרן דערגרייכן אירע אייגענע ספּעציפישע צילן.

די געשיכטע פון עיינות האָט אָנגעשריבן זיין גרינדערין און לייטערין, די כנסת־דעפּוטאַטין עדה פישמאַן־מיימון. זי האָט אָנגעשריבן די געשיכטע מיט דער פעדער, זי האָט זי אָבער אויך אָנגעשריבן מיט דער אַרבעט און מיט דער מסירת־נפש פון די בעסטע יאָרן פון איר לעבן.

די מעשה הייבט זיך אָן אין יענער צייט, ווען די צאָל פרויען צווישן די חלוצים האָט באַטראָפן נישט מער ווי 8 פּראָצענט. דאָס זענען געווען אידעאַליסטקעס פון רייגסטן שניט. אַ סך פון זיי האָבן פאַרלאָזט רייכע היימען, גימנאַזיעס, אָדער אוניווערזיטעטן, כדי צו בויען די נאַציאָנאַלע היים. געקומען אין לאַנד, פלעגט זייער לאַגע זיין נאָך שווערער ווי פון די חלוצים. די בחורים האָבן געהאַט אויסצושטיין אַ קאַמף פאַר אַ צוגאַנג צו דער יידישער ווירטשאַפט, צו ערד־אַרבעט — די חלוצות האָבן אָבער אפילו אויף די שוין דעראָבערטע אַרבעטס־פּאָזיציעס געמוזט זיך ראַנגלען פאַר

זייער רעכט אויף פּראָדוקטיווער, שאַפערישער אַרבעט. זיי זענען דער־גאַנגען צו דער איבערציייגונג, אַז אויב נישט בלייבן אויסשליסלעך ביים קאָכן און וואַשן וועש, מוזן זיי דעראָבערן גרעסערע געניטשאַפט, מוזן זיי ווערן אויף זייערע געביטן אמתדיקע, געזוכטע פאַך־לייט. אַט אַזוי איז אויפגעקומען דער געדאַנק וועגן לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסבילדונג פון פרויען, וואָס עדה פישמאַן איז איינע פון זיינע באַדייטנדיקסטע קעמפּער־רינס און עיינות, איינע פון זיינע וואָגיקסטע דערגרייכונגען.

געשיכטע פון אַ מיידל־פאַרם — מעצעגאַטן, פּראָטעקטאָרן, נאָמענגעבער

אַז מען שטייגט היינט אַרויף אויפן דאַך פון דעם הויפּט־בנין אין עיינות, ווייסט מען נישט אויף וואָס פריער צו קוקן. די שיינע ווירטשאַפטס־געביידעס, די גערטנער, די לאָנקעס, די פּרדסים — אַזאַ שפע ג ר י נ ס! קיין איין זאַמד־פלאַך, ווי ווייט דער בליק דערלאַנגט. פון דאַנען איז דער מדבר פאַריאָגט געוואָרן אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. און אַזוי סימעטריש, אַזוי עסטעטיש פלאַנירט איז דער שטח!

מיט 23 יאָר צוריק איז אַט דאָס בליענדיקע ווינקל לאַנד געווען איין שטיק זומפּ־און זאַמד־וויסטעניש. דריי אַראַבישע עפענדיס האָבן געהערשט איבער דער מאַלארישער געגנט, וואָס איז געזונקען אין קנעכטשאַפט און נויט. ערשט אין יאָר 1927 האָט דאָ דער קרן קימת אָפּגעקויפט אַ גרויס שטיק באָדן, וואָס האָט געגרענעצט מיט נס ציונה און אַ טייל דערפון צוגעטיילט פאַר דער מיידל־פאַרם. דאָס איז אָבער ערשט געווען דער אָנ־הייב פון דעם אָנהייב. מען האָט נאָך ווייטער געמוזט שרייבן מעמאָריאַלן, דרשענען אויף צוזאַמענפאָרן, פירן פאַרשידענע אַקציעס. עדה פישמאַן האָט געוווּנען פאַר אירע פלענער אַן אַמעריקאַנער ציוניסט מיטן נאָמען י ו ל י ו ס ש ו ו א ר ץ, וועלכער האָט געשפענדעט אַ סומע אויף צו קויפן דעם באָדן. אַ רומענישע ציוניסטין, פרוי מ אַ ר ג אַ ר ע ט מ ר ג ל י ת, האָט יאָרן לאַנג געקליבן געלט אויף די בנינים. דער דעמאָלטיקער דירעק־טאָר פון קרן קימת מ נ ח ם מ ע נ ד ל א ו ס י ש ק י ן האָט וואַרעם אונ־טערשטיצט די פלענער. אַפילו די דיכטערס ב י אַ ל י ק און ט ש ע ר נ י־כ אָ ו ס ק י זענען געווען די מחותנים און קוואַטערס פון דעם נייעם ישוב, ווען מען איז שוין דערגאַנגען צו דער פאַזע פון געבן אים אַ נאָמען. און

אַפּילו דאָס איז נאָך אַלץ געווען פּאַר, פּאַר — פּאַר דער ערשטער הון און פּאַר דער ערשטער קו.

ווען מען האָט אויפגעשטעלט דעם ערשטן בנין, האָבן זיך די ערשטע שילערינס, צוזאַמען מיט די ערשטע לערערינס, אַריינגעצויגן אין אים אינײַנעם מיט די בהמות און עופות. נישט מער, פאַר אָט די חשובע הויז־חיות האָט מען אָפּגעטיילט דעם טייל בנין, וואָס האָט שוין פאַרמאָגט אַ געפלאַסטערטע פאָדלאָגע. דאָס זענען געווען שטאַרק געציטערטע און מיוחסדיקע באַשעפענישן און איינע פון די קי האָט מען טאַקע גערופן „מיוחסת“.

געשטאַלטן פון אַ חלוצים־פּנקס

קאָן מען זיך גרייליך פאָרשטעלן אין וואָסערע סאַלאָן־באַדינגונגען עס לעבן ביים היינטיקן טאָג די בהמות פון עיינות. די שטאַלן ווערן דאָ טאָג פאַר טאָג געוואַשן און געפליטעוועט און דערצו דינען זיי פאַר די קי בלויז אַלס שלאָף־זאַלן. דעם טאָג פאַרברענגען זיי אין אַ לופטיקער און באַקווע־מער אָבאָרע, ווו זיי וויסן אויך נישט פון דער פּלאָג פון פליגן. אַן אַמע־ריקאַנער קאַפּיטאַן, דער קאָמענדאַנט פון אַ מיליטערישן לאַגער, וואָס איז בשעת דער מלחמה געשטאַנען אין תל ליטווינסקי — האָט נאָך אַ וויזיטאַציע אין עיינות דערקלערט, אַז די מילך אַנטהאַלט דאָ ווייניקער באַקצילן, ווי די מילך פון דער גרויסער פּי־סטאַציע, מיט וועלכער ער האָט אַנגעפירט אין אַמעריקע. ער פלעגט יעדן טאָג שיקן אַהער נאָך מילך פאַר זיין מאַנשאַפט, ער פלעגט קומען צו גאַסט, געבן עצות.

און אַפילו ער, דער אַמעריקאַנער מיליטערמאַן, האָט עפּעס אַריינגע־טראָגן אין קרן פון מענטשלעכע באַציאונגען, פון וועלכע עס איז אויס־געוואַקסן, מיט וועלכע עס איז געוואָרן אַרומגעוואַקסן עיינות. אַפילו ער איז אַ פיגור אין עדה פישמאַנס חלוצים־פּנקס. אין דאָזיקן פּנקס רעדט זיך זייער אַ סך וועגן בודזשעטן און פינאַנס־פּראָגראַמען ער איז פול מיט זאַכלעכע באַריכטן וועגן די אַנטוויקלונגס־פּאַזן און אָרגאַניזאַטאָרישע פּראָבלעמען פון דעם געשאַפענעם ווערק. צווישן די שורות שימערט אָבער כסדר אַדורך דאָס פאַרהוילענע חלוצישע פייער, די כאַראַקטעריסטישע גרויסע ערנסט־קייט פון אַ פרויען־טוערין. שטאַרק פאַרהוילן, שעמעוודיק פאַרבאָרגן, איז דאָ דער פּערזענלעכער סענטימענט. באַפרייעריש און אומגעריכט טוט

בלויז פון צייט צו צייט אַ פינקל דאָס מענטשלעכע אין געשטאַלט פון דיסקרעטן הומאָר.

איינער פון די געציילטע „מאַנסבילן" אין דעם דורכויס ווייבערישן אַנסאַמבל פון עיינות איז, למשל, געווען אַ פערד מיטן נאָמען „מאָרגנשטערן" און עדה פישמאַן, די קאָנסעקווענטע פּעדאַגאָגין, די שטרענגע דירעקטאָרין, נעמט זיך דאָס ברעקל לייכטע געמיט, כדי אָפּצושילדערן מיט איראָניע די לעכערלעכע מערכה פון דעם פּירפּוסיקן מאָרגנשטערן צווישן די אַמאַזאָנ־קעס פון עיינות. ווי די מיידלעך האָבן מיט אים קאָמאַנדעוועט, ווי ער האָט געמוזט צו זיי האָבן געדולד...

לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָעדוקאַציע און קעמערלעך פאַר התישבות

ביים היינטיקן טאָג זענען שוין פאַראַן אין עיינות אויך אַנדערע מענלעכע באַשעפענישן. שוין אין מלחמה־צייט האָט די מיידל־פאַרם אויפגענומען ביי זיך געמישטע גרופּן פון דער יוגנט־עליה. פון עיינות זענען אַרויס־געגאַנגען פּאַרטיקע קאָלאָניזאַציע־קעמערלעך און האָבן געשאַפן נייע ישובים. עס זענען אַרויס פון דאַנען אינסטרוקטאָרן און פאַך־לייטערס אין פאַרשידענע צווייגן פון לאַנדווירטשאַפט. די אַלגעמיינע צאָל שילער און פּראַקטיקאַנטן, וואָס האָבן אין עיינות באַקומען זייער לאַנדווירט־שאַפטלעכע אויסבילדונג, האָט נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איבער־שטיגן די צאָל פון טויזנט.

מיטן פאַרוואַנדלען עיינות אין אַ רעגולערער לאַנדווירטשאַפטלעכער דערציאונגס־אַנשטאַלט פאַר יוגנט פוןביידע מינים, זענען פונדעסטוועגן די טראַדיציעס פון אַט דער אַנשטאַלט נישט אונטערגעגאַנגען. אויך איצט, ווי פריער, איז עיינות נישט נאָר אַ פאַך־שול, נאָר אויך אַ לעבנס־שול. אַ ווערקצייג פון חלוצישער איבערדערציאונג.

מנהגים

אַ וואָרט וועגן די מנהגים פון עיינות. נישט געקוקט דערויף, וואָס עדה פישמאַן איז באַקאַנט אַלס קעמפערין פאַר גלייכע פרויען־רעכט און גלייכע פרויען־פליכטן אין דער מדינה — נישט געקוקט אויף איר שאַר־פער פּאָלעמיק אין דער כנסת מיטן אייגענעם ברודער הרב מיימון, בנוגע דעם מיליטער־דינסט פון פרויען, זאָרגט זי פונדעסטוועגן זייער

שטאַרק פאַר איינהאַלטן די רעליגיעזע טראַדיציעס אויף אַנדערע לעבנס־געביטן. אין עיינות איז פאַראַן אַ באַזונדערע מילכיקע און פליישיקע קיך און דאָס עסן איז שטרענג כשר. די שבתים און יום־טובים ווערן גע־פראַוועט אין עיינות מיט אַזאַ פייערלעכקייט, וואָס איז אַ שם דבר אין גאַנצן לאַנד. מיטן אויפנעמען אין עיינות אַ גרעסערע גרופּע תימנער יינגלעך, איז דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שולעכל, און אַחוץ די געוויינ־לעכע לימודים, איז דאָ איינגעפירט געוואָרן פאַר פרומע שילער דער לימוד פון חומש און גמרא לויטן אַלטן נוסח. היינטיקן שבועות איז אין בית־הכנסת פון עיינות פאָר׳געקומען די צערעמאָניע פון איבער־געבן אַ ספר־תורה און מען האָט אין שייכות דערמיט געפּראַוועט אַ שמחה אין תימנער נוסח.

אויף אַ שפּאַציר איבער דערווירטשאַפט קוקן מיר אַריין אין די שפּאַגל־ריינע שלאָף־צימערן פון די שילער. מיר וויזיטירן די הינער־ווירטשאַפט, די בינען־צוכט. אומעטום טרעפן מיר שילער, וואָס אַרבעטן לויט זייער ריי אין דעם געגעבענעם ווירטשאַפטס־צווייג.

די מיידלעך דרייען זיך אַרום אין לאַנגע לייוונט־הויזן, וועלכע זענען אויך אַמאָל געווען אַ טעמע פאַר אַן עפנטלעכער דיסקוסיע. די אויסגע־בונדענע קאָלירטע טיכלעך גיבן צו די יונגע פּנימלעך אַ דאָרפישן חן. איעדעס קלענסטע ווינקל אָטעמט דאָ מיט דער אַטמאָספער פון אָרדע־נונג און רו.

מאַטעריזאַציע און — ליבשאַפט צו דער נאַטור

פרוי עדה מוז אונדז געזעגענען. דערנאָך שפּאַצירן מיר נאָך אַ ווײַלע אַליין איבערן שטח. מיר שמועסן זיך אַדורך מיט אַ גרופּע יינגלעך און מיידלעך, וואָס אַרבעטן אין דער וועשעריי. פאַראַן צווישן זיי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער פון מאַראָקאָ, אַ מיידל פון אינדיע, צוויי מיידלעך פון פּוילן. אַלע רעדן צווישן זיך עברית. און אָט טרעפן מיר אַ פּאָר „סאַברעס" פון פּתח־תקוה און ראשון־לציון. צווישן אונדז איז פאַראַן אַ פּאָר־פאָלק פון אַמעריקע, שטעלט זיך אַרויס, אַז מיט די סאַברעס פון דריטן דור — דווקא מיט זיי — קאָנען זיך די געסט גלענצנד צו־נויפרעדן אויף יידיש...

פאַרן צענטראַלן פאַרוואַלטונגס־בנין בליען פּרעכטיק־שיינע, געאָמע־טריש געפאָרעמטע בלומען־קלאָמבעס. שפּעטער זעען מיר אויסער דעם

פּאַרבויטן שטח אַ שטיק פעלד, ווו עס ווערן אויך געהאָדעוועט בלומען אויף מסחר. עס איז כדאי צו וויסן, אַז אויסער דעם שכר־לימוד און אויסער די סובסידיעס, וואָס פליסן אַריין קיין עיינות פון די פּרויעןן־אָרגאַניזאַציעס וויצאָ און מועצת הפּועלות אין לאַנד און פון די פּיאָנערן־פרויען אין אַמעריקע — זענען די אייגענע הכנסות פון פאַרשידענע ווירטשאַפטס־צווייגן אַ היפּשער צושפּרונג צום בודזשעט פון עיינות.

פון דער ווייטן זעען מיר אַ לאַנקע, ווו יינגלעך קאָסען היי מיט קאָסעס, ווי אין די אַמאָליקע צייטן. מיר טרעפן פאַרן פון פעלד אין זון־פאַרגאַנג צוויי יונגע חברה, מיט אַ פורל גרינע פאַשע, איינגעשפּאַנט אין אַ פריילעך קאַשטאַן־פערדל. איינער פון די יינגלעך טרייבט אָן דאָס פערד, דער צווייטער ליגט פון אויבן אויף דער קאָניושינע און נאָגט אַ גרעזל אין די ציין. עיינות פאַרמאָגט היינט אַ רייכן טאַבאָר פון כלערליי לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און מאָטאָריזירטע וועגענער, וואָס דינען צום זייען און אַראָפּנעמען און צום אַראָפּפירן דאָס גערעטעניש פון פעלד. כאָטש אַזוי איז אויך פאַראַן אַ פּלאַץ צום קאָסען און אַ פערדל צום ליב האָבן — אַ גילגול פון יענעם „מאָרגנשטערן“, מיט וועלכן עס האָבן זיך געחברט די ערשטע שילערינס און תושבטעס פון עיינות.

1953

39. בית־דניאל — דער צויבערבאַרג פון ישראל

לאָנדאָנער חובבי ציון

די דאָזיקע מעשה קאָן מען לייענען אין אַ קליין ענגליש ביכעלע מיטן נאָמען „בית דניאל". מען קאָן זי אָבער אויך אַרויסלייענען פון אַלטע ביימער, אַלטע הייזער.

די מעשה האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פּאָר און פערציק יאָר צוריק. נישט יעדער יידישער פילאַנטראָפּ פון די מערב־לענדער האָט פאַרמאָגט די גרויסע געלט־מיטלען פון משה מאָנטעפיאָרי, צי פון באַראָן ראָטשילד אָדער פון באַראָן הירש. פונדעסטוועגן זענען געווען אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך נאָך רייכע און אָנגעזעענע יידן, וואָס די הויכע פּאָזיציע אין אַלגעמיינעם לעבן פון זייער לאַנד האָט אין זיי נישט אויסגעלאָשן דאָס געפיל פון יידישער אחריות.

איז געווען אַזאַ ייד אין לאָנדאָן מיטן נאָמען הערבערט בענטוויטש. אין זיין הויז פלעגט אַריינקומען ישראל זאַנג־וויל, דער מחבר פון די „געטאָ־טרוימער" און אין זיין שטוב זענען אויסגעוואַקסן נייע טרוימער, וואָס זייער חלום איז געווען באַזעצן און באַפרוכפּערן דאָס לאַנד ישראל. ווער עס האָט געחלומט און ווייטער ווי פון שרייבן, רעדן, העכסטנס שפּענדן געלט אויף באַזעצן אַנדערע יידן אין לאַנד, נישט געגאַנגען. צווישן די 11 קינדער פון דער משפחה בענטוויטש זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן באַשלאָסן צו פאַרבינדן זייער אייגענעם גורל מיטן אויפקום פון לאַנד ישראל. די ערשטע, וואָס האָט מקיים געווען דעם חלום, איז געווען די שיינע, ראָמאַנ־טיש־עקזאַלטירטע — ניטאַ. צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם געלערנטן און פּאָליטיקער מיכאל לאַנגע, האָבן זיי באַלד נאָך דער חתונה גע־נומען זייער ביידנס, מסתמא נישט קליינעם, נדן און זענען אַוועק אין יענעם וויסטן ווינקל פון דער טערקישער אימפּעריע, וואָס ענגלענדער רופן עס דאָס ביבל־לאַנד.

„כרמל־קורט" — דער הויף אויפן באַרג

אָנגעקומען אויפן אָרט, האָבן זיי באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין דער קאָלאָניע זכרון־יעקב, וועלכע האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ נאָמען אין די קרייזן, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט ארץ־ישראל. די אָרטשאַפט האָט זיך געהויבן איבער די מאַלאַרישע בלאָטעס פון פתח תקוה און חדרה און פונדעסטוועגן געווען נאָענט צום ברעג ים. האָבן דאָך שוין די אַלטע רוימישע קאָלאָניזאַטאָרן אין אָט דער געגנט אויפגעשטעלט זייערע רעזידענצן.

דאָס יונגע פּאָר האָט נישט געזשאַלעוועט קיין געלט, אָפּגעקויפט אַ גרויס שטיק באָדן, אַ גאַנצן באַרג. אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז דאָ אויסגעוואַקסן אַ גרויס און שיין לאַנד־גוט. אין מיטן פון אַ יונג־פּאַר־פלאַנצטן, רחבותדיקן פּאַרק איז געוואָרן אויפגעבויט אַ הויף אין ענגלישן סטיל, ווי מיר קענען אים פון אילוסטראַציעס צו ענגלישע ראָמאַנען. נישט מער, זיין נאָמען איז געווען כרמל־קורט — לכבוד דעם הר הכרמל. די טראַדיציאָנעלע פּריצישע אַלייע, וואָס פירט פון דרויסנדיקן טויער ביז פאַרן פראָנט פון הויז, איז געווען אויסגעזעצט נישט מיט קיין דעמבעס אָדער יאסיענעס, נייערט מיט פּאַלמעס. אָנשטאָט וויינענדיקע ווערבעס איבער טייכלעך, האָבן זיך אין פּאַרק צעוואַקסן און צעשפּרייט מיט ברייטע צווייגן גרויסע אייקאַליפּטן. אַרום דעם „הויף" האָבן געהאַלטן וואַך ציפּרעסן שלאַנקע און געדיכטע קאַקטוס־דערנער.

פּאַר גוטע ענגלישע פונטן האָט מען אין דער טערקישער מדינה געקאָנט אַ סך אויפטון. די געבילדעטע און עלעגאַנטע, יידיש־ענגלישע פּאַטריציערין ניטאַ האָט זיך נישט באַגנוגנט מיטן אַרומגאַלאָפּירן איבער דער געגנט אויף איר שיינעם, אַראַבישן פערד. זי האָט געהאַט אידייען, איינפאַלן. זי פלעגט אָפּהאַלטן באַראַטונגען מיט דעם באָטאַניקער פון זכרון א ה ר ו ן א ה ר ו נ ס ו ן, באַציען סובטראָפּיקאַלע זאָמען פון קאַליפאָרניע; זי האָט געשאַפן פלאַנטאַציעס פון ירקות און זעלטענע געוויקסן; אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו גרינדן אויפן שטח פון איר גוט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרם פאַר מיידלעך. אַנדערע פרויען־טוערינס, אַנדערע אינסטיטוציעס איז אָבער באַשערט געווען צו רעאַליזירן אָט דעם געדאַנק. ניטאַ האָט דאָס נישט זוכה געווען צו זען.

פּאָליטישע וויזיטן

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914 האָבן די לאַנגעס, אַלס ענגלישע אונטערטאַנען, געמוזט פּאַרלאָזן דאָס לאַנד. ווען זיי האָבן זיך אין יאָר 1919 אומגעקערט צוריק, איז די סיטואַציע געוואָרן אינגאַנצן אַנדערש. נאָכן באַזעצן דאָס לאַנד דורך די ענגלענדער, איז דאָס הויז אויפן באַרג געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער צענטער פון יידיש־ענגלישער פּאָליטיק, אַ פאַרבינדונגס־פּונקט צווישן דעם יידישן ישוב און דער מאַנדאַט־רעגירונג און אַ פאַקטאָר פון מילדערן די פּראָ־אַראַבישע טענדענצן פון דעם ערשטן „יידישן" הויך־קאָמיסאַר, דעם פון פּויפּסט־פּויפּסטלעכערן סיר הערבערט סעמיועל. אַן אָפטער גאַסט אין פּאָליטישן סאַלאָן פון די לאַנגעס איז געווען ניטאַס ברודער, דער שפּעטער־דיקער פּראָפעסאָר פון דער העברעישער אוניווערזיטעט, נאָרמאַן בענטוויטש, וועלכער איז געווען פאַרוואַנדט דורך זיין פרוי מיטן הויך־קאָמיסאַר.

ירושות פון פּריציישיק אָוועקגעגאַנגענע

אָבער אין מיטן פון די אַלע אַנטוויקלונגען איז געקומען די קאַטאַס־טראָפע. אין יאָר 1922 איז ניטאַ פּלוצעם געשטאָרבן אין עלטער פון סך־הכּל 38 יאָר. איר מאַן מיכאל האָט זי מיט קיין סך נישט איבערגעלעבט. פאַרן פּרייוויליקן טויט זיינעם האָט ער איבערגעגעבן אַ טייל פון זיין באַזיץ דעם אָרטס־ראַט פון זכרון. דעם רעשט האָט ער פאַרשריבן אַלס ירושה ניטאַס שוועסטער לילי, דער אלמנה פון דעם יידיש־אַמעריקאַ־נישן אָריענטאַליסט, פּראָפעסאָר פרידלענדער. אין יאָר 1920 איז ישראל פרידלענדער אַרויסגעפאָרן אין שליחות פון ניי־געשאַ־פענעם „דזשאָינט", צו אָרגאַניזירן הילף פאַר די קרבנות פון די פּעטלור־רישע פּאָגראָמען. אין שטעטל יאַרמאָלינעץ, נעבן קאַמיעניעץ פּאָדאָלסק, איז ער אַליין געפאַלן אַ קרבן פון אַ פּאָגראָם.

און דאָס איז די געשיכטע פון זיין זון דניאל.

דאָס יינגסטע קינד פון ישראל און לילי פרידלענדער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן מוזיקאַלישן טאַלאַנט. דניאל איז געוואַקסן אַ ווירטואָז און קאָמפּאָזיטאָר מיט אַ בולטן קינסטלערישן פאַרנעם — ליידער אויך מיט אַ טראַגישן אומרו אין זיין נשמה. איז אויך ער אין עלטער פון סך־הכּל 18 יאָר פרייוויליק פון דער וועלט אַוועק. אַ וואָרט פון זיין מויל איז פאַר דער פאַריתומטער מוטער געוואָרן אַ צוואה. בשעת אַ באַזוך זיינעם אין

זכרון האָט ער געזאָגט, אַז עס וואָלט דאָ כדאַי געווען אויפצושטעלן אַ מוזיק־צענטער פאַר ארץ־ישראל.

אַן אַפּרו־הויז פאַר קינסטלער און שרייבער

האָט אויך לילי בענטוויטש־פרידלענדער נישט געשפּאָרט קיין געלט און קיין מי, מיטן גרעסטן ערנסט אַדורכגעפירט די פּאַרוואַנדלונג פון דעם הויז, וואָס זי האָט דאָ געהאַט אויפגעבויט, אין אַן אַפּרו־ און שטודיר־פּלאַץ, אין אַ שאַפערישן ווינקל פאַר מוזיקער און אַנדערע קינסטלער.

זי האָט באַוואָרנט די פונדאַציע אין יורידישן און פינאַנציעלן זין, צוגעצויגן צו דער פאַרוואַלטונג אַ שוועסטער פון איר מאַן, פריילין ס אַ ל י פ ר י ד ל ע נ ד ע ר, אין די דרייסיקער יאָרן ווערבירט אַלס מיטאַרבע־טערין אַ פעיקע און ענערגישע דאַמע פון די היטלער־פּליטים, פרוי פּ אַ ו ל א ר י ש און דאָס הויז האָט אָנגעהויבן אויפנעמען יעדעס יאָר אַ געקליבענע צאָל געסט פון די קינסטלערישע און אינטעלעקטועלע קרייזן. די הויפּט־מחותנים זענען דאָ אָבער ביז היינט געבליבן די מוזיקער, קודם־כל די מיטגלידער פון סימפאָנישן אָרקעסטער, וועלכע האַלטן דאָ אָפּ, יאָר־איין יאָר־אויס, זייערע צוזאַמענפאָרן און פעסטיוואַלן מיט קאָנצערטן אונטערן פרייען הימל.

דאָס הויז פון די לאַנגעס איז געוואָרן פאַרקויפט, אָבער צום בית דניאל זענען מיט דער צייט צוגעקומען נאָך צוויי הייזער. איינס פון זיי איז געוואָרן אויפגעשטעלט דורך דעם העברעישן ליטעראַטן־פאַראיין. פאַר אַן אָפּצאָל, וואָס איבערטרעפט כמעט נישט דעם אָפּצאָל אין די אַפּרו־הייזער פון דער קופת חולים, האָבן אויך שרייבער באַקומען אַ מעגלעכ־קייט צו פאַרברענגען דאָ אַ פּאָר וואָכן אין דער אַטמאָספער פון אַן אידעאַ־לער שטילקייט; געניסן פון אַ גוט צונויפגעשטעלטער לייען־ און שטודיר־ביבליאָטעק, אַרומצושפּאַצירן צווישןביימער און בלומען און פאַרברענ־גען אין קרייז פון אַ געבילדעטער געזעלשאַפט.

אַ מאָל אין אַ נאָווינע פאַרבלאָנדזשעט אַהער אין די לעצטע יאָרן אויך אַ יידישער שרייבער.

צויבערבאַרג

דריי מאָל אין טאָג קלינגט דער גלאָק אין בית דניאל. האַרט פאַרן אַריינגאַנג צום הויז פירן פּראָסטע, שטיינערנע טרעפּלעך, לענגאויס אַ

שטיינערנעם מויערל, אַרויף צו אַ פּשוטן שטיין, אויף וועלכן עס זענען אויסגעקריצט די נעמען פון ניטאַ און מיכאל לאַנגגע: „הנאהבים וה־נעימים" — די וואָס האָבן געליבט אַנאַנד ביים לעבן און געבליבן פאַר־אייניקט נאָכן טויט...

בית דניאל אין זכרון יעקב איז אַ סאַנאַטאָריע פון טאָמאָס מאַנס „צויבערבאַרג". מיט זיין אידעאַלער ריינקייט און אָרדענונג, מיט דער ראַ־ציאָנעלער קיך, מיט דער פּינקטלעכקייט, קאָן ער זיך דרייסט פאַרמעסטן מיט דער פיינסטער סאַנאַטאָריע אין דער שווייץ. דער עיקר איז פונדעסט־וועגן דאָס, וואָס לאָזט זיך נישט דערקלערן און אָנרופן ביים נאָמען — די ספּעציעלע שטימונג און דער באַזונדערער קאָלאָריט פון דעם אָרט.

אויך די פרוי לילי פרידלענדער לעבט נישט מער, אָבער אויף אַ בערגל, נישט ווייט פון די אָפּרו־הייזער — אויף אַן אָרט, פון וועלכן עס שפּרייט זיך אַ ווונדער־שיינער אויסבליק אויפן ים — איז שוין אויסגע־מאָסטן דער פּלאַץ אונטער אַ קאָנצערט־זאַל, וואָס דאַרף דאָ ווערן אויפ־געבויט אין דער נאָענטסטער צייט.

פון די ווענט פון בית דניאל, פון אַ פּאַליצע אין עס־זאַל, פון איבער דעם גרויסן, גוטן קלאַוויר, קוקט אַראָפּ דאָס האַלב־קינדישע פּנים פון דניאלן. אין זיינע אויגן לויערט דער שימער פון יענער טראַגישער, פאַ־טאַלער חכמה:

יונג פאַרשטאָרבענע בלייבן אייביק יונג.

מיס מאַרדזשערי

אין די בין השמשותן ווערט דאָ בכלל אַלצדינג אַ ביסל אומוואַר־שיינלעך. נעבן דעם פּלאַץ, ווו עס דאַרף געשטעלט ווערן דער בנין פון קאָנצערט־זאַל, שטייט אַ שוואַרצער באַראַק, וועלכער איז פאַרבליבן נאָך דער יוגנט־קבוצה עלומות, וואָס האָט דאָ געהויזט פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה. אין שכנות, אויפן באָדן וואָס האָט געהערט צו אירע שוועסטערס, האָט פאַר זיך אויפגעבויט אַ הויז די אלמנה מוריעל און אין דעם איינציקן צריף, וואָס איז פאַרבליבן אויפן אָרט, האָט זיך מיט אַ יאָר צוריק אַריינגעקליבן מיס מאַרדזשערי.

פריילין מאַרדזשערי איז, דאַכט זיך, די ייִנגסטע פון די בענטוויטש־שוועסטערס, אָבער אויך די יאָרן זענען אַפּגעלאָפן. דאָס שטיבל אין דעם שוואַרצן באַראַק איז אַ ווינקל ענגלישקייט פון אַלטע קופּערשטיכן צו

דיקענסעס ראָמאַנען און זי אַליין איז אַ געשטאַלט פון אַן אַלטן, שיינעם ראָמאַן. אויף אַן אַלטן קאָמאָד שטייט אַן אַנטיקער זייגער אונטער אַ גלעזערנעם קלאָש און בין השמשות קומען אַהער געסט טרינקען טיי, ווען דער זייגער קלינגט אויס די שעה.

אַן אַנדערש מאָל קאָן מען טרעפן מיס מארדזשערי און איר שוועס־טער מוריעל, אין ברייטע שטרויענע הוטן אויף די קעפּ, צוריקקערנדיק פון אַ שווייגנדיקן שפּאַציר. זיי זענען רייך און מאַטעריעל באַוואָרנט, זיי זענען אַרויסגעוואַקסן פון אַן אַנדערן, זיכערן און שטילן לעבן. און דאָך ווילן זיי פאַרברענגען דעם רעשט פון זייערע טעג דווקא דאָ. אויך זיי זענען געוואָרן איינגעוויגט דורך דעם שיינעם חלום, וועלכער האָט אין די יונגע יאָרן געבראַכט אַהער זייער שוועסטער ניטאַ.

מאַרדזשערי איז די שריפטשטעלערין און כראָניקאַרין פון דער משפּחה. זי ווייסט די נעמען פון די געוויקסן, די סודות פון די אויס־גראָבונגען אין דער נאָענטער קיסריה און אין דער גאַנצער סביבה. בעתן פאַרבייפאָרן צום ים, מאַכט זי מיך אַלע מאָל אויפמערקזאַם אויף די ווייסע ליליעס, וואָס וואַקסן צווישן די חורבות פון געוועזענע ישובים און זי רופט זיי אַן מיט זייער פייערלעכן, אַלט־באַקאַנטן טרויער־נאָמען אספאָדעלן. אַן אַנדערש מאָל פאַרהאַלט זי מיך נעבן איר צריף. זי קוקט נאָך די פייגל אין די נעסטן און זי ווייזט מיר איינעם אַזאַ פויגל, אַ זייער קאָלירטן. דער פויגל איז נישט קיין היגער — זאָגט זי מיר — ער איז פון אַפריקע.

איך בלייב שטיין אויפן בערגל אַ פאַרגאַפטע:

אַזוי פיל שטילקייט, אַזוי פיל שטילע ווירדיקייט אין מיטן פון אונדזער דינאַמיש־צעקאָכטן, קליינעם לאַנד.

שיין זענען די בלומען אויף דעם פאַרחלומטן בית עלמין פון אַן איינגעגאַנגענער וועלט!

1957

40. בית אהרונסון

יונג געשטאָרבענע בלייבן אייביק יונג.

איך האָב שוין דערציילט וועגן ניטאַ לאַנגע און וועגן דניאל פריד־לענדער. איצט וועל איך דערציילן וועגן שרה אהרונסון — די סאַמע הייסע, די סאַמע דראַמאַטישע געשטאַלט פון דער לעגענדע זכרון יעקב.

אויך זי איז דאָ מיט פערציק יאָר צוריק אַרומגעפּאָרן רייטנדיק אויף אַן אַראַביש פערד איבער די שפּועים פון די בערג; אויך זי — אַ זעלטן שיינע — איז שוין אויסגעוואַקסן אַלס אַ צעפּיעשטשעטע טאָכטער ביי אַ פאַרמעגלעכן טאַטן; אויך זי איז אַוועק פון דער וועלט מיט אַ טראַגישן און פריצייטיקן טויט...

„די מוטער פון דעם ווייץ"

אַ יונג מיידל פירט מיך אַרום איבערן הויז און פון איר וועל איך אויף ס׳ניי געוואָר וועגן די מעשים, וועלכע גיבן אַן אַריינבליק אין דער העראָיק פון ערשטן דור געבוירענע אין לאַנד.

דער פאָטער פון דער משפּחה **אפרים פישל אהרונסון** מיט זיין פרוי **מלכה** האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל פון רומעניע אין די ניינצי־קער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. זייער עלטסטער זון **אהרון** האָט אַרויסגעוויזן גרויסע וויסנשאַפטלעכע פעיקייטן אויפן געביט פון באָטאַניק. ער האָט באַקומען אַ סטיפּענדיע פון דער ראָטשילד־פונדאַציע און פאַר־פולקאָמט זיינע סטודיעס אין פראַנקרייך. נאָכן צוריקקומען פון דאָרט האָט ער אויסגעריטן דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט, אָנ־געקליבן אַ גרויסע זאַמלונג געוויקסן פון ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער פון נאָענטן מזרח. מיט עטלעכע יאָר פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט אַן אינטערנאַציאָנאַלע, וויסנשאַפטלעכע גע־זעלשאַפט אויסגעשריבן אַ קאָנקורס אויף אַ פאָרשונגס־אַרבעט וועגן דעם אָפּשטאַם פון די תבואות, וואָס דערנערן די מענטשהייט. אהרון אהרונ־סון האָט צוגעשטעלט אַ באַווייז, אַז דאָס אור־געוויקס פון ווייץ — אַם

החיטה — שטאַמט פון ארץ־ישראל. ער האָט באַקומען דעם ערשטן פּריז פון קאָנקורס און אַ שם אין דער וויסנשאַפט אַלס באָטאַניקער.

די גוט קאָנסערווירטע הערבאַרן, די זאַמלונגען פון געטריקנטע גע־וויקסן אין פּאַפּירענע איינבונדן און אין גלעזערנע סלאָיעס, ווי אויך אַ היפּשע ביבליאָטעק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע און באָטאַנישע ווערק, פילן אויס דעם פּיין איינגעאָרדנטן זאַל און דאָס שטודיר־צימער פון דעם נייערן בנין פון בית אהרונסון.

דאָס וואָס איך וויל דערציילן האָט אָבער מער שייכות מיט דעם צווייטן, דעם קלענערן און עלטערן בנין, וועלכער גרענעצט אוממיטל־באַר מיט דעם אַלטן משפחה־הויז, אין וועלכן עס וווינט ביז איצט ר ב ק ה א ה ר ו נ ס ו ן — די לעצטע יורשטע פון דער משפחה. זי האָט אויפ־געהיט די אוצרות פון איר ברודער אהרון און זי האָט געוואַכט איבערן זכר פון איר שוועסטער שרה; זי האָט פון אייגענע פאָנדן אויפגעשטעלט די אינסטיטוציע און זי האָט זי מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איבערגעגעבן אין רשות פון דער געזעלשאַפט.

אַ קאַבינעט אין טערקישן סטיל

דעם באַזונדערן פליגל פון דעם אַלטן הויז האָט נאָך צוגעבויט דער פאָטער אפרים פישל, אַלס מתנה פאַר דעם זון, כדי ער זאָל קאָנען אַר־בעטן און שטודירן און נישט ווערן געשטערט דורך דער צאַלרייכער משפחה. אהרון מיט זיינע געשוויסטער און חברים האָבן אָבער באַנוצט דאָס צוגעבויטע הויז אויך נאָך פאַר גאַנץ אַנדערע צוועקן, וועלכע דער אַלטער פאָטער האָט אפשר נישט פאָרויסגעזען.

מען גייט אַריין אין אַ גרויסן פאָרהויז און פון דאָרטן אין אהרון אהרונסונס געוועזענעם וווין־צימער און אין זיין קאַבינעט. אַלץ איז דאָ געבליבן שטיין אַזוי ווי ס'איז געשטאַנען מיט פערציק און מיט פינף און פערציק יאָר צוריק. פאַר אַ מענטש, וואָס איז אָנגעקומען אין לאַנד ערשט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז גלאַט אינטערעסאַנט צו זען אַ מוסטער, ווי מענטשן האָבן דאָ געוווינט, געלעבט אין די טערקישע צייטן.

די צימערן זענען אויסגעפּלאַסטערט מיט רויטע באַלאַטן און דער טונקל־רויטער טאָן דאָמינירט אין גאַנצן הויז. אַ בעט, אַ טיש און טיש־

שלעך, אַ שאַנק, אַ ביבליאָטעק, אַ שרייב־טיש — אַלץ איז געמאַכט פון טונקעלן האָלץ, אַלץ אינקרוסטירט מיט פערלמוטער — אויף אַלץ איז קענטיק די האַנט פון אַן אומבאַקאַנטן, גרויסן מעבל־מייסטער. אין אַלע פאַרפּוצונגען חזרט זיך איבער דער מאָטיוו פון ווייצן־זאַנג — לכבוד דער אַנטדעקונג, וואָס עס האָט געמאַכט דער זון פון הויז.

אויף דער וואַנט הענגט אַ ריזן־טעפּיך און אונטער אים שטייט אַ נידעריקע און ברייטע סאָפע, וואָס איז איבערגעדעקט מיט פונקט אַזאַ גרויסן טונקל־רויטן סמירנאַ־טעפּיך, אויף וועלכן עס זענען אָנגעלייגט הויפנס קליינע קישעלעך אין זעלביקן טאָן. אַלץ איז אַזוי פריש און שיין, ווי ערשט נעכטן וואָלט געזעסן און פאַרבראַכט דאָ אַ פריילעכע חברה יונגע סיבאַריטן.

באַהעלטעניש

דאָס ביסל לוקסוס איז דאָ אָבער אפשר געווען, נישט מער ווי אַן אָנשטעל. דאָס מערקווירדיקע זענען דאָ נישט די שיינע אַנטיקן, נאָר די — באַהעלטענישן. אין אַלע מעגלעכע ערטער זענען דאָ פאַראַן פאַרבאָרגענע ווינקלען, אויסהוילונגען. דאָ רוקט מען אַוועק אַ ברעטל און עס אַנט־פּלעקט זיך אַ שופלעדל, דאָ הייבט זיך אויף אַ באַלאַטע אין דער פּאָ־דלאָגע און אויף אַן אַנדער אָרט לאָזן זיך אַרויסנעמען פיר באַלאַטן און אונטער זיי געפינט זיך אַן אַראָפּגאַנג אין אַ קעלערל, און אַן אונ־טערערדישער קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט ווייט ביז ערגעץ אַ צווייטן הויז און אַ צווייטן אַרויסגאַנג.

— אין דעם קעלער האָבן זיך געראַטעוועט אהרונס באַטאַנישע זאַמ־לונגען — דערקלערט מיר תקוה — שרה האָט זיי צו דער צייט באַוויזן צו באַהאַלטן. דאָס יונגע מיידל פון זכרון רופט די העלדן פון די געשעע־נישן בלויז ביים ערשטן נאָמען, מיט אַ טאָן פון אַ משפחה־נאָענטקייט, מיט אַן אינטימקייט און אוממיטלבאַרקייט, ווי אַלץ וואָלט געשען ערשט נעכטן און זי וואָלט געווען דערביי. און סך־הכל איז זי דעמאָלט נאָך אויף דער וועלט נישט געווען.

נצח ישראל לא ישקר

— וואָס „נילי” הייסט, ווייסט איר דאָך אוודאי? — פרעגט מיך תקוה — דאָס זענען די ראשי תבות פון דעם פסוק „נצח ישראל לא ישקר”.

אַזאַ נאָמען האָט אהרון געגעבן דער געהיימער אָרגאַניזאַציע, וועלכע ער האָט געשאַפן ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס איז געווען אַ מין האַלב־מיליטעריש קעמערל, וואָס האָט אויסגעשפירט מיליטערישע סודות פון דער טערקישער מאַכט און זיי איבערגעגעבן דער ענגלישער קריגס־קאָמענדאַנטור. אפשר איז דאָס געווען אַ מין אויסשפּירער־דער־גענצונג צו דעם יידישן לעגיאָן, וואָס האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט נעבן דער ענגלישער אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון זאב זשאַבאָטינסקי. פאַרשטייט זיך, אַז די מיטגלידער פון „נילי" האָבן נישט געטון זייער אַרבעט פאַר געלט, אָדער פאַר אַ וואַסער נישט איז פּערזענלעכן נוצן. זיי האָבן געטון, וואָס זיי האָבן געטון, מיטן גלויבן, אַז עס וועט ברענגען אַ ישועה פאַר דעם יידישן ישוב; אַז עס איז אַ וועג צו רעטונג און צו אויסלייזונג פון טערקישן יאָך. די דאָזיקע יונגע מענטשן האָבן נאָך דעמאָלט נישט געקאָנט וויסן, אַז דער ענגלישער יאָך וועט נישט זיין גרינגער. עס איז דעמאָלט געווען ערב דער באַלפור־דעקלאַראַציע...

דער ישוב האָט געוווּסט וועגן דעם גורל פון דער אַרמענישער באַ־פעלקערונג, וועלכע איז דורך די טערקן געוואָרן אומגעבראַכט אויפן אכזריותדיקסטן אופן, אונטערן אויסרייד פון גירושים. דאָס אויסזידלען די יידן פון די גרויסע שטאָט־צענטערס אין ארץ־ישראל האָט קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט.

ליכט־סיגנאַלן פונעם ים, אַ מעשה מיט אַ טויב

אַחוץ אהרונען מיט שרהן, ווי אויך זייער ברודער אלכס־נדר, האָבן צו די אָנפירער פון „נילי" געהערט: אבשלום פיינבערג, יוסף לישאַנסקי, נעמן בעלקינד. זייער אָבסערוואַציע־פּונקט האָט זיך געפונען אין עתלית. ענגלישע שיפן פלעגן אונטערקומען אין די נעכט און געבן ליכט־סיגנאַלן. אין אַ פישער־שיפל פלעגן צו זיי צושווימען די מענטשן פון „נילי", איבערגעבן און איבערנעמען באַריכטן, מאַטעריאַלן, אינסטרוקציעס. אַ שטיק צייט איז אַלצדינג צוגעגאַנגען גלאַטיק. זומער 1917 האָבן אָבער די חברה דערפילט, אַז מען שפּירט זיי נאָך. אין דער געגנט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ שמועס וועגן שפּיאָנען. אהרון איז דעמאָלט געווען אין מצרים, מיט דער טעטיקייט פון דער גרופּע האָט אָנגעפירט שרה. תיכף ומיד האָט זי פונאַנדערגעלאָזן דעם פאַרבינדונגס־פּונקט אין עתלית, אַריבערגעטראָגן אַלץ קיין זכרון — אַהער אין הויז. די אַרבעט איז ווייַ־

טער אָנגעגאַנגען, נאָר מיט מער פאַרזיכט. עס וואָלט אפשר אַלץ געווען אָפּגעלאָפן בשלום, ווען נישט די מעשה מיט דער טויב...

— וואָס פאַר אַ טויב?

— אַ פּאָסט־טויב.

מען פלעגט זיך באַנוצן מיט דרעסירטע טויבן. איינע אַזאַ טויב מיט שרהס אַ בריוו צום ברודער, האָט זיך פאַר דער צייט אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד — אויפן שטח פון אַ טערקישן לאַגער... דער טערקיש־דייטשער אויסשפּיר־דינסט האָט דעשיפרירט דעם בריוו און נישט קיין סך האָט געדויערט — האָבן זיי זיך דערקליבן צום מקור.

פּיין און אחריות

חול המועד סוכות איז געשען דאָס אומגליק. שרה מיט איר פּאָטער זענען געוואָרן אַרעסטירט. דאָ אין זכרון, נישט ווייט פון דעם הויז, אין בנין פון דער אָרטס־פאַרוואַלטונג, האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרהער, די מוראדיקע פּייניקונג. צוויי טעג און צוויי נעכט האָט מען שרהן געשלאָגן — זי זאָל אויסגעבן די סודות. קאָנפראָנטירט זי מיטן פאָטער, אין איר געגנוואָרט געפּייניקט דעם זקן, געמיינט דערמיט זי צו צעברעכן. שרה האָט אָבער אוסגענוצט די באַגעגעניש, כדי צוצוגעבן דעם פאָטער מוט, שטאַרקן זיין גייסט, גערופן צו אים, אַז זיי מוזן געבן אַ ביישפּיל דעם ישוב.

געזען, אַז מען וועט פון די אהרונסונס גאָרנישט אַרויסבאַקומען, האָט מען באַשלאָסן זיי אַוועקצופירן קיין דמשק — אויסן געווען ממשיך צו זיין די אויספאָרשונג, דערנאָך זיי אויפהענגען.

איז דעמאָלט שרהן איינגעפאַלן אַ פּאַרטל. זי האָט געבעטן, מען זאָל זי פאַרן אַרויספירן לאָזן אָפּטרעטן אין דער היים, זיך אָפּוואַשן און איבערטון. מען האָט מסכים געווען.

געקומען אַהער — ווייזט מיר תקוה דאָס גרויסע באַדצימער — האָט שרה אַרויסגענומען פון שאַנק אַ קלייד, וואָס אין זיין קעשענע האָט זיך געפונען אַ קליינער רעוואָלווער. זי האָט געעפנט די קראַנען, געלאָזט לויפן דאָס וואַסער, מען זאָל מיינען, אַז זי באָדט זיך. אין דער צייט האָט זי באַוויזן אָנצושרייבן אַ בריוו צו אַן עסקן פון זכרון; אַ העלפט פון דעם בריוו געווידמעט די ענינים פון די אַרבעטסלאָזע און הונגעריקע, וועלכע זי האָט נישט באַוויזן צו דערליידיקן. דאָס איז געווען איר צוואה. עס איז דעמאָלט געווען אין לאַנד אַ צייט פון גרויסער נויט.

אין מאָמענט ווען דער פּאַליציאַנט האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט שרה אויסגעשאָסן צו זיך אין מויל. די קויל האָט אָבער נישט גוט געטראָפן און זי האָט זיך נאָך געמוטשעט אַ פּאָר טעג.

אין טאָג פון ערשטן רעגן

כ״ג תשרי, דעם ערשטן טאָג נאָך סוכות, איז זי אויסגעגאַנגען. עס איז געווען דער טאָג פון ערשטן רעגן אין דעם יאָר. מען האָט זי געבראַכט צו קבורה אויפן בית־עולם פון דער מושבה. שרה איז דעמאָלט אַלט געווען 27 יאָר...

ווען שרה וואָלט נישט געווען דעמאָלט אומגעקומען, וואָלט זי איצט אַלט געווען 67, אָבער פון דעם בילד אויף דער וואַנט שטראַלט אַרויס אַ בליענד פּנים מיט שמייכלענדיק־פאַרחלומטע, יונגע אויגן. אַ קרוין פון צעפּ הויבט זיך איבער דעם קלוגן שטערן. אויף אַ צווייטער פאָטאָגראַ־פיע זעט מען זי מיטן צאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּלייצע, מעשה שילערין. אויף נאָך אַ בילד זיצט זי אויף אַ פערד אָנגעטון אין שטי־וועלעך מיט אַ רייטער־מיצל, שטיפעריש אויפגעריטן אויפן קאָפּ.

אַזאַ איז זי אַריינגעריטן אין דער אייביקייט. יונג־געשטאָרבענע בלייבן אייביק יונג...

די לעצטע געשטאַלט פון אַ לעגענדע

פון די אָנפירער פון „נילי" איז קיין איינער נישט געבליבן לעבן. אהרון אהרונסון איז מיט צוויי יאָר שפּעטער אומגעקומען אין אַן עראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע.

איינער פון די פיר יינגלעך — אבשלום — איז געווען דער חתן פון רבקה אהרונסון. זי האָט מיט קיין אַנדערן נישט חתונה געהאַט.

איך וואָלט איר וועלן זאָגן שלום. איך וואָלט וועלן זען אַ לעבעדיקן עדות פון דער לעגענדע.

אָבער אַ לעגענדע טאָר מען, זעט אויס, נישט מחלל זיין מיט ממשות־דיקע טרעפעניש. רבקה אהרונסון קאָן מיך נישט אויפנעמען דעם טאָג.

אויף צו מאָרגנס פאָר איך אַוועק פון זכרון. און ביז איצט ווייס איך נישט, צי בין איך געווען אין זכרון יעקב, צי אין זכרון ניטאַ, אָדער זכרון שרה?

1957

41. מפעל מיימון — פרייוויליקע לערער פאַר נייע עולים

אין אַ רעגן און בלאָטע

גערוען איז דאָס אין אַ קאַלטן רעגן־טאָג אין ירושלים. אַ חבר האָט מיך באַקענט מיט אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, וועמען איך האָב שוין אַמאָל געהאַט באַמערקט פון דער ווייטנס, ביים פּראָטאָקאָל־טיש פון דער כנסת. איך ווער געוואָר, אַז דאָס איז דער סטענאָגראַפיע־מומחה פון לאַנד, וואָס האָט נאָך מיט יאָרן צוריק אויפגעשטעלט דעם סיסטעם פון העב־רעישער קורץ־שריפט; פּראָטאָקאָלירט קאָנגרעסן, דערצויגן אַ דור יונגע סטענאָגראַפן. רעדן רעדט מען אָבער וועגן פאָרן אין א מעברה.

האַלב פינף פאַרנאַכט קומען אָן אויפן טרעף־פּונקט עטלעכע גאַנץ יונגע מיידלעך מיט לאַנגע צעפּ, וואָס הענגען אַראָפּ איבער די רעגן־מאַנטלען; מיט טעקעס אונטערן אָרעם, ווי גלייך פון דער שול אַרויס. דער סטענאָגראַף באַווייזט זיך אין אַ קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, פאַרהילט מיט ניילאָן קעגן רעגן. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז מען וועט פאָרן אין דער מעברה מיט עפּעס אַ דירעקטער מאַשין, און דאָ לאָזט מען זיך גאָר אַלע לויפן אין דער בלאָטע צו אַ צווייטן אויטאָבוס. מסתמא איז מיין מינע א ביסל זויער, ווייל דער מענטש מיטן ניילאָן־צודעק אויפן קאָפּ נעמט זיך פאַרענטפערן, אָט פּונקט אַזוי, ווי אים אַליין וואָלט נישט געווען קאַלט און אומגעמיטלעך צו טלוקען זיך נאָך אַ טאָג פון אַרבעט צו אַ ווייטער מעברה.

אַ גרוס פון בוך „שבטים"

— אַנטשולדיקט — זאָג איך נאָכן אָפּפאָרן עטלעכע סטאַציעס — איך האָב נישט דערהערט דעם נאָמען אייערן.

— מיימון הייס איך, יעקב מיימון.

— אַך, מיימון?! — ערשט איצט דערמאָן איך זיך, אַז איך האָב שוין וועגן אָט דעם ייד געלייענט אין זאַמל־בוך „שבטים". דער תימנער עולה ז כ ר י ה נ י ס י ם דערציילט דאָרט אין זיין שילדערונג „דרכי

בארץ" וועגן אַ לערער יעקב און זיין פרוי אסתר, וואָס האָבן אים געהאָלפן געפינען אַרבעט און אַ פּלאַץ אין לעבן פונעם לאַנד; וועגן זייער שטוב אין ירושלים, אין וועלכער עולים פון די מזרח־עדות גייען אויף און אָפּ, ווי אין זייער טאַטנס ווייַנגאָרטן.

מען שטייגט אויס. אַ רעגן, אַ ווינט, אַ חשכות. — עס איז נישט ווייט פון כביש — טרייסט ווידער מיימון, ווי אויף אים וואָלט עס נישט חל געווען.

„לערער" און „שילער"

מיר קומען אָן. אַ פאַרוואָרלאָזטער בנין ביים ראַנד פון אַ שטח, וואָס איז פאַרבויט מיט שטאָף־ און בלעך־ביידלעך, מיט אַלטע באַראַקן, פאַר־בליבענע נאָך פון דער ענגלישער אַרמיי. אין קליינעם פאָדערהויז — אַ מחנה מענטשן. אין דער ערשטער רגע אַ געמיש פון קולות, אַ כאַאָס. נישט געקוקט אויף דער קעלט, נעמט מיימון אַראָפּ זיין מאַנטל מיטן קאַפּעליוש און פון זיין גלאַנציק־גאָלן קאָפּ האָט ווי אַ שטראַל געטון מיט ליכט, מיט רו, מיט אָרדענונג. ער נעמט אַרויס אַ העפט און הייבט אָן „פאַרשרייבן" צוויי מינים מענטשן: „שילערס" און „לערערס". אין די צוויי צימערן פון ביידע זייטן פאָדערהויז שטייען שורות נידעריקע שול־בענק. מיימון זעצט אויס די „שילערס" און מיט אַ שנעלער און גע־שיקטער אָריענטאַציע טיילט ער צו יעדערן און יעדערער פון זיי זיין לערער, אָדער לערערין. אויף אָן איבערגעקערטן קאַסטן אין קלענערן צימער ליגט אָנגעלייגט אַ שטויס פון אַלטע לערן־ביכלעך, בליי־פעדערס, אַלטע פּראָטאָקאָלן, צונויפגעשלעפּטע אַהער דורך מיימונען. אויף דער לינקער זייט פון אָט די בלעטער נעמען אַרומפאָרן די קינדיש־אומגעשיקטע הענט פון מענטשן אין די מיטעלע יאָרן. אות נאָך אות, ציפער נאָך ציפער, פילן אָן די בלעטער. נאָך אַ מינוט פאַרגייט און דער רעש האָט זיך אינגאַנצן איינגעשטילט. די אַרבעט איז אין פולן גאַנג. איבער די צוויי צימערן טראָגט זיך אַוועק אַ שעפּטשען, אָן אינטים ברומען — ווי אַ דאַווענען.

ברילן, זייגערס, פּנימער פון אַלטע מיניאַטורן

איך קוק זיך צו צום אויסטערלישן בילד. דער רוב לערנערס זענען איבער דרייסיק, איבער פערציק, אַפילו איבער פופציק יאָר. די לערערס זענען כמעט אַלע אונטער צוואַנציק. ממש רירנד איז צו זען, ווי די

עלטערע לאָזן זיך באַלערנען דורך די ייִנגערע, דעם צוטרוי זייערן, די פֿאָלגזאַמקייט... אויפֿן עקזאָטישן פּאָן פֿון די שילער טרעט נאָך בולטער אַרויס די בלאָנדע שקאָציש־שיקסעשע „סאַברעשקייט" פֿון די, וואָס לערנען זיי.

פֿאַראַן אַ פּאָר געציילטע ייִדן פֿון רומעניע, צי פֿון אונגאַרן, וואָס וווינען אין דער מעברה און ווילן אויך געניסן פֿון אומזיסטן שפּראַך־לימוד. דער רוב זענען אָבער דורכויס עולים פֿון אַזיאַטישע, אָדער צפֿון־אַפֿריקאַנישע לענדער — פֿון עיראַק, פֿון טוניס, פֿון מאַראָקאָ, פֿון תּימן. נישט אַלע זענען קאָמפּלעטע אַנאַלפֿאַבעטן. פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס קענען אַ ביסל לייענען — אַלנפֿאַלס רעדן — נישט בלויז אַראַביש, אויך פֿראַנצויזיש, אָדער ענגליש. דאָ לערנען זיי א ו נ ד ז ע ר אלף־בית — די עבֿרי פֿונעם לאַנד.

שמאָלע שטערנס, לאַנגע נעז, פּראָפֿילן פֿון עגיפּטישע וואַנט־מאָלערייען, פֿון פּאַרצייטיקע סקולפּטורן. לאַנגע פּרויען־אויגן, רייכע, אויסטערליש געשווייפֿטע ברעמען... דער רוב איז נישט שלעכט אָנגעטון און דווקא לויט דער ישׂראלדיקער מאָדע — אין באַטל־דרעסן, ווינט־יאַקעס, אין טיכער אויף די העלדזער, ווי די סקויטן... אַ היפּשער טייל פֿון אָט די מענער און פֿרויען אַרבעטן און פֿאַרדינען. אַ סך טראָגן גראָבע רינגען און קודם־כּל זייגערס אויף די הענט — זייגערס, וואָס דינען נישט ווייניקער צום פּוץ, ווי צום נוצן... משפּחה־מוטערס אין צניעותדיק אויסגעבונדענע טיכלעך אויף די קעפּ גייען אָנגעטון אין ברילן, און אפֿשר איז אויך דאָס מער דעקאָראַציע, ווי אַ מיטל קעגן אָפּגעשוואַכטער ראיה — אַן אָנזעעוודיקער „כּלי לימוד" וואָס טראָגט אפֿשר ביי צום איינלעבן זיך אין דעם מעמד פֿון אַ לערנער.

„יעדער עולה — אַ קלאַס פֿאַר זיך"

וואָס עס אימפּאָנירט אַממיינסטן, איז די קאָנצענטראַציע, ווי מען טרעפֿט נישט אַלע מאָל אין אַן אמתדיקער „קלאַס". יעדעס פּאָרל פֿון אַ שילער מיט אַ לערער איז אייגנטלעך אַ קלאַס פֿאַר זיך. מיימון האָט אויסגעפֿונען, אַז אָט די מענטשן פּאַסן זיך נישט פֿאַר קיין קאָלעקטיוון לימוד. יעדער פֿון זיי פֿאָדערט אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג, אַן אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט.

„יעדער עולה איז אַ וועלט פֿאַר זיך" — שטרייכט מיימון כּסדר אונטער.

אַ גרויסע מענטשלעכע וואַרעמקייט אָטעמט פון דעם אַלעמען. פּני־מער, אויגן פול מיט אינטערעס. און ווידער דאָס שטילע, פרומע ברומען, ווי אין אַ ווייבערישער שול...

„קום, וועסטו זיין מיין לערערין!"

איך גיי אַריבער פון איין צימער אין אַנדערן. דאָ זע איך, זיצט אַ יידענע אין ברילן, סילאַביזירט און נעבן איר אַ יונג און מאגער בחורל, וואָס טייטלט פאַר איר די אותיות אין ספרל, ווי אַ פאַרצייטיקער מלמד. און דערביי וואָלט ער דרייסט געקאָנט זיין איר זון, אָדער אפילו איר אייניקל. אויף אַ צווייטער באַנק זיצט אַ יינגערע פרוי מיט אַ קליין מיידעלע אויפן שויס, וואָס זי האָט, זעט אויס, נישט געהאַט ווו איבער־צולאָזן. זי לערנט נאָך נישט. זי רעדט קודם עפּעס אַריין אין אויער צום יונגן מיידל, וואָס איז אפשר איר סטאַבילע לערערין.

איך ווער מיד שטייענדיק, זעץ זיך אַוועק אויף אַ ליידיקער באַנק. אָבער אָט האָט מיך ווער אָנגענומען פאַר דער האַנט, „געכאַפּט מיך אויף אַרבעט". — קום, זיי מיין לערערין — זאָגט צו מיר אַ פרוי — איך האָב נאָך נישט קיין לערער היינט...

אַ ביסל שפּעטער קומט אָן אַהער נאָך איין באַזוכערין — די שוועס־טער פון דעם פאַרשטאָרבענעם מיניסטער אליעזר קאַפּלאַן, די כנסת־דעפּוטאַטין ש ר ה כ פ ר י. זי איז שוין דאָ געווען אַ פּאָר מאָל.

— זה מפעל עצום — זאָגט זי צו מיר אין אַ זייט, ווי ס'וואָלט געווען אַ סוד. "דאָס איז אַ גרויסער אויפטו".

אַ קאַפּיטל ביאָגראַפיע

אויף צו מאָרגנס האָב איך נאָך אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט יעקב מיימון, געוואָר ווערן אַ ביסל פּרטים. ער איז געקומען אין לאַנד אין יאָר 1926, אַ צייט געאַרבעט פיזיש. זיין פרוי איז אַ געבוירענע אין חברון, אַ טאָכטער פון אַ ספרדישער משפחה. אייגנטלעך האָט זיך פון איר אָנגעהויבן די מעשה. צוזאַמען מיט מיימונס אַ שוועסטער פון אַמעריקע און מיט נאָך חברטעס פון אירגון אמהות עובדות, פלעגט זי אַרויס־פאָרן אין עולים־ישובים פון ירושלימער פּרוזדור, כדי מדריך צו זיין פרויען פון די מזרח־עדות אין נייעם לעבנס־שטייגער. אַריינגעבראַכט

אַ שוווּנג, אַ פילאָזאָפיע — אַ רעליגיע — אין דעם ענין האָט אָבער ערשט ער, דער מאָנסביל, יעקב מיימון.

די משפּחה האָט געבראַכט צוויי טייערע קרבנות: אַ זון איז געפאַלן ביי דער פאַרטיידיקונג פון צמח, און איידעם נישט גאָר לאַנג, ביים היטן די טשערעדע פון זיין קיבוץ.

„נישט אַלץ קאָן געטון ווערן פון אויבן"

תחילת, מיט דריי יאָר צוריק, האָט מיימון, צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון זיינע סטענאָגראַפיע־שילער אָרגאַניזירט די אַרבעט אין זיבן עולים־ישובים פון ירושלימער קאָרידאָר. די פריייוויליקע פלעגן אָנקומען אַהין מיט דער הילף פון עטלעכע מאַשינען, וועלכע זענען געשטעלט געוואָרן אין מיימונס רשות דורך דער אַרבעטס־מיניסטאָרין גאָלדע מאירסאָן. דערנאָך האָט זיך אָט די טעטיקייט קאָנצענטרירט אין דער מעברה תלפּיות מיט אירע אַכט טויזנט נפשות. אין דער אַרבעט זענען אַריינגעצויגן בערך 300 פריייוויליקע — ס׳רוב שילערס פון די מיטלשולן און גרופּעס יוגנטלעכע, וואָס ווערן צוגעשטעלט לויט דער ריי דורך יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. פאַראַן אויך אַ צאָל באַאַמטע, וואָס מיימון האָט ווערבירט, ווי אויך אַ פּאָר פּריוואַט־פּערזאָנען סתם. פיר מאָל אַ וואָך פאָרט מען אַרויס צו די לימודים. די פרעקווענץ איז נישט אַלע מאָל די זעלבע, אָבער דורכגעגאַנגען דורך די קורסן זענען שוין הונדערטער און הונדערטער נייע עולים.

— נישט אַלצדינג קאָן געטון ווערן פון אויבן — דורך דער סוכנות, אָדער רעגירונג — גיט מיר מיימון צו פאַרשטיין. עס איז נישט בלויז אַ פראַגע פון בודזשעט. אַפילו ווען מען קאָן אַלע הונדערט פּראָצענט פון די עולים פאַרזאָרגן מיט דירות און פּרנסות, וועט נאָך אַלץ נישט אַלצדינג זיין פאַרענטפערט.

נייע עולים ליידן פון אַ מינדערווערטיקייטס־געפיל לגבי איינגעזעסענע עלעמענטן; די עולים פון די מזרח־לענדער פילן זיך הינטערשטעליק לגבי די, וואָס זענען געקומען פון אייראָפּע. „אַ נייער עולה, — דרשנט מיימון — קאָן זיך פילן פרעמד אין שענסטן בנין און ער קאָן זיך פילן אין דער היים אין אַ געצעלט, אין דחקות — אויב ער טרעפט נאָר אָן אויף אמתער ברודערשאַפט מצד אַנדערע יידן.

— הייסט עס, אַז די קורסן אייערע זענען נאָר אַן אויסרייד אַזאַ,

אַ מיטל צו אַ ציל און נישט אַ ציל פֿאַר זיך? — וואָרף איך אַריין אַ פֿראַגע. מיימון דערקלערט מיר אָבער, אַז דער לימוד פֿון עברית איז סיי אַ ציל און סיי אַ מיטל צו נאָך אַ ציל. אַ סך עולים האָבן פֿון די קורסן אַ פּראַקטישן נוץ. דאָס לערנען לייענען און שרייבן, דאָס באַהערשן קאָרעקט די שפּראַך, פֿאַרלייכטערט זיי דאָס איינאָרדענען זיך ביי אַן אַרבעט, דעם צוגאַנג צו פֿאַך־בילדונג, אַן אַוואַנס אין דעם באַרוף. פֿאַראַן אָבער דערציערישע ווערטן און אַוואַנסן, וואָס זענען נישט ווייניקער וויכטיק. אַט דאָס איז דער ריינער ריווח פֿון די „עברית־קורסן", וואָס לאָזט זיך נישט אויסדריקן אין קיין שום ציפֿערן פֿון קיין שום אַמת.

כוונה איז וויכטיקער פֿון לומדות

פֿאַראַן אַזעלכע עלטערע און ייִנגערע שילערס, וואָס שעמען זיך, זענען אומפֿעיִק, קאָמפּליצירט, „פֿאַרקאָמפּלעקסירט". די פּריוויליקע פּע־דאַגאָגן פֿון מיימונס חדר האָבן אויף דעם פּונקט אַ באַזונדערע אַמבי־ציע. אַט איז, למשל, אַ מעשה מיט איינעם אַ ייִדן פֿון קורדיסטאַן, וואָס האָט געהאַט אַ זייער שווערן קאָפּ צום לערנען, און אויב ער האָט זיך שוין יאָ עפּעס אויסגעלערנט, האָט ער עס צומאָרגנס ווידער פֿאַרגעסן. און דאָך האָט ער נישט געוואָלט מוותר זיין און אויך אויף אים האָט מען נישט מוותר געווען. צום סוף האָט איינגעביסן אַט די האַרטע נוס אַן עולה פֿון דייטשלאַנד, ק אַ ר אָ ל י נ אַ ד אָ ר ט מ ו נ ד, וואָס קאָן אַליין נישט קיין סך עברית. דער עיקר איז דאָ אָבער געווען נישט די מאָס פֿון וויסן, נאָר די מאָס פֿון געדולד — די מאָס פֿון האַרץ.

— כוונה איז וויכטיקער פֿון חכמה" — פּירט אויס מיימון, ממש ווי אַ חסידישער רבי.

ספּעציעלע פֿאַלן

זענען אויך די „לערערס" ביי מיימונען אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך. ער דערציילט מיר וועגן נאָך פֿאַלן פֿון „לערערס", וואָס זענען מער „ווע־לערס", ווי „וויסערס". און דווקא זיי דערגרייכן רעזולטאַטן אין זייער מלמדות.

אַט זענען אַ מ ל כ ה און אַ צ י פּ ו ר ה פֿון מאַראָקאָ, וואָס האָבן נישט געקאָנט באַהערשן דעם אלף־בית. זייער גואל איז געוואָרן אַ יונגער בחור, נ ת ן כ ה ן, דאָס זינדל פֿון דעם שומר, וואָס היט דעם

לערן־בנין אין תלפיות און איז אַליין נישט לאַנג געקומען פון טוניס. אַט איז אַ ס ע ד י ה און אַ י ו נ ה פון תימן, וואָס מיט זיי זענען זיך מטפל צוויי פרויען — אַליין נישט קיין גרויסע למדנטעס — איינע פון דרום־אַפריקע, די צווייטע פון אַ דרום־אַמעריקאַנער רעפובליק. און אָט איז נאָך איינער אַ „לערער״ — ח י י ם ע נ ג ע ל — אַ יתום — וואָס איז געקומען אין לאַנד מיט דער עלית הנוער. איצט לערנט ער אַ פאַך, פאַרדינט אַליין זיין אויסהאַלטונג. ער איז אַ בלאָס, מאָגער יינגל — אָבער עפּעס איז אַזוינס פאַראַנען, וואָס טרייבט אים, נאָך אַ טאָג פון שווערן אָנשטרענג, קומען אַהער, פאַרלענגערן די מי...

משוגע לדבר אחד

איך באַטראַכט אַ סעריע פאָטאָגראַפיעס, גענומענע דורך איינעם פון די מתנדבים. יונגע פּנימער, געבויגן איבער גראָע קעפּ, איבער ווייבערישע קאָפּן־טיכלעך. שלאַנקע, נאַקעטע פיס פון „סאַברעס״ נעבן געשטאַלטן מיט באָרד און פּאות.

אַז מען וויל זענען דאָס קורסן פאַר אַנאַלפאַבעטן, ווי זיי זענען פאַראַן אין אַנדערע מדינות, אפשר אין אַ פיל ברייטערן מאָסשטאַב — אַ פּשוטע זאַך! און אַז מען וויל, איז דאָס עפּעס איינמאַליקס און מערקווירדיקס, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער טיפעניש פון אונדזער פאָלקס־נויטווענדיקייט.

יעקב מיימון קומט מיר פאָר, ווי אַ גרינדער פון אַ סעקטע, אַ מענטש מיט אַ טיפן און פאַרהוילענעם עקסטאַז, וואָס האָט זיך פאַר־קליידט אין דעם לבוש פון גראָער זאַכלעכקייט.

מיט זיין גלויבן האָט ער דורכגעבראָכן די ספקות פון אַנדערע. געראַנגלט זיך פאַר יעדער באַנק, פאַר יעדן פונט אויף דעקן כאָטש די אויסגאבן פון די נסיעות. היינט האָט שוין זיין שיטה זוכה געווען צו דער אָנערקענונג פון דעם בילדונגס־מיניסטעריום; זי האַלט ביים אָנ־געווענדט ווערן אין אַנדערע אָרטשאַפטן.

„משוגע לדבר אחד״ — רופט מען אין ישראל אַ מענטש פון דער קאַטעגאָריע, וואָס איז אַריינגעטון מיט לייב און לעבן אין איין געדאַנק, אין טראַנס פון איין אַרבעט. אָט אַזעלכע „משוגעים״ זענען עס די ל״ו צדיקים, וואָס אויף זייערע פּלייצעס רוט אונדזער וועלט.

1954

ה· באגעגענישן

42. גאָלדענע זונען

(וועגן דעם דיכטער און „פּרדסן" אריה שמרי)

ביז מיין קומען קיין ישראל האָב איך כמעט נישט געוווּסט, אַז מיר פאַרמאָגן אַ דיכטער מיטן נאָמען אריה שמרי; אַ פּאָעטישן, אַן אינטע־לעקטועלן כוח — אַ שרייבער, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך שמרין געהערט רעדן אין יאָר 1950 אויף אַ באַגעגעניש מיט לייוויקן. ער האָט געטון אַ בליץ מיט געלייטערט יידיש באַוווּסטזיין, מיט געשליפענעם וואָרט.

איך האָב גענומען לייענען שמריס לידער און האָב אין זיי געפונען דעם אויסדרוק פון דער צווייטער פאַרבונדקייט זיינער: פון זיין שייכות צו באָדן, צום מענטש און אַפילו צו די געוויקסן פון דעם לאַנד, ווו ער געפינט זיך שוין גוטע עטלעכע צענדליק יאָרן.

און פאַרוואָס הייסט ער עפּעס אריה? מסתמא האָט ער אין זיין געבורט־שטעטעלע, קאַלושין, געהייסן — לייבל. ווען איך האָב געזען זיינע צוויי הויך־געוואַקסענע זין, ווי די לייבן, האָב איך זיך משער געווען, אַז דאָס האָט ער געמאַכט פון זייערטוועגן. די סאַבּרעס אין די קיבוצים זענען זיך אַזוי נוהג: די מאַמע רופט מען מאַמע, אָבער דעם טאַטן רופט מען ביים פאַרנאָמען — דאַרף מען, אַז זיי זאָלן דעם נאָמען פאַרשטיין. און שמרי הייסט ער אַוודאַי צוליב דער זעלבער סיבה, צוליב וועלכער יידן האָבן אַ מאָל באַקומען אַזעלכע נעמען, ווי לובלינער, אָדער קאַלישער. ער האָט זיך אָנגערופן אויפן נאָמען פון זיין קיבוץ. ער איז דער מענטש פון עין שמר.

און כדי מקיים צו זיין דעם כלל, אַז ווער עס וויל פאַרשטיין דעם דיכ־טער, מוז גיין אין זיין לאַנד־ש אַ פ ט — האָב איך זיך אין איינעם אַ פריי־טיק אַרויסגעלאָזט מיטן אויטאָבוס איבער חדרה צום עמק חפר, קיין עין שמר אויף שבת.

אין שמריס לידער ווערט דער קיבוץ אָנגערופן „דאָרף". די מיט בלו־מען אַרומגערינגלטע, מיט דינע קאָלומנעס אונטערגעשפּאַרטע ווין־הייזער

זעען אויס אַ ביסל, ווי ווילעס פון אַ צוקונפט־לאַנד און אַ ביסל, ווי די מעשה־הייזלעך פון אַ ביכל פאַר קינדער. דער גאַנצער ישוב איז מיר פאַר־געקומען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם געמיש פון טיף ערנסט און איי־ביק יוגנטלעך, וועלכער איז אפשר אַ טיפּישער שטריך פון דער באַוועגונג „השומר הצעיר".

אין קיבוץ עין שמר האָב איך געהאַט צו באַזוכן נאָך אַנדערע פריינט: די פריש פון פוילן צוריקגעקומענע משפחה אוכמני־גורפיין. אין פוילן האָב איך זיי קענען געלערנט, ווי דיפּלאָמאַטן מיט דיפּלאָמאַטן גלייך, און אין ישראל האָב איך זיי געטראָפן צוריק ביי זייער קיבוצישער, פיזישער אַר־בעט. איך בין דעמאָלט ממש נתפּעל געוואָרן פון אָט דעם פאַקט. זיי זענען מיר פאָרגעקומען, ווי די רוימישע שטאַטס־מענער, וועגן וועלכע מען האָט אַ מאָל געלערנט אין די לאַטיינישע שול־ביכלעך, אַז פון דעם אַקער־אייזן פלעגט מען זיי אָוועקנעמען, כדי זיי איבערצוגעבן די העכסטע כבודים און אחריותן פון דער מלוכה און צו דעם אַקער־אייזן פלעגן זיי זיך אומקערן, ווען עס פלעגט אָפּלויפן זייער אַמט־צייט.

אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. סיי דער געוועזענער יועץ פון דער ישראל־געזאַנדשאַפט אין וואַרשע, עזריאל אוכמני, סיי זיין פרוי רבקה גורפיין, פאַרבינדן וויטער מיט זייער פיזישער אַרבעט אין קיבוץ אויך געזעלשאַפטלעכע און שריפטשטעלערישע טעטיקייט. אַ חוץ זייביידע און שמריך, זענען פאַראַן אין עין שמר נאָך שריפטשטעלער און בכלל איז עין שמר נישט דער איינציקער קיבוץ אין לאַנד, וואָס איז אַ חוץ אַ לאַנדווירט־שאַפטלעכער פונקט, אויך אַ צענטער פון גייסטיקן שאַפן, אויך אַ ווינקל פון בילדונג און קולטור־לעבן. פאַראַן דאָ אַ פיינער לייען־זאַל, אַ ביבליאָטעק, פאַראַן אַ גוט אָוועקגעשטעלטע פאָלקס־שול, אַ בילדונגס־צענטער פון עו־לים־יוגנט און אַ קאָעדוקאַטיווע מיטלשול.

אַזאַ איז ער אָט דער ניי־מאָדישער יידישער ישוב, וועלכער ווערט באַזונגען אין די לידער פון אריה שמרי. וואָס עס איז אָבער אויף אַן אמת מערקווירדיק, איז דער פאַקט, וואָס אריה שמרי שרייבט אין אָט דער סביבה זיינע לידער אויף י י ד י ש. אמת, מיר פאַרמאָגן אין לאַנד נאָך אַ גאַנצע ריי דיכטער און פּראָזאַיקער — בפרט פון דער גרופּע „יונג ישראל" — וואָס לעבן אין קיבוצים און שרייבן יידיש. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז דער „השומר הצעיר" איז, אַפילו אין די גלות־לענדער, געווען פון די אַממייניסטן העברעיזירטע יוגנט־באַוועגונגען און אַז עין שמר איז אַ דורכויס

העברעיזירטער קיבוץ מיט אַ סטאַזש פון העכער אַ פערטל יאָרהונדערט. און נאָך מער וווּנדער: דער זעלבער העברעיש־ראַדיקאַלער „השומר הצעיר" און זיין פאַרלאַג „ספרית הפועלים" ווייזן אַרויס די פולע פאַרשטענדעניש פאַר זייער חבר, דעם יידישן פּאָעט און גיבן אַרויס שמריס בענדער לידער אין דער יידישער שפּראַך!

פון אריה שמרי האָב איך נאָר־וואָס דערהאַלטן דאָס בוך „אין וואַכיקן ליכט". איך האָב עס מיטגענומען מיט מיר, געלעזן אויפן וועג די לידער. און אָט טרעפן מיר זיך פרימאָרגן אויף אַ סטעזשקע צווישן ביימער. מיר לאָזן זיך אַוועק אויף אַ שפּאַציר. שמרי וויל מיר ווייזן די סעדער און די פּרדסים פון עין שמר. שמרי פאַרמאָגט נאָך איין ספּעציאַליטעט אין זיין קיבוץ — ער איז אַ פאַכמאַן אויפן געביט פון האָדעווען ביימער און פרוכטן.

*

נאָך ליגט מיר אין טעם יענער פרימאָרגן־גאַנג אין פרילינגדיקן שבת. דאָס שפּאַנען צווישן די שורות ביימער און באַוואָסערונגס־רערן, איבער אַ שטח אַ באַשפּרענקלטן מיט ווייסע פליטערלעך פון אָפּגעשיטן צוויט. מיר זענען געבליבן אין זכרון די אויפקלערונגען, וואָס ער האָט מיר געגעבן וועגן דער נאַטור פון בוים און פרוכט. זיין פאַכמענישער און פּאָעטישער פּירוש צו דער טיפער תורה פון בליאונג און באַפרוכפּערונג, פון סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס צווישן ביימער־גאַטונגען.

פון צייט צו צייט האָט זיך שמרי אַראָפּגעבויגן, געטון עפּעס אַ מייסטרעווע ביי אַ שלעכט צוגעדרייטן קראַן פון אַ וואַסער־רער; דאָ און דאָרט אָפּגעבראָכן, אָדער אויסגעגלייכט עפּעס אַ צווייגל. און אָט האָט ער באַקומען עפּעס אַן אָנגעבלאָזן, ערנסט פּנים: מסתמא האָט ער זיך נאָטירט אין זכרון, אַז מאָרגן וועט מען דאַרפן אַהער צוגיין, עפּעס גענויער בודק זיין. אין אַ געווויסן מאָמענט האָט ער מיך אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שליסל, געטון אַ דריי און מיט אַ מאָל האָט מיט הונדערט שטראַלן געטון אַ שפּיל, אַ טאַנץ, אַ צעפּינקל זיך מיט זילבער און מיט דימענטן דאָס באַוואַסערונגס־ווערק. מיט קינדישן שטאָלץ, מיט אַ ביסל ווילדער פרייד, האָבן געטון אַ פינקל פון אונטער די דיקע ברילן אריהס אויגן ...

ער האָט פאַרדרייט דעם קראַן און מיר זענען ווייטער געגאַנגען. ער האָט ווייטער גערעדט וועגן ביימער, וועגן מענער־ביימער און פרויען־ביימער, וועגן „ליבעס" צווישן ביימער.

אַלץ, וואָס אריה האָט גערעדט, איז געווען אויף דער גרענעץ צווישן ערנסט און שפּיל. איך האָב נישט געוווּסט און נישט געוואָלט וויסן, ווו עס ענדיקט זיך די מומחיות און ווו הייבט זיך אָן פֿאָעטישע פֿאַנטאַזיע, ווו זענען די פֿאַקטישע זאַכן און ווו שימערט דאָס בלויע ליכט...

די צענדליקער נעמען פֿוןביימער, וואָס איך האָב מיר דעמאָלט פֿאַר־שריבן פֿון אריהס מויל, האָב איך ביז היינט נישט אויסגענוצט.

זינט יענעם שפּאַציר מיט שמרין איבער די פּרדסים פֿון עין שמר, האָב איך אָבער מיט אַנדערע אויגן גענומען קוקן אויף בליענדיקע ציטרוס־ביי־מער. דער ריח פֿון די ציטרוס־בליטן האָט פֿאַר מיר גענומען שמעקן מיט אַן אָטעם פֿון יידישער דיכטונג. די שווערע, מיט רייפֿער זיסקייט און מיט וויטאַמינען אָנגעגאָסענע גאָלד־קוילן, גלאַנצן אָפּ אין מיינע אויגן מיט דער וואַרעמער עשירות אויך פֿון יידישן וואָרט.

*

טונקל־גרין און פֿאַרהוילן זויגן די מאַראַנצן אין משך פֿון לאַנגע חד־שים די גליאונג און דאָס ליכט פֿון דעם זומער און ערשט אין די טונקעלע טעג פֿון שווער־טראָגנדיקע נעפּלען לויכטן זיי אַליין אויף, ווי טויזנטער קליינע זונען אונטער די ווינטערדיקע וואָלקן־הימלען פֿון ישראל.

טאָ ווער זאָל דערציילן פֿאַר די יידן אין דער גאָרער וועלט — ווער זאָל באַזינגען די פּעולה פֿון די הדרים? ווער, אויב נישט אַ יידישער דיכ־טער, וואָס האָדעוועט אַליין אויף די ביימער קליינע זונען אין געשטאַלט פֿון הדרים?!

1953

43. לידער פון אַמאָל

אין אַ שטיבל אויף קינג דזשאָרדזש

דאָס פּאַרטער־הייזל אויף דער גאַס קינג דזשאָרדזש אין תל־אביב איז אַ ביסל אַריינגערוקט אין אַ ליקל. אין דעם הייזל וווינט ר׳ א ה ר ו ן פ א ל י ו ו א מיט זיין פרוי ג אָ ל ד ע. אין אַ שטוב דערנעבן וווינט זיין טאָכטער צ פּ ו ר ה מיט איר מאַן מ ש ה און די צוויי זינדלעך א ו ר י און י ש ר א ל. די גאַנצע משפּחה איז זיך מפרנס פון דער קליינער איינבינדער־ווערקשטעל, וווּ ר׳ אהרון אַרבעט צו זיינע 80 יאָר — ביז הונדערט און צוואַנציק — פּונקט ווי מיט 40, צי 50 יאָר צוריק אין שטעטעלע קאָרעץ אין וואָלין.

קאָרעץ, קאָרעץ... עפּעס דערמאָנט אונדז דער נאָמען. אין קאָרעץ האָט זיך אין די גאָר אַלטע צייטן געפונען אַ גרויסע דרוקעריי פון ספרים: סידורים, חומשים, מחזורים, משניותן. פאַרוואָס זשע איז אונדז קיין מאָל נישט איינגעפאַלן זיך צו פאַרטראַכטן, ווער האָט עס געמאַכט די שיינע, ברוינע שפּיגל־איינבונדן, וואָס האָבן באַשיינט די אַלמערס אין יידישע שטיבער און זענען איבערגעגאַנגען בירושה פון טאַטן צום זון?

געווען אַ צעך איינבינדער ביי יידן. זיצנדיק איבער זייער זשמודנער אַרבעט האָבן זיך די איינבינדער דערביי צוגעחלומט, צוגעזונגען...

חברה שניידער, וואָס האָבן גענייט חתונה־קליידער, זענען געווען פאַר־פאַסער פון פריילעכע גראַמען, וועלטלעכע ליצנות, ליבע־לידער. איינבינ־דערס, וואָס האָבן געאַרבעט ביי פרומע ספרים, האָבן געהאַט מער פרו־מע געדאַנקען. זיי זענען געווען פאַרפאַסער, אָדער וויניקסטנס זינגערס פון לידער, וואָס אין יעדן פון זיי איז געווען עפּעס אַ מוסר השכל, אַ משל אויפן זינדיקן מענטש.

אַזוי שטעל איך מיך פאָר... ר׳ אהרון איז מסתמא איינער פון די לעצטע יידישע איינבינדער־טרובאַדורן. מיט אַ וווּנדערבאַרער שמיעה, מיט אַ גלענצנדן מוזיקאַלישן זכרון! ער האָט אַריבערגעפלאַנצט דעם שטייגער פון קאָרעץ קיין תל־אביב.

דער טאַטע מיט באָרד און פּאות און די זין די חלוצים

— ווי לאַנג געפינט איר זיך אין לאַנד? — פרעג איך ר' אהרונען בעת אַ באַזוך ביי אים אין שטוב.

— פינף און צוואַנציק יאָר — ענטפערט ער — אפשר אַפילו שוין מער.

פרעג איך אים: — ווי קומט עס, וואָס אַזאַ ייד, ווי איר, איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל? איר זענט געווען אַ ציוניסט?

— מיינע קינדער האָבן מיך אַהער אַרויפגעבראַכט, מיינע צוויי זין. זיי זענען געפאָרן אַלס חלוצים, דערנאָך געצויגן די משפחה.

— און פון וואַנעט האָט איר גענומען די לידער? איר האָט זיי גע־האַט פאַרשריבן, צי איר האָט זיי געדענקט אויסנווייניק?

— איך האָב געהאַט אַזאַ גאַנץ העפט — ענטפערט ר' אהרון און דערציילט, אַז ווען ער האָט געהאַלטן ביים אַוועקפאָרן קיין ארץ ישראל, האָט אים יעדער פון זיינע קרובים און פריינט אין שטעטעלע קאָרעץ אַריינגע־שריבן אין העפט אַ ליד. דאָס העפט האָט זיך געהאַלטן יאָרן. ר' אהרון און זיינע קינדער האָבן עס שטענדיק געלייענט און געזונגען דערפון. דערנאָך האָט עס איינער אַוועקגעליען און האָט עס מער נישט צוריקגעגעבן.

על נהרות בבל...

— אמת אַ שאָד — זאָג איך — אַזעלכע לידער, וואָס מען האָט גע־זונגען מיט 50 יאָר צוריק! — אָבער ר' אהרון טרייסט מיך, אַז עס מאַכט נישט אויס. אויב עס זאָל זיין אַ בעלן, קען ער אַלע לידער „אויפגעבן" אויף ס'ניי. ער געדענקט זיי אַלע מיטן גענויען טעקסט און מיט דער מע־לאָדיע. ער וואָלט אַפילו דורכויס געוואָלט, אַז די לידער זאָלן פאַרשריבן ווערן. עפעס האָט עמעצער אַמאָל אין אים איינגעפלאַנצט אַ פאַרשטענ־דעניש דערפאַר, ווי וויכטיק עס איז אויפצוהיטן אַלטע לידער. בפרט האָלט ער פאַר וויכטיק אַ ליד, וואָס אַן אַלטער ניקאָלייעווסקער סאָלדאַט האָט עס געזונגען, ווען ער איז אַהיימגעקומען נאָך 25 יאָר סלוזשבע קיין קאָ־רעץ. איך בעט ר' אהרונען ,ער זאָל מיר אויפזינגען דאָס ליד און ער טוט עס זייער גערן. מיט אַ ציטערדיקער, אָבער קלאָרער שטימע, מיט אַ האַר־ציק־יידישלעכער אינטערפּרעטאַציע, מיט אַ טיפער איבערצייגונג, זינגט ער אַ סטראָפע נאָך אַ סטראָפע:

פון דעם גלות בבל, פון דעם וויסטן אָרט
וואָס ווילט איר פון דאָרטן הערן?
אַלע טייכער, וואָס פליסן דאָרט,
דאָס זענען יידישע טרערן.
דאָרט אונטער די געדיכטעביימער
זענען די לוויים געזעסן געפאַנגען
און פון דעם בית־המקדש אַלע כלי נגינה
זענען אויף די צווייגן געהאָנגען.
דאָ לויפט צו דער פיינט צו זיי —
צו אונדזערע הייליקע ברידער —
און טוט אויף זיי אַ גרויס געשריי:
שפּילט אונדז ציונס לידער!
אַז אַך און וויי צו אונדזערע הענט!
ווי אַזוי קאָנען מיר שפּילן ציונס לידער?
אַז ירושלים איז פאַרברענט,
אין גלות זענען אונדזערע ברידער.

און דווקא קומט מיר דער טעקסט פאַר באַקאַנט. צי איז דאָס נישט אַ וואַריאַנט פון אליקום צונזערס אַ ליד? אויך אליקום צונזער איז דאָך געווען אַ קאַנטאַניסט...

און אָט זינגט ר׳ אהרון ווידער און אויך דער טעקסט קומט מיר פאַר אַ ביסל ווי באַקאַנט:

אַ בוימעלע האָבן אונדזערע אבות אבותינו
אין דער ווילדער וויסטע פאַרפלאַנצט,
מיט פראַכט און מיט שיינקייט האָט דאָס איינע
פון אַלע ביימעלעך אַרויסגעגלאַנצט.

דאָס ליד איז אַ משל אויפן יידישן פאָלק:

נישט לאַנג האָבן געדויערט די גאָלדענע צייטן,
נישט שטענדיק האָט דעם ביימעלע געגליקט,
ווינטן שלעכטע פון אַלע זייטן
האָבן שוואַרצע וואָלקנס אָנגעריקט.
דער שטורעם האָט אַרויסגעריסן אַלע בלעטער,

דער בליץ האָט פאַרברענט מיט זיין פלאַם,
אַלע פייגעלעך צעטריבן,
נאָר דער בוים איז אונדז פאַרבליבן,
דער איינציקער נאַקעטער שטאַם.

יעדע סטראָפע פון אָט דעם משל ענדיקט זיך מיט אַ רעפרען:

דעם משל פאַרשטייען מיר גאַנץ גוט,
דער משל פּאַסט זיך פאַר דעם ייד.

אַוודאַי פאַרשטייען מיר דעם משל...

אָט אַזוי שפּינט ר׳ אהרון פאַליווע דעם גאָלדענעם פאָדעם פון פאָלקס זכרון. פון ר׳ אהרונס מויל האָט שוין פאַרשריבן אַ ריי טעקסטן מיט מע־לאָדיעס דער באַוווסטער פאָלקלאָריסט ד״ר יום טוב לעווינסקי, געדרוקט זיי אין דער צייטשריפט „ידע עם״. דער עלטערער זון פון ר׳ אהרונען, יוסף אברהם, איז שוין אַ געשולטער מוזיקער. ער האָט געשפּילט אין הובערמאַנס אָרקעסטער און אויך ער האָט פאַרשריבן פון פאָטערס מויל לידער מיט נאָטן.

הגברת צפּורה

אַרומגעבונדן מיט אַ פאַרטעך קומט אַריין בשעת דעם געשפּרעך פון דער צווייטער שטוב ר׳ אהרונס איינציקע טאָכטער צפּורה. מיידלוויז האָט זי געזונגען אין אַ תל־אביבער כאָר און אַפילו איצט, אַלס מאַמע און בעל־הביתטע ביי זיך אין שטוב, האָט זי אויך ליב אַ מאָל אויפצוזינגען איינס פון די אַלטע לידער. זי זינגט זיי מלאה צניעות, מלאה חן, ווי אַן אמתע יידישע טאָכטער פון פאַרצייטנס. פאַמעלעך, פאַרחלומט, פול טעם. אויף מיין בקשה זינגט זי אַ פּאָר סטראָפן פון דעם ליד, וואָס איר ברודער האָט פאַר־שריבן מיט די נאָטן.

„פון דעם געבוירן ביז דעם פאַרלוירן״

„פון דעם געבוירן ביז דעם פאַרלוירן״ הייסט דאָס דאָזיקע שיינע און טרויעריקע פאָלקס־ליד:

אַז איך בין געווען אַ קליין קינד,
האָט מען מיר ציגעלע־מיגעלע געזונגען.

און צו דערצו האָב איך געגלוסט,
צו דעם שיינעם ציגעלע האָב איך געגלוסט,
מיט דער האָפענונג האָב איך געהאָפט,
געהאָפט און געהאָפט און ס'איז אַלץ אומזיסט.
דאָס שיינע ציגעלע איז
אַזוי ווי אַ חלום פאַרפלויגן...

דערנאָך קומען ווייטערע עטאַפּן. מען זאָגט צו דעם יינגעלע, וואָס הייבט אָן גיין אין חדר, אַ שטייגעלע מיט אַ פייגעלע; דערנאָך זאָגט מען צו דעם בר־מצווה־בחור אַ שיין זייגערל; דערנאָך זאָגט מען אים צו אַ שיינע כלה; דערנאָך אַ שיינע פרנסה. און ער גלוסט און ער האָפט, אָבער אָט גייט שוין אַלץ צו ענד און:

עס איז אַלצדינג אומזיסט...
די שיינע פרנסה איז גיך ווי אַ חלום פאַרפלויגן.
די שיינע פרנסה האָט זיך גאָר פאַר אַן עלטער פאַרשטעלט —
דאַרף מען שוין טראַכטן פון יענער וועלט...

צפורה איז שוין אויפגעוואַקסן אין ארץ־ישראל, אָבער כאָטש אַזוי זינגט זי אויך דעם טעקסט מיטן קנייטש און מיטן אַקוראַט, מיטן חנפדיקן קאַרעצער, וואָלינער דיאַלעקט. „איך האָב געאָפט און געאָפט" — זאָגט זי און ציט ווייטער די סטראָפן וועגן די אַנטוישונגען פון מענטשלעכן לעבן. בכלל האַלט זי נאָר פון לידער מיט אַן ערנסטן אינהאַלט, מיט טיפע רמזים. אַמבעסטן געפעלט איר דאָס ליד וועגן די „מאַטראָסן", וואָס אויך דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ משל אויפן מענטשלעכן לעבן:

די וועלט איז אַ ים — זייער טיף,
אונדזער לעבן איז ווי אַ שיף,
וואָס מיר מענטשן פאָרן אין איר
און די מאַטראָסן זענען מיר.
פון די זייטן הערט מען בלאָזן,
שנעל איז די רייזע אַוועק,
ערשט ביסטו פון דער היים —
אוי — אַרויסגעפאָרן,
דו האָסט שוין פאַרענדיקט דיין וועג.

אויף די באבע וויל זינגען אַ ליד

אַז מ׳זיצט אַ ביסל לענגער אין ר׳ אהרונס שטיבל אויף קינג דזשאָרדזש, שטעלט זיך אַרויס, אַז אויף זיין פרוי גאָלדע געדענקט טעקסטן מיט מע־לאָדיעס. עס איז מיט פופציק יאָר צוריק — ביז הונדערט און צוואַנציק — געווען אַ גלייכער שידוך. אויף די באָבע האָט מיידלוויז זייער שיין גע־זונגען, דער עיקר ליבע־לידער, וואָס איין מיידל האָט זיך אָפּגעשריבן ביי אַ צווייטן. און אויך דער מאַמעס לידער זינגט צפורה מיט אַלע חנען. אויף די מאַמע איז פאַראינטערעסירט זיך מיט עפּעס פאַרצושטעלן. מיט דער מאַמעס הילף דערמאָנט זיך צפורה אַלע סטראָפן פון דער ליד וועגן רבקהס טויט. צו מיין שטוינען הער איך אַ „חומש־ליד״ מיט אַזעלכע באַטעמטע אַנאַכראָניזמען, ווי זיי וואָלטן זיך געמוסטערט אויף די לידער פון אַ מאָדער־נעם יידישן פּאָעט.

דאָס „חומש־ליד״ פון רבקהס טויט

ס׳איז נאַכט, אין הימל זעט מען נישט קיין שטערן,
ס׳איז אַ פחד אויף דער גאַס אַרויסצוגיין,
שוואַרצע וואָלקנס גיסן דריבנע טרערן
און דער ווינט זיפצט צו מיט אַ גרויס געוויין.

דער מדרש שרייבט: רבקה איז געשטאָרבן,
עטלעכע מענטשן גייען טריט ביי טריט,
מען טראָגט דעם טויט אַ פרישן קרבן,
ס׳איז די מוטער רבקה, ווער קען זי ניט?

יעקב, יעקב, דיר חלומט זיך נישט מסתמא,
דו בלאָנדזשעסט אין דער פרעמד אין פחד און אין שרעק.
שטיי אויף, יתום, דו האָסט שוין נישט קיין מאַמע,
אויף אייביק טראָגט מען זי שוין אַוועק.

יעקב איז ביי איר געווען איינגעבאַקן אין האַרצן,
אַן ערלעך קינד, געלערנט אין קלויז —
פאַר עשׂיון האָט זי זיך געמוזט דאָס פּנים שוואַרצן,
מען האָט זי געשאָלטן אין אַ יעדן הויז.

אין קלויז האָט ער געלערנט — יעקב אבינו — ווו דען ?

און דאָס ליד ציט זיך נאָך ווייטער און ווייטער. אַלע לידער זענען לאַנג, מיט אַ סך סטראָפן. די מעלאָדיעס סלאַוויש פּאַרבענקטע, פאַמעלעכדיקע. אין ר׳ אהרונס רעפּערטואַר גייען פונדעסטוועגן אַריין נישט בלויז לידער טרויעריקע און ערנסטע. פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס זענען פול מיט שפּי־לעוודיקייט און פרייד, אַ שטייגער דאָס ליד וועגן „בּאַראַנטשוקל״, וואָס אַ ייד אַן אַרענדאַר האָט מיט אים באַטיילט זיינע צען טעכטער: יעדער איי־נער פון זיי געגעבן אַ חתן און אַ חלק פון דעם שעפּס אַלס נדן. אַזאַ שטי־פעריש, פאַרשייט לידל האָט מען אַוודאי אַמאָליקע צייטן געזונגען אויף אַ חתונה, ווען דער גרויסער עולם איז זיך שוין צעגאַנגען און געבליבן זענען בלויז די היימישע געסט אויפגעלייגט און בגילופין. אַמאָליקע יאָרן פלעגט אַזוי זיין...

דאָס ליד האָט זיך געראַטעוועט

אָט אַזוי זינגט די שטוב פון ר׳ אהרון פאַליווא אויף קינג דזשאָרדזש אין תל־אביב. אַנשטאָט דעם ווינשל־סאָד פון שטעטעלע קאָרעץ בליט אונטער די פענצטער פון דער שטוב אַ ברייט צעצווייגטער אָלעאַנדער־בוים, וואָס איז אָפּגעשיט מיט גרויסע, רויטע קווייטן. ערגעץ ווייט אין וואָלין איז די קהילה קדושה קאָרעץ חרוב ונחרב געוואָרן. אַ שטיק נשמה פון דעם פאַר־צייטיקן שטעטעלע האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אויף דער אייגענער ערד אין דער געשטאַלט פון די פאָלקס־לידער, וואָס עס פלעגן זינגען ביי דער אַר־בעט די איינבינדער פון פרומע ספרים.

1953

44. ביי אַ קאַפע־טישל אויף כּיכר דיזנגוף

דאָס איז געווען מיט 20 יאָר צוריק. די דערציילונגען פון משה סטאַווסקיס בוך „שטומע פריינט" האָבן זיך געדרוקט אין דער לעמבערגער יידיש־פּוילישער צייטונג „כווילאַ". מיר, דער ליטעראַרישער אַנהייבערין, האָט סטאַווסקי אַנגעטרויט די איבערזעצונג, און דעם מאָלער־אַנהייבער מענדל רייף — דאָס אילוסטרירן פון זיינע מעשות.

און ווען מיר האָבן זיך, נאָך מיין אָנקומען קיין ישראל, דאָס ערשטע מאָל אַוועקגעזעצט אין אַ תל־אביבער קאַפע, האָבן אַרום אונדזער טישל כּסדר אַרומגעשוועבט שאָטנס: דער שאָטן פון מענדל רייף, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן אין יאַנאָווער לאַגער און דער שאָטן פון דעם רעדאַקטאָר פון דער „כווילאַ" העניק העשעלעס, וואָס איז אומגעקומען אויף די לעמבערגער גאַסן אין די ערשטע טעג נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן... און נאָך און נאָך מוראַדיק פיל שאָטנס פון מיין פאַרטיליקטן לעמבערג; פון יידישע שטעט און שטעטלעך, פון יידישע דאָרפס־ישובים אין גאַליציע און אין גאַנץ פּוילן.

אַ טייל פון דעם, וואָס איז פאַרטיליקט געוואָרן, לעבט ווידער אויף אין אַ נייעם ליכט, ווען מען נעמט נאָך אַט די יאָרן אויף ס'ניי לייענען סטאַווסקיס „שטומע פריינט" אין זייער העברעישער אויסגאַבע.

*

אין די דערציילונגען וועגן שטומע באַשעפענישן, האָט נישט סטאַווסקי צו טון מיט קיין עקזאָטישע, פאַרציקנדיקע חיות פון ווייטע לענדער, אַפילו נישט מיט די קליינע חיהלעך פון פעלד און וואַלד, וואָס זענען אַזוי שיין באַשריבן געוואָרן אין די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער. ער שרייבט וועגן ציגן, קי, פערד, וועגן קעץ און עופות — וועגן די איינציקע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס זענען פאַרבליבן מיטן ייד אין קליינעם שטעטל.

לויט זיין אופן שילדערונג איז סטאַווסקי אַ טיפּישער שרייבער פון פּרצס חדר. אַ פאַרשטייער פון איינער פון די שטות, וואָס זענען פון אַט דעם חדר אַרויסגעוואַקסן און — אַוועקגעוואַקסן אין פאַרשידענע ריכטונגען.

אין סטאַווסקיס בילד פון יידישן שטעטל פעלן לגמרי יענע טונקעלע פאַרבן, וועלכע פּרץ פלעגט נאָך צו מאָל מיט אַ רעשט פון משכּילשן ברען אַנלייגן אויף זיין שטעטלשן פּייסאַזש. אַנשטאָט קריטיק, האָבן מיר שוין — אידיליע! פּונקט, ווי אין אַשס „שטעטל", ווערט אויך ביי סטאַווסקין דאָס בילד פון יידישן לעבן דיסטאַנסירט, אידעאַליזירט. בשעת אַש דערגייט אָבער אין זיינע שטעטלשע לייוונטן צו אַן אויסגעשפּראָכענער סטיליזאַציע פון דעם אָפּגייענדיקן אַמאָל, גיט אונדז סטאַווסקי אויף אַ פּשוטן און אומ־מיטלבאַרן אופן — דעם נאָך נישט געשפּאָלטענעם לעבנס־שטייגער, דעם אויטענטישן סיפּור המעשה פון זיינע קינדעריאָרן.

ווען סטאַווסקי איז אויפגעקומען איז שוין דער קאַמף פאַר נייע יידישע לעבנס־פאָרמען — אַלנפאַלס טעאָרעטיש — געווען כמעט אַן אויסגעשפּיל־טער און אַנשטאָט דעם קאַמף מיטן אַלטן שטייגער, האָט זיך אָנגעהויבן אין דער יידישער ליטעראַטור דאָס ג ע ז ע ג ע נ ע ן זיך מיט אים.

*

און דאָך איז אין סטאַווסקיס בילד פון דעם נעכטן פאַראַן אויך אַן אָנ־קניפּ צו דעם היינט. ער וואַקסט אַרויס פון זיין ספּעציעלן אינטערעס פאַר דער נאַטור. עס איז שווער נישט איינצוזען דערין דעם מקור פון זיין דראַנג צום דאָרפישן לעבן, מיט וועלכן ער איז שוין אין דער פריער יוגנט (נאָכן אָפּדרוקן די ערשטע ביכלעך) אַוועק קיין ארץ־ישראל און דאָ יאָרן לאַנג גע־אַרבעט און געלעבט אַלס פּויער.

געבוירן אין ליטווישן שטעטעלע אַ נ ט אָ פּ אָ ל י ע, ווו כמעט יעדער ייד האָט פאַרמאָגט אַן אייגן שטיקל גאָרטן און אַ בהמה צום מעלקן, האָט זיך סטאַווסקי ביז גאָר אינטים פאַרבונדן מיט די אידעאַלן פון אַ נייעם אַר־בעטס־לעבן, אין וועלכן דער ערשטער עמאַנציפּירטער דור פון די יידישע „צוריקגייערס צו דער נאַטור" האָט געפונען איינעם פון זיינע אידעאַלן. אין דעם טיף פון אַ חדר־ייִנגל, וואָס חלומט וועגן גליק צו פאַרמאָגן אַן אייגן קעצעלע; אין יענע יידן מיט פערד און יידענעס מיט קי — האָט סטאַווסקי געוויזן די קיין מאָל נישט אין גאַנצן אויסגעלאָשענע בענקשאַפט פון די יידישע מאַסן נאָך אַ לעבן נאָענט צו ערד און סטיכיע.

*

אויף רחוב מענדעלע אין תל־אביב האָט מען מיר געוויזן, טיף פאַררוקט אין אַ הויף, אַן אַלטמאָדיש הייזל און הינטער דעם הייזל אַ שטאַל. דאָס הייזל

האָט אַמאָל געהערט צו משה סטאַווסקי. ער האָט עס אַליין אויפגעבויט און אין דער שטאָל האָט ער געהאַלטן מילך־קי. פון דעם האָט ער זיך דע־מאָלט מפרנס געווען. פאַר דעם און נאָך דעם האָט ער אָפּגעהאָרעוועט יאָרן אין דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט, אין פאַרשידענע מושבות — קודם אַלס אַרבעטער, דערנאָך אַלס אייגנטימער פון אַ ווירטשאַפט. נאָך היינט טרעפט, אַז מען רופט סטאַווסקין אַרויס אַלס מומחה אין פאַרשידענע פונקטן פון פי־צוכט אין לאַנד. גלייכצייטיק איז ער, אָבער, געוואָרן אַ מומחה אויך אויפן שפּראַכלעכן געביט — אַ ספּעציאַליסט פאַר דער טערמינאָ־לאָגיע פון פלאַנצן און בעלי־חיים און נעמט נישט איינמאָל אַ וואָרט וועגן ווערטער פאַרבונדענע מיט די געביטן. זיינע ווערק האָט ער אַליין איבער־זעצט אין עברית. קורצע דערציילונגען און פראַגמענטן פון זיינע גרעסערע דערציילונגען זענען אַריין אין אַן אַ שיעור אַנטאָלאָגיעס און שול־ביכער אַלס מוסטערן פון סטיל און פון אַ באַשטימטער ליטעראַרישער שיטה. אַ חוץ די דערציילונגען פון שטעטל און וועגן בעלי־חיים, זענען באַרימט גע־וואָרן זיינע סטיליזירטע אַראַבישע מעשיות.

סטאַווסקי האַלט, אַז אַ שרייבער דאַרף נישט שרייבן צו פיל, נישט אינדוסטריאַליזירן זיין פעדער; שרייבן נאָר זאַכן רייפע און אויסגעטראָ־גענע; באַגרענעצן זיינע באַדערפעניש און זיין אַ פרייער מענטש.

*

נאָך דעם שטורם און פאַרניכטונג, וואָס האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעווישט פון דער ערד נישט בלויז דעם אַלטן לעבנס־שטייגער, נאָר די יידן גופא פון סטאַווסקיס שטעטל — זענען זיינע ביכער אין יידיש און עברית אַ מאָנומענט פון אַ פאַרגאַנגענער צייט און פון אַן אונטערגעגאַנגע־נער וועלט.

אין דעם מאָטיוו פון ליבשאַפט צו די בעלי־חיים און צו דעם האָרע־פאַשנעם לעבן איז שוין אָבער פאַראַן געווען אַן אָנזאָג פון דעם וועג, וואָס האָט משה סטאַווסקין, צוזאַמען מיט אַ טייל פון זיינע העלדן, אַריבערגע־פירט אין אַ נייער יידישער וועלט — צו דעם נייעם לעבן אויף אייגענער ערד.

1952

45. דאָס האַרץ פון דעם גלאָק

(וועגן שרה לוי און וועגן איר געזאַנג- און טאַנץ-אַנסאַמבל „ענבל")

תימניש און חסידיש

דאָס ערשטע מאָל בין איך אויפמערקזאַם געוואָרן אויף אַ פיין דער־לאַנגטער מעלאָדיע אין ראַדיאָ. עס איז געווען איינע פון די מעלאָדיעס, וואָס קלינגען אין אונדזערע פויליש־יידישע אויערן סיי עקזאָטיש ניי, סיי מאָדנע אור־באַקאַנט. עס דאַכט זיך, אַז אָט האָט מען אָנגעטאַפּט דאָס, וואָס איז פאַראַן אין גאָרגלען זיך פון אונדזערן אַ חזן, אין בייג פון אַ חסידישן ניגון. ביי אונדז איז עס נאָר אַ רמז, אַזאַ ציפּ ביי דער נשמה, וואָס מען קאָן דאָס נישט דעפינירן, און דאָ איז עס בולט און אויסגעשפּראָכן. דאָ איז עס סיי ניגון, סיי טאַנץ — אינעווייניקסטער טאַנץ פון אַלע אברים.

אַן אַנדער מאָל האָב איך אין אַ שבת פאַרמיטאָג געכאַפּט אין ראַדיאָ שרה לוויס אַ שמועס וועגן די פּראָבלעמען פון איר אַנסאַמבל. זי האָט אַריינגעוואָרפן אַ פאַרגלייך צווישן דעם תימנישן און חסידישן גלות־טאַנץ, וואָס שפּרינגט אַרויף, רייסט זיך צו די הימלען — פּילט נישט דעם באָדן אונטער די פיס...

איך בין דעמאָלט געווען איבעראַשט פון דער קלאָרקייט פון געדאַנק, פון דעם אינטעלעקטועלן ניוואָ פון דער תימנער קינסטלערין. און ווען איך האָב איין מאָל איבערגעלייענט אין דער גאַס אַ פּלאַקאַט וועגן אַן אויפ־טריט פון „ענבל" אין תל־אַביב, בין איך שוין געגאַנגען צו דער פאָרשטע־לונג מיט אַ גיריקן אינטערעס, וואָס מען פילט היינט נישט אָפט אין אונד־זער וועלט פון סטאַנדאַרטן אַפילו אויף אָריגינאַליטעט.

אינסטרומענטן

געקומען און זיך אויף קיין האָר נישט אָנטוישט. אַ 15־16 יונגע בחורים און מיידלעך — מיט איין אויסנאַם — אַלע פון דער תימנער עדה.

די מוזיק, די תנועה און העוויה — אַלץ נוסח תימן. אַפילו די אינסטרומענטן, וואָס באַגלייטן דעם געזאַנג, ביי וועלכן עס ווערן אויסגעפירט די פּאַנטאָמי־מעס און די טענץ — זענען אויטענטיש־פּרימיטיוו, ווי אויף אַ תימנער חתונה. די איינציקע ממשותדיקע כלי־נגינה זענען דאָס פּייקל און דאָס פּייפל. אויסער דעם בלויז בלעכן, שטעקעלעך, פאַרשידן געפאַרעמטע טעפּ... און כאָטש אַזוי איז צום שטוינען, ווי ביי אַזאַן „אינסטרומענטאַציע" און ביי אַ מאָנאָטאָניע פון די מאָטיוון, קומען די געזאַנגען אַרויס אַזוי קלאַנגיק, אַזוי פול — אַזוי פול מיט זון.

איך האָב געלייענט אַ מאָל וועגן דעם, אַז די דרום־פעלקער זינגען אַ סך מער, ווי די פעלקער, וואָס לעבן אין די צפונדיקע, נעפּלדיקע לענ־דער. אין דער מעלאָדיק פון דעם „ענבל" פילט מען מאָמענטנווייז, ווי דער מעטאַל פון דער זון ווערט איבערגעשמאָלצן אויפן קופּער און גאָלד פון געזאַנג. איך אויך פּנימער — אויף דעם טונקלען פּנים פון דער טענצערין מרגלית פון עדן — זעט מען אַן אינערלעכן אָפּשיין פון דער גאָלדענער זונען־שפע. מרגלית געהער צו די אויסגעשפּראָכענע טאַלענטן פון דעם אַנ־סאַמבל און זעט אויס — מיטן פויגל־שוואַרץ פון אירע האָר און ברעמען און מיטן דימענט־שוואַרץ פון אירע לאַנגע אויגן — ווי אַ פּרינצעסין פון אַ פּערסישער אָדער אינדישער מיניאַטור.

פאָלקלאָר צי קונסט? אַן אמתער קינסטלער מוז שעפּן פון עכטע מקורות

הגם דער מענטשן־מאַטעריאַל און דער נוסח פון „ענבל" איז גענומען פון תימנער מקור, פאַרטיידיקט זיך שרה לווי מיט רעכט קעגן דער מיי־נונג, אַז די אויפגאַבע פון איר אַנסאַמבל זאָל זיין צו געבן בלויז בילדער פון תימנער לעבנס־שטייגער און דאָס גאָר. דער „ענבל" — טענהט זי — וויל זיין קודם כל אַ טעאַטער פון ישראל. תימניש אין זיינע אויסדרוקס־מיטלען און אַלגעמיין יידיש, אַלגעמיין ישראלדיק, אַלגעמיין מענטשלעך אין אינהאַלט.

אָט וואָס זי שרייבט וועגן דעם אין אַן אַרטיקל:

„פאַרוואָס דווקא תימנער טרופּע? נישטאָ דערביי קיין נטיה צו דער אָפּזונדערונג פון די עדות. פונקט פאַרקערט — מיר ווילן אַרויס פון דער שמאָלער ראַם פון איין עדה און אויפגיין אין דער אַלגעמיין־ישראלדיקער קולטור. אַ מזרח־אַנסאַמבל קאָן דווקא דינען אַלס בריק צווישן די עדות אין

ישראל. דערביי דאַרף מען אָבער פאַרשטיין, אַז דער וועג צו דער אויסמי־שונג פון די עדות אין ישראל איז אַ לאַנגער און אַ שווערער. עס זענען פאַראַן פאַרשידענע מדרגות פון בילדונג און קולטור, פון טראַדיציע און מענטאַליטעט. די אוצרות פון תימנער פאָלקלאָר זענען אַזוי רייך און אָריגינעל, אַז קיין שום קינסטלער פון תימנער אָפּשטאַם קאָן נישט איבער זיי אַריבערשפּרייזן, גלייך אַריינשפּרינגען אין קעסל פון איבערשמעלץ. אַן אמתער קינסטלער מוז שעפּן פון עכטע מקורות."

דיגרעסיע קולטור־פּאָליטיק

אַן אמתער קינסטלער מוז שעפּן פון עכטע מקורות... מיט אָט דעם זאַץ האָט שרה לווי אַרויסגעזאָגט אַ גרונט־אמת, וועלכן די קולטור־פּאָלי־טיקער אין לאַנד ווילן ווייט נישט אַלע מאָל פאַרשטיין. דאָס וואָס זי זאָגט וועגן דער תימנער עדה, איז פּונקט אַזוי נוגע אונדזער פּויליש־יידישע עדה, וועלכע האָט „אויך" וואָס נישט איז מיטגעבראַכט אין איר קולטור־באַגאַזש... דער וועג צום פאַראייניקן די גלותן און אויפבויען אַן איינ־הייטלעכע קולטור מיט אַן איינהייטלעכער שפּראַך טאָר נישט פירן דורך מבטל זיין און פאַרשטויסן מיטגעבראַכטן, אין משך פון יאָרהונדערטער אויסגעהאָדעוועטן אינהאַלט. מען דאַרף אָט די אינהאַלטן לאָזן בהדרגהדיק און אָרגאַניש אַריינוואַקסן אין דער נייער סביבה, אין דער נייער פּראָבלע־מאַטיק. קיין שום קולטור איז נאָך נישט געוואַקסן און געבליט אויפן יסוד פון אַ ריינעם טיש; פון אַריבערשפּרייזן תקופות, ליקווידירן ווערטן. וואָס מער נ י ו א נ ס ן אַ קולטור פאַרמאָגט, אַלץ רייכער, אַלץ אינטערע־סאַנטער איז זי.

דאָס אַרויסציען די קאָנסעקווענצן פון אָט דעם אמת, ליגט נישט נאָר אין אינטערעס פון דער, אָדער אַן אַנדערער פאָלקס־גרופּע. עס ליגט אין אינטערעס פון ברייטן כלל. עס מוז קומען אַזאַ צייט און אַזעלכע מענטשן, וואָס זאָלן וועלן אָט די זאַכן פאַרשטיין און — טון.

קיבוץ־גלויות באַלעט

דער „ענבל" איז אַנטשטאַנען בשעת דער באַפרייאונגס־מלחמה, קודם אַלס אַמאַטאָרן־טרופּע. איצט איז דאָס שוין אַ פּראָפעסיאָנעלע טרופּע, וואָס

טרעט אויף עטלעכע מאָל אַ וואָך און ווערט אונטערשטיצט דורך דעם קולטור־צענטער פון דער הסתדרות העובדים. דער ערשטער ספּעקטאַקל וואָס איך האָב געזען אין „ענבל", באַשטייט פון צוויי טיילן, וועלכע מען וואָלט געקאָנט אָנרופן „גלות" און „ישראל".

אין ערשטן טייל מאָנטאַזש אונטערן טיטל „קבלת־שבת": פסוקים תפילות, פאָלקסטימלעכע, פרומע געזאַנגען אין אַ ריטמישער שטייגערונג, וואָס געפינט איר העכסטן אויסקלאַנג אין אַ ליבעס־פּאַנטאָמימע צווישן מאַן און ווייב, געגעבן מיט אַזאַ צניעותדיקן חן, מיט אַזאַ שטילער איידל־קייט, ווי זי וואָלט געווען אַן אינסצעניזאַציע פון אַ קליינשטעטלדיקער אי־דיליע, געשילדערט אין דער יידישער ליטעראַטור. די געשטאַלטן שמאָל, גאָטיש פּאַרשפּיצט, ענג געפּענטעט אין די באַוועגונגען. זיי טאַנצן מער אין דער הויך, ווי אין דער ברייט. טאַנצן מער מיט די הענט, ווי מיט די פיס. שטענדיק האָט מען געזאָגט אין אונדזערע אייראָפּעישע גלותן, אַז יידן „רעדן מיט די הענט". איצט שטעלט זיך אַרויס, אַז אין פאַרגלייך מיט די תימנים, זענען מיר מיט אונדזער „האַנט־שפּראַך" — פּשוט שטאַמלער.

און אָט האָבן שוין די בחורים און מיידלעך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גלות־בגדים. זיי זענען שוין אָנגעקומען קיין ארץ ישראל. „אַ לעקציע גע־זאַנג אין אַ מעברה" הייסט דאָס בילד. אַ יונגע לערערין קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט אַ טשאַטע צעבושעוועטע קינדער, וועלכע ווילן נישט מער וויסן פון קיין צוואַנג. די לערערין פּרוווט זיי צוימען און דערווייל ווערט זי אַליין מיטגעריסן מיט דער שטיפערישער שטימונג. דער גאַנצער אַנסאַמבל האָפּקעט און שפּרינגט און שטעקט אָן דעם צושויער־עולם מיט זיין ברויזנ־דיקער, אויסגעלייזטער פרייד. אויס מיט דער אַלעגאָריע און סטיליזאַציע, אויס מיטן אַבסטראַקטן עקסטאַז.

אפשר איז דאָס דער כוח פון אַ נייעם פרילינג, וואָס איז פאַר אָט די יידן פון גלות תימן געקומען אין אַ שטאַרקערן גראַד, ווי פאַר יידן פון אַנדערע לענדער? די ערשטע ליבע פונעם ערשטן עמאַנציפּאַציע־דור. די ערשטע בליונג פון אַ טויזנט־יאָריק ווילד־פעלד? די מאָס פון פרייד איז די מאָס פון ליידן. אויך מיר האָבן אַ סך — מסתמא מער און קאָמ־פּליצירטער — געליטן. פון גרויסן לייד און אומגליק איז ביי אונדז אַמאָל אויסגעוואַקסן די חסידישע חדוה. מיט דורות שפּעטער האָבן חלוצים און יתומים פון אייראָפּעישע פּאָגראָמען געטאַנצט די „הורה" אין די זאַמדן פון ארץ־ישראל. אַזוי פולבלוטיק זיך פרייען, ווי אָט די יאָדערדיקע, קליינע

יידעלעך פון תימן, זענען פונדעסטוועגן מיר, „ציוויליזירטע" יידן פון אייראָפּע, שוין מסתמא נישט אין שטאַנד.

אין אַ דירה אויף בן־יהודה

איך וויל זיך באַקענען מיט דער שעפערין פון דעם אַנסאַמבל. מען פירט מיך צו צו אַ דראַבנער פרוי אין אַ שוואַרץ קלייד. צו מיין גרויסן שטוינען איז איר מיין נאָמען נישט פרעמד. וואָס זשע — זי לעבט נישט אין לאַנד? זי לייענט נישט, וואָס מען דרוקט? עס אינטערעסירן זי נישט בלויז אירע אייגענע טעמעס...

און אָט זיץ איך שוין אין איינעם אַ נאָכמיטאָג ביי איר אין שטוב, אין דער קליינער דירה אויף רחוב בן־יהודה אין תל־אביב.

דאָס איינציקע וווין־צימער איז פול מיט ביכער — דער עיקר אין ענגליש. אַלע זענען נוגע טעאַטער, פילם, טאַנץ. דערצווישן אַ רייך אילוס־טרירטע ביאָגראַפיע פון עלעאָנאָראַ דוזע. עס פעלט דער אָנהייב און דער סוף, די טעוועלעך פון איינבאַנד זענען אָפּגעריסן. דאָס האָט איר דער מאַן מיטגעבראַכט פון דער מלחמה, אויפגעהויבן דאָס ביכל אין אַ חרוב הויז אויפן איטאַליענישן פראָנט, בשעת ער איז דאָרט געווען מיט דער יידישער בריגאַדע. ער איז איצט נישטאָ אין דער היים. איך כאַפּ אַ קוק אויף דעם גוט געמאָלענעם פּאָרטרעט, וואָס הענגט אויף דער וואַנט.

דער מאַן פון שרה לווי שטאַמט פון ווילנע און דער זון מיט דער טאָכטער, וואָס גרייטן די לעקציעס ביי אַ טיש אין ווינקל צימער, זענעןביידע געראָטן דווקא אין דעם „אשכנזישן" טאַטן — היפּש געוואַקסן, העל־הויטיק, העל־האָריק. אייגנטלעך, וואָלט אָבער אויך זי, שרה, געקאָנט שטאַמען פון ווילנע, פון וואַרשע, צי פון לעמבערג. ווען איך צערעד מיך מיט איר, פאַרשווינדט יעדעס געפיל פון אַנדערשקייט. אַ מאָדערנער מענטש און אַ מאָדערנער קינסטלער לויט אַלע השגות. נישט מער — דער וועג צו אָט דעם מעמד איז נישט געווען גרינג.

דער וועג האָט געפירט איבערן קינדער־גאָרטן

שרה לווי איז שוין געבוירן אין ארץ־ישראל. פרי פאַרלוירן די מוטער, געוואַקסן אין אַ יתומים־אַנשטאַלט, אַרויסגעוויזן טאַלענט — שווער זיך געווען צו אָריענטירן צו וואָס: מוזיק, טאַנץ, ליטעראַטור? דאָס ערשטע איז, אַלנפאַלס, געווען צונויפנעמען אַרום זיך מיידעלעך און אָרגאַנזשירן מיט זיי

אַ „הצגה״. האָבן זיך לערערס און עסקנים געראַטן אַהין און אַהער, ביז מען האָט שרהן קוים מיט צרות אַוועקגעגעבן אין אַ פּרעבל־סעמינאַר. און 15 יאָר פון איר לעבן האָט שרה לווי אָפּגעאַרבעט אין אַ קינדערהיים אַלס אַ „גננת״. מסתמא איז אַ שאָד די יאָרן, אָבער שרה איז נישט די איינציקע קינסטלערין ביי אונדז, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון אָט דעם „שפּילערישן״ פאַך. פון אַ קינדערהיים קומט אַרויס חנה ראָווינאַ און פון אַ קינדער־היים איז אויסגעוואַקסן קאַדיע מאָלאָדאָווסקי.

שרה האָט געחלומט וועגן דער בינע, געוואָלט שפּילן דראַמאַטישע ראָלן. זי האָט אויך אַליין געטאַנצט. האָט מען זי אויף עפּעס איין יאָר געשיקט שטודירן מוזיק קיין ענגלאַנד. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן שרייבן און ערשט דעמאָלט איז אויף איר געוואָרן אויפמערקזאַם בערל כצנלסון. „בערל״ — זאָגט זי אין געשפּרעך מיט דער זעלביקער אינטימיטעט, ווי עס רופן אים עד היום, נאָכן טויט, די ותיקים פון ישוב. „בערל״ האָט איר געדרוקט אַ פּאָר זאַכן אין „דבר״... און אייגנטלעך שרייבט זי דאָך ביז איצט — דעם רוב טעקסטן צו אירע אויפפירונגען.

דאָס האַרץ פון דעם האַרץ

זי שרייבט די טעקסטן, זי שרייבט, אָדער באַאַרבעט, די מוזיק, די כאָרעאָגראַפיע... אויב דאָס וואָרט „ענבל״ באַדייט דאָס „האַרץ״ פון דעם גלאָק — איז שרה לווי דאָס האַרץ פון דעם דאָזיקן האַרץ...

דאָס געשפּרעך האָט זיך פאַרצויגן. שרה לווי איז געזעסן ביים טיש און האָט פאַרריכט אַ פּאָר לייוונטענע, בלויע הייזלעך פון איר זונדעלע יעקב. — מעג די לייוונט זיין פון אייזן, קינדער רייסן, קיין עין הרע, אַזוי שנעל אַלצדינג...

און שרה מוז אויך געפינען צייט צו רוימען, קאָכן, איינקויפן, ווי יעדע מאַמע און בעל־הבית׳טע אין תל־אביב. פאַר מיטאָג האָט זי פּראָבן מיט איר אַנסאַמבל און אין די אָוונטן מוז זי טייל מאָל מיטפאָרן צו די פאָרשטע־לונגען אין אַנדערע שטעט. ניין, דאָס שאַפן קומט איר אויך איצט אָן נישט גרינג — פון טעכנישן שטאַנדפּונקט גענומען... אָבער דער ווילן ברעכט אייזן. און שרה לווי־תנאי לייענט אויך אַ סך; אָריענטירט זיך גלענצנד אין דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט אויף איר געביט; האָט אַן אייגענע מיינונג וועגן די שיטות.

זי איז אַן אינדיווידואַליטעט, אַ באַוווסטזיין, אַ יידישער קאָפּ!

די פערד מיט די קאַמעלן

זינט מיין ערשטן געשפּרעך מיט שרה לווי זענען שוין פאַרגאַנגען 7 יאָר. איך האָב געוווינט אין הדר־יוסף און מ ר ג ל י ת ע ו ב ד, די „פּריי־מאַדאָננע" פון „ענבל", איז דאָרט געווען מיין שכנטע. מיט דריי יאָר צוריק זענען מיר געוואָרן שכנטעס מיט שרה לווי — מיר וווינען אין די קעגנאיבערדיקע בלאָקן פון שכון עממי אויףביידע זייטן פון כביש נתניה, פאַר דער בריק אויפן ירקון. מיר טרעפן זיך אַ מאָל אין אַן אינדערפרי אין אויטאָבוס — צוויי פאַרהאָרעוועטע, זיך אייביק איילנדיקע פרויען אין ישראל.

מיר האַלטן זיך אין איין פאַרבעטן קעגנזייטיק און צו מאַכן אַ באַזוך איז ביז היינט נישט געווען קיין צייט. קוים זיך אַ ביסל צערעדט, מוז זי שוין אויסשטייגן, לויפן צו דער פּראָבע אין זאַל אויף אלכסנדר ינאי.

*

פיל רעגנוואַסערן זענען שוין אָפּגעלאָפן אין ירקון זינט איך האָב געזען ביי שרהן דעם ערשטן פּראָגראַם. באַדייטנדיקע כאָרעאָגראַפן — צווישן זיי מאַרטאַ גראַהם — האָבן דעם „ענבל" געגעבן סמיכה, דער קרן נאָרמאַן אַ סטיפּענדיע, ספּעציעלע אינסטרוקטאָרן זענען געקומען אַרבעטן מיט די תימנער קינסטלער פאַרן טורנע איבער אַמעריקע. מען איז שוין אויסגעפאָרן מיט דערפאָלג אַלע לענדער פון אייראָפּע, רעפּרעזענטירט ישראל אויף אַ פעסטיוואַל פון די אַזיאַטישע פעלקער אין טאָקיאָ — צוריקגעקומען מיט לאָרבערן, דערפאָלגן. אין רעפּערטואַר זענען אַריין פראַגמענטן פון די ערשטע פּראָגראַמען — עס איז צוגעקומען „דאָס ליד פון דבורה", די אידיליע „רות", אַ פאָלקלאָריסטיש־אויטענטיש בילד פון אַ תימנער חתונה.

די אינסטרוקטאָרן און אונטערנעמער וואָלטן אַלץ וועלן טון, כדי אָפּצווישן פון דעם אַנסאַמבל דעם לעצטן הויך פון אַמאַטאָרישן דילע־טאַנטיזם.

און דאָך בלייבן די אַלע באַמיונגען אין גדר פון טעכניק. קיין שום אַקראָבאַטישע פאַרטיקייטן קאָנען נישט פאַרטרעטן די ספּאָנטאַן־שאַפערישע חדווה, וואָס האָט אַזוי באַפרייעריש געפלייצט דווקא פון די ערשטע אַנט־פּלעקונגען פון תימנער טאַנץ.

שרה לווי האָט אַ רעכט נישט צו וועלן בלייבן אין דער ראַם פון אַן עטנאָגראַפישן געזאַנג־ און טאַנץ־אַנסאַמבל. לאָמיר אָבער האָפן, אַז זי וועט

אויך האָבן דעם געהעריקן כוח, כדי בייצושטיין די נסיונות פֿון די וועלט־דערפֿאָלגן און נישט מקריב צו זיין די נאַיווע, מקורותדיקע אייגנאַרט פֿון איר אַנסאַמבל לטובת פּראָפעסיאָנעלער רוטין.

*

שטאַרק מידע קערן מיר זיך אום אין די אויפֿדערנאַכטן פֿון דער שטאָט. מיר שטייגן אויס צוזאַמען אויף דער לעצטער סטאַציע פֿון אויטאָבוס נומער 13 און כאַפּן אויף דער גאַס יהודה המכבי אַ „קלאַמקע־שמועס“. מיר רעדן ווידער וועגן דער תימנער חתונה. איך שטעל זיך אָפּ אויף די מאָדנע טענער, מיט וועלכע די תימנער ווייבער זענען משמח די כלה פֿאַר דער חופּה. איך בין זיך מודה, אַז דאָס דערמאָנט מיך אין הירזשען פֿון פֿערד...

— וואָס זשע דען האָסטו געמיינט?! — מאַכט צו מיר שרה — דאָס האָבן מיר איבערגענומען ביי די אַראַבער. נישט נאָר פֿערד־קלאַנגען גיבן מיר אַרויס, אויך קלאַנגען און באַוועגונגען פֿון קעמלען...

און ווידער ציטירט זי „בערלען“. — בערל — דערציילט זי מיר — איז גאָר נישט געווען באַגייסטערט פֿון די געגאָרגלטע עי״נס אין תימנער לשון און אויך נישט פֿון די געכאָרכלטע אַראַביש־תימנישע חי״תן וועלכע זענען אַריין אין די סעמיטישע שפּראַכן אונטער דער השפּעה פֿון די קלאַנגען, וואָס עס לאָזט אַרויס דאָס קעמל.

און היינט דאָס טאַנצן — דאָס טאַנצן, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס וויגן זיך פֿון דעם קעמל אויף זיינע לאַנגע פֿיס, די מאָנאָטאָניע פֿון דעם מדבר.

אויף אַזאַ מין פּסק פֿון שרהס מויל האָב איך זיך גאָרנישט געריכט.

— סטייטש — בעט איך זיך ביי איר — טאָ ווו איז דיין גלות־עקסטאַז, די גייסטיקע דביקות, דאָס שטרעקן זיך מיט די הענט צו די הימלען?

—ביידע זאַכן זענען וואָר — ענטפֿערט זי מיר — סיי דער הימל, סיי דער מדבר. זענען דען אייערע גלות־יידן געווען בלויז הימל־מענטשן?

זי מאַרקירט מיט די היפֿטן אַ פּאָר קוים־באַמערקבאַרע באַוועגונגען פֿון אַ קעמל־טאַנץ. אַ מערכה די גאַס איז כמעט ליידיק. די מידקייט איז פֿון אונדז פֿאַרפֿלויגן. מיר צעלאַכן זיך ביידע אויף אַ קול.

1959

46. אַ ייִנגל פון וואַרשע האַלט וואַך ביים ראַנד פון דעם נגב

(דריי דענקמעלער פון נתן ראַפּאַפּאָרט)

צום דריטן מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויף נתן ראַפּאַפּאָרטס אַ יום־טוב. דאָס ערשטע מאָל אין חודש אַפּריל 1948, בשעת דעם אַנטהילן דאָס דענקמאָל אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ; אין אַפּריל 1951 בשעתן אָפּדעקן דאָס מרדכי אַניעלעוויטש־דענקמאָל אין קיבוץ יד־מרדכי, און איצט בעת דעם אַנטהילן דאָס דענקמאָל אין נגבה.

מיט נתן ראַפּאַפּאָרטן איז מיר אָבער אויסגעקומען זיך צו טרעפן נאָך פאַרן אַנטשטיין פון ערשטן דענקמאָל, אין די ווינטער־חדשים 1946. ער איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון די מלחמה־וואַנדערונגען איבערן ראַטנ־פאַרבאַנד. ער האָט שוין געטראַכט וועגן דעם געשטאַלטיקן די געטאָ־העלדן, אַרומגעשפּאַנט איבער די חורבות, געוואָלט זיך באַהעפטן מיט דער אַטמאָ־ספער, מיט דעם בלוטיקן פלאָם פון יענע טעג. האָט ער דעמאָלט אויך מיך אויפגעזוכט; שעהן־לאַנג זיך איינגעהערט אין שילדערונגען, דער־מאָנונגען...

זומער 1947 האָב איך געטראָפן ראַפּאַפּאָרטן אין פּאַריז. ער איז שוין דעמאָלט געווען פאַרנומען מיט דער רעאַליזאַציע פון זיין געטאָ־מאָנומענט, מיט דער אויספירונג פון איינצעלנע פיגורן, מיט טעכנישע פּראָבלעמען. און דאָך איז ער נאָך אינערלעך מיט דעם פּראָיעקט געווען נישט אינגאַנצן פאַר־טיק. די שפע פון געפילן און אַספּעקטן האָט זיך נישט געקאָנט אַזוי שנעל קריסטאַליזירן, זיך אויסלאָדן אין משך פון אַ קורצן טערמין — אין איין קאָמפּאָזיציע. יענע פיגורן פון וואַרשעווער דענקמאָל זענען געוואָרן אַריינ־געפּאַסט אין דער מאָנומענטאַלער מצבה, וואָס האָט סימבאָליזירט די געטאָ־מויער. דאָס אַריינפּרעסן די געשטאַלטן אין אַ געשלאָסענעם שטח האָט געדאַרפט אויסדריקן די שרעקלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דער קאַמף פון געטאָ — נישט אונטערן פרייען הימל, נאָר אין קעלערס און אויף בוידעמער, אין רערן פון קאַנאַלן. אָבער אויך דאָס

איז נישט געווען די איינציקע לעזונג פון פּראָבלעם, וואָס זאָל דעם סקולפּטאָר גאַנץ באַפרידיקן.

און ווען איך האָב דערנאָך — מיט פיר יאָר שפּעטער — דערזען אין ישראל די בראָנדזענע געשטאַלט פון מרדכי אַניעלעוויטש — אַ פרייע אונטערן פרייען הימל — האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אפשר אַ המשך און אַ וואַריאַנט פון יענע, ביז צום סוף נישט אויסגעשפּונענע קאָנצעפּציעס. אַ וואַריאַנט — און אפשר אויך אַן אַנטיטעזע.

אַנשטאָט אַ גרופּע — איין געשטאַלט, אַן אָנגעלאָדענע מיט אינהאַלט. אַנשטאָט באַטאָנטן פּאַטאָס און סימבאָליק — געצוימטער, גאַנץ רעאַליסטישער אויסדרוק.

אַן אַנטוויקלונג פון דעם מאָטיוו איז דאָס אָבער קודם כל אין ריין היסטאָרישן זין. דער מרדכי אניעלעוויטש, וואָס שטייט ביים צעשאָסענעם וואַסער־טורעם פון אַ קיבוץ — אַ פּאָר קילאָמעטער פון דעם עזה־פּאַס, האַרט ביי דער גרענעץ פון ישראל, איז שוין ווייט נישט דער יונגער בחור, וואָס האָט אַלע קאַרגע יאָרן פון זיין לעבן אָפּגעלעבט אין וואַרשע און איז דאָרט געפאַלן. נתן ראַפּאַפּאָרט האָט ווייטער געשפּונען דעם פאָדעם, געגעבן זיין מרדכין נייע, שפּעטערדיקע שטריכן.

דער רוב פון די געראַטעוועטע געטאָ־קעמפער זענען נאָך דער מלחמה געקומען קיין ישראל, באַזעצט זיך אויף דער ערד, כדי זי צו באַאַרבעטן און שיצן פאַר די שונאים.

און נתן ראַפּאַפּאָרט, אַליין אַ בחור פון וואַרשע, אַליין פאַרבונדן אין זיין יוגנט מיט דעם געדאַנק פון יידישער מלוכהשקייט, האָט אָט די היסטאָרישע קאָנסעקווענץ פון געטאָ־קאַמף פאַרשטאַנען און אַרויסגעזאָגט.

קלאָר און שטאָלץ אין יוגנטלעכער שיינקייט — רעדט אַרויס פון דער בראָנדזענער געשטאַלט איר שייכות נישט נאָר צום נעכטן, נאָר אויך צום היינט — צום „דאָ".

ווי אַ געשפּאַנטער פיילן־בויגן שטייט ער דאָרט ביים ראַנד פון נגב, יענער מרדכי מיטן האַנט־גראַנאַט אין רעכטער האַנט. די צווייטע האַנט — געשטרעקט לשם דעם גלייכגעוויכט, לשם פאַרשטאַרקונג פון דעם צילוואָרף. צוויי קלוגע הענט פון אַ מאָדערנעם אַרבעטס־מענטש, וואָס עס פּאַסט זיי מער אַ וועלקצייג, ווי אַ מאָרד־געצייג. נתן האָט די קונסט געלערנט ביי ראָדען — זיין מייסטער — אין די שטריכן פון אַ מענטשלעכער

האַנט אַריינגעגעבן נישט ווייניקער אינהאַלט, ווי אין די שטריכן פון אַ מענטשלעך פּנים.

*

און ווען מען קומט איצטער קיין נגבה, ווען מען פּרוווט צונויפשטעלן דאָס נגבה־דענקמאָל מיט די פריערדיקע צוויי — בעט זיך, וואַרפט זיך ממש אין די אויגן — דער סינטעז פון יענעביידע מאָנומענטן.

ווידער אַ גרופּע געשטאַלטן, ווידער אַ באַטאָנונג פון פּאַטאָס און טראַגיזם — ווי אין וואַרשע — אָבער אויך דער געשטייגערטער רעאַליזם, די אַקטואַליטעט — ווי אין יד מרדכי.

אין צענטער אַ הויכער, רייפער מאַן; מיט אַן אויסגעדעווערט פּנים, מיט דעם קיילעכדיקן, קיבוצישן מיצל אויפן קאָפּ. דאָס דאָזיקע מיצל איז ווי די קאָפּולע פון דעם מאָנומענט, דער העכסטער שפּיץ פון אַ פינף־עק, וואָס זיינע נאָענטע, נידעריקערע שפּיצן זענען די קעפּ פון די אַנדערע, נידעריקערע צוויי געשטאַלטן. פון איין זייט אַ יונגע פרוי, אַ קעמפערין, פון דער צווייטער זייט אַ יונגער בחור מיט דער לייכטער אָנדייטונג פון אַ מונדיר, מיט אַ זעלנערישן פּאַס און מיט אַ ביקס אין האַנט. אויך אין פּרט פון אינערלעכן, פּסיכאָלאָגישן געוויכט, איז דער מאַן אין מיט דער צענטער פון דער קאָמפּאָזיציע. די דריי האַלטן זיך ביי די הענט, שאַפן מיט אָט דעם, רירנד פּשוטן, זשעסט אַ מין לעבעדיקע מויער, צו פאַרשטעלן דעם וועג פאַרן שונא, וואָס איז באַפאַלן זייער היים.

און נאָך איין אינהאַלטלעכן מאָמענט דאַרף מען באַטאָנען: די דראַמאַטישע געוואַגטקייט, דערפירט ביז צו דעם לעצטן ראַנד פון דעם דער־לאַזבאַרן. דעם אויסדרוק פון העכסטער אַנטשלאָסנקייט, פון סכנה־באַוווסטזיין, פון טראַגישן „מוז" — דערפירט אין פּנים פון דער מיטלסטער געשטאַלט ביז העכסטער שטייגערונג. נאָך איין שטריך און אָט דער אויסדרוק וואָלט געוואָרן איבערשטיגן, איבערשריגן — טעאַטראַליש, אפשר — היסטעריש. אָבער נתן האָט נישט מורא געהאַט צוצוקומען צו אָט דער לעצטער גרענעץ. ער האָט געהאַט דעם כּוח — איינהאַלטן דערביי די מאָס, אויפהיטן דעם פולן, רעאַלן ערנסט.

און נאָך עפּעס מעג זיך לערנען ביי נתנען יעדער שרייבער, יעדער קינסטלער, וואָס וויל געשטאַלטיקן דעם שטאָף פון פּיין און גבורה. איך מיין דאָס גלייכגעוויכט צווישן פּאַטאָס און טאָג־טעגלעכקייט. זיינע מענטשן

זענען טראַגיש און פּאַטעטיש אין זייער אינערלעכער גרייס, אָבער דערביי זענען זיי כמעט פּאָרטרעט־אַרטיק קאָנקרעט. מענטשן פון אונדזער צייט, אין וועלכער אויסטערלישע איבערלעבונגען זענען געוואָרן דאָס טאָגטעגלעכע ברויט פון מאַסן־מענטש. און אויך דערפאַר טאָר דאָ נישט זיין קיין העלדן־פּאָזע, קיין העלדן־ראָל. אויך דערפאַר זענען די מענטשן אַזוי נאַטירלעך און באַשיידן אין יעדן שטריך.

זיי זענען פון אונדזער צייט, פון אונדזער דור.

*

וואָס איז געשען אויף אָט דעם פּונקט מיט פינף יאָר צוריק? ווי איז צושטאַנד געקומען דער מיליטעריש כמעט אוממעגלעכער פאַקט, וואָס קליינע, בלויז מיט לייכט געווער באַוואָפנטע, פּרימיטיוו־באַפעסטיקטע גרענעץ־ישובים האָבן אויפגענומען אויף זיך דעם מבול פון דער אַראַבישער אינוואַזיע און זיך נישט איינגעבראָכן?

אין פּנים פון נתנס קיבוץ־מענטש, אין געשטעל פון די דריי, איז דאָ אַ שטיקל ענטפער אויף דער פראַגע. זיי זענען גרייט געווען צו שטאַרבן און נישט אָפּצוטרעטן — ווייל עס איז נישט געווען וווהין. מען לייענט אַרויס פון זיי דעם פּשט פון דעם, וואָס איז געווען מיט פינף יאָר צוריק און מען לייענט דעם פּשט פון דעם, וואָס עס קומט פאַר היינט און וואָס עס קאָן זיין מאָרגן.

אין קיבוץ נגבה, אויפן פאָן פון העלן דרום־הימל, אין אַ ראַם פון יונגן גרינס, שטייען אויף אַן אויפגעשיטן באַרג דריי מעכטיקע געשטאַלטן. זיי צופוסנס: די קברים פון די 44, וואָס זענען געפאַלן אויף דעם אָרט. פאַר זיי: די ברייטע נגב־פּליינען, פריש פאַרזייעטע מיט ווינטער־תבואות. הינטער זיי: די געדיכט־פאַרבויטע ראַיאָנען פון אינטענסיווער לאַנדווירט־שאַפט, פון האַנדל, אינדוסטריע. זענען די געשטאַלטן אַ בילד נישט בלויז פון די, וואָס זענען געפאַלן דאָ, נאָר אויך פון די, וואָס שטייען ווייטער ווי אַ לעבעדיקע מויער, גרייט צו אַרבעטן און ווערן זיך; צו שפּייזן און פאַר־טיידיקן די היים.

1953

47. אין באַראַק פון מלוכה־פּרעזידענט

(אויף אַ מסיבה לכבוד עדה מיימון)

די מסיבה איז געווען געווידמעט דעם דערשיינען פון עדה מיימונס בוך „50 יאָר פרויען־אַרבעטער־באַוועגונג״. האָט ווער פון די רעדנער געזאָגט, אַז די דאָזיקע מסיבה איז נישט ענלעך צו קיין שום אַנדערער מסיבה אין לאַנד, אָבער איך האָב דערביי געטראַכט, אַז קודם כל איז אַזאַ מסיבה נישט ענלעך צו קיין שום אימפּרעזע פון דעם מין אין אויסלאַנד.

געווען איז דאָס בעיקר אַ פרויען־אסיפה — אַ באַגעגעניש פון די וועטעראַנינס פון דער חלוצישער באַוועגונג. דער רוב פון די אַנוועזנדע האָט געהאַט הינטער זיך אַ סטאַזש פון אַ סך יאָרן אַרבעט מיט אַ סך פאַרדינסטן פאַרן לאַנד אין דער פאַרגאַנגענהייט, און אַ היפּשער טייל פון זיי זענען באַלאָדן מיטן עול פון וויכטיקע אַרבעטס־פּאָזיציעס — נאָך היינט.

מיטגלידערינס פון קבוצות, וועלכע זענען איצט דעפּוטאַטינס אין דער כנסת און געוועזענע כנסת־דעפּוטאַטינס, וועלכע האָבן זיך, נאָכן אָפּלויפן פון דער קאַדענץ אין כנסת, אומגעקערט אין זייערע קיבוצים. לייטערינס פון דערציונגס־אַנשטאַלטן, רעדאַקטאָרינס פון צייטשריפטן, סעקרעטאַרינס פון געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

איינע פון די אַנוועזנדע האָב איך קענען געלערנט אין פּוילן אַלס אַ דאַמע פון דיפּלאָמאַטן־קאָרפּוס און נאָך איר צוריקקומען אין לאַנד האָב איך זי געזען ביי דער סאַמע „שוואַרצער״ אַרבעט אין דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט פון איר דאָרף.

און נאָך איינע פון די געוועזענע אַרבעטערינס און חלוצות איז געווען די בעל הבית׳טע פון דאָזיקן הויז און פון דער דאָזיקער מסיבה — די פרוי פון דעם מלוכה־פּרעזידענט, רחל ינאית־בן־צבי.

*

דער דורכשניטלעכער „ותק״ — די קלענסטע צאָל יאָרן זינט דעם באַזעצן זיך אין לאַנד — פון דעם רוב אַנוועזנדע איז געווען 25 — 30 יאָר.

די געציילטע עטלעכע מענער — צווישן זיי דער יושב־ראש פון דער כנסת און דער מלוכה־פּרעזידענט — האָבן זיך די גאַנצע צייט געווערטלט, אַז זיי ווערן דאָ „בטל בשישים״.

אין אַ נאָך קלענערער מינדערהייט זענען דאָ אָבער געווען די פּאָר־שטייערינס פון דער עליה, וואָס איז געקומען אין לאַנד נאָך דער מלחמה און זייער „ותק״ באַטרעפט סך הכל 5—10 יאָר. די סאַמע יינגסטע, די באמת יונגע — זענען געווען די שוין הי געבוירענע מיידלעך, אַ דעלעגאַציע שי־לערינס פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול אין עיינות, וואָס עדה מיימון־פישמאַן האָט זי געשאַפן מיט צענדליקער יאָר צוריק און פירט מיט איר אָן ביזן היינטיקן טאָג.

איינע פון זיי, אַ חנוודיקע תימנעריק, איז געוואָרן פאַרבעטן צום טיש פון פּרעזידענט און די שמחה, וואָס האָט געשטראַלט פון אירע שוואַרצע אויגן, צוליב דער זכיה, איז געווען אין לשער.

אָבער נישט בלויז זי איז געווען גערירט. אויך נישט איינע פון אונדז „יונגע״ בלויז בנוגע דער צאָל יאָרן, וואָס מיר געפינען זיך אין לאַנד, איז געזעסן אויף דער דאָזיקער מסיבה מיטן געפיל פון אַ מין חלום אויף דער וואָר.

וואָרעם אונדזערע אויגן האָבן זיך שוין אַ מאָל אָנגעזעטיקט מיטן גלאַנץ פון קעניגלעכע פּאַלאַצן אין גרויסע הויפּטשטעט און דערנאָך איז אונדז אויסגעקומען צו דערפילן, אַז נישט צו אונדז געהערן אָט די דאָזיקע פּאַלאַצן... און דאָ האָבן מיר געזען — נישט מער — אַ הילצערנעם באַראַק, אָבער מיר האָבן דערפילט, אַז אָט דער הילצערנער פּאַלאַץ פון אונדזער אָרעמען קעניגרייך איז טאַקע אונדזערער.

און דווקא די בכוונדיקע פּשטות פון אָט דעם משכן און פון אָט דעם באַנקעט, האָט ביי אונדז געשטאַרקט דאָס דאָזיקע געפיל. דווקא די באַשיידנ־קייט האָט אימפּאָנירט, מער ווי דער גרעסטער לוקסוס; די רואיקייט, די אינערלעכע זיכערקייט און די געטריישאַפט אָן אַ ברעג.

*

ס׳איז גוט געווען צו זיצן אין דעם הילצערנעם זאַל, אין וועלכן עס האָט געהויזט דער יום־טוב; צו זען די אָנגעצונדענע מנורה מיט די זיבן פלאַמען, וואָס סימבאָליזירן די מדינה; צו באַטראַכטן אויף די ווענט די אָנגעמאָלענע מזלות און די צייכנס פון די שבטים, ווי אַמאָל די הירשן

מיט די לייבן, מיט די פידלען אויפן סופיט פון זיידנס דאָרפס־יידישער קלויז; באַטראַכטן אויף פּאַליצעס די ליימענע און שטיינערנע טעפּ און קריגלעך, אויסגעגראָבענע אין חורבות פון אַלטע ישובים, וואָס מען געפינט איבערן לאַנד.

עס איז כדאי געווען צו זען און הערן צום ערשטן מאָל — דעם אַלטן חלוץ און פאַרברענטן חסיד פון בויען נייע ישובים — **א ב ר ה ם ה א ר צ־ פ ע ל ד**. ער האָט גערעדט אין זיין ספּעציעלן האַרצפעלדישן עברית, געדיכט פאַרבראָקט מיט יידישע ווערטער און ווערטלעך; געלויבט עדה מיימון דערפאַר וואָס „זי״ שיקט „אים״ פון עיינות יעדעס יאָר נייע „גרעינים״ — נייע יוגנט־קעמערלעך, וואָס באַדעקן דאָס לאַנד מיט נייע ישובים.

און קודם כל איז כדאי געווען צו זען זי גופא — עדהן — אַ שטראַלנדע, אַ גליקלעכע, אַזאַ ווי מען קען זי זען גאָר זעלטן, נאָך די אַלע יאָרן פון שווערער אַרבעט; פון דערגרייכונגען און אַנטוישונגען; פון אַזוי פיל גובר און מתגבר זיין.

*

סג׳רה, דגניה, נהלל — עטאַפּן פון דעראָבערן אַרבעט פאַר יידן אין ארץ־ישראל און עטאַפּן פון דעם קאַמף אין קאַמף פאַר דעראָבערן גלייכע רעכט אויף שאַפערישער אַרבעט — פאַר דער פרוי.

עדה מיימון דערמאָנט א מעשה, ווי בחורים, וואָס זענען היינט זיידעס פון אייניקלעך און פירן אָן מיט דער פּאָליטיק פון לאַנד — האָבן איבער־געקערט אַ געצעלט, וואָס די מיידלעך האָבן אויפגעשטעלט פאַר זיך. פאַר עדהן און אירע חברטעס זענען׳ דאָס יוגנט־זכרונות וועגן דעם וועג, וואָס האָט געפירט פון יענעם געצעלט צווישן מאַלאַרישע בלאָטעס, ביז אַהער — צום צריף פון פּרעזידענט אין דער הויפּטשטאָט פון דער אייגענער מדינה.

פאַר אונדז איז אָבער אַלץ דאָס אַ לעגענדע — אַ לעגענדע פון דער צייט, ווען מיר זענען נישט געווען דאָ. מיר זיצן און הערן זיך איין. און עס איז אונדז גרינג אויף דער נשמה און עס איז אונדז שווער. עס איז אונדז גוט און עס איז אונדז אומעטיק.

פון אונדזערע יוגנט־וועגן איז אונדז נישט פאַרבליבן אַפילו דער איינער וועג, וואָס פירט צום בית הקברות און צו קברים פון די נאָענטע. **א ו נ ד ז** זענען אַפילו קיין קברים נישט פאַרבליבן... פון דער גאַנצער מי

און התלהבות, אין וועלכע מיר האָבן אַריינגעטון אונדזערע בעסטע יאָרן, זענען מיר אַרויס צעבראָכן און פאַריתומט, מיט כמעט לײדיקע הענט...

און מיר מאַכן דעם חשבון פון פאַרלוירענע יאָרן און פאַרלוירענע וועגן. מיר קענען נישט צוריקדרייען דאָס ראָד און מיר קענען נישט לעבעדיק מאַכן אונדזערע אומגעקומענע, וואָס וואָלטן אפשר אויך געווען אַהערגעקומען, ווען מיר זאָלן געווען קומען אַהער נישט מיט פינף אָדער צען, נאָך מיט צוואַנציק אָדער דרייסיק יאָר צוריק. זיי וואָלטן דאָ אפשר מיט אונדז צוזאמען געווען געלעבט, געשאַפן און זיי וואָלטן נאָך אפשר אויף דער וועלט געווען. און וואָלטן זיי געווען דאָ געשטאָרבן, וואָלטן אונדז געווען געבליבן קברים, יורשים. און וואָלטן זיי געווען דאָ געפאַלן פון שונאס הענט, וואָלט זייער קרבן נישט געווען אומזיסט און זייער פאַרפריטער אומקום וואָלט געהאַט אַ זין און אַ באַדייטונג און אַ המשך.

מיר קאָנען נישט מער צוריקדרייען די רעדער, נישט צוריקנעמען די וועגן...

און דאָך האָבן מיר, זיצנדיק אין אָט דעם צריף, וואָס איז די רעזידענץ פון אונדזער קעניגרייך — אַפילו זיך אַליין דערזען אין אַ נייעם ליכט. בײאַנייס פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מיר זענען פונקט אַהער געקומען נאָך די אַלע יאָרן; דווקא דאָ געפונען די לעצטע סטאַציע פון אַלע אונדזערע וועגן־אומוועגן, פון אַלע אונדזערע ווײ־און־וואַנדערונגען.

1956

ו. שארית הפליטה

שארית הפליטה

אַלע זענען מיר געווען פאַרשריבן און געחתמעט צום אונ־טערגאַנג.

מי באש ומי במים... ווער פון הונגער און מגיפות, ווער פון קלעפּ און אַרבעטס־פּיין, ווער פון הייס געווער און ווער פון גאַז אין גאַזקאַמערן...

בלויז איינער אויף הונדערט זענען מיר אַנטרונען פון אונטערן תּלינס האַק.

„איינער פון אַ משפּחה — צען פון אַ שטאָט” — אויך דאָס נישט אַלעמאָל.

נישט דערקוילעטע — רופן אונדז שונאים און שאַרפן די העק צו פאַרענדיקן דעם מאָרד.

שארית הפליטה — רופן אונדז יידן און — האָבן אונדז אויך נישט איבעריק ליב...

און פאַראַן צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס זענען היינט להוטער אויף לעבן, ווי פריער. אפשר זוכן זיי אַ טרייסט? און פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן זיך נאָך אַלץ „ראַטעווען” — ראַטעווען זיך פאַרן פּרייז פון יעדן פּרייז...

און פאַראַנען מידע, און פאַראַנען טרויעריקע, און פאַראַנען פשוטע, וואָס עס איז נישטאָ זיך וואָס צו בייזערן אויף זיי.

מיר זענען די געבליבענע פון אַ סעלעקציע, וואָס איז אַדורכ־געפירט געוואָרן נישט בלויז דורך דעם שונא.

מיר האָבן אויפגעהיט דאָס לעבן אין אַ מצב, ווען אַנדערע האָבן עס אויפגעגעבן.

דאַרפן מיר איצט זיין, ווי איבערגעבליבענע זאַנגען אויף אַן אָפּגעשניטן פעלד, צו דינען אַלס שפּייז פאַר באַדערפטיקע.

מיר האָבן זיך דערוואָרבן די הארבע פעאיקייט, אַרומצוגיין

מיט אַ נישט דערשריגענעם געשריי, מיט נישט דערוויינטע טרערן, וואָס שטעכן, ווי נישט אַרויסגעצויגענע קוילן, אונדזער לייב.

מיר זענען געשוווּמען אין די וואַסערן פון מבול, מיר האָבן אַריינגעקוקט אין סאַמע טיפסטן אָפּגרונט — מיט אַזויפיל ברייטער איז געוואָרן אונדזער בליק...

מיר „לעבן"... מיט אַזויפיל טיפער איז אונדזער לעבן, מיט וויפל גרעסער עס זענען געווען די אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע סכנות, וואָס מיר האָבן דעמאָלט גובר געווען; מיט וויפל האַרטער, שווערער, עס זענען די טויטע פונקטן, וואָס מיר זענען גובר היינט.

מיר זענען פול מיט נישט עקזיסטירנדיקע קברים, וואָס מיר האָבן געלאָזן הינטער זיך. מיר ציילן נאָך די יאָרן, וואָס אונדזערע אומגעקומענע קינדער וואָלטן איצט אַלט געווען, ווען עס זאָל מיט זיי נישט האָבן געשען דאָס, וואָס עס איז געשען. ווען מיר זעען איצט נייע יידישע קינדער, דערמאָנען זיי אונדז וועגן די, וואָס זענען נישטאָ. טוען מיר תפילה אין אונדזער האַרצן, אַז עס זאָל זיי נישט פאַרשאַטן. מיר בענטשן יעדע מאַמע מיט יעדן קינד, אַז עס זאָל זיי נישט פאַרשטערט זיין, אַז עס זאָל זיי זיין באַשערט...

אונדזערע פאַריתומטע בליקן זענען פול מיט ברכה פאַר יידיש לעבן. מיט אַזאַ מין ליבשאַפט, וואָס קומט שוין ווי פון יענער זייט גבול.

מער שטילקייט און אויך מער שטורעם — מער ליבשאַפט צום פאָלק.

מיר צעוויגן אונדזער ווייטיק און עס ווערט אונדז גרינגער און עס ווערט אונדז שווערער. גרינג וועט אונדז שוין קיין מאָל נישט זיין.

מיר האָבן שוין צו צענדליקער מאָל איבערגעקאָכט אין אונדזערע געבליטן דעם סם פון אונדזערע דערפאַרונגען, ביז זיי זענען געוואָרן, ווי אַ סערום צו באַשיצן דערמיט אַנדערע יידן פאַר קרענק.

מיר האָבן דעם יידישן בעכער אויסגעטרונקען ביז צום דנאָ.

48. דער וואַלד פון די קדושים

קודם פאַרט מען געַנוג לאַנג מיט אַ שמאָלן אַספּאַלט־וועג, וואָס צווייגט זיך אָפּ לינקס פון דעם כביש ירושלים—תל־אביב. ווי אַ קאַראַוואַן שטאָלענע קעמלען זעט אויס די שורה שמאָלע אויטאָבוסן פון „אגד״. מען שרויפט זיך אַרייַן אַלץ טיפער און טיפער אין דער לאַנדשאַפט, וואָס געוויינלעך זעט מען זי בלויז פון דער ווייטנס.

לופט־פליער־פאַרביק, גרוי־בלוי, אָדער קהאַקי־געל זענען די פעלדזן. נאָך וואַסער־זאַטע, נאָך זאַפטיק־גרינע, שפּראָצן סוף פרילינג צווישן זיי די ווילד־גראָזן. אין אַלע טענער פון ציגל־רויט, ברוין־ראָז און פיאָלעט — שימערירן די אויפגעריסענע, פון רעגן־גוס צעדריוולטע פלאַטן ערד. ווי אין לייכטע געוועבן פון גוטער וואָל קומען דאָ אַלע פאַרבן אַרויס עכט — דער קאָליר פון באָדן, פון די געוויקסן, פון הימל. דערווייל דאָ און דאָרט בלויז, הייבט זיך אָפּ פון געשטיין מיט זיין גרוי־גרינעם, זילבער־ און זייד־גלאַנציקן בלעטערוואַרג דער זית, דער איילבירט — דער בוים פון ישראל.

אַן אייביק קריסטאַליזירן־אַפּאַליזירן, אַן אייביקער לילאַ־דורכזיכטיקער לופט־שלייער ציטערט איבער די בערג פון יהודה.

גאָר אַמאָל זענען דאָ געווען ישובים, באַאַרבעטע פעלדער, וויינגערטנער. דער נאָמען פון דער געגנט איז פאַראַן אין תנ״ך, ער שטאַמט פון די פלישתים: אשתאול. דאָס פאָלק האָט אַוועקגעוואָגלט אין גלות. באַגלייך מיט אַנדערע שטחים איז אשתאול געוואָרן פאַרלאָזן, פאַרוויסט. די ווינטערדיקע שלאַקס־רעגנס האָבן אין משך פון הונדערטער יאָרן אַרויסגעוואַשן און אָפּגעשווענקט, אַוועקגעטראָגן מיט איבערשווענקונגען, דעם פרוכטבאַרן באָדן. אָפּגעדעקט איז געוואָרן דאָס שטיינערנע אינגעווייד פון די בערג. אשתאול איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פעלדזיקן באַרג־מדבר.

דאָס איז דאָס אָרט, וואָס דער קרן־קימת האָט אָפּגעקליבן, כדי צו פלאַנצן אויף אים — אויף אַ שטח פון צענדליקער טויזנטער דונאַם —

זעקס מיליאָןביימער צום זכר פון די זעקס מיליאָן יידן, אומגעקומענע אין די דייטשע מאָסן־הריגות: דעם וואַלד פון די קדושים — יער הקדושים.

*

מיר זענען אַראָפּ פון די אויטאָבוסן. דער וועג צווישן צוויי באַרג־קייטן איז שוין נישט מער ווי אַ שטעג, באַדעקט מיט צעריבענעם געשטיין; אַ קאַריטע פון אַ געבירגס־טייכל, איבער וועלכן עס שטראָמען ווינטערצייט די וואַסערן, וואָס רינען אַראָפּ פון די הייכן.

מען פאַרקערעוועט זיך אַלע ווילע אַ ביסל רעכטס, אַ ביסל לינקס און די מענטשן גייען פּאַמעלעך. איז דאָך דאָס שוין די התחלה פון אַן עולה־רגל־גאַנג, וואָס דאַרף דויערן דורות. דער וואַלד פון די קדושים דאַרף מיט דער צייט אויסוואַקסן אין אַ נאַציאָנאַלן פּאַרק, אין וועלכן די געוועזענע קהילות פון פאַרשידענע גלות־לענדער וועלן האָבן זייערע אָפּטיילונגען. און יעדעס יאָר — אָט אַזוי ווי היינט, כ״ז בניסן — וועט דאָ געפייערט ווערן דער גרויסער טרויער־ און געדענק־טאָג צום זכר פון די קדושים און קעמפער — יום השואה והגבורה.

מיר גייען איבער אַן אַלייע. פוןביידע זייטן וואַקסן שורות אייל־בירטן, וואָס בליען איצט מיט קליינע, געל־גרינע בלימעלעך. זילבער־גרוי און זיידיק־גרין גלאַנצט דאָס יונגע און געדיכטע בלעטערוואַרג — די ערשטע חלוצים פונעם קומענדיקן וואַלד.

איך גיי און איך טראַכט וועגן די ביימער, וואָס וועלן וואַקסן אויף דעם אָרט. ווי הויכע, שמעקנדיקע, וואַקסענע יום־כיפּור־ליכט וועלן מיט טרויע־ריקע פלאַמען ברענען אַרויף, צום הימל, טונקעלע ציפּרעסן. ווי אָנגעצונ־דענע מנורות וועלן הייבן אַרויף זייערע אָרעמס די ברייט־צעצווייגטע אייל־בירטן. ווי דריי־אָרעמדיקע, ריזיק הויכע לייכטער אין אַלטע יידישע שולן אין פּוילן, וועלן זיך ערשט אויבן־אַרומעט צעשפּרייטן מיט זייער גרינעם פּלאַם די גרויסע, פּשוטע סאָסנעס.

כוהנים־פינגער וועלן דוכנען און וועלן בענטשן די עדה. די מצבות פון לוויים און פון פּשוטע ישראלים, וואָס זענען געוואָרן אויסגעריסן פון די פאַרשוועכטע יידישע בית־עלמינס — וועלן דאָ, אין אַ לעבעדיקער געשטאַלט, אויפגעפלאַנצט ווערן פון ס׳ניי. אַלע געשטאַלטן, אַלע סימבאָלן פון מצבות...

*

אין סאַמע האַרץ פון די יהודה־בערג וועלן ווערן אויפגענומען די, וועלכע מען האָט פון אַנדערשוווּ פאַריאָגט. פאַרוואַרצלט אין פעלדזיקן גרונט די אויסגעוואָרצלטע. טיף און שטאַרק וועלן זיך איינקלאַמערן די קאָרניקעס אין אייגענער ערד; געזונט און זיכער וועלן זיך שטרעקן אַרויף די שטאַמען. הענט פון אומצאָליקע בעל־תפילות וועלן ווערן די צווייגן, וואָס וועלן אויסלייגן פאַרן הימל די טענה פון די דערהרגעטע; פלעד־מלעך פון אומצאָליקע נר־תמידן — די בלעטער.

קליינע פייגעלעך וועלן זיך אויסבויען נעסטן אין די קרוינען פון דיביימער און אָדלערס וועלן קומען צו פליען פון זייערע פעלדזן־נעסטן און וועלן קרייזן אין אַן ערך־וואָך איבער דעם גרויסן וואַלד.

בצרור החיים — אין אַ גאַרב פון אייביקן פאָלקס־לעבן מיט די פאַראַ־נענע, וועלן ווערן פאַרבונדן די אַוועקגעגאַנגענע.

דאָס פלאַנצן דעם קדושים־וואַלד איז אַן ענין פון אַן אָרגאַניזירטער אַרבעט, פון טעכנישער פלאַנירונג, פון אַ פינאַנס־בודזשעט. און כאָטש אַזוי — ווען דער פּלאַן וועט ווערן אַדורכגעפירט — וועט ער זיין אַזוי טרויעריק און שיין ווי אַ לעגענדע.

ווי דאָס ליד וועגן דער מוטער, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט דער־וואַרטן אויפן צוריקקומען פון איר זון, וועלכער איז געפאַלן אין שלאַכט. איז זי פאַר וויטיק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויינענדיקער ווערבע. ווי די באַלאַדע וועגן מיידל, וואָס איר באַשערטער איז געשטאָרבן און זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָפּאָליע ביים ראַנד פון דעם וועג, ווו זי איז געגאַנגען אויף אים אַרויסקוקן.

ברייט צעצווייגטע אייקאַליפּטן וועלן זיין די וויינענדיקע ווערבעס און בערעזעס, די ציפּרעסן וועלן ווערן די טאָפּאָליעס פון יענע וויטע לאַנד־שאַפטן. די מוטער ציון, וואָס האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויפן צוריקקום פון די אומגעקומענע זין — וועט איר בענקשאַפט אַריינדאַווע־נען אין די ביימער פון דעם ריזיקן וואַלד.

און די ביימער וועלן שטיין און זיי וועלן אייביק רוישן. און זיי וועלן קדיש זאָגן אין די טעג און זיי וועלן שעפּטשען תהילים אין די נעכט — מיט ליפּן פון קליינע בלעטעלעך.

1953

49. אין די בערג פון אפרים

אַ סך נייע עולים ווייסן ווייניק וועגן אָט דעם גאַנצן ווינקל, וואָס פאַרנעמט זיך לינקס פון דעם חיפער הויפּט־שאָסיי — אַ ווינקל פול מיט גרינס, פאַרפּונדעוועט, באַוואַסערט. הרי אפרים — די בערג פון אפרים — הייסט די געגנט, אָבער די בערג זענען דאָ נישט קיין איבעריק הויכע, נישט קיין משופּעדיקע. אַ גרויסע מילדקייט איז אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן קאַנט אין איינעם אַ שפּעטן האַרבסט־מיטאָג, ווען מיר לאָזן זיך אַהין אַרויס מיט דעם אויטאָבוס פון חיפה.

דער רוב פּאַסאַזשירן קויפן אויס בילעטן צום קיבוץ ג ל ע ד. דער רוב פון זיי רעדט, אַ חוץ עברית, אַזאַ מין שפּראַך, וואָס קלינגט האַלב ענגליש האַלב דייטשמעריש און סך־הכל איז דאָס האָלענדיש.

דער קיבוץ גל עד איז אַ ישוב פון האָלענדישע חלוצישע מעפּילים, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן קיין ארץ־ישראל אין סאַמע ברען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. האָלאַנד איז דעמאָלט געווען אָקופּירט דורך דייטשן און דאָס אַרויסבאַקומען זיך פון דאָרטן איז געווען ווייט נישט פון די גרינגע זאַכן. די טרויער־פּייערונג, צו וועלכער מיר פאָרן, האָט טאַקע דערצו אַ שייכות.

קנאַפּע 150.000 יידן האָבן געלעבט אין האָלאַנד פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — פאַר דער דייטשער אינוואַזיע. די יידן, איינגעזעסענע פון דורות, זענען געווען שטאַרק אַסימילירט, שטאַרק אויסגעהבערט מיט דער האָלענדישער באַפעלקערונג. אויך די יידישע פּליטים פון היטלער־דייטשלאַנד האָבן נישט איבעריק אָפּגעשטאָכן פון דעם פאָן. קיין אַנטיסעמיטיזם איז דאָ כמעט נישט געווען. נישט געווען קיין צוגעגרייטער באָדן פאַר מוסרים און שאַנטאַזשיסטן, ווי אין די סלאַווישע לענדער. און דאָך איז דאָ די צאָל פון די יידישע קרבנות געווען פון די גרעסטע אין אייראָפּע. קרוב 80 פּראָצענט האָלענדישע יידן זענען גע־וואָרן דעפּאָרטירט, פאַרפּייניקט און אויסגעמאָרדעט אין די לאַגערן פון פּוילן און דייטשלאַנד. אויב דאָס האָלענדישע פאָלק איז אָבער פאַר־

שריבן אין דעם יידישן זכרון אַלס איינס פון די, וועלכע האָבן אַמבעסטן אָפּגעגעבן פּרוווּנג בעת דעם בלוטיקן נסיון פון דער דייטשער הער־שאַפט, איבער די 20 פּראָצענט האָלענדישע יידן האָבן זיך דאָך געראַטע־וועט — האָט מען דאָס אין דער סאַמע ערשטער ריי צו פאַרדאַנקען די יחידים, וואָס האָבן אין געוויסע פאַלן באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַר די פּרוּוון צו ראַטעווען יידן פון טויט. אַזאַ איז געווען יאופּ וועסטער־וויל, אַ שול־לערער פון דער פּראָווינץ, אַ טוער פון דער האָלענדישער אונטערערד. דער גורל האָט אַזוי געפירט, אַז ער איז געקומען אין פאַר־בינדונג מיט דעם חלוצים־צענטער אין האָלאַנד, מיט דעם יידישן יוגנט־פירער שושו סימאָן. נאָך שושוס אומקום האָט יאופּ וועסטערוויל גענומען אויף זיך אַ טייל פון זיינע געפערלעכע פונקציעס, געוואָרן דער־ווישט ביים רעטונגס־ווערק, ארייַנגעזעצט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אומגעקומען.

אַזאַ איינע איז אויך געווען ווילהעלמינא וועסטערוויל, וועלכע האָט מיטגעאַרבעט אין דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, גע־האָלפן יידן זיך באַהאַלטן, אָדער אויסאַרבעטן „אַרישע“ פּאַפּירן. זי איז געבליבן לעבן, אָבער פאַרלוירן דערביי איר וווּנדערבאַרן מאַן. אירע פיר קינדער זענען געבליבן אָן אַ פאָטער.

די פאַרבינדונג פון יאופּ וועסטערוויל מיט דער רעטונגס־אַקציע איז געגאַנגען דורך די שילער זיינע, וואָס האָבן געהאַט אַ קלאָרן ציל: גע־שטרעבט אַנצוקומען קיין ארץ־ישראל; אַרבעטן אויפן באָדן, בויען אַ לעבן אויף די יסודות פון פרייהייט און גערעכטיקייט. האָט וועסטערוויל אויסגעפּראָוועט אין וועג איין יוגנט־גרופּע נאָך דער אַנדערער. דורך פיר גרענעצן האָט געפירט דער וועג — איבער בעלגיע, פראַנקרייך, שפּאַ־ניע און ערשט פון דאָרט קיין צפון־אַפריקע, אָדער דירעקט קיין ארץ־ישראל. איין מאָל האָט אַפילו וועסטערוויל אַליין באַגלייט אַזאַ טראַנספּאָרט ביז צו דער לעצטער גרענעץ אין די פּירענייען־בערג. די געזעגענונגס־ווערטער זיינע זענען פאַרבליבן ביי די יונגע מענטשן אין זכרון, ווי אַ מין צוואה. ער איז געווען פאַר זיי נישט בלויז אַ העלפער און אַ רעטער. זיי היטן אויף דעם זכר זיינעם אַלס זייערן אַ גייסטיקן מדריך.

כדי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון יאופּ וועסטערוויל האָבן די חברים פון קיבוץ גל עד פאַרפלאַנצט אויף זיין נאָמען אַ וואַלד. דיביימער זענען שוין אונטערגעוואַקסן, און הייַנטיקס יאָר איז צום יאָרטאָג פון

יאָסף וועסטערוווילס מאַרטירער־טויט געקומען קיין ישראל זיין פרוי. אין וועסטערוויל־וואַלד האָט מען אויפגעשיט אַ סימבאָלישן הויפן שטיינער, מען האָט אָנגעקלאַפּט אַ טאָוול מיט אַ קורצער אויפקלערונג און דאָס גאַר. צו דער אַנטהילונג פון אָט דעם באַשיידענעם דענקמאָל האָט מען פאַר־זאַמלט עולים פון האָלאַנד, פאַרבעטן געסט.

*

דער וואַלד געפינט זיך אויף אַ באַרג. שטייענדיק ביי דעם געדענק־שטיין האָט מען פאַר די אויגן דאָס גרין־זאַפטיקע טאָל, וואָס איז פאַרזייט און באַפרוכפּערט דורך די הענט פון די, וואָס זענען צוריקגעקומען נאָכן חורבן אויף די הייכן פון שבט אפרים.

ביים דענקמאָל רעדן בחורים פון דעם קיבוץ, עס רעדט אַ פירער פון דער האָלענדישער עדה, עס רעדט אַ הויכער, נאָבעלער מאַן — דער האָ־לענדישער געזאַנדטער אין ישראל — פאַרענדיקט זיין רעדע מיט עטלעכע זאַצן אין עברית. ער לייענט נישט די העברעיִשע ווערטער פון קיין פּאַפּיר, ער זאָגט זיי פריי. דאָס, וואָס ער זאָגט וועגן פריינטשאַפט פון אונדזערע קליינע צוויי מדינות, דערוועקט ביים פאַרזאַמלטן עולם אַן אמת וואַרעמען רעזאָנאַנס. אפשר וואָלט די וועלט געהאַט אַ בעסער און מענטשלעכער פּנים, ווען די קליינע פעלקער זאָלן אין איר האָבן מער דעה...

ווי אַ מענטש פון אַ בעסערער, צוקונפטיקער מענטשהייט איז אונדז, אַלנפאַלס, פאַרגעקומען די פרוי ווילהעלמינא וועסטערוויל. „ווילי״ רופן זי מיט אינטימיטעט די חברים פון קיבוץ. מיט אַ טיכל אויסגעבונדן אויפן קאָפּ, אָנגעטון אין אַן איינפאַכן ראָק און בלוזע, כאַפּט פרוי וועסטערוויל אַליין דעם אָנבליק פון אַ קיבוצניצע. נישט מער, זי איז פיל העכער, גרע־סער, ווי אַ דורכשניטלעכע יידישע פרוי פון אַ קיבוץ. הויך, ברייטביייניק און בלאָנד זענען זיי, די מענטשן פון יענעם וויטן מערב־ברעג פון אייראָפּע. פרוי ווילים בלאָנדע האָר זענען שוין פאַרמישט מיט זילבער־גרוי. מען קען זיך פאָרשטעלן, מיט וויפל זון און וואַרעמקייט אַזאַ מין מענטש, ווי יאָסף וועסטערוויל האָט געקאָנט באַשענקען זיין אייגן הויז, וואָס איז געבליבן אויף אייביק פאַרשניטן און פאַריתומט, דערפאַר ווייל ער האָט געהאָלפן יידן. צי וואָלט נישט געווען נאַטירלעך, ביי אָט דער פרוי זאָל בלייבן אַ ווידערווילן צו די יידן, וואָס האָבן זי געקאָסט איר לעבנס־גליק? און דאָ שטייט פאַר אונדז אַ הויכע פרוי, גרוי־בלאָנד און

מיידליש פאַררויטלט. טרערן רינען פון אירע אויגן, בשעת אַנדערע רעדן, אָבער זי ווישט נישט אָפּ די טרערן. זי שמייכלט מיטן שמייכל פון יענע גוטע מענטשן, וואָס באַהאַלטן זייער צער פאַר זיך, ווייל זיי ווילן נישט אָנטון קיין צער עמעצן אַנדערש.

און אָט נעמט זי אַליין אַ וואָרט, פרוי ווילהעלמינאַ. זי איז אַ לערע־רין. זי רעדט אַזוי פשוט און אוממיטלבאַר, ווי זי וואָלט גערעדט צו קינ־דער אין אַ קלאַס. זי בעט די שילער פון איר מאַן: רופט אים נישט מיטן נאָמען „העלד״, מאַכט נישט פון אים קיין הייליקן. איך האָב אים געקאָנט, איך ווייס, אַז ער וואָלט דאָס נישט געוואָלט. ער האָט געטון וואָס ער האָט פאַר אייך געטון, נישט דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ העלד, נאָר דער־פאַר, ווייל אַזאַ איז געוועזן זיין נאַטור. ער האָט ליב געהאַט מענטשן און בעלי־חיים. אַלץ האָט אים אינטערעסירט. ער פלעגט אויספרעגן יעדן איינעם ווי אַרבעט זיך אים, וויפל פאַרדינט ער. מיט יעדן איינעם האָט ער ליב געהאַט איינצוטענהן. צי האָט אַזאַ מענטש געקאָנט טון עפּעס אַנדערש, ווי ער האָט געטון, ווען ס'איז געקומען אַזאַ צייט?

אוודאי האָט ער נישט געקאָנט. דאָס ווייסן מיר דאָך, ווייל ער איז נישטאָ... און אַנדערע האָבן יאָ געקאָנט... עס איז גוט געווען צו זיין יענעם פאַרנאַכט אין קיבוץ גל עד. צו זען פרוי וועסטערוויל און הערן אירע רייד, כאָטש די ווערטער זענען צו אונדז דערגאַנגען בלויז אין איבער־זעצונג.

1954

50. מענטשן וואָס קומען אין יד־ושם

(עדים, זכרונות־שרייבער, אַרויסגעבער פון יזכור־ביכער)

„מיך קאָן גאָרנישט טרייסטן"

בער־דוב איז געווען פון די סאַמע ערשטע „קליענטן" פון ניי־געשאַפענעם גביית־עדות־אָפּטייל פון יד־ושם אין יאָר 1954.

ווען מ ו נ ק אַ ט ש איז באַזעצט געוואָרן דורך אונגאַרן, איז בערל נאָך געווען כמעט אַ קינד, אָבער ווען די דייטשן האָבן אַריינמאַרשירט קיין קאַרפּאַטאָ־רוסלאַנד, פרילינג 1944, אָנגעהויבן אַרויספירן די יידן קיין אוישוויץ, איז ער שוין אַלט געווען קנאַפּע זעכצן יאָר און ער האָט שוין „געטויגט" צו אַרבעט.

ער דערציילט:

„ערב שבועות זענען מיר אָנגעקומען קיין ב י ר ק ע נ ו י. עס האָט זיך אָנגעהויבן די סעלעקציע. די מאַמע איז נאָך געווען יונג, מען האָט זי געוואָלט נעמען צו אַרבעט, האָט זי נישט געוואָלט זיך שיידן מיט דער באָבע. האָט דעמאָלט אויך דאָס יונגערע שוועסטערל נישט געוואָלט בלייבן אָן דער מאַמע, האָט זיי דער דייטש „געטון אַ טובה", געלאָזט זיי גיין אין קוימען אַלע דריי.

מיך און די עלטערע שוועסטער האָט מען גענומען צו דעזינפעקציע. אין עטלעכע שעה אַרום האָבן מיר זיך געטראָפן אין אַ באַראַק שוין איבערגעטוענע אין לאַגער־בגדים, מיט אויסגעקריצטע נומערן אויף די אָרעמס. סימע האָט שוין געהאַט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ און ווען איך האָב זי דערזען, האָב איך איר געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער איך האָב נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון מויל אַ וואָרט. אויך די הענט און פיס זענען מיר געוואָרן ווי פאַרשטאַרצט. איך האָב באַמערקט, אַז סימע וויל אויך עפּעס זאָגן און זאָגט נישט. האָבן מיר געקוקט איינס אויפס אַנדערע און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, דערנאָך געמוזט אַוועקגיין יעדעס אין אַן אַנדער זייט. מער האָבן מיר זיך שוין נישט געזען..."

איצט הייסט בערל — דוב. געקומען אין לאַנד אין יאָר 1947 מיטן „גיוס", געוואָרן לייכט פאַרוואונדעט אין ערשטן קאַמף, שפּעטער מיט אַ גרופּע חבלנים מינירט אַן אַלטערטימלעכן קאַנאַל אונטער דער אַלטשטאָט פון ירושלים און בערל קאָן ביז היינט נישט פאַרשמערצן, פאַרוואָס דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט איז געגאַנגען לאיבוד און אַלט־ירושלים איז געבליבן אין אַראַ־בישע הענט. דוב וויזט מיר די אויסצייכנונג פון דעם באַפרייאונגס־קריג, אַן אינוואַלידן־קאַרטע. ער האָט שוין איצט אַ ווייב מיט אַ קינד, אָבער דער אויספיר איז בערך אַזאַ:

„מיך קאָן גאָרנישט טרייסטן. איך וואָלט וועלן אָפּדינען מיינע טאַטע־מאַמע פאַר דעם גוטס, וואָס זיי האָבן אין מיר געטון, ווען איך בין געווען אַ קינד, און דאָס וועל איך שוין נישט קאָנען טון קיינמאָל"...

דערפאַר איז ער געקומען אין יד־ושם פאַרצייכענען די נעמען, געוואָלט דורכויס מען זאָל פאַרשרייבן, ווי אַזוי ער איז געבליבן אָן משפחה...

דער „איינשטיק"

ל י י ז ע ר ה. שטאַמט פון ק ל אָ ב ו צ ק, אַ צייט לאַנג איז ער געווען מיין שכן אין שיכון. היינט גייט ער געגאַלט, אָבער ער איז אַ פרומער, ער פלעגט פאָרן צום ראַדאָשיצער רבי. לייזער איז דורכגעגאַנגען לאַגערן, געוואָרן געמימתט אויף אַ שרעקלעכן אופן און דאָך אויסגעהאַלטן. דער־פאַר קאָן ער שוין איצט נישט אויסהאַלטן קיין שום זאַך. ער אַרבעט ביי בנין, קלויבט ער זיך אָפּ עפּעס אַן אַרבעט מן הצד. אויך אין דער היים שווייגט ער מער, ווי ער רעדט. זיין צווייטע פרוי, וואָס שטאַמט פון גאַליציע, האַלט זיך אַ ביסל מונטערער. אַ בעל־הביתיש מענטש — קוקט זי אויף דעם נייעם מאַן אין מויל אַריין, קערט פאַר זיינע טריט. און ער עסט אָפּ, לייגט ער זיך „דומען". אין אָוונט ברענט ביי זיי אין שטוב נישט קיין ליכט.

ביז איך האָב איינמאָל ביי לייזערן געפּועלט, ער זאָל מיר דערציילן, ווי אַזוי אַלץ איז געשען. ווען ער האָט סוף כל סוף גענומען רעדן, האָבן זיך ביי אים דאָס קול מיט די ווערטער געטון אַ קאַלטן אויף אין אַ קנויל, ווי האָר אין אַ נישט צעקעמטער באָרד. דער ווייטיק מיט דער שרעקלעכער תרעומות, וואָס ער שטיקט אין זיך יאָרן־לאַנג, זענען נוגע נישט נאָר די

דייטשן, נאָר אויך איינעם אַ ייד, וואָס איז געבליבן לעבן, געפינט זיך אין לאַנד, און לייזער וויל אַפילו מיר זיין נאָמען נישט אויסזאָגן...

צוויי אָוונטן האָט געדויערט זיין מעשה. זי געפינט זיך אין אונדזער זאַמלונג. ווען ער האָט שוין געענקידט, האָט ער זיך נאָך עפּעס דערמאָנט.

דער צוגאָב האָט זיך באַצויגן אויף לייזערס אַ בן עיר, מיט וועלכן ער איז געגאַנגען אין איין חדר. דער לאַגער־דאָקטאָר האָט באַקומען אַ באַפעל צו מאַכן יענעם אַ טויטן־איניעקציע. האָט דער מענטש געוווסט, אַז ער מוז שטאַרבן יענע נאַכט, געבעטן נישט מער, לייזער זאָל נעבן אים זיצן, ביז ער וועט לאָזן די נשמה. און נישט די דאָזיקע איניעקציע קאָן לייזער נישט מוחל זיין דעם דאָקטאָר.

„דאָס האָט ער געמוזט מאַכן — גיט ער מיר צו פאַרשטיין — נאָר פאַרוואָס האָט ער מיך נישט געלאָזט זיצן נעבן אים — דער כלב?! יענער איז, נעבעך, אויסגעגאַנגען אַזוי עלנט און איך האָב נישט געטון זיין ווילן"...

ווען איך האָב לייזערן איבערגעלייענט, וואָס איך האָב פאַרשריבן, האָט זיך אים ביי דער מעשה מיטן איינשטיך באַוויזן אין אויג אַ טרער.

„גלייך האָט איר געטון, וואָס איר האָט דאָס פאַרשריבן — האָט ער זיך אָנגערופן — נאָר שרייבט נאָך צו, אַז מסתמא האָט מיך דער יידישער דאָקטאָר אַזוי־ערנאָך געוואָלט ראַטעווען. איך האָב דעמאָלט געוויגן ביי די פערציק קילאָ. ווען איך רו זיך נישט אָפּ יענע נאַכט, וואָלט איך אַוודאי אויך צו מאָרגנס געווען אַוועקגעפאַלן ביי דער אַרבעט"...

„צווישן קאָסאָוו און קוטעוו שטייט אַ גאָלדענער ברונעם"

..."און ווידער האָט מען געהערט, אַז מען גראָבט גריבער אין שע־פּאַראָוויצער וואַלד. ווידער איז די לופט געוואָרן געדיכט...

ביז עס איז געקומען דער שוואַרצער זונטיק דעם 11טן סעפּטעמבער 1942... ביז ס'איז אָנגעקומען דאָנערשטיק דעם 5טן נאָוועמבער...

...מיר ליגן אין בונקער, די דייטשן צינדן אין הויז נאָכן אַנדערן, דער דאַך איבער אונדז הייבט אָן ברענען. איך נעם די קראַנקע שוויגער אויף די פּלייצעס און לויף אַרויס דער ערשטער, נאָך מיר מיין פרוי, מיינע צוויי ברידער, מיין מאַמע און אונדזער איינציקע שוועסטער — רחל. אין דרויסן פאַרבלענדט דער פלאַם די אויגן און דערצו איז אויך

אַ רעגן און אַ קאַלטער ווינט. איך האָב מיך אויסגעגליטשט אין דער בלאָטע און בין געפאַלן. איך הייב מיך אויף, מיר לויפן ווייטער"...

דאָס איז נישט קיין פראַגמענט פון אַ ליטעראַרישער באַשרייבונג, דאָס איז בלויז אַ פּרשה אויטענטישע זכרונות, אָנגעשריבענע דורך אַ יידן מיטן נאָמען ה ע ר ש פּ. לויט דער בקשה פון דעם קאָמיטעט אַרויס־צוגעבן דאָס ספר קאַלאָמיי.

..."מען האָט שוין מורא געהאַט, נישט געוווּסט פאַר וואָס, מען איז געלאָפן, כאָטש קיינער איז נישט נאָכגעלאָפן"...

צי איז דאָס אַ קללה פון דער "תוכחה"? ניין, דאָס איז אַ פסוק פאַקטאָגראַפיע 1942/43.

אַן אַנדערער ייד פון דער זעלבער געגנט, מיטן נאָמען צ ב י ש. האָט זיינע זכרונות אָנגעשריבן "דעמאָלט" און "דאָרט", געבראַכט קיין ישראל צוויי אַרומגעבראַכטע, שוואַרץ און געדיכט פאַרשריבענע העפטן.

דאָס לשון און די אָרטאָגראַפיע פון דעם יידיש־דייטשן כתב איז אַזוי פאַרציקט, אַז כדי דאָס איבערצולייענען און איבערצושרייבן, האָט זיך געפאָדערט נישט קיין סך ווייניקער געדולד ווי ביים דעשיפרירן אַן אָפּגע־פונענע מגילה פון פאַרצייטנס. עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שפּאַנענדע טרויער־כראָניק פון אַ גאַנצער געגנט. ק אָ ס ו ו און ק ו ט ע ו ו, י אַ ב־ל אָ נ אָ ו ו און פ ע ט ש ע נ י ז ש נ ע, פ י ס ט י ן און ז אַ ב ל אָ ט אָ ו ו, ר ו ז ש אַ נ ו ב און ז ש אַ ב י ע און נאָך שטעטלעך און דערפער פון יענעם איינציקאַרטיקן ווינקל אויף דער מאַפּע פון יידישער לעגענדע און יידי־שער פּאָעזיע. די אַרומגעסמאַליעטע בלעטלעך זענען געשוואָלן פון טרערן און בלוט; אָנגעפּראָפּט מיט נעמען פון יידישע משפחות, מיט די מורא־דיקסטע פּרטים פון יידישע גורלות.

אויף עפּעס אַ בלעטל פון דער כראָניק ווערט דערמאָנט אַ גרופּע דאָרפס־יידן אין קורצע פּעלצלעך, וואָס קומען אָן אין געטאָ קאָלאָמיי מיט זעקלעך תבואה אויף די פּלייצעס.

און אָט זענען פּרטים פון נייע יידישע לעגענדעס פון די קאַרפּאַטן־בערג:

..."ווען די קוטעווער יידן זענען אָנגעקומען קיין קאָסוו, איז פאַר דער עדה געגאַנגען אַ ייד מיט אַ ספר־תורה אויף די הענט. דעם גאַנצן וועג געדאַוונט מיט אַ יעמערלעכן ניגון. ווען דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו קאָסוו, האָט מען אים אָנגעשלאָסן צו די קאָסוווער יידן, און אַלע אין

איינעם זענען געגאַנגען באַרג־אַרויף צום אָרט, ווו ס'האָבן שוין געוואַרט די גריבער"...

אַ ייד אַ מכניס־אורח

...„ווער פון די, וואָס פלעגן פאָרן אין די בערג נאָך קאָסוו, האָט נישט געקאָנט דעם תורה־ייד פון די קאַרפּאַטן מיטן נאָמען מ ע נ ט ש ל — מיט זיין הדרת־פנים, מיט די מעשים־טובים, וואָס ער האָט געטון פאַר יידן און פאַר גויים? יעדן פאַרנאַכט פלעגט ער אַרויסקוקן דורכן פענצטער און אָפּוואַרטן די דורכפאָרער, זיי איינלאַדן צום נעכטיקן, געבן זיי צו עסן און צו טרינקען און נישט נעמען קיין געצאָלטס"...

דעם זעלבן ייד דערמאָנט אין זיינער אַ יידישער דערציילונג פון די בערג דער פּוילישער פאָרשער פון די חסידיש־הוצולישע לעגענדעס ד"ר ס ט אַ נ י ס ל אַ ו ו י נ צ ע נ ץ. אָבער דעם פינאַל פון 1942 לייענען מיר ערשט איצט:

...„בעת די ערשטע הריגות, נאָך פאַרן אַריינקום פון די דייטשן, זומער 1941, האָט מען מענטשלען געשפּאָלטן דעם קאָפּ מיט אַ האַק. זיין טויטן קערפּער האָבן די הוצולן געשלעפּט איבער די גאַסן פון דעם דאָרף"...

פון קורצע עטלעכע שורות ווערן מיר אָבער געוואָר וועגן נאָך אַן אומבאַקאַנטן פאַקט, וואָס איז געשען צווישן די יידן און הוצולן, אָנגע־שטעקטע דורך דעם משוגענעם דייטשן וואָלף־הונט מיט בעסטיאַלישער רציחה. „די הוצולן פון זשאַ ב י ע — דאָס גרעסטע דאָרף פון פוילן — האָבן געוואָלט אַריינטרייבן די יידן אין צווײ הייזער, ביז די דייטשן וועלן זיי קומען נעמען. האָבן זיך די יידן געוואָרפן אויף די הוצולן מיט העק, מיט אייזנס. דאָס געשלעג האָט געדויערט שעהן און עס זענען געפאַלן טויטע פוןביידע זייטן".

„מ אַ מ ע !"

מען לייגט אַוועק די כראָניק און ווי אַן עכאָ ציטערט נאָך אין האַרצן אַן אויפגעכאַפּטער קלאַנג: ...„נאָך דער אַקציע האָט מען געקאָנט באַגע־גענען אַ קליין קינד אַליין, וואָס האָט געזוכט זיין מאַמען. די מאַמע איז שוין געלעגן טויט אויפן באַרג און דאָס קינד איז געבליבן עלנט, אַליין, אַרומגעגאַנגען און גערופן: „מאַמע!"...

דאָס געלעכטער

ש ר ה ג. איז ערשט נישט לאַנג אַלט געוואָרן 50 יאָר, אָבער שוין אַ ריי יאָרן, ווי זי לײַדט אויף הויכן בלוט־דרוק. איך קען זי פון פאַר דער מלחמה, און זי האָט מיר געבראַכט פּרטים וועגן אומקום פון מײַן נאָענט־סטער משפחה אין לעמבערג.

דאָס ערשטע מאָל האָט זי באַקומען דעם לאַך־קראַמף, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון דעם תפיסה־הויף אויף זאַמאַרסטינאָוו, ווו אַ צעיו־שעטער אוקראַיִנישער המון, אונטער דײַטשער קאָמאַנדע, האָט „גענומען נקמה" אין די יידן פאַר די פּאָליטישע אַרעשטאַנטן, וואָס די סאָוויעטישע מאַכט האָט אויסגעשאָסן בעתן ריקצוג אין יאָר 1941. צווישן די אַרעש־טאַנטן האָט זיך געפונען אַ היפּשער פּראָצענט פאַרמלחמהדיקע יידישע עסקנים און חלוצים־יוגנט, וועלכע זענען געזעסן אין די תפיסות פאַר ציוניזם. און איצט האָבן אַנדערע יידן געמוזט באַצאָלן מיטן לעבן פאַר זייער דערמאָרדן. אין אָט דער ערשטער „תפיסה־אַקציע", איז צווישן טויזנטער יידן געהרגעט געוואָרן אין טאַרנאָפּאָל, מיט שטעקנס און אײַזנס דער דראַמאַטורג און פּראָ־סאָוויעטישער שרײַבער אַ ל ט ע ר ק אַ צ י ז נ ע, און אין סטאַניסלאַוווּ דער דיכטער ב ע ר ה אָ ר אָ ו ו י ץ, אַן אוקראַיִ־נישער פּאַטריאָט און איבערזעצער פון אוקראַיִנישער ליטעראַטור.

שרהן האָט מען דעמאָלט מיט אַ סאָדעוואַסער־סיפאָן צעבראָכן עטלעכע ריפּן און דעם נאָז־ביין. זי ווייסט עד־היום נישט, ווו אַרומעט זי האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון תפיסה־הויף, ווו הונדערטער יידישע מענער און פרויען זענען געוואָרן פאַרפּײַניקט אויף טויט. ווען זי איז אַהיים געקומען, האָט זי נישט געוואָלט גאָר נישט דערציילן. זי האָט בלויז — געלאַכט... אין אַ ווינקל מויל פון איר אויסגעמאָגערטן, פאַר דער צײַט פאַרגעלטן פּנים איז, ווי אַ גרימאַס אויף אַ טויטן־מאַסקע, געבליבן אויף שטענדיק פאַרגליווערט אַ רעשט פון יענעם לאַכן...

צווײ בריוו

אָנהייב האַרבסט 1956, ערב דער סיני־אַקציע, זענען אָנגעקומען אין תל־אביבער אָפּטייל פון יד־ושם צוויי בריוו. ביידע פון יונגע מענטשן, ביידע אין עברית.

י ה ו ד ה ל. פון רעננה האָט געשריבן: „פון 15 יידישע משפחות אין

דאָרף ר י ב נ י ק, נעבן דראָהאָביטש, האָבן זיך געראַטעוועט בלויז איך מיט מיין ברודער. איך קאָן געוויי אָנגעבן וועו און ווי אַזוי די יידן פון ריבניק זענען געוואָרן אומגעבראַכט און ווו ס'איז זייער קבר"...

א ב ר ה ם א. פון דאָרף דאָווגאַלישקי נעבן שטעטל ר אַ ד ו ן, ביי דער אַמאָליקער גרענעץ צווישן פוילן און ליטע, האָט געשריבן: „שוין יאָרן, ווי מיך פייניקט דער געדאַנק, הלמאי האָט קיינער נישט אָנגעשריבן, וואָס עס איז געשען מיט די יידן פון ראַדון, די קהילה פון חפץ חיים"...

ביידע האָבן געבעטן אַן עצה און הילף צום פאַרפיקסירן זייערע ידיעות און זכרונות פון דער חורבן־צייט. זיי האָבן דאָס געוואָלט טון וואָס גיכער. די שפּאַנונג אין לאַנד איז דעמאָלט געווען אין לשער. יעדער האָט געפילט, אַז עפּעס מוז געשען: יונגע מענטשן האָבן יעדן טאָג געקאָנט ווערן אַרויסגערופן, נישט זייענדיק זיכער, אַז זיי וועלן צוריקקומען...

דער ערשטער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן, לויט אונדזערע אָנווייזונגען, אַ קורצן און זאַכלעכן באַריכט וועגן אומקום פון די ריבניקער יידן. דער צווייטער האָט מיט אונדזער הילף און דערמוטיקונג, דווקא אין די דעמאָל־טיקע שווער־געלאָדענע טעג און נעכט — קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל — אָנגע־שריבן איינעם פון אונדזערע ווערטפולסטע כתבי זכרונות.

לעבעדיקער אַרכיוו

אָט אַזוי האָבן אויפן רוף פון גביית־עדות־אָפּטייל פון יד־ושם אָנגעהויבן אויפקומען פון זייער פאַרטייעטקייט נייע אויגן־עדות פון י ע נ ע ר צייט. זיי לאָזן שטיין אַן אַרבעט אין מיטן טאָג און זעצן זיך שמועסן וועגן פאַרגאַנגענע, פאַרפאַלענע זאַכן. איז איינער פון זיי אַ צאָן־טעכניקער, אַ צווייטער אַ בוי־וועכטער; איינער אַ שטובן־מאָלער, דער צווייטער אַן אינזשיניער אין אַ בוי־געזעלשאַפט. איז איינע אַ רוימערין אין אַ ביוראָ, די צווייטע אַ קראַנקן־שוועסטער, די דריטע אַ פרוי פון אַ הויכן דיפּ־לאָמאַט פון אַ פרעמדער מלוכה. אין משך פון עטלעכע יאָר וואַקסט אויס אַ רייכע זאַמלונג עדויות פון געוועזענע יידישע דאָקטורים אין געטאָס, אין לאַגערן, אין פּאַרטיזאַנטקע, אין אַרמייען, אין געפאַנגענשאַפט. עדויות פון יידן און אויך פון קריסטן, פון געוועזענע כלומרשטע „אַריער", געוועזענע קאַצעטלער; אַ גרויסער און וויכטיקער אוצר עדויות פון געוועזענע יידישע סאָלדאַטן אין פרעמדע אַרמייען.

ווייסט איינער אַ מערקווירדיקן פאַל וועגן אַ ייד, וואָס איז געווען מאַס־

קירט אַלס פֿאָלקס־דײַטש, גערודפֿט ייִדן — דערציילט אַ צווייטער וועגן אַ ייִד, וואָס איז געווען אַ „רייכסדײַטשער" לייטער פֿון אַ „קריגס־וויכטיקער" אונטערנעמונג און ייִדן געוואָרנט, געראַטעוועט. טאָמער איז דאָס ווייניק, ווערן מיר מיט אַ צייט שפּעטער געוואָר וועגן אַ בחור פֿון לעמבערג, וואָס האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַן ס.ס.־מאַן, אין אַ דײַטשער מאַשין אַרויסגע־שמוגלט ייִדן פֿון לעמבערג קיין דניעפּראָפּעטראָווסק...

וויל איינער דערציילן וועגן מוראדיקע גרויזאַמקייטן, געמיינקייטן פֿון דײַטשן, סלאַוון און אויך ייִדן, הייסט פֿאַרשרײַבן נעמען — וויל אַ צווייטער דווקא אָפּמערקן דאָס פֿײַנטעלע מענטש.

אַפֿילו די, וואָס האָבן באַוויזן צו אַנטרינען פֿאַר די דײַטשע האָרדעס; די וואָס האָבן „בלויז" געוואַנדערט, אַנגעשפּאַרט ווער אין מיטל־אַזיע און ווער — אין סיביר; דערנאָך איינזאַמע צוריקגעקומען אויף די חורבות; זיך טייל מאָל מטפּל געווען מיט די איבערגעבליבענע מאַסן־קברים, אויפֿגעקליבן אויפֿן אָרט ייִדישע דאָקומענטן, פֿאָטאָגראַפֿיעס, ידיעות; דערנאָך געבלאָנדזשעט איבער לאַגערן און ימים צו די ברעגעס פֿון דער נײַער ייִדישער היים — אַפֿילו זיי זענען געליטענע, געפּרוווטע, געביסענע דורך טויזנט הינט.

יעדער — אַן אַוואַנטוריסט אין גרויסן סטיל.
יעדער — אַ וועטעראַן פֿון יענע פֿײַער־ליניעס.
יעדער פֿון אונדז — אַן עדות.

באַנײַאונג פֿון חורבן־פֿאַרשונג, ספּאָנטאַנע דאָקומענטאַציע, מלוכהש־נאַציאָנאַלער אַספּעקט

דאָס, וואָס אין ישראל — און אַזוי ווי אין ישראל — איז אויף דעם געביט נישט געטון געוואָרן אין קיין שום אַנדער לאַנד.

אין מדינת ישראל זענען פֿאַראַן ביים היינטיקן טאָג קרוב אַ האַלבער מיליאָן געראַטעוועטע ייִדן, וואָס זענען געקומען אין לאַנד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה; פֿאַר דעם אַדורכגעגאַנגען די גילגולים פֿון דער חורבן־תקופה אין פֿאַרשידענע לענדער פֿון אייראָפּע — יעדעס לאַנד מיט זײַנע ספּעציפֿישע געשעענישן; יעדע קהילה; יעדע משפּחה און יעדער יחיד מיט זײַן באַזונדערן גורל, מיט זײַנע איבערלעבונגען און אָבסער־

וואַציעס — אַ „באַרג חורבן" און אַ באַרג מיט נאַציאָנאַלע און אַלמענטש־לעכע דערפּאַרונגען.

שארית הפליטה פון די חורבן־לענדער האָבן איינגעוואָנדערט אויך אין אַנדערע יידישע צענטערס, אָבער דווקא אין ישראל האָט די דאָקו־מענטאַציע־טעטיקייט פון יד־ושם געקאָנט באַנייט ווערן מיט אַזאַ געאָ־גראַפיש־טעמאַטישן און כראָנאָלאָגישן פאַרנעם, וואָס איז נישט דערגרייכט געוואָרן דורך קיין שום יידישער אינסטיטוציע פאַר חורבן־פאָרשונג אין קיין שום אַנדער לאַנד. קודם כל האָט זיך דאָ געענדערט דער אידעישער יסוד פון אָט דער טעטיקייט. זי דאַרף זיך דאָ מער נישט רעכענען מיט אַזעלכע אָדער אַנדערע טענדענצן פון פרעמדע פעלקער און פרעמדע רעזשימען, וואָס זענען פאַראינטערעסירט צו פאַרטושן אָדער איבער־טרייבן געוויסע פאַקטן און דערשיינונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער יידן־אויסראָטונג. דאָ האָבן אונדזערע פאָרשער די פולע מעגלעכקייט צו דערגיין דעם היסטאָרישן אמת, אַזוי ווי ער איז געווען. דאָ דאַרף פאַר אונדז גילטיק זיין אונדזער אייגענער, נאַציאָנאַלער מלוכה־אינטערעס.

מער ווי אין אַנדערע לענדער איז אויך ביי אונדז קענטיק דער פאַקט, וואָס די אָרגאַניזירטע דאָקומענטאַציע איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער ספּאָנטאַנער, מעכטיקער דאָקומענטאַציע־באַוועגונג, וואָס איז אויפגעקו־מען אין די סאַמע אַקטיווע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט און פון דעם יידישן פאָלק. דאָס איז די באַוועגונג פון אַרויסגעבן יזכור־ביכער צום אָנדענק פון די אונטערגעגאַנגענע יידישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע — אַ ממש מיסטעריעזע אַנטפּלעקונג פון יידישן היסטאָרישן באַוווסטזיין אין אַ מאַסן־מאָסשטאַב; אַ היסטאָריש אוניקום ביחס צו אַנדערע פעלקער און אַ היסטאָריש אוניקום אין פאַרגלייך מיט אַנדערע תקופות פון דער יידישער געשיכטע. דער סאַמע לעבעדיקסטער שטראָם פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז ביים היינטיקן טאָג קאָנצענטרירט אין מדינת ישראל.

אין דער ראַם פון זיינע ביז גאָר באַשיידענע מעגלעכקייטן, האָט דער גביית־עדות־אָפּטייל פון יד־ושם אין תל־אביב געפּרוווט מיט אָט דער ספּאָנטאַנער דאָקומענטאַציע קאָאָפּערירן און זי מדריך זיין.

און אָט זענען עטלעכע פון אונדזערע ערשטע קליענטן אין אָט דער באַזונדערער געשטאַלטן־גאַלעריע.

אַ יונגערמאַן, וואָס איז געווען אין דער רויטער אַרמיי

חיים מ., אַ מענטש אין די פריע פערציקער, איז געווען פון אונדזערע ערשטע קליענטן. ער איז אַ באַאַמטער אין מועצת פועלי נס־ציונה, אָבער מיט זיין האַרט־פאַרברענטן פנים, אין די קורצע כאַקי־הויזן און אין „כובע טמבל" אויפן קאָפּ, כאַפּט ער גיכער דעם אָנבליק פון אַ טראַק־טאָריסט, אָדער נהג אויף די דרומדיקע ליניעס פון לאַנד. צו שפּעט געבוירן, כדי צו זיין אַ חסיד אָדער אַ מוסרניק, נישט באַוויזן צו קומען ביז דער מלחמה אין לאַנד אַלס חלוץ, טליעט אין אים אַ נישט אויסגעלאָ־דענער דראַנג זיך פאַר עפּעס מוסר נפש צו זיין. אין די מלחמה־יאָרן האָט ער געקעמפט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי אויף די פראָנט־ליניעס צווישן לענינאָ און בערלין, געווען אַ פּאָר מאָל פאַרוווּנדעט. ווען דער קריג האָט זיך געענדיקט, האָט ער זיך נישט דערוואַרט אויף דעמאָבילי־זאַציע, רעפּאַטריאַציע, אַוועק איבער גרענעצן, געוואָרן אַ מדריך אין די לאַגערן פון די־פּי. און דאָ האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַמאָליקע חברים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין וואַלד. דאָ איז ער געוואָר געוואָרן, אַז זיין געבוירן־שטעטעלע לאַכוועס ביים ראַנד פון די פּאָלעסיער בלאָטעס, האָט אַליין געעפנט אַ פראָנט אין קאַמף קעגן היטלערן. געווען דאָרט אַ בחור, ראַכטשין! אַפילו דער ראש פונעם יודענראַט אין דאָזיקן קליי־נעם שטעטעלע — איז געווען פאַר קלויבן געווער, אַוועק אין וואַלד. אין טאָג פון מערדערישן איבערפאַל האָט נאָך אָבער די אָרגאַניזאַציע כמעט קיין געווער נישט געהאַט, און דאָך געוואָרפן די לאָזונג פון ווידערשטאַנד, אונטערגעצונדן די יידישע הייזער, אונטער דער באַריקאַדע פון פייער־בראַנד געשפּאַרט צום טייך. אַ גרויסער טייל איז געוואָרן דערטרונקען, אָדער דערשאָסן, אָבער אַ היפּשע גרופּע האָט באַוויזן אַריבערצושווימען דעם טייך, זיך דערשלאָגן אין וואַלד.

האָט זיך דאָס גאַנצע נישט דערברענטע פייער פון חיימס נשמה אויסגעמישט מיט די פייערן פון לאַכוועס קאַמף, מגולגל געוואָרן אין איין געדאַנק: אויפשטעלן דעם זכר פון קהילת לאַכווע — פון לאַכוועס ווידער־שטאַנד. אַ ריי יאָרן האָט ער אַט דער אַרבעט געווידמעט זיין יעדע פרייע שעה: פאַרשריבן, געקליבן, געאָרדנט אַיעדעס ברעקל כתב, אַיעדעס בילד, אַיעדן בריוו, וואָס האָט זיך אויפגעהיט אַוו נישט איז. אַ קליין שטעטעלע — נישט געווען קיין רייכע לאַנדסלייט אין אַמעריקע. האָט חיים גערופן

אסיפות, געטענהט, געדרשנט, געמאַנט — סיי אָרעם און סיי רייך פון יוצאי לאַכווע האָבן געמוזט באַצייטנס איינצאָלן אויפן בוך צו עטלעכע צענדליק לירות.

קהילת לאַכווע, וואָס איז אָוועק פון דער וועלט אַן איינגעהילטע אין פייער־יריעות פון איר העלדישן ווידערשטאַנד, האָט באַקומען אַ תיקון אין דער ספירה פון יידישן זכרון.

דער לאַנדווירט פון כפר סבא

קיין שום זאַך קאָן נישט צושטאַנד קומען אויף אונדזער וועלט אָן דעם איינעם יידן, וואָס אין ישראל רופט מען אים „משוגע לדבר אחד".

דער איניציאַטאָר פון ספר־לאַנצוט, מ י כ א ל ו ו. איז אַ וותיק אין לאַנד. אפשר איז אַמאָל זיין שטילער חלום געווען שרייבן לידער, שאַפן ביכער און ביז היינט אינטערעסירט ער זיך מיט אַלץ, וואָס קומט פאָר אין די קרייזן פון קונסט און פון ליטעראַטור. איך קען גלענצנד דעם טיפּ יידישן מענטש פון אַנדערע צענטערן. נישט מער, אין ישראל האָט אַזאַ ליטעראַרישער חסיד אַ ברירה צו זיין אַן אייגנטימער פון אַ קליינעם משק, פון אַ לול מיט הינער. דאָס אַלץ ווייסט מען נישט, וואָרום מיכאל איז פון דעם טיפּ עסקנים, וואָס טוען פאַרנאַכלעסיקן די אייגענע געשעפטן לטובת הכלל. בפרט ווען דאָ האַנדלט זיך וועגן אַזאַ באמת הייליקן ציל, ווי אַ יזכור־בוך פאַר דעם שיינעם, קאָלירפולן שטעטל ל אַ נ צ ו ט, צופוסנס פון די קאַרפּאַטן־בערג.

די אַרבעט איז געווען אין גאַנג שוין אין יאָר 1956. מיכאל האָט גערעדט אפשר מיט דרייסיק געראַטעוועטע עדות און אויפגעקליבן אין טעקעס און קאָפּערטן באַריכטן און זכרונות אין יידיש און אין פּויליש, וואָס מענטשן פון לאַנצוט האָבן, לויט זיין איניציאַטיוו, אַליין געשריבן. אויך האָט ער מיר געבראַכט צו טראָגן אַ רשימה פון ווייטערדיקע עדות מיט אַדרעסן און מיט פּרטים, אַ זאמלונג פון פאַרמלחמהדיקע פאָטאָגראַ־פיעס און צווישן זיי אַפילו דאָס בילד פון לאַנצוטער פּריץ, גראַף אַלפרעד פּאָטאָצקי, וואָס האָט, זעט אויס, געוואָלט מקיים זיין די טראַדיציע פון „גר צדק", וואָס לעבט אפשר אין זיין משפחה. פאַר דער מלחמה פלעגט ער טון „צדקה" לטובת די לאַנצוטער יידישע אָרעמעלייט. אויך אין דער צייט פון מלחמה, פון דער ווייטן, געפרוווט קומען לאַנצוטער יידן צו הילף.

וועט ספר לאַנצוט אַ סך געניסן פון פּוילישע מקורות. מיכאל וו. איז נישט דער איינציקער טוער פון אַ יזכור־בוך, וואָס ווענדט זיך צו פּוילישע אַמטן און באַקומט פון זיי אין פּויליש וויכטיקע מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון די יידן אין זיין געבוירן־שטאָט.

יזכור־בוך געשאַפן דורך איין מענטש

בערל־בריהו ל. איז געווען אַמאָל אַ תלמיד אין דער „ציוניס־טישער" ישיבה פון הרב עמיאל אין נאָווע שוויענציאַני. פאַר דעם האָט ער געהערט צו די לוחות־צעברעכער און אויפרודערער פון די פרומע בחורים אין דער ישיבה פון „חפץ־חיים" אין ראַדון. אין יאָר 1936 איז ער שוין געווען אין ארץ־ישראל, אָפּגעאַרבעט יאָרן אַלס לערער, געאַרבעט אין די אַמטן פון קרן־קימת אין תל־אביב. ער האָט אַ זון, וואָס דינט אויף אַ דיפּלאָמאַטישן פּאָסטן און אַ טאָכטער, וואָס איר מאַן איז אַ הויכער אָפיציר אין דער ישראל־אַרמיי. ער געהער צו די אַמיינסטן איינגעוואָרצלטע אין לאַנד און דאָך שוועבן די מחשבות און געפילן פון אַט דעם וותיק אין ווייטן, ווייטן גלותדיקן אַמאָל.

דער קליינער יידישער ישוב יאַקאָוולעוואַ, אין דער געגנט פון פּינסק, איז געגרינדעט געוואָרן אין די צייטן פון מיקאָליי דעם ערשטן דורך אויסגעדינטע קאַנטאָניסטן. די 25 יידישע משפּחות פון דעם אָרט האָבן אין בריהוס צייט געלעבט בעיקר פון מילך־ווירטשאַפט, געליפערט כשרן קעז און פוטער פאַר די פרומע יידישע שטעטלעך פון דעם קאַנט. נישט קיין סך יאַקאָוולעווער זענען זיך צעפאָרן אין דער ברייטער וועלט און פון דעם חורבן גופא איז אַנטרינען בלויז איין איינציק נפש — אַ פרוי, מיטן נאָמען צביה, וואָס געפינט זיך איצט אין קאַנאַדע. ווען בריהו האָט זיך דערוווסט וועגן גרויליקן אומקום פון זיין משפּחה און פון אַלע יאַקאָוולעווער יידן, האָט ער דערפילט, אַז ער איז דער איינציקער מענטש אויף דער גאָרער וועלט, וועלכער מוז אויסטראָגן דעם זכר פון דעם אָריגינעלן יידישן ישוב. נישט געווען צו וועמען זיך צו ווענדן, נישט נאָך געלט, נישט נאָך מאַטעריאַלן. האָט זיך בריהו גענומען צום אויפשטעלן אַ ספר זכרון פאַר דער קאָלאָניע יאַקאָוולעווא מיט אייגענע כוחות.

ער האָט אויפגעקליבן אַלע פאָטאָגראַפיעס פון זיינע נאָענטע און פון די אַנדערע משפּחות. ער האָט אויפגעפרישט אין זיין זכרון אַלץ, וואָס ער האָט פאַרגעדענקט פון זיינע יוגנט־טעג און זיך גענומען שרייבן.

דאָס סאַמע אָריגינעלע פון בריהוס ווערק איז אָבער נישט בלויז זיין אָנשרייבן, נאָר אויך דאָס אויפשרייבן דאָס יזכור־בוך. ער איז נישט בלויז דער פאַרפאַסער, נאָר אויך — ווי אַ סופר פון די ספרי קודש — דער קאַליגראַף, דער טעכנישער אויספירער פון בוך.

בריהו האָט זיך פאַרשאַפט אַ גרויסע צאָל ווייסע און שוואַרצע בלעטער פון בעסטן פאַפיר און אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט גענומען קאָפירן זיין טרויער־פנקס — די פראָזע שוואַרץ אויף ווייס, די לידער מיט ווייסער פאַרב אויף שוואַרץ. אויך די פאָטאָגראַפיעס פון זיין פאָטער, דעם מורה הוראה און פון אַנדערע יאַקאָוולעווער יידן, האָט ער אָנגעקלעפט אויף שוואַרץ פאַפיר און אַרומגערינגלט יעדעס בילד מיט אַן עטרה פון קלאָג־רייד און הסברים. אויף באַזונדערע בלעטער איינגעקלעפט די פאָסט־קאַרטלעך, וועלכע ער האָט דערהאַלטן מלחמה־צייט דורכן רויטן קרייץ; דעם בריוו פון דער געראַטעוועטער פרוי אין קאַנאַדע אויף יידיש און דעם רוסישן בריוו פון אַ שכן, אַ סובאָטניק, וואָס גיט איבער דעם גאַנצן אמת וועגן אומקום פון קהילת יעקב.

אַזוי האָט בריהו געאַרבעט און געשאַפן, אַ מעשה פון צוויי יאָר. „די גאַנצע צייט — דערציילט ער מיר — בין איך געווען אין אַ מין טראַנס".

און דערנאָך האָט ער יעדעס בלאַט פאַרדעקט מיט אַ פרוכת פון דורכזיכטיקן זיידן־פאַפיר. צום סוף איינגעבונדן דאָס גאַנצע אין אַ ברייטן, שווערוואַגיקן טרויער־באַנד — דעם איינציקן עקזעמפּלאַר פון דעם „ספר הזכרון למושבה יעקבלבו".

אַ ביבליאָגראַפישער אוניקאַט, וואָס וועט אַוודאי אַמאָל פאַרנעמען אַן אָרט אין אַ מוזיי, ווי אַן אויסטערליש דענקמאָל פון אַ יידיש האַרץ.

אַ פרוי מיטן נאָמען חנה

ווו דער גואל איז אַ מאַן און ווו דער שליח־ציבור איז אַ פרוי. איך קען אַזאַ איינע און הייסן הייסט זי — חנה א. זי שטאַמט פון קליינעם שטעטל אָזיעראַן אין גאַליצישן פאָדאָליע. געקומען אין לאַנד אַלס חלוצה, געפינט זי זיך דאָ בקרוב דרייסיק יאָר. זי האָט אַ מאַן, וואָס איז געווען אַ מפקד אין הגנה, אַ זון, אַ טאָכטער. ווי ביי אַ סך געוועזענע חלוצים, ברענט אין איר עפּעס אַ נישט אויסגעוועפּטער אימפּעט. אין די לעצטע יאָרן איז איר ענערגיע אַריין אין ספר אָזיעראַן. פאַראַן שמשון ב.

דער מרכז פון בוך, פאַראַן אַ קאָמיטעט און אַ פּאָר מענטשן פון דער פּען, מיט אַ געניטן, אמתן רעדאַקטאָר בראש — אָבער דער כוח, וואָס פאַרבינדט, וואָס רוט נישט און לאָזט אַנדערע נישט רוען, איז זי, חנה. ביי איר אין שטוב געפינט זיך דער הויפּט־שטאַב און דאָס עקזעקוטיוו־ביוראָ. דאָ ווערן אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען און זיצונגען. זיצן שוין די פּני פון דער לאַנדסמאַנשאַפט ביים טיש, מישט זיך חנה כמעט נישט אין דער דיסקוסיע. זי דערלאַנגט די טיי און אַ ספּעציעלן מין הייסע סענדוויטשן פון בראָט־אויוון. איז פון אָט די זיצונגען שוין אויסגעוואָקסן אַ ממשות. פאַראַנען שוין כמעט דאָס גאַנצע געלט און כמעט דער גאַנצער מאַטעריאַל, וואָס דאַרף אַריינגיין אין דעם בוך.

און מיט די זעלבע שאַרפע רייד און שמייכלענדיקע בליקן, מיט דעם זעלבן פייערדיקן אימפּעט, טוט חנה ווייטער מונטערן און ווייטער אונ־טערטרייבן. זי קען זיך שוין נישט דערוואַרטן דעם מאָמענט, ווען זי וועט זוכה זיין צו זען דאָס געדענק־בוך פון איר אונטערגעגאַנגענער היים.

די מוטער פון די געהרגעטע — אַ „יאָרצייט־ליכט" אין אַכט עקזעמפּלאַרן

פייגע פאַניע פישער — די מחברטע, די רעדאַקטאָרין און פאַרלעגערין פון אַ יזכור־בוך — איז געווען אַמאָל אַ לערערין. אפשר האָט זי אַמאָל געשריבן לידער אין רוסיש אין אירע יונגע יאָרן. אָבער נישט אירע אייגענע, נישט עמעצן אַנדערס שאַפונגען אין דער רוסישער שפּראַך, זענען דער שליסל צו איר משפחה־יזכור־בוך. פאַראַן אַ מקור אַ פיל אינטימערער און נאָענטערער — אפשר דער מאַמעס אַ ספרל אין עברי־טייטש, וואָס די השפּעה זיינע דריקט זיך אויס אַפילו אין אַלטפּרענקישן אויסלייג פון דעם „יאָרצייט־ליכט". אַזוי האָט זי אָנגערופן איר ביכל. „דיזעס ביכעלע — שרייבט זי אין דער דעדיקאַציע — איז איין יאָרצייט־ליכט פאַר מיין מאַן און מיינע קינדער, וואָס זענען געווען פאַר מיר די גאַנצע וועלט".

אַממייניסטן איז דאָ אָבער קענטיק די „ליטעראַרישע השפּעה" פון יידישן פאָלקס־ליד — מיט זיינע סטערעאָטיפּישע גראַמען, מיט זיין נישט סטערעאָטיפּישן, עכטן געפיל.

פונקט אַזוי ווי בריהו לעוו, שטעלט זיך אויך פאַניע פישער אָפּ פון

צייט צו צייט אין איר שילדערונג און גיסט אויס דעם ווייטיק אירן אין געבונדענעם וואָרט:

איך האָב איין זון געהאַט — געראָטן, קלוג און פיין,
געהאָפּט האָב איך — מיין קדיש וועט ער זיין.
האָט היטלער־מערדער אַרויסגעלאָזט דעם גרויסן גזר,
פאַרברענט האָט מען מיין קינד אין ווילנע אויף פּאָנאַר.

פייגע־פאַניע האָט אין די סאָוויעטישע צייטן אָנגעפירט מיט קורסן פון רוסישער שפּראַך פאַר יידישע און ווייסרוסישע רעקרוטן, וועלכע זענען געוואָרן צוגענומען אין דער רויטער אַרמיי. ווען די דייטשן זענען געקומען, האָט איר משפחה זי אַרויסגעשיקט פון שטעטל ס ו ו י ר אין אַ ווייטן דאָרף. דער סוף איז געווען, אַז זי, די געוועזענע סאָוויעטישע פונקציאָנערין, איז געבליבן לעבן, און איר מאַן מיט די צוויי קינדער, איר מוטער מיט אַלע אירע שוועסטער און ברידער מיט זייערע משפחות, זענען אומגעקומען. נאָך דער באַפרייונג האָט זי זיך אַרויסבאַקומען פון ראַטנ־פאַרבאַנד, אָפּגעלעגן יאָרן קראַנק אין אַ שפּיטאָל פון „אונררא" אין דייטשלאַנד; דערקייקלט זיך צו דער „טריעסט", אומשטיינסגעזאָגט, פון שילדערן און באַקלאָגן דאָס, וואָס איז געשען.

פאַניע האָט זיך שוין באַנוצט מיט „טעכנישע הילפס־מיטלען" פאַר איר „אויסגאַבע". זי האָט געלאָזט איבערשרייבן די חיבורים אירע אויף אַ שרייבמאַשין, די פאָטאָגראַפיעס פון אירע נאָענטע האָט זי געלאָזט אין דייטשלאַנד אָפּדרוקן אויף קרייד־פּאַפּיר און דערנאָך דאָס גאַנצע געלאָזט איינבינדן אין שוואַרצע טעוועלעך — אַ טרויער־אויסגאַבע אין אַכט עקזעמפּלאַרן.

די פאָטאָ־בילדער פון דעם „יאָרצייט־ליכט" ווערן באַגלייט מיט טרויעריקע פירושים און מיט טרערן־גראַמען. אויף איין פאָטאָגראַפיע זעען מיר איר שיינע טאָכטער מיטן חתן, און דאָס איז דער פירוש פון דער מוטער צו דעם בילד:

אַ בילד פון מיין קינד,
ווי טייער און ליב דו בינסט מיר אַצינד.
איך קוק אויף אים און טראַכט,
איך זע דיך ביי טאָג, איך זע דיך ביי נאַכט...

איך זע דיך איין קליינע, מיט דער קוקלע אין האַנט,
אַלס שילערין — זע איך דיך — מיט די לאַנגע צעפּ און
שוואַרצן באַנד.
איך זע דיך אין דיין פולער פּראַכט צו אַכצן יאָר,
דו שטייסט מיט דיין חתן — איין גליקלעכע פּאָר.
— — — — — — — — —

וואָס איז ווערט מיין לעבן,
אַז איר זענט נישטאָ?

בינה

און נאָך איין פּרוי וויל איך דערמאָנען אין אָט דער גאַלעריע.

בינה ש. שטאַמט פון וואַרשע. זי איז געווען אַ שילערין פון דער יידישער פאָלקסשול אויף קראָכמאַלנע. זי האָט אַ מאַן, וואָס אַרבעט אין ועד הפּועל פון דער הסתדרות, אַ טאָכטער מיט אַ מאַן און קינדער אין אַ קיבוץ אויף דער גרעניץ, אָבער אין איר האַרצן טליעט נאָך אַ ניצוץ פון דעם פייער, וואָס האָט געוואַרעמט די אָרעמע לערן־זאַלן פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אויף קראָכמאַלנע, צי אויף טוואַרדע; דאָס וויסן און דער יחס צו יידיש לשון, וואָס זי האָט פון דאָרט אַרויסגעטראָגן. זי איז די איבערשרייבערין — בעסער געזאָגט די פאַר־רעדאַקטאָרין — פון די מאַטעריאַלן פאַר אַ סך יזכור־ביכער. זי איז אַ מומחה אויף דעשיפרירן דעם סאַמע פאַרציקטן כתב און דאָס סאַמע רויע לשון. זי פירט עס אַריין אין דער ראַם פון אַן איינהייטלעכער אָרטאָגראַפיע, פון אַ מינימום גראַמאַטי־קאַלישע און לאָגישע קאָרעקטקייט. מיט אַן אַ שיעור געדולד, מיט ווייבע־רישער פּעדאַנטעריע, מיט פיעטעט און מיט רחמנות טוט זי די דאָזיקע עבודה. דאָס מיט יידישן בלוט און טרערן אָנגעלאָדענע שטאַמלען פון פשוטע פאָלקס־מענטשן ווערט פאַרשטענדלעך און צוגענגלעך אונטער די שוועסטערלעכע און מוטערלעכע פינגער פון בינהן, וואָס לויפן איבער די טייסטערס פון אַ יידישער שרייבמאַשין.

אויך דאָס איז ישראל.

1958

51. יידן פון די וועלדער

צווישן די אזכרה־צוזאַמענטרעפן אין ישראל טיילן זיך אויס די באַ־געגעגענישן פון געוועזענע פּאַרטיזאַנער מיט אַ ביסל אַן אַנדערן נוסח. אויך דאָ ווערן געצונדן יאָרצייט־ליכט, ס'ווערן דערמאָנט די אומגעקומענע, און דאָך איז די שטימונג דאָ אַ העלערע, אַ מער באַהאַרצטע.

אָט די יידן האָבן זיך אין אומקום־צייט אַרויסגעריסן פון פּאַרצוי־מונגען און מויערן. אמת, זיי זענען אַנגעקומען אין די וועלדער אַנטרו־נגעע פון שחיטות און פון מוראדיקע אומגליקן און אויך דאָ האָבן אויף זיי געלויערט הונדערטער סכנות און דערשיטערונגען, און דאָך האָבן זיך דאָ די שאַנסן אויסגעגלייכט אַ ביסל. דאָ האָט מען אויך פּאַר זיי מורא געהאַט. דאָ האָט דער ייד באַוויזן, אַז ער קאָן נעמען אַ שווערע, שרע־קלעכע נקמה פאַר יידיש פאַרגאָסן בלוט.

אַחוץ מוט און קאַמפּס־פייער האָבן יידן באַוויזן אין די וועלדער אויך פקחות און פאַך־קענטעניש, אָרגאַניזאַטאָרישע איניציאַטיוו.

*

תחילת זענען די באַגעגענישן פון די געוועזענע „ביעלסקער", ווי אויך פון די אנשי באַראַנאָוויטש געווען אַ ביסל שטייפלעך, העברעיש אָפיציעל. ערשט נאָכן „אָפיציעלן טייל" זענען זיי געוואָרן מער אויפגעבונדן און היימישער; יידישלעך פריילעכער.

אין תל־אביב האָט זיך אָפּגעזוכט עפּעס אַ שריד ופליט פון דער אַמאָליקער באַראַנאָוויטשער קאַפּעליע, געבראַכט צו טאַשטשען אַ גרויסע פויק און נאָכן אָפּשפּילן די אָנגענומענע אָפיציעלע הימנען און מאַרשן, האָבן אָט די קלעזמער גענומען האַקן די אַמאָליקע שלאַגערס פון פוילן און ראַטנפאַרבאַנד, געמישט מיט די היינטיקע מעלאָדיעס פון לאַנד ישראל.

דאָס איז געווען אין אַ זאַל אויף רחוב לעווינסקי אין תל־אביב, ווו עס ווערן ס׳רוב געפּראַוועט חתונות.

אַן אַנדערע מסיבה איז פֿאָרגעקומען אין די גאָר הייסע טעג אין רמת־גנער גאָרטן־זאַל פֿון בית־התרבות. דאָ האָט נאָך די רעדעס און אַפּעלן געזונמען צושפּילן אַ בחור אויף אַן אַקאָרדעאָן. אַמאָל איז ער געווען אַ ליבלינג פֿון די וואַלד־יידן און וואַלד־גויים, היינט איז ער אַ פּאָפּו־לערער לידער־זינגער פֿון דער ישראל־אַרמיי. זיין ספּעציאַליטעט זענען רוסישע לידער. ביי אַט דעם עולם וועקן זיי אַזוי פיל זכרונות.

פֿון שפּילן און פֿון זינגען, ביז צום טאַנצן, איז שוין נאָר איין טריט. און אַט שטייט אויף נאָך איינער, אַ מין מאָדערנער מאַרשעליק, אַ פּאַר־ווילער און קאָנפּעראַנסיע. נישט געקוקט אויף דער היץ, גייט ער אָנ־געטון אין גאַלאַ־שוואַרץ, ער קאָמאַנדעוועט און דיריגירט און דווקא אין עברית. ער רופֿט אויס:

— „מפקד ביעלסקי מיט זיין פרוי טרעטן אַרויס אַלס דאָס ערשטע פּאָר צו אָנהייבן דעם טאַנץ!״

צוויי הויכע געשטאַלטע טרעטן אַרויס, צעוויגן זיך אַ ווילע אין אַ לאַנגזאַמען ריטעם, אויף יוצא זיין. נאָך זיי לאָזן זיך ווייטערדיקע פּאָרן — שוין גערנער, לעבעדיקער, מיט טעמפּעראַמענט.

אַ חסידישער מנהג: טרינקען אַ גלעזל משקה לתיקון הנשמה...

אין רמת־גנער גאָרטן־זאַל האָט זיך אין אַ הייסן מוצאי־שבת צו האַל־בער נאַכט אָנגעהויבן אַ פּאַרטיזאַנער־באַל.

*

מיר ווייסן ווער ס׳איז טוביה ביעלסקי, דער אומגעקרוינטער קעניג און פּאַרטיידיקער פֿון יידן אין די ווייסרוסישע וועלדער. טוביה און אויך זיין ברודער זוסיע, דער אָנפֿירער פֿון דעם באַוואָפֿנטן כוח אין ביעלסקיס וואַלד־חבורה, זענען ביידע הויך געוואַקסן, העכער מיט אַ קאָפּ פֿון מיטל־ווּקס. טוביהס פּנים שטראַלט מיט רואיקער געלאַסנקייט. לויט זיין היינ־טיקער פּרנסה אין לאַנד ישראל איז טוביה אַ שאָפֿער. ער איז צו הויך, צו גלייך געוואַקסן. ער נעמט נישט קיין איינציק מאָל די טענער פֿון אַ פּראָפֿעסיאָנעלן העלד.

געווען אין וואַלד נאָך אַ דריטער ברודער, וואָס איז געפֿאַלן דערנאָך אַלס סאָלדאַט אונטער קעניגסבערג; געווען אַ פערטער, וואָס געפֿינט זיך

— דאַכט זיך — אין אַמעריקע. דאָס איז אַ שיינע און ביז גאָר אינטע־רעסאַנטע מעשה וועגן אַ טאַטן אַ מילנער און וועגן זיינע זין, ווי די לייבן, וואָס האָבן קיין איין חודש נישט געוואָלט ליידן אונטערן דייטשן שטיוול, אַנגעקליבן אַ חברה און בעסער אַליין גענומען דעם דייטש דערלאַנגען קלעפּ. די דאָזיקע מעשה קאָן מען לייענען אין זייער גוטן ביכעלע „יהודי יער", צונויפגעשטעלט פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה דורך דעם העב־רעישן שריפטשטעלער בן־דוד, וואָס איז דערנאָך אַליין געפאַלן אין באַ־פרייאונגס־קריג. מיר לייענען אין דעם ביכל, ווי אַזוי ביעלסקיס חבורה איז זיך צעוואַקסן, אויפגענומען נישט בלויז יונגע בחורים, פעיקע צום קאַמף — אויך אַלטע מענטשן, פרויען, קינדער, גאַנצע משפחות. אַפילו יידן האָבן נישט אַלע געוואָלט פאַרשטיין, אַז מען מוז נעמען אויף זיך די שוועריקייטן און סכנות פון אַ גרויסער „נישט אָפּעראַטיווער" מחנה. אָבער טוביה האָט דאָס יאָ פאַרשטאַנען. זיין אינסטינקט, זיין יידיש האַרץ האָט אים דיקטירט, אַז מען דאַרף ראַטעווען וואָס מער, באַשיצן שוואַכערע. וויפל איינפאַלן און דיפּלאָמאַציע האָט דאָס געפאָדערט אין יענער קאָמ־פּליצירטער דזשונגל־וועלט, אין וועלכער אַפילו דער פריינט האָט זיך יעדע רגע געקאָנט פאַרוואַנדלען אין אַ שונא. אין דער לעצטער פאַזע איז ביעלסקיס מחנה אויסגעוואַקסן אין אַ אמתער פאַרטיזאַנישער פאַר־זאַרגונגס־באַזע, אין אַ יידיש וואַלד־שטעטל, ווו מען האָט אויסגעאַרבעט פעלן, שיך, מלבושים; אויפגעבויט אַ שול צום לערנען און אַ שול צום דאַווענען, אַ באַד, אַפילו אַ — תפיסה. סאָוויעטישע גענעראַלן זענען גע־קומען זען, באַוווּנדערן ביעלסקיס מדינה. עמעץ האָט געגעבן אָט דעם פאַרטיזאַנער־שטעטל אַ זייער פשוטן נאָמען: ירושלים! נאָך דער באַ־פרייאונג האָט ביעלסקי אַרויסגעפירט פון אָט דעם „ירושלים" 1200 גע־ראַטעוועטע יידן.

און פונקט דאַרף ער הייסן טוביה — אָט דער דאָרפס־ייד, ווי דער טוביה פון שלום עליכמען. ער האָט אַפילו ליב צו נוצן „פסוקים". גיכער פון אַלץ איז ער אָבער אַ גילגול פון אַן אַנדערער יידיש־ליטעראַרישער געשטאַלט: פון זלמן שניאורס נח פאַנדרע — אַ נח פאַנדרע פון די וועל־דער. אוודאי האָט זיין האַנט געמוזט זיין האַרט נישט איין מאָל. אַוודאי האָט ער זיך געפירט ווי אין מלחמה־צייט און עס גייען אים נאָך ביז היינט פאַרשידענע טענות. ער האָט אָבער אין נויטן און אבלאַוועס זיין מחנה נישט פאַרלאָזט — אַרויסגעפירט זי מיט אַ שטאַרקער, קלוגער האַנט פון אַלע

נויטן — אַן עדה מענער מיט פרויען, טאַטעס מיט קינדער, אַפילו זיידעס. קיין מאָל זענען העלדן קיין צדיקים נישט געווען — אַפילו נישט די פּאַרצייטיקע מלכי ישראל...

*

און אַט זעט מען אויף אַלע די פאַרזאַמלונגען אַנדערע כאַראַקטעריס־טישע געשטאַלטן פון די פּאַרטיזאַנישע שארית הפליטה.

אַט איז דער שטאָלץ און די סימפּאַטיע פון אַלע יידישע פּאַרטיזאַנער: ב ר ו ך ל ע ו ו י ן, דער באַרימטער אויפרייסער פון דייטש־מיליטערישע „עשאַלאָנען". אַט איז אַ יונגערמאַן מיטן צונאָמען „לאָמיי פּאַסודו". אַזאַ לאַזונג האָט זיך אים אַרויסגעכאַפּט ביים איבערפּאַל אויף אַ דייטשן צוג און געבראָכן האָט ער נישט בלויז כלים, ער האָט געבראָכןביינער. נאָך אַ ייד מיט שוואַרצע וואָנצעס איז אַ קאַוואַליר פון לענין־אָרדן. די האַנט וואָס פעלט אים, איז דאָרט אין וואַלד „אַפּערירט" געוואָרן מיט אַ זעג... נאָך אַן אינוואַליד, אַ יונגער מענטש, וואָס טראָגט זייער געשיקט זיין פּראָ־טעזע, האָט דעם פוס פאַרלוירן שוין דאָ אין לאַנד, ביים אָפּשלאָגן די פּעס־טונג עיראַק סואידן. און אַט איז אַ שטייגער דער שעף פון געזונטהייטס־דינסט אין צבא הגנה לישראל ד"ר ע צ מ ו ן. אויך דאָרט אין וואַלד האָט ער געטון מעדיצינישע אַרבעט, אָרגאַניזירט שפּיטעלער.

אין דער צענטראַלע פון אַ גרויסער פּאַרטיי, אין פּרעזידיום פון אַלע מסיבות, זיצט אַ ייד, וואָס האָט „דעמאָלט" און „דאָרט" אָרגאַניזירט די יוגנט אַרויסצוגיין אין וואַלד און אויך איצט, דאָ, געהער ער צו די אָרגאַני־זאַטאָרן פון אַ מין נייער „פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג" ביי אונדז אין לאַנד — אַ באַוועגונג פון צונויפשליסן אין איין פאַרבאַנד אַלע געוועזענע יידישע קעמפער פון די געטאָס און וועלדער. און אַט איז דער היסטאָריקער־פּיאָ־נער פון דער יידישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג מ ש ה ק אַ ג אַ נ אָ ו ו י ט ש, אַט איז „דיאַדיאַ מישאַ" ־ גילדעמאַן — איר בעלעטריסט. אַט זענען די דיכטער פון די וועלדער א ב ר ה ם ס וּ צ ק ע ו ו ע ר און א ב א ק אָ ו ו ־ נ ע ר, און אַט איז דער מאָלער פון די יידן אין די וועלדער א ל כ ס נ ד ר ב אָ ג ע ן. די בילדער זיינע, וואָס הענגען אויף די ווענט פון זאַל, זענען טיילווייז געמאָלן געוואָרן נאָך דאָרט אין וואַלד. אַט איז דער טאַלענטירטער שריפטשטעלער פון די רעליגיעזע קרייזן, געוועזענער פּאַרטיזאַן י ח י א ל ג ר אַ נ אַ ט ש ט י י ן.

איך טרעף אויף דער מסיבה אַ פּריינט, וואָס איך קען אים פון מיין אַרבעט אין יד ושם — דעם מחבר פון זייער ווערטפולע זכרונות, מ ר ד כ י ז י י ט ש י ק. ער איז אַן אַבסאָלווענט פון „אָרט"־טעכניקום אין ווילנע און די קענטענישן, וואָס ער האָט פון דאָרט אַרויסגעטראָגן, האָט ער באַנוצט אין וואַלד צום קאָנסטרואירן „זיעמליאַנקעס".

צו איינער פון די מסיבות איז געקומען פון חיפה די פרוי און העלפערין פון ד"ר ש מ ו א ל אַ מ אַ ר אַ נ ט. ער איז געווען דירעקטאָר פון אַ תרבות־גימנאַזיע אין ווילנע און אויך אין ישראל איז ער טעטיק פּעדאַגאָגיש אין די מיטלשולן. זיין פאַך איז היסטאָריע. האָט ער זיצנדיק אין וואַלד, אין ביעלסקיס מחנה, פאַרצייכנט עדויות, אָנגעקליבן אַן אַרכיוו מיט היס־טאָרישע מאַטעריאַלן, וואָס זענען אָבער, לײדער, נאָך דער באַפרייאונג גע־וואָרן קאָנפיסקירט אין שייכות מיט זיין טעטיקייט פאַר דער בריחה.

אפשר וועלן זיי נאָך ווערן אָפּגעפונען — אָפּגעוווּנען — ווען נישט איז...

ווער קאָן דאָס אָבער זיין דער שרעקלעך היימישער ייד פון אַלע שטעט־לעך, וואָס דרייט זיך דאָ אַרום, מעשה מחותן, מיט זיין גרויען בערדל? איך ווער געוואָר, אַז זיין אויפגאַבע אין ביעלסקיס „ירושלים" איז געווען צו פאַרבריצירן וווּרשט. מען פלעגט אים ברענגען צו פירן געשאָכטענע אָקסן און אַנדערע כשרע און נישט כשרע בהמות און ער פלעגט דאָס אומקערן צוריק אין דער געשטאַלט פון כלערליי געוויכערטע אויסאַרבעטונגען. אויך דאָס איז געווען אַ פונקציע, וואָס האָט געגעבן חשיבות און עקזיסטענץ־באַ־רעכטיקונג ביעלסקיס חבורה אויפן שטח פון די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער איינהייטן.

צי בין איך דען אָבער אין שטאַנד אויסצורעכענען יעדן איינעם? — בפרט וואָס ווייס נישט אַלע, אַפילו פון די מער מאַרקאַנטע פּאַרטיזאַנען־פיגורן, זענען מיר באַקאַנט.

די געוועזענע פּאַרטיזאַנער זענען אַ כוח אין ישראל — אַ כוח, אַ קאָליר, אַ פעסט און וואַרעם יידיש האַרץ!

1954

52. דאָס וויגליד

יאָסימאַ

ווען זי זאָל געווען בלייבן לעבן, וואָלט זי איצט אַלט געווען 20 יאָר. זי וואָלט אוודאי געווען דער ליבלינג פון מיליאָנען מענטשן אויף דער גאָרער וועלט.

יאָסימאַ פעלדשו — די 11יאָריקע פּיאַניסטין פון וואַרשעווער געטאָ.

זי איז געווען באַשאָנקען מיט אַלע פעיקייטן, וואָס זענען נייטיק, כדי אַ מוזיקאַלישן טאַלאַנט צו פאַרוואַנדלען אין אַ פריידיק־מעכטיקן קענען, אין אַ שפּילערישער שפּע פון שיינקייט און קראַפט.

איר מוטער — אַליין מוזיקאַליש באַגאַבט און מוזיקאַליש געבילדעט — האָט זי שוין אין פינפטן לעבנסיאָר אַוועקגעזעצט ביים קלאַוויר און זי גענומען לערנען. נאָך פאַר דער מלחמה האָבן זיך מיט יאָסימאַן פאַר־אינטערעסירט חשובע וואַרשעווער מוזיקער. אין דער מלחמה־צייט, אין פאַרמאַכטן געטאָ, האָט זי ווייטער געלערנט, געאיבט.

זי האָט שוין נישט בלויז באַהערשט דעם אינסטרומענט, נישט בלויז גאַנצע ווערק געדענקט אויסנווייניק. זי האָט אינטערפּרעטירט שאָפּען, מענדעלסאָן, טשייקאָווסקי, קודם כל מאָצאַרט. אין יאָר 1942 האָט זי אויך שוין אָנגעהויבן שפּילן בעטהאָווען, געוואָרן באַהאַוונט מיט באַכן.

דער קאָנצערט עס־דור פון מאָצאַרטן, אין וועלכן יאָסימאַ האָט זיך אַנטפּלעקט פאַרן עולם אַלס שיר נישט רייפע סאָליסטין — איז פאָרגע־קומען מיט אַ יאָר פריער.

*

און אָט איז פּלוצלינג געקומען אַזאַ צייט, ווען יאָסימאַ האָט גענומען אַליין פאַרפאַסן מעלאָדיעס.

עטלעכע טיטלען פון יאָסימאַס שאַפונגען: „טרויער ביים ברעג פון

טייכל", „אַ פייגעלע דערציילט", „אַ באַל פון פייגעלעך", „דאָרפס־כלי־זמרים", „מעלאָדיע פון אַ וואַסערטראָפּן".

געווען נאָך עטלעכע מאַזורקעס, אַ קויאַוויאַק, אַ וואַלס און קודם כל 5 מעלאָדיעס, וואָס יאַסימאַ האָט „אויסגעטראַכט" אונטער דער השפעה פון שבתדיקע זמירות, פון דעם פרומען ברומען און „באָמקען" מאָטיוון פון תפילות, וואָס זי האָט געהערט אין יידישע שטיבער. די מוטער האָט די זאַכן אַ נאָמען געגעבן „סאַבאַטיאַדן" און מוזיק־מבינים זאָגן איצט, אַז די זאַכן זענען ווערטפול און אָריגינעל.

*

די לאַגע אין געטאָ איז געוואָרן וואָס אַ מאָל געפערלעכער. די שפּאַנונג וואָס אַ מאָל גרעסער. אַ פּאָר וואָכן פאַרן גירוש זענען אָנגעקומען פון דער אַרישער זייט פאַרשלאָגן אַרויסצונעמען יאַסימאַן פון געטאָ. דערפון איז גאָרנישט געוואָרן. די מוטער איז פשוט נישט געווען ביכולת זיך צו שיידן מיט איר קינד.

און ווען די „אַקציע" האָט זיך אָנגעהויבן, איז אויף דער מוטער געפאַלן הימל און ערד. דער ממש וואַנזיניקער חשק צו פאַרהיטן יאַסימאַן האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זי האָט זי געהיט פאַר פאַרקילונג בעתן זיצן אין די באַהעלטענישן. ביים לויפן פון איין אָרט אויפן אַנדערן האָט זי געהאַלטן אין איין אַרויפציען אויפן קינד סוועטערס, שאַלן, וואָלענע קליידלעך. סוף יולי, אויגוסט, אָנהייב סעפּטעמבער 1942 — ס'איז נאָך געווען וואַרעם — יאַסימאַ האָט זיך איבערהיצט, באַקומען אַ לונגען־אָנצינדונג.

זי איז געזונט געוואָרן. קיינער האָט נישט געוווסט, אַז די קראַנקייט האָט געלאָזט אין די יונגע לונגען געפערלעכע שפּורן. אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז די גאַנצע משפּחה אַרויס אויף דער אַרישער זייט, זיך באַהאַלטן אין אַ קליין דערפל פּוסטעלניק, נישט ווייט פון וואַרשע.

יאַסימאַ איז אויסגעוואַקסן איבער דער צייט, באַקומען עפּעס אַ מאָדנע לענגלעך, בלייך פּנים, אַ פאַרשפּיצטע נאָז. מיר האָבן אַלע שלעכט אויסגעזען אין יענער צייט. אויפן נייעם פּאָן האָבן זיך ערשט בולט געוואָרפן אין די אויגן די שפּורן פון אונדזערע מוראדיקע איבערלעבונגען אין משך פון לעצטן האַלבן יאָר. וואָס איז זיך געווען צו חידושן אויף יאַסימאַן? מען האָט ביי דעם קינד צוגענומען אַלץ, מיט וואָס זי האָט געלעבט

ביז אָהער. די היים, דעם אינסטרומענט, די מינימאַלסטע באַוועגונגס־פרייהייט! און ביז מען האָט זיך אומגעקוקט, אַז יאָסימאַס שלעכט אויס־זען מוז האָבן אַ ספּעציעלע סיבה, אַז זי הערט נישט אויף צו הוסטן, ביז מען האָט זי באַוויזן מיט אַ פּויליש מיידל צו שיקן קיין וואַרשע צו אַ דאָקטאָר — האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אירע לונגען געפינען זיך אין דער לעצטער סטאַדיע פון שווינדזוכט — אַ פאָרעם פון טובערקולאָז, וואָס האָט גראַסירט אין געטאָ ביז דער אויסזידלונג, נישט ווייניקער געפערלעך, ווי די טיפוס־מגפה.

*

הינטער פון דרויסן פאַרשלאָסענע טירן און פאַרהאָנגענע פענצטער האָט זיך אָפּגעשפּילט די שרעקלעכע צעשיידונג צווישן די עלטערן מיט דער איין און איינציקער טאָכטער. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי שטאַרבט. זיך געזעגנט. מען האָט פון דער שטוב אַרויס נישט געטאָרט הערן קיין העכער קול, קיין געוויין, קיין שאָרך...

ערשט ביינאַכט, אין דער פינצטער האָט מען געקאָנט אַרויסטראָגן דעם אויסגעצערטן גוף. די בעלי־בתים האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל זי אָפּטראָגן צו אַ נאָענטן זומפּ, צובינדן אַ שטיין און — דערטרינקען. מען האָט געפּועלט, אַז מען זאָל זי באַגראָבן.

אָן אַ קאַסטן, אין דער פינצטערער נאַכט, אין גערטל הינטער דער שטוב, האָט מען זי קובר געווען. אין אַ פּידזשאַמעלע, אין דער רויער ערד, אונטער אַ ביימעלע, אין אַן ענג גריבעלע. אָט אַזוי ווי קינדער באַגראָבן אַ געליבט קעצעלע, אַ טויט פייגעלע.

*

די מוטער, די פאַסיאָנירטע, וואָס יאָסימאַ די קינסטלערין איז געווען איר ווערק, האָט נישט געקאָנט בלייבן לעבן מיט די פאַרוואָרפן, וואָס זי האָט זיך געמאַכט, אַז זי האָט זי אַליין פאַרשפּילט. עס האָט קיינעם נישט געוווּנדערט, ווען מען איז אין אַ קורצער צייט אַרום געוואָר געוואָרן, אַז אויך זי לעבט נישט מער.

מען האָט זי באַגראָבן אויף דעם זעלביקן אופן ווי יאָסימאַן.

עס זענען אַוועק יאָרן. ווען עס איז געקומען די באַפרייאונג, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז יאַסימאַס פאָטער איז געבליבן לעבן. גאָר אין גיכן, איינער פון די ערשטע, אַוועק מיט דער אומלעגאַלער עמיגראַציע איבער רומעניע קיין ארץ־ישראל. די גופים פון יאַסימאַ און איר מוטער זענען געוואָרן עקסהומירט און איבערגעפירט אויפן וואַרשעווער בית עולם.

איידער איך בין געקומען אין לאַנד האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיין קוזין האָט געשאַפן אַ נייע משפחה. אויפן וועג קיין ארץ־ישראל האָט ער זיך באַפריינדעט מיט צוויי יונגע מענטשן — אַ ברודער און אַ שוועס־טער — פונקט ווי ער געליטענע, על פּי צענער נסים געראַטעוועטע צווישן פויערים, נאָך דעם ווי זיי זענען אַרויסגעשפּרונגען פון אַ טראַנס־פּאָרט, וואָס איז געגאַנגען קיין טרעבלינקע. ער האָט חתונה געהאַט מיט דעם מיידל. אַלע דריי האָבן זיך באַזעצט נישט ווייט פון תל־אביב. איך האָב אויך געהערט, אַז עס זענען שוין פאַראַן קינדער.

עס האָט געדויערט אַ גוט שטיק צייט, איידער איך האָב זיך אַנטשלאָסן צו פאָרן זען די נייע משפחה. ביז איין מאָל אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט — אַ פּאָר וואָכן פאַר פּסח — האָט עס מיך געטון אַ טראָג אונטער. איך האָב געפּאַקט דעם לעצטן אויטאָבוס, וואָס פאַרפאָרט שוין נישט אין דער שכונה. איך האָב געוואַנדערט דריי קילאָמעטער צופוס צווישן בליענדיקע פּרדסים און פונקט צום זון־זעצן האָב איך זיך דערפרעגט צו אַ קליין הייזל אַרום און אַרום באַוואַקסן מיט גרינס — דאָס הייזל אין דער שכונה רמות חיים.

*

נידעריק ווי אַמאָל איבער מיין היימדאָרף הענגט דער הימל איבער דער שכונה רמות חיים.

אַ יונגע פרוי עפנט מיר די טיר פון קליינעם הייזל, פאַר וועלכן עס שטייען, ווי שבתדיקע ליכט, אָנגעצונדענע אין הויכע לייכטערס — צוויי מימאָזע־ביימער אָפּגעשאָטענע מיט געלן צוויט.

מיין קוזין איז נישטאָ אין דער היים. ער איז געגאַנגען דאַווענען. מענטשן האָבן מיר שוין געזאָגט, אַז ער האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, געוואָרן פרום. זיין פרוי גרייט זיך באָדן אַ פּיצל מיידעלע פון עטלעכע חדשים. ביים טיש אין קיך זיצט אַ בלאָנד געקרויזט יינגעלע פון אַ יאָר 4.

איך ווער געוואָר, אַז ער הייסט קאַמי.

די פרוי פירט מיך אַריין אין צימער, איך זאָל דאָרט זיצן און וואַרטן ביז דער מאַן וועט קומען פון בית הכנסת און זי וועט פאַרטיק ווערן מיטן באָדן און האָדעווען די קינדער. ווען זי צינדט אָן די עלעקטריע, דערזע איך קודם כל אויף דער וואַנט אַ פאַרגרעסערט בילד פון יאָסימאַן, פאָטאָגראַפירט אין טאָג פון איר קאָנצערט. אונטערן גלאָז פון שרייבטיש געפינט זיך אַ צווייטע פאָטאָגראַפיע אירע. אויפן ביכער־שאַנק שטייען נאָך צוויי בילדער. דער פלאַקאַט פון ערשטן קאָנצערט געפינט זיך אין אַ צווייטן ווינקל. אונטערן גלאָז פון אַ ספּעציעל שופלעדעלע ליגן פאַרשידע־נע קליינע אָנדענקענס: אַ טעשעלע, וואָס זי האָט געמאַכט פון פּאַציערקעס. די „עשרת הדברות" אויף אַ זילבערן קייטעלע, אַ פּאָר קליינע, קינדישע אויערינגלעך מיט טורקוס־שטיינדלעך. און דער עיקר — אַ העפט פאַרשריבן מיט נאָטן פון אירע קאָמפּאָזיציעס. אויף דער אַרישער זייט האָט זיך אויפגעהיט די גאַנצע קליינע ירושה פון יאָסימאַן, און דער טאַטע האָט דאָס אַלץ מיטגעבראַכט קיין ישראל.

איך זע שוין: דער שיכון אין רמות חיים איז אַ מין יאָסימאַ־מוזיי.

*

איך קוק זיך איין אין יאָסימאַס בילד, וואָס איך האָב אין משך פון די אַלע יאָרן נישט געזען. איך געדענק איעדן שטריך פון ליכטיקן פּנים, דעם שטראַלנדיקן שמייכל פון די שיינע אויגן. אַפילו די ווייסע שלייף, מיט וועלכער עס זענען איבערגעבונדן אירע האָר.

איך פאַל אַוועק אויף אַ בענקל, איך קוק. פאַראַן נאָך קינדער אומ־געקומענע — פון די סאַמע נאָענטסטע — פאַרבונדענע אין מיין זכרון מיט יאָסימאַן אין איין בלוטיקן האַרץ־ווייטיק. מיר גלוסט זיך פאַרדעקן דאָס פּנים, אַנשפּאַרן דעם קאָפּ אין טיש...

אָבער אָט כאַפּ איך זיך, אַז איך בין נישט אַליין. עס איז נאָך ווער דאָ אין שטוב. איך דריי זיך אויס. רות שטייט אַ שטומע. איר פּנים איז נאַס פון טרערן. זי שטרעקט מיר אַנטקעגן אין געהויבענע אָרעמס די פּרוכט פון איר לייב — דאָס קליינע מיידעלע. ביי אירע קני, אַ שווייגנדי־קער און ערנסטער, ווייל ער זעט די מאַמע וויינען, שטייט קאַמי. זיינע אויגן זענען ברייט צעעפנט — ברייט צעשטעלט אונטערן געוועלבטן שטערן.

נישט נאָר פון די בילדער אויף די ווענט — פון קאַמיס, פון יועה׳ס פּנימלעך, קוקן אויף מיר יאָסימאַס אויגן...

*

שפּעט אין דער נאַכט — די קינדער זענען שוין פון לאַנג געשלאָפן — זענען מיר זאַלבעדריט מיט ראובנען און רות׳ן געזעסן און גערעדט. מיר האָבן זיך געהאַט וואָס צו דערציילן.

דערנאָך האָט מיר רות אויפגעזונגען דאָס ערשטע פון די וויגלידער, צו וועלכע דער מאַן האָט פאַרפאַסט די ווערטער און זי האָט צוגעקליבן די מעלאָדיע.

איך ווער געוואָר, אַז אויך זי — די נייע מאַמע פון מיין קוזינס נייע קינדער — איז מוזיקאַליש ביז גאָר. זי זינגט זייער שיין און „פּאַסט צו" מעלאָדיעס צו לידער, וואָס זי זינגט אירע קינדער.

ארץ־ישראלדיקע, לאַנג־געצויגענע ניגונים, מיט געקרייזלטע פּאַסאַזשן, אין וועלכע עס קלינגט אויך מיט עפּעס סלאַווישס, ווייך פאַרבענקטס, פון פּוילישע פאָלקסלידער.

און דאָס זענען די ווערטער פון דעם ערשטן ליד:

עורבים שחורים
טרפו אחותך —
בגולה השחורה.
שחורה הגולה, בני.
במכורה יוצאת השמש,
שמש דרור.
וזכור, נמקיה בני:
נקם!
נקמיה, בני:
נקם!

קראָען שוואַרצע
האָבן פאַרציקט דיין שוועסטער
אין שוואַרצן גלות.
שוואַרץ איז דאָס גלות, מיין זון.
אין פאָטערלאַנד גייט אויף די זון,
די זון פון פרייהייט.
טאָ געדענק,
נקמיה, מיין זון:
נקמה נעם!
נקמיה, מיין זון.

ערשט איצט באַנעם איך דעם מאָדנעם נאָמען קאַמי — נקמיה.

ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט דאָס געזאַנג וועגן יאָסימאַן, מיט וועלכן רות שלעפּערט איין ראובנס נייע קינדער אין ישראל, בין איך געבליבן אין גאַנצן געפּלעפט.

איך האָב נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. ראובן מיט רות האָבן זיך גענומען מאַכן די בעטן און איך בין אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן.

ווייך און וואַרעם איינגעטוליעט אונטערן שטערן־געשטיקטן איינהיל פון דער נאַכט איז געשלאָפן די שכונה; לייכט און מילד געאָטעמט מיטן גן־עדן־ריח פון די בליענדיקע פּרדסים. מיט אַ וווּנדערלעכן, פּאַר אַ נייעם אויער אומדערוואַרטן קול פון קינדער, וואָס כאַפּן זיך אויף אין דער פינצטער, האָבן פון צייט צו צייט, ערגעץ גאָר נישט ווייט, אַ ווייך־געטון שאַקאַלן. דער גרויסער הונט מיטן העברעישן נאָמען דוב, אַן אָפּגעבונדענער שוין אויף ביי נאַכט פון דער קייט, איז מאָדנע היימיש צוגעקומען צו דער שבתדיקער אורחטע, אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף אירע קני און ווייך אַ לעק געטון איר האַנט.

ערשט איצט האָבן אויך ביי מיר פריי און גרינג אַ פליייץ געטון די טרערן. געשווענקט די ראָפּע, וואָס עס טיילן פון זיך אויס כמה וכמה נישט־פאַרהיילטע ווונדן.

קאַמי און יועה

דעם פאַקט, וואָס עס איז צו אים געקומען אַ דודה פון פּוילן — הגם ער האָט נאָך ביז איצט קיין אמתע מומע אויף די אויגן נישט געזען — נעמט קאַמי תחילת אויף זייער רעזערווירט. איך פּרוּוו אים געבן אַ גלעט, אַ קוש און כאַפּ פון אים באַלד אַ בריק מיטן פוס, ווי פון אַ דריגעדיקן לאַשיקל. ערשט ווען די מאַמע איז פאַרטיק געוואָרן מיטן פּיצל קינד, ווערט זי מיין מליצה ישרה און איבערזעצערין. איך טראַכט, ווי זיך איינצוקויפן ביי קאַמין אין קרבות און הייס אים פרעגן, וואָס פאַר אַ מתנה, אַ שטייגער, זאָל איך אים קויפן. קאַמי קוקט מיך אָן מיט אַ ביסל אַ מיל־דערן בליק און באַשטעלט זיך ביי מיר אַ לאַסט־אויטאָ און אַזאַ דזשיפּ וואָס קאָן פאָרן און טרומייטערן. ביז צום שלאָפן־גיין ווערט ער צו מיר נאָך מער גנעדיק און זיצנדיק שוין ביים טאַטן אויפן אָרעם אַן אויסגע־באָדענער, באַוויליקט ער אַפילו צו באַשענקען מיך מיט אַ שאָטן פון אַ האַלבן שמייכל.

ערשט אויף צו מאָרגנס, ליגנדיק נאָך אין בעט, הער איך דורכן פענצטער ווי קאַמי באַרימט זיך פאַר זיין חבר לייזערקע:

— אין לך דודה שכזו! (דו האָסט נישט אַזאַ מומע!).

איך ווער ביי מיר מלאה גדלות.

ווען איך האָב זיך מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אָנגעהויבן לערנען עברית, איז איינע פון די אָנשפּאַרנונגען — ווייט נישט די קלענסטע — געווען די האָפענונג, זיך צו קאָנען פאַרשטענדיקן מיט קאַמין אָן דער הילף פון איבערזעצערס.

אין אַ צייט אַרום האָב איך שוין טאַקע, בעת מיינע וויזיטן אין רמות חיים, אָנגעהויבן צונויפשטעלן די ערשטע הינקענדיקע זאַצן אין עברית און איצט איז קאַמי געוואָרן מיין קאָנווערזאַטאָר. עד היום, וויפל מאָל איך בלייב שטעקן ביים רעדן מיט אים אין דער מיט, קוקט ער מיך אָן מיט זיינע פקחישע אייגעלעך און מיטן גוטמוטיק־בטולדיקן, אָבער טאָלעראַנטן שמייכל פון אַ בעסער־וויסער — טרעפט ער אַלע מאָל, וואָס איך מיין און זאָגט מיר אונטער דאָס פּאַסיקע וואָרט.

ביים היינטיקן טאָג בין איך שוין בכלל מיט אים אַ גאַנצער חבר־לאַפּ. איך בין אים שוין בכוח צו דערציילן און פאַרצולייענען קליינע מעשיות, און דאָ אַנומלט האָט מיר שוין אַפילו גאָט געהאָלפן, אַז איך האָב אויסגעבראַכט אין געשפּרעך מיט אים אַ האַרב וואָרט פון מיין אולפּאַן, וואָס ע ר האָט נישט פאַרשטאַנען.

*

הינטער דעם הייזל אין רמות חיים איז פאַראַן אַ גרופּע גויאַוועס, עטלעכע ביימלעך מאַנדאַרינען, אַ לימענע, אַ בריה, וואָס שיט אַ גאַנץ גייענדיק יאָר מיט ציטרינען. אַ טייל צווייגן בליען, אויף אַ טייל ווערן פּרוכטן רייף און אויף אַ טייל זענען זיי שוין בלאָס־געל, פאַרטיק צום אָפּרייסן. אויף דער מעזשע צו דער נחלה פון לייזערקעס עלטערן וואַקסט אַ שורה „פידזשאָעס״, וואָס זייער מאָדנע פּרוכט האָט די פאָרעם פון קליינע גראַנאַטן און דעם טעם פון פאַזיאָמקעס. אויפן ראַנד פון גאָרטן, לענגאויס דער סטעזשקע, וואָס פירט צו דעם אַנטקעגנאיבערדיקן ווילדן קאַקטוס־וועלדל, געפינען זיך דריי קאָרטשעס באַנאַנעס און וויפל מאָל איך קום, ווערט ראובן נישט מיד מיך אַרומצופירן איבער זיין „סאַד״ און מיט דער מינע פון אַ פלאַנטאַטאָר מיר נאָך אַ מאָל און נאָך אַמאָל אויפצוקלערן די מנהגים און מאָדנע אייגנשאַפטן פון דעם דאָזיקן געוויקס.

פאַראַן נאָך אין גאָרטן אַן אַוואָקאַדאָ, אַ „קונקוואַט״, אַ ביימל „אַס־קעדיניע״ און דער גרעסטער שטאָלץ פון מיין קוזין — ביי אַ 5—6 יונגע שטשעפּעס געווינלעכע, אייראָפּעישע עפּל.

הינטער דער פלומפּ פון דער באַוואַסערונג שטייט אויף צוויי קלעצלעך אַ באַליע צום שווענקען וועש; צווישן צוויי דרענגלעך זענען אויסגעצויגן שטריק, אויף וועלכע עס ווייען כמעט שטענדיק, ווי קליינע פאַנען פון מוטערשאַפט — ווינדעלעך, הייזעלעך, לייבעלעך, גאַנצע געשטריקטע מענטשעלעך — ווייסע, בלויע, ראָזע. אין פאַרשידענע צייטן פון טאָג, אין שאָטן פון פאַרשידענע ביימלעך, שטייט אין גאָרטן די שטייג מיט יועה׳ן. אין דער לעצטער צייט האָט זי זיך שוין אָנגעהויבן אויפצושטעלן אויף די פיסעלעך.

רות דערציילט מיר איבער — אַזוי, אַז דער בעל דבר זאָל נישט הערן — אַלע גבורות און חכמות פון קאַמין. זי קוקט מיר אין די אויגן, צי זע איך, ווי יועה ווערט פון מאָל צו מאָל מער מענטש, שענער, זיסער. ווי זי האָרכט אויף, ווען דאָס ראַדיאָ שפּילט, ווען זי הערט עפּעס אַ מעלאָ־דיע, אָדער ווען דער זייגער קלינגט...

עפּעס פלאָגט זי, רותען, עפּעס טרייבט זי.

אַנטקעגן דעם, צי וועלן אויך די פון איר געבוירענע קינדער אַרויס־ווייזן פעיקייטן, אַזוי ווי יאָסימאַ?...

רות האָרעוועט שווער פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, כדי צו דערהאַלטן איר הויז־ווירטשאַפט און דעם טיפּול פון די קינדער אויף דער געהעריקער הייך. אַ מאָדנער כוח טראָגט זי אונטער. זי איז אַ יונגע, פאַרליבטע, עקזאַלטירטע פרוי — אַן עקזאַלטירטע מאַמע — זי לעבט אין אַן אייביקן רויש פון איבערמעסיקע געפילן.

וויפל מאָל איך קום קיין רמות־חיים, גלוסט זיך מיר לויבן און בענטשן די השגחה פּרטיות פאַר דעם חסד, וואָס זי טוט אַמאָל מיט צעבראָכענע מענטשן.

*

קאַמי און יועה זענען די איינציקע קליינע קינדער צווישן די געציילטע פאַר געראַטעוועטע קרובים פון אונדזער משפּחה, וואָס געפינען זיך אין לאַנד. דריי איינזאַם געבליבענע מענטשן — אַ ברודער פון דעם טאַטן, אַ ברודער פון דער מאַמען און איך — גראַוויטירן אפשר דערפאַר אַזוי זייער צום קליינעם הייזל אין רמות־חיים. אַלע עטלעכע וואָכן קומט איזידאָר מיט זיין אויסגעהאָרעוועטן געשעפטס־אויטאָ אַרויסנעמען גדן און מיך אויף אַ שבת, אָדער אַ יום־טוב קיין רמות־חיים. מיט אַ גרויסן „טראַסק״ פאַרפאָרן מיר פאַרנאַכט אין דעם געסל, ווו קאַמי מיט יועה׳ן, מיטן הונט

דוב און מיטן קאָטער קאַראַ, זיצן שוין אין זאַמד פאַר זייער שטוב און קוקן אויף אונדז אַרויס.

וואָרום נישט נאָר זיי ביי אונדז — אויך מיר ביי זיי — זענען חשוב און געציטערט. דאָ אַנימלט איז שוין קאָמי צום ערשטן מאָל אַרויס מיט אַ קלאָץ־קשיא: ווו זענען — אַ זיידע מיט אַ באָבע?

זענען מיר כאָטש פאַראַן — צוויי דודים מיט אַ דודה — אומשטיינס־געזאָגט, — כדי די קינדער זאָלן נישט פאַרשעמט ווערן פאַר אַנדערע סאַברעס, וואָס פאַרמאָגן, קיין עין הרע, קרובים אין די צענטליקער.

*

מיט אַ צייט צוריק בין איך ווידער געווען אין רמות־חיים אויף שבת.

די מאַנדאַרינען־ביימלעך הינטער ראובנס שטוב זענען געשטאַנען גע־דיכט באַקלאָנגען מיט אַ שפּע קליינע, נאָך גרינע באַלאָנדלעך. אינעוויי־ניק זענען שוין אָבער די פּירות געווען זיס און רייף. דעם אינעווייניק פון די „פּידזשאָמעס" נעמט מען אַרויס מיט אַ לעפעלע, מען באַשיט זיי מיט צוקער און מען עסט זיי מיט „לבניה", אַזוי ווי פּאָזיאָמקעס מיט סמעטענע. די טראָלדן באַנאַנעס זענען שוין געווען אַראָפּגענומען, כדי צו „דערגייען" אין שטוב אויף דער שאַפע.

עס איז שוין געווען נאָכן ערשטן רעגן. אין גערטל פון פאַרנט האָבן אָנגעהויבן בליען צו דער זעלבער צייט, ווי אין פּוילן, די האַרבסטיקע אזכרה־בלומען — כריזאַנטעמען.

*

נאָענט און נידעריק, ווי איבער דער לאַנדשאַפט פון אַ חלום וועגן קינדעריאָרן, הענגט דער הימל איבער דער שכונה רמות־חיים...

ווען מען שטעלט צו אַ לייטער צו אַ בוים מיט פּרוכטן און צו דער לייטער זאָל מען באַפעסטיקן נאָך אַ לייטער — אַזוי ווי פייערלעשער טוען אויף אַ בילדל אין דעם ביכל, וואָס איך האָב קאמין געשענקט — וואָלט מען געקאָנט דערלאַנגען דאָס „טעלערל פון הימל".

אין די נאָענטע פּרדסים ווינען אויך איצט שאַקאַלן ביינאַכט און דוב פאַרהייבט די מאָרדע ארויף און ענטפערט זיי אָפּ מיט אַ לאַנג־גע־צויגענעם געוווי. קינדער אין ווייסע בעטעלעך הערן נישט דאָס געוווי.

אַ בלאָנדער זונענשטראַל — אַ ייִנגעלע מיט געקרויזטע הערעלעך, מיט גרויסע, בלויע, שוואַרץ־באַשאָטנטע אויגן און מיט שטאַרקע הענטלעך

צווי, פעסט פֿאַרטוענע אין די עסקים פֿון דעם לעבנס־שפּיל — לויפֿט אַרום אַ גאַנצן טאָג איבער דעם מאָדנע אייגענעם, יידישן „דרויסן״. זיינע האָר זענען פֿאַרפּאַפּט מיט זאַמד, זיינע נאַקעטע אָרעמס זענען איינ־געשמירט אין דער רויטער, פּעטער בלאָטע פֿון ישראל. טויזנט ניסים געשעען דער מאַמען יעדן טאָג, וואָס ער האָט נאָך גאַנץ אַלע אברים און וואָס ער האָט נאָך, ביי זיין טעמפּעראַמענט, עפּעס אַ צווייט קינד נישט געמאַכט פֿאַר קיין קאַליקע.

אין די אָוונטן ווערט אָבער קאַמי אַן אַנדערער מענטש און ער רעדט דברי פּאָעזיע.

נאָך שקיעה שטייט ער מיט דער מאַמען און קוקט אַרויס דורכן פֿענצטער. זעט ער דעם ערשטן שטערן אויפֿן הימל און ער זאָגט:

— זע נאָר, אַ קליינע לבנה!

פֿאַרריכט אים די מאַמע:

— דאָס איז נישט קיין לבנה. דאָס רופֿט מען שטערן.

און קאַמי ווענדט זיך צום שטערן:

— כוכב, כוכב, רוץ מהר הביתה, שלא תהיה לבד בחושך...

— שטערן, שטערן לויף גיך אַהיים, זאָלסט נישט זיין אַליין אין דער פֿינצטער.

מיר גייען אַ גאַנצע געזעלשאַפֿט איבערן זאַמדיקן וועג צום אויטאָ־בוס, צוריקצופֿאָרן קיין תל־אביב. קאַמי מיטן טאַטן באַגלייטן אונדז צו דער סטאַציע. אויבן, איבער אונדזערע קעפּ, שווימט אויפֿן הימל און באַגלייט אונדז די לבנה. בלויז אַ קליין שטיקל פֿעלט איר נאָך צום זיין אַ פֿולע. אין קאַמיס אויגן זעט זי אויס צו זיין פֿון איין זייט געשוואָלן.

— אהה, הם כבר סידרו אותך — זיי האָבן דיך שוין צורעכט גע־מאַכט — מאַכט ער פֿריילעך אַרויף מיטן הענטל צו דער לבנה מיט דער באַק, וואָס איז איר אָנגעלאָפֿן פֿון דעם פּאַטש, וואָס זי האָט געכאַפּט אין אַ געשלעג מיט עפּעס אַ כאַפּטע אַנדערע הימלסקערפּער...

קאַמי רעדט צו דער לבנה און צו די שטערן, ווי צו זיינע חברים, מיט וועלכע ער שפּילט זיך אין זאַמד ביי דער שוועל פֿון זיין היים. ווען מיר קלויבן זיך שפּאַצירן, גייט ער צו און קושט מיטן גאַנצן מויל די טיר, ווי פֿרומע יידן פֿלעגן קושן די מזוזה: „שלום, בית, שלום!״.

און די מאַמע טוט אַלץ הערן, פֿאַרשרייבט אַלע זיינע חכמות אין אַ

העפּט. די מאַמע קוקט נאָך אַלץ דעם טאַטנס געשוועסטערקינד אין די אויגן:

צי וועט אויך אירס נושא חן זיין? צי וועט עס אפשר אַ מאָל זיך אויסגלייכן מיט — יאַסימאַ?...

און זי ווייסט אפילו נישט, אַז דאָס איז לגמרי נישט וויכטיק.

קאַמי אַליין איז נאָך נישט אַנטשלאָסן, וואָס ער וועט זיין אין לעבן. אַ מאָל וויל ער זיין אַ שוטר, אַ מאָל אַ נהג. די גננת זאָגט: „הוא בעל כשרונות" — ער איז טאַלענטירט. — וואָס קען מען וויסן? אפשר וועט זיך אויך אין אים אַנטפּלעקן די ירושה? אפשר וועט ער זיין אַ פּאָעט, אפשר אַ שוישפּילער — אַ יוצא מן הכלל?

און אפשר וועט ער זיין אַ פּשוטער מענטש מיט מענטשן גלייך?

די עצמות יבשות פון די טרעבלינקער פעלדער וואַקסן זיך צונויף און עס שפּראָצט פון זיי אַ ניי לעבן. סיווי איז ער זיינע טאַטע־מאַמע און אונדז אַלעמען ממלא אַ חלק פון דעם, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן.

רות זינגט דאָך קאַמין נאָך איין וויגליד און דאָס זענען שוין אירע אייגענע ווערטער:

נומה, נומה, בן יקר,
שתהיה חזק, ישר,
עם אדם ואל —
בשביל אבאלה,
בשביל אמאלה,
בשביל כל ישראל.

זון מיין טייערער, שלאָף איין,
געזונט און שטאַרק זאָלסטו מיר זיין
צו גאָט און צו לייט —
פאַרן טאַטעלע,
פאַר דער מאַמעלע
און פאַר כל ישראל.

1951

רעפּאַטריאַציע 1957

געווידמעט דעם זכר פון די געפאַלענע אין מבצע סיני.

זיי זענען דאָ קיין מאָל נישט געווען, און כאָטש אַזוי קערן זיי זיך אום אַהיים — רעפּאַטריאַנטן, וואָס קומען צוריק פון פרעמדע וועגן און פרעמדע גורלות, פון בענקשאַפטן, אין וועלכע זיי האָבן נישט געוואָלט זיך מודה זיין.

מען גייט איבער דער גאַס, מען פאַרט אין אויטאָבוס און מען טרעפט — דערקענט — אויף טריט און שריט די ניי־געקומענע.

פאַראַן עפּעס אַזוינס אין דעם פוטערנעם קעלנערל אַרום האַלדז, אָדער אין דעם איבערטריבן „וואַרעמלענדישן" לבוש; אינעם פלוצימדיקן אויפלויכטן פון דווקא בלויע אויגן ביים איבערלייענען אויף אַ שילדל פון אַ גאַס דעם נאָמען פון אַ יידישן שרייבער. אפשר זענען זיי ערשט נעכטן־אייערנעכטן אַראָפּ פון שיף. אפשר שפּאַנען זיי צום ערשטן מאָל אויף אייגענעם באָראָט איבערן ברוק פון אַ ישראל־שטאָט.

זיי שטעלן זיך אָפּ ביי שויפענצטער, זיי קוקן אויף די בונטן פעלד־נאַרציזן, וואָס ווערן פאַרקויפט אין מיטן ווינטער. זיי זעען די שפּע מאַראַנצן, וואָס לייכטן אַרום, ווי הויפנס קליינע זון־באַלנס, פון יעדן ירקות־געשעפט. זיי קוקן און זיי גלייבן אפשר נישט זיך אַליין: שוין זשע זענען זיי אויף אַן אמת דאָ?!

איך וואָלט נאָך אַ מאָל וועלן זיין אויף זייער אָרט. נאָך איין מאָל אָנקומען צום ערשטן מאָל.

*

עס זענען מקוים געוואָרן די סאַמע דרייסטע האָפענונגען: אַ ברייטע פאַרמאַסטענע עליה פון די רעשטן גערעטעוועטע פּוילי־שע יידן. מיט פאַכלייט און געבילדעטע, מיט שטוב־זאַכן, מיט אַרבעטס־מכשירים.

ווי אַ באַלוינונג נאָכן העכסטן אָנשטרענג פון די נאָוועמבער־טעג. ווי אַ טרייסט און ווי אַ שטאַרקונג אין די טעג פון יאַנואַר און פעברואַר.

*

איך פאָר אין דער פרי צו דער אַרבעט און באַטראַכט די נייע הייזער, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין דער לעצטער צייט פון ביידע זייטן אויטאָבוס־ליניע. איך פרוּוו מיך איינלעבן אין די איינדרוקן פון די, וואָס זעען אָט די גאַסן צום ערשטן מאָל. איך בין ממשיך אין די געדאַנקען די געשפּרעכן, וואָס עס קומט מיר אוים מיט זיי צו פירן אויף דער וואָר. איך דערקלער זיי זאַכן, וועלכע זענען מיר אַליין ערשט איצט געוואָרן קלאָר — אַ דאַנק דעם, וואָס איך דאַרף זיי אויסטייטשן די „נייע״.

קינדער שטראָמען אין די שולן מיט טאָרניסטערס אויף די פּלייצעס. אַרבעטער איילן אין פאַבריקן און וואַרשטאַטן מיט די פּעקלעך עסן אין די הענט. יעדע זאַך זעט אוים אַזוי נאַטירלעך, פּונקט ווי די דאָזיקע נאַטירלעכע טאָג־טעגלעכקייט וואָלט נישט געמוזט יעדן טאָג פון ס'ניי באַשטעטיקט ווערן דורך נייע איבער־מענטשלעכע אָנשטרענגונגען און ראַנגלענישן פון דרויסן און פון אינעווייניק. אָפט מאָל דורך נייע קרבנות... צי וועלן אָט די ניי־געקומענע זיין גרייט אויך דאָס צו נעמען אויף זייערע אַקסלען?

*

אַ טייל פון די מענטשן, וואָס קומען איצט צו אונדז, זענען געגליכן צו די „מרגלים״, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן אויס־קוקן דאָס לאַנד כנען. אַ טייל פון זיי וועלן צוריקפירן דעם פּרי הגפן אויף די אַקסלען און די בשורה פון אַ לאַנד צום לעבן. אַנדערע וועלן אָבער פון אונדז אָוועקפירן דעם פּזמון פון „אַ לאַנד, וואָס פרעסט זיינע איינוווינער״. און ווער עס וועט זיך צוהערן צו אָט דעם פּזמון, דער וועט געשטראָפט ווערן מיט ווייטערדיקע יאָרן בלאָנדזשען אין דער וויסטעניש און שטאַרבן אין דער פרעמד.

*

כמעט יעדן טאָג קומט צו מיר עמעצער פון די באַזוכערס פרעגן אינפאָרמאַציעס, בעטן עצות, זוכן „פּראָטעקציעס".

— ענטפער יעדן איינעם „יאָ!" — שרייט אָן אויף מיר אַ באַקאַנטע פון די אַלט-געזעסענע אין לאַנד. אויך צו איר קומען די קאַנדידאַטן אויף עולים. — מען דאַרף צוגעבן די מענטשן מוט — גיט זי מיר צו פאַרשטיין — מ י ר זענען געקומען אין שווערערע צייטן און האָבן זיך איינגעאָרדנט. און אויך זיי וועלן זיך „איינטרייסלען".

*

זיי מאַכן אויספלוגן אין אַלע געגנטן פון לאַנד. זייערע טעג זענען אויסגעפּולט מיט אומצאָליקע באַגעגענישן. יעדע זאַך אינטערעסירט זיי נאָר פון שטאַנדפּונקט, ווי מען קען זיך איינאָרדנען דאָ הי. זיי זענען די שליחים פון די, וואָס זיצן שוין אויף די וואַליזעס און וואַרטן אויפן פסק פון זייער מויל.

וועלן זיי אפשר ערשט דאָרטן — פון דער ווייטנס — דערפילן די פולע וואָג פון דער פּרוכט, וואָס זיי וועלן ברענגען צו טראָגן אויף די אַקסלען זייערע פון ווייטן וועג. דערפילן די בענקשאַפט נאָך דעם קליינעם, שטורמישן פאָטערלאַנד, וואָס איז אומרואיק — און דאָך קען עס געבן יידן רואיקייט; איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַפרייען זיי פון אינעווייניקסטער היימלאָזיקייט.

*

און אין איינעם אַ טאָג וועלן מיר ווידער לייענען אין אַ צייטונג, אַז קיין חיפה איז אָנגעקומען אַ שיף מיט כך וכך נייע עולים. צווישן זיי אויך די „מרגלים", וואָס זענען געקומען קודם אויסקוקן די צוקונפטיקע היים.

ווערטער־פֿאַרטייטשונגען

אגד — אויטאָבוסן־קאָאָפּעראַטיוו.

אוירון — עראָפּלאַן.

אולפּן — סטודיאָ, אינטענסיווער עברית־קורס פֿאַר עולים מיט פֿאַך־בילדונג.

ארגון אמהות עובדות — אָרגאַניזאַציע פֿון אַרבעטנדיקע מוטערס, פּרויעך־פֿאַרבאַנד פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס פֿירט אָן אַ הילפֿס־ און דער־ציונגס־טעטיקייט צווישן נייע עולים, ווי אויך צווישן אָפּגעשטאַנענע און אָרעמע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג.

באַלאַטן — בעטאָן־פּלאַטן צום פּלאַסטערן דילן.

באַלאַנטש — דאַמינאָ.

בעלוועדער — פּאַלאַץ פֿון די לעצטע פּוילישע מלכים אין וואַרשע, וואָס דינט אַלס רעזידענץ פֿון מלוכה־פּרעזידענט.

בריחה — אַנטלויפֿן, שמוגל, אומלעגאַלע עליה אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה און נאָך איר, ביזן אַנטשטיין פֿון דער מדינה.

גדוד — גרעסערע מיליטעריש אײנהייט, אַנגענומענע באַצייכענונג פֿון דעם יידישן לעגיאָן בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

גדנ״ע — גדודי נוער, יוגנט־גרופּן פֿון די מיטל־שולן, וואָס באַקומען אַ מיליטע־רישע פֿאַר־בילדונג פֿאַרן רעגולערן מיליטער־דינסט.

גיוס — מאָביליזאַציע, אויסלענדישע רעקרוטאַציע פֿון יידישע פֿרייוויליקע ערב און בשעת דעם באַפֿרייונגס־קריג אין ארץ־ישראל.

גננת — גערטנערין, פֿרעבליסטין.

גראַנדזיאַרזש — (פּוילישער סלענג) — אַפּעריסט, האַכשטאַפּלער.

גרעמפּלען — קעמען וואָל.

גרעין — קעמערל, צעלע, קערן פֿון אַ יוגנט־קאָלעקטיוו, צו שאַפֿן אַ נייעם ישוב.

דייל, דיילת — באַזאָרגער און באַדינער פֿון פּאַסאַזשירן אין אַן עראָפּלאַן.

העפּלה — אומלעגאַלע עליה פֿאַרן אַנטשטיין פֿון דער מדינה.

הצגה — טעאַטער־פֿאָרשטעלונג, ספּעקטאַקל.

התישבות — קאָלאָניזאַציע, קולטיווירן און באַזעצן אַ וויסטן שטח.

ווידפּוסט (אוקראַיִניש) — זינד־פֿאַרגעבונג, קאַטוילישער עולה־רגל־יריד אין אַן אָרט, וואָס שמט מיט אַ קלויסטער אָדער הייליקן־בילד און קומט פֿאָר אין אַ חגא־טאָג געווידמעט דעם דאָזיקן הייליקן.

ווערטעפּעס (אוקראַיִניש) — ווילדער, אומצוגענגלעכער שטח.

ותיק — אַ מענטש, וואָס געפֿינט זיך לאַנג אין לאַנד.

חומוס — אַן אָריענטאַליש אַרבעס־מאכל, באַליבט אין ישראל.

חבש — אַביסיניע.

חלבון — אייווייס־שטאָף.

חציל — באַקלאַזשאַן.

טאַרגאָוויצע — פּי־מאַרק.

ח"ן — ראשי תיבות פון חיל־נשים — פרויען־אַרמיי.

טולופּ — שעפּסענער רייזע־פּעלץ.

טריילעווען — פּלאַפּלען, „פּאַררעדן די ציין".

יורה — ערשטער רעגן.

יאַללה (אַראַביש) — פון וואָרט אַללה (גאָט); דערמוטיקונגס־ און אונטערטרייי־בונגס־אויסרוף, ביי אַן אַרבעט.

כביש — שאָסיי.

כיכר — פּלאַץ, כיכר השוק — מאַרק־פּלאַץ.

כפיה — קאָפּ־טוך, אַראַבישער קאָפּ־צודעק.

כרוב — קרויט.

כרובית — קאַלאַפּיאָר.

לול — הינער־שטאַל, הינער־שטייג.

מגדלור — ים־לאַמטערן, לויכט־טורעם.

מועצת הפועלות — פרויען־אַרבעטער־ראַט. אויטאָנאָמישע פרויען־אָרגאַניזאַ־ציע ביי דער הסתדרות.

מחסן — מאַגאַזין, קאַמער.

מיץ — זאַפט, סיראָפּ.

מכתש — קעסל־טאָל.

מלט — צעמענט.

ממטרה — אויטאָמאַטישער וואַסער־שפּריצער צום באַגיסן פּלאַנצונגען.

מעברה — צייטווייליקער עולים־ישוב.

מפקדת — קאָמענדאַנטין.

מפקחת — אינספּעקטאָרין.

מפרץ — ים־איינגוס.

משק —ווירטשאַפט, דאָרפס־ישוב.

משתלה — אָראַנזשעריע, טרייב־אַנשטאַלט פאַר ביימער אָדער אַנדערע פּלאַנ־צונגען, וואָס ווערן געהאָדעוועט צום איבערזעצן.

נח"ל — ראשי תיבות פון נוער חלוצי לוחם — מיליטערישע יוגנט־פאָרמאַציע, וואָס פאַרבינדט מיליטערישע אויסבילדונג מיט לאַנדווירטשאַפט־לעכער הכשרה; טיילט אָפּ אויס פון זיך אָרגאַניזירטע גרופּן, וואָס גרינדן נייע ישובים אויף סטראַטעגיש וויכטיקע פּונקטן.

נטורי קרתא — אויף אַראַמעיש „היטער פון דער שטאָט" (געמיינט די שטאָט ירושלים) — עקסטרעם קאָנסערוואַטיווע סעקטע פרומע יידן פון אַלטן ישוב, וואָס אָנערקענט נישט די מדינה.

סולל־בונה — הסתדרותישע געזעלשאַפט פאַר עפנטלעכע בוי־אַרבעטן.

ספּאַם — גריכיש־קאַטוילישע חגא, פאַלט אויס סוף אויגוסט.

עגבניה — טאָמאַטע.

עלית הנוער — אָפּטיילונג פאַר יוגנט־עליה ביי דער יידישער אַגענץ, אַנט־שטאַנען אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן, האַלט אויס דערציונגס־אַנשטאַלטן אין לאַנד.

עמידר — געזעלשאַפט צום בויען הייזער פאַר נייע עולים, פינאַנסירט דורך דער רעגירונג און יידישער אַגענץ.

פּאַסיאָלעק (רוסיש) — קליינער ישוב; אין טעקסט צוואַנגס־ישוב אין וויטן צפון פון ראַטנפאַרבאַנד, אויפגעשטעלט דורך פאַרשיקטע.

פּייען־פּוטער — פּוטער פון אַ קליינער וואלד־חיה, ענלעך צו אַ וועווריק.

פּילפּל — פעפער, עסבאַרע גרינע אָדער רויטע שויטן פון אַ ספּעציעלן מין פעפער־געוויקס.

פּיתה — ווייך פלעצל, דאָס „ברויט" פון די אַראַבער און יידן פון די מזרח־עדות.

פּלוגה — אָפּטיילונג.

פּלחה — אַקער־פעלד, תבואה־באָדן.

פליענדיקער טעפּיך (מרבד הקסמים) — צונאָמען פון די לופט־טראַנספּאָרטן פון תימנער עולים אין די ערשטע יאָרן נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה. דער אויסדרוק שטאַמט פון אַ באַקאַנטן מזרח־מעשהלע.

פּלמ"ח — ראשי תיבות פון פ ל ו ג ו ת מ ח ץ, מיליטעריש־געשולטע קאַמפּס־איינהייטן פון דער הגנה.

פּערזיאַנער קוטשמע — קאַראַקולן־היטל.

פרד — מוילאייזל.

צה"ל — ראשי תיבות פון צבא הגנה לישראל, ישראל־אַרמיי.

קאַפּצעס — פרויען־ווינטער־שטיוועלעך מיט טוכענע כאַליעוועס.

קופּת חולים — קראַנקן־קאַסע.

רס"ג — ראשי תיבות פון ר ב ס מ ל ג ד ו ד י, סערזשאַנט.

שדרה — אַלייע.

שוק — מאַרק (זע כיכר).

שוויטקע — געפאַסטער, קורצער ווינטער־מאַנטל מיט אַ שטיי־קראַגן, אונטער־געניייט און אַרומגעברעמט מיט פעלץ.

שיירה — קאַראַוואַנע, קאָנוואָי.

שתיל — יונגע פלאַנץ צום איבערזעצן.

תיור וטיול — טוריסטיק און אויספלוגן, רייזע־אונטערנעמונג פאַר אויספלוגן איבערן לאַנד.

תנובה — צענטראַלע קאָאָפּעראַציע־געזעלשאַפט ביי דער הסתדרות צום איבער־אַרבעטן און אָפּזעצן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע פון דער קאָלעק־טיווער לאַנדווירטשאַפט.

א י נ ה אַ ל ט

זייט

פאָרוואָרט 3

א. דער וועג אַהער

עליה 1950 9

1. פאַפּירן 11
2. משפחות 17
3. אַ הויז אויף סוכע 26
4. מען גרייט די קופערטן 32
5. די געזעגענונגס־נסיעה 38
6. אין טראַנספּאָרט 48
7. יידישע קינדער אויפן ים 58
8. אַ באַגעגעניש אויף „קאַמפּידאָליאָ" 67
9. אָנגעקומען 78
10. אין טויער 83

ב. שיכון עולים

11. לופאַ 97
12. תימנער שכנים 102
13. מענטשן פון נייעם שיכון 107
14. קינדער אין זאַמדן 114
15. די שותפים 118
16. אַ באַזוך ביי שיפּס־פּריינט 124
17. עס וואַקסט אַ נייער ישוב 128

ג. לאַנדשאַפטן

18. איבער די טאָלן און בערג פון גליל 135
19. אין דרוזישן דאָרף פקיעין 142
20. אַן אורלויב אין זכרון 147
21. אין כפר ויתקין גייען די הינער אין ברילן 152
22. דאָס פישער־דאָרף מכמורת 161
23. אין אַ גאַליציאַנער קיבוץ 167
24. נתניה — אַ שטאָט מיט השגות 176
25. פרדס הגדוד 181
26. מאה שערים 185
27. בוכאַרער יידן דאַווענען 192

28. עכו — אַ ריזע אין פאַרצייטנס 196
29. לעגענדע צפת 206
30. אויף שבת אין דגניה 213
31. דער וועג קיין סדום 224
32. ביים ברעג פון ים המלח 230
33. טראַפּנס אין דעם מדבר 237
34. אַ באַזוך אין אילת 246
35. אַ קיבוץ ביים ברעג ים־סוף 255

ד. מפעלים

36. צעמענט 263
37. דער חן פון דעם ח״ן 270
38. עיינות 282
39. בית־דניאל — דער צויבערבאַרג פון ישראל . . . 288
40. בית־אהרונסון 294
41. מפעל מיימון — פרייווילליקע לערער פאַר נייע עולים . 300

ה. באַגעגענישן

42. גאָלדענע זונען 309
(וועגן דעם דיכטער און „פרדסן״ אריה שמרי)
43. לידער פון אַמאָל 313
44. ביי אַ קאַפע־טישל אויף כּיכּר דיזנגוף 320
45. דאָס האַרץ פון דעם גלאָק 323
(וועגן שרה לוי און וועגן איר געזאַנג־ און טאַנץ־אַנסאַמבל „ענבל״)
46. אַ ייִנגל פון וואַרשע האָלט וואַך ביים ראַנד פון דעם נגב 331
(דריי דענקמעלער פון נתן ראַפּאַפּאָרט)
47. אין באַראַק פון מלוכה־פּרעזידענט 335

ו. שארית־הפליטה

שארית הפליטה 341
48. דער וואַלד פון די קדושים 343
49. אין די בערג פון אפרים 346
50. מענטשן וואָס קומען אין יד־ושם 350
51. יידן פון די וועלדער 366
52. דאָס וויג־ליד 371
רעפּאַטריאַציע 1957 383
ווערטער־פּאַרטייטשונגען 386

ביז איצט דערשינענע ביכער פון רחל אויערבאַך

אויף די פעלדער פון טרעבלינקע	1947 —
דער יידישער אויפשטאַנד	1948 —
אונדזער חשבון מיטן דייטשן פאָלק	1952 —
בחוצות וארשה (עברית)	1954 —
מרד גיטו וארשה (עברית)	1963 —

גרייט צום דרוק

צוזאַמען מיטן פאָלק (יידיש און עברית)

(פּאָרטרעטן פון שרייבער, קינסטלער און קולטור־טוער — באַשרייבונג פון קולטור־לעבן אין וואַרשעווער געטאָ)

דאָס גלעקעלע (דערציילונגען)

בחוצות וואַרשע (יידיש)